STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08931

# PETROLEUM

Upton Sinclair

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפּטאָן סינקלער

# פּעטראָלעאום

יידיש: א. ערלעך

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב
וואַרשע, 1928.

AJPTON SINKLR

PETROLEUM

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31.

Druk „REKORD Dzika 18.

# פעטראָלעאום

# קאַפּיטל איינס

## די רייזע.

### I

די גאַס האָט זיך געצויגן גלאַט און גלייך אויף פערצן פיס די ברייט, די זייטן זענען געווען זויבער ווי מיט אַ שערל פאַרשניטן, און איינגאַנצן האָט זי אויסגעזען, ווי אַ גרויער באַנד, וואָס איז דורך אַ ריזנהאַנט פאַרוואָרפן געוואָרן איבערן טאָל.

דער באָדן איז געווען אַ כוואַליעדיקער, ער איז פּאַמע־לעך געשטיגן אַרויף און דערנאָך ווידער פּלוצים זיך אַראָפּגעלאָזט.

מען האָט צרויפגעקלעטערט אויף דער הויך און פּלוצים אַראָפּגעניִדערט אין דער טיף, דאָך האָט מען קיין שום שרעק נישט געפילט, ווייל מען האָט דאָך געוווּסט, אַז דער צויבער־באַנד וועט דאָ זיין פאָלקאָם גלאַט אָן אַ שום שפּרונג און די גומענע רעדער וועלן זיך דאָ איבערדרייען זיבן מאָל אין אַ סעקונדע.

עס האָט געפייפט אַ קאַלטער מאָרגנווינט, עס האָט גע־רוישט פון דער שנעלער באַוועגונג און דאָס זשומען און בריִלן איז אַלע מאָל איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טאָן, דאָך איז זיך געזעסן וואַרעם הינטער דער שוץ, וועלכע איז געווען פאַר בויגן און נישט צוגעלאָזט דעם ווינט.

צייטנווייז האָט מען אויפגעהויבן די האַנט און דערפילט די קעלט, אָדער מען האָט זיך אַרויסגעבויגן און געלאָזט דעם

קאַלטן שטראָם לויפט אַ שלאָג טון אין שטערן און צעשויבערן די האָר.

מערסטנטייל אָבער איז מען זיך געזעסן שטיל און פול מיט ווירדע אויף דעם שטייגער פונם פאַטער און דער שטייגער פונם פאַטער האָט פאַרקערפּערט אין זיך די עטיק פון די אוי־טאָ־פּירערס.

דער פאַטער האָט געטראָגן אַ פעלבּרוינעם, ווייכן, וואָ־לענעם מאַנטל, טיף אויסגעשניטן, מיט אַ גרויסן קראַגן און גרויסע קעשענעס,—ווי נאָר דער שניידער האָט נאָר געקענט אַריינברענגען אַ צייכן פון איבּערפלוס, האָט ער עס געטון.

אויף דעם ייִנגלס מאַנטל איז געווען געמאַכט פון דעם זעלבן שניידער, פון דעם זעלבן ווייכן, וואָלענעם שטאָף, און מיט דעם זעלבן גרויסן קראַגן און גרויסע קעשענעס.

דער פאַטער האָט געטראָגן דיקע לעדערנע הענטשקעס, דאָס זעלבע געשעפט האָט פאַרקויפט די אייגענע הענט־שקעס אויך פאַר דעם ייִנגל, אויף דעם פאַטערס נאָז איז גע־זעסן אַ פּאָר ביינערנע ברילן, דאָס ייִנגל איז ביי קיין אויגנ־דאָקטאָר נאָך נישט געווען, דאָך האָט ער אין אַן אָפּטיק געפו־נען אַ פּאָר געלע ברילן, וועלכע זענען אויך געווען איינגעפּאַסט אין ביין.

דער פאַטער האָט קיין הוט נישט געטראָגן, ווייל ער איז געווען אין דער מיינונג, אַז די זון און דער רעגן שיצן די האָר פון אויספאַלן; צוליב דעם זעלבן טעם איז דאָס ייִנגל געפאָרן אָן אַ הוטל מיט צעשויבערטע האָר.

נישט קוקנדיק אויף זייער פאַרשידענער גרויס, האָט זיי פונאַנדערגעטיילט נאָר איינאונאיינציקער אונטערשיד: דער פאַ־טער האָט געהאַלטן אין מויל אַ דיקן, ברוינעם, נישט אָנגעצינ־דענעם ציגאַר, אַן איבּערבלייבעניש פון די ווילדע, אַלטע טעג, ווען ער האָט נאָך בהמות געטריבן און געקייט טאַבאַק.

דער געשווינדקייט־זייגער האָט געוויזן פופציק מייל.

דאָס איז געווען דעם פאַטערס געוויינלעכע געשווינדקייט אויף אַ פלאַכן באָדן.

אַן עטוואָס שטאַרקערער דרוק מיט דעם רעכטער פוס —
און דער אויטאָ האָט זיך אַ טראָג געטון ווייטער אַרויף, אַרויף,
און באַלד ווידער שוין צוריק געררשט אין דעם קליינעם טאָל,
פונקט אין דער מיט פון דעם גרויען צויבערבאַנד.

באַרגאַראָפּ האָט דער אויטאָ זיך אַ לאָז געטון געשווינ-
דער, און דער פאָטער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם פוס:
ער האָט פאַרלענגערט דעם טעמפּ דורך דעם ווידערשטאַנד פון
דעם מאָטאָר.

פּופּציק מייל, האָט ער געמיינט, איז גענוג. דער פאָטער
איז געווען אַ מענטש פון אָרדנונג.

אַנטקעגן אין דער ווייט, איבער עטלעכע שוואַרצע בערג-
לעך, איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָ, אַ קליינער, שוואַרצער
פונקט, וועלכער איז פאַרשוונדן פון די אויגן און באַלד ווידער
צוריק אויפגעטויכט שוין אַ גרעסערער.

איצט האָט ער זיך געפונען אויף דעם נאָנטסטן בערגל
און געפלויגן אַנטקעגן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי אַ
מעכטיקע קויל, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעשאָסן פון אַ ריזנ-
האַרמאַט.

דער נעכסטער אויגנבליק האָט אָנגעשטרענגט די נערוון
פון די אויטאָמאָביליסטן.

„ווש", האָט אַ רויש געטון דער אַנדערער אויטאָ איבערפאָרנ-
דיק. איין מאַן האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן מיט די בייגערנע
ברילן, די הענט אויף דעם רודער און מיט דעם זעלבן שטאַרן
בליק.

מען האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף צוריק; ביי
פופציק מייל אַ שעה קען מען זיך נאָר קימערן וועגן דעם,
וואָס דאַרף קומען, דאָס פאַרגאַנגענע, איז פאַרגאַנגען, שפּעטער
איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָ און מען האָט ווידעראַמאָל
געמוזט פאַרלאָזן די מיט פון דעם צויבערבאַנד און זיך באַ-
שליסן אויף אַ באַרעכנטן אָפּקער אין אַ זייט, יעדעס מאָל איז
דאָס לעבן געווען אָפּהענגיק פון דעם, וואָס מען האָט דעם אוי-

טאָ פּונקט אויף דער געהעריקער ליניע געפירט—און וואָס אויך דער אַנדערער האָט דאָס זעלבע געטון.

צייטנווייז האָט מען באַגעגנט אַ שפּורן שאָפער, אָדער אַ פּרוי—עס איז נישט געבליבן גענוג צייט צו באַקלערן ווער פון זיי ביידע דאָס איז—דאַן האָט מען געמוזט אין פאַרלויף פון איין טויזנטל סעקונדע דעם רודער אַ דריי טון אויף איין צענטל צאָל און מיט די רעכטע רעדער באַרירן די ווייכע זייטן פון דעם שליאַך.

אַז דאָס איז געשען, אַזוי האָט דער פּאָטער אַ רוק געטון דעם ציגאַר אין אַ ווינקל פון מויל און אַ ברום געטון:

—„פאַרשאָלטענער אידיאָט" דאָס איז געווען דאָס איינציקע זידלוואָרט, וועלכער דער אַמאָליקער בהמות-טרייבער האָט זיך דערלויבט אין דער קעגנוואַרט פון זיין זון; עס האָט אויך נישט געהייסן קיין זידלוואָרט, נאָר די ריכטיקע באַצייכנונג פון שכורים און פרויען, וועלכע פירן אַליין אָן מיט אַן אויטאָ, פאַר היי-וואָגנס, מעבל-וואָגנס, וועלכע פאַרשטעלן דעם וועג, פאַר משא-אויטאָס, וועלכע פאָרן צו שנעל, פאַר מעקסיקאַנער, וועלכע קומען אָן אַהער אויף וואַקלענדיקע זיך שיפלעך, אין דער צייט ווען פון דער אַנדערער זייט האָט זיך דערנעענטערט אַ צווייטער אויטאָ.

דער פאָטער איז געווען איבערצייגט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט נאָך אַרויס אַ געזעץ בנוגע דער געשווינדקייט, לויט וועלכן קיינער וועט נישט טאָרן מאַכן מער פון פערציק מייל אַ שעה; יענע מענטשן ווידער וואָס פאָרן מיט פערד, אָדער שאָקלענדיקע וועגן, וועלן אָדער בלייבן אין דער היים, אָדער זיי וועלן זיך מוזן זוכן אַנדערע וועגן.

## II

דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן פּלוצים אויפצוהייבן; ער האָט זיך געשלענגלט אַרום אַ בערגל.

אַ טאָוול מיט רויטע בוכשטאַבן האָט געלאָזט צו וויסן: „גיאַדאליפּ—איבערגאַנג. די געשווינדקייט אויף די קרומע וועגן נאָר פופצן מייל אין אַ שעה.״ דער פּאָטער האָט נישט פאַרראַטן, אַז ער קען לייענען, און האָט נישט געלייגט קיין אַכט, נישט אויף דעם טאָוול, נישט אויף דעם געשווינדקייט-ווייזערס. ער האָט געוווסט אַז די אויפשריפט איז נאָר גילטיק פאַר יענע, וואָס קענען קיין אויטאָ נישט פירן, דאַקעגן פאַר די גוטע פאָרערס איז גילטיק די געשווינדקייט, וועלכע עס האָט נאָר דערלויבט איינצוהאַלטן די אינערלעכע זייט פון וועג.

דער וועג האָט זיך געצויגן רעכטס פונם באַרג-איבערגאַנג. די בערג האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער רעכטער זייט.

דער צווייטער אויטאָ האָט שוין געמוזט פאָרן ביי דער זייט; עס איז שוין געווען, לויט דעם פרייליכן אויסדרוק פון אונדזערע טעג, „זיין קבר״.

אַ שטיקל קאָנצעסיע האָט דער פּאָטער דאָך געמאַכט: יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס האָט ער געלאָזט הערן אַ וואָרן-סיגנאַל.

עס איז געווען אַ מעכטיקער, ערגעץ-ווו פאַרבאַרגענער

טרומייטער, וואָס האָט זיך פּונקט צוגעפּאַסט צו אַ מאַן, ווען מען געשעפּטן עס האָבן אים געפירט דורך גרויסע און ווייטע לאַנד-שטחים. פאַר אַ מאַן, וועלכן עס ערוואַרטן וויכטיקע געשפּרעכן צום סוף פון זיין רייזע, און וועלכער האַלט אין איין אַרומפאָרן טאָג און נאַכט, נישט קוקנדיק צי דאָס וועטער איז אַ שיינס, צי נישט.

די שטים פון דעם טרומייטער האָט געקלונגען שאַרף און מיליטעריש; עס האָט אים געפעלט יעדער טאָן פון מענטשלעכער גוטקייט.

ביי פּופציק מייל אַ שעה איז קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר ענלעכע געפילן—מען פאַרלאַנגט נאָר איינס; אַז די מענטשן זאָלן אַוועקגיין פונם וועג, און דאָס שנעל!

„וועהעג — — —ן!“—האָט דער טרומייטער געברילט:—

„וועהעג — — —ן!“

און דער אויטאָ איז זיך דערווייל געפלויגן ווייטער, אין דער צייט ווען די פעלזן-ווענט פון דעם גיאַדאַליפּ-איבערגאַנג האָבן צוריק אָפּגעהילכט דעם פרעמדן טאָן.

די פייגל האָבן דערשראָקן געקוקט אויף דעם וועג, די ווערוויקלעך זענען זיך צעלאָפן.

פערמער, איינוואַנדערער קיין דרום קאַליפאָרניע מיט קינד און קייט, מיט האָב און גוטס, האָבן אויסגעמיטן, ווי נאָר זיי האָבן געקענט ביי די זייטן דעם געפערלעכן וועג; דער נידריקער און פלינקער אויטאָ איז ווייטער געפלויגן:

„וועהעג — — —ן!“

יעדער ייִנגל וועט מודה זיין, אַז עטוואָס ענלעכעס איז הערלעך, זיך נאָכיאָגן די וואָלקן, זייענדיק געטראָגן פון אַ מעכאַניקן מאַשין, וואָס גיט נאָך ביי דעם לייכטסטן דרוק פון דעם פיס! נייַנציק פערד-קראַפט!—וועט דאָס נישט פאַרשנעלערן דעם טעמפּ פון אייער פּולס? און פאַר אייך ליגט דער גרויער צווי-בערבאַנד, שלענגט זיך דאָ און דאָרט איבער די אַקסל פון איין באַרג און איבער דעם שוואַרצן בויך פון אַן אַנדערן, שטענדיק ווייכער, מיט אַ ווייסער ליניע אין דער מיט, אַזוי, אַז מען קען

שטענדיק געוויסן, ווי מען האָט צו פאָרן! דורך וועלכן כשוף איז דאָס געוואָרן באַשאַפן?

דער פאָטער האָט דאָס דעם ייִנגל דערקלערט: דאָס אַלץ האָט דאָס ג׳לד באַשאַפן.

רייכע מענער האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס, און עס זענען זיך אָנגעקומען אינזשעניערן און גאַסנאַרבעטער אין די טויזנטער, מעקסיקאַנער און אינדיאַנער מיט אָפּגעברענטער הויט און באַוואָפנט מיט רידלען און העק.

מען האָט דאָ אַהערגעבראַכט מעכטיקע דאַמף וואַלצן און עס האָבן דאָ געאַרבעט קראַנען מיט באַוועגלעכע ריזנהענט. שטאָלבויערס, מענטשן מיט דינאַמיט, בעטאָן מיט מאַשינען, וועלכע האָבן גאַנצע זעק צעמענט איינגעשלינגען און אָן אַ שיעור וואַסער אויסגעטרינקען און זייערע שטאָלענע בייכער האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען.

די דאָזיקע אַלע מענטשן און מאַשינען זענען דאָ אַהערגעקומען, האָבן דאָ פון איינס ביז צוויי יאָר געאַרבעט און מעטר נאָך מעטר אויפגעוויקלט דעם דאָזיקן צויבער-באַנד.

צייט די וועלט שטייט זענען קיין שטאַרקערע מענטשן נישט געווען, און דער פאָטער געהער אויך צו זיי; אויך ער קען אויפטון אַזעלכע וווּנדער, און ווירקלעך האַלט ער טאַקי איצט צו רעאַליזירן עטוואָס ענלעכעס.

אַרום זיבן אַזייגער אָוונט וועט אין האָטעל אימפּעריאַל אויף דער ביטש-סיט, וואַרטן אויף זיי אַ מאַן: בען-סקוט, דער נאַפּטאַגענט.

ער האָט געאַרבעט פאַר אַ גרויסער אונטערנעמונג: דער פאָטער דאַרף נאָר פאָרן נאָך אונטערצושרייבן.

דעריבער האָט אויך דער פאָטער רעדט אויף אַ פרייען וועג.

„וועהענהנהן! וועהענהנהן! דער פאָטער קומט, מאַכט פּלאַץ! וועהענהנהן! וועהענהנהן!“

דאָס ייִנגל איז געזעסן מיט לעבעדיקע אויגן, וואַכנדיק און מונטער, ער האָט געזען די וועלט אויף דעם שטייגער, ווי

די מענטשן האָבן זי זיך פאָרגעשטעלט אין די צייטן פון האַרון-אַל-ראַשיד: פון אַ צויבער-פערד, וואָס שפּרינגט אַדורך די וואָלקן, פון אַ פאַרכשופטן טעפּיך אַראָפּ, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער לופטן.

יעדער אויסבויג האָט דערלאַנגט נייע פּערספּעקטיוון: טאָלן צופּיסנס, בערגשפּיצן ווידער אין דער הויך. אויף ווי ווייט נאָר די אויגן האָבן דערגרייכט.

אין די טיפערע ערטער זעגען געוואַקסן אַלטע דהויכע סאָסנעס און דעמבעס, אויסגעקרומטע פונם שטורם און צעשפּאָלטענע פונם בליץ. אַנדערע בערגלעך זענען באַשטאַנען פון נאַקעטן שטיין און אַלערליי מעגלעכע פאַרבן.

אָפטמאָל זענען זיי געווען אויסגעפלעקט ווי די פעל פון חיות, ווי די רויט ברוינע לעמפּערטן, אָדער, ווי רויטע און גרויע, שוואַרצע און ווייסע באַשעפענישן, וועמענס נאָמען מען ווייסט אפילו נישט, גרויע הויפנס פון פעלזן, וועלכע האָבן אויסגעזען גלייך ווי ריזן האָבן זיי אין אַ שלאַכט געוואָרפן, האָבן געבילדעט בערגלער, אַנדערע ווידער זענען געלעגן אָן אַן אָרדנונג, ווי עס זאָל זיך האָבן די ריזנקינדער צוגעגעסן זייער שפּיל.

פון די וואָלקן איז אַרויסגעפלויגן אַ גרויסע פויגל און אַראָפּגעזונקען ווי פון אַ שאָס געטראָפן; ער איז פאַרשוואונדן אין אָפּגרונט.

—איז דאָס געווען אַן אָדלער?—האָט אַ פרעג געטון דאָס יינגל.

—„אַ בוטאַרד”,—האָט אָפּגעענטפערט דער פעטער—וועלכער האָט קיין זין נישט געהאַט פאַר ראָמאַנטיק.

זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אַלץ העכער און העכער, די מאַשין האָט איצט שטיל געררישט אין אַ גלייכן טאָן, דער שנעלקייט ווייזער מיט דער קליינער רויטער ליניע האָט געניי אָנגעוויזן, ווי געשווינד דער אויטאָ פאָרט, אויסערדעם איז נאָך געווען דאָרט אַ זייגער, אַ טערמאָמעטער און אַ בענזינבאַשטאַנדווייזער. די ראָזיקע אַלע זאַכן האָבן אויך געלעבט אינם באַוואוסטיין פונם

פאָטער, וועלכער איז געוועזן נאָך אַ פיל מער קאָמפּליצירטערע מאַשין, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט ניינציק פערדקראַפט אין פאַרגלייך מיט די מיליאָנען דאָלאַרנקראַפט? אַ מאַשין קען אַמאָל פעלן, דער גייסט אָבער פונם פאָטער איז אַזוי פּינקטלעך ווי אַ ליקוי-חמה. זיי דאַרפן אַרום צען אַ זייגער דעם באַרג אַי-בערגאַנג דערגרייכן און דער גייסטיקער צושטאַנד פונם יינגל איז געווען גלייך צו דעם צושטאַנד פון יענעם אַלטן פּערמער, וועלכע איז מיט דעם גאָלדענעם זייגער אין האַנט געשטאַנען אין אַ פרימאָרגן נעבן זיין שטוב און באַמערקט: „ווען די זון וועט נישט אין דריי מינוט אַרום דערשיינען אויף דעם באַרג, אַזוי האָט זי זיך פאַרשפּעטיקט."

# III

און דאָך איז אינמיטן געשען אַזעלכעס, וואָס האָט דעם גאַנצן פּלאַן צעשטערט.

דער אויטאָ איז אַריין אין נעפּל; קאַלטע, ווייסע שלייערס האָבן ביידענס געזיכטער איינגעהילט.

מען האָט נאָך אפילו געקענט זען, אָבער דער ליימיקער וועג איז געווען פייכט, און דאָס מאַכט דעם בעסטן פאָרער הילפלאָז.

דעם פאָטערס שאַרף אויג האָט עס באַלד באַמערקט; ער האָט פאַרקלענערט די שנעלקייט און דאָס איז געווען זיין גליק, ווייל דער אויטאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען און כמעט שוין אָנגערירט די ווייסע האָלצבאַריער ביי דער זייט פון וועג.

זיי האָבן זיך שוין כמעט געשלעפּט כדי יעדע מינוט זיך צו קענען אָפּשטעלן. דער שנעלקייט-ווייזער האָט געוויזן צוערשט פינף, דערנאָך דריי מייל; דעם אויטאָ האָט ווידער אַ שליידער געטון, און דערפאָטער האָט אַ מורמל געטון:

„פאַרשאָלטן!“

זיי האָבן זיך דריי געטון אין אַ זייט ווי זיי האָבן געקענט געזען ווערן פון אַנטקעגנקומענדיקע אויטאָ: האַלט.

דאָס ייִנגל האָט געעפנט די טיר און אַרויסגעשפּרונגען, דער פאָטער האָט אים לאַנגזאַם נאָכגעפאָלגט, אַוועקלייגנדיק

דעם ראָק און מאַנטל אויף דעם אָרט ווו ער איז געזעסן, ווייל די קליידונג געהערט צו דער ווירדע פונם מענטשן; זי איז דער סימבאָל פון זיין אויפשטייגן אין לעבן און דאַרף נישט זיין באַשמוצט אָדער צעקנייטשט.

דער פאָטער האָט אויפגעעפנט מיט אַ שליסל אַ טירל הונטן אין אויטאָ, אַרויסגענומען פון דאָרט די קייטן און באַפעסטיקט זיי אויף די הונטערשטע רעדער.

דערנאָך האָט ער זיך אָפגעווישט די הענט אין דעם פון נעפל פייכטן גראָז און דאָס יינגל האָט אים נאָכגעטון. זיי האָבן דאַן ביידע ווידער אָנגעטון די מאַנטלען און זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף די ערטער.

איצט איז דער אויטאָ געפאָרן שוין אַ ביסל שנעלער, אָבער נאָך אַלץ פאָרזיכטיק און נישט אין איינקלאַנג מיט דעם פאָטערס פּלאַן.

„גיאַדאָליפ-איבערגאַנג: דער העכסטער פונקט, פאָרזיכטיק! פופצן מייל אין אַ שעה!”—האָט מודיע געווען אַן אויפשריפט.

און זיי זענען געפאָרן לאַנגזאַם באַרגאַראָפ. דער פאָטער האָט אָוועקגעלייגט די ברילן אויף די קני, ווייל זיי זענען פאַרלאָפן געוואָרן פונם נעפל.

זיינע האָר זענען געווען פייכט און די נעץ האָט אים געטריפט איבער דעם שטערן אין די אויגן.

דאָס יינגל האָט מיט פאַרגעניגן אריינגעצויגן אין זיך די פייכטע לופט און פון פריילעכקייט סתּם געגעבן אַ וואָרנסיגנאַל.

פון דעם נ'פ' איז זיי גראָד אַרויסגעקומען אַנטקעגן צו אויטאָ: אַ פאָרד, וועלכער האָט קוים געאָטעמט פון דעם אַרויפשטייגן.

פּלוצים איז דער נעפל געוואָרן דינער, נאָך אַ ביסל און ער וועט איינגאַנצן פאַרשווינדן; זיי זענען געוואָרן באַפרייט, דער אויטאָ האָט זיך אַ לאָז געטון שנעלער, פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ הערלעך בילד.

אונטער זיי זענען געלעגן בערגלעך אויף בערגלעך און מען וואָלט געמעגט האָבן פליגל, כדי איבער די דאָזיקע בער-

גלעך איבערפליען אין זיך אראפלאזן אין די טאלן.

זיי האבן שוין באלד דאס לעצטע בערגל דערגרייכט, ווען זיי האט זיך דער וועג געצויגן גלייך ווי א שניר; און ווידער האט דער ווינט אנגעהויבן צו פייפן דער שנעלקייט-ווייזער האט א שפרונג געטון פארויס, איצט האבן זיי געוואלט אניאגן די פארלוירענע צייט.

ווי עס פליען דורך די בוימער און טעלעגראפסלופעס! זעכציק מייל אין א שעה; אייניקע מענטשן וואלטן אפשר שוין מורא געהאט, אבער קיין שום פארנונפטיקער מענטש קען נישט מורא האבן, פל-זמן דער פאטער פירט אן פיטן אויטא.

מיטאמאל האט דער אויטא אנגעהויבן לאנגזאם צו פארן; דער שנעלקייט-ווייזער האט געוויזן פופציק, פערציק און דרייסיק.

דער וועג וואס פאר זיי, איז געווען ליידיק נאר די פיס פונם פאטער האט אלץ געדרוקט דעם טארמאז.

דאס יינגל האט אים פרעגנדיק אנגעקוקט. „זייץ רויק" האט ער באפוילן.

קוק זיך נישט אום. דא איז א נעץ אויסגעשפרייט פאר אונדז.

פון אזא געשעעניש הויבט אן יעדנס יינגלש הארץ שטאר-קער צוקלאפן. ער וואלט זיך גערן אומגעקוקט און געזען וואס עס קומט פאר, דאך האט ער באגרייפט אז ער מוז זיצן גאנץ שטיל און מיט אן אומשולדיקער מינע קוקן פארויס.

זיי זענען אין זייער גאנץ לעבן קיינמאל נישט געפארן שנעלער, ווי דרייסיק מייל אין א שעה און ווען דער פא-ליציאנט וואס היט אפ די באוועגונג האט געמיינט אז זענען דעם בארג איבערגעפארן שנעלער, אזוי איז דאס געווען נישט מער ווי אן אפטישער טעות, א טעות, וועלכער איז זייער פאר-שטענדלעך ביי א מענטשן, וועמענס בארוף עס האט פאלקאם צע-שטערט אין אים יעדן גלויבן אין מענטשן.

עס מוז אין דער אמתן זיין שרעקלעך צו האבן, אלס פארקער פאליציאנט, אלע מענטשן פאר פיינט, ווייל מען איז אזוי בידערטרעכטיק צו פארשטעקן זיך אין וועלדל מיט דעם סטאפ

וייגער אין דער האַנט און זיך איבערטעלעפאָנירט מיט אַ חבר וואָס שטייט אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ער זאָל די אויטאָפּאָרעדס פאַרהאַלטן.

יאָ, דידאָזיקע לייט האָבן אפילו שוין אויסגעפונען אַ באַזונדער אָרט שפּיגל, וואָס מעסט איבער די שנעלקייט פון דעם פאַריבערלויפנדיקן אויטאָ, קעגן אַזעלכע מיאוסקייטן מוז יעדער אויטאָפּאָרער קעמפן; ווי נאָר עס ווייזט זיך אַרויס עטוואָס פאַרדעכטיקעס אַזוי איז ער שוין געצוווּנגען צו פאַרקלענערן די שנעלקייט און דאָס נישט צו שנעל, עס מוז מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער פאָרער אַליין האָט צופעליק באַמערט אז ער האָט איבערגעשפּאַנט די דערלויבטע שנעלקייט.

„דער חברה־מאַן וועט אונדז נאָכשפּירן — האָט דערקלערט דער מאַטער.

פאַר אים האָט זיך געפונען אַ קליינער שפּיגל, אַזוי אַז אויך ער האָט געקענט די דאָזיקע פיינט פון דער מענטשהייט באַאָבאַכטן.

דאָס יינגל אָבער האָט אין שפּיגל אַריין נישט געקענט קוקן, ער איז דעריבער געזעסן ווי אויף נאָדלען און נישט געקענט געניסן פון דעם פאַרגעניגן.

„זעסטו עטוואָס ?"

„ניין ; נאָך נישט, ער ווייסט, אַז מיר זענען צו שנעל געפאָרן, ער האָט דיך דאָרט אויפגעשטעלט, ווייל אַלע מענטשן פאָרן אויף דעם אָרט שנעל."

דאָס האָט באַוויזן דעם געמיינעם כאַראַקטער פון דעם פּאָליציאַנט. ער וועלט אינמיטן אויס אַן אָרט ווי דאָס שנעלע פאָרן איז אינגאַנצן נישט געפערלעך, און ווי ער ווייסט געווי אַז יעדער פאָרער איז אומגעדולדיק נאָך די לאַנגע קרומע וועגן אויף די בערג און דעם פייכטן שליאַך אין דער הויך.

אַזוי קלוג זענען זיי, די פּאָליציאַנטן.

דער אויטאָ האָט זיך ווייטער געשלעפּט מיט דער שנעלקייט פון דרייסיק מייל אין אַ שעה, די געזעצלעך דערלויבטע שנעלקייט פון יאָר 1912 דאָס גאַנצע פאַרגעניגען פון

פאָרן אין אַן אויטאָ איז דורך דעם פאַרלוירן געגאַנגען, און קיין שום צוזאָג האָט נישט געקענט געהאַלטן ווערן צום טערמין.

דאָס ייִנגל האָט געזען אין דער פאַנטאַזיע בען-סקוט, דעם אַרענדע נאָכקריכער, ווי זיין פאָטער האָט אים אָנגערופן, זיצן אין דעם זאַל פון דעם האָטעל אימפּעריאַל. אויך אַנדערע וועלן דאָרט וואַרטן. אויף דעם פאָטער וואַרטן שטענדיק כמעט אַ טוץ מענטשן אין געשעפט-לעכע ענינים; „גרויס געלד" איז געשטאַנען אין שפּיל. דאָס ייִנגל האָט געזען דעם פאָטער אָפּט ביי טעלעפאָן: ער האָט געקוקט אויף דעם זייגער, באַרעכנט די צאָל פון די צוריקגעוויגענע מיילן, האָט געמאַכט דערנאָך אַן אָפּמאַך און געמוזט דאָרט זיין צו דער צייט; עס דאַרף אים גאָרנישט אָפּהאַלטן.

טרעפט זיך אַן אומגליק, אַזוי נעמט ער זיין רייזנטאַש, שליסט אָפּ דעם אויטאָ, זעצט זיך אויף אויף אַ דורכפאָרנדיקן אויטאָ ביז אין דער נאָענטסער שטאָט, קויפט, אָדער באָרגט-אויס דאָרט דעם בעסטן אויטאָ, וועלכן ער קען נאָר קריגן און פאָרט ווייטער.

דעם אַלטן ווידער, האָט ער געלאָזט ברענגען אין שטאָט אַריין פאַרריכטן.

קיין שום זאַך האָט נישט געקענט אויפהאַלטן דעם פאָטער! איצט אָבער פאָרן זיי מיט דער שנעלקייט פון דרייסיק מייל!

—„וואָס איז דען געשען?—האָט געפרעגט דאָס ייִנגל און ער האט באַקומען אַלס ענטפער:

„דער ריכטער לערקיי"

געוויס, זיי האָבן זיך געפונען אין באַצירק פון סאַן גע-ראָנימאָ, ווי דער שרעקלעכער ריכטער לערקיי האָט אַלע פאָ-רערס, וועלכע האָבן נישט אָפּגעהיט די שנעלקייט, וואָס איז זיי געווען דערלויבט לויט די פאָרשריפטן, געלאָזט אַרעסטירן.

דאָס ייִנגל וואָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען דער פאָטער וואָלט געמוזט פאַרנאַכלעסיקן אַלע זיינע געשעפטן, צוריקפאָרן קיין סאַן-געראָנימאָ, דערשיינען אין געריכט זאַל און

זיך לאָזן זידלען פון די אַלטיטשקע אויטאָקראַטן.

מייסטנס, פאַרשטייט זיך, האָט מען אויסגעמיטן אַזאַ אַרט דערנידערונג: מען האָט געוויזן דעם פּאָליציאַנט די מיטגלידער קאַרטע פון דעם אויטאָ קלוב, ער האָט העפלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געגעבן אַ קליין צעטעלע, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן די שטראָף, וואָס מען האָט באַדאַרפט צאָלן. די גרויס פון דעם שטראָף האָט זיך געמאָסטן לויט דער שנעל-קייט מיט וועלכער מען איז געפאָרן.

דערנאָך האָט מען צוגעשיקט אַ טשעק און מען האָט שוין מער נישט געזען און נישט געהערט פון דער גאַנצער זאַך.

דאָ אָבער אין קרייז פון סאַן גערמאַנימאָ זענען די פּאָליצ-יאַנטן געוואָרן נישט אַנגענעם, דער פּאָטער האָט דעם ריכטער לערקיי געזאָגט זיין מיינונג איבער די פּאָליציאַנטן וועלכע ליערן אין די קאַרטשעס פאַרשטעקט. ער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אומווירדיקע האַנדלונג, אַז דאָס איז גורם דערצו אַז די אויטאפאַרערס זאָלן באַטראַכטן די היטער פון געזעץ אַלס פיינט.

דער ריכטער האָט געפּרוווט צו זיין גייסטרייך און האָט דעם פּאָטער געפרעגט, צי איז אים אַמאָל געקומען אויף דעם געדאַנק, אַז אויך די קאַסע-איינברעכער באַטראַכטן די היטער פונם געזעץ אַלס פיינט. די צייטונגען האָבן די גאַנצע ערשטע זייט אויסגעפּולט מיט דעם דאָזיקן פּאָרפּאַל:

„די נאַפּט אינדוסטריעלער קעגן די שנעלקייט-פאַר-שריפטן: אַרנאָלד ראָס דערקלערט אַז ער וועט דאָס געזעץ מבטל מאַכן".

דעם פּאָטערס פריינט האָבן זיך מיט אים געריצט דער-מיט; ער אָבער איז געבליבן ביי דעם זייניקן, אַז ער וועט פריער צו שפּעטער דאָס געזעץ ענדערן.

ער האָט דאָס טאַקע געטון און אים האָבן מיר צו פאַר-דאַנקען, וואָס מען לויערט שוין מער נישט אויף די וועגן, און וואָס די פּאָליציאַנטן פּאַטרולירן שוין אויף די וועגן אין אוני-פאָרם, אַזוי אַז מען קען זיי זען אין שפּיגל און צו דער צייט די שנעלקייט פאַרקלענערן.

# V

זיי זענען צוגעקומען צו אַ קליינער געביידע מיט אַ שאָפּע אַלס אַ גאַראַזש.

אַ קיילעכדיקער טראַנספּאַרענט, האַלבן גלאָז, האַלב רויטע פאַרב, האָט געגעבן צו וויסן, אַז דאָ פאַרקויפט זיך בענזין.

דער פאָטער האָט פאַרהאַלטן דעם אויטאָ און געהייסן דעם מאַן, וואָס איז שנעל צוגעלאָפן, די קייטן אַראָפּנעמען. דאָס איז געשען.

ער האָט אויך געבראַכט די אייל באַנקע, דער פאָטער פלעגט שטענדיק זאָגן:

„שמירעכץ איז ביליגער פון שטאָל“.

ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע אויסדריקן, און האָט געקענט אַ גאַנץ בוך פון מאָדערנע שפּריכווערטער אויף אויסנווייניק, וועלכע דאָס יינגל האָט אויך אויף אויסנווייניק געלערנט.

דער פאָטער איז אויסגעשטיגן כדי זיך אויסצוציען, אַ גרויסער שטאַרקער מאַן, וועלכער האָט.אויסגעפּולט יעדער פאַלד פונם מאַנטל. זיינע באַקן זענען געווען ראָז און שטענדיק גלאַט אויסראַזירט; האָט מען אים אָבער באַטראַכט פון דער נאָענט, אַזוי האָט מען באַמערקט אונטער די אויגן קליינע טרערנקישעלעך און אַ גאַנצע נעץ פון קנייטשן, זיינע האָר זענען געווען

גרוי; ער האט געהאט פיל זארגן און האט אנגעהויבן אלט צו ווערן.

די געזיכטס-שטריכן זענען געווען ביי אים גראב, דאס גאנצע געזיכט קיילעכדיק; אבער ער האט געהאט הארטע קינבאקן וועלכע ער האט געקענט בייז און אנטשלאסן צוזאמענבייסן.

מייסטנס אבער האט ער געהאט א רויקן, אויסדריק; זיינע געדאנקען זענען געקומען לאנגזאם און געבליבן לאנג הענגען.

צייטנווייז, ווי א שטייגער איצט, האט ער זיך געקענט ווייזן אויך פון דער גוטער זייט; ער האט גערן געפלוידערט מיט די פראסטע מענטשן, וועלכע ער האט באגעגנט אונטערוועגנס, מיט די מענטשן פון זיין שטייגער, וועלכע האבן נישט באמערקט זיין אומגעבילדעטן ענגליש, וועלכע האבען נישט געפרווט קיין געלט פון אים ארויסצובאקומען—ווייניקסטנס נישט קיין סך.

ער האט איבערגעגעבן דעם מענטש פון דער בענזין-סטאציע, ווי עס זעט אויס דאס וועטער אין די בערג: יא, דער געדיכטער נעפל האט זי אויפגעהאלטן; די וועגן זענען גליטשיק, מיט פיל אויטאס וואלט דארט פון אויבן געטראפן אן אומגליק, האט דער מאן געמיינט, דער באדן איז דארט אזוי גלאט ווי גלאז.

דער וועג מוז בעסער איבערגעבויט ווערן, דאס וואלט געווען א גרויסע ארבעט, האט געזאגט דער פאטער, מען וואלט געמוזט נאך א גאנצן טייל פון באדן ארופנעמען, דער מאן האט דערקלערט, אז דער נעפל, וועט זיך צעגיין, אין מאי איז פון אויבן שטענדיק א נעפל, דאך אין מיטאגצייט פארשווינדט ער.

דער מאן האט אויך געוואלט וויסן צי דער פאטער דארף נישט קיין בענזין, אבער פאטער האט נישט געוואלט קויפן, ער האט ווירקלעך נישט ליב געהאט צו באנוצן בענזין, וועלכן ער אליין האט נישט דעסטילירט, נאר ער האט עס דעם מאן

ניִשט געזאָגט, כּדי אים נישט צו קרענקען.

דערנאָך האָט דער פּאָטער געגעבן דעם מאַן אַ דאָלאַר פאַר זיין באמיען זיך, און ווען דער מאַן האָט אים געוואָלט אַרויסגעבן, האָט ער אַ ווינק געטון אויף נישט.

דער מאַן איז געוואָרן אינגאַנצן דערשיטערט, ער האָט סאַלוטירט און ערשט איצט באַגריפּט, אַז ער האָט געהאַט צו טון מיט אַ „גרויסן מאַן" אַרנאָלד ראָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען געוווינט צו אַזעלכע עפּיזאָדן, אָבער זיי האָבן יעדעס מאָל פונסניי דערוואַרעמט זיין האַרץ.

ער פלעגט שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט זיך זילבערנע דאָלאַרן און האַלבע דאָלאַרן. „אַרעמע טייוול" פלעגט ער זאָגן, זיי באַקומען דאָך נאָך אַלעמען אַזוי ווייניק." ער האָט עס געוווסט, האָט ער דאָך אויך אַמאָל צו זיי געהערט, און ער האָט קיין געלעגנהייט נישט דורכגעלאָזט, ער זאָל דאָס דעם יינגל נישט דערקלערן. פאַר אים איז דאָס געווען עטוואָס ווירקלעכעס, פאַר דעם יינגל ווידער עטוואָס ראָמאַנטישעס.

זיי האָבן זיך שוין געוואָלט אַריינזעצן און ווייטער פאָרן ווען הינטער איז דערשינען דער פּאַרקער פּאָליציאַנט, יאָ- דער פּאָטער האָט געהאַט רעכט: דער מאַן האָט זיי נאָכגעשפּירט, ער האָט זיי נאָכגעוואָרפן בייזע בליקן.

אַזוי ווי זיי האָבן מיט אים קיין שום אינטערעס נישט געהאַט, זענען זיי געפאָרן ווייטער. דער פּאָליציאַנט וועט אָן ספק זיך דאָ אין דער בענזין-סטאַציע פאַרשטעקן און זיי נאָכשפּירן.

די השערה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, קוים זוי זיי זענען אָפּגעפאָרן צוויי מייל אין דעם לאַנגזאַמען טרעמפּ פון דרייסיק מייל אַ שעה, ווי עס האָט זיך דערהערט אונטער זיי אַ פייפן און אַ אויטאָ איז זיי שנעל אַריבערגעפאָרן.

זיי האָבן אים געלאָזט איבעריאָגן. איין האַלבע מינוט שפּעטער האָט דער פּאָטער אַ קוק געטון אין דעם קליינעם

פיגעלע און באמערקט: „איצט קומט דער פאַליציאַנט" דאָס ייִנגל האָט געקוקט אויף הינטן; ער האָט געזען ווי די מאַטאָר־ראָד איז שנעל אָנגעקומען און זיי איבערגעיאָגט.

דאָס ייִנגל האָט נישט געקענט איינזיצן שטיל.

„אַ וועטלויף!—האָט ער אויסגערופן „אַ וועטלויף! אָ, טאַטעלע מיר וועלן זיי דעריאָגן".

דער פאָטער איז נאָך נישט געווען אַזוי אַלט, ער זאָל שוין האָבן פאַרלוירן יעדן זין פאַר ספּאָרט.

דעם פאָטערס אויטאָ האָט זיך אַ טראָג געטון פאָרויס און ווידעראַמאָל האָט אַ שפרונג געטון דער ווייזער פון דער שנעלקייט מאָס, פונפאונדרייסיק—פערציק—פינפאונפערציק—פופציק—פינפאונפופציק, דאָס ייִנגל איז שיעור פון זיין אָרט נישט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געלייכט, די הענט זענען געווען געבייזלט אין פויסטן.

דאָ האָט זיך דער גרויער באַנד געענדיקט און אים האָט פאַרביטן אַ שמוץ־קער, זיך לייכט שלענגלדיקער וועג, וועלכער האָט זיך געצויגן צווישן זאַנפטע, מיט ווייץ פאַרפלאַנצטע בערגלעך, דער וועג איז געווען הארט געפּרעסט, דאָך האָבן זיך באַגעגנט קליינע האָרבן.

דער אויטאָ איז געשפרונגען פון איינעם צום אַנדערן.

פאַר זיי האָבן זיך אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב, וועלכע זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן פונם ווינט און זיך צעטראָגן איבער די בערגלעך, מען האָט געקענט גלויבן, אַז אַן אַרמיי מאַרשירט אַהער. צייטנווייז האָבן זיי דערזען דעם אויטאָ, וועלכער האָט זיך געטראָגן פאַר זיי און דעם פאָליציאַנט, וואָס ד־האָט זיי פאַרפאָלגט.

„ער פאַרשווונדט פונאונדז. אָ, טאַטעלע. שנעלער, שנעלער! —אַזאַ פאַרפאַל טרעפט זיך נישט אויף יעדער רייזע.

„פאַרשאָלטענער אידיאָט!"

דאָס איז געאען דעם פאָטערס מיינונג וועגן אַ מענטש וואָס שטעלט איין זיין לעבן, כּדי קיין שטראָף נישט צו צאָלן. מען קען דאָך זיך פון דעם פאַרקער פאָליציאַנט נישט

אויסדרייען, בפרט נאָך אויף אַזאַ וועג, און דער פּאַטער איז געווען גערעכט: די וואָלקנס שטויב זענען פאַרשוואונדן.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, נעבן אים דער פּאַ־ליציאַנט וועלכער האָט פאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל.

דער פּאַטער איז איבערגעפאָרן אומשולדיק, דרייסיק מייל אין אַ שעה.

דאָס ייִנגל וואָלט זיך גערן אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו דעם אומפאַרמיידלעכן ווערטער־אויסטויש, אָבער ער האָט גוט געוווּסט, אַז פאַר אַלעמען מוז אָפּגעהיט ווערן דעם פּאַטערס פּלאַן, און אַז דאָס איז נאָר אַ גינסטיקע געלעגנהייט פונסנייע זיך צו צעיאָגן.

זיי האָבן פאַרקירעוועט, דאָס ייִנגל האָט אַ האַלבע שעה זיך נאָך אַלץ אומגעקוקט, דעם פּאָליציאַנט אָבער האָבן זיי שוין מער נישט געזען, און ווידער זענען זיי איבערגעגאַנגען צו זייער אייגענעם געזעץ.

# V

נישט לאַנג האָבן זיי ביידע געזען אַן ערנסטן אָנפאַל אויף דעם וועג און אין פּאַריקער וואָך האָבן זיי געמוזט אַרויס־טרעטן אַלס עדות, דער געריכטס־דינער האָט אויסגערופן:

„אַרנאָלד ראָס“. און דערנאָך פּונקט אַזוי פייערלעך: — אַרנאָלד ראָס דער יונגער“.

דאָס יינגל האָט זיך פון דער עדות באַנק אויפגעהויבן און דערקלערט, אַז ער ווייסט די באַדייטונג פון אַ שבועה, פּונקט ווי ער ווייסט די פּאַרקער געזעצן, און אַז ער וועט זאָגן אַלץ וואָס ער האָט געזען.

דער דאָזיקער פּאַרפאַל האָט אים געמאַכט „געריכטסבאַוווסט“ אַזוי צו זאָגן.

ווען אין משך פון דער רייזע עס זאָל זיך געווען טרעפן עפּעס וואָס אומגעזעצלעכעס, אַזוי שטעלט זיך דעם יינגלס פאַנ־טאַזיע פאַר די סצענע אין געריכט.

„ניין הער ריכטער, דער מאַן האָט נישט געדאַרפט פאָרן אויף דער לינקער זייט פונם וועג, מיר זענען שוין געווען צו נאָנט, ער האָט נישט געהאַט קיין צייט דעם אַנדערן אויטאָ איבערצופאָרן“, אָדער: הער ריכטער, דער מאַן איז געגאַנגען ביינאַכט אויף דער רעכטער זייט פון דערגאַס, אַן אויטאָ מיט פאַרבלענ־דיקן ליכט איז אונדז אַנגעקומען אַנטקעגן. זי ווייסן,

דער פיכטער, אַז ביינאַכט דאַרף זיך יעדער מענטש האַלטן אויף דער לינקער זייט פון דער גאַס, כדי צו קענען זען די אויטאָס וועלכע קומען אָן אַנטקעגן".

פון צייט צו צייט, אויסלאָדנדיק אַזוי זיינע געדאַנקען, האָט זיך דאָס יינגל איבערגעשראָקן און דערגסמאָלט האָט דער פאָטער געפרעגט:

„וואָס איז דיר?"

דאָס יינגל איז געבליבן פאַרלעגן, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אַז דאָס האָבן אים אַזוי זיינע חלומות פאַרטראָגן. אָבער דער פאָטער האָט דאָס געוווסט און ער האָט געלאַכט ביי זיך, אַ קאָמיש קינד וואָס שטעלט זיך שטענדיק פאַר פאַרשידענע זאַכן, וועמענס געדאַנקען עס האַלטן אין איין איבערשפרונגען פון איין געגנשטאַנד אויף דעם צווייטן און וואָס איז כסדר צוליב עפּעס אויפגערעגט.

דעם פאָטערס גייסט איז געווען אַן אַנדערער, ער איז געבליבן הענגען אויף איין טעמע, זיינע געדאַנקען זענען גע-קומען אין אַ לאַנגזאַמער, ערנסטער ריי, זיינע געפילן זענען געווען גלייך צו אַ גרויסן אויוון, וועלכע באַדאַרף האָבן אַ לאַנגע צייט כדי זיך צו דערהיצן.

אין דער צייט פון אַזעלכע רייזעס פלעגט דער פאָטער צייטנווייז שעהנלאַנג קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן, דער שטראָם פון זיין באַוווסטזיין איז דאַמאָלס געווען גלייך צו אַ טייך, וואָס איז אינגאַנצן געוואָרן פאַרשווונדן אונטער די פעלזן און זאַמד. דער גאַנצער מאַן איז געווען נישט מער ווי געפיל פון באַ-קוועמלעכקייט איינגעהילט, אין אַ ווייכן, וואַרעמען, מאַנטל, אַ טייל פון דער זאַנפט רוישנדיקער מאַשין, וועלכע האָט זיך באַ-וועגט אין אַן אייל באַד און צוריק געמאַכט פופציק מייל אין אַ שעה. וואָלט מען דאָס דאָזיקע באַוווסזיין צעגלידערט, אַזוי וואָלט מען קיין שום געדאַנקען דאָרט נישט געפונען, אויסער אַ צושטאַנד, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך קאָנקרע-טע זאַכן: דורך דער פאַרדייאונג, דורך דעם וועטער, דורך דעם אייטאָ, דורך דעם באַנקדעפּאָ און דורך דעם יינגל ביי

זיין זייט. וואָלט מען די דאָזיקע צעשווימענע געפילן געוואָלט אויסדריקן מיט ווערטער, אַזוי וואָלטן זיי דערשינענן צו דורכזיכטיק און אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג. מען מוז זיי איינס מיט־איינאנדער צוזאַמענבינדן מער—ווייניקער אַזוי:

„איך, וואָס פיר אָן איצט דעם דאָזיקן אויטאָ און וועלכער בין אַ מאָל געווען אַן אָנטרייבער און קרעמער אין קווין צענטר, אין קאַליפאָרניע, בין איצט י. אַ. ראָס עס קאַמפּ, אַ נאַפט־מאַגנאַט. האָב מיין פרישטיק טיילווייז שוין פאַרדייט; עס איז מיר אַ ביסל וואַרעם אין מיין נייעם מאַנטל, ווייל די זון קומט אַרויס; איך האָב ביי דעם לאָבאָס טייך אַ נייעם קוואַל, וועלכער גיט אַרויס פירטויזנט טאָן און אין אַנטעלאָפּ פּראָדוצירט זיך זעכצן, און איך פאָר קיין ביטש־סיט, כדי אונטערצושרייבן אַן אַרענדע־אָפּמאַך. מיר וועלן אין די נעכסטע צוויי שעה אָנזאָגן די פאַרלוירענע צייט, און בוגי זיצט לעבן מיר. ער איז שטאַרק און געזונט און וועט אַמאָל דאָס אַלץ באַזיצן, וואָס איך דערוואַרב, ער וועט גיין אין מיינע טריט, דאָך וועט ער נישט באַגיין די פעלער, וואָס איך בין באַגאַנגען, און נישט האָבן די אומאַנגענעמע זכרונות, וועלכע איך האָב, ער וועט זיין קלוג און פאַלקאָמען און טון אַלץ, וואָס איך וויל“.

בוניס פאַנטאַזיע האָט דערווייל געאַרבעט גאָר אויף אַן אַנדער אַרט. זי איז איבערגעשפרונגען פון איין זאַך צו דער צווייטער, ווי אַ היישעריק אויף דער לאָנקע פון איין גראָזבערגל צום צווייטן.

דאָ איז אַ קראָליקל אַריבערגעפלויגן ווי משוגע. עס האָט געהאַט לאַנגע אויערן, ווי אַן אייזל. פאַרוואָס זענען די אויערן געווען אַזוי דורכזיכטיק און ראָז? און דאָרט אויף דעם פלויט איז געזעסן אַ שפּאַרבער. ער האָט אויסגעשפּרייט די פליגל, ווי ער זאָל וועל אַ געגעניק טון. פאַרוואָס טוט ער דאָס און דאָרט איז געווען אַ לויפפויגל, אַ לאַנגער דאַרער פויגל, אַ שנעלער! ווי אַ לויפפערד, אַ שיינער, אַ גלאַנצנדיקער, געפאַרבט אין שוואַרץ, ברוין און ווייס, מיט אַ קאַם און אַ לאַנגן עק.

ווי געפונט ער וואַסער צווישן די דאָזיקע טרוקענע בערגלעך? און אויף דעם וועג איז געלעגן אַ קליין צעקוועטשט קראָליקל, וואָס איז פון אַן אויטאָ געוואָרן איבערגעפאָרן. די אַנדערע אויטאָס וועלן האַלטן אין איין איבערפאָרן איבער דעם, ביז עס וועט ווערן צעמאָלט און פאַרטראָגן פונם ווינט.

דאָס ייִנגל האָט געקלערט פון דעם אָרעמען קליינעם לעבן, וואָס איז אַזוי פּלוצים אויסגעלאָשן געוואָרן. ווי גרויזאַם דאָס לעבן איז, ווי וווּנדערלעך, וואָס זאַכן וואַקסן פון זיך אַליין אויס מכלומרשט די מאַכט באַזיצער, און שאַפן זיך אַליין פון גאָרנישט.—אויך דער פאָטער קען דאָס נישט דערקלערן, ער זאָגט, אַז קיינער קען עס נישט אַזוי איז ער שוין.

זיי האָבן אָנגעיאָגט אַן אַלטן וואָגן פול באַלאָדן מיט שטוב זאַכן און מעבל. פאַר דעם פאָטער האָט עס באַדייט נאָך אַ שטערונג. אָבער בוני האָט דערזען הינטן אויפן וואָגן צוויי ייִנגלעך אומגעפער פון זיין עלטער, וועלכע האָבן אים אָנגעקוקט מיט שטומפּיקע גלייכגילטיקע אויגן. זיי זענען געווען בלאַס און געמאַכט דער איינדרוק, אַז זיי באַקומען נישט גענוג צו עסן. אויך דאָס איז געווען אַ זאַך, איבער וועלכער מען האָט געקענט שטוינען: עס זענען פאַראַן אָרעמע מענטשן וועלכע קיינער העלפט נישט,

דער פאָטער האָט דערקלערט, אַז אויף דער וועלט מוז זיך יעדער אַליין העלפן.

„בוני”, וועלכער האָט זיין צערטל-צונאָמען באַקומען, פון דער מוטער, ווען ער איז נאָך געווען קליין, ווייך און ברוין ווי אַ קראָליקל, האָט שוין געציילט דאָס דרייצעטע יאָר און האָט דעם צונאָמען איצט נישט גערן געהערט, אָבער ער איז אים געבליבן.

בוני איז געווען אַ היבשער ייִנג, נאָך אַלץ ברוין, מיט געלאָקטע ברוינע האָר, ברוינער אויגן און פרישער פאַרב, ווייל ער האָט פיל געלעבט אויף דער פריי.

ער האָט נישט באַזוכט קיין שול, נאָר געלערנט אין דער היים ביי אַ פּריוואַטן לערער, ווייל ער האָט באַדאַרפט אַ מאָל

פאַרנעמען די שטעלע, וועלכע זיין פאָטער פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט; ער האָט באַגלייט דעם פאָטער אין זיינע רייזעס כדי זיך אויסצולערנען פאַרשטיין זיינע געשעפטן.

ווונדערבאַר, שטענדיק פונסניי ווונדערבאַר האָבן אויסגעזען בונין די סצענעס: נייע פנימער, נײַ מנהגים! זעלטענע שטעט און דערפער, פול פון מענטשן, פערד, אויטאָס און וועגווייזערס.

די גאַנצע גאַס איז פול מיט צאָזעלכע צייכנס, ביי יעדן קרייצוועג שטייען וועג ווייזערס, וועלכע גיבן יעדן איינעם אַ לעקציע פון געאָגראַפיע, אַ ליסטע פון די ערטער וווּהין די גאַסן פירן און ווי ווייט עס איז אַהין.

עס זענען אויך פאַראַן אויפשריפטן, וועלכע וואָרענען פאַר געפאַרן: פאַר אַ קרומען וועג, באַרגאַראָפּ, גליטשיקע ערטער, באַנאַיבערגענג.

איבער די גאַסן זענען געווען צעהאָנגען גרויסע טראַנס-פאַרענטן:

„לאָמאַ-ווּיסטאַ: זאָל זיין געגריסט אין אונדזער שטאָט!“— אין אַ ביסל ווייטער:—„זייט געזונט, קומט באַלד ווידער!“

אויך פלאַקאַטן איז געווען אָן שיעור. „אַ מאַלעריש אָרט, מען פאָטאָגראַפירט פאַרבייפאָרנדיק“.

האָט מען געזוכט דאָס מאַלערישע אָרט, מען האָט אָבער נישט געוווּסט וועלכעס מען מיינט.

אַ פאַבריקאַנט פון גומענע רייפן האָט אַרויסגעשטעלט אַ גרויסע הילצערנע געשטאַלט פון אַ ייִנגל, וואָס האָט געפּאָכעט מיט אַ פאָן; דער פאָטער האָט געמיינט, אַז דאָס געשטאַלט פון דעם ייִנגל איז ענלעך צו בונין, אָבער בוני האָט אויסגעפונען, אַז עס איז פיל מער ענלעך צו אַ בילד פון דזשעק לאָנדאָן, וועלכעס ער האָט אַמאָל געזען אין אַ מאַגאַזין.

אַ צווייטער פאַבריקאַנט האָט זיך אויסגעוועהלט אַ גרויס הילצערן בוך אַלס רעקלאַמע, עס האָבן זיך געפונען די דאָזיקע רעקלאַמעס ביי יעדער אויסבויג פונם וועג, וועלכער דהאָט אין אַ שטאָט אַריין געפירט.

עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ בוך פון געשיכטע

װעלכעס האָט באַקאַנט געמאַכט די פרעמדע מיט דער געגנבע־נער שטאָט און איבערגעגעבן באַלערנדע איינצוהייטן.

אַזוי איז מען געוויער געוואָרן, צום ביישפּיל, אַז אין ציטריס איז געווען דאָס ערשטע וועלדל פון פּאָמעראַנצן, אַז סאַנטאַ ראָסיטאַ באַזיצט די גרעסטע קוואַלן פון ראַדיום אין מערב זייט פון ראָקי מענטען, אַז אין דער שטאָטישער טייל פון קרעסצען סיטי האָט דער פּאָטער יופינעראָ סערראַ אין יאָר 1769 איבערגעפירט צום קריסטענטום צוויי טויזנט אינדיאַנער.

אויך איצט זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם איבערפירן צום קריסטנטום.

זיי האָבן אויף דעם וועג אַלע פעלזן און פאַרצוימונגען באַמאָלט מיט פאַרביקע אויפשריפטן:

„גרייט זיך צו צו קומען פאַר גאָט!—

נעבן דער אויפשריפט אַ וואָרנאויפשריפט: אייזנבאַנאיבערגאַנג, שטיינבלייבן! אַרומקוקן זיך!"

די אייזנבאַנגעזעלשאַפט, זעט אויס, וויל נישט, אַז דורך איר פאַרמיטלונג זאָלן די מענטשן קומען פאַר גאָט.

„יעזוס וואַרט אויף דיר"—איז מודיע איין שטיין און דאַ־נעבן: „מיטאָג מיט עוף". דאָס אויסלויבן די עסענוואַרג סחורות איז אממייסטן קאָמיש; זעט אויס אַז די מענטשן האָבן שטאַרק ליב דאָס עסן און ווערן פריילעך ווען זיי קלערן וועגן דעם. „די הייסע הינטנבודע" איז געווען דער נאָמען פון איין גאַסט־הויז; אַ צווייטס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „טאָמי דער אַלי־וסובאַניק"; אַ דריטס: „דער ראַקנטאָפּ." האָט מען איבערגעטרעטן די שוועל פון די דאָזיקע גאַסטהייזער, אַזוי האָט מען געפונען דאָרט דעם גייסט פון זאָרגלאָזע פריילעכקייט אויף אַלע ווענט: „צו גאָט האָבן מיר צוטרוי, פון אַלע אַנדערע פאַרלאַנגען מיר מזומנים." אָדער: „קלאָגט אייך נישט אויף דער קאַווע, עס וועט קומען אַ טאָג און איר וועט אויך ווערן אַלט און שוואַך!" אָדער: „מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיט אונדזער באַנק—די באַנק פאַרקויפט נישט קיין זופּן און מיר נעמען נישט אָן קיין טשעקן."

## V

זיי זענען געפאָרן איצט דורך אַ ברייטן טאָל, איין מייל נאָכן אַנדערן צווישן ווייץ פעלדער, וועלכע האָבן גרין שימערירט אויף דער זון. פונדערווייטנס האָבן זיך אַרויסגעזען בוימער און ווי ניט ווי אַ שטוב.

„זוכט איר אַ היים?"—האָט זיך ערקונדיקט אַ פּריינטלעכער פּלאַקאַט.—„סאַנטאַ ינעז איז דאָס ריכטיקע אָרט. גוט וואַסער, ביליג ערד, זיבן קירכעס. ווענדעט זיך צו ספּרוקס עט ניקעלזאָן, ערד מעקלער."

דער וועג איז געוואָרן ברייטער, און פוןביידע זייטן מיט בוימער באַזוימט.

„פאָרט לאַנגזאַם און קוקט זיך צו צו אונדזער שטאָט, פאָרט שנעל און באַקענט זיך מיט אונדזערע תּפיסות!"—האָט געברילט אַ ריזנפּלאַקאַט.—„פאַראָרדנונג פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג סאַנטאַ ינעז."

דער פאָטער האָט פאַרקלענערט די שנעלקייט אויף פינפאונצוואַנציק מייל, ווייל עס איז שוין געווען די געוווינהייט פון די פרידנסריכטער צו לויערן אויף די אויטאָ-מאָביליסטן, וועלכע זענען אָנגעקומען פונם לאַנד, און אין פאַל, ווען זיי זענען געפאָרן שנעלער ווי עס איז זיי געווען דערלויבט אויסצופאָדערן פאַר זיי גרויסע שטראָפן.

זיי האָבן דערמאָנט אין מאָדערנע וועג-איבערגייערס, וועל־כע האָבן דאָס אויף אַזאַ אופן באַרעמבירטע געלד אויסגעגעבן אויף זייערע ארגיעס. אויך צו דעם דאָזיקן האָט דער פּאָטער געוואָלט מאַכן אַן ענדע; אַזעלכע געלדער דאַרפן לויט דעם פּאָטערס מיינונג אריינפליסן אין דער שטאָט-קאַסע און פאַרווענדט ווערן אויף צו פאַרריכטן די גאַסן.

„קאמערציע-פּאַס, הונדערט מייל אין אַ שעה.“

די הויפּט-שטראַסע פון סאַנטאַ ינעז איז געווען דאָפּל אַלעע, זיי זענען געפאָרן פאַרזיכטיק ווייטער און זיך אָפּגעשטעלט.

דער פּאָטער איז אויסגעשטיגן זאָרגפעלטיק צונויפגעלייגט דעם אויבערדאַך, די אַרבל איינגעוויינטיק און דאָס פוטער אַרויס; ער האָט שטאַרק געלייגט אַכט אויף אַזעלכע זאַכן, האָט ער דאָך אַ מאָל אין זיין קראָם אויך פאַרקויפט גרייטע מענער קליי־דער.

ער מיט בונין האָבן אַנידערגעלעגט זייערע מאַנטלען אין אויטאָ און שפּאַצירט לענגאויס דעם טראָטואַר, זיי האָבן באַ־טראַכט די פירציכטער פון סאַנטאַ ינעז און די סחורות אין די שויפענצטער. דאָ האָט מען זיך געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די סחורות, וועלכע זענען דאָ געווען אַרויסגעשטעלט, זענען געווען פונקט די זעלבע, וואָס אויף יעדער הויפּטגאַס, „נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע“.

דער לאַנדווירט, איז געפאָרן אין שטאָט אַריין אויף אַן אַמעריקאַנישן אויטאָ, געלייענט אין די אַמעריקאַנישע מאַגאַזינען די אַנאָנסן פון אַלע נאַציאָנאַלע סחורות און האָט די זעלבע געבראַכט אַהיים.

אַ סאַך פּרטים האָבן עדות געזאָגט, אַז סאַנטאָ ינעז איז אַ מערב-שטאָט: די ברייטקייט פון די גאַסן, די נייקייט פון די קראָמען, און די גלאַנציקע ווייסקייט פון זייער פּאַרב, די נעץ פון עלעקטרישע דראָטן, וועלכע זענען געווען אויסגעשפּרייט אי־בער די גאַסן, אַ מאַן מיט אַ ברייט ראָנדיקן הוט, אַן אַלטער קליינער אינדיאַנער, וועלכער האָט גייענדיק געמורמלט פאַר זיך. „פּרימאַקאַווע“—האָט געגעבן צו וויסן אַ ווייסע שילד און

פערפענדיקוליאר צו דעם איז געווען צוגעשריבן — „האפליעס".

צו דער טיר איז געווען צוגעקלעבט א שפייזצעטל, אזוי אז מען האט געקענט זען וועלכע עסנס עס זענען פאראן און צו וואס פאר א פרייזן ביי איין וואנט אנטקעגן איבער דעם שענקטיש זענען געשטאנען אויסגעשטעלט טישן, פאר וועלכע עס זענען געזעסן אויסגעזעצט מענער מיט די בלויזע ארבל און שעלקעס.

דא האט מען זיך באדארפט צו איילן; דער פאטער און בוני האבן זיך אנידערגעזעצט אויף די ערשטע פרייגע-ווארענע שטולן.

אין אזא ארט האט דער פאטער זיך דערפילט ווי א פיש אין וואסער.

ער האט ליב געהאט צו מאכן א שפאס מיט דער קעל-נערין, ער האט געפונען פארשידענע ווערטלעך און געקענט אנ-רופן מיט קאמישע נעמען יעדער שפייז.

ער האט דא באשטעלט: „מיט דער זונזייט ארויף", אדער „אקסנאויגן". ער האט באפוילן: „וויקלט עס ארום אין א ליי-וונטענעם טוך", און געלאכט איבער די אנשטרענגונגען פון דער קעלנערין, וועלכע האט נישט געקענט טרעפן, אז דאס פארלאנגט ער אן אן אייערסאנדוויטש.

ער האט געפלוידערט מיט די לאנדווירטן, געוויער גע-ווארן דעם צושטאנד פון דעם ווייץ. די פארויסגעזעענע פרייזן פון מאראנצן און וועלשענע נוס.

דאס אלץ האט אים אינטערעסירט; האט ער דאך נאפט צו פארקויפן, און די אלע לייט מיט וועלכע ער האט גערעדט וועלן דאך מער אדער ווייניקער קויפן, פראפארציאנעל די פרייזן וועלכע זיי וועלן אננעמען פאר זייערע סחורות.

ער האט אויך באזיצן לאנד; און ער איז שטענדיק גע-ווען גרייט אומעטום אפצוקויפן, ווייל אין גאנץ דרום-קאליפאר-ניען האט מען געפונען נאפט.

אין א געוויסן טאג, איז געווען זיין מיינונג, וועט דאס לאנד ווערן א גרוימאכט.

נאָר זיי האָבן זיך דאָך ביידע פאַרשפּעטיקט, איז קיין צייט נישט געבליבן צו שפּאַסן.

דער פאָטער האָט באַשטעלט אַ געבראָטן קראָליקל אָבער בוני האָט קיין אַפּעטיט נישט געהאַט דערצו, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם צעקוועטשטן קראָליקל וועלכעס ער האָט היינט פרי געזען אויף דעם וועג.

ער האָט אויסגעוויילט געבראָטענעם חזיר—קיין טויטע חזירים האָט ער נאָך נישט געזען.

די קעלנערין האָט אים געגעבן אַן עקסטראַ גרויסע פּאָרציע, ווייל דער דאָזיקער מונטערער יינג, מיט די ברוינע אויגן, צעשויבערטע פון ווינט פאַר אַן עמפּפינדלעכן מויל, ווי ביי אַ מיידל, איז איר געפעלן.

זיינע ברייטע, ברוינע אויגן האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן רוים, באַטראַכטנדיק אַלץ: די רעקלאַמע אויפשריפטן אויף די ווענט, די פעלשער, די שפּייזן, די לוסטיקע פעטע קעלנערין און די מידע און מאָגערע, וואָס האָט זיי באַדינט.

ער האָט זי אַביסל פרעלעכער געמאַכט, דערציילנדיק איר פון פאַרפאַל מיט דעם פאַרקערפּאָליציאַנט.

זי ווידער, פון איר זייט, האָט זיי ביידע געוואָרנט פאַר אַ ענלעכן פאַל נישט ווייט הינטער דער שטאָט;—דער מאַן, וואָס זיצט נעבן בונין, האָט מען געפּאַקט און ער האָט געמוזט באַצאָלן צען דאָלאַר שטראָף.

אַזוי האָט מען געקענט רעדן וועגן פאַרשידענע זאַכן.

דער פאָטער האָט געגעבן דער קעלנערין אַ האַלבן דאָלאַר טרינקגעלד, אַן אומדערהערטע, כמעט נישט מאָראַלישע זאַך, אָבער זי האָט דאָס געלד דאָך גענומען.

זיי זענען געפאָרן לאַנגזאַם, ביז דער לויער-פּונקט איז שוין געווען הינטער זיי; דעמאָלט האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון איבער אַ ברייטן בולוואַר, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען „מיסיע-וועג“.

דאָ האָבן די וועגן געהאַט אָפּט קלינגענדיקע נעמען: „טייוולגאָרטן-וועג,“ „סוף-וועלט-גאַס“.

„סוידנס־פּאַלמען־קאַנאָן“.

דאָ איז אויך געווען אַ „טעלעגראַפן־גאַס“, און דאָס האָט דעם יינגל אויפגערעגט; ער האָט געלייענט פון איין שלאַכט אין דערצייט פון בירגערקריג, ווי מען האָט פאַרביטערט געקעמפט איבער דעם באַזיץ פון אַ „טעלעגראַפן גאַס“.

האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט איצט ד׳הינטער די קאַרטשעס זעלנער לויערן און איבער די פעלדער קאַוואַלעריע זיך טראָגן.

ער האָט אויפגעשוידערט און דער פאָטער האָט אים געפרעגט: „וואָס איז דיר?“ „גאָרנישט, פאָטער, איך קלער מיר עפּעס.“ אַ מערקווירדיק קינד, שטענדיק שטעלט זיך עס עפּעס פאָר!

מען האָט נאָך דאָ געזען שפּאַנישע נעמען אויך, וועלכע די פרומע לאַנדווירטן האָבן מיט ערעפורכט אָפּגעהיט.

בוני האָט זיי פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט געלערנט די שפּאַנישע שפּראַך, כדי צו קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט מעקסיקאַנישע אַרבעטער. „על קאַמינאָ רעאַל“ האָט באַדייט: „די קעניגלעכע לאַנדגאַס“ און „ווערדוגאָ־קאַנאָן“ „די תליון שפּאַרינע.“ „וואָס איז אַ געשען, פאָטער?“ דער פאָטער האָט די געשיכטע נישט געוווסט; אויסערדעם איז ער געווען ביי דער מיינונג, אַז די וועלט געשיכטע איז מערסטנטייל „שווינדל“.

# VII

דאָ איז די גאַס געווען פון אַספאַלט; זי האָט געשימערט אויף דער היץ; דאָרט ווי זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט האָט זי אויסגעזען ווי וואַסער.

ביי ביידע זייטן מאַראַנצן-וועלדלעך; טונקלגרינע, לייכטנדיקע בוימער מיט ווייסן צוויט.

צייטנווייז האָט דער ווינט דורכגעטראָגן דורך דער לופט זיסע ריחות.

עס האָבן זיך דאָ אויך געפונען וועלדלעך פון וועלשענע נוס, וועמענס שטאַרקע, רייך באַבלעטערטע בוימער עס האָבן געוואָרפן שוואַרצע שאָטנס אויף דעם ברוינעם באָדן. בליענדיקע רויזנגערטנדלעך האָבן זיך אויסגעשפּרייט לענגאויס דער גאַס אויף אַכט ביז צען פּיס די הויך.

הויכע, איידעלע אייקאַליפּטוס בוימער האָבן אויפגעהאַלטן דעם ווינט; זיי האָבן געמאַט לאַנגע געקרייזלטע בלעטער; זייער קאָרע האָט זיך געשיילט, אַזוי אַז עס האָט זיך אַרויסגעזען דער נאַקעטער שטאַם.

דאָ האָט מען ווידעראַמאָל געמוזט לאַנגזאַמער פאָרן, כדי נישט צו פאַרלירן דעם וועג פונעם אויג; עס האָבן זיך דאָ נעצויגן אַן אַ צאָל גאַסן און וועגן, און די באַוועגונג איז דאָ געווען אין פולן ברען; מען האָט געמוזט דאָ פאָרן שטאַרק באַ-

רעכנט און דאַבײַ לעגן אַכט מען זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין אַן אַנטקעגנקומענדיקן אויטאָ.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן דעם פּאָטער בײַ דעם פירן דעם אויטאָ.

פינף אָדער צען קילאָמעטער זענען זיי דורכגעפאָרן אַ שטאָט און האָבן געמוזט יעדעס מאָל פונסנײַ פאַרקלענערן די שנעלקייט פונם אויטאָ.

דער שליאַך האָט זיך שטענדיק פאַרנומען אויף דער הויפּטגאַס פון דער שטאָט; דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די סוחרים, האָט דער פּאָטער דערקלערט. זיי האָפן אַז די פאָריבערפאָרנדיק וועלן אויפשטײַגן און עפּעס קויפן.

וואָלט זיך דער שליאַק, כדי די באַוועגונג נישט צושטערן, געצויגן אויסער דער שטאָט, דאַן וואָלטן די סוחרים אים נאָכגעגאַנגען און דאָרט זייערע קראָמען געעפנט.

צײַטנווײַז האָבן זיי אַפילו געפּרוּווט דורך פאַלשע וועגווײַזערס דעם פרעמדן אין אַ האַנדלס גאַס צו פאַרנאַרן.

דער פּאָטער האָט אַזעלכע שפּיצלעך באַמערקט מיט דעם פרײַלעכן געדולד פון אַ מאַן וואָס ער אַליין האָט זיי אויך אַמאָל אָנגעווענדעט לגבי אַנדערע, אָבער ער האָט זיך פון זיי נישט געלאָזט פאַרפירן.

יעדער שטאָט איז באַשטאַנען פון צען, הונדערט אָדער טויזנט גלײַכווינקלדיקע קוואַרטאַלן, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון מאָדערנע ווילע וווינונגען. פאַר יעדער ווילע האָט זיך געפונען אַ שטיקל פלאַץ באַדעקט מיט גראָז און אויף דעם פלאַץ איז געשטאַנען אַ שטוב מיידל און אים באַגאָסן מיט אַ קישקע.

נאָענט פון אַ שטאָט האָט מען געקענט זען בוי־פלעצער, אויף וועלכע רויטע און געלע פענער האָבן גוטמוטיק געפלאַטערט אויף דעם ווינט. רויטע און געלע פלאַקאַטן האָבן געשטעלט פראַגן און אַליין זיי באַלד פאַרענטפערט: „גאַז?" „יאָ". „וואַסער?" „דאָס בעסטע" באַלײַכטונג?" „די שענסטע" „שולן?"

„האלטן זיך אין בויען". „די לאנדשאפט?" „גייט איבער די אלפן".

ביי דער זייט פון דעם וועג איז געשטאנען א קליין געצעלט, פאר וועלכן עס איז געזעסן א יינגערמאן מיט א פעדער אין דער האנט, גרייט נאך א שמועס פון צוויי מינוט שוין אנצושרייבן אן האנדלסאפמאך.

די דאזיקע לייט האבן געקויפט גרונטן צו 1000 דאלאר אן אקער; וויבאלד נאר אבער עס איז אויפגעשטעלט געווארן דאס דאזיקע געצעלט און די רויטע פענער האבן זיך צעווייט אויף דעם ווינט, אזוי זענען זיי שוין ווערט צו 1675 דאלאר.

אויך דאס האט דער פאטער דערקלערט דעם יינגל מיט גוטמוטיקער פריילעכקייט, עס איז ווירקלעך א גרויס און טיכטיק לאנד דאס אמעריקע.

זיי האבן איבערגעלאזט אנגל-סיטי אין א זייט און ווידער געפארן מיט פלאנמעסיקער געשווינדקייט. זיי האבן דערגרייכט דעם „ביטש-סיטי-בולוואר" א ברייטע אספאלט-גאס, אויף וועלכער טויזנטער אויטאס זענען געפארן.

בוי פלעצער אן א צאל זענען געווארן אנגעבאטן, כיטרע רעקלאמעס האבן געוועקט די אויפמערקזאמקייט פון די אויטאמאביליסטן און גורם געווען זיי זאלן זיך אויפהאלטן.

די ערד מעקלער, זעט אויס, האבן געלייענט „טויזנט אין איין נאכט", אדער גרימס מעשהלעך, זיי האבן געוווינט אין קליינע קאמישע ביוראס, וועלכע האבן זיך, אדער געריסן אין דער לופטן, אדער געשטאנען קרום, ווי א שכורער מאטראס, געלע, ראזע, בלויע, גרינע, אדער לייכטנדיקע מיט אלערליי פארבן.

עס האבן זיך אויך געפונען בודקעס, ווי מען האט באקומען לימאנאד און פרוכטן. און יאפאנישע קלויטלעך פון גרינוואַרג, אנדערע ווידער האבן אויפגעפאדערט דאס פובליקום, „אמעריקע פארצוציען".

עס האט גאר נישט געוואלט נעמען קיין ענדע צו די אינטערעסאנטע זאכן. יעדעס באזונדער האט דעם דרייצניעריקן

יִנגל אויסגעזען אויפרעגנדיק און אינטערעסאַנט.

ווי זעלטן און רייצנדיק עס איז פאָרט. די דאָזיקע פילפאַרביקע וועלט? „פאַרוואָס טוען די מענטשן דאָס, פאָטער? און פאַרוואָס יעגן?"

און אָט איז געלעגן פאַר זיי ביטש-סיטי מיט דער ברייטער אַלעע ביי דעם ברעג פונם אָקעאַן.

זעקס פונפאונצוואנציק האָט געוויזן דאָס קליינע זייגערל, אַלזאָ פינף מינוט פאַר דער אָפּגערעדטער צייט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם גרויסן האָטעל, בוני איז אויסגעשטיגן און שוין איז דער פּאָרטיער צוגעלאָפן, געוויס קען ער דעם פאָטער און די דאָלאַרס און האַלבע דאָלאַרס, וועלכע קלינגען ביי דעם פאָטער אין טאַש.

דער פאָטער האָט גענומען די רייזנטאַשן און מאַנטלען און זיי אַריינגעטראָגן אין הויז.

בוני איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעך-פולער און וויכטיקער מינע, ווייל דער פאָטער האָט נאָך נישט געקענט אַריינגיין, ער האָט געלאָזט פריער דעם אויטאָ אַריינפירן אין גאַראַזש.

בוני איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל און זיך אומגעקוקט אויף דעם פאָטערס אַגענט.

ער איז שוין געזעסן אין אַ גרויסן לעדערנעם פאָטעל, מיט אַ ציגאַר אין מויל און די אויגן אויף דער טיר אָנגעשטעלט.

דערזעענדיק בונין, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן דעם לאַנגן מאָגערן קערפער און פאַרצויגן דאָס דאַרע העסלעכע פנים אין אַ מינע פון באַגריסונג.

דאס יינגל, פול פון דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז, י. אַרנאָלד ראָס דער יינגער און דער פאַרטרעטער פון זיין פאָטער אין אַ וויכטיקן ענין, האָט אַ שאָקל געטון דעם מאַן די האַנט: „אַ גוטן אָוונט, הער סקוט, זענען די קאָנטראַקטן אָנגעשריבן?"

## קאַפּיטל צוויי

# די אַרענדע.

## I

דאָס הויז האָט געטראָגן דעם נאָמען 5746. עס האָט זיך געפונען אויף דעם לאָס-ראָבל-בולוואַר. ווער עס האָט די דאָזיקע האָפנונגספולע געגנט געגנוי געקענט, דער האָט געוווסט, אַז דער בולוואַר איז איינצייטיק אויך געווען אַ קויל-פעלד. לאָס ראָבלס באַדייט „די דעמבעס", און דאָרט ווי דער בולוואַר הויבט זיך אָן אַ דריי מיילן ווייט פונם האָטעל, אינמיטן פון ביטש-סיטי, זענען ווירקלעך געשטאַנען פיר דעמבעס.

דאָ אָבער זענען „די דעמבעס געווען אַ הוילער אָפּהאַנג פון אַ בערגל, וועלכער איז געווען באַוואַקסן מיט קרויט און ביי דעם אונטערשטן ברעג מיט צוקערריבן.

דאָס אויג פון האָפענונג, זייענדיק אונטערגעשטיצט דורך די אויסבעסערונגען פון דעם אינזשעניער, האָט באַשלאָסן, אַז דאָ זאָל זיין אַ בולוואַר. דעריבער האָבן אויף יעדן עק פון דער ליימיקער גאַס געווינקען שילדן: פּאַלאָמיטאַס עוועניו" לאָס ראָבל-בולוואַר" „עט צענטראָ עוועניו" און א. וו.

נאָך מיט צוויי יאָר צוריק זענען זיך אָנגעלאָפן די ערד שפּעקולאַנטן מיט זייערע קליינע רויטע אָדער געלע פינגער.

די צייטונגען האָבן גרויסע אַנאָנסן געבראַכט. עס זענען געוואָרן איינגעאָרדנט אומזיסטע אויטאָ רייזעס דורך ביטש-סיטי

דעמאָלט האָט מען . דאָס קרויט פון די פעלדער אויסגעריסן און קליינע שטיקלעך ערד האָבן געטראָגן אויף זיך שילדן: „פאַרקויפט".

אייגנטלעך האָט זיך די דאָזיקע מיטטיילונג באַצויגן צום

שטיקל ערד, נאָר דאָך איז געקומען אַ צײַט, ווען זי האָט זיך זיכער געפּאַסט צו די קויפערס.

די געזעלשאַפט האָט געלאָזט אויסבויען הײַזער, זאָרגן פאַר גאַז, וואַסער און קאַנאַליזאַציע, נאָר עמעצער איז זיי איבערגעגאַנגען דעם וועג. די אונטערנעמונג האָט באַנקראָטירט און אין אַ צײַט צרום זײַנען דערשינען נײַע שילדן און פּלאַקאַטן: „צו פאַרקויפן. פּרטים בײַ דעם באַזיצער" אָדער שפּאַטביליק! אינפאָרמירן זיך בײַ סמיטה און הײַמוטאָן, ערדמעקלער" ווען די דאָזיקע אַלע שילדן האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג, האָבן די באַלעבאַטעם געזיפצט און זיך געטרייסט, אַז די ערד וועט נאָך אַמאָל עטוואָס אײַנברענגען.

דערווײַל זײַנען זיי אײַנגעגאַנגען אויף די פאַרשלאָגן פון יאַפּאַנער: זיי איבערצוגעבן די ערד פאַר אַ דריטל פונם שניט.

מיט פיר חדשים צוריק אָבער איז געשען עטוואָס אומדערוואַרטעטס.

איין מאַן, וואָס האָט באַזיצט אַ צווייט אַקער אויף דעם שפּיץ פונם בערגל, האָט אַרויפגעפירט צוויי משא אויטאָס, באַלאַדנט מיט גרויסע פירעקיקע סאָסנאָווע באַלקנס אויף דער סאַמע הויך. צעסלערס האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן. די שכנים האָבן דאָס שטיינענד צוגעזען און זיך געפרעגט וואָס פאַר אַ מין הויז דאָס וועט זײַן. און דעמאָלט האָט זיך פּלוצים ווי אַן אויפרייס פאַרשפּרייט די אויפרעגנדיקע נאַכריכט: אַ בוירטורעם!

אַ דעפּוטאַציע האָט אויפגעזוכט דעם באַזיצער, כדי זיך צו ערקונדיקן.

ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איינגאַנצן איז נישט מער, ווי אַ פּועל-יוצא פון זײַן שטימונג. ער באַזיצט הונדערט טויזנט דאָלאַר, דורך וועלכע ער וויל זיך מאַכן פרייליך און דאָס זאָל זײַן זײַן אידעע פון פריילעך מאַכן זיך.

נישט קוקנדיק אויף דעם זײַנען די שילדן אויף די בוי-

פלעצער דורך אַנדערע פּאַרביטן געוואָרן: „גאַפּט ערד צו פאַר קויפן".

די שפּעקולאַנטן האָבן אָנגעהויבן זיך דערוויסן די נעמען פון די באַלעבאַטעס.

מען האָט אָנגעהויבן געבן אָפּערטעס, און ווי מען שמו-עסט, האָבן אייניקע פאַרגעלעגט דאָפּלט ווי מען האָט פריער פאַרלאַנגט.

איבער דעם וועג זענען געפלויגן אויטאָס. אין די שבתים און זונטיקס האָבן נייגעריקע מענטשן באַטראַכט דעם בויער-טורם.

דאָס בויערן האָט זיך אָנגעהויבן איינטאָניק נישט אַרויס-רופנדיק קיין שום רעש.

די אָרטיקע צייטונג האָט געגעבן נאָר אַ נאָטיץ: אַז דאָס ד. ה. בולוועך-פעלד נומער 1 האָט מען דורכגעבראָכן אויף אַ טיף פון 1478 פיס! האַרטער שטיינזאַמד קיין שום שפּור נישט פון נאַפט.

דאָס זעלבע האָט די צייטונג איבערגעגעבן ווען מען איז שוין דערגאַנגען צו דער טיף פון 2000 און 3000 פיס. דער אינטערעס פון די מענטשן איז אויסגעלאָשן געוואָרן — זעט אויס, אַז עס האַנדלט זיך נאָר אין אַ „טרוקענע לאָך".

די וועלכע האָבן זיך געוואַקלט צו פאַרקויפן, האָבן פאַר-שאַלטן זייער שטות.

עס איז איינגאַנצן געווען נישט מער, ווי אַ ווילדע שפּעקולאַציע.

די צייטונג האָט נאָכאַמאָל אָפּגעגעבן אַ באַריכט קולוועך נומער 1 בויערט ווידער, עס איז שוין דערגרייכט געוואָרן די טיף פון 3059 פיס, אָבער די באַלעבאַטעס האָבן די האָפענונג נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן.

און דאַן איז געשען עטוואָס זעלטענעס: עס זענען אָנ-געקומען אויטאָס שווער באַלאָדענע און מיט לייוונט-געצעלטן איינגעדעקטע.

די אַלע, װעלכע האָבן עפּעס געהאַט אַ שייכות מיט דער אונטערנעמונג, האָט מען פאַרגעזאָגט, אָדער מען האָט זיי צוגע־שמירט, אַז זיי זאָלן האַלטן דאָס מויל, אָבער עטלעכע קליינע ייִנגלעך האָבן אַרונטערגעקוקט אונטער די לייוונטינע געצעלטן. אין דער צייט װען די קרעכצענדיקע מאַטאָרן האָבן זיך גע־שלעפּט באַרג־אַרויף. און זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן גע־זען גרויסע אויסגעבויגענע מעטאַלפּלאַטן מיט שרויפּנלעכער ביי די זייטן.

די באַדייטונג פון דער דאָזיקער ידיעה איז געװען קלאָר: נומער 1 איז צוגעקומען צום נאַפּאָלעאָנס מדה.

אויף דעם גאַנצן בערגל האָבן זיך צעבליט אומעטום שילדן און פּלאַקאַטן. די ערדמעקלער זענען זיך צוזאַמענגעפלויגן אויף דעם „פעלד".

דאָס איז געװען איצט דאָס צובערוואָרט—שוין נישט מער דאָס קרויט פעלד, צו דאָס ריבנפעלד נאָר דאָס פ ע ל ד!

שפּעקולאַנטן האָבן דאָ אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן, אָדער געמאַכט געשעפטן אויף די אויטאָס, װעלכע זענען גע־שטאַנען לענגאויס דער גאַס.

דעם גאַנצן טאָג האָט דאָ געהערשט אַ שטאַרקע באַ־װעגונג, עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט גרויסע מאַסן צו באַטראַכטן דעם בויער־טורעם און צו הערן דאָס איינטאָניקע סקריפּען פונם בויער, װעלכער האָט זיך געדרייט אַ גאַנצן לאַנגן טאָג אָן אַן אויפהער: „הומפּ־הום, הומפּ־הום, הומפּ־הום" „לײדיקגייערס אַרויס! האָט זיך געזען אָן אויפשריפט.

דער הער ד. ה. קולוװער און זיינע עלטערע אַרבעטער האָבן זיך פּלוצים אויפגעהערט אומצוקוקן אויף גוטע מאַניערן.

עס איז אָבער געקומען אַ טאָג װען מען האָט די זאַך שוין לענגער נישט געקענט האַלטן בסוד.

די גאַנצע װעלט, בוכשטעבלעך די גאַנצע װעלט, האָט זיך עס דערװוּסט, װייל די טעלעגראַפן דראָטן האָבן די ידיעה צע־

טראָגן אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער ציוויליזירטער וועלט.

דער נאַפט־קוואַל פון פּראָספּעקט־הייל איז געווען דער גרעסטער פון אַלע, וועלכע די געשיכטע פון דרום־קאַליפאָרניען האָט געקענט.

די גאַנצע אײַנגעווייד פון דער ערד ־האָט אויסגעזען אַרויסצושיסן פון דערדאָזיקער לאָך, בריִלנדיק און רוישנדיק ווי די ניאַגאַראַ.

אַ שוואַרצער זײַל האָט אַרויסגעשאָסן אין דער לופט אויף אַ הויך פון צוויי הונדערט, דרײַהונדערט פוס, און צוריק אַראָפּגעשטירצט אויף דער ערד, אַ דיקער מאַסע פון אַ שוואַרצער, שליימיקער און פעטער פליסיקייט.

ער האָט צעשליידערט די ווערקצײַג און די שווערע אינ־סטרומענטן אויף אַלע זײַטן, אַזוי, אַז די מענטשן האָבן זיך געמוזט צעלויפן, כּדי צו ראַטעווען זייער לעבן. ער האָט אָנ־געפולט דעם באַסיין און איבערגייענדיק אים אַראָפּגעשטראָמט פונעם בערגל.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצער נעפּל, אײַנגעהילט קלוווערס הויז און די פּרויען צעטריבן איבער די ריבנפעלדער. שפּעטער האָט מען עס מיט האַמעריִשן געלעכטער אי־בערדערציילט. ווי די דאָזיקע פרויען האָבן געיאָמערט איבער זייערע קליידער און פאַרהאַנגען, וועלכע זענען געוואָרן אַ תּל דורך דעם מיליאָנען־דאָלאַרן־טײַך פון „שוואַרצן גאָלד".

דער טעלעפאָן האָט די ידיעה איבערגעגעבן קיין ביטש סיטי, די צײַטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט ביולעטינס, וועלכע מען האָט צעכאַפּט אין די גאַסן. אין עטלעכע טעג זענען די גאַסן וועלכע האָבן געפירט קיין פּראָספּעקט־היל געווען שוואַרץ פון אויטאָס.

אַ פופצן טויזנט מענטשן זענען געשטאַנען אויף אַ זיכע־רער ווייט פונם נאַפט קוואַל, פּאָליציי האָט געדאַרפט צעטרייבן דעם עולם און געהאַלטן אין איין שרייען: נישט אָנצינדן, קיין פייער! נישט אָנצינדן קיין פייער!"

די גאַנצע נאַכט זענען די דאָזיקע ווערטער געהערט געוואָרן ווי פון אַ כאָר אויסגעצויגן, אַלע האָבן תּופֿס געווען די געפֿאַר: אַן אידיאָט קען ערגעץ פון צעשטרייטיקייט אָנצינדן אַ פּאַפּעראָס, דאַן פלאַמט אויף דאָס גאַנצע בערגל.

אפילו אַ שיך-טשוואָק, אָנקלאַפּנדיק זיך אָן אַ שטיין, אָדער אַ משא אויטאָ מיט זיינע נישט באַשלאָגענע רייפן, קענען אויך פאַראורזאַכן אַן אומגליק.

עס איז פאָרגעקומען זייער אָפט, אַז אַ נאַפטקוואַל האָט זיך אָנגעצינדן.

און די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צענויפזאַמלען אַלץ מער און מער.

פאַר די שטיקלעך ערד האָט מען אָנגעבאָטן לעגענדאַרע פרייזן, עטלעכע זענען אויף פאַרקויפט געוואָרן. עס האָבן זיך געשלאָסן אָפּמאַכן, געזעלשאַפטן האָבן זיך געגרינדערט און עס זענען פאַרקויפט געוואָרן אַקציעס.

די סוחרים האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך דער מאַסע אויף אַ זיכער אָרט, וווּ מען האָט געקאָנט אָנצינדן אַ שוועבעלע און זען דאָס פּנים פונעם קויפער. דאָרט האָבן זיי אויף דער גיך אָנגעוואָרפן אויף אַ שטיק פּאַפּיר דעם טעקסט פונעם אָפּמאַך.

אַזוי איז דער האַנדל געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, אויף צו מאָרגנס זענען גרויסע געצעלטן אויפגעשטעלט געוואָרן, און די קרויטפעלדער זענען געוואָרן אויסגעפּוצט מיט רויטע און שוואַרצע שילדן: „ביטש-קאָאָפּעראַטיוו נומער 1" „סקיט-סינדיקאַט נומער 1 צענטויזנט פאַיען צו 10 דאָלאַר".

דערווייל זענען די אַרבעטער אַרומגעלאָפן ווי משוגענע, כּדי דעם נאַפט טייך איינצוהאַלטן.

זיי האָבן אַרומגעשוועבט אַהין און אַהער פאַרבלענדעטע פון דעם שוואַרצן שטראָם, נישט געפונענדיק קיין אָרט, ווי זיך אויסצוראַטעווען, גאָרנישט, ווי זיי זאָלן זיך קענען האַלטן, ווייל אַלץ איז געווען גליטשיק, אַלץ האָט געשטראָמט מיט פעטס.

מען האָט געאַרבעט אין דער פינסטער, אָנטאַפּנדיק נאָר דאָס געבריל פונם נאַטשאַלניק, וואָס האָט איינעם אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין, און דעם אַנדערן איבערגעקערט, האָט פאַרראַטן ווו מען געפונט זיך.

מען האָט געאַרבעט מיט אַלע כּחות, ווייל מען האָט אויסגעשטעלט פּרעמיעס, פופציק דאָלאַר פאַר יעדן מאַן, און הונדערט דאָלאַר, אין פאַל ווען מען וועט אים איינשטילן פאַר צען אין אָוונט.

קיינער האָט עס נישט געקאָנט באַרעכענען וויפל רייכטום עס גייט איצט צו גרונט, זיכער טויזנט דאָלאַר אין יעדער מינוט.

דורך אומפאָרזיכטיקייט איז אים געפּלאַצט דער באַראַבאַן אין ביידע אויערן.

„ער האָט געפרווט דעם שטראָם מיטן קאָפּ צו פאַרהאַלטן"—האָט דערקלערט גלייכגילטיק איינער פון די אַרבעטער אין פאַרלויף פון די גאַנטסטע וואָכן איז דער אייגנטימער פון דעם גרונטשטיק געוויער געוואָרן, אַז קענען אים זענען פאַרפירט געוואָרן צווייאונפערציק פּראָצעסן: פאַר דעם צעשעדיקונג פון וווינונגען, קליידער, הינער, ציגן, בהמות, קרויט, ריבן און אויטאָס, וועלכע האָבן פון אַלע פעטע, און אייל אויסגעשמירטע גאַסן, זיך אַריינגעגליטשט אין די גרובן.

# II

דאָס הויז נומער 5746 אויף לאָס־ראָבלס־בולוואַר האָט געהערט צו זשאָע קראָאַטרי, דעם נאַכטוועכטער פון דער אַלטמאַן־בויהאָלץ־געזעלשאַפט פון ביטש־סיטי.

די פרוי קראָאַטרי האָט פריער זיך פאַרנומען מיט וועשעריי, כדי אירע זיבן קינדער צו דערנערן. פון דער צייט אָבער וואָס זיי זענען אויסגעוואַקסן און זיך צעשפּרייט אויף אַלע עקן וועלט, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט האָדעווען קראָליקלעך און הינער, אממייסטן איז זשאָע זעקס אַ זייגער אַוועקגעגאַנגען אויף דער אַרבעט.

דעם דריטן טאָג נאָך דעם אויסגעפונענעם נאַפטקוואַל האָט ער דאָך געפונען אין זיך גענוג מוט זיך אָפּצוזאָגן פון דער שטעלע.

איז ער איצט געשטאַנען פאַר דעם הויז, אַ שטילער, גרויהאָריקער פאַרשוין, אין אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ צעלולאָידן־קראַגן און שוואַרצן קראַוואַט, וועלכן ער פלעגט טראָגן יעדן זונטיק און פרייטיק, אויף אַלע חתונות און אויף אַלע לויות.

פרוי קראָאַטרי האָט נישט געהאַט קיין פאַסיקע קליידונג, איז זי דעריבער געפאָרן מיטן מאַן אין אַ פאָרד־אויטאָ אין שטאָט אַריין און אויסגעגעבן אַ טייל פון איר פאַרויסגעזעענעם נאַפט פּראָפיט אויף אַ געל זיידענעם אונטערקלייד.

באַר זי האָט זיך געפּילט אין דעם אומבאַקוועם, אַזוי פון אויבן, ווו עס האָבן זיך אַרויסגעזען די הענט און דעם בוזעם, אַזוי פון אונטן, ווו עס האָבן אַרויסגעקוקט די פּעטע, מיט זייַדענע זאָקן צוגעדעקטע ליטקעס, ווייל גאָר ווייניק זענען געווען ענלעך אָנגעטון צו איר,

די זאָקן זענען געווען אַזוי דורכזיכטיק, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פיס זענען אינגאַנצן נאַקעט, אָבער די סוחר-טע ווו זי האָט זיי געקויפט, האָט געשווירן, אַז „מען טראָגט" אַזוי, און פרוי קראָאַטרי האָט בייז אַנטשלאָסן, אַז פון הייַנט אָן וועט זי ווירקלעך צו דעם דאָזיקן „מען" געהערן.

דאָס הויז נהאָט געהאַט דעם געווייַנלעכן בונגאַלאָו-סטיל און איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערד שפּעקולאַציע פון איינער אַ פאַרמעגלעכע פאַמיליע.

מען האָט עס דעמאָלס ביליק פאַרקויפט און פרוי קראָאַטרי האָט זיך אין דעם וווּנדערלעכן הויז פאַרליבט. די פאַמיליע קראָאַטרי האָט דאָס הויז אויסגעצאָלט אין ראַטעס צו דרייסיק דאָלאַר אַ מאָנאַט.

זיי האָבן געהאַט אַ קאָנטראַקט, און היות, ווי זיי האָבן אויך די ראַטעס געצאָלט פּינקטלעך, אַזוי האָבן זיי זיך מיטן הויז געפילט זיכער.

האָט מען באַטראַכט דאָס הויז, אַזוי האָט צום אַלעם ערשטן זיך געוואָרפן אין אויג די אויסערגעוויינלעך שטאַרקע פּאָליטור. כדי צו פאַרשטאַרקן נאָך דעם דאָזיקן אייַנדרוק, האָט דער מאָלער דעמבענע אימיטירט, און אויף דעם האָלץ אויסגעמאָלט צענער טויזנטער קרומע ליניעס. דער קאמען איז באַשטאַנען פון פאַרביקע שטיינער. שטאַרק פּאָליטורט און גלאַנצנדיק ווי טייערע שטיינער.

אינם הינטערגרונט פונם פעדערשטן צימער, זענען געווען הילצערנע טרעפּ אויך מיט שטאַרק אָפּגעפּאָליטורטע גלאַנציקע אָנלייענס.

די טרעפּ זענען געווען געדרייטע און אינמיטן איז גע-

שטאַנען אַ פֿאַלמע, מען האָט געקענט זען הונדערט מאָל אין דעם הויז און זיין איבערצייגט, אַז די טרעפּ זענען גלייך צו אַלע אַנדערע טרעפּ, און אַז זיי פֿירן אויף דעם צווייטן שטאָק. האָט מען אָבער באַטראַכט דאָס הויז פֿון דרויסן, אַזוי האָט מען געזען, אַז עס האָט אַ פֿלאַכן דאַך און באַשטייט נאָר פֿון איין שטאָק.

געטריבן פֿון נייגעריקייט איז מען נאָכאַמאָל אַריין אין דעם הויז, כּדי פּונקטלעך צו באַטראַכטן די טרעפּ און ערשט דעמאָלט האָט מען געזען, אַז די טרעפּ פֿירן אין ערגעץ נישט און אַז זיי עקזיסטירן נאָר צוליב שײנקייט.

פֿרוי קראַאַטרי איז געשטאַנען פֿאַר דעם מיטל טיש פֿון דעם צימער און אָפּגעוואַרט די געסט.

אויף דעם טיש איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט רויזן: דאַנעבן האָט באַלויכטן פֿונם עלעקטרישן ליכט, איז געלעגן אַ בוך געבונדן אין בלאָען זייד, אויף וועלכן עס איז געווען אויפֿגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: „דער בעל-יועץ פֿון דער פֿרוי: אַ פּראַקטישע לערבוך פֿון פֿאָרנעמענהייט”.

עס איז געווען דאָס איינציקע בוך אינם הויז און געלעגן איז עס דאָ ערשט דעם צווייטן טאָג.

אַן אינטעליגענטער סוחר פֿון דעם געשעפֿט האָט נאָכדעם פֿאַרקויפֿן דאָס געלע זיידענע קלייד דער „נאַפּט-קעניגין” צו איר פֿאַרגעלייגט אויך צו קויפֿן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס געפֿינט זיך ביי אים; פֿרוי קראַאַטרי האָט געשטודירט דאָס דאָזיקע בוך אין די פֿרייע מינוטן און אַלס צייכן פֿון קולטור אַוועקגעלייגט עס אויף דעם טיש פֿונם צימער.

אַלס ערשטער גאַסט איז דערשינען די אַלמנה מורכיי, וועלכע האָט געוווינט מיט אירע צוויי קינדער אין אַ קליין שטיבל אויף דעם צווייטן עק פֿון דעם צירקל. זי איז געווען צאַרט און שטענדיק אין געטראָגן אַ קלייד מיט לאַנגע שוואַרצע אַרבל.

פֿון קראַאַטריס טואַלעט איז זי געווען אַנטציקט און איר געוווּנטשן, אַז זי זאָל וווינען אויף דעם דרומדיקן אַראָפּהאַנג

פון דעם בערגל, ווי מען טראָגט אַזעלכע קליידער.

אויף דער צפונדיקער זייט, וווּ דער ווינט האָט געטריבן דעם נאַפט, האָט מען יעדעס מאָל, ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, זיך געמאַכט אַ תּל פון די שיך.

אַ סך מענטשן האָבן זיך אפילו נישט געוואַגט קיין פּייער צו מאַכן אינם אויוון, מוראהאָבנדיק פאַר אַן אויפרייס.

דערנאָך זענען געקומען די וואַלטער בלעקס; דער דהער און די פרוי בלעק מיט זייערן אַ דערוואַקסענעם זון, וועלכער זענען געווען די באַפעלבאַטים פון דעם דרומדיקן טייל. זיי האָבן אויך געהאַט ערד אין דער שטאָט.

הער בלעק האָט געטראָגן אַ געקעסטלטן אַנצוג און אין דעם קייטל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף זיין קיילעכדיקן בויך אַ „מזלדיק־קעלבל". די פרוי בלעק אויך אַ קיילעכדיקע, האָט אין דער היים אויך געהאַט אַזעלכע שיינע קליידער, ווי פרוי קראַטרי, דאָך האָט מען פון אירע מאַניערן געזען אַז זי האָט עס נישט בויטיק זיי אָנצוטון ערגעץ אויף אַ קרויטפעלד.

נאָך זי איז געקומען הער דומפּערי וועלכער האָט בשכנות מיט קראַטרי אויף דער עלדאָראַדע גאַס באַזיצט אַ קליין וווינונג. הער דומפּערי איז געווען אַ קליינ ר מאַן מיט איינגעבויגענע פּלייצעס און מיט פון פיל אַרבעט אויסגעקרימטע הענט.

ער האָט זיך זייער שלעכט פאַרשטאַנען אויף רעכנונגען, און דאָס נייעס וואָס איז פּלוצים אויסגעבראָכן געוואָרן איבער אים, האָט אים אינגאַנצן דערקלאַפּט.

באַלד זענען אויך דערשינען די רעטלס, אַן אויסערגעוויינלעך אָנגעזעענע פּאָר.

זיי האָבן שטאַרק געוואָלט מיט אַלע מענטשן צו זיין גוט און זענען געווען שטאַרק געערגערט ווען דאָס האָט זי זיך נישט איינגעגעבן.

אויך זיי האָבן באַזיצן אַ קליין שטיקל גרונט.

עס איז אויך געקומען הער האַנק, אַ דאַרער מאַן מיט אַ פּנים ענלעך צו אַ האַק און מיט נישט קיין אָנגענעמער שטימע.

איס האָט אָנגעהערט דאָס בשכנותדיקע שטיקל און ער האָט זיך געהאַלטן, ווייל ער איז געווען אַ גאָלדגרעבער, פאַר אַ מומחה אויך אין דער נאַפט עקספּלאָטאַציע.

נאָך איס איז געקומען זיין פריינט הער דיבל, דער אַד־וואָקאַט, וועלכער האָט פאַרטרעטן דעם אייגנטימער פון דער צפונמערבדיקער טייל; הער דיבל האָט זיך געמאַכט נישט באַ־ליבט, ווייל ער האָט באַזיגט די אַלע טעכנישע איינצלהייטן, אויף וועלכער נאָר אַן אַדוואָקאַט פאַרשטייט זיך.

אויסער דעם האָט ער געטון אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך, כדי אָפּצוטיילן דעם צפונדיקן טייל פון דעם דרומדיקן און איז דערפאַר פון די איינוווינער פון דעם דרומדיקן טייל געוואָרן באַ־טראַכט אַלץ פאַררעטער.

דער נעכסטער גאַסט, הער גאָלטי האָט געהערט צו די באַזיצערס פון דעם מיטלדיקסטן טייל.

קיינער האָט נישט געוווסט זיין באַשעפטיקונג, נאָר מיט זיין קליידונג און האַלטן זיך האָט ער אויף אַלע געמאַכט אַן איינדרוק, ער איז געווען אַ שלוממאַכער און גערעדט מיט אַ סך מיט אַ ווייכער און גלאַטער שטימע.

דאָס אומגליק איז נאָר געווען וואָס ווען ער איז שטילגע־וואָרן, איז מען געבליבן אַזוי קלוג ווי פריער.

אַ גרויסער אויטאָ האָט געבראַכט די בראַמילס, אַ פאַרמעג־לעך עלטער פּאָר.

זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך די לאַלקעס, צוויי קליינע יידישע שניידער, מיט וועלכע זיי האָבן פריער גערעדט נאָר אין שניידער־ווערקשטאַט.

נאָך די דאָזיקע אויסלענדער האָבן באַזיצן צוויי פּלעצער פון מיטעלען גרויס און מיט זיי צוזאַמען האָבן די בראַמילס געהאַט שוין גענוג פּלאַץ אויפצושטעלן אַ בויערטורם.

די סיוואָנס זענען געקומען צו פיס פון זייער הויז פון צפון זייט; זיי האָבן קיין גרונט נישט געהאַט, דערצו נאָך האָבן זיי געהאַט אַ צווייטקלאַסיקן אויטאָ, וועלכער איז שוין אַלט גע־ווען דריי יאָר. מיט זיי איז געקומען הער סאַם, וועלכער ד־האָט

געווינט אין אַ גאַראַזש נעבן די סיוואָנס. זיין היים איז גאָר קיין ריכטיק הויז נישט געווען און דערפאַר טאַקע האָט ער ענערגישער פון אַלע געפאָדערט, אַז הייזער זאָלן אויסגעשטעלט ווערן אויף די קאָסטן פונם צוקונפטיקן ארענדאַטאר. יאָ, ער האָט אפילו געפאָדערט אַנטשעדיקונג פאַר די פאַרפלאַנצטע ביבלעך און פאָמידאָרן.

די אַנדערע האָבן אים געוואָלט איבערשרייען, נאָר דאָ האָט זיך צו אַלעמענס דערשטוינען אויפגעהויבן דער שטילער הער דומפערי, דער צעסליער און דערקלערט אַז די פאָדערונג פונם רעדנער איז אַ גערעכטע.

ער אַליין האָט אויך זיבן בייטן מיט תבואה און ביבלעך און ער איז דער מיינונג, אַז יעדער אָפמאַך מוז אַנטהאַלטן א פונקט אַז דאָס בויערן זאָל צוערשט פאָרקומען אויף אַזעלכע ערטער, וועלכע זענען נישט פאַרפלאַנצט, כדי די גערטנער זאָלן נאָך האָבן צייט דעם פראָפיט פון זייער הארעוואַניע אַרויסצונעמען.

## III

דער זייגער איז געווען זיבן דרייסיק, די שעה אויף וועל־כער מען האָט אָפּגערעדט זיך צוזאַמענצוקומען.

אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט, יעדער האָט געוואַרט דערויף אַז דער צווייטער זאָל אָנהייבן.

ענדלעך האָט זיך אויפגעהויבן איינער אַ פּאַרעמדער, אַ הויכער מאַן מיט אַ פּאַמעלעכער שטים און זיך פאָרגעשטעלט אַלס הער פ. ט. מעריוועטער, דער אַדוואָקאַט פון דער פאַמיליע גלעק, דער באַזיצער פונם דרוממערבדיקן עק.

זיינע קליענטן, לויט זיין עצה, וואָלטן פאַרלאַנגט אַ קליינע ענדערונג אינם אָרענדע אָפּמאַך.

„אַן ענדערונג אינם אָרענדע אָפּמאַך?" דער ענלעכע אויף אַ האָק הער האנק איז אויפגעשפּרונגען, „מיר האָבן דאָך שוין אַלע מסכים געווען אַז קיין שום ענדערונגען זאָלן שוין מער נישט פאָרקומען?"

„עס האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ קלייניקייט הער...

„הער ראָס וועט אין איין פערטל שעה דאָ זיין כדי דעם אָפּמאַך אונטערצוחתמענען."

„עס האַנדלט זיך נאָר אין אַ דעטאַל, וועלכער קען אין פינף מינוט ווערן דערלעדיקט."

אַ פיינלעך שווייגן דערנאָך: „און וועלכע ענדערונג פאַר־לאַנגט איר?"

„עס זאָל אויסדריקלעך ווערן דערקלערט, אַז ביי דער אויסרעכנונג פון די דיווידענע פּאָרדינסטן פון יעדער חלק זאָל געלעגט ווערן אַכט אויף די געזעצלעכע פּאָרשריפטן, לויט וועלכע מען האָט רעכט צו בויערן ביז אין מיט פון דער גרענעצנדיקער זיך גאַס.”

—„וואָס?”

אויגן און מיילער האָבן זיך געעפנט; עס האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן אַ ברומען.

„פונוואַנען נעמט איר אַרויס די דאָזיקע פּאָדערונג אייערע” האָט אויסגערופן הער האַנק.

„פון די געזעצן פונם קאַליפאָרנישן שטאַט.”

„מיט דעם פּונקט שטים איך נישט איין!”—אַ כאָר פון שטימען האָט אונטערשטיצט דעם הער האַנק.—„געוויס נישט ווער האָט עפּעס געהערט אַזאַ זאַך? לעכערלעך!”

„איך דערקלער אין נאָמען פון דער מערהייט:”—האָט אָנגעהויבן דער אַלטער הער בראָמליי,—„אַז מיר שטימען דערמיט נישט איין, מיר ווילן, אַז אונדזערע חלקים זאָלן ווערן אַזוי אויסגעמאָטקן, ווי זיי זענען פאַרצייכנט אויף דער לאַנדקאַרטע פון דער געזעלשאַפט.”

„געוויס, געוויס!”—האָט אויסגערופן די פרוי קראָאַטרי.

„איך גלויב, פרוי קראָאַטרי,”—האָט זיך אָנגערופן הער דיבל דער אַדוואָקאַט,—„אַז אַ דאַנק דעם, וואָס איר קענט נישט די נאַפּט-געזעצן פון דעם שטאַט, האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ אומגליקלעכער טעות. די געזעצן פון דעם שטאַט זענען איינדייטיק.”

„זעלבסטפאַרשטענדלעך!”—האָט אויסגערופן פרוי קראָאַטרי.—

„איר דאַרפט אונדז גאָרנישט מיטטיילן אייער מיינונג; מיר ווייסן אַלע אַז איר באַזיצט אַן עק-חלק און אַז די עק-חלקים זענען דאָפּלט אַזויפיל די ווערט.”

„אַזוי שלעכט איז עס נאָך נישט, פרוי קראָאַטרי, פאַרגעסט נאָר נישט אַז אייער אייגענער חלק שפּרייט זיך אויס ביז צו דער מיט פון לאָס-ראָבל-בולוואַר און האָט אַכציק פיס די ברייט.”

„יאָ, אָבער אייער חלק וועט זיך אויסער דעם זיין ביז צו דער מיט פון דער נעבנגאַס.״

„יאָ, פרוי קראַאָטרי, אָבער די על צענטראָ עוועניו האָט נאָר זעכציק פיס די ברייט.״

„דאָס הייסט אַז איר האָט אייער חלק אויף פינפאונצוואַנציק פיס פאַרגרעסערט אַנשטאָט די פינפאונזעכציק, ווי מיר האָבן עס דערוואַרטעט דעמאָלט ווען מיר האָבן איינגעשטימט אַז די וואָס פאַרמאָגן גרעסערע חלקים, זאָלן האָבן גרעסערע פּאַיען.״

„און דאָס ווילט איר מיר זאָלן אונטערשרייבן! האָט גע־ברילט דער הער האַנק.—„אויף אַזאַ אָרט ווילט איר אונדז אַריינפּאַקן!״

„מיינע הערן, מיינע הערן!״— האָט זיך דערהערט די שטים פון קאַליטן, דעם שלוםמאַכער.

„מיר ווילן זיך די זאַך איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן״.— האָט געמיינט אַבע לאַלקער, דער שניידער—„די עלדאַראַדע גאַס איז נישט אַזוי ברייט ווי דער לאָס-ראָבל-בולוואַר, דעם פאַר האָבן מיר אין מזרח זייט, באַקומען ווייניקער געלט פון די אַנ־דערע.

„דער אונטערשייד איז אַ קליינער״—האָט אַריינגעוואָרפן הער מעריוועטער—„איר קענט אויסרעכענען דאָס...״

„געוויס קען איך אויסרעכענען. אָבער אויב דער אונטער־שיד איז אַזאַ קליינער צו וואָס מאַכן צו נישט דעם אָפּמאַך?״

„איינס קען איך אייך שוין זאָגן״—האָט הער האַנק גע־ברילט—דעם אָפּמאַך וועל איך נישט אונטערשרייבן״!

„איך אויך נישט״—האָט דערקלערט די פריילן סניפּ, די קראַנקנשוועסטער, אַן ענערגישע יונגע דאַמע, מיט ברילן. — „איך געפון אויס, אַז מיר די אייגנטימער פון די קליינע חלקים, האָבן זיך שוין גענוג געלאָזט פּאַלן״.

„איך געפון איין״,—האָט געזאָגט הער האַנק,—אַז מיר זאָלן זיך האַלטן ביי דעם ערשטן פאַרנונפטיקן אָפּמאַך, נעמלעך אַז מיר זענען אַלע גלייכמעסיק באַטייליקט״.

„איך וויל אויך עפּעס אָנווייזן, הער האַנק״ — האָט זיך

אָנגערופן הער דיבל אויסערגעוויינלעך שטאָלץ,—„אויב איך בין נאָר ריכטיק אינפאָרמירט, אַזוי באַזיצט איר איינעם פון די קלענסטע חלקים בשכנות מיט דער נעבנגאַס"

„יאָ".

האָט איר אויך גענומען און באַטראַכט, אַז אייך קומט צו לויטן געזעץ נאָך פופצן פּיס? דורך דעם ווערט אייער חלק גרעסער פון די מיטלסדיקע דורכשניט חלקים".

הער האנק האָט געמאַכט אַ דערשטוינט געזיכט, אָה!"

„און אונדזערע קליינע חלקים וועלכע ליגן נישט ביי דער גאַס?"—האָט אויסגערופן די פרוי קעיט,—„וואָס וועט זיין מיט מיין מאַן און מיט מיר?"

די פרוי קראָטרי האָט זיך הויך צעלאַכט.

„אָה! אָה! דאָס איז געוויס עטוואָס אַנדערש, איצט זעען די מיטלסטע חלקים באַצאָלהט. מיר, וואָס מיר מאַכן אויס די העלפט פון דעם גאַנצן באָדן-באַזיץ".

„מיר ווייזט אויס, אַז מיר זענען שוין אַריינגעפאַלן"—האָט געזאָגט הער כאָס—„מיר ווייסן שוין גאָרנישט מער, וווהין מיר געהערן".

ווי די אַלע איבעריקע מענער אין דער שטוב, האָט אויך ער געהאַט אַ בליישטיפט אין דער האַנט און אַ שטיק פּאַפּיר פאַר זיך. ער האָט געפרוווט די נייע איינטיילונג צו באַרעכנען.

אָבער וואָס מער ער האָט גערעכנט אַלץ מער קאָמפּלי־קאַציעס האָט ער אַנטדעקט.

# IV

די וואָלטער בראָנס זענען געפֿאַלן די ערשטע אויף דער המצאה צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינעם אָפּמאַך. צוויי, דריי חלקים וואָלטן אויך געווען גענוג אויף אַ בויערטורם, דאָך פֿאַר אַן ערלעכע אַרענדע וואָלט מען געקענט קריגן נאָר אַ קליינעם קאָנצעסיאָנער, און עס איז געווען אַ סכנה אַריינצופֿאַלן צו אַ שפּעקוליאַנט אין די הענט, וועלכער זייענדיק אויסגענוצט פֿון אַ סינדיקאַט, וואָלט עס ווייטער פֿאַרקויפֿט אין פּאַיען, אָדער זיין געבונדן דורך אַ פֿעלערהאַפֿטער אָפּמאַך פֿון די איבעריקע, מוזן צוזען ווי אַנדערע מענטשן עקספּלאָאַטירן דעם נאַפֿט פֿון דעם באָדן.

ניין, דאָס ריכטיקסטע וואָלט געווען, אַז עס זאָל זיך שאַפֿן אַ בלאָק, דעמאָלט וועט זיין גענוג פּלאַץ פֿאַר אַ האַלב טוץ בויערטורעמס און מען וועט קענען אונטערהאַנדלען מיט איינער פֿון די גרעסטע געזעלשאַפֿטן, עס וועט שנעל ווערן געבויערט און וואָס עס איז וויכטיקער פֿון אַלץ, מען וועט זיין זיכער מיט פֿאַרדינסט.

נאָך פֿיל מי, דראָונגען, חניפֿות, אונטערהאַנדלונגען, דינגען זיך און אינטריגירן זענען די באַזיצער פֿון די פּיאָנצוואַנ-

ציק חלקים זיך צונויפגעקומען ביי קראַטריס. מענער און פרויען, און אונטערגעשריבן דעם אַלגעמיינעם אָפּמאַך, פאַרפליכטנדיק זיך נישט אונטערצוהאַנדלען באַזונדער.

דער דאָקומענט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין קרייז-אַרכיוו און פון דעמאָלט אָן איז די באַטייליקטע געוואָרן פון טאָג צו טאָג קלאָרער, וואָס זיי אַליין האָבן זיך אָפּגעטון.

זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין צוזאַמען, און פון דעם טאָג איז שוין נישט געווען קיין איין זאַך איבער וועלכע זיי זאָלן זיין איינציק.

זיי פלעגן זיך צונויפקומען צוזאַמען יעדן אָוונט אַרום זיבן אַ זייגער און זיך אַרומגעריסן ביז האַלבע נאַכט, אָדער אַמאָל נאָך לענגער.

דערנאָך האָבן זיי זיך אויפגערעגטע אַהיימגעקערט און נישט געקענט אנטשלאָפן ווערן.

זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע געשעפטן, זייער הויזווירטשאַפט, דאָס באַגיסן די גערטנדלעך נעבן די שטובער — וואָרום וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו אַרבעטן ווי אַ הונט, אַז אָט באַלד דאַרף מען רייך ווערן? זיי האָבן אויך אָפּגעהאַלטן מינדערהייטסזיצונגען, געגילדעט פראַקציעס, געגעבן צוזאָגן, וועלכע זיי האָבן מער אָדער ווייניקער געבראָכן און געהיים.

זייער מענטשלעכע נאַטור האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס גרויסע גליק, אַ פייער פון גיריקייט האָט זיך צעברענט אין זייער האַרץ און אין זיין אויסגליענדיקן פלאַם איז צעשמאָלצן געוואָרן יעדער פרינציפּ, יעדער געזעץ.

די אַרענדע מעקלערס האָבן פאַרפאָלגט זייערע שפּורן, באַלאַגערט זייערע שטובער, טעלעפאָנירט, נאָכגעיאָגט זיי מיט די אויטאָס.

דאָך האָט יעדער נייער אָנבאָט געבראַכט אַנשטאָט באַפרידיקונג, נאָך נייע זאָרגן, מיסטרויען און האַס.

האָט עמעצער געהאַלטן אין אָנבאָטן זיין אַן אַפּערטע, אַזוי איז ער שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ זיכערן שווינדלער

און ווער עס איז געווען דערפאַר, דעם האָט מען באַטראַכט פאַר זיין מיטהעלפער. יעדער איינער פון זיי האָט זיך באַקענט מיט אַלערליי שווינדלערייען און פאַררעטערייען. אפילו דער אָרעמער און שטילער הער דומפערי, דער צעסליער, איז אויך אַמאָל אין אַן אָוונט, ווען ער האָט זיך אַ מידער, מיט צעוויי־טיקטע פינגער און צעבראָכענעם רוקן אַהיים געשלעפּט — ער האָט אַ פּאָר טויזנט נעגל אין אַ דאַך אַריינגעשלאָגן—געוואָרן אויפגעהאַלטן פון אַ מאַן, וועלכער איז אַדורכגעפאָרן אין אַ פּרעכטיקן אויטאָ.

„שטייגט איין, הער דומפערן"—האָט געזאָגט דער מאַן—„אַ שיינער אויטאָ, אמת? וואָלט אייך געווען אַנגענעם ווען איך שטייג אויס און לאָז אייך איבער אין דעם דאָזיקן אויטאָ? איך וואָלט עס גערן געטון, ווען איר זאָלט קענען צורעדן איי־ער גרופּע, אַז זי זאָל שליסן אַן אָפּמאַך מיט דעם קוטש־סינדיקאַט."

„אַה, ניין". - האָט אָפּגעענטפערט הער דומפערי—דאָס קען איך נישט, איך האָב צוגעזאָגט דער פריילן סניפּ צו שטעלן זיך פאַר דעם פּלאַן מיט דער אָענס."

„דאָס איז דערלעדיקט. איך האָב ווירקלעך שוין איבער־גערעדט מיט דער פריילן סניפּ, און זי איז אויך גרייט אָנצו־נעמען אַן אויטאָ".

אַזוי האָבן זיך אַלע געפונען אין אַ היסטערישן צושטאַנד ווען די האָפענונג האָט פּלוצים אויפגעלויכטן: מאַן און פרוי סיוואַן דהאָבן געבראַכט די אָפּערטע פון איינעם אַ מענטשן מיטן נאָמען סקוט, דער פּאַרטרעטער פון י. אַרנאָלד ראָס, דער בעסטער אָנבאָט פון די אַלע, וועלכע זענען ביז אַהער דער־האַלטן געוואָרן: טויזנט דאָלאַר פאַר יעדן חלק, אַ פערטל פונם פּראָפיט און אַ פאַרפליכטונג ביז דרייסיק טאָג אָנהייבן די אַר־בעט. ווען די פאַרפליכטונג נישט געהאַלטן ווערן, אַזוי באַקומט יעדער נאָך צו טויזנט דאָלאַר, וועלכע וועלן ווערן איינגעלעגט אין אַ באַנק.

אַלע האָבן געוווּסט פון י. אַרנאָלד ראָס, די דאָרטיקע צײַטונגען האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן, אַז אַ גרויסער מאַן האָט באַטרעטן דאָס פּראָספּעקט-הייל-פעלד.

זיי האָבן אויך געגעבן זײַן בילד אין אַ קורצע ביאָגראַפיע.

ער איז דער טיפּישער אַמעריקאַנער, אַרויסגעשוווּמען פון די ברייטע מאַסן, דער רום פאַר דעם גרויסן לאַנד פון אומבאַגרענצטע מעגלעכקייטן.

הער סאַם, דער שטוקאַטור, הער דומפּערי, דער צעסליער, הער האַנק, דער גאָלד-גרעבער און קראָאַטרי, דער נאַכט-וועכטער, אַזוי אויך הער רעטל, דער קאָנדיטאָר, און די דרערן לאַקער, די שניידער, האָבן דערפילט, ווי ביי דעם לייענען די שורות איז זיי געוואָרן וואַרעם אין האַרץ.

אַצט איז אויך זייער האָפענונג געקומען, איצט וועט אַמעריקע אויך פאַר זיי ווערן דאָס לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן!

עס איז נאָך פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף. די באַלעבאַטעם פון די גרעסערע און מיטעלערע חלקים האָבן באַשלאָסן גיין צוזאַמען: זיי האָבן געשטימט קעגן די קלענערע און האָבן דורכגעפירט אַ נייעם אָפּמאַך, לויט וועלכן די פאַרדינסטן וועלן זיין צעטיילט נאָך דער גרויס פון יעדער חלק.

דאַן האָבן זיי מיטגעטיילט דעם הער סקוט, אַז זיי זענען שוין גרייט אונטערצוהאַנדלען, און הער סקוט האָט דערקלערט, אַז דער גרויסער הער ראָס וועט זיך צוזאַמענטרעפן מיט זיי דעם צווייטן אָוונט אַ פערטל אויף אַכט, כדי דעם אָפּמאַך אונטערצושרייבן.

אין גראַד איצט, אין דער צייט אויף וועלכער מען האָט אָפּגעשטעלט, איז אַרויסגעטרעטן אַ נייע קאָמפּליקאַציע: די קלענערע חלקים האָבן זיך אַרויסגעוויזן אומדערוואַרטעט אין אַ בעסערער לאַגע ווי די מיטעלע.

דאָס געשעעניש האָט גורם געווען, אַז די פיר גרויסע חלקים און די פיר גרויסגעוואַקסענע קליינע חלקים זענען געווען

פאַרן שליסן דעם אָפּמאַך מיט י. אַרנאָלד ראָס, און די פיר קליינגעבליבענע קליינע חלקים און די צוועלף מיטעלע זענען געווען קעגן.

פריילן סניפּ רויט פון כּעס האָט געדראָט דעם הער האַנק מיטן פינגער.

„זייטזשע וויסן: איך וועל קיינמאָל נישט אונטערשרייבן מיין נאָמען אונטער דעם אָפּמאַך. קיינמאָל נישט!"

און הער האַנק האָט צוריק געבּרילט:

„זייט זשע איר אויך וויסן, אַז דאָס געריכט וועט אייך צווינגען זיך אונטערצושרייבן, ווייל די מערהייט איז דערפאַר".

און פרוי קראָאַטרי, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן דעם לערבוך פון פיין אויפהאַלטן זיך, האָט מיט אַ שטאַרער בייזקייט געקוקט אויף האַנקן און געביילט די פויסטן, גלייך ווי זי וואָלט אים געוואָלט ביי דעם האַלדז אָנכאַפּן.

„און איר זענט עס געווען דער, וועלכער האָט שטענדיק געפאָדערט די רעכט פון די קליינע חלקים! איר זענט עס געווען דערפאַר אַז אַלע זאָלן נעמען גלייכע חלקים! איר זענט אַ שלאַנג, זענט איר!"

אין אַזאַ שטימונג האָבן זיך אַלע געפונען, ווען פּלוצים איז יעדער קול פאַרשטומט געוואָרן, די געביילטע, הענט האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט און די צאָרנדיקע פּנימער זענען געוואָרן גלאַט. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר, אַ שאַרף, באַפעלעריש קלאַפּן: און יעדן איז איינציייטיק געקומען אויף דעם געדאַנק:

„י. אַרנאָלד ראָס!".

## V

ווייניק פון די אנוועזענדע וועלן לייענען ביכער איבער־עטיקעט. זיי אלע כמעט וועלן דאס לעבן פון דער פראקטיק לערנען — נו, איצט איז זיי אונטערגעקומען א געלעגנהייט, די בעסטע און באלערנדיקסטע פון אלע, וואס האט זיך זיי געקענט טרעפן. אזוי זענען זיי, צום ביישפיל, געוויר געווארן, אז א גרויסער מאן גייט אריין דער ערשטער אין צימער און זיינע מענטשן נאך אים. ווייטער האבן זיי געלערנט, אז א גרויסער מאן טראגט א מאיעסטעטישן מאנטל און שווייגט פארעקשנט ביז ער ווערט נישט פון זיינע מענטשן פארגעשטעלט.

„מיינע דאמען און הערן" — האט געזאגט דער אגענט סקוט, — „דאס איז הער י. ארנאלד ראס".

נאכדעם האט הער ראס פריינטלעך א שמייכל געטון צו דער גאנצער געזעלשאפט:

„א גוטן אוונט מיינע דאמען און הערן".

אייניקע זענען אויפגעשפרונגען און אים פארגעלעגט זייערע שטילן.

ער האט גלייך אויסגעוועלט איינע א גרויסע, כדי נישט צו פארלירן די צייט מיט פוסטע פראזן. ער האט נאר געוואלט אויפמערקזאם מאכן דער באלעבאסטע, ווי פיינלעך עס וואלט פאר איר נישט געווען אויף דעם מאנגל פון זיצערטער

היגטער אים איז געשטאַנען אַ צווייטער, אויך אַזאַ גרויסער מאַן.

„הער אַלסטאָן ד. פרענטיס"—האָט פאָרגעשטעלט הער סקוט, און די אַנוועזענדע זענען נאָך מער געוואָרן דערשטוינט, ווייל דער הער פרענטיס איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט פון אַנגל סיטי.

אַלס לעצטער איז אין שטוב אַריינגעקומען אַ ייִנגל, זעט אויס דער זון פונם הער ראָס.

אַ סך פון די אַנוועזנדע האָבן געהאַט קליינע ייִנגלעך, וועלכע וועלן איצט אויסוואַקסן נאַפּטמאַגנאַטן.

דעריבער האָבן זיי באַאָבאַכטעט דעם יינגן ראָס און דער פאַרן, אַז אַ פאַרנעמעס ייִנגל האַלט זיך נאָענט נעבן טאַטן, רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט, נאָר באַטראַכט אַלץ מיט לעבהאַפטע, שנעלבאַוועגלעכע אויגן. באַלד האָט זיך דאָס ייִנגל אַנידערגעזעצט אויף דעם פענצטערברעט און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט ווי אַ דערוואַקסנער.

פרוי קראַאַטרי האָט ביי די שכנים אויסגעבאָרגט אַלע פאַטעלן און כמעט אַלע פשוטע שטילן.

דאָך איז נאָך אַלץ געווען צו ווייניק, און דאָס בוך וועגן עטיקעט האָט גאָרנישט געזאָגט וואָס מען דאַרף אין אַזאַ פאַל טון,

אָבער די פשוטע מענער האָבן געלעזט דאָס פּראָבלעם גאַנץ גרינג, אַריינברענגענדיק פונם שטאַל עטלעכע קעסטלעך.

עס איז געווען גאַנץ גוט אויף זיי צו זיצן, און די געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעזעצט.

„נו, מענטשן"—האָט סקוט געפרעגט פרייגט'ען—איז ביי אייך אַלץ גרייט".

„ניין"—האָט געענטפערט האַנק מיט אַ זויערער שטים.— „מיר זענען נישט גרייט מיר, קענען נישט קומען צו קיין אויסגלייך צווישן זיך".

„וואָס?"—האָט אויסגערופן דער מעקלער—„איר האָט דאָך מיר געזאָגט אַז איר זענט שוין פאַרייניקט?"

„יאָ. אָבער איצט איז עס זיך ווידער צעפאַלן.‟

„וואָס איז דען געשען?‟

א האַלב טוץ מענטשן האָבן געפרווט דערקלערן וואָס עס איז געשען.

נאָר הער סאַמס שטים האָט אַלעמען איבערגעשריגן:

„עטלעכע מענטשן זענען געקומען אַהער מיט שלעכטע אַדוואָקאַטן, וועלכע גיבן אָן אַזעלכע זאַכן געזעצלעך, אויף וועלכע מיר קאָנען נישט איינגיין‟.

„נו, נו,‟—האָט הער סקופ חעפלעך אָפּגעענטפערט—„הער פּרענטיס איז אויך אַ גוטער אַדוואָקאַט. אפשר וועט ער קענען העלפן דעם ענין אויפצוקלערן.‟

א כאָר פון שטימען האָט איבערגעגעבן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען, בעגלייטנדיק דאַביי די דערקלערונגען מיט פּראָטעסטן פון איינצע,נע אויסדריקן.

דאַן האָט דערקלערט הער ראָס אַדוואָקאַט. אַז די אויסטייטשונג פונם געזעץ איז טאַקע ריכטיק, אַרענדעאָפּמאַך באַריקזיכטיקט טאַקע די מאָס פון די חלקים ביז אין מיט פון די גאַסן, ער זעט אָבער נישט קיין שום גרונט, פאַרוואָס מען זאָל זיך נישט קענען אַנדערש אָפּרעדן.

דערמיט איז נאָך געגאָסן געוואָרן איי[illegible] אויף דעם פייער, אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן זייערע רעכט, און די שנאה האָט זיך אַזוי צעפלאַקערט, אַז מען האָט אַפילו פאַרגעסן אין דער אַנוועזנהייט פון י. אַרנאָ[illegible]ד ראָס און פון דעם באַקאַנטן אַדוואָקאַט.

„איך האָב עס שוין געזאָגט איינמאָל און איך חזר עס איבער‟—האָט געברומט פריילן סניפ:

„קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!‟

„איר וועט שוין יאָ אונטערשרייבן, אַז מיר אַ[illegible]ע וועלן שטימען דערפאַר!‟—האָט געשריגן הער האַנק.

„אדרבה, פּרובירט!‟

„איך האָב אַן אַדוואָקאַט, זאָגט ער, אַז ער קען דעם אָפּמאַך ברעכן צו יעדער צייט.‟

„איך וויל צ̈דס אַן אַדוואָקאַט נאָר איינס זאָגן,"—דהאָט אַריינגעוואָרפן הער דילב,—און איך גלויב, אַז די הערן קאָלעגן פרענטיס און מעריוועטר וועלן דאָס מיר מודה זיין: דעם אַפּמאַך קען קיינער נישט ברעכן".

„אַם וויינטקסטן קענען מיר פּראָצעסירן,"—האָט געבריל̈ט הער סאַם,—„און פאַרשלעפּן דעם ענין אַ פּאָר יאָר, ביז דאָס געריכט וועט אנטשיידן".

„דאָס וועט אייך אַ סך נוצן ברענגען!"—האָט הער האַנק איראָניש געלאַכט.

„עס קומט אויס אויף איינעם, צי די, אָדער אַן אַנדערע רויבער-באַנדע וועט אונז באַנעמען—האָט דערקלערט די פריילן סניפּ.

„נו, נו," — האָט האַסטיק אַריינגעוואָרפן בען-סקוט,—איר ווילט דאָך נישט צוליב שנאה זיך אַליין שאָדן טון. וואָט דען נישט געווען בעסער, אַז איר זאָלט לאָזן דעם הער ראס אייך זאָגן זיינע פּלענער?"

„געוויס. מיר ווילן דעם הער ראָס הערן!"—האָט אויסגערופן הער קאָליטי.

און אַ כאָר פון שטימען האָט אים אונטערגעהאַלטן: זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז זיי ווילן צו̈ע דעם הער ראָס הערן.

אויב עס איז דאָ עפּעץ וואָס קען זיי ראַטעווען, אַזוי איז ער עס.

## יז

הער ראָס האָט זיך אויפגעהויבן לאַנגזאַם און ערנסט.

ער האָט פריער אויסגעטון דעם מאַנטל זאָרגפעלטיק עס צונויפגעלייגט און אָוועקגעלייגט נעבן זיך אויף דער שטיל, די פרויען האָבן דאָס גענומען אין אַכט, זיי האָבן באַשלאָסן אויף ווייטער נאָכצופאָלגן דעם דאָזיקן ביישפיל.

איצט איז ער געבליבן שטיין פאַר זיי, אַ קרעפטיקער מאַן מיט ערנסטע נאָר פריינטלעכע געזיכטסשטריכן און גערעדט צו זיי מיט אַ מילדן כמעט פאָטערלעכן טאָן.

הער י. אַרנאָלד ראָס האָט אַזוי געזאָגט:

„מיינע דאַמען און הערן, איך פיר אָן אַליין מיט דעם בויערן און די מענטשן וואָס אַרבעטן פאַר מיר, זענען אַלע אַזעלכע, וואָס איך קען זיי. איך לאָז נישט מיינע אינסטרומענטן אַריינפאַלן אין לאָך און דערנאָך פאַרלירן גאַנצע חדשים, כדי זיי אַרויסצובאַקומען. איך קראַץ נישט אָפּ דעם בעטאָן און לאָז נישט אַריינפליסן דאָס וואַסער אין לאָך, פון וואָס דער גאַנצער באָדן ווערט רואינירט. זייט וויסן: אַז איך בין בעסער צוגע־גרייט פון יעדן אַנדערן מענטשן אָדער פון יעדער אַנדער גע־זעלשאַפט. מיינע אינסטרומענטן שטייען אַלע גרייט. איך דאַרף זיי נאָר אויף אַן אויטאָ איינלאַדן; אין אַ וואָך אַרום איז אַלץ דאָ, איך באַזיץ אויך גוטע געשעפטס פאַרבינדונגען, און איך

קען באַלד באַקומען געגנוג האָלץ אויף די בויערטורעמס; דאַרי-
בער גאַראַנטיר איך באַלד אָנהייבן די אַרבעט און כדי מיין וואָרט
צו פאַרשטאַרקן גיב איך שוין באַרעס געלד. איך קען אייך פאַר-
זיכערן אַז די אַנדערע וואָס זיי זאָלן נישט צוזאָגן, וועלן זיי
אָבער זייער וואָרט נישט האַלטן, מיינע דאַמען און הערן, איך
האָב נישט קיין רעכט אייך צוזאָגן ווי איר זאָלט אייך איינטיילן
מיט דעם באָדן.

איינס וועל איך אָבער באַמערקן: צוואָס זאָלט איר אָפּ-
שלעפּן די פּאַראַייניקונג, דאָס וואָס איר קענט דאַביי פאַרדינען
איז גאָרנישט ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרלוסט וואָס איז
אייך גורם יעדע אָפּשלעפּונג אָדער אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס
איר וועט ליידן, ווען איר וועט אַריינפאַלן צו אַ שווינדלער אין
די הענט. מיינע דאַמען און הערן, גלויבט אַ נאַפט פאַכמאַן;
קיין פיל נאַפט-קוואַלן איז אויף דעם פּראָספּעקט העל נישטאָ,
און די וועלכע וועלן צוערשט אויפשטעלן אַ בויערטורם וועלן
די נאַפט באַקומען. אַזאַ ענלעך פעלד ווערט שנעל אויסגעפּאָמ-
פּעט: אין צוויי, דריי יאָר, וועט איר זען ווי שפּאָרלעך די נאַפט
וועט פליסן; יאָ, אפילו פון דעם ערשטן קוואַל, וועלכער האָט
אייך אַלע משוגע געמאַכט. גלויבט מיר, האַלט זיך ביי אייער
געמיינזאַמען אָפּמאַך און ווען עמעצן פון אייך קומט אפילו אויס
ביי אַ קלענערן חלק צו בלייבן. איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר,
אַז דער חלק זאָל זיין אַ גאַנץ גרויסער; איר וועט דאַביי קיין
געלט נישט אָנווערן. אַזוי מיינע דאַמען און הערן, דאָס האָב איך
אייך געוואָלט זאָגן.״

דער גרויסער מאַן איז געבליבן שטיל, גלייך ער זאָל וואַרטן
מען זאָל אים אָפּלאָדירן.

דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, און עס איז אַריינ-
געטרעטן אַ פּויזע.

זיינע ווערטער זענען געווען וואָגיק; קיינער האָט נישט
געהאַט דעם מוט צו ברעכן דאָס שווייגן.

ענדלעך האָט זיך אויפגעהויבן הער קאָליטי:

„פריינט! מיר האָבן ערשט אַלע געהערט די שכלדיקע ווער-

טער פון אַ מאַן, צו וועלכן מיר אַלע האָבן צוטרוי. מיך, יעדנפאַלס, האָט ער אינגאַנצן איבערגעצייגט און איך האָף אַז מיר וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס אַ גרופּע פון געשעפטס מענטשן, וועלכע זענען פעיק צו אַזאַ ענין, וועלכער האָט פאַר אונדז אַזאַ גרויסע באַדייטונג און מיר וועלן אָננעמען אַ קלוגן באַשלוס.״

דערמיט האָט קאַליטי אָנגעהויבן איינע פון זיינע לאַנגע רעדעס, דער אינהאַלט פון וועלכער עס איז געווען, אַז הערשן דאַרף די מערהייט.

„דאָס איז דאָך דאָ טאַקע דאָס אומגליק,״ האָט זיך אָנגערופן הער סאַם,—„ווער איז דען דאָ אין דער מערהייט?״

„לאָמיר אָפּשטימען,״—האָט פאָרגעלעגט הער חיים לצ‍קער,—„דעמאָלט וועלן מיר עס געוויער ווערן.״

הער מעריוויטר האָט זיך דערוויל שטילערהייט באַראַטן מיט זיינע קליענטן.

איצט האָט ער גענומען דאָס וואָרט: „מיינע דאַמען און הערן, דער הער און פרוי בלעק האָבן מיר איבערגעגעבן צו זאָגן אין זייער נאָמען, אַז די ווערטער פון הער גראָס האָט געמאַכט אויף זיי אַ גרויסן רושם און זיי זענען גרייט כּדי צו קומען צו אַן אויסגלייך מאַכן געוויסע הנחות. זיי זענען גרייט פון זייער פריערדיקער פאָדערונג צוריקציען זיך און אינטערשרייבן דעם אָפּמאַך אַזוי ווי ער זעט איצט אויס.״

„וואָס זאָל עס באַדייטן?״—האָט זיך געפרעגט די פרוי קראַאַטרי.—„איר זאָלט דערהאַלטן אייער חלק לויט פינפאונציינציק פיר די גרויס?״

„מיר זענען דערפאַר אַז מען זאָל דעם אָפּמאַך שוין אונטערשרייבן. די אויסטייטשונג קען דערנאָך ווערן ארומגערעדט.״

„אָהאָ!״—האָט אויסגערופן דער הער קראַאַטרי.—„אַ שענע הנחה. הער פרענטיס האָט זיך דאָך אונדז שוין מיטגעטיילט, אַז דאָס געזעץ פאַלט אויס זיי צו גוטן.״

„מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר זענען גרייט אונטערצושרייבן.״

הער האַנק האָט געפּרוּווט זיין שטים צוגעבן אַן אַנגענע־מענעם קלאַנג.

„איר הערט דאָך!״—האָט געשריגן פריילן סניפּ.—„פריער מיט אַ האַלבער שעה האָט דער זעלבער הער דערקלערט, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צוריק צו דעם ערשטן אָפּמאַך: אַז יעדער זאָל דערהאַלטן אַ גלייכן חלק, אַז אַלע חלקים זאָלן זיין גלייכ־ווערטיק, ווי מיר האָבן צוערשט באַשלאָסן. האָט איר אַזוי געזאָגט הער האַנק?״

„איך בין גרייט דעם אָפּמאַך אונטערצושרייבן״.—האָט האַרטנעקיק אָפּגעענטפערט דער אַמאָליקער גאָלדגרעבער.

„און איך,״—האָט געזאָגט די קראַנקנשוועסטער,—„זאָג וואָס איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט: איך וועל עס קיינמאָל נישט טון!״

## VII

די אַלטע פרוי דאָס, בוניס באָבע, האָט שטענדיק פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען נעמט מיט דאָס ייִנגל אויף אַלע געשעפטלעכע רייזעס.

זי איז געווען אין דער מיינונג, אַז דאָס מוז אומבאַדינגט ווירקן שלעכט אויף זיין כאַראַקטער און אים מאַכן נאָך אַלס קינד פאַר אַ ציניקער, ווייל ער זעט צו דעם גאַנצן שמוץ און די גאַנצע מיאוסקייט פון דעם געלט צוזאַמענשאַרן.

בוניס פאָטער אָבער האָט דערקלערט, אַז דאָס לעבן איז שוין אַזוי און עס וואָלט נישט געהאַט קיין שום זין זיך אַליין אָפּצונאַרן, אין אַ געוויסן טאָג וועט דאָך בוני מוזן לעבן אין דער דאָזיקער וועלט, וואָס שנעלער דאַריבער ער וועט זיך באַקענען מיט איר אַלץ בעסער.

דערפאַר איז אויך איצט דאָס ייִנגל געזעסן אויף דעם פענצטער ברייט, באַאָבאַכטעט די סצענע און זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון דער באָבען.

יאָ דאָס איז געווען אַ געמיינע באַנדע. דער פאָטער האָט רעכט וואָס ער זאָגט, אַז מען מוז די אויגן שטענדיק האַלטן אָפן, ווייל עמעץ וויל שטענדיק עפּעס אָוועקגנבענען.

די דאָזיקע מענטשן האָט די פּלוצימדיקע האָפענונג צו ווערן רייך, משוגע געמאַכט, בּוני וועלכער האָט שטענדיק געהאַט אַזוי פיל וויפיל ער האָט בּאַדאַרפט, האָט מיט פאַראַכטונג בּאַטראַכט דאָס קליינלעכע געקריגערײ.

אַזעלכע מענטשן טאָר מען נישט אונטערוועגס טרויען, האָט ער געטראַכט בּיי זיך; נישט קיין זאַך, וואָס זאָל זיי אָפּשרעקן.

די פּעטע, אַלטע פרוי אין דעם געלן זיידענעם קלייד מיט די דיקע רויטע הענט און דיקע, מיט זיידענע זאָקן בּאַדעקטע פיס — אַ גיטער גאַרנישט וועט איר בּרענגען דערצו, אַז זי זאָל עמעצן די אויגן אויסדראַפּען.

און דער מאַן מיט דער נאָז פון אַ האָק, ווען מען שטים עס גריצלט, ווי אַ זעג—ער זעט אויס צו זיין פעיק אין אַ טונקעלער נאַכט עמעצן אַ מעסער אַריינצושטעכן.

דער פאָטער האָט געוואָלט, אַז דער זון זאָל פאַרשטיין יעדן פּרט פון געשעפט: די אַרענדע בּאַדינגונגען, די גרויס פון די פאַרשידענע חלקים, און די סומען וועלכע ווערן גענומען אין בּאַטראַכט.

שפּעטער וועט מען קענען רעדן מיט אים דערפון און גלייכצייטיק עקזאַמינירן, וויפיל דאָס יינגל האָט ווירקלעך פאַר־שטאַנען אין דעם עסק.

דעריבּער האָט בּוני זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, אין זיך דערמאָנט אין די פאַרשידענע פּונקטן פון דעם אַרענדע אָפּמאַך וועןכן דער פאָטער האָט אַרומגערעדט מיט דעם הער סקוט, פאָרנדיק אַהער מיטן אויטאָ.

איינצייטיק האָט ער זיך אויך בּאַשעפטיקט מיט יעדער איינ־צעלנעם פאַרשוין, מיט זיין שטאַנדפּונקט און מיט זיין לעבן, אויף וויפיל עס האָבן אים נאָר דערלויבט זיינע ווערטער.

דער דאָזיקער אַלטער מיט דעם איינגעבויגענעם רוקן און אויסגעקרומטע פינגער מוז זיכער זיין אַן אַרבּעטער. מען האָט געקענט זען אַז דאָס אַרומרייסן זיך מאַכט אים טרויעריק, און

אַז ער זוכט עמעצן, צו וועלן ער זאָל קענען האָבן צוטרוי. ע. האָט געקוקט אין אַלע זייטן, האָט אָבער נישט געפונען קיין איין פאַרטרויליכן מענטשן.

און די יינגע פרוי מיט די ברילן, אויף איר האָט מען געזען וואָס פאַר אַ האַרטע זי איז; וואָס טוט זי, אַז זי קריגט זיך נישט? דאָס עלטערע פּאָר, וואָס האָט אויסגעזען פאַרמעגלעך צו זיין האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, דאָך איז עס אויך געווען אַזוי גיריק און האָט נישט אַרויסגעוויזן יעדנפאַלס קיין שום גרויס־מוטיקע געפילן.

דער אַלטער הער האָט צוגערוקט זיין שטול נעענטער צום פאָטער און אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן שטילערהייט.

בוני האָט געזען ווי דער פאָטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער אַלטער הער האָט זיך צוריק אָפּגערוקט, דערנאָך האָט דער פאָטער איבערגערעדט מיט סקוסטן וועלכער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן:

„הער ראָס וויל אייך מאַכן קלאָר, אַז ער האָט קיין שום אינטערעס נישט צו פאַרענדירן נאָר אַ טייל. ער דאַרף האָבן גענוג פלאַץ כדי צו קענען מאַכן זיכערונגסקוואַלן. קענט איר נישט קומען צו קיין אויסגלייך, אַזוי וועט ער אָננעמען אַן אַנדערע אַרענדע, וועלכע איך האָב שוין פאַר אים אויסגעפונען.”

די צדדים זענען געבליבן זיצן און זיך אויפגעהערט צו קריגן. דער פאָטער האָט עס באַמערקט און אַ שאָקל געטון צו דעם מעקלער ער זאָל ווייטער רעדן:

„דעם הער ראָס ווערט אָנגעבאָטן אַן אַרענדע אין דער צפונדיקער זייט, וועלכע מיר האַלטן פאַר פיל צוזאָגנדיק, ווייל דער גרונט איז דאָרט זייער אַ גוטער. דער גרעסטער טייל גע־הערט דאָרט צו איינעם, אַזוי אַז עס וועט גיכער קענען קומען צו אַן אויסגלייך.”

דאָס האָט די מענטשן אָפּגעשראָקן און עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז זיי האָבן זיך פונסניי אָנגעהויבן צו קריגן.

פון זיין אָרט אויף דעם פענסטער, האָט בוני געקענט זען דעם ערשטן אָפּענעם קוואַל, ער האָט געהערט דורך דעם אָפענעם פענסטער דאָס קלאַפּן פון די אַרבעטער. זיין אויפמערקזאַמקייט איז פּלוצים געוואָרן אָפּגעווענדט; פון דער טונקלקייט האָט אים אַ שטים צוגעפּליסטערט:

„האַלאָ, יינגל!"

בוני האָט זיך איינגעבויגן און דערזען אַ געשטאַלט צוגע־דריקט צו דער וואַנט..

„האַלאָ' יינגל!"—האָט פונסניי די געשטאַלט געפּליסטערט:
—„הערט מיר צו, אָבער מאַכט עס אַזוי, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז איך בין דאָ."

בוני האָט אַ ק'ער געטון:

„אַ שפּיאָן, וועלכער וויל עפּעס געפיער ווערן וועגן דער אַרענדע!"

אויפמערקזאַם און געשפּאַנט האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם געפּליסטער.

„היי, איך בין פּייול וואַטקינס, און די דאַמע, וואָס וווינט דאָ, איז מיין מומע. איך לעב אין אַ פערמע אין סאַן עלודאַ און בין פון דערהיים אַוועקגעלאָפן, ווייל איך וואָלט עס מער נישט אויסגעהאַלטן, איר פאַרשטייט? איך מוז געפינען אַרבעט, פאַר אַלעמען אָבער מוז איך באַקומען עפּעס צו עסן, ווייל איך בין איינגאַנצן אויסגעהונגערט. די מומע וועט מיר אויך געבן צו עסן; מיר זענען אין גוטע באַציונגען—אָבער דערנאָך וועט זי מיר אַהיימשיקן. דעריבער וואָלט איך געוואָלט פון די קיך עפּעס עסן; ווי נאָר איך וועל פאַרדינען, אַזוי שיק איך איר דערפאַר באַלד געלד אָפּ; עס האנדלט זיך, אַזוי אַרום נאָר אין אַ הלוואה, איר שליסט פיר נאָר אויף די קעכ־טיר. איך וועל העכסטנס נע־מען אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. בעט דער מומען, אַז זי זאָל אייך לאָזן גיין אין קיך אַריין אויסצוטרינקען אַ גלאָז וואַסער, דאַן דרייט אויף דעם שליסל און גייט צוריק אין שטוב אַריין. איר קענט אַרויסגיין דורך דער פאָדער טיר און זען, אַז איך זאָג

אמת. זייט אַ ווילער בחור; איך פיל מיר נישט גוט; עס איז ווירקליך שלעכט דעם גאַנצן טאָג גאָרנישט צו עסן, און איך בין פיל געלאָפן, און איצט בין איך פאָלקאָם דערשעפּט. קומט אַרויס; אָבער רעדט דאָ נישט מיט מיר, ווייל די מענטשן וועלן נאָך דערזען אַז אייערע ליפּן באַוועגן זיך און וועלן וויסן אַז עמעץ שטייט פאַר דעם פענצטער."

בוני האָט זיך שנעל איבערגעלעגט.

עס איז דאָ געגאַנגען אין אַ מאָראַלישע פראַגע: צי האָט ער רעכט צו עפענען הינטערטיר ביי פרעמדע מענטשן אַזוי, אַז עס זאָל קענען אַריינקומען מעגליך נאָך, אַ גנב?

אָבער ווען די פרוי איז די מומע פון דעם דאָזיקן פרעמדן און וואָלט אים געגעבן עסן אָן אים אויך, אַזוי איז ער דאָך שוין נישט קיין גנב, דאָך ווי קען ער וויסן צי די געשיכטע איז אמת?

יעדנפאַלס וועט ער אַרויסגיין פון הויז; איז דער מענטש אַ גנב אַזוי וועט ער אים קענען כאַפּן.

בוני'ס באַשלוס איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער שטים פון דעם אומבאַקאַנטן; זי איז אים געפעלן געוואָרן און צוגעצויגן צו זיך.

בוני האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פונם פענסטער און צוגעטרעטן צו דער פרוי קראַאָטרי, וועלכע האָט זיך נאָך אַ דרייסן שוועס געווישט דעם שווייס פונם שטערן.

„ביטע, פרוי קראַאָטרי, קען איך אַריינגיין אין קיך אַריין אויסצוטרינקען אַ גלאָז וואַסער?"

ער האָט געקלערט אַז דערמיט האָט ער שוין דעם ענין דערליידיקט, ווייל ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז די פרוי קראַאָטרי לאָזט נישט דורך קיין געלעגנהייט אויסצולערנען זיך די מאַניערן פון די רייכע און זיי נאָכצוטון, אפילו ווען עס האַנדלט זיך בלויז אין אַ גלאָז וואַסער. איר האַרץ האָט זיך וואַרם צוצאַפּלט פאַר י. אַרנאָלד ראָס זון, און פון איר שטים איז פאַרשוווּנדן דאָס גאַנצע זויערלעכע.

„זעלבסט פאַרשטענדלעך."—האָט זי געזאָגט און זי האָט

זיך אויפגעהויבן און אים אַוועקגעפירט אין קיך אַריין.

בוני האָט זיך אַרומגעקוקט.

„וואָס פאַר אַ היבשער צימער!"—האָט ער אויסגערופן.

און ער האָט געהאַט רעכט, ווייל די גאַנצע קיך איז געווען ווייס געקאַלכט.

„יאָ, עס איז היבש, עס פרייד מיר, וואָס איר געפונט עס אייך אויס,"—האָט אָפגעענטפערט די פרוי און האָט אַראָפגענומען אַ גלאָז און זי אָנגעגאָסן מיט וואַסער.

„אַ גרויסע קיך איז שטענדיק באַקוועם."—האָט בוני באַמערקט. ער האָט דאַנקנדיק גענומען דאָס גלאָז און אַ האַלב אויסגעטרונקען.

„ווי העפלעך און נישט געצוווּנגען,"—האָט געקלערט די פרוי קראָאַטרי. בוני איז צוגעגאַנגען צו דער הינטער טיר—

„דאָ איז זיכער די גרויסע ווערענדע? עס איז הייס אין די צימערן, געפינט איר דאָס נישט אַיין?"

ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און אַרויסגעקוקט.

„די לופט איז אָנגענעם. פונדאַנען קען מען זען די קוואַלן. וועט דאָס נישט זיין אויסגעצייכנט ווען מען וועט דאָ, אין דער געגנט אָנהייבן צו בויערן?"

אַ פריינטלעכער קליינער יינג! אַזוי האָט געטראַכט די פרוי קראָאַטרי און געענטפערט: יאָ, עס איז צו האָפן, אַז דאָס וועט איינגיכן געשען.

בוני האָט דערקלערט, אַז זי קאָן זיך נאָך אין איר וווּנדערשענעם אוונטקלייד פאַרקילן.

ער האָט דעריבער פונסניי די טיר צוגעמאַכט און פרוי קראָאַטרי איז צוליב די ליבעסווירדיקע מאַניערן פון דעם יינגן אַריסטאָקראַט צו באַגייסטערט געווען, זי זאָל באַמערקן אַז בוני האָט דעם שליסל נישט איבערגעדרייט.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די ליידיקע גלאָז, באַדאַנקט און אַריינגעגאַנגען צוריק מיט פרוי קראָאַטרי אין איבערפולטן צימער.

„איך זאָג פאָלגענדעס: דאָס איז געווען סאַמס שטיבל,

„אויב מיר ווילן טאַקע ווירקלעך דעם אָפּמאַך אונטערשרייבן, ווי ער איז צונויפגעשטעלט, ווען מיר זענען אַלע געווען איייניק, אַזוי מוזן מיר באַרעכענען דעם באָדן, וועלכער געהערט אונדז און נישט די גאַס, וועלכע מיר באַזיצן נישט.“

מיט אַנדערע ווערטער,“ — האָט איראָניש געזאָגט פּרוי בלעק,—„מיר ווילן דעם צרענדע אָפּמאַך ענדערן.“

„מיט אַנדערע ווערטער,“—האָט זיך אָנגערופן דאָס פרײַלין סניפּ נאָך איראָנישער,—„מיר ווילן נישט צרײַנפאַלן אין דער נעץ, וועלכער איר, די באַזיצערס פון די גרויסע חלקים האָט פאַר אונדז פאַרשפּרייט.“

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דרײַצניעריק ייִנגל האָט זיך אַזאַ שטרייט צוגעגעסן. קיינער האָט עס נישט באַמערקט, ווי י. צר ... לד ראָס זון איז דורך דער פענסטער טיר צרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

## VI

בוני איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער שטוב און צוגעקומען צו דער הינטערטיר פּונקט דעמאָלט ווען פּאָול וואַטקין איז אַרויסגעגאַנגען אין דער טיר שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך.

„אַ דאַנק דיר יינגל,"—האָט פּאָול געפּליסטערט און זיך געשלייכט שטילערהייט אין דער הילצערנע שאָפּע.

בוני איז אים נאָכגעגאַנגען.

די ערשטע ווערטער פּאָולס זענען געווען:

„איך האָב גענומען אַ שטיקל שינקע, צוויי שטיקלעך ברויט און עטוואָס געבעקס."

ער האָט געהאַט אַ פול מויל.

„עס וועט שוין זיין גוט," האָט בוני געזאָגט.

ער האָט געוואַרט; אַ פּאָר מינוט האָט מען געהערט נאָר דאָס קייען פון אַ הונגעריקן.

דער פרעמדער איז געווען נאָר אַ שאָטן מיט אַ שט[illegible]ז אָבער אין דרויסן ביי דעם שטערנליכט האָט בוני באַמערקט, אַז דער שאָטן איז מיט אַ קאָפּ העכער פון אים און אַז ער איז זייער מאָגער.

„צו אַלדי טייוול, דער הונגער איז גאָרנישט פון די אָנגענעמע זאַכן!" האָט זיך ענדליך אָנגערופן די שטים. „ווילסט איר אויך אַ שטיקל?"

„אָ, ניין, איך האָב אין אָונט געגעסן," — האָט בוני גע־
ענטפערט „איך דאַרף ביינאַכט נישט עסן."
דער פרעמדער האָט ווייטער געקייט.
בוני האָט דאָס אַלץ אויסגעפונען זייער געהיימניספול
און ראָמאַנטיש. אין דער טונקלקייט האָט עס געקענט זיין
פונקט אַזוי גוט אַ הונגעריקער וואָלף.
זיי זענען געזעסן אויף קאַסטנס.
ווען דאָס קייען האָט אויפגעהערט, האָט בוני געפרעגט:
„פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן פון דער היים?"
דער פרעמדער האָט אָפגעענטפערט, מיט אַ מאָדנע פראַגע:
„צו וועלכער קירך געהערט איר?"
„וואָס ווילט איר דאַמיט זאָגן?"
„ווייסט איר דען נישט וואָס עס הייסט געהערן צו אַ
קירך?"
„מיין באָבע נעמט מיר צייטנווייז מיט אין דער באַפּטיס־
טינקירך, און ווען איך באַזוך מיין מומע, גיי איך מיט איר
אין דער עפּיסקאָפּאַלישער, אָבער איך גלויב נישט, איך זאָל צו
דער אָדער יענער קירך געהערן.
„מיין גאָט!"
אויף פּאַוולען האָט די דאָזיקע דערקלערונג זעט אויס גע־
מאַכט אַ גרויסן איינדרוק.
„צווינגט אייך נישט דער פאָטער איר זאָלט געהערן צו
אַ קירך?"
„איך גלויב נישט אַז דער פאָטער זאָל גלויבן אין אַזעל־
כע זאַכן."
„יאָ, און זיי האָבן גאָר קיין מורא נישט?"
„מורא? פאַרוואָס?"
„פאַר דעם גיהינום."
„ניין, וועגן דעם האָב איך נאָך קיינמאָל נישט גע־
קלערט."

„הערט, ייִנגל איר ווייסט גאָרנישט, ווי מערקווירדיק דאָס קלינגט. איך בין געווען איבערצייגט אַז איך וועל שוין אַרייַנפאַלן, אין גיהינום אַרייַן. שעלט איר?"

„זייער זעלטן."

„און איך האָב גאָט געשאָלטן."

„ווי אַזוי האָט איר עס געטון?"

„איך האָב געזאָגט: גאָט זיי פאַרשאָלטן! איך ד'האָב עס געזאָגט אפשר אַ האַלב טוץ מאָל און געגלויבט אַז אָט באַלד וועט אַ דונער מיר דערשלאָגן. איך האָב געזאָגט: איך גלויב נישט, איך וועל אויך ווייטער נישט גלויבן און פייף אויף אַלץ."

„אויב איר גלויבט נישט, פאַרוואָס זשע האָט איר מורא?" בוני האָט באַזיצט אַ לאָגישן שכל.

„איך האָב אַליין נישט געוווסט, צי איך גלויב צי נישט און איך ווייס עס אויך איצט נישט. איך קען דאָך נישט מיט מיין אָרעמען שוואַכן גייסט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אַלמעכטיקן. איך האָב אויך נישט געוווסט, אַז עס זענען שוין געווען בייזע מענטשן, וועלכע האָבן עס געטון. פּאַפּאַ זאָגט, אַז איך בין דער ערגסטער ייִנגל, וועלכער איז נאָר וואָס אַמאָל געבוירן געוואָרן."

„איז פּאַפּאַ אייער פאָטער?"

„יאָ."

„און וואָס גלויבט ער?"

„אין דעם אלט פאטערלעכען גלויבן, אין דעם אַזוי גערופענעם פירעקיקן עוואנגעליום, עס איז די אַפּאָסטאָלישע קירך און די גלויביקע שפּרינגען."

„שפּרינגען?"

„יאָ, דער הייליקער גייסט קומט אַראָפּ און מאַכט זי שפּרינגען. צייטנווייז מאַכט ער אויך, אַז איינער זאָל זיך קאַטשען, אָדער רעדן מיט די צינגער."

„וואָס הייסט דאָס?"

„מען מאַכט אַ ליאַרם, זייער שנעל, גלייך ווי מען זאָל
רעדן אין אַ פרעמדער שפּראַך; אפשר איז עס אמת, פאַפּאַ זאָגט,
אַז דאָס איז די שפּראַך פון די מלאכים; אָבער איך ווייס ניש,
איך פאַרשטיי עס נישט און האָב עס פיינט."
„און אייער פאָטער טוט עס יאָ?"
„יאָ. גאַנצפרי און אויף דער נאַכט. עס איז זיין שטייגער
ווי אַזוי דעם יצר־הרע צו באַזיגן. זאָגט מען אַמאָל ביי דעם
מיטאָג, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו עסן, אָדער אַז מען דאַרף
באַלד ווידער באַצאָלן צינזן און ער דאַרף נישט דאָס גאַנצע געלד
אַוועקגעבן די מיסיאָנערן, אַזוי פאַרדרייט פּאַפּאַ די אויגן און הויבט
אָן הויך צו בעטן; זייער שנעל; ער רופט עס אָן: זיך אויסטון
פון זיך, און דעמאָלט באַהערשט אים דער הייליקער גייסט און
פאַפּאַ הויבט אָן צו שפּרינגען און צו ציטערן מיטן גאַנצן קער-
פּער, פאַלט אַראָפּ פונם בענקל און הויבט אָן צו רעדן, ווי אין
ביבל שטייט, די מוטער הויבט אָן צו וויינען, ווייל זי דערשרעקט
זיך; זי ווייסט, אַז זי דאַרף זאָרגן פאַר די קינדער, אָבער זי
וואַגט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם גייסט, און פּאַפּאַ ברילט,
דע-
לאָס, לאָס, זייער הויך ווי די שטים אויף דעם באַרג סיני. דע-
מאָלט הויבט אויך אָן די מוטער צו הויבן די אַקסל, איר מויל
עפנט זיך און זי הויבט אָן זיך צו וואַרפן אויף איר שטיל
אין צו שרייען. און קוקנדיק אויף איר הויבן אויך אָן די קינ-
דער פון שרעק צו ברילן און שפּרינגען, צי ווילנדיק צי נישט
ווילנדיק. איינמאָל און .אַזאַ פאַל, בין איך אַרויסגעלאָפן פון
שטוב, געדראַט דעם הימל מיט דער פויסט און געשריגן:
„גאָט זיי פאַרשאָלטן!"
„זענט איר דערפאַר אַנטלאָפן פון דער היים?"
„דאָס איז איינע פון די סבות. מען ווערט ווייט נישט
פאַרגיין, ווען מען לעבט אַזוי ווי מיר, מיר האָבן אַ גרויסע
פּרמע, אָבער דער באָדן איז פעלזיק, עס גייט אונדז שלעכט.
ביי פאַרפלאַנצן, און דער רעגן שלאָגט עס אויס, נאָר די קריי-
טעכצער בליען. אויב עס איז דאָ אַ גאָט, וועלכער האָט ליב

זיינע אָרעמע מענטשן, צוואָס דערלאָזט ער אַזויפיל קרייטעכצער וואַקסן? דאָס האָט מיר צום אַלעם ערשט אויסגעלערנט צו שעלטן: איך האָב גאַנצע טעג בעדאַרפט אויסרייסן די קרייטעכצער און מיר קיין עצה נישט געקענט געבן, האָב איך נישט ווילגדיק געשעפּטשעט: זעט פאַרשאָלטענע קרייטעכצער! פאָפּ זאָגט, אַז די קרייטעכצער האָט באַשאַפן נישט גאָט נאָר דער טייוול. אָבער גאָט האָט דאָך דעם טייטל באַשאַפן, און גוט געוווסט וואָס דער טייוול וועט טון. איז עס גאָטס שולד?"

„מיר ווייזט אויך אַזוי אויס"—האָט בוני מסכים געווען.

„איר האָט גליק, איר ווייסט איבערהויפּט נישט, אַז איר האָט אַ נשמה. אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן איז אייך דערמיט איינגעשפּאַרט געוואָרן"—פּאַול האָט אַ רגע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן—„עס איז נישט אַזוי פּשוט צו אַנטלויפן פון דער היים, אַם ענדע וועל איך דאָך צוריק אַהיימגיין. עס טוט ווי, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די שוועסטערן הונגערן דאָרט, איך זע געווי, ווי מען קען עס אויספיידן."

„וויפל זענט איר אין דער היים?"

„אויסער מיר, נאָך פיר; אַלע ייִנגערע פון מיר."

„ווי אַלט זענט איר?"

„זעכצן יאָר, נאָך מיר גייט עלי, דער איז פופצן אַלט, דער הייליקער גייסט האָט אים געברענגט; צייטנווייז ציטערט ער אַ גאַנצן טאָג, ער זעט אין די וואָלקנס מלאכים און היילט די אַלטע פרוי בוגנער נאָר מיט אַרויפלייגן אויף איר די הענט. נאָך אים גייט רות, זי איז דרייצן יאָר זי האָט אויך וויזעס, דאָך הויבט זי שוין אָן צו דענקען ווי איך, און מיר קענען זיך דורכשמועסן, איר ווייסט דאָך מסתמא ווי דאָס איז: מען קען רעדן מיט זיינס גלייכן וועגן אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע מען וועט מיט דערוואַקסענע קיינמאָל נישט קענען רעדן."

„יאָ. איך ווייס"—האָט בוני געענטפערט—„די דערוואַקסענע קלערן, אַז מיר פאַרשטייען איבערהויפּט גאָרנישט. זיי גלויבן

אַז מיר באַזיצן אינגאַנצן נישט קיין פאַרשטאַנד, דאָס ערגערט מיר שטענדיק אַזוי.״

„רות באַשווערט מיר שטענדיק דאָס אַוועקגיין. זי זאָגט אפילו איך זאָל גיין, נאָר וואָס וועלן זיי אַלע טון? זיי קענען נישט אַזוי שווער אַרבעטן, ווי איך, גלויבט נישט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, איך וויל נאָר ערגעץ אַנדערש, אַ נישט האָט די גאַנצע אַרבעט קיין זין נישט, מיר האָבן אויך נישט די מינדסטע אויסזיכטן, פּאַפּ שפּאַנט איין דעם וואָגן און פירט אונדז אַלע אַוועק אַהין, ווו די מיסיע איז, און דאָרט קאַטשען זיי זיך און שטאַמלען דעם גאַנצן זונטיק טאָג, און דער הייליקער גייסט באַפעלט זיי אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע געלט אויף צו מאַכן די געצנדינער פאַר רעכט גלויביקע, מיר האָבן מיסיעס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד אין די אַלע גאַטלאָזע לענדער, און פּאַפּ זאָגט צו מער געלט, וויפל ער באַזיצט, און דערנאָך מוז ער עס שוין שאַפן, ווייל עס געהערט זיך שוין נישט צו אים, נאָר צו דעם הייליקן גייסט, איר פאַרשטייט? דערפאַר בין איך אַנטלאָפן.״

ביידע האָבן געשוויגן דאַן האָט פּאַול געפרעגט:

„פאַרוואָס זענען דאָ אינווייניק אַזויפיל מענטשן?״

„וועגן דער אַרענדע. ווייסט איר דען נישט וועגן דעם נאָפּט?״

„יאָ, מיר האָבן דערפון געהערט, עס זאָל אויך אויף אונדזער באָדן זיין נאָפט. אַזוי ווייניקסטנס, האָט באַהויפּטעט מיין פעטער עבי, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דערפון צייכנס אַנטדעקט. אָבער ער איז טויט און איך אַליין זע גאָרנישט און אונדזער פאַמיליע וועט קיינמאָל נישט האָבן דעם גליק. אָבער דאָס הייסט, אַז די מומע אַלי וועט ווערן זייער רייך״.

פלוצים האָט בוני דערזען פאַר זיך די פרוי קראַאַטרי אין דעם געלן זיידענעם קלייד מיט די פעטע נאַקעטע הענט און הויכער ברוסט.

„זאָגט נאָר, אייער מומע קאַטשעט זיך אויך?

„ווייס איך וואָס! זי האָט אַ קאַטאָליק פאַר אַ מאַן און פאַפ רופט זי די באַבילאָנישע זונה, מיר טאָרן זיך גאָרנישט מיט איר צונויפקומען. גאָר זי איז אַ גוטע פרוי און איך ווייס אַז זי וועט מיר עפּעס געבן עסן. דערפאַר קום איך אַהער, ווען איך זע, אַז איך האָב נישט קיין אַרבעט.״

„און פאַרוואָס געפינט איר נישט קיין אַרבעט?״

„ווייל יעדער האַלט פאַר מיר אַ דרשה און הייסט מיר צוריק גיין אַהיים.״

„פאַרוואָס זשע דערציילט איר, אַז איך זענט אַנטלאָפן פון דער היים?״

„אַנדערש קען נישט זיין. מען פרעגט דאָך ווו מען וווינט. און פאַרוואָס מען איז נישט אין דער היים און איך וועל נישט זאָגן קיין ליגן.״

„איר קענט דאָך אָבער נישט שטאַרבן פון הונגער!״

„שוין בעסער צו שטאַרבן פאַר הונגער, איידער ווערן אַ שלעכטער. איך האָב זיך אַמאָל געקריגט מיט פאַפּן און ער האָט דערקלערט, אַז ווען מיר וועלן זיך אָפּווענדן פון דער הייליקער שריפט, אַזוי וועט דער טייוול אַריין אין אונדז און מיר וועלן אָנהויבן צו זאָגן ליגן, צו באַשווינדלען, צו גנבע־נען און צו פירן אַן אויסגעלאַסן לעבן. איך אָבער האָב געזאָגט: איך וועל דיר דערווייזן פונקט פאַרקערט, איך גלייב אַז אַ מענטש קען אויך זיין אַנשטענדיק, ווען ער גלויבט נישט אין דעם טייוול, און איך וועל עס אים ווייזן, איך וועל אויך באַ־צאָלן די מומען אַלין, וואָס איך האָב איצט געגעסן, איך האָב עס נאָר אויסגעבאָרגט ביי איר״.

בוני האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט אין דער טונקלקייט.

„יאָ, נעמט״.

„וואָס איז דאָס?״

„אַ ביסל געלט״.

„ניין, איך וויל נישט קיין געלט, וועלכעס איך האָב נישט פאַרדינט".

„הער מיך אויס פּאַול: מיין פאָטער האָט זייער אַ סך געלט און גיט מיר אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג. ער וועט דעם דאָזיקן נאָפּט קוואַל נעמען אין אַרענדע אָפּמאַך ביי אייער מומען. דידאָזיקע קליינע סומע זעט זיך ביי אים גאָרנישט אָן".

„ניין, איך וויל נישט זיין קיין שנאָרער, נישט דערויף בין איך אַנטלאָפן, איר גלויבט, אַז איך, ווייל איך האָב פון דער מומעס קיך..."

„איך גלויב גאָרנישט, איר קענט דאָס געלט באַטראַכטן ווי געבאָרגט, אויב איר ווילט".

„פאַרבאַהאַלטן אייערע געלט"—פּאַולס שטים האָט איצט האַרט געקלונגען.—איך וויל נישט באָרגן, איר האָט שוין גענוג פאַר מיר געטון, פאַרגעסט אין דער גאַנצער זאַך".

„אָבער פּאַול..."

„שוט, וואָס איך זאָג אייך".

„גוט. אָבער דאַן קומט מיט מיר מאָרגן אין האָטעל און עסט מיט מיר מיטאָג."

„ניין, איך קען נישט גיין אין קיין האָטעל, ווייל איך גיי זייער נישט שיין אָנגעטון."

„דאָס מאַכט דאָך נישט אויס, פּאַול,"

„געוויס מאַכט עס אויס, אייער פאָטער איז אַ רייכער מאַן, ער וועט נישט וועלן האָבן ביי זיך אין האָטעל קיין פויער."

„דעם פאָטער וועט עס גאָרנישט אויסמאַכן, גאַנץ באַשטימט נישט. ער זאָגט שטענדיק, אַז איך קען צו ווייניק יינגלעך. לעב צו איינזאַם און לייען צופיל."

„אָבער ער מיינט זיכער נישט אַזאַ יינגל ווי איך".

„מיין פאָטער זאָגט שטענדיק, אַז איך דאַרף אַרבעטן, ווירקלעך, פּאַול איר, קענט אים נישט. ער וואָלט געוווּן צע-

פרידן ווען איר קומט, ער וואָלט געווען צופרידן ווען מיר ווערןביידע פריינט."

פאַול האָט זיך שווייגנדיק איבערגעלייגט, און בוני האָט מיט שרעק געוואַרט אויף ענטפער, גלייך עס זאָל זיך האַנדלען אין אַ געריכטס באַשלוס.

דאָסדאָזיקע יינגל איז אים געפעלן, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן קיין יינגל, וועלכעס זאָל אים אַזוי געפעלן, צי געפעלט ער אויך דעם יינגל? אָבער דער געריכטסבאַשלוס איז געבליבן נישט אַרויסגערעדט.

פאַול איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן:

„וואָס איז דאָס?"

אויך בוני איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

פון קראַאַטריס שטוב האָבן זיך דערהערט אַזעלכע קולות, וועלכע האָבן אפילו איבערגעשריגן די האַמערקלעפּ וואָס האָבן זיך צעלייגט בשכנות.

דאָס געשריי איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער.

די יינגלעך זענען גיך צוגעלאָפן צו די אָפענע פענסטער.

עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע אַנוועזנדע זענען געשטאַנען און גלייכצייטיק גערעדט. עס איז שוין געווען אוממעגלעך אין דער בהלה אייננצעלנע קולות אונטערצושיידן.

נאָר ביי דעם פענסטער האָבן צוויי מענער פאַר זיך אַליין אויסגעפירט אַ קליינע דראַמע: הער סאַם, דער שטוקאַטור מיט דעם קליינעם גרונטשטיק, האָט געשריגן צום הער האַנק:

„איר זענט אַ שמוציקער ליגנערישער חזיר!".

און הער האַנק האָט צוריק אָפּגעענטפערט:

„אַט האָט איר אַ חזיר, איר הונטישער פחדן!"

און האָט אַ זעץ געגעבן הער סאַמען אין דער נאָז.

הער סאַם האָט צוריק אָפּגעענטפערט מיט אַ קלאַפּ און געטראָפן דעם געגנער אין באַק.

און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער, אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ.

ביידע יינגלעך זענען ווי פאַרשטאַרטע געשטאַנען ביי דעם פענסטער, האַלב דערשראָקן און האַלב באַגייסטערט: הוראַ, אַ געשלעג!

## IX

עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע אין צימער שלאָגן זיך אָפּער אין דער אמתן איז אַזוי נישט געווען, ווייל עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן די הערן סאַם און האַנק צענומען.

נאָך איידער דאָס איז פאָלקאָם געלונגען, האָט בוני דער הערט זיין נאָמען רופן, די שטים איז געקומען פון דער פּאָדערטיר.

„איך גיי שוין טאַטע,—האָט בוני אויסגערופן, און איז געלאָפן דעם פאָטער אַנטקעגן.

די דריי מענער זענען אַראָפּגעשטיגן פון די טרעפּ.

„קום"—האָט דער פאָטער געזאָגט,—„מיר פאָרן צוריק אין האָטעל."

„וואָס איז דען געשען, טאַטע?"

„דאָס זענען לויטער אידיאָטן, מיט וועלכע מען קען גאָרנישט אויפטון. איך וועל נישט נעמען די אַרענדע, אפילו ווען מען גיט זי מיר אומזיסט. קומט, מיר גייען!"

זיי זענען צוריק געגאַנגען צו דעם אויטאָ, וועלכער איז געשטאַנען עטלעכע טריט ווייטער, ביי דער זייט פון דער גאַס.

פלוצים האָט בוני זיך אָפּגעשטעלט. „אָה, טאַטעלע," האָט ער אויסגערופן:

„ווארט נאָך איין אויגנבליק! איך בעט, דיר טאַטעלע, איך האָב דאָ אָנגעטראָפן אַ יינגל און איך וויל אים נאָך עפּעס זאָגן, ווארט אויף מיר!"

„אייל זיך צו, איך מוז נאָך היינט וועגן אַ צווייטע אַרענ־דע אונטערהאַנדלען."

„פּאַוול! פּאַוול!—האָט ער געשריגן—„ווו זענט איר?"

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. בוני איז צוגעלאָפן צו דער הילצערנער שאָפּע, דאָס הויז אַרומגעלאָפן און געהאַלטן אין איין שרייען: פּאַוול! פּאַוול! ער האָט געעפנט די הינטער שטע טיר, אַריינגעקוקט אין דער ווייס אויסגעקאַלכטע קוך.

דערנאָך איז ער ווידער צוגעלאָפן צו דער הילצערנער שאָפּע, פון פאָרנט צום גאַראַנזש, געקוקט אויף די טונקעלע קרויט פעלדער און גערופן מיט אַלע כּוחות:

„פּאַוול! פּאַוול! ווו זענט איר? ביטע גייט נישט אַוועק!"

אָבער קיין שום ענטפער איז נישט געקומען.

בוני האָט דערהערט די שטים פון זיין פאָטער אין אויטאָ וועלכן מען מוז פאָלגן.

ער האָט זיך דעריבער אומגעקערט מיט אַ באַטריבט האַרץ און אַריינגעשטיגן אין אויטאָ.

אויף דעם וועג פון האָטעל, אין דער צייט ווען די מע־בער האָבן אַרומגערעדט דעם נייעם אַרענדע אָפּמאַך, איז בוני געזעסן שטיל, און טרערן זענען אים גערינען פון די אויגן.

פּאַוול איז פאַרשוואונדן, ער וועט אים שוין אפשר מער נישט זען.

דער דאָזיקן וואונדערלעכן יינגל, דעם דאָזיקן קלוגן יינגל, וועלכער ווייסט אַזוי פיל! מיט וועלכן עס פלוידערס זיך אַזוי גוט! און ווי ערלעך ער איז: וויל נישט זאָגן קיין ליגן און וויל נישט גנבענען! בוני האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט צייטנווייז ליגן געזאָגט; עס איז טאַקע נישט געווען קיין גרויסע ליגנס, נישט וועגן קיין ערנסטע זאַכן, אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין פּאַוולס ערלעכקייט, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

פאַוו׳ האָט אפילו דעם פּאַטערס געלט נישט געוואָלט! דער פּאַטער איז געווען אין דער מיינונג, אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט, וואָלטן גערן גענומען ביי אים געלט, דאָס דאָזיקע ייִנגל אָבער האָט עס אָפּגעוואָרפן! געוויס איז ער געווען אין כּעס, וואָס ער האָט געוואָלט מיט געוואָלט אים אַריינשטופּן דאָס געלט, און איז דעריבער אַנטלאָפן.

און אפשר איז ער אים פשוט נישט געפעלן און זיי וועלן זיך שוין דעריבער מער קיינמאָל נישט זען.

## קאַפּיטל דריי

# דאַס בויערן.

## I

ווידעראַמאָל האָט עס אין די טאָלן פון די גוואַדאַלופּע־בערג צעראָפּגעהילכט דער גערויש פון אויטאָס.

דאָס מאָל אָבער איז עס שוין נישט געווען קיין איינציקער וואָגן, נאָר אַ גאַנצער פלאָט פון ריזיקע לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן געשלעפּט נאָך זיך די אַנדערע וואָגנס.

אויף דעם ערשטן וואָגן האָט זיך געפונען אַ גרויסער לאָקמאָביל, וועלכער איז געווען באַפעסטיקט פון ביידע זייטן מיט גראָבע ברעטער.

הינטער אים זענען געגאַנגען די פּאָמפּעס, די בויערס און די רערן פון בעסטן שטאָל, וועלכע האָבן זיך צענויפגעשרויפט צוזאַמען און זיך געצויגן אויף מיילן ווייט אין דער טיפעניש פון דער ערד.

די רערן האָבן אַרויסגעשטאַרט פונם אויטאָ, רויטע פּענער האָבן וואָרנדיק געווינקען, יעדער אויטאָ, וואָס איז אָנגעקומען אַנטקעגן, האָט געמוזט שטיין בלייבן און וואַרטן ביז דער דאָזיקער שווערער צוג איז איבערגעפאָרן.

אויסערדעם האָט מען געהאַלטן אין איין טרומייטערן; מען האָט געקענט גלויבן, אַז אַ גאַנצע מחנה פון פּרעהיסטאָרישע פייגל האָט זיך דאָ אויף דער ערד צעפּלאָזט און שרייט אומדערדימדלעך „הונק! הונק!“

אין דער ווירקלעכקייט האָט עס געהייסן:

„דער פאָטער וואָרט אויף אונדז! דער פאָטער האָט דעם אָרענדע אָפּמאַך אונטערגעשריבן; דער בויערטורם איז שוין אויפגעשטעלט, איצט מוזן די אינסטרומענטן אָנקומען צו דער צייט. פריי זאָל זיין די גאַס"; דער פאָטער האָט זיך אין אַזאַ פאַל נישט פאַרלאָזט אויף דער באַן, זיי שטופּן אַרויף צייטנווייז די פראַכט־וואַגאָנען אויף אַ טויטער לאָנקע, און דעמאָלט קען מען אַ גאַנצע וואָך מיטן טעלעפאָנירן פאַרלירן די לאַסט־אויטאָס זענען געווען פאַרזיכערט קעגן אַלע מעגלעכע אָנפאַלן, אַזוי אַז זיי וואָלטן נאָך אפשר אַנדערע מענטשן מיט זייערע פאָרדאויטאָס געקענט אַריינשטויסן אין אַן אָפּגרונט.

לאַנגזאַם האָט זיך געצויגן די אַרויפשטייגונג, נישט איין מאָל איז אויסגעקומען אפילו צו בלייבן הינטערשטעליק די פופצען מייל, וועלכע זענען געווען דערלויבט.

כמעט יעדער מייל האָבן זיך די אויטאָס געמוזט אָפּשטעלן.

ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט דעם שפּיץ און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לאַנגזאַמע אַראָפּפאָרן באַרגאַראָפּ.

פאַר דעם צוג איז געפאָרן אַ מאַן מיט אַ רויטער פאָן אין דער האַנט! כדי צו וואָרענען די אַלע אַנטקעגנקומענדע אויטאָס, וועלכע פלעגן אַראָפּפאָרן אין אַ זייט און איבערוואַרטן ביז דער צוג איז אַריבערגעפאָרן.

איצט האָט דער צוג דערגרייכט דעם גלייכן וועג, אויף וועלכן די לאַסט אויטאָס האָבן געקענט שנעל פאָרן, ווי אַלע אַנדערע אויטאָס. עס איז געווען אַ פרייליכער אָנבליק. אַ ווילדער ליאַרם:

„הונק! הונק! מאַכט פריי דעם וועג! דער פאָטער וואָרט!"

אויף די בויערס זענען געזעסן פריילעכע יינגן, זייערע אַרבעטסקליידער האָבן פאַרראַטן, אַז די לאָך ביי וועלכע זיי האָבן לעצטנס געאַרבעט, איז ווייט נישט געווען קיין טרוקענע, נאָר זי האָט שפּענדיק געשפּיסט פון דעם פעטן אוצר.

אָבער די פנימער זענען געווען ריין און האָבן באַגרסס

די איבריקע געגנט מיט אַ ענלעך זוניקן שמייכל.

די יינגן האָבן געזונגען, צוגעוואָרפן ווערטלעך צו די אַנדערע אויטאָס, און אַריבערגעשיקט קושן צו די מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר די שטיבער.

די רייזע האָט באַדאַרפט געדויערן צוויי טעג, און אין משך פון דער צייט האָבן די אַרבעטער נישט געוווּסט פון קיין זאָרג, זיי האָבן געהערט דעם אַלטן ראָס, זאָל ער זיך שוין זאָרגן פאַר זיי. פאַר אַלעמען האָט ער געדאַרפט זאָרגן, אַז זיי זאָלן אַלע זונטיק זייער לוין באַקומען, און דערצו נאָך אַ דאָלאַר מער פון די איבריקע אַרבעטער.

אויסערדעם האָבן די יינגן באַקומען דעם לוין, נישט נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן געבויערט, נאָר אויך דעמאָלט, ווען זיי זענען אויף די בויערס געזעסן און מיט דער געשווינדקייט פון דרייסיק מייל אין אַ שעה געפאָרן דורך אַ גן-עדן פון פאָמעראַנצן-וועלדער! זינגנדיק לידער פון די מיידלעך, וועלכע זיי דערוואַרט אין דער נעכטעס שטאָט.

ווי פריילעך דרייט זיך די וועלט, ווען מען איז נאָך יינג!

## 8

דער פּאָטער איז אַדורכגעקומען מיט אַ מאָפּון צפונדיקער זײט, מיט אַ געװיסן הער באַנקסוד װעלכער האָט גאַנץ קלאָר געװוסט װאָס ער װיל און נישט פֿאַרלוירן קײן צײט.

געװיס האָט זיך דאָס שטיקל פּלאַץ נישט געפֿונען אַזוי נאָענט צו דעם ערשטן קװאַל, דערפֿאַר אָבער האָט דער פּאָטער געגעבן נאָר אײן זעקסטל פֿון דעם רײנעם פֿאַרדינסט און נאָר פֿינף טױזנט דאָלאַר פֿאַר די צװײ און האַלבן אַקר.

דער פּאָטער האָט מיט זײנע געלאָגן דעם באַטראַכט באָדן און געגלױבט, אַז ער װײסט װוּ דער קװאַל ליגט. דערװײל האָט בן-סקוט באַכגעזוכט נאָך אַרענדעס.

דער פּאָטער האָט זיך אַװעקגעלאָזט מיט בובין אין די ביוראָס דער סונסעט-בױהאָלץ-געזעלשאַפֿט, װי ער האָט געהאַט אַ פּריװאַטן שמועס מיט דעם דירעקטאָר.

הער אַסקאָט איז געװען אַ שװערער הער מיט אַ רױט פּנים און געצװונגענער הערצלעכקײט.

ער האָט געגלעט בובין איבער די האָר, פֿאַרגעלײגט דעם דעם פּאָטער ציגאַרן אַרומגעװיקלטע מיט גאָלד, גערעט װעגן װעטער און װעגן די אױסזיכטן פֿון דעם נײעם, פֿעלד, מ׳קען האָט געקענט מײנען, אַז ער מיטן פּאָטער זענען אַלטע גוטע פֿרײנט.

ענדלעך האָט דער פּאָטער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די געשעפטלעכע ענינים און דערקלערט, אַז ער מוז אומבאַדינגט אין דריי טעג האָבן דאָס האָלץ אויף אַ בויערטורם.

הער אַסקאָט האָט הויך אויפגעהויבן די הענט און געענטפערט, אַז אַזאַ באַשטעלונג איז פאַר אים אוממעגלעך אויסצופירן אַפילו פאַר גאָט דעם אַלמעכטיקן אַליין; די באַשטעלונגען אויף מאַטעריאַל פאַר בויערטורעמס האָבן ביי אים אַלע לאַגערן אויסגעליידיקט, אין טעגלעך קומען נייע באַשטעלונגען אָן.

אָבער הער ראָס האָט אים איבערגעשלאָגן; ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דאָ גייט און עטוואָס באַזונדערס: ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך און אין פאַל, ווען ער ברעכט אים, אַזוי דאַרף ער באַצאָלן אַ גרויסע סומע.

ער האַלט נישט פון די שטאָל-טורעמס, מוזן אים דאָך די האָלץ-סוחרים אונטערהאַלטן, אויב זיי ווילן אים נאָר נישט פאַרלירן אַלס סוחר, ער וויל באַלד מאכן אַ באַשטעלונג נאָך אויף אַ האַלב טוץ בויערטורעמס, וועלכע זאָל געליפערט ווערן אין אַ משך פון דריי חדשים.

—הער אַסקאָט מוז אָבער איינזען אַז די קוואַלן, וועלכע דער פּאָטער וועט בויערן, וועלן דאָס גאַנצע פעלד פאַרגרעסערן, גורם זיין צו נייע אַנטוויקלונגען און פאַר דער בויהאָלצגעזעלשאַפט אַ גרויסע באַדייטונג האָבן.

דער פּאָטער דורך זיינע אונטערנעמונגען ברענגט אַלעמען אַ טובה, דעריבער מוזן אַלע מיט אים האַלטן און אים מיטהעלפן.

אויסערדעם האָט דער פּאָטער נאָך במחשבה צו גרינדן אַ קליינעם סינדיקאַט, כדי צו עקספּלאָאַטירן דעם ערשטן קוואַל, אַ קליינעם סינדיקאַט נאָר פון עטלעכע מענטשן, וועלכע פאַרשטייען זיך אויף אַ גוט געשעפט, ווען זיי זייען עס, און ווילן פון דער ערשטער מינוט אָן צו דעם צוטרעטן, הער אַסקאָט ווייסט דאָך, אַז דער פּאָטער איז אַ מאַן וואָס האָט אַ וואָרט און איז נישט קיין שווינדלער.

הער אַסקאָט האָט אָפּגעענטפערט: יאָ, דאָס ווייסט ער.

דערויף האָט הער ראָס דערקלערט, אַז ער וועט פֿמעט זיין גאַנצע צייט דעם פעלד ווידמען, וועט מאַכן דערפון אַ גרויסע זאַך, ער וויל אַפילו אַ קליינע אָרגאַניזאַציע שאַפן: אַלע ווילן זיך האַלטן צוזאַמען, נאָר אַזוי גייט מען אויף דער וועלט פאָרויס.

הער אַסקאָט האָט אָפּגעענטפערט, אַז זעלבסטפאַרשטענדלעך איז די צוזאַמענאַרבעט דאָס איינציקע ריכטיקע אין דער מאָדערנער געשעפטסוועלט, צו דעם איז ער מסכים.

ער האָט געריינצלט די ברעמען, געקוקט אין איינציקע פאַפּירן אויף זיין שרייבטיש, גערעכנט און ענדלעך געפרעגט, אויף וויפיל אַ זייגער ער דאַרף ליפערן דאָס האָלץ.

דער פאָטער האָט אויפגעקלערט, אַז דער קעלער און פונדאַמענט זענען שוין האַלב פאַרטיק, אַז דער אויבערצעסליער ווערבירט שוין אַרבעטער.

עס וועט זיין געגוג אַז הער אַסקאָט וועט די באַלקנס צושטעלן אויף דאָנערשטיק ביינאַכט.

הער אַסקאָט האָט אַריינגעוואָרפן אַז זיי וועלן האָבן אַ סך שוועריקייטן, די וועגן בשכנות מיט פּראָספּעקט-היל זענען זייער שלעכטע.

הער ראָס האָט געענטפערט, אַז דאָס איז אים באַקאַנט און אַז צו דעם שלעכטס מוז ווי אַמשנעלסטן נעמען אַ סוף, ער וועט זיך אינגיכן פאַרבינדן וועגן דעם ענין מיט דעם גאַסנבויאינספּעקטאָר פון דער שטאָט.

איצט מיינט הער אַסקאָט וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדנונג, און דהער ראָס פאָדערט אים אויף דאָס פעלד צו באַטראַכטן.

זיי האָבן זיך געדרוקט די הענט און הער אַסקאָט דהאָט ווידער אַ גלעט געטון בונין איבער די האָר, און בוני האָט געמוזט צוליב געשעפטלעכע סבות מאַכן דעם אָנשטעל, אַז עס ערגערט אים נישט.

דאָס איז עלזאָ שוין געווען דערליידיסט

פאָרנדיק אין אויטאָ האָט דער פּאָטער איבערגעחזרט זײַן װערטל אַז שמירעכץ איז ביליקער פון שטאָל, ער האָט געװאָלט דערמיט זאָגן, אַז מען מוז די מענטשן צוזאָגן אַ חלק אינם פּראָפיט, דורך װאָס זײ װערן אַ טײל פון דער „אָרגאַניזאַציע״ און אײַלן זיך צו טון אַלץ, װאָס נאָר מען װיל פון זײ.

זײ האָבן דערגרײכט צו דער בּיוראָ פון דעם גאַסנבוי-אינספּעקטאָר, װעלכער האָט אויך מיט הער ראָס געהאַט אַ פּריװאַטן שמועס.

דער באַאַמטער הער בענציגער, אַ קלוגער, קלײנער מאַן מיט ברילן, האָט דורך זײַן קלײדונג בשום אופן נישט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ רײַכן מאַן, בּוני האָט עס באַלד באַמערקט מיט אינם טאָן, װעלכן דער פּאָטער האָט אָנגעהויבן.

דאָ זענען אויך נישט געװען קײן ציגאַרן מיט גאָלד און מען האָט אויך נישט געשמועסט װעגן דעם װעטער. הער ראָס איז באַלד איבערגעגאַנגען צו דעם געשעפטלעכן.

ער איז געקומען קײן ביטש-סיטי דורכצופירן אַן אונטערנעמונג, װעלכע װעט הונדערטער אַרבעטער באַשעפטיקן און דער געמײנדע מיליאָנען דאָלאַרן אַרײַנברענגען.

די פראַגע איז נאָר צו די גאַסנבוי-אַדמיניסטראַציע װעט מיטאַרבעטן כּדי צו ערמעגלעכן זײַנע פּלענער.

הער בענציגער האָט געענטפערט, אַז פאַרשטענדלעך װעט די אַדמיניסטראַציע טון אַלץ װאָס איז נאָר נויטיק—אויף דעם איז זי דאָך.

לײדער אָבער איז פּונקט אין דעם מאָמענט נישטאָ קײן שום פאָנדן אויף אײַליקע אַרבעטן.

דער פּאָטער מײנט, אַז דאָס איז נישט אַזאַ שװערע זאַך, די שװעריקײטן מוזן דאָך נישט קוקנדיק אויף אַלץ, באַזײַטיקט װערן, אין אַזאַ לאַגע מוזן אַלע צוזאַמענאַרבעטן.

הער בענציגער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אויגנבליק כּדי זיך צו ערקינדיקן װאָס הער ראָס אײגנטלעך װיל.

דער פּאָטער האָט דערקלערט, אַז ער װעט אויף דעם און אויף יענעם באַדן בויען, ער האָט געמאַכט אַ קלײנעם פּלאַן

פון די וועגן, וועלכע פירן צו וויי אין וועלכע דאַרפן ווערן אויסגעגלייכט, די לעכער מיט שטיינער פאַרשיט, כּדי מען זאָל קענען דאָנערשטיק אין אָוונט צופירן די באַלקנס.

הער בענציגער האָט דערקלערט, אַז דאָס קען שוין געמאַכט ווערן, און האָט געבעטן דעם סעקרעטאַר דעם איינציקן אָנוועזנדן אָנגעשטעלטן דעם הער יאָנעס צו רופן.

דער פּאַטער האָט באַלד פאַרשטאַנען און ווי נאָר דער סעקרעטאַר האָט דאָס צימער פאַרלאָזט, האָט ער אַרויסגענומען אַ בינטל באַנקנאָטן און זיי אויף דעם טיש אַוועקגעלייגט, זאָגנדיק.

הער בענציגער וועט זיכער אַרבעטן איבער דער צייט, וועט האָבן אַ סך מי און אויסגאַבן און ער דאַרף אומבאַדינגט באַקומען אַנטשעדיקונג.

דער פּאַטער האָפט, אַז הער בענציגער פאַרשטייט, אַז אין דער צוקונפט וועלן זיי נאָך מער האָבן צו טון איינער מיטן אַנדערן, דער פּאַטער איז אַ מענטש וואָס זאָרגט פאַר זיינע פריינט.

הער בענציגער האָט רויִק אַריינגערוקט די באַנקנאָטן, באַמערקנדיק אַז דאָס וועט זיין אויף די לויפנדיקע הוצאות און צוגעגעבן, אַז די אַדמיניסטראַציע איז שטענדיק גרייט אונטערצושטיצן די מענטשן, וועלכע אַרבעטן פאַר דער אויפבוי אין דער געזעלשאַפט און דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

הער ראָס קען זיך פאַרלאָזן אַז די אַרבעט אויף די אַנטשפּרעכנדיקע גאַסן וועט זיך מאָרגן אָנהייבן.

זיי האָבן זיך געגעבן די הענט, דער פּאַטער מיט בונין זענען אַרויסגעגאַנגען.

דער פּאַטער האָט דערקלערט, אַז בוני דאַרף אין ערגעץ נישט דערמאָנען, וואָס אין ביוראָ איז פאָרגעקומען. יעדער באַאַמטער איז פון פיינט אַרומגערינגלט, וועלכע ווילן ביי אים דעם פּאָסטן צונעמען,, זיי קענען די זאַך אַזוי אַוועקשטעלן גלייך ווי דער פּאַטער האָט דעם באַאַמטן איבערגעקויפט.

פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט אמת, דער מענטש דאַרף

זאָרגן דערפאַר, אַז די גאַסן זאָלן זיין אין אָרדנונג, און דער פאַטער האָט אים נאָר דערמיט זיין דאַנקבאַרקייט אויסגע־דרוקט.

„ווען מען האַלט אַליין אַ סך געלט צו פאַרדינען, אַזוי איז עס נישט אַנשטענדיק אַן אָרעמען טייוול, וועלכער לעבט פון הונגערגעהאַלט נישט צו געבן.

געוויס האָט הער בענציגער אין דער היים אַ פרוי מיט קינ־דער און איז פאַרשולדיקט. אפשר נאָך איז די פרוי קראַנק און ער קען דעם דאָקטאָר נישט רופן.״

דער מאַן וועט לאַנג אין ביוראָ זיצן, ער וועט מוזן אין אָוונט זוכן מענטשן, וועלכע זאָלן ביי די גאַסן אַרבעטן, און וועט נאָך אפשר ווערן אויסגעשטראָפט פון די עלצטע, פאַרוואָס ער האָט עס געטון אָן זייער הסכמה, זיכער, באַקומען די עלצטע פאַרוואָס ער האָט עס געטון אָן זייער הסכמה זיכער, באַקומען די עלצטע באַצאָלט פון אַ וועלכער עס איז גרויסער געזעלשאַפט וועלכע וויל אַליין איבערנעמען דעם גאַסנבוי.

עס ציען זיך שטענדיק אַלערליי דראָטן, וועלכע פאַר־פלאָנטערן, און מען מוז שטענדיק זיך דערהאַלטן אויף דער וואַך.

„רעד זיך נאָר נישט איין, אַז דו קענסט קומען אויף אַ אָרט און אַרויסנעמען עטלעכע מיליאָן דאָלאַר פון דער ערד, און קיין אַנדערע וועלן דיר גאָר נישט פּרוּוון דאָס געלט צו־צונעמען.״

דאָס אַלץ האָט געקלונגען זייער שכלדיק און מעגלעך: בוני האָט זיך צוגעהערט, אין דער צייט ווען דער פאָטער האָט זיך צעלאָזט אין באַטראַכטונגען איבער זיין ליבלינגס רעגעל:

„היט דיין געלט!״

אין אַ געוויסן טאָג קען מיטן פאָטער אַן אומגליק געשען, דעמאָלט וועט בוני מוזן איבערנעמען דאָס גאַנצע לאַסט אויף זיינע פּלייצעס, אַלע מענטשן ווילן זיין געלט נעמען, ווער נאָר עס טוט עס אויף אַ גרעבערן אופן, און ווער אויף אַן איידלערן.

בוני האָט באַמערקט:

„אָבער, פּאָטער, דערמאָן זיך נאָר אין פּאַוולען ער דהאָט דיין געלט נישט געוואָלט, ווען איך האָב עס אים פאָרגעלעגט. האָט ער עס אָפּגעוואָרפן און באַלד אוועקגעגאַנגען, שוין מער זיך נישט ווייזנדיק.״

„איך ווייס.״—האָט אָפּגעענטפערט דער פּאָטער.—„אָבער ער האָט דאָך דיר דערציילט, אַז די גאַנצע פאַמיליע זיינע איז משוגע. ער איז אויך משוגע, נאָר אויף אַן אַנדער אַרט. דאָס איז עס אינגאַנצן.״

# III

בוני האָט זיך געגריבלט: איז פּאַול וואַקטינס משוגע. וואָס ער האָט זיך אַזוי פֿאַרהאַלטן? אויב יאָ, אַזוי איז ער, בוני, אויך נישט ביי דעם גאַנצן זינען, ווייל פּאַולס באַנעמען זיך האָט אויף אים אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט; ער מוז פֿסדר וועגן דעם דאָזיקן יינגל דענקען.

די ערלעכקייט און געוויסנהאַפֿטיקייט פֿון דעם יינגל האָט שוין געהאַט זיינע רעזולטאַטן, ווייל בוני האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן מער קיין ליגן נישט זאָגן, אפֿילו ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגן נישטיקע ענינים.

דאָס צוזאַמענטרעפֿן זיך מיט פּאַולען האָט בונין צום ערשטן מאָל קלאָר געמאַכט, ווי לייכט און אַנגענעם אים לעבט זיך.

ווען ער האָט מאָרגן נאָך דער באַגעגעניש מיט פּאַולען די אויגן אויפֿגעעפֿנט, ווייך אויסגעבעט אויף דעם פֿעדער מאַטראַץ פֿון דעם האָטעל-בעט און אונטער אַ וואַרעמער ווייסע קאָלדרע, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען: ווו איז פּאַוול היינטיקע נאַכט געשלאָפֿן אָן אַ היים און אָן שוך? איז ער אויף דער בלויזער ערד געשלאָפֿן? און אונטן, אין דעם ברייטן עס צימער, האָט אויך דער געדאַנק, אַז פּאַוו, האָט קיין פֿרישטיק נישט, צוגענומען ביי בונין דעם אַפּעטיט צו די פֿרוכטן, שינקע

אייער, סמעטענע און קאָנפיטורן.

נאָך דעם פרישטיק איז בוני געזעסן אונטער אַ פּאַלמע נעבן דעם האָטעל און געהאָפט, אַז פּאָול וועט פאַרביי גייען.

אַנשטאָט אים זענען געקומען פרוי קראָאַטרי מיט איר מאַן, הער צומפערי, הער און פרוי בראָמלעי און די ביידע שניי־דערס.

זיי זענען געקומען אַלס אַ דעפּוטאַציע פון די מיטל־גרויסע גרונטשטיקער און איבערגעגעבן, אַז די זיצונג דיהאָט זיך געכשן פאַרצויגן ביז איינס אַ זייגער, און עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן דעם אַלגעמיינעם אָפּמאַך אויפצוגעבן און צו פאַרקויפן איינצעקווייז.

איצט וועלן די באַלעבאַטים פון די מיטלגרויסע גרונטשטי־קער אַן ערענדע־אָפּמאַך שליסן.

בוני האָט געענטפערט, אַז איצט איז דער פּאָטער מיט די געפּלאָגן אָוועקגעגאַנגען; זיי קענען אויף אים וואַרטן. דאָך האָט בוני געוווּסט, אַז דער פּאָטער אַרענדירט נישט אַזעלכע קליינע פּלעצער.

בוני האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק נעבן דער פרוי קראָאַטרי; ער האָט געוואָלט געוויער ווערן, צו פּאָול האָט זיך געוויזן.

בוני האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דעם פאַריקן אָוונט אַ גרויסן פעלער באַגאַנגען: ער האָט די קיך טיר נישט פאַרשלאָסן.

לויט זיין נייעם פּראָגראַם, בלויז דעם אמת צו זאָגן, האָט ער דערציילט, אַז עמעצער איז אין איר קיך אַריינגעגאַנגען און זיך עפּעס עסן גענומען; בוני האָט צוגעזאָגט נישט אויסצוזאָגן, ווער דאָס איז, דאָך איז דער יעניקער געווען אַזוי הונגעריק, אַז ער בוני האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף אים. אויב די פרוי קראָאַטרי וועט דערלויבן—און בוני האָט זיך גענומען צו זיין קליין בייטעלע.

פרוי קראָאַטרי האָט געגליט פון באַגייסטערונג איבער דער פיינפילנדיקייט פון דער אַריסטאָקראַטיע.

זי האָט זיך אין דעם ווונדערלעכן יינגל פאַרליבט, ער איז געווען אַזוי שען, געהאַט רויטע עמפּינדלעכע ליפּן, ווי אַ מיידל, און מאַניערן פון אַן עלטערן מאַרקיז; פרוי קראָאַטרי האָט ענלעכע פּערזענלעכקייטן פון פילם געקענט.

זי האָט אָפּגעזאָגט דאָס געלט צו נעמען, און שטילערהייט האָט זי באַדויערט וואָס זי איז פריער נישט רייך געוואָרן; דאַן וואָלטן אויך אירע קינדער געטראָגן אַזעלכע טייערע מלבושים און זיך געקענט אַזוי אַריסטאָקראַטיש-פּאָרנעם אויסדריקן.

דריי טעג שפּעטער, ווען בוני האָט אויף דעם פעלד אַרומגעשפּאַצירט, איז ער פאַריבערגעגאַנגען קראָאַטריס הויז. די צוקונפטיקע באַפעטמאַגנאַטין האָט גראָד געפּיטערט איר קראַליקל.

„אָה, קליינער יינגל!”—האָט זי אויסגערופן ווען בוני איז צוגעקומען נעענטער. — „איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון באָולען.”

„ווו איז ער?”—האָט בוני געפרעגט אַן אויפגערעגטער.

דער בריוו איז אויפגעגעבן געוואָרן אין סאַן-פּאַולאָ. אָבער ער שרייבט מען זאָל אים דאָרט נישט זוכן, ווייל ער איז שוין ווידער אונטערוועגס.”

„ווי גייט עס אים?”

„ער שרייבט, אַז עס גייט אים גוט. מיר זאָלן גאָרנישט זאָרגן פאַר אים. אַן אָרעמער יינגל, ער שיקט מיר בריוומאַרקעס, כדי פאַר דעם עסן צו באַצאָלן; ער שרייבט, אַז ער האָט דאָס געלט פאַרדינט; זאָל אים גאָט בענטשן!”

טרערן האָבן גערינען איבער אירע פעטע באַקן, און אויף אַזאַ אופן האָט בוני געמאַכט די זעלטענע אַנטדעקונג, אַז אַ דיקע פרוי קען איין מינוט זיין אַ גיריקע היענע, און די צווייטע מינוט אַ צאַרטע מוטער.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ פלויטל און געפּלוידערט.

בוני האָט דערציילט דער פרוי, וואָס איז דאַן געשען און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיין געוויסן איינגעשטילט. פרוי קראָאַטרי האָט אים דערציילט, אַז די וואַטקינס באַזיצן אין פּאַ-

ראַדי, אין סאַן-פלידאַ-טאָל אַ ציגנפערמע.

נאָר גוטע ערד איז דאָרט דאָ נאָר אַ פּאָר אַקער; דאָס וואַסער, די פעלדער צו באַנעצן, מוז מען מיט די הענט אָנ-פּאַמפּעווען.

די פערמע ליגט אין אַ מדבר, פרוי קראַאַטרי ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי די פאַמיליע וועט אָן פאַוולען, אויסקומען.

זי וואָלט זיכער עטוואָס געשיקט פון דעם נאַפּט געלט, אָבער זי ווייסט נישט, צי איר ברודער אַבעל, פאַוולס פאָטער, וועט וועלן פון איר געלט נעמען; ער איז פאָלקאָם משוגע פון זיין אמונה.

# IV

הער בענציגער האָט צוויי משא אויטאָס מיט מעקסיקאַנער געשיקט די וועגן אויסצובעסערן.

אויך הער אַסקאָט האָט זיין וואָרט געהאַלטן און צו דער צייט צוגעשיקט דאָס האָלץ אויף דעם בויערטורם. דעם פאָטערס עלצטער בוי-מייסטער האָט ווערבירט אַרבעטער, וועלכע האָבן אין די באַלקנס און סלופּעס לעכער געבויערט און שרויפן אַריינ-געדרייט, אַזוי איז פּאַמעלעך אַנטשטאַנען דער בויערטורם 122 פיס די הויך, גלייך, פעסט און זיכער.

אַ לייטער האָט געפירט צו דעם מיטלסטן שטאָק, ווו עס האָט זיך געפונען אַ פּלאַטפאָרם, אויך אויף דעם שפּיץ האָט מען געקענט שטיין. אַלץ איז געווען שען און ניי; דער פאָטער האָט בונין דערלויבט אַרויפצוקלעטערן; דאָס יינגל האָט געקוקט איבער די דעכער און איבער די ביימער און געזען דאָס בלויע וואַסער פון דעם שטילן אָקעאַן. עס האָט אויסגעזען הערלעך! ביי דעם זונאונטער־גאַנג זענען זיך אָנגעקומען משא-אויטאָס, פייפנדיק, פאַרשטויבט, אָבער נאָך דעם קלאַנג פון זייער טרובן האָט מען געקענט אורטיילן, אַז זיי זענען זיכער און אַנטשלאָסן.

זיי האָבן צוגעפייפט י. אַרנאָלד ראס און זיין זון אַ מונ-טערע באַגריסונג

דער בויערטורם איז געווען העל באַלויכטן פון פּראָזשעק-

טאָרס; מענטשן האָבן דאָ געוואָרט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל.

זיי האָבן געאַרבעט מיט אַלע כּוחות, אונטער דער אויפזיכט פונם „אַלטן", דעם הער פון זייער גורל און אַרבעטסלוין.

זיי האָבן געאַכטעט דעם אַלטן, ווייל ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף זיין געשעפט און זיך נישט געלאָזט באַשווינדלען; זיי האָבן אים ליב געהאַט, ווייל זיין שטרענגקייט איז דורך זיין גוטקייט געוואָרן געמילדערט, און ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פשוט און נישט גרויס ביי זיך.

ער האָט געגעסן זיינע ביבלעך און געטרונקען זיין קאַווע צוזאַמען מיט די אַרבעטער, ווען די אַרבעט איז נאָר געווען דרינגענד.

ער איז געווען דער ריכטיקער מאַן, באַרימט דורך דער שיין פון מיליאָנען.

יאָ, ער האָט געהאַט געלט, גאַנצע פעסער; און וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַקונצנמאַכער, וועלכע ציט פון אַרבל אַרויס קראָליקלעך און גאַנצע אַרשינען סטענגעס, און פאַרגלייך מיט אים, וועלכער כּשופט אַרויס פון גאָרנישט נאַפט בויערטורעמס, שטאָל, גאַנצע פלאָטן פון לאַסט אויטאָס און וועגן?

אויך דאָס יינגל איז געפעלן געוואָרן די אַרבעטער; ער איז אויך געווען ביי זיך אַזוי פשוט ווי דער פאָטער, זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבעט, פאַרגונפטיקע פראַגן געשטעלט, און נישט פאַרגעסן די דערקלערונגען.

אַזאַ יינגל וועט שוין זיין אומשטאַנד דאָס געשעפט וויי־טער צו פירן; דער אַלטער דערציִרט אים גוט.

בוני האָט אַלע אַרבעטער גערופן ביי דעם פאָרנאָמען, גוט־מוטיק אַריבערגעטראָגן זייער רייצן זיך, געטראָגן אַן אַלטן אַנצוג און מיטגעהאָלפן אומעטום, ווי נאָר אַ פּאָר נאָכנישט אויסגעוואַקסענע הענט האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט טון.

נאָר די צייט פון שפּאַסן איז פאַריבער, עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער צעמענט בלאָק פאַר לאָקאָמאָביל און

אויף אים נאָך אַ הילצערנעם בלאָק, כּדי אָפּצושוואַכן דאָס שאָקלען זיך.

דעם לאַסטאויטאָ מיט דעם לאָקאָמאָביל האָט מען צוגעפירט צו דעם פּאַסיקן אָרט און אים באַפעסטיקט, דאָס זעלבע איז געשען מיט די באַלקנס און אין אַ מינוט איז דער לאָקאָמאָביל גרייט געווען אָנצוהויבן די אַרבעט.

ווען בוני איז דעם נעכסטן מאָרגן ווידער דערשינען אויף דעם אַרבעטספּלאַץ, איז דער גרויסער „באַראַבאַן" שוין געווען אויפגעשטעלט, די שטריק צו דעם בויערטורם באַפעסטיקט און מען האָט שוין אויסגעלאָדן די בויערערן.

אַרום דריי שווערע רערן האָט מען אַרומגעבונדן אַן אייזערנע קייט, און מען האָט אַרויפגעלייגט אַ פּלאַש מיט אייזערנע האַטשיקעס, וועלכע האָט די קייטן אָנגעכאַפּט. דער לאָקאָמאָביל האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן; די קייטן און דראָט שטים האָבן זיך אויסגעגלייכט—און די רערן זענען אַראָפּגעפלויגן פון די אויטאָס.

די רערן זענען געווען צוואַנציק פוס די לענג און געוויגן כמעט דרייהונדערטאַכציק פונט.

דער פאָטער האָט דערקלערט בונין, מען דאַרף זיך נישט צופיל פאַרלאָזן אויף די פאַכמענער; אויסערדעם, ווי קען מען עס וויסן צו דער מענטש איז אַ גוטער פאַכמאַן, אויב מען פאַרשטייט זיך גאָרנישט אויף דער זאַך? אין אַ געוויסן טאָג קען דער מייסטער פּלוצים אָפּשטאַרבן, אָדער זיך לאָזן אונטערקויפן פון די קאָנקורענטן און ווי זעט מען דעמאָלט אויס? זיי דיין אייגענער פאַכמאַן, האָט דער פאָטער געלערנט.

דעם דאָזיקן אַפּאַראַט, וועלכן מען האָט אין באַוועגונג געלאָזט האָט מען אַ נאָמען געגעבן „ראָטאַרי-דרעהטיש", ער איז געווען פאַראייניקט מיט דער מאַשין דורך אַן אייזערנער קייט, יעדער רינג פון וועלכער איז געווען דיק ווי אַ פויסט. דער דרעהטיש האָט אינמיטן געהאַט אַ לאָך, אין וועלכער מען האָט די בויערשטאַנגען אַריינגעשטעקט.

אַן אָנשפּרעכנדיקע לאָך האָט זיך געפונען אין די באַלקנס,

און באַלד וועט אויך אין דער ערד אַזאַ לאָך זיין! די לאָך איננ־דרעהטיש איז געווען פירעקיק און די שטאַנגען זענען אויך געווען פירעקיק און צוגעפּאַסט צו דער לאָך.

איידער מען האָט די שטאַנגען אַריינגעשטעקט זענען גע־וואָרן איינגעשרויפט די „ציין" און דער „האַלדזבאַנד", דער אינ־סטרומענט, וועלכע האָט אייגנטלעך דאָס בויערן אויסגעפירט. צוויי גרויסע שטאַלענע שייבעס, איינע אַנטקעגן דער אַנדערער וי צוויי גרויסע טעלערס, האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען און פון דעם געוויכט פון די בויערשטאַנגען געווען געצווינגען זיך איינצופרעסן אין דער ערד.

ענדלעך איז געוואָרן פאַרטיק דער לעצטער אינסטרומענט פון דעם בויער, וועלכער האָט זיך באַדאַרפט אונטערנעמען צו מאַכן די לאַנגע רייזע אונטער דער ערד.

דאָס איז געווען אַ גרויסע מינוט. ענלעך צו דער, ווען אַ שיף לאָזט זיך אין ים אַריין, אָדער ווען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק נעמט איבער זיין אַמט.

עס האָבן זיך צונויפגענומען אַלע פריינט, אַלע אַרבעטער און סתם אַ מחנה פון נייגיריקע.

די אַרבעטער האָבן זיך דריי וואָכן אָנגעמוטשעט, כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל גו, איצט זענען זיי געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם פול מיט האָפנונג קוקנדיק אין דער צוקונפט.

דער מאַשיניסט איז געשטאַנען האַלטנדיק די האַנט אויף דער מאַשין און די אויגן אויף דעם הער ראָס.

הער ראָס האָט צו אים אַ שאָקל געטון, און דער מאַשי־ניסט האָט געלאָזט דעם לאָקאָמאָביל אין באַוועגונג, די ריידער האָבן אָנגעהויבן צו ברילן, דער בויער האָט זיך אין דער ערד איינגעביסן:

„ספּוד", „ספּוד",

און יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט ריינע הענט האָט גע־דרוקט הער ראָסן די האַנט, צווישן אַלע אויך באַנקסיד, אויף

וועמענס באָדן מען האָט דעם בויצרטורם אויפגעשטעלט, מיט זיין פרוי און גאַנצער פאַמיליע באַנקסיד.

די באַנקסידס האָבן דעם פאָטער מיט בונין פאַרשלעפט אַהיים אין זייער הויז.

דאָרט האָט מען געעפנט אַ פלאַש שאַמפאַן און פאַרן חויל פון דעם „בויערטורם ראָכ-באַנקסיד נומער 1" אויסגעטרונקען.

## V

ביי דעם ברעג איז אויך אין זומער געווען קיל, אין דער צייט ווען אין לאַבאַס-ריווער האָבן געהערשט גרויסע היצן.

די פאַמיליע האָט דעריבער באַשלאָסן זיך איבערצוקלייבן.

הער ראָס האָט אויך דאַביי קיין צייט נישט פאַרלוירן. ער האָט אויפגעזוכט אַ הויז מעקלער, פאַרזשאַגט ביי אים דאָס בעסטע אויסמעבלירטע הויז פון שטאָט, איז געפאָרן מיט אים אָנקוקן אַ געביידע ענלעך צו אַ פּאַלאַץ מיט אַן אויסבליק אויף דעם ים, זיך אומגעקערט צוריק אין דער ביוראָ פונם הויזמעקלער און געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך אויף זעקס חדשים פאַר 25 טויזנט דאָלאַר.

פון דרויסן האָט דאָס הויז אויסגעזען גלייך מען זאָל האָבן דראָט מיט שטוקאַטורקע פאַקלעבט.

אינווייניק האָט עס געגלאַנצט, ווי דאָס הויז פון פרויקראַטערי.

אויף איין זייט פון דעם גרויסן זאַל איז געווען אַ סאַלאָן, אויף דער אַנדערער דאָס עסצימער.

די באַזיצער האָבן אָנגעקויפט מעבל, נישט לייגנדיק קיין אַכט, נישט אויפן סטיל, נישט אויף געלט: מען האָט געזען נעבן אָפּגעגאָלדעטע, מיט זייד איבערגעצויגענע פראַנצויזישע

שטילן און סאָפקעס אַמעריקאַניש נוס-מעבל פון דער ערשטער העלפט פון דעם לעצטן יאָרהונדערט און כינעזיש מעבל באַצירט מיט ראָזעס און געשניצטע דראַקאָנען.

עס האָבן זיך געפונען דאָרט מאַרמאָרנע סטאַטועס פון נאַקעטע פרויען, ווי אויך אַ סטאַטוע פון אַ גייסטלעכן מיט אַ ביי-ראָק און קראַוואַט.

אויף דעם אויבערשטן שטאָק האָבן זיך געפונען זעקס שלאָפצימערן; יעדער צימער אַנדערש געפאַרבט און מיט די בעסטע סחורות, וועלכע האָבן זיך נאָר געפונען אין שטאָט, דעקאָרירט.

מעגלעך, אַז איינקע מענטשן האָבן אויסגעפונען, אַז עס פעלט דאָ די היימלעכקייט; אָבער בוני האָט גאָרנישט געקלערט וועגן עטוואָס ענליכעס—ער איז שוין געווען געוווינט צו פילן זיך גוט אויך אין האָטעלן. פאַר אים איז די היים געווען, ווי אַ פרעמד הויז. אַזוי ווי די אינדיאַנער אין דער געגנט פון הודסאָן-ביי הרגענען יעדן ווינטער אַ חיה און לאָזן זיך גיין אין דער ריכטונג אין וועלכער די חיה ליגט, אַזוי אַנטדעקט דער פאָטער נאַפט און ציט זיך איבער יעדעס מאָל צום ניי-עם קוואַל.

דער ערשטער איז געקומען דער הער עטאָן, דער הויז-לערער.

ער איז שוין געווען געוואוינט געוויר צו ווערן דורכן טעלעפאָן, ווי דער קערפער פון דער חיה ליגט. דעמאָלט האָט ער איינגעפּאַקט זיינע ביידע רייזנטאַשן און דעם גרויסן קו-פערט און זיך געלאָזט פאָרן מיטן צוג, אָדער מיט אַן אויטאָ צו זיין שילער.

ער איז געווען אַן עטוואָס קרענקלעכער יונגערמאַן מיט בלאַסבלויע אויגן און אַרויסגעזעצטע קעשענעס, אין וועלכע עס האָבן שטענדיק געשטעקט ביכער.

ווען ער האָט אָנגענומען די שטעלע, איז ס'אים באַלד קלאָר געוואָרן, אַז נאַפט איז דאָ פאַר קולטור, דאָס הייסט ! ער וועט

זיין שילער נאָר דעמאָלט לערנען, ווען דער פאָטער וועט עס ניסט טון.

הער ראָס האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע מיינונגען וועגן ביכער; צייטנווייז האָט ער געקלערט, אַז דאָס איז שווינדל אַ מאָל ווידער האָט ער זיך געוואַקלט און געווען אין פאַרלעגנהייט.

ער זעלבסט, נאַטירלעך, איז געווען נישט קיין געשליפענער און אומגעבילדעטער מענטש, און בוני דאַרף מער וויסן פאַר אים. גלייכצייטיק איז ער אויף דעם וויסן געווען אייפערזיכטיק, ער האָט מורא געהאַט, אַז עס קען נאָך אַנטהאַלטן אין זיך אַזעלכעס, וואָס ער איז דערצו נישט מסכים.

און ער האָט געהאַט רעכט: הער עטאָן האָט בונין געלערנט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן זאַכן וועלכע זענען וויכטיקער פון נאַפט.

דערנאָך זענען געקומען די באָבע און די מומע עמאַ.

די אַלטע פרוי ראָס האָט שוין געציילט אַ פונפאונזיבציק יאָר, זי האָט געפירט אַ לעבן פון אַ פערמע פרוי אין יענע טעג, ווען עס זענען נאָך נישט געווען נישט קיין אויטאָס, נישט קיין טעלעפאָן און נישט קיין מאַשינען.

זי האָט אין אָרעמקייט און אין עלענט איר לעבן דורכגעשטופט און אַ פאַמיליע אויפגעצויגן.

איין טאָכטער אירע איז אין קימפעט געשטאָרבן און אַ זון אין דער שפּאַנישער קריג פון טיפוס, אַ צווייטער זון איז געווען אַ האָפנונגסלאָזער שכור.

און אַזוי איז איר נאָר געבליבן „נס", וועלכער האָט אין די מיטעלע יאָרן אַ פאַרמעגן געמאַכט און געגעבן אים די מעגליכקייט די לעצטע פאַר יאָר צו פאַרברענגען אָן זאָרגן.

קיינער האָט נישט געקענט טרעפן וואָס די אַלטע פרוי וועט מיט איר פרייער צייט טון,

נאָר גאַנץ אומעדערוואַרט האָט זי דערקלערט, אַז זי וויל אַ מאַלערין ווערן!

צייט זעכציק יאָר האָט זי זיך דעם דאָזיקן טרוים אָפּגע-

געבן, שטענדיק האָט זי וועגן דעם געקלערט, צי ווען זי האָט די כלים איבערגעשווענקט צי די קינדער געוואַשן, אָדער אַפּרי־קאָסן און טרויבן געטרוקנט.

אומעטום וווּ זי האָט געוווינט האָט די באָבע געהאַט אַן „אַטעליע".

אַ וואַנדערנדער מאָלער האָט איר אויסגעלערנט, ווי זיך צו באַנוצן מיט פּרימיטיווע שרייענדיקע פאַרבן.

דער דאָזיקער קינסטלער האָט געמאָלט זונאונטערגאַנג אין דער מדבר ווי אויך די בערג און די פעלזן פון קאַליפאָרניען, דאַקעגן די אַלטע פרוי ראָס האָט קיינמאָל נישט געמאָלט דאָס, וואָס זי האָט געזען; איר האָט נאָר אינטערעסירט פאָרנעמענס: פאַרקן, פלעצער מיט גראָז באַוואַקסענע, שאָטנדיקע אַלעען מיט דאַמען אין קרינאָלינעס און הערן אין ברייטע הויזן.

איר מייסטערווערק זעקס פיס אויף פיר איז שטענדיק גע־האָנגען אין דעם צייטווייליקן עס צימער.

מען האָט געזען אויף דעם אין הינטערגרונט אַ זייער עלעגאַנט צווייסשטאָקיק הויז מיט אַ ווערענדע.

פאַר דעם הויז האָט זיך געשלענגלט אַ וועג; אין דער מיט איז געווען אַ פאָנטאַן; מען האָט געקענט זען דאָס וואַסער שפּריצן.

אַ וועגעלע פון צוויי פאַרשוין איז פאַרפאָרן צום דהויז; אין דעם זענען געזעסן אַ דאַמע מיט אַ הער, און אַ נעגער־קוטשער האָט געהאַלטן די לייצן.

הינטער דעם וואָגן איז נאָכגעלאָפן אַ הונט און אויף דעם פּלאַץ באַוואַקסן מיט גראָז האָבן זיך געשפּילט אַ יינגל מיט אַ מיידל אין אַ קרינאָלינע.

אויף דעם פּלאַץ האָט זיך אויך געפונען אַ ווילדע ציג פון טשוגון.

מען איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן דאָס בילד צו באַ־טראַכטן ווייל מען דהאָט שטענדיק געפונען אין דעם עפּעס ייעס.

דער פאָטער פלעגט עס ווייזן זיינע געסט:

דאָס האָט די מוטער געמאָלט; איז עס נישט וווּנ-דערלעך פאַר אַן אַלטע פרוי, פון פינפאונזיבעציק יאָר?"

אַגענטן, וועלכע זענען געקומען אָנצובאָטן, פרענדעס, אַד-וואָקאַטן, וועלכע זענען געקומען מיט דאָקומענטן, מייסטער וועל-כער זענען געקומען נאָך פאַראָרדנונגען אַלע האָבן אויפמער-קזאַם באַטראַכט דאָס בילד און געווען דאַנקבאַר דעם פאַ-טער.

די מומע עמאַ איז געווען די פרוי פון דעם זון וועלכער איז אַלס שכור געשטאָרבן.

אויך זי האָט ערשט שפּעט אין לעבן באַקענט זיך מיט רייכטום.

דער פאָטער האָט דער מוטער קיין שום גרענעצן נישט געשטעלט; די ביידע פרויען האָבן געמאַכט אַלערליי איינקויפונ-גען אויף זיין רעכענונג און האָבן אפילו אויף זיין נאָמען טשע-קען אויסגעשטעלט.

די מומע עמאַ האָט באַזוכט די עלעגאַנטסטע קראָמען, געקויפט דאָרט קליידער און אויפגעהאַלטן דעם פרעסטיזש פון דער פאַמיליע ראָס אין יעדער שטאָט, ווי זי איז נאָר גע-קומען.

ווי נאָר עס זענען געווען דאַמענקלובן, האָט די מומע עמאַ באַזוכט אַלע זיצונגען, אויסגעהערט אַלע אימפּאָזאַנטע פּער-זענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן „פרוי פּאָרזיצערין" געזאָגט און געהאַלטן רעדעס איבער דעם ווייבלעכן עלעמענט אין שעקספּירס דראַמעס, אָדער דעם היגיענישן ווערט פון דעם אָפּטימיזם, אָדער איבער דער טעמע: „וואָס זאָלן מיר פאַר אונ-דזער יוגנט טון?"

איינמאָל אין מאָנאַט האָבן די ביידע דאַמען אויך געגעבן אַ טיי; נאָר פאָטער ראָס איז שטענדיק אין אַזאַ נאָכמיטאָג גע-ווען פאַרנומען און נישט געקענט בלייבן אין דער היים.

די מומע איז געווען אַ גוטע סוחרטע אין אַלע פּאַרפו-מעריעס, ווו מען האָט פאַרקויפט אַלערליי מיטלען שען צו ווערן; זי האָט געקענט די פאַרקויפערינס ווי אויך די נייסטע מיטלען

און האָט אַן בושה אָנגערופן זייערע פראַנצויזישע נעמען לויט דער אַמעריקאַנישער אויסשפּראַך; דאָך וואָלטן די פּאַרקויפּערינס אין אַן אַנדער פאַל אויך נישט געוווּסט וואָס דער קונה וויל פון זיי.

עמאַס טואַלעטנטיש איז געווען באַדעקט פון פודעלעך, טעפּעלעך און פלעשעלעך וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אין זיך פודער, שמינקע, פּאַרפומען און שענהייטס מיטלען.

איינע פון בוניס פריעסטע דערינערונגען איז געווען די מומע עמאַ, וועלכע איז געזעסן אָנגעלייענט אויף אַ שטיל און איז געווען ענלעך צו א פאַרגרעסערטן פּאַפּוגיי.

זי איז געווען נאָר האַלב אָנגעטון.

און האָט זיך פאַר אים נישט זשענירט ווייל ער איז נאָך געווען אַ קליינער.

ער האָט געזען ווי זי האָט זיך איינגעצויגן אין אַ פעסטן האַרטן קאָרסעט מיט זאָקנבענדלעך און אין ענג געשנירטע קליינע שיך.

זי איז געזעסן אויסגעגלייכט ווי אַ ליכט, געשיט ראָזע און ווייסע פודער אויף דעם געזיכט, און דערציילט דאַבי בונין פון איר מאַן וועלכער איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געשטאָרבן.

נישט קוקנדיק אויף זיין מראַגישער שוואַכקייט, האָט ער פיל גוטע מעלות באַזעסן, אַ גוט האַרץ, גרויסמוטיקייט און גוטסקייט.

„יאָ, יאָ,"—האָט די מומע עמאַ געזיפצט—„ער איז געווען אַ גוטער קליינער מאַן. איך וואָלט גערן געוואָלט וויסן, ווי ער איז איצט."

און זי האָט זיך אָפּגעווישט די טרערן פון די באַקן און פונסניי אָנגעשיט אויף זיי פודער.

## VI

טיף אין דער ערד, אונטער ראָס באַנקסוד נומער 1, האָט זיך געדרייט אַ גרויסער שטאָלענע בלאָק.

אונטן האָט ער געהאַט שטומפּיקע, שטאָלענע ציין ווי אַ דיבאַייזן און אויף אים איז געלעגן אַ משא פון טויזנט פיס צונויפגעשטעפּטע שטאָלענע רערן, וועלכע האָבן מיט אַ וואָג פון צוואַנציק טאָן די דאָלאָטע צוגעדריקט, אַזוי אַז זי האָט זיך אין משך פונם דרייען אַריינגעביסן אינם האַרטן שטיין און אויף שטויב אים צעמאָלט. ער האָט געאַרבעט אינמיטן אַ דינעם שליים-שטראָם, וועלכער איז געטריבן געוואָרן דורך די רערן אַראָפּ, און צוריק אַרויסגעקוועלט צווישן דער דרויסנדיקער זייט פון די רערן אין דער ערד.

דער דאָזיקער שליימשטראָם האָט געהאַט דריי צוועקן: ער האָט אָפּגעהיט די בויערדאלאטע און די רערן פון דערהיצן זיך, ער האָט אָפּגעשווענקט דאָס צומאָלענע געשטיין און אין דער צייט ווען ער איז רונד אַרום די רערן געשטיגן אַרויף, האָט ער זיך אַריינגעפּרעסט אין די ווייכע ווענט פונם לאָך אַריינגע-דרינגען אין אַלע שפּאַלטן און פאַרשטייפט דורך דעם די ווענט. אויף דער ערד האָט זיך געפונען די „זומפּלעך", אין וועלכער איין מאַשין האָט געהאַלטן אין איין אַריינגיסן אַ מישונג פון שליים מיט וואַסער און אַ צווייטע מאַשין האָט די דאָזיקע מי-

שונג מיט אַ דורך פון הונדערט קילאָגראַם אויף אַ קוואַדראַט צאָל־ געטריבן דורך די רערן אין דער טיפעניש פון דער ערד.

דאָס בויערן איז שטענדיק אַ שמוציקער אַרבעט; ביז מען דערגרייכט דעם קוואַל, שווימט מען אין אַ בלאָטגרויען שליים און דערנאָך אין נאַפט. עס איז אויך אַ טייערע אַרבעט כדי צו דרייען די צוואַנציק טאָן שטאָלענע רערן, וועלכע ווערן פון טאָג צו טאָג לענגער און שווערער, באַדאַרף מען האָבן אַ געוואַלטיקע קראַפט.

יעדעס מאָל ווען דער גרויסער לאָקאָמאָביל טוט אַ ציפּאַר דער קייט און די שטאָלענע ריידער הויבן זיך אָן צו דרייען, איז בוני געבליבן שטיין אַ באַגייסטערטער און זיך צוגעהערט.

דאָס איז געווען אַ פּראַקטיקע מאַשין! פופציק פערדקראַפט, האָט דער מאַשיניסט דערקלערט און בוני שטעלט זיך דאָביי פאָר פופציק פערד איינגעשפּאַנטע אין אַ טרעטמיל, יאָ דאָ, אין קאַליפאָרניען קאָסט אָפּ דאָס בויערן אַ סך געלט.

דאָס איז נישט אַזוי ווי ביי די קליינינקע לעכער אין מזרח וווּ מען האָט פשוט די אינסטרומענטן אויפגעהויבן און דערנאָך זיי אין לאָך אַריינגעוואָרפן.

ניין, דאָ מוז מען זיך פריער צוגרייטן אַ זעקס זיבן טויזנט פיס דער טיף אין דער ערד אַריינצודרינגען; דאָס הייסט פון דרייהונדערט ביז דרייהונדערטפופציק צונויפגעשרויפטע רערן, עס הייסט אויך פאַרשאַוויליעווען, ווייל אַזאַ לאָך טאָר נישט בלייבן נישט פאַרזיכערט.

עס האָבן זיך דאָ געטראָפן שיכטן פון אַ ווייכן זאַמד, דורך וועלכע עס האָט זיך וואַסער דורכגעשלאָגן און ווען מען בויערט אַ דורך אַזעלכע שיכטן מוז מען אַריינשטעלן אַ שטאָלענעם אָדער טשוגונענעם צילינדער וועלכער איז ענליך צו אַ לאַנגען קוימען.

די צילינדערס ווערן פאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט און זאָרגפעלטיק באַהעפט איינער מיטן אַנדערן, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ

פֿאַרזשימונג פֿאַר דעם וואַסער. דערנאָך ווערט שוין געבויערט מיט אַ קלענערער דאָלאָטע כמעט אַ פֿערצנצענליקער אַזוי, אַז די אויבערשטע וואַסער פֿאַרזשימונג שפּאַרט זיך שוין אָן ווי אויף אַ פּלאַטפֿאָרם.

און אַזוי ווערט די לאָך אַלץ שמעלער און שמעלער ביז מען קומט צו צום זאַמד, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך נאַפֿט, דאָרט האַלט זי שוין נישט מער ווי אַ פֿינף זעקס צאָל.

אַ פֿאָרזיכטיקער מאַן, ווי ראָס, ציט די וואַסער־פֿאַרזשימונג ביז אין בויערטורם.

ביי טאָג און ביי נאַכט האָט געאַרבעט די מאַשין, ביי טאָג און ביי נאַכט האָט געזשומעט די קייט, ביי טאָג און ביי נאַכט האָט אַרומגעקרייזט דער „ראָטאַרי־דרעהטיש" און עס האָט זיך די בויערדאָלאָטע אַריינגעביסן אינם געשטיין.

מען האָט געאַרבעט אין צוויי שיכטן, צו צוועלף שעה די צאָל פֿון די געלעגערס איז געווען באַגרעניצט, אַזוי אַז יעדער אַרבעטער האָט דאָס בעט געטראָגן וואַרים נאָך פֿון זיין פֿאָרגענגער.

עס האָט שטענדיק געמוזט זיין אָנוועזנד איין גרופּע אַרבעטער, נאָכצובאַקטן און זיך צוהערן.

די מאַשינען האָבן באַדאַרפֿט האָבן גענוג וואַסער, בענזין און איל, די פּאָמפּע האָט באַדאַרפֿט אַרבעטן, דער שליים־שטראָם פֿליסן, און דער בויער גלייכמעסיק אין דער ערד אַריינדרינגען.

עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך זאַכן, וועלכע וואָלטן געקענט אוועקגיין נישט ווי געהעריק און דאָס וואָלט געקאָסט געלט.

ציטנווייז האָט מען דעם הער ראָס ביי נאַכט איבערגעוועקט; דעמאָלט האָט ער געגעבן פֿאַראָרדנונגען דורכן טעלעפֿאָן, אָדער ער האָט זיך אָנגעטון און אַרויסגעפֿאָרן אויפֿן פֿעלד, אויף צומאָרגנס ביי דעם פֿרישטיק האָט ער דערציילט בונין, אַז דאַן ראָזיקער, דער פֿירער פֿון דער נאַכט גרופּע איז אַן איבערגעשפּאַרטער אייזל.

ער האָט נישט געוואָלט אונטערזאָגן און ווען מען האָט אים געמאַכט פאָרוואָרפן, האָט ער געזאָגט:

„עס וואָלט געווען גוט עס זאָל עפּעס קאַליע ווערן!"
און דער פּאַסטער האָט אים אָפּגעענטפערט:
„קאַליע ווערן צי נישט, מען מוז שנעל אַרבעטן."

פּונקט איז טאַקי עפּעס קאַליע געוואָרן. דער פּאַטער האָט געשוווירן, אז דאַן האָט עס בכוונה געטון.

איז עפּעס נישט געווען אין אָרדנונג, דאָס הייסט, ווען עפּעס איז צעבראָכן געוואָרן, אַזוי האָט מען געמוזט אַלע רערן צאָל נאָך צאָל, אַרויסציען, צעשרויפן אויף די איינציקע חלקים און דאַן ערשט אַנטדעקן ווי דער בראָך איז.

דאָס צעבראָכענע שטיקל איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די שווערסטע אַרבעט: מען האָט געמוזט די רעשט רערן פון לאָך אַרויסבאַקומען.

דערצו איז געווען אַ באַזונדער אינסטרומענט, דער „פאַנגשער"

מען האָט דעם דאָזיקן פאַנגשער מיט קייטן אַראָפּגעלאָזט; זי איז געווען גרויס און שווער און האָט זיך באַדאַרפט אין אַ רער פאַרטשעפּן.

אָבער דאָס איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע געדולד-אַרבעט; יעדעס מאָל האָט מען בלויז דעם אינסטרומענט אַרויפגעצויגן און מען האָט לאַנג געדאַרפט „פאַנגען" ביז מען האָט די רעשט רערן אַרויסבאַקומען.

ערשט דאַמאָלט האָט מען דאָס צעבראָכענע שטיקל פאַרביטן אויף אַ נייס, צוריק אינגאַנצן צוזאַמענגעשרויפט און ווי־דער אַראָפּגעלאָזט.

ווען מען האָט שוין דאָס אַלץ דערליידיקט, איז מען שוין געווען גרייט איינצוהאַלטן דעם שנעלן אַרבעטס טעמפּאָ, ווי דאָ דאָזיקער האָט געראָטן, און מען האָט אים שוין מער קיין פאַר-

װאָרפֿן נישט געמאַכט פֿאַר זײַן לאַנגזאַמער אַרבעט.

דער פּאָטער האָט דעם גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט אין זײַן קלײנער ביוראָ אין דער געשעפֿטלעכער טײל פֿון שטאָט.

דאָרט האָט ער געהאַט אַ סטענאָגראַפֿיסטן, אַ בוכהאַלטער און האָט אָפּגענומען די לויפֿנדיקע באַריכטן פֿון זײַנע קװאַלן.

עס זענען געקומען מענטשן װעלכע האָבן אים אָנגעבאָט נײַע פֿרענדעס און ייִנגע רײזנדער, װעלכע האָבן נײַע אײַנסטרומענטן געװאָלט פֿאַרקױפֿן. דער פֿאָטער האָט זײ אַלעמען אױפֿגענומען; זײ קענען דאָך טאַקע עטװאָס װערטפֿולעס אָנבּיטן, מען װײסט דאָך נישט.

אָבער װײ איז געװען צו דעם ייִנגערמאַן, װעמענס צװאָגן עס האָבן נישט געשטימט; הער ראָס האָט באַזיצט „ליגנביכער" פֿון אַלע זײַנע קװאַלן; ער האָט געבראַכט זײַנע ביכער און געװיזן דעם פֿאַרלעגענעם ייִנגערמאַן, װאָס ער האָט אין לאָבאָס רי־װער אָפּגעטון מיט אַ „בויער דאַלאַטע נומער 7."

עס איז געקומען צו הער דער „בריװטרעגער" און געבראַכט גריסן פֿון אַלע קװאַלן; און דער פֿאָטער פֿון זײַן זײַט האָט דיקטירט בריװ און טעלעגראַמעס, אָדער טעלעפֿאָן האָט געקלינגען: אַ װײַט געשפּרעך.

דער פֿאָטער איז אַ צאָרנדיקער געקומען אַהײם: דער צוּ־בעטער אימפּעי האָט זיך אַ בײן צעבראָכן.

„װײסט װער? דער װאָס מיט דער שװאַרצער באָרד."

בוני האָט זיך דערמאָנט, יאָ, דאָס איז דער מאַן, װעלכן דער פֿאָטער האָט אַרױסגעװאָרפֿן.

„איך האָב אים אָפּגעזאָגט",—האָט װײַטער געזאָגט דער פֿאָטער, — „נאָר איך האָב רחמנות באַקומען אױף זײַן װײַב און קינדער און אים צוריק צוגענומען, איך האָב דעם חבֿרה־מאַן געטראָפֿן אַ קניענדיקן צװישן דער קײט אין דער ראָד,— און ער האָט דאָך געװוּסט אַז מיר האָבן נישט בײַ דער מאַשין קײן שום פֿאַרזיכערונגסמיטלען!

ער האָט געפּרוּװט אַ שטיקל שטריק אַרױסצובאַקומען און

האָט די פינגער צווישן די רעדער אַריינגעשטעקט.—וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו העלפן מענטשן, וועלכע קענען נישט אפילו אַכטונג געבן אויף זייערע אייגענע פינגער, שוין נישט רעדנדיק פונם קאָפּ? מיין גאָט, איך באַגרייף עס נישט ווי אַזעלכע לייט לעבן עס אַזוי לאַנג, אַז עס וואַקסט זיי אַפילו אויס אַ באָרד."

אַזוי האָט דער פּאָטער געהאַט אַ געוויסן צוועק: דאָס בוי-ערן איז אין בעסטן פאַל אַ געפערלעכע זאַך און בוני זאָל זיך גוט אָפּהיטן ווען ער לויפט אַרום ביי דעם בויערטורם.

פון לאָבאָס ריווער איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע:

„נומער 2 אַרבעט נישט".

אַן „אידיאָט"—האָט אַריינגעוואָרפן אַ לאַם אין דעם לאָך אַריין.

און היות ווי זיי האָבן שוין דאָרט אַ 4000 פיס אויסגע-בויערט, איז דאָס „פאַנגען" דעריבער אַ צו טייערע ספּאָרט.

בכלל איז דאָרט מיט דער אַרבעט נישט צוגעגאַנגען אין אָרדנונג; די לאָך איז דאָרט שוין דריימאָל געוואָרן פאַרשטאָפּט און אין משך פון זעקס וואָכן איז די אַרבעט געבליבן ווייט הינטער דעם אַרבעטס פּלאַן.

דער פּאָטער האָט דערקלערט אַז ער וועט מוזן פאָרן קיין לאָבאָס ריווער, עס איז שוין צייט פונסניי דאָרט צו פאַר-שליסן די לאָך, און ער וויל טאַקע איינוועגס באַאָבאַכטן די בעטאָנאַרבעטער.

בוני איז אויפגעשפרונגען:

„נעם מיר מיט, טאַטע!"

און דער פּאָטער האָט געענטפערט:

„געוויס".

די באָבע האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז בוניס בילדונג וועט ווידער אָפּגערוקט אין אַ זייט.

# VII

זיי זענען אוועקגעפאָרן צו דעם אַלטן פעלד און אָנגעקומען קיין לאָבאָס ריווער אין אָוונט.

די אַרבעטער האָבן „געפאַנגען" מיט אַלע כוחות, צונויפגעשרויפט רערן צוזאַמען, אַראָפּגעלאָזט אַזאַ אַרט האַטשיקעס, רערן אַרויסגעצויגן, צעשרויפט זיי, פּופּציק, זעכציק, איינע נאָך דער אַנדערער, צוגעקומען ענדלעך צום באָדן כדי צו אַנטדעקן אַז זיי האָבן דעם „פיש" נישט געפאַנגען.

הער ראָס האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אין אַטאָן, וואָס אַלע האָבן געמוזט הערן.

אַז ער קען קיין אַרבעטער נישט געפינען, וועלכער זאָל אָפּהיטן זיינע אייגענע ביינער, אַזוי דאַרף ער שוין גאָרנישט האָפן, אַז ער זאל אַמאל געפינען אַן אַרבעטער, וועלכער זאָל זיינע אינסטרומענטן אָפּהיטן.

די אַרבעטער זענען געשטאַנען ווי שול ייִנגלעך, וועלכע וואַרטן אויף שמיץ, כאָטש דער „אידיאָט" וואָס האָט דעם גאַנצן שאָדן אָנגעמאַכט, איז שוין פונלאַנג געוואָרן אַרויסגעוואָרפן.

עס האָט זיך פונקט געפונען אַ רייזנדער, וועלכער דהאָט שטאַרק אויסגעלויבט אַ נייעם אינסטרומענט: מען קען, דהאָט ער געזאָגט, מיט זיין הילף די שטערונג מיטן ערשטן מאָל אַרויסנעמען.

דער אינסטרומענט איז געוואָרן אויסגעפּרובירט. און אַז אַלייך פֿאַרבליבן אין לאָך; ער האָט זיך צו פעסט אַריינגעביסן! זעט אויס, אַז דער לאָם האָט זיך געלייגט אין דער ברייט.

דער פּאָטער האָט געמיינט, אַז מען מוז פּרוּוון מיט דינאַמיט. אויף אַזאַ אופן וועט דער לאָם באַזייטיקט ווערן און דאַן וועט מען מוזן די לאָך אויסרייניקן, פונסניי דורכבויערן און אויף דעם צעשעדיגטן אָרט נאָכאַמאָל פאַרשאַליעווען.

אַזוי האָט בוני טאָג נאָך טאָג באַקומען נאַפט רעקציעס.

ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דעם גאַנצן פעלד צוזאַמען מיטן טאַטן, מיט די געאָלאָגן און בויער מייסטער.

עס איז געוואָרן אָפּגעשטימט פלעצער פאַר נייע בויער טורעמס; דער פּאָטער האָט אַרויסגענומען אַ בליישטיפט און דערקלערט בונין פאַרוואָס מען שטעלט אויף די בויערטורעמס אין די פיר עקן פון אַ ראָמב און נישט פון אַ קוואַדראַט.

זיי זענען געפאָרן קיין ביטש־סיטי צוריק און האָבן דאָרט געטראָפן בערטיען.

בערטיע איז געווען בוניס שוועסטער, עלטער פון אים מיט צוויי יאָר. זי איז נאָר וואָס געקומען אַהיים פון די שרעקלעך פאַרנעמענע וודברידזש—רולס אין צפון, ביי וועלכע זי איז געווען צו גאַסט.

בוני האָט איר געוואָלט דערציילן פונם „פאַנגען", וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָבאָס־ריווער, נאָר זי האָט געמאַכט אַ שטאָלץ פּנים, אָנגערופן אים נאַפטקאַרליק, און געזאָגט, אַז זיינע פינגער נעגל אפילו פאַרראַטן אים.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בערטיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן שעמען מיטן נאַפט.

דאָס איז געווען עטוואָס נייעס, ווייל פריער איז זי געווען אַ גוטער חבר. האָט זיך אינטערעסירט מיטן געשעפט, דעבאַטירט מיט בונין און אים באַזיגט, ווי עס טוען עס עלטערע שוועסטער.

בוני האָט די ענדערונג וועלכע איז פאָרגעקומען אין איר נישט פארשטאנען; פאמעלעך אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע פאַרענדערונג דאַרף מען צושרייבן דער פאַרגעמענער דערציִונג, וועלכע בערטיע האָט באַקומען אין דער שול פון פריילין קאַסטלע.

אין דעם איז שולדיק די מומע עמאַ.

זי האָט אַנערקענט ים׳ס רעכט אויף צו דערציִען צום „געלטמאַכן" נאָר בונין אַליין; בערטיע אָבער זאָל ווערן אַ יינגע דאַמע, דאָס הייסט, זי זאָל זיך לערנען ווי אויסצוגעבן דאָס געלט וועלכע דער פאָטער האָט פאַרדינט.

דעריבער האָט די מומע עמאַ אויסגעוועלט די טייערסטע שולע פאַר יינגע אויסגעבעריינס און פון דעם אויגנבליק האָט די פאַמיליע זעלטן אָנגעקוקט בערטיען; אין די פעריען האָט דאָס מיידל באַזוכט אירע רייכע חברטאָריִנס. זי האָט זיי נישט געקענט פאַרבעטן צו זיך, ווייל די פאַמיליע האָט נישט געהאַלטן קיין קאַמערדינער.

זי האָט זיך אויסגעלערנט אַלערליי זעלטענע אויסדרוקן, וועלכע האָבן געבראַכט דער מאָמען צום שטוינען און דעם פאָטער צום לאַכן.

די גראַמאַטיקאַלישע פעלער, וועלכע דער פאָטער האָט געמאַכט האָט איר אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג, זי האָט פאַרבעסערט זיין שפּראַך און אים געגעבן צולעגן מער אַכט אויף דער גראַמאַטיק.

דער פאָטער האָט געברומט:

„אַזוי רעד איך שוין נייַנאונפופציק יאָר!"

דאָך דאָס צווייטע מאָל האָט ער שוין מער אַכט געלעגט און אויף אַזאַ אופן מאַכט די ציוויליזאַציע פאָרשריט.

בערטיע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט כדי ארויסצופאָרן אויף דעם פעלד און צוצוזען ווי מען בויט די נייע בויערטורעמס.

זי האָט געשפּאַצירט מיט בונין און זיי האָבן געטראָגן די פרוי קראַצאַטוריס וועלכע איז פונקט אויסגעשטיגן פאַר אַ ר

הויז פון אַ עלטערן פּאָרד אויטאָס. בוני האָט זיך זייער דער־פרייד מיט דער דאָזיקער באַגעגעניש און האָט באַשלאָסן בערטיען מיט איר באַקענען.

בערטיע אָבער האָט זיך פאַרהאַלטן קאַלט און דערנאָך זיך געקריגט מיט בונין פאַרוואָס ער האָט אַזאַ געמיינעם גע־שמאַק.

ער קען זיך אפילו באַפריינדן מיט קרעטינען און פליעטין, אויב איים איז עס נאָר ליב, אָבער ער דאַרף דאָך נישט צווינ־גען זיין שוועסטער דעם דאָזיקן געזינדל די האַנט צו געבן.

בוני האָט איר נישט פאַרשטאַנען ;—זיין גאַנץ לעבן לאַנג האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע אינטערעסירן זיך נישט מיט די אַנדערע מענטשן.

ער האָט דערציילט בערטיען פון פאַולען, וואָס פאַר אַ וואונדערפולער יינגל ער איז ; אָבער בערטיע האָט געזאָגט דאָס אייגענע וואָס דער פאָטער, אַז פאַול איז פשוט „משוגע".

נאָך מער : זי איז געוואָרן בייז און דערקלערט, אַז פאַול איז אַ מיאוסער יונג און עס פרייד איר זייער וואָס בוני ווערט אים שוין מער נישט קענען געפונען.

אַזאַ שטעלונג לגבי פאַולען וועט שוין בערטיע פאַר־געמען איר גאַנץ לעבן ; זי האָט דאָס פאַרראַטן פונם ערשטן אויגנבליק.

דער אָרעמער בוני איז אינגאַנצן צומישט געוואָרן, כאָטש פון בערטיען, וועלכער האָט באַזוכט אַזאַ שול, וווּ מען האָט גע־לערנט ווי אַזוי געלט צו באַוווּנדערן און אינסטינקטיוו צו טרעפן וויפל געלט אַ מענטש האָט, און לויט זיין פאַרמעגן אים צו אַכטן, האָט מען אייגנטליך קיין באַוווּנדערונג נישט באַדאַרפט דערוואַרטן פאַר אַ מענטשן וועלכער איז דער מיינונג, אַז מען האָט נאָר רעכט אויף דעם געלט וואָס מען האָט פאַרדינט אַליין.

בערטיע האָט געפאָלגט איר כאַראַקטער, בוני זיינעם. דער שוועסטערס כעס האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז

פּאָול זאָל אין בּוּנִיס פאַנטאַזיע בּלייבּן לעבּן אין איינזאַמער גרויסקייט.

ער איז אויסגעוואַקסן בּײַ אים צו אַ זעלטענע לעגענדאַרער פּערזענלעכקייט, צו דעם איינציקן מענטשן, וועלכער האָט געהאַט דאָס געלעגנהייט עטוואָס פונם פאָטערס געלד צו באַקומען און האָט עס אָפּגעוואָרפן.

צײַטנווייז האָט בּוּני די קראָאַטריס אויפגעזוכט, זיך אַנידערגעזעצט נעבּן איר און אָפּגענומען גריסן וועגן פּאָולען.

איינמאָל האָט אים די דיקע דאַמע געוויזן אַ שלעכט אָנגעשריבּן קאַרטל פון רות וואַקטינס, דער איינציקער שוועסטער, וועלכע פּאָול האָט געליבּט. רות האָט געשריבּן, אַז פון פּאָולען האָבּן זיי נאָך קיין וואָרט נישט געהאַט, אַז עס גייט זיי שלעכט און זיי מוזן פון צײַט צו צײַט שעכטן אַ ציג.

די פרוי קראָאַטרי האָט דערקלערט, אַז דאָס הייסט בּוכשטעבּלעך, אַז די פאַמיליע עסט אויף איר גרונט־קאַפּיטאַל.

שפּעטער איז פון רותן נאָך אַ בּריוו אָנגעקומען: פּאָול האָט איר געשריבּן, אַז ער איז אין צפון נאָך אַלץ אונטערוועגס אַזוי אַז מען קען אים נישט דערוווישן.

ער האָט צוגעשיקט פינף דאָלאַר און אויסדריקלעך דערקלערט אַז דאָס איז אויף עסן און נישט פאַר מיסיעס.

עס איז גאָרנישט פון די לײַכטע זאַכן צונויפצושלאָגן פינף דאָלאַר, ווען מען באַקומט די לוין פון אַ ייִנגל.

ווידעראַמאָל האָט בּוּני דערפילט אַ שטילע ערפורכט.

ער האָט געטון עטוואָס זעלטענעס: גענומען אַ פּינפּדאָלאַרדיקן באַנקנאָט, אים זאָרגפעלטיק איינגעוויקלט אין אַ בּלאַט פּאַפּיר און אָנגעשריבּן פון אויבּן: „צו דער פרײַלין רות וואַטקינס, פּאַראַדיז, קאַליפאָרניע", און עס אַרײַנגעוואָרפן אין בּריווקאַסטן.

פרוי קראָאַטרי האָט זיך שטענדיק געפרייד צו זען בּוּנין; אָבּער ער האָט געוווּסט דעם גרונט.

ער האָט פאַר די פרײַנט, עבּע אויפנאַמעס געצאָלט מיט

געוויסע אינפאָרמאַציעס; האָט איבערגעפרעגט צום ביישפּיל דעם פּאַטער וועגן סלופּער עט ווילקינס.

דאָס זענען אומזיכערע קאַנטאַניסטן, האָט דער פּאַטער באַהויפּטעט. פונדעסטוועגן האָבן די „מיטעלע גרונטשטיקער" געשלאָסן מיט אים אן אָפּמאַך—און האָבן באַלד חרטה געהאַט אויף זייער שריט. סלופּער עט ווילקינס. די סלופּער עט ווילקינס, נעמלעך, האָבן פאַרקויפט די אַרענדע אַ סינדיקאַט, וועלכער האָט באַלד אויף דעם גרונטשטיק נישט ווייט פון די קראָאַטריס, אויפגעשטעלט אַ געצעלט ווי מען האָט די אינטערעסאַנטן סערווירט אומזיסטע מאָלצייטן כדי זיי אַזוי אַרום אַריינצונאַרן.

דער סינדיקאַט האָט דעם פּלאַץ ווי מען האָט געבויערט אַ נאָמען געגעבן „באָנאַנזאַ—סינדיקאַט נומער 1", אין איילעניש אויפגעשטעלט אַ טורם און כדי נאָך מער אָפּצונאַרן אפילו געבויערט אַ 100 פיס די טיף.

פרוי קראָאַטרי איז געווען אינם זיבעטן הימל.

ביי דעם נעכסטן באַזוך האָט בוני אָבער באַמערקט, ווי דאָס געזיכט פון דער פעטער פרוי איז שטאַרק פאַרזאָרגט: „באָנאַנזאַ נומער 1" האָט דאָס בויערן שוין ווידער אָפּגעשטעלט; די צייטונגען האָבן געשריבן אַז די אַרבעטער זענען פאַרנומען מיט „פאַנגען", אָבער די אַרבעטער אַליין האָבן דערקלערט, אַז דאָס פאַנגען זיי זייער לוין.

דאָס פאַרקויפן פון די פּאַיען איז באַלד אויך אָפּגעשטעלט געוואָרן, און דער אָפּמאַך איז ווידער פאַרקויפט געוואָרן צו אַזוי גערופענעם אַרענדע געזעלשאַפט.

דאָס בויערן האָט זיך ווידער נישט אָנגעהויבן און די אָרעמע פרוי קראָאַטרי האָט שטאַרק געבעטן בונין ער זאָל דורך זיין פּאַטער געוויר ווערן וואָס אייגנטלעך מיט זיי וועט געשען.

אָבער ער האָט עס אויך נישט געוווסט; קיינער האָט עס נישט געוווסט.

ערשט אין אַ זעקס חדשים שפּעטער, ווען דער פּאַטער מיט זיין „ראָס באַנקסיד נומער 1" האָט שוין דערגרייכט אַ גלענ-

ענדיקן דערפאָלג, איז אַרויסגעקומען דער אמת אויף דער שיין: די צייטונגען האָבן מודיע געווען מיט ריזיקע אויפשריפטן, אַז ד. בוקעט קיבער עט קאָמפּאַניע פון באַנאַנצאַ-סינדיקאַט זענען געשטאַנען פאַר געשווירענע ריכטער צוליב זייער שווינדלערישן פאַרקויף פון נאַפט לעקציעס.

דער פאָטער האָט באַמערקט צו בונין, אַז דאָס גאַנצע מוז זיין אַן אָפּגערעדטע זאַך; וואַרשיינלעך האָבן איינציקע באַאַמטע און צייטונגס-מענטשן געהאַט דעם ווונטש צו זייען זיך מיט העך קיבערס געלט פון דער נאָענט.

און ווי עס ווייזט אויס איז זייער ווונטש דערפילט געוואָרן, ווייל מער איז שוין פון דעם פּראָצעס קיין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן.

דערווייל האָבן די באַזיצערס פון דעם באָדן קיינעם נישט געקענט אויפפאָדערן ווער עס זאָל ווייטער דאָס בויערן פאָרטזעצן; אין דער נאָענט פון דעם באָדן האָט מען אַנטדעקט אַ צווייהונדערטטאָניקן קוואַל, וואָס דראָט באַדייט אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

די צייטונגען האָבן מודיע געווען אַז דער דרומדיקער טייל שיינט צו זיין זייער צווייפלהאַפט.

בוני, באַזונט פונם טאַטנס רום, האָט זייער אָפּט, שפּאַצירנדיק לענגאויס דער גאַס, באַגעגנט דעם אָרעמען הער דומפּערי, וועלכער האָט זיך מיט מידע טריט אַהיימגעשלעפּט פון דער אַרבעט, נאָכדעם ווי ער האָט גוטע עטלעכע טויזנט טשוועקעס אַריינגעשלאָגן ערגעץ אויף אַ דאַך אָדער ער האָט געזען דעם הער סאַם אַרבעטן אין גאָרטן צווישן די קליינע בייטן, אויף וועלכע עס האָט געוואַקסן קאָרן און ביבלעך.

בוני האָט אויך געזען דער פרוי קראַאַטרי, ווי זי דראָט אירע עופות עסן געגעבן און גערייניקט דאָס שטעלעכל פון די קראָליקעס; ער וועט איר שוין קיינמאָל נישט זען אין איר געזיידענעם קלייד.

ער פלעג זי באַזוכן, זיצן נעבן איר און כדי זיך נישט אַרויסווייזן פאַר „הויכמוטיק", האָט ער די טרעפּ באַטראַכט, וועל-

כע האָבן ערגעץ געפּירט אין דעם „ראַטגעבער פון דער דאַמע: אַ פּראַקטישער לערבוך וועגן עטיקעט״. וועלכער איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דעם טיש. דער בלאָער זיידענער באַנד איז שוין געווען קויטיק און די גאָלד־אותיות אָפּגעקראָכן.

איצט האָט בונֿי פאַרשטאַנען דעם פּאָטערס שפּריכוואָרט, וועלכער האָט פאַרגלייכט דאָס גליק פון דעם „נאַפּטשטעפּיל״מיט דעם חסד פון גאָט.

„אַ סך זענען דערצו באַרופן, אָבער נאָר אייניקע אויס־דערוועלט.״

## VIII

צעשיט איבער די בערגלעך האָבן זיך די בויער־טורעמס גערייסן צו די הימלען, די אַרבעטער האָבן געאַרבעט ווי די טייוול, כדי די ערשטע אָנצוצאַפּן די טייערע פליסיקייט.

בייטאָג האָט מען געזען די לאָקאָמאָבילן אַרויסוואַרפן ווייסן רויך און ביינאַכט האָבן די בויערטורעמס געלויכטן פון די פּראָזשעקטאָרס און טאָג און נאַכט האָט מען געהערט די שווערע מאַשינען מאָלן, מאָלן.

די צייטונגען האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן, און די הונדערטער טויזנטער שפּעקוליאַנטן, און אַזעלכע וועלכע וואָלטן עס גערן געוועזן, האָבן זיי געלעזן און זענען אין זייערע אויטאָס געפאָרן אויף דעם פעלד, ווי די סינדיקאַטן האָבן זייערע געצעלטן אויפגעשטעלט, אָדער זיי האָבן זיך געשטופּט אין שטאָדט אויף די ערטער ווו עס זענען געווען אָנגעשריבן די פּרייזן פון די אַקציעס און ווי מען האָט פאַרקויפט פּאַיען אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט אונטערשיידן פון אַ בויערטורעם ביז אַ באַרג.

אויף דעם ערשטן אָרט האָבן די צייטונגען אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן „ראַס באַנקסיד נומער 1“.

דער אַלטער ראָס איז טאָג און נאַכט געווען אויף דעם פּלאַץ, ער האָט געקענט אַלע אַרבעטער, האָט זיי קאָנטראָלירט און אונטערגעגעבן חשק, געפייפט, ווען מען האָט באַדאַרפט, אַזוי אַז קיין שום אומגליקסצופאַל איז נישט פאָרגעקומען, און הער ראָס האָט קיין איין טאָג און קיין איין נאַכט נישט פאַר-לוירן.

זיי האָבן שוין דערגרייכט דרייטויזנט צווייהונדערט פיס די טיף און זיך אָנגעשלאָגן אין דער ערשטער שיכט וועלכע האָט אַנטהאַלטן אין זיך נאַפט.

זיי האָבן זיך באַנוצט איצט מיט אַן אַכטצאָליקן בויער, וועלכן מען האָט פון צייט צו צייט אַרויפגעצויגן און דער פאָטער האָט אים פלייסיק געשטודירט; ער האָט דערקלערט אַז דאָ מוז מען יעדן צאָל פון דעם לאָך גענוי קענען און האָט דערציילט געשיכטעס פון מענטשן, וועלכע האָבן געבויערט אין זאַמד, וועלכער האָט אַנטהאַלטן נאַפט, און דאָס אפילו נישט באַ-מערקט.

דער בויער האָט אַלעמאָל אַרויפגעבראַכט אַן אַנדער שטיקל שטיין און בוני האָט זיך אויסגעלערנט אונטערצושיידן צווישן שיפער, זאַמדשטיינדלעך און קאָנגלאָמעראַט.

ער איז אויך געוווירר געוואָרן ווי מען מעסט די בייגונג פון די ערדשיכטן, און וואָס דער געזאָלאָג נעמט דערפון אַרויס. האָט מען געפונען נאַפטשפּורן, אַזוי האָט מען געמאַכט אַ כעמישן אַנאַליז און בוני האָט אויך דאָ געלערנט וואָס מיר ציען דער-פון אַרויס.

קיין שום נאַפטקוואַל אין דער וועלט גלייכט זיך נישט צו אַ צווייטן; יעדער איז אַ רעטעניש פאַר זיך, וואָס צאָלט אַן אום-געהייערן פרייז דעם, וואָס לעזט זי.

הער ראָס האָט שוין טאַנקסן באַשטעלט.

ווי אומעטום, אַזוי אויך דאָ האָט ער פאַרלאַנגט [illegible] זאָל אויסגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער שנעל־קייט; דער ראָס האָט געהאַט באַרעס געלט אָדער וואָס איז נאָך וויכטיקער, ער

האָט געהאַט דעם שם, אַז ער באַזיצט בארעס געלט.

ער האָט געוואָלט זיינע טאַנקסן באַקומען צו דער צייט, און אויב זיינע האָפנונגען אויף נאַפט וועלן ווערן אַנטוישט, אַזוי וועט זיך געפונען אַן אַנדערער, וועלכער האָט זיך וויר־קלעך אָנגעשלאָגן אויף נאַפט, און וועלכער וועט גערן ביי אים די טאַנקסן צונעמען.

עס זענען אָנגעקומען שווערע לאַסט אויטאָס און אויף דעם פעלד האָט מען אָנגעלייגט פלאַכע און געבויגענע שטאָלע־נע פלאַטן, וועלכע האָבן זיך פּינקטלעך געפּאַסט איינע צו די אַנדערע.

עס האָט אויסגעזען, אַז די אינטערעסאַנטן, וועלכע האָבן באַזיצט פּאַיען, האָבן טאָג און נאַכט באַלאַגערט דעם בויערטורם, און געפּרוווט געוויער ווערן עפּעס נאָענטערס.

זיי האָבן באַגלייט די אַרבעטער ביז אַהיים, געפּרוווט זיי אונטערקויפן, און אפילו געפּרוווט ביי זייערע פרויען עפּעס אַרויסצוקריגן.

בוני איז געוואָרן דאָס באַליבסטע יינגל אין גאַנץ ביטש־סיטי; עס איז פּשוט געווען מערקווירדיק, וואָס אַזויפיל דהערן און דאַמען האָבן אים אין די קאָנדיטערייען איינגעלאַדן, אָדער זיי האָבן אים מיט באָמבאָניערן געוואָלט מכבד זיין.

דער פאָטער, אָבער, האָט אים פאַרבאָטן מיט פרעמדע צו רעדן און אויף זייערע פראַגן צו ענטפערן, און אין אַ קורצער צייט האָט ער שוין אַליין זיך נישט דערלויבט צו מאַכן אַ שמועס וועגן דעם נאַפט אין דער צייט פונם עסן, ווייל די מומע עמאַ האָט עס באַלד צעקלאַפּט אין אירע דאַמענקלובן, און די פרויען האָבן דאָס איבערגעגעבן זייערע מענער, אָדער זיי האָבן שפּעקולירט אויף אייגענער ריזיקע.

דער בויער האָט ווידער געוויזן שפּורן פון נאַפט. דער פאָטער האָט געגעבן אַ באַפעל אויפצושטעלן דעם אונטערבוי פון די טאַנקסן, און ווי נאָר דאָס איז פאַרטיק געוואָרן, אַזוי זענען די טאַנקסן אויך אויפגעשטעלט געוואָרן.

עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן די ניטמאַשין און ווי דורך אַ ווונדער זענען אין אַ שענעם טאָג געבליבן שטיין דריי פּאַרטיקע אויף געל רויט אָפּגעליאַקירטע טאַנקסן, פון וועלכע יעדער האָט געקאָנט אַריינבעמען אין זיך צענטויזנט טאָן נאַפט.

און דערנאָך—דערנאָך האָט מען זיך פּלוצים אויף דעם ווירקלעכן נאַפט אָנגעשלאָגן.

הער ראָס האָט דורך מעקסיקאַנישע אַרבעטער געלאָזט מאַכן אַ גרויסן ראָוו פאַר דער רערנלייטונג.

אַרענדע מעקלער און פאַיענמעקלער זענען דערפון געווייער געוואָרן, און די גאַנצע שטאָט האָט פאַר׳וירן דעם פאַרשטאַנד.

הער ראָס איז געוואָרן אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט; ער האָט מיטגערופן בונין און אנטועענדיק זיך אַלטע מלבושים, זענען זיי אַוועק אויף דעם פּלאַץ.

עס זענען שוין געווען צו באַמערקן די ערשטע צייכן פונם דרוק פון אונטן: די שליים אין דעם לאָך האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן און אַרויסצוואַרפן גרויסע בלאָזן.

דאָס בויערן האָט מען אָפּגעשטעלט; די אַרבעטער האָבן דהאַסטיק צוגעשרויפט צו די ברעגעס פון דעם לאָך אַ גרויסן קאַסטן און דער פאַטער האָט נאָך געהייסן איבער אים שטאַרקע צעמענטענע בלאָקן בויען, כּדי ווי ווייט מעגלעך אַ גרעסערן ווידערשטאַנד שטעלן.

אויף ראָס-באַנקסיד נומער 1 טאָר דער נאַפט נישט גיין פאַרלוירן, יעדער טראָפּן וואָס קומט פון דעם לאָך דאַרף דורך די טאַנקסן אַריינפליסן אין באַנקדעפּאָ פון הער ראָס.

איצט איז געקומען דער מאָמענט פון בעטאָנירן, דער טייערע נאַפט-זאַמד מוז זיין געשיצט פון וואַסער. דאָרט אונטן אין דעם ערד ליגט אַ נאַפטטייך, באַלאַגערט פון שטיינער וואָס לאָזן אים נישט אַדורך, און וועלכע זענען ענלעך צו אַ ריזיקער נישט צוגעדעקטער וואַש שיסל.

דער נאַפט איז פול מיט גאַזן.

איצט ווען מען האָט אין דער וואַש־שיסל אַ לאָך געמאַכט, וועט די נאַפט און די גאַזן זיך אויפהויבן אין דער הויך, אָבער דאָס וועט געשען נאָר דאַן, ווען קיין וואַסער וועט דעם דרוק נישט פאַרקלענערן.

אָבער איבעראַל אונטער דער ערד שטויסט מען זיך אָן אויף טייכן און אָזעראָס; דעריבער דאַרף מען טיף אונטן, ביי דעם גרונט פון דעם לאָך, אַריינברענגען אַ גרויסן בעטאָנבלאָק, וועלכער וועט אויספילן אַלע שפּאַלטן סיי אינעווייניק, סיי אויסנווייניק פון דעם פאַרשאַליעווען.

אויב דער דאָזיקער בלאָק איז געזעסן פעסט, אַזוי האָט מען אים דורכגעבויערט אינגאַנצן ביז אין דעם נאַפט זאַמד.

דורך אַזאַ קאַנאַל איז דער נאַפט טאַקע הויך געשטיגן, אָבער מען איז געווען באַוואָרנט, אַז קיין וואַסער וועט שוין נישט צוקומען.

דאָס איז געווען דער סאַמע קריטישסטער טייל פון אַלע אַרבעטן; די אַרבעטער האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כּוחות, און אַלע זייערע נערוון, און פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָבן אויך געטון דער הער ראָס מיט זיין זון.

צוערשט איז פאָרגעקומען דאָס פאַרשאַליעווען; אַזאַ פאָרזיכטיקער מאַן, ווי הער ראָס האָט עס געמאַכט ביז צו דעם אָנהייב פון דעם לאָך.

דערנאָך האָט מען אַריינגעפּאָמפּעוועט ריין וואַסער שעהנלאַנג, ביז מען האָט דערוויטערט יעדער שמוץ אין נאַפט.

און ערשט דעמאָלט האָבן זיך די בעטאָנאַרבעטער גענומען צו דער אַרבעט.

אַן אויסנאָ האָט געבראַכט צווייהונדערט זעק מיט צעמענט, ווייל דאָ האָט מען באַדאַרפט בלויז ריינעם צעמענט און נישט מיט זאַמד אויסגעמישט.

זיי האָבן געאַרבעט ווי די טייוול, ווייל די גאַנצע אַרבעט האָט באַדאַרפט אָפּגעטון ווערן אין משך פון איין שעה, איידער

דער צעמענט האָט נאָך באַוויזן האַרט צו ווערן.

עס איז געווען אינטערעסאַנט זייער אַרבעט צו באַטראַכטען—די זעק זענען געוואָרן אויפגעריסן און דער צעמענט אַריינגעשיט אין דער מישמאַשין, וועלכע קומענדיק אין באַוועגונג, האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיך אַ גרויען שטראָם אין דעם לאָך אַריין.

די שווערע פּאָמפּעס האָבן אויך אָנגעהויבן צו אַרבעטן און געטריבן דעם דאָזיקן שטראָם אין דער טיף.

אין אַ האַלבער שעה, זענען שוין עטלעכע הונדערט פּיס געווען אָנגעפּולט מיט צעמענט; אונטער דעם דאָזיקן צעמענט האָט זיך געפונען אַ טשוגונענער „פּאַסקע" פון ביידע־זייטן מיט גומענע פּלאַטן באַדעקט; ווען דער גרויער שטראָם האָט אויפגעהערט, האָט מען דעם צעמענט ווידער צוגעדעקט מיט אַ גומענעם פּאַקער, וועלכער האָט זיך ענג צוגעפּאַסט צו דעם לאָך, און מיט דער הילף פון די פּאָמפּעס האָט מען דעם צעמענט אָנגעהויבן טרייבן צום דנאָ.

ווי נאָר דער דנאָ איז דערגרייכט געוואָרן אַזוי איז דער אונטערשטער פּאַקער אָפּגעפּאַלן און דער צעמענט איז אַריינגעפלאָסן; דער דרוק פון דעם אויבערשטן פּאַקער האָט געטריבן דעם צעמענט אין יעדער שפּאַלט, אומעטום האָט ער זיך פעסט פאַרזעצט און געמאַכט דאָס פאַרשאַליעווען אַזוי געדיכט, אַז עס זאָל קיין וואַסער נישט דורכלאָזן.

ווען די דאָזיקע אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען באַדאַרפט וואַרטן צען טעג ביז דער צעמענט איז געוואָרן פולקאָם האַרט.

ווען די אינספּעקציע איז געקומען אויף אַ רעוויזיע, און אָנערקענט, אַז דאָס פאַרשאַליעווען איז נאָך נישט גענוג געדיכט, אַזוי האָט מען געמוזט די גאַנצע זאַך איבערחזרן פונסניי, אייניקע אָרעמע טייוול האָבן דאָס געמוזט איבערמאַכן אַ צוואַנציק, דרייסיק מאָל.

אָבער ביי הער ראָס האָט זיך אַזאַ זאַך נישט געקענט טרעפן, ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף בעטאָנירן. יעדנפאַלס

האָט ער געקריגן די געהעריקע דערלויבעניש, און ראס-באַנקסיד נומער 1 האָט דורכגעבויערט אַ לאָך פון זעכצן צאָל דורך דעם בעטאָן און דערגרייכט צו דעם ווירקלעכן נאַפטזאַמד. אַלע פּאָר שעה האָט מען געפּרווט דעם דרוק, עס האָט זיך דערנענטערט די שעה פון טריאומף און בוניס פּולס האָט שנעל געקלאַפּט.

דאָס יינגל איז פון אויפרעקונג אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן געדיכטע מאַסעס באַלאַגערט דעם אַרבעטס-פּלאַץ, און מען האָט זיך מיט זיי געמוזט גראָב בענעמען, כדי זיי זאָלן זיך האַלטן פון דערווייטן.

„נו, שוין גענוג טיף,—האָט דער פּאָטער געזאָגט, און ער האָט געלאָזט אַראָפּלאָזן די לעצטע וואַסער-פאַרצוימונג.

זי איז געווען דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ, און דורך די דאָזיקע לעכער האָט באַדאַרפט פליסן דער אוצר.

מען האָט געאַרבעט ביז טיף אין דער נאַכט; דער פּאָטער מיט בונין האָבן געטראָגן אירע עלצטע מלבושים, און זענען געווען אינגאַנצן באַשמוצט מיט נאַפט און בלאָטע, מען האָט נאָך באַדאַרפט איצט דעם דנאָ אַ זעקס שעה „וואַשן", אים אָפּצורייניקן פּאָלקאָם פונם זאַמד און פונם שליים. דער פּאָטער מיט בונין זענען געגאַנגען שלאָפן.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז פּונקט געווען די צייט פון „שעפּן". דער דרוק פון די גאַזן און פון דעם נאַפט איז קוים צוריקגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ וואַסערסטופּ.

איצט האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסן שעפּ עמער, וועלכער האָט פּופּציק פּיס פון דעם וואַסערסטויפּ אָפּגעשעפּט און דערנאָך נאָכאַמאָל פּופּציק.

אַזוי איז דער וואַסערסטויפּ געוואָרן אַלץ קורצער און דער דרוק פון דעם נאַפט האָט די וואַסער אויפגעהויבן אַלץ העכער אין דעם לאָך.

ענדלעך וועט דאָס עמער זיך נאָך איינמאָל, צו צווייסמאָל אַראָפּלאָזן און דערנאָך וועט דאָס וואַסער שוין אַליין פון דעם

לאָך אַרויסגעשאָסן ווערן, און איבער דעם בויער-טורם וועט שפּריצן וואַסער, שליים מיט נאַפט צוזאַמען; די נייגעריקע וועלן צעטריבן ווערן און אויף אידיאָטן מיט פּאַפּיראָסן אין מויל וועט מעז שרייען:

„לעשט אויס!"

און אָט איז עס געקומען! די אַרבעטער האָבן געשריגן הורא, די צושויער זענען זיך צולאָפן פאַר דעם נאַפטשפּריצן, ווייל דער ווינט האָט אַ הער געוויייט.

דער שטראַל איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער אי־בער דעם בויערטורם, געפּליעסקעט, געצישעט און געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ.

די זון האָט נאָר וואָס געהאַלטן ביי אונטערגיין; דער הימל איז געווען פּורפּור רויט. „פייער אויסלעשן!" האָט הער ראָס געהאַלטן אין איין שרייען; שפּעטער איז דער שטראַל אָפּגע־שטעלט געוואָרן, כדי דעם קלאַפּאַן אויסצופּרובירן.

ווידער איז די אַרבעט געגאַנגען, מען האָט געלאָזט דעם שטראַל און צוריק אָפּגעשטעלט, געלאָזט און אָפּגעשטעלט.

ענדלעך איז מען צוגעקומען דערצו, אַז מען האָט שוין געקענט דעם שטראַל „אַריינברענגען" דאָס הייסט מען האָט שוין געעפנט דעם צופלוס צום טאַנק, און דער נאַפט האָט אַהין אַריינגעשטראָמט.

עס איז געווען גאַנץ איינפאַך, נישט קאָמפּליצירט, און נישט אָנגעמאַכט קיין שום מי: מען האָט עס נאָר געלאָזט פליסן.

דער דרוקמעסטער האָט געוויזן, אַז יעדע שעה פליסט אַריין אין דעם טאַנק דרייסיקטויזנט גאַלאָנען: דער ערשטער וועט אַזוי אַרום שוין דעם צווייטן טאָג זיין פול.

יאָ, דאָס איז געווען איינגאַנצן; נאָר די ידיעה האָט אַזוי דערשיטערט די גאַנצע שטאָט ביטש-סיטי, גלייך אַ מלאך וואָלט זיך באַוויזן אין די וואָלקנס און אַראָפּגעוואָרפן אויף די גאַסן גאָלדענע צוואַנציקערשטיק. ראָס-באַנקסיד נומער 1 האָט געדינט אַלס באַווייז פאַר דעם גאַנצן צפונדיקן טייל, האָט באַדייט פאַר

צענטוויזנטער, אַז זייערע האָפֿנונגען האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ הערלעכעווירקלעכקייט.

די צייטונגען האָבן אַרויסגעגעבן אַן עקסטראַ בלאַט; ראָס־באַנקסיר עקספּלאָאַטירט אַ טאָג זעכצנטויזנט טאָן, זיין באַזיצער האָט דערפֿון טעגלעך אַן איינקונפֿט פֿון פֿיראונצוואַנציק טויזנט דאָלאַר.

ווען דער פֿאָטער מיט בונין זענען דורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן זיי די מענטש שטאַר באַקוקט.

דאָס גייט דער גרויסער י. אַרנאָלד ראָס, דער באַזיצער פֿון דעם נייעם קוואַל! און דער דאָזיקער קליינער איז זיין זון! דערמאָנט זיך נאָר, דער דאָזיקער מענטש האָט יעדע מינוט דרייצן דאָלאַר, צי ער איז וואַך, צי ער שלאָפֿט!

איבער בוניס רוקן איז ווי אַ ציטער אַרומגעלאָפֿן, אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער קען פֿליען און שפּרינגען אין דער לופֿט. אָבער דער פֿאָטער האָט געזאָגט:

„רעג זיך נישט אויף, מיין זון. האַלט זיך נישט גרויס, און פֿאַרגעס נישט, אַז נישט דו האָסט דאָס געלט פֿאַרדינט, און אַז מען קען עס אין אַ קורצער צייט אָנווערן אויך"

הער ראָס איז געווען אַ קלוגער מענטש; ער האָט שוין צווייטמאָל איבערגעלעבט אַזאַ מאָמענט, איינמאָל אין אַנטעלאָפּ און איינמאָל אין לאָבאָס־ריווער.

ער האָט פֿאַרשטאַנען די מאַניע פֿון גרויסקייט און וואָס זי באַדייט פֿאַר אַ ייִנגל.

עס איז אָן ספֿק אַנגענעם צו באַזיצן אַ סאַך געלט, דאָך מוז מען אָבער צום יום־טוב אויך דעם סקעלעט פֿאַרבעטן און מען מוז אויך ווען מען טרינקט דעם וויין פֿון דערפֿאָלג, הערן הינטער זיך פֿליסטערן אַ שטימע: „מעמענטאָ מ[illegible]

## קאַפּיטל פיר

# די פּערמע.

## I

באַלד איז געקומען די צייט ווען בוני האָט געמוזט באַזוכן זיין מוטער. זי האָט נישט געטראָגן דעם פּאָטערס פאַמיליענאָמען, ווי די מוטערס פון אַנדערע ייִנגלעך.

זי האָט געהייסן פרוי לאַנג און האָט געוווינט אין דער געגנט פון אַנגיל-סיטי.

מען האָט איר צוגעזאָגט דאָס רעכט איינמאָל אין זעקס חדשים צו האָבן בונין ביי זיך אויף איין וואָך. אין דער דאָזיקער צייט האָט דאָס ייִנגל שטענדיק איבערגעלעבט פאַרשידענע געמישטע געפילן.

די מוטער איז אפילו געווען צו אים זייער ליבלעך, און אים אַרויסגעוויזן פאַרשידענע צערטלעכקייטן; זי האָט זיך אַליין אָנגערופן, „די היבשע קליינע מאַמע”.

אָבער עס האָט אויך געגעבן ביי די באַזוכן פיל פּיינלעכע זאַכן, וועלכע האָבן געזאָלט זיין פאַרבאָרגן פאַר בונין, אָבער וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען.

די מאַמע פלעגט אים אויספרעגן וועגן דעם טאַטנס אָנגעלעגנהייטן, און בוני האָט געוווּסט, אַז דער פּאָטער וויל נישט, מען זאָל דאַריבער רעדן.

די מאַמע האָט זיך אויך באַקלאָגט אַז זי האָט קיינמאָל נישט קיין גענוג געלט.

הער ראָס האָט איר געגעבן מאָנאַטלעך נאָר 200 דאָלאַר, און ווי קען אַ יינגע, רייצנדע „שטרויענע אַלמנה" דערמיט אויס־געקומען? זי האָט שטענדיק געהאַט חובות און עס דערציילט בו־נין, כדי ער זאָל דאָס איבערגעבן דעם פאָטער, אָבער ער האָט אפילו נישט געוואָלט דערפון הערן.

ביי דעם נעכסטן באַזוך האָט די מאַמע געוויינט, ים איז אַ קאַרגער און אַ טיראַן.

איצט איז די סיטואַציע פון בונין געווען באַזונדערס שווער, ווייל די מאַמע האָט אין צייטונג פון דעם נייעם קוואַל גע־לייענט.

זי האָט פאַרגעלייגט בונין, אַז ער זאָל איבעררעדן דעם טאַטן, ער זאָל איר העכערן איר מאָנאַטלעכע פענסיע, נאָר ער זאָל עס מאַכן אַזוי, אַז דער פאָטער זאָל נישט באַמערקן אַז עס קומט פון איר.

און דאָס גראָד איצט, ווען בוני האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט אפילו קיין קליינע ליינס נישט צו זאָגן.

אויך דער מאַמעס געסט האָבן פאַר בונין באַדייט אַ גע־דיימניש.

ווען בוני איז געווען ביי איר, האָבן איר שטענדיק באַ־זוכט הערן, אייניקע זענען געפעלן געוואָרן בונין, און אייניקע האָט ער ליידן נישט געקענט. איז ער ווידער געקומען אַהיים, אַזוי האָט אים גענומען אויספרעגן די מומע עמאַ, זי האָט גע־וואָלט געוויר ווערן וועגן דער מאַמעס פריינט, דערביי האָט זי עס געמאַכט אַזוי, אַז בוני זאָל נישט באַמערקן אַז איר אינטע־רעסירט די דאָזיקע טעמע.

אויפפאַלנד איז אים געווען נאָר דאָס, וואָס דער פאָטער האָט קיינמאָל נישט וועגן דער מוטער גערעדט און אויך די מומע עמאַ האָט אירע פראַגן געשטעלט נישט אין זיין געגנ־וואָרט.

איינס איז געווען קלאָר: די פרויען און מענער טוען עפּעס אַזעלכעס, וואָס פאַרבינט זיי געהיימניספול איינעם מיטן אַנדערן, פונקט ווי פאַרשווערער.

דאָס איז אַ טונקעלער סוף אין לעבן, עטוואָס סודות פו-לעס און, זעט אויס, אָבשיילעכעס.

אין אָנהייב איז בוני געווען לאַיאַל לגבי דעם פאָטער און האָט נישט געפּרווט אַרויסצובאַקומען פון אים דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן.

דאָך האָט עס ווייטער נישט געקענט אַזוי גיין, זיין פאַנ-טאַזיע האָט אויטאָמאַטיש געזוכט צו באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר.

און נישט נאָר פייגל, היגער און הונט האָבן דאָס אויפ-געקלערט אויף די גאַסן, נישט נאָר גאַסנייִנגן האָבן די זאַך געוווסט און געוואָלט עס דערקלערן: ניין, אפילו דערוואַקסענע האָבן אויך גערעדט שטענדיק פון אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען האָט ענדלעך געמוזט פאַרשטיין,

די מומע עמאַ, צום ביישפּיל, איז געווען איבערצייגט, אַז יעדע פרוי לויפט נאָך דעם פאָטער און ווילן אים „פאַנגען"..

ער אַליין האָט אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע פאַרלעגנהייט, ווען ער איז געווען פריינטלעך צו אַ דאַמע; עס האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל מורא האָבן, בוני האָט געטיילט מומע עמאַס חשד.

מיט דער צייט האָט בוני אָנגעהויבן אויסצומיידן מומע עמאַס פראַגן, האָט איר נישט דערציילט, וואָס דער פאָטער האָט צו דער שענער דאַמע פון האָטעל געזאָגט, און צי זי האָט מיט אים געפרישטיקט.

בוני האָט זיך שוין פאַרשטאַנען אויף דער דאָזיקער ווייב-לעכער ערמה. און ער האָט טיף אין זיך רעוואָלטירט קעגן דעם. פאַרוואָס רעדן די מענטשן נישט אָפן. פאַרוואָס פאַר-שטעלן זיי זיך און דערוועקן אין אים פיינלעכע געפילן?

## ח

אַ וואָך נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געעפנט דער קוואַ־ראַט באַנקסיד נומער 1, האָט הער ראָס זיך גענומען אויפצו־שטעלן אַ נייעם בויערטורם; אין פערצן טאָג איז אַלץ שוין געווען פאַרטיק, די אַלטע אינסטרומענטן האָבן זיך פונסניי גע־פונען אויף זייער וואַנדערונג אונטער דער ערד. עס זענען גע־ווען אין גאַנג צוויי ווייטערע בויערטורעמס.

אויף די פיר עקן פון דעם ראמב וועלן די פיר קוואַלן פליסן.

איצט האָט מען באַדאַרפט דאָס הויז פון באַנקסידן אי־בערטראָגן; נאָר דעם הער באַנקסיד האָט עס זייער ווייניק גע־אַרט; ער האָט זיך איבערגעקליבן אין אַ גרויס הויז באַנעבן דעם פאָטער, ניי מעבל געקויפט און אַ „ספּאָרט אוי־טאָ” אין וועלכן ער איז אַלע נאָכמיטאָג געפאָרן אין גאָלפ־קלוב.

די פאַמיליע באַנקסיד האָט זיך פאַמעלעך צוגעוווינט צו דער אָנוועזנהייט פון אַ דינערשאַפט און די פרוי באַנקסיד איז שוין פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַלס מיטגלידערין אין דעם פאַר־נעמסטן דאַמענקלוב.

דער פאָטער מיט בוזין זענען נאָכאַמאָל געפאָרן קיין לאָ־בעס־ריווער; מיט געוויסער מי זענען די שטערונגען פון נומער 2 באַזייטיקט געוואָרן.

דאָ זאָלן אויך אָוועקגעשטעלט ווערן נאָך צוויי נייע בוי־ערטורעמס און עס זאָל איינגעקויפט ווערן ניי געווערק.

אַזוי איז עס שטענדיק געגאַנגען מיט דעם נאַפטגעשעפט. דאָס גאַנצע פאַרדינטע געלט איז נאָכאַמאָל געוואָרן פאַרווענדט צו בויערן, וואָס האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַדייט אַ נייע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען איז געטריבן געוואָרן דערצו פון כּוחות, וועלכע האָבן געשטעקט אין דעם שפּיל אַליין, צום ביי־שפּיל, פון דער קאָנקורענץ מיט אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט צונעמען דעם נאַפט.

האָט מען באַזיצט אַ קוואַל, אַזוי האָט מען באַדאַרפט זאָרגן פאַר „זיכערונגס־קוואַלן", כּדי דעם הויפּטקוואַל פון ביידע זייטן צו שיצן.

אויסערדעם האָבן זיך אויך געקענט טרעפן שוועריקייטן ביי דעם פאַרקויפן דעם נאַפט. עס האָט זיך דאַריבער אָפט גע־קלערט, ווי אַנגענעם עס איז צו באַזיצן אַן אייגענע ראַפינעריע פאָלקאָם אומאָפּהענגיק צו זיין.

געוויס האָט די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט איר פּרייז, ווייל מען מוז באַזיצן גענוג נאַפט, כּדי די ראַפינעריע זאָל שטענדיג האָבן אַרבעט, מען דאַרף אויך האָבן אַ גרויסע צאָל פון טאַנקס־שטעלן כּדי צו האָבן ווי די פּראָדוקציע אַהינצוטון.

פאַר אַ קליינעם מענטשן איז עס אַ שווערע שפּיל, און אפילו ווען מען ווערט שוין גרויס, שטויסט מען זיך אַלעמאָל אָן נאָך אויף גרעסערע שוועריקייטן.

הער ראָס האָט איצט זיכער נישט געהאַט קיין גרונט זיך צו קלאָגן, אַלץ איז געגאַנגען לויט זיין ווונטש.

אינמיטן דעם גאַנצן נצחון איז אים פּלוצים איינגע־פאַלען אין קאָפּ צו גראָבן טיפער אין אַן ע־טן קוואַל אין אַנטעלאָפּ.

ער האָט עס געטון, און אַכטהונדערט פיס טיפער איז אים געלונגען צוצוקומען צו אַ נייעם שיכט פון נאַפט־זאַמד, אַזוי, אַז יעדער פון די אַלטע זעכצן קוואַלן, וועלכע האָבן אים שוין פון יאָרנלאַנג גאָרנישט געגעבן, האָט דעם פאָטער פּלוצים אַ

פאַרמעגן געשענקט און דאָס ביי אויסגעבן אויף זיי נישט מער פון עטלעכע טויזנט דאָלאַר.

נאָר דאָ האָט זיך ארויסגערוקט א נייע פּראָבלעם: דאָס פעלד האָט נישט באַזיצט קיין רעכנלייטונג.

הער ראָס האָט עס געוואָלט דורכפירן געמיינזאַם מיט אַנדער נאַפטמענטשן און געמוזט דאַריבער פאָרן קיין אַנטעלאָפּ.

אָבער דאָ איז צוגעקומען צו אים בוני מיט אַן ערנסט געזיכט.

„טאַטע האָסט פאַרגעסן אַז באַלד וועט שוין זיין דער פופצעטער נאָוועמבער?"

„נו, איז וואָס, מיין זון?"

„דו האָסט זיך מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיט מיר אין דעם יאָר פייגל שיסן."

„מיין גאָט, עס איז טאַקע אמת! נאָר איך האָב דאָך אַזוי פיל צו טון."

„דו אַרבעטסט צו שווער, טאַטע. די מומע עמאַ באַהויפּטעט, אַז דאָס שאַדט דיינע נירן, דער דאָקטאָר האָט עס דיר דאָך אויך געזאָגט."

„האָט מיר דען דער דאָקטאָר געהייסן איבערגיין אויף אַ וואַכטל-דיעטע?"

דעם פאָטערס שמייכלען האָט פאַרראַטן, אַז בוני קען האָפן אויף אַ קאָנצעסיע.

„מיר וועלן מיטנעמען אַלע נויטיקע דערצו מכשירים,"— האָט זיך בוני ווייטער געבעטן,—„און ווי נאָר מיר וועלן פאַרטיק ווערן אין אַנטעלאָפּ, אַזוי וועלן מיר קענען דורך סאַן-עלידאַד זיך אומקערן אַהיים."

„סאַן עלידאַ? אָבער מיין קינד, די געגנט ליגט אויף אַ פופציק מייל אין דער זייט פון אונדזער וועג."

„דאָרט איז דאָ זייער אַ סאַך וואַכטלען."

„יאָ, אָבער נעענטער צו אונדז איז אויך דאָ."

„איך וייס, פאָטער, אָבער איך בין נאָך קיינמאָל

נישט געווען אין סאַך עלידאָ און איך וואָלט עס זייער געוואָלט זעען.״

„פאַרוואָס עפּעס גראָד די געגנט?״

בּובי איז געבליבּן אין פאַרלעגנהייט, ער האָט געוווּסט אַז דער פאָטער וועט עס ווידער אויסגעפונען פאַר לעכערלעך. דאָך האָט ער מוטיק געענטפערט:

„דאָרטן וווינען די וואַטקינס.״

„די וואַטקינס? ווער זענען די וואַטקינס?״

„דערמאָנסט זיך נישט אין פאַוולען, מיט וועלכן איך האָב זיך דערקענט, ווען דו האָסט אונטערגעהאַנדלט וועגן דער אַרענדע?״

„קלערסטו נאָך אַלץ וועגן דעם יינגל?״

„איך האָב געטראָפן נעכטן די פרוי קראַאַטרי און זי האָט מיר דערציילט פון דער דאָזיקער פאַמיליע. די וואַטקינס גייט זייער שלעכט, זיי וועלן פאַרלירן זייער פערמע, ווייל זיי קענען נישט בּאַצאָלן די היפּאָטעק צינזן, פרוי קראַאַטרי זאָגט, אַז זי ווייסט גאָרנישט וואָס די פאַמיליע וועט אָנהייבּן צו טון, דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז די פרוי קראָאַטרי אַליין האָט נישט קיין פּרוטה, ווייל זי האָט דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט אָפּגענומען אַלס פּרעמיע פאַר איר שטיקל ערד, אָפּגעגעבּן אויף פּאַיען, וועלכע בּרענגען איר גאָרנישט איין, און זי מוז איצט לעבּן פון דעם, וואָס איר מאַן פאַרדינט אַלס נאַכט וועכטער.״

„און וואָס ווילסטו אויפטון אין דעם ענין?״

„דו זאָלסט איבּערנעמען די היפּאָטעק, טאַטע, אָדער עפּעס אַנדערש טון, כדי די וואַטקינס זאָלן קענען בּלייבּן אין זייער היים. עס איז אַ פאַרבּרעכן, אַז מען זאָל מענטשן, וועלכע גיבּן אָפּ אַלץ וואָס זיי קענען נאָר, אויף דער גאַס אַרויס־וואַרפן.״

„אַ סאַך מענטשן וועלכע האַלטן נישט זייערע פאַרפּליכטונגען, ווערן אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן מיין קינד!״

„אָבּער ווען זיי זענען אין דעם נישט שולדיק?״

„מען וואָלט באַדאַרפט אַ סאך באַרעכענען, איידער מען האָלט געקומען צום אויספיר וועמענס שולד דאָס איז, די בענק קענען נישט פירן אַזאַ אַרט בוכהאַלטעריע."

אין בוניס געזיכט איז געווען צו זען, ווי ער איז נישט מסכים דערצו, און דער פאָטער האָט צוגעגעבן:

„דו וועסט נאָך געוויער ווערן, מיין קינד אַז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט אַ סאַך אכזריותדיקע זאַכן, וועלכע איך דו וועסט נישט קענען ענדערן. פריער, צי שפּעטער וועסט זיך אויך מוזן געפונען אין דעם אַל־עמען."

„אָבער, טאַטע, עס זענען דאָרט דאָ פיר קינדער, דריי פון זיי מיידלעך, וווּהין זאָלן זיי גיין? פאָול איז אין דער היים נישטאָ און זיי קענען אים נישט מודיע זיין. פרוי קראָ־אַטרי האָט מיר געוויזן די פאָטאָגראַפיע פון די וואַטקינס, דאָס זענען גוטע, ערלעכע מענטשן. מען זעט אָן אויף זיי, אַז זיי האָבן שטענדיק שווער געאַרבעט. ווירקלעך, טאַטע, איך וועל נישט קענען זיין גליקלעך, ווען איך וועל זיי נישט העלפן.

דו האָסט מיר געוואָלט קויפן אַן אויטאָ, עס וועט זיין פאַר מיר ליבער, ווען דו וועסט פאַר דעם געלט די היפּאָטעק איבערנעמען. זי באַטרעפט וויינקער פון צוויי־טויזנט דאָלאַר, דאָס איז פאַר דיר קיין געלט נישט."

„איך ווייס, מיין זון, אָבער דאַמאָלט וועלן זיי שוין אונדז אויף שטענדיק פאַלן צו לאַסט."

„ניין, זיי זענען נישט אַזעלכע, זיי זענען שטאָלץ, פרוי קראָאַטרי זאָגט, אַז זיי וועלן פון דיר קיין געלט נישט אָננע־מען פונקט אַזוי ווי פאָול. אַז דו אָבער וועסט ביי דער באַנק די היפּאָטעק אָפּקויפן, וועלן זיי קעגן דעם גאָרנישט קענען טון. אָדער דו קענסט די פערמע אָפּקויפן און זי צוריק זיי אָפּגעבן אין אַרענדע. פאָול האָט געזאָגט, אַז אויף דער פערמע איז דאָ נאַפט, דאָס הייסט, זיין פעטער האָט שפּורן דערפון געזען."

„אַזעלכע פערמעס זענען דאָ אין קאַליפאָרניע אין די טויזנטער, מיין זון. נאַפטשפּורן אויף דער אויבערפלאַך באַדייטן גאָרנישט."

„סאַטע, דו האָסט דאָך שטענדיק ליב אָנצוהייבן אַ מוזי-קאַלישע שפּיל. און דאָ האָסטו אַ גרויסע שטיק ערד, דו דאַרפסט קיין פּראָצענטן נישט צאָלן און האָסט פאַר קיינעמען נישט וואָס מורא צו האָבן. מיר וועלן באַטראַכטן פּאַראַדיז, אייניקע טעג אין סאַן-עלידאַ-טאַל פאַרברענגען און וואַכטעלן שיסן און דאַביי נאָכאַמאָל זיך איבערלעגן וועגן אַלעמען. אַזוי וועט מען די אָרעמע מענטשן העלפן און דו וועסט עפּעס טון פאַר דיי-נע נירן."

„שוין גוט,"— האָט געזאָגט דער פאָטער און האָט ווידער-אַמאָל געטראַכט ביי זיך—„אַ קאָמיש קינד!"

# III

דער סאַן-עלידאָ-טאָל איז געלעגן ביי דעם ראַנד פון דעם מדבר, מען האָט דאָרט שוין געמוזט זייער טיף גראָבן כדי צו באַקומען וואַסער.

עס האָבן זיך דאָ נאָר געפונען פּאַראײנצלטע אויבסט-פערמעס און גראָזפעלדער צווישן לאַנגע פּאַסן, וועלכע זענען געווען ווייס ווי זאַלץ.

אַלקאַלי, האָט דער פאָטער דערקלערט.

דאָס איז אַ ענעץ פאַר אומדערפאַרענע, פרעמדע פון מזרח קומען אַהער, באַטראַכטן אַ שיינע אויבסטפערמע און מיינען, אַז זיי וועלן מאַכן אַ גוט געשעפט, ווען זיי וועלן אָפּקויפן דעם שכנותדיקן באָדן צו 100 אַ אַקר.

זיי פאַרפלאַנצן בוימער, באַגיסן זיי מיט דער גרעסטער געדולד, אָבער די בוימער וואַקסן נישט: די ערד אַנטהאַלט צו פיל אַלקאַלי.

דער אומגליקלעכער פערמער מוז זיינע בוימער צוריק אויסרייסן, דעם באָדן אויסגלייכן און דערנאָך איבערגעבן אַ ערדמעקלער, ער זאָל אַ צווייטן נאַר אויסזוכן.

פעסט צוזאַמענגעוויקלט איז אין אויטאָ געלעגן אַ בינטל געדיכטער טוך, וועלכער לאָזט נישט דורך קיין וואַסער, וועלכס האָט געדאַרפט דינען אויף דעם געצעלט אין פרייען פעלד.

שוין אפשר צוויי שעה האַלט בוני פעסט אַרומגענומען צוויי רע־פעטירביקסן, טיילווייז ווייל ער האָט הנאה זיי צו האַלטן, און טיילווייז ווייל מען מוז זיי האַלטן „אָפן", זעצט מען זיי אַריין אין שיידל, אַזוי הייסט עס שוין פאַרבאָרגן געווער, וואָס איז קעגן געזעץ.

נאָענט נעבן דעם טאָל אַריינגאַנג, האָט זיך פאַרנומען אַ שמוציקע גאַס, אַ וועגווייזער האָט מודיע געווען: „קיין פּאַראַדיז אַכט מײַלן."

דער וועג האָט זיך דאָ געשלענגלט אַ שמאָלינגער פּאַס, די בערג האָבן דאָ אויסגעזען ווי פּילפאַרביקע פעלזן.

דאָ האָבן זיך געפונען אויבסטפערמעס, די ביימער זענען נאָך געווען נאַקעט זייערע שטאַמען ווייס אָפּגעקאַלכט, די יינגע שטאַמען זענען מיט דראָטנעצן געווען באַשיצט קעגן קראָליקעס.

עס איז שוין געווען נאָך דעם אַרויספאַלן פון דעם ערשטן רעגן, דאָס גראָז האָט שוין געהאַט אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד: עס איז געווען דער קאַליפאָרנישער פרילינג, וועלכער הויבט זיך אָן אינמיטן האַרבסט.

דער וועג איז געוואָרן ברייטער; איצט האָט מען שוין געזען אייניקע פערמעהייזער און דאָס דאָרף פּאַראַדיז: איין גאַס מיט עטלעכע קראָמען, פוןביידע זייטן אייקאַליפּטוס ביימער, וועלכע האָבן געוואָרפן שווערע שאָטנס אין די נאָכמיטאָג שעהן.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער בענזינסטאַציע, ווו עס איז אויך פאַרקויפט געוואָרן לעבנסמיטל.

„קענט איר מיר זאָגן, ווו עס געפינט זיך דער באָדן פון דער פאַמיליע וואַטקין?"

„עס זענען פאַראַן צוויי פאַמיליעס וואַטקין,"—האָט אָפּגע־ענטפערט דער מענטש,—„דעם אַלטן אַבעל וואַטקינס..."

„דאָס איז די ריכטיקע!"—האָט אויסגערופן בוני.

„ער האָט אַ ציגנפערמע אויף דער צווייטער זייט פוגם אָפּ־

האַנג. עס איז נישט אַזוי גרינג זי צוגעפונען, ווילט איר נאָך הײַנט בײַנאַכט אַהין??"

„עס מאַכט נישט אויס, אין פאַל ווען מיר פאַרבלאָנדזשען האָבן מיר מיט זיך געצעלטן."

דער מאַן האָט זיי געגעבן קאָמפּליצירטע דערקלערונגען: זיי מוזען אַרויף אויף דער סטעזשקע, וואָס הינטער דעם שול־הויז, דערנאָך פון זעכצן קרייצוועגן אויסקלייבן דער ריכטיקסטן און דאַן פאָרן לענגאויס דאָס וואַסער נאָך ראָזעוויל און אויף דער פּעטער גאַס פאַרנעמען זיך צו דער שאָפּנפערמע פונם אַלטן טוקער.

זיי האָבן געפּרוווט פאָרן לויט די דאָזיקע אָנווייזונגען.

די זון איז פאַרשווונדן הינטער די טונקעלע בערגלעך, די וואָלקנס זענען געווען ראָז געפאַרבט.

זיי זענען געפאָרן צווישן פעלזן, אַרויף און אַראָפּ, און געמוזט אומאויפהערלעך ענדערן די שנעלקייט.

זיי האָבן נישט באַדאַרפט פרעגן צי דאָ זענען פאַראַן וואַכטעלן, פון די בערגלעך האָט זיך געהאַלטן אין איין אי־בערחזרן דער מעלאָדישער רוף, פון די נאַכט צונויפזאַמלענדיקע זיך מזונות.

זיי האָבן דערגרייכט צו אַ הילצערנער וואַסערלייטונג; פון פיל לעכער און שפּאַלטן האָט דאָס וואַסער געשטראָמט, אַזוי, אַז אויף יעדער זייט האָט געוואַקסן גרין געדיכט גראָז, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפּאַשעט גרויסע סטאַדע שאָף, וועלכע האָבן זיך נישט אומגעקוקט, נישט אויף דעם אויטאָ, נישט אויספּייפן; די נאַרישע שעפּלעך האָבן אויסגעזען ווי זיי װעלן בכּוונה אַרונטערפאַלן אונטער די ריידער פון אויטאָ.

דערנאָך האָט פּלוצים אויפגעטויכט אַ רײַטער, אַ שענער, הויכגעוואַקסענער אָפּגעברענטער יינגערמאַן, מיט אַ פאַרביקן טוך אַרום דעם האַלדז און אַ ברייטראַנדיקן הוט, וועלכער איז געווען צוגעפּעסטיקט מיט אַ לעדערן פּאַסיקל.

ער האָט געטריבן אַ סטאַדע רינדער פאַר זיך.

דער פּאַטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויך דער ריי־טער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער פּאַטער האָט געזאָגט:

„אַ גוטן אָוונט.“

און דער מאַן האָט צוריקגעענטפערט:

„אַ גוטן אָוונט.“

ער האָט געהאַט אַן אָנגענעם ערלעך פּנים און האָט זיי דערקלערט ווו זיי דאַרפן פאָרן.

ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן, האָט בוני באַמערקט:

„טאַטע, איך וואָלט געוואָלט, מיר וואָלטן געקענט דאָ ווױ־נען, איך וואָלט גערן גערייטן אויף אַזאַ פערד.“

דאָס ייִנגל האָט געוואוסט, אַז זיינע ווערטער אַנטשפּרעכן דעם פּאַטער, ווייל דער מאַן האָט אַזוי אויסגעזען, ווי נאָך דעם פּאַטערס מיינונג עס דאַרף אויסזען אַ מאַן: גרויס, שטאַרק אין רויטברוין ווי אַן אינדיאַנער. יאָ, עס דאַרף נישט אָנקומען שווער איבערצורעדן דעם פּאַטער ער זאָל קויפן וואַטקינס פערמע פאַר זיין זון!

זיי האָבן זיך געשלעפּט מיט דער סטעזשקע און די שיינ־וואַרפערס פונעם אויטאָ האָבן באַלויכטן דעם וועג.

עטלעכע האָבן זיי דערגרייכט אייניקע געביידעס; אין איי־נער האָט זיך אַ פענצטער געלייכט.

עס איז געווען די פערמע, אין וועלכער פּאָול וואַטקינס איז געבוירן געוואָרן און זיך דערצויגן, און בונין האָט עפּעס אויפגעציטערט, גלייך ער זאָל זיך דערנעענטערן צום געבורטס אָרט פון אברהם לינקאָלן, אָדער אַן אַנדער גרויסן מענטשן.

דער פּאַטער האָט געזאָגט:

„הער מיר אויס, מיין זון, מעגלעך, אַז דאָס איז פאַרזן נאַפט, כאָטש איך גלויב נישט אין דעם, רעד יעדנפאַלס נישט וועגן דעם. דו קענסט נאָך זאָגן די מענטשן, אַז דו האָסט זיך מיט פּאָולען צוזאַמענגעטראָפן און אַז ער האָט דיר פון נאַפט

דערציילט. דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט געשעפט לאָז איבער פאַר מיר."

עס איז געווען אַ עכט קאַליפאָרניש הויז געבויט פון ברע-טער, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּיס די ברייט.

קיין וועראַנדע איז נישט געווען נישט פון הונטן, נישט פון פאָרנט, נאָר איינאונאייננציקע פלאַכע שטיינטרעפּ האָט גע-פירט אינעם הויז.

די געביידע האָט שוין געהאַט יעדער פאַרב פאַרלוירן, אויב אפילו זי דהאָט עס אַמאָל געהאַט.

אין דער זייט, עטוואָס טיפער אין דעם קליינעם טאָל האָבן זיך אויסגעטיילט אין דער טונקלקייט שוואַרצע שאָ-טעס.

פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן דער מורמלנדיקער ליאַרם פון אַ סך צוזאַמענגעפּרעסטע בהמות.

די פאַמיליע איז געשטאַנען אויף דעם הויף און געשטוינט איבער דעם אומגעווייןלעכן צופאַל וואָס אַן אויטאָ האָט זיך אָפּ-געשטעלט נעבן זייער שטוב.

נעבן אַ מאָגערן, איינגעהויקערטן מאַן איז געשטאַנען אַ יינגל, אַביסל קלענער פון דעם מאַן, אָבער אויך איינגע-הויקערט.

ביידע האָבן געטראָגן פאַרבלאַסטע העמדער אָן קעלנער און צעריסענע הויזן.

עס זענען אויך געשטאַנען דאָ דריי מיידלעך אין אָפּגע-טראָגענע ציצענע קליידלעך.

אויף דער שוועל האָט מען געזען שטיין אַ מאָגערע קליי-נע פרוי, וועלכע איז געווען בלאַס און אומעטיק.

אַלע זעקס זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך און שטום, דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין דעם הויף און געבליבן שטיין.

„אַ גוטן אָוונט,"— האָט געזאָגט דער פאָטער.

„אַ גוטן אָוונט, ברידער"— האָט אָפּגעענטפערט דער מאַן.

„בין איך דאָ אויף דער פערמע פון הער וואַטקין ?״

„יאָ, ברידער,״—די שטים האָט געקלונגען שוואַך און אומזיכער.

בוני האָט דערפילט אַ געהיימע מורא; גלייך ווי די דאָזיקע פאַמיליע זאָל זיך פּלוצים אָנהייבן צו „קאַטשען״ און „שפרינגען.״

„מיר זענען אויף יאַגד,״—האָט דער פאָטער דערקלערט,—„און מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ וועט זיין אַ פּאַסנדיקע שטעלע פאַר אונדזער לאַגער, האָט איר גוט וואַסער?״

„עס איז גאָר קיין בעסערס נישטאָ. מאַכט זיך דאָ באַקוועם, ברידער.״

„גוט, מיר וועלן גיין אַביסל ווייטער, האָט איר דאָ ערגעץ אַ גרויסע בוים, אונטער וועלכן מיר וואָלטן געקענט געפונען אַ שאָטן?״

„עלי, ווייז זיי דעם דעמב און העלף זיי זיך צו איינצוארדנען.״

ווידעראַמאָל האָט בוני אויפגעשוידערט: דאָס איז עלי, וועלכן דער הייליקער גייסט האָט געבענטשט, וועלכער האָט די אַלטע פרוי בוגנער בלויז דורך דעם אַרויפלעגן די הענט געבענטשט, געהיילט!

בוני האָט זיך דערמאָנט יעדע אייגנצלהייט וועגן דער פאַמיליע, די זעלטנסטע, וועלכע ער האָט נאָר באַגעגנט, אויסער אין די ביכער.

עלי איז געגאַנגען מיט וועג און דער אויטאָ איז איבם נאָכגעפאָרן, דעם אויטאָ איז נאָכגעגאַנגען הער וואַטקינס, אָן שום ספק, כדי זיך איבערצוצייגן צו עלי דערפילט זיינע פּליכטן.

אויך די קליינע מיידלעך האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך נאָכן טאַטן, נאָר די פרוי וואַטקינס איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און אַלץ באַאָבאַכטעט.

אויף אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ איז געשטאַנען אַ מעכטיקער דעמב.

דער פאָטער האָט אַזוי אויסגעדרייט דעם אויטאָ, אַז די שייַנוואַרפער זאָלן באַלויכטן דאָס אָרט.

בוני האָט שנעל אָנגעהויבן אָפּצוּוויקלען די שטריק פון דעם גרויסן פּעקל, ער האָט עס צענומען און דאָס וואָס האָט זיך איצט באַוויזן אויף דער שיין איז געווען באַצויבערנדיק: אַ געצעלט פון דעם לייכטסטן, נאָר געדיכטן זייד, אַזוי דין, אַז מען האָט עס געקענט צוזאַמענלעגן, ווי פּאַפּיר.

דערנאָך צוזאַמענגעשרויפטע געצעלטשטאַנגען, פּלעקער און אַ קליינע האַק, דערצו נאָך דריי וואַרעמע לאַגערדעקן, צוויי לופטקישנס און איין לופטמאַטראַץ, וועלכע מען האָט אָנגעבלאָזן אַזוי שטאַרק, ביז מען איז געוואָרן רויט אין פּנים.

ענדלעך האָבן זיך נאָך געפונען דאָרט קאָכגעשיר פון אַלומיניום מיט אָנגעשרויפטע הענטלעך.

אויף אַזאַ אופן באַוואָפנט האָט מען געקענט אין אַ מדבר זיך אַזוי גוט אײַנאָרדנען ווי אין דעם בעסטן האָטעלצימער.

הער וואַטקינס האָט אַליין באַפוילן צו העלפן אויספּאַקן, אָבער דער פּאָטער ראָס האָט דערקלערט, אַז זיי קענען דאָס אַליין טון, עס איז זייער אײַנפאַך, נאָר אפשר וואָלט ער געקענט קריגן אַ ביסל מילך. ווען הער וואַטקינס האָט אָפּגעענטפערט, אַז עס איז דאָ ציגנמילך, האָט דער פּאָטער געמיינט, אַז דאָס שאַדט נישט און בוני איז געווען פול מיט פרייד, ער האָט ערגעץ געלעזן, אַז די באַפעלקערונג דאָ דערנערט זיך נאָר פון ציגנמילך.

הער וואַטקינס האָט געשיקט רותן נאָך מילך און האָט איר נאָך אָנגעזאָגט זי זאָל אייער אויך ברענגען.

ווען אָבער הער' ראָס האָט געבעטן מען זאָל אים געבן ברויט, האָט וואַטקינס געענטפערט, אַז קיין ברויט האָבן זיי דאָ נישט, ווייל דער באָדן קען נישט קיין תבואה ארויסגעבן, זיי באַגנוגן זיך דערייבער נאָר מיט קאַרטאָפל.

דער פּאָטער האָט דערקלערט, אַז קאַרטאָפל קען אויך זיין גוט.

דאַן האָט הער וואַטקינס געבעטן אַ דערלויבניש די פרוי זיינע זאָל דאָ צעלייגן אַ פייער און אָפּקאָכן.

נאָר דער פּאָטער האָט אים געענטפערט, אַז סיי ווי מוזן זיי דאָ האָבן אַ פייער, און הער וואַטקינס האָט באַלד אַוועקגעשיקט עלין נאָך האָלץ.

הינטער דעם טייך זענען געוואַקסן געדיכטע, קליינע קאָרטשעס, וועלכע זענען טיילווייז געווען טריקן און פאַרדאַרט.

עלי האָט אויסגעריסען עטלעכע פון זיי און זיי צעבראָכן אויף דער קני.

דערנאָך האָט ער געבראַכט שטיינער, וועלכע מען האָ[t]
אויך דאָ זייער לייכט געפונען, ווייל מען האָט אויף דער פערמ[e]

פון די וואַטקינס קיין איין טריט נישט געקענט מאַכן מען זאָל זיך אויף קיין שטיינער נישט אָנשטויסן.

באַלד האָט שוין געברענט אַ פייער, די קאַרטאָפל האָבן זיך געקאָכט אין אַ טאָפּ און אין אַ פאַן האָט זיך געפּרעגלט חזיר. דער פּאַטער אַליין האָט געקאָכט, ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ ווירדיקע באַשעטיקונג, אין דער צייט ווען בוני האָט אויף דער ווייסער דעק אויסגעשטעלט די טעלערס און אַנדער געשיר.

ווען דער חזיר איז שוין געווען אָפּגעפּרעגלט, האָט דער פּאַטער צעקלאַפּט די אייער אין אַ שיסל און געמאַכט „אָקסנאויגן". דערנאָך האָבן זיי פאַרטרינקען מיט פעטע קאַלטע ציגנמילך.

דער שטאַרקער געשמאַק פון דער ציגנמילך האָט בונין נישט געשטערט, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ציגנמילך איז עפּעס ראָמאַנטישעס. רות האָט נאָך געבראַכט אַ טעלער מיט זיסן ברוינעם בינענהאָניק.

דער פּאַטער האָט איינגעלאַדן דער פאַמיליע וואַטקינס מיט צועסן, נאָר דער הער וואַטקינס האָט דערקלערט, אַז זיי האָבן שוין געגעסן.

זאָלן זיי כאָטש באַוויליקן זיך אָנוועקצוזעצן, ווייל עס איז נישט אָנגענעם, ווען אַלע שטייען.

עלי, די דריי מיידלעך און די מוטער, וועלכע איז אונטערגעקומען האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף שטיינער, עטוואָס ווייטער פון דער שיין, הער וואַטקינס ווידער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעענטער.

דער פּאַטער האָט עסנדיק, געפּלוידערט מיט דעם אַלטן מאַן איבערן וועטער און איבער דעם שניט.

דערנאָך האָבן זיך דער פּאַטער מיט בונין אויסגעצויגן אויף די דעקן און הער וואַטקינס האָט געוואָלט מיט עלין דאָס געצעלט אויפשטעלן. אָבער דער פּאַטער האָט נאָכאַמאָל דערקלערט אַז דאָס איז זייער פּשוט, און אַז ער וועט עס מאַכן מיט בונין אין איין קורצע מינוט.

הער וואַטקינס האָט פאָרגעלעגט אַז די מיידלעך זאָלן איבערוואַשן די כּלים און דערצו האָט דער פאָטער מסכּים געווען.

בוני האָט צונויפגעשטעלט איינס אויפן אַנדערן די טעלער און די שיסל און מעלי, די מיטלסטע, האָט זיי אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין. דערנאָך האָבן זיי ווייטער געפּלוידערט, בוני האָט באַמערקט, אַז דער פאָטער באַמיט זיך צו געווינען דעם צוטרוי פון דער פאַמיליע.

פּלוצים אָבער איז געקומען אַ קריטישער מאָמענט, נאָך אַ פּויזע האָט אַבעל וואַטקינס אַ פרעג געטון מיט אַ פאַרענדערטער פייערלעכער שטימע:

„ברודער, צי קען איך אייך שטעלן אַ פּערזענלעכע פראַגע?"

„געוויס."

„ברודער, זענט איר דערלייזט?"

בונין האָט דער אָטעם פאַרפעלט, ער האָט זיך דערמאָנט אין פּאַולס דערציילונג, אַז ווען מען זאָגט דעם פאָטער אַ וואָרט קעגן זיין אמונה, אַזוי פאַרדרייט ער די אויגן, הויבט אָן הויך צו בעטן און צו „שפּרינגען". י. אַרנאָלד ראָס האָט געוווסט ווי ער דאַרף זיך באַנעמען.

ער האָט אָפּגעענטפערט מיט דעם זעלבן פייערלעכן טאָן:

„יאָ, ברודער, מיר זענען דערלייזט".

„צו וואָס פאַר אַ קירכע געהערט איר, ברודער?"

„זי הייסט די קירך פון דעם אמתן וואָרט.

עס איז פאַריבער אַ פּויזע, דערנאָך האָט הער וואַטקינס זיך אָנגערופן:

„זאַ קירך קען איך גאָרנישט."

„ס'טוט מיר לייד."—האָט געזאָגט דער פאָטער ראָס.— „איך וועל זי אייך גערן דערקלערן, כאָטש מיר דאַרפן נישט מיט קיין פרעמדע רעדן פון אונדזער גלויבן."

„אָבער, ברודער",—הער וואַטקינס האָט אויסגעזען צו זיין

א ביסל צעמישט—„די הייליגע שריפט זאָגט אונדז דאָך, אַז מיר אַלע זענען באַרופן דעם עוואנגעליום צו פּרעדיקן ; דער עוואנגעליום מוז אַלע פעלקער זיין באַקאַנט.״

„ברודער,״—האָט אָפּגעענטפערט דער פּאָטער ראָס נאָך אַלץ טיף ערנסט,—„איך פאַרשטיי דאָס, אָבער לויט אונדזער גלויבן מוזן מיר צוערשט די מענטשן אַלס פריינט אַנערקענען, איידער נאָך מיר גייען צו צו רעדן מיט זיי וועגן אונדזער גלויבן. מיר מוזן אַכטן די איבערצייגונגען פון אַנדערע.״

„יאָ, ברודער.״—הער וואַטקינס שטים איז אָפּגעשטאָרבן, עס האָט זיך געלאָזט באַמערקן, אַז ער ווייסט נישט וואָס ווייטער צו זאָגן.

ער האָט אַ קוק געטון אויף די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע, גלייך ווי ער זאָל פון זיי דערוואַרטן שטיצע, אָבער זיי האָבן נאָך נישט קיין וואָרט אויסגערעדט, אויסער „יאָ, פּאַפּ״, ווען ער האָט זיי עפּעס באַפוילן.

הער ראָס האָט געמוזט פון דער פאַרלעגנהייט אַרויספירן.

„מיר זענען געקומען אַ הער וואַכטעלן שיסן, איך האָב געהערט, אַז דאָ זענען פאַראַן אַ סך.״

עס איז געוואָרן אזוי קאַלט, אַז דאָס קליינע פייער אין שוין מער נישט געווען גענוג.

די וואַסקינס זענען געגאַנגען אַ היים, דער פּאָטער מיט בונין האָבן אויפגעשטעלט דאָס געצעלט, אַריינגעטראָגן אינעווייניק אַלץ און בוני האָט דערווייל די מאַטראַצן אָנגעבלאָזן. אין הימל האָט געלייכט די שטערן, ביידע האָבן זיך דאַריבער געלייגט אויף דער פריי.

זיי האָבן אויסגעשפּרייט די דעקן אויף דער ערד, אויסגעטון זיך די שיך און די מלבושים און שנעל אַרונטערגעקראָכן אונטער די קאָלדרעס, בּרר, עס איז ווירקלעך געווען גוט קאַלט, בוני האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ קויל און אויף דעם שטערן געפילט דעם קאַלטן נאַכטווינט.

דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון:

„טאַטע, וואָס איז אַזעלכעס די קירך פון דעם אמת'ן וואָרט?"

דער פּאָטער האָט געלאַכט.

„דער אָרעמער, אַלטער נאַר, איך האָב דאָך אים געמוזט ברענגען דערצו ער זאָל פאַרשוויגן ווערן."

איצט זענען זיי ביידע געלעגן שטום, דער אַלטער האָט באַלד אָנגעהויבן גלייכמעסיק צו אָטעמען.

דאָס ייִנגל דאַקעגן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען מיד, האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט נאָכגעקלערט: דעם פּאָטערס מאָראַל איז אַן אַנדערע פון דער, וואָס אים געפעלט און וועלכער ער וויל נאָכפאָלגן.

דער פּאָטער זאָגט אַ ליגן, ווען ער האַלט עס נאָר פאַר נויטיק; ער באַהויפּטעט, אַז עס גיבן פאַלן, ווען דער אַנדערער קען דעם אמת נישט פאַרטראָגן, אָדער ער פאַרלאַנגט אים נישט צו וויסן.

און דאָך איז געווען קלאָר, אַז דער פּאָטער וויל נישט, אַז בוני זאָל זיך האַלטן ביי דער מאָראַל.

אמת, ער האָט טאַקע צייטנווייז, באַפוילן בונין ער זאָל עפּעס פאַרשווייגן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל אַ ליגן זאָגן; האָט ער אַמאָל אַליין באַדאַרפט זאָגן אַ ליגן, אַזוי האָט ער זיך געפּלייסט נישט צו טון עס אין בוניס געגנוואַרט.

נאָר אַזעלכע זאַכן זענען געווען; דער פּאָטער האָט גערויכערט ציגאַרן און געטרונקען אַלקאהאָל, בוני האָט נישט געטאָרט רויכערן, און נישט טרונקען.

דאָס איז געווען אַביסל מאָדנע.

בוניס קאָפּ און פּנים האָבן געפּרירט, אין קערפּער אָבער איז אים געווען וואַרעם, ער האָט זיך איבערגעגעבן אומקלאָרע געדאַנקען און האָט שוין אָנגעהויבן כמעט איינצושלאָפן ווען פּלוצים איז ער געוואָרן איבערגעוועקט.

וואָס איז דאָס?

דער מאַטראַץ האָט זיך געשאָקלט, האָט אים געוואָרפן פון איין זייט אין דער אַנדערער, אַזוי, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אויף די עלנבויגנס.

„טאַטע,“—האָט בוני אויסגעשריגן,—„וואָס איז דאָס?“

דער פּאָטער האָט זיך באַלד אויפגעוואַכט, ער האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין דער ערד און אויסגערופן:

„מיין גאָט, אַן ערד ציטערניש!"

עס איז ווירקלעך געווען אַן ערד ציטערניש! עס האָט בפֿזידקט אויסערגעוויינלעך מאָדנע, צו דערפֿילן פּלוצים. ווי דער פֿעסטער באָדן, אויף וועלכן מען האָט זיך שטענדיק אָנפֿערטרויט, ציטערט און וואַקלט זיך.

די בוימער האָבן אָנגעהויבן צו רוישן, גלייך אַ שטורם־ווינט זאָל זיי טרייסלען, זיי האָבן אונטערגעשפּרונגען אין דער הויך און אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון דער ערד.

עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ליאַרם, אַ שרייען און אַ מעקן. די ציגן, ווען די ערד ציטערניש איז נאָך געווען ווייניקער אָנגענעם, ווי די מענטשן, האָבן זיך נישט געקענט טרייסטן מיט קיין שום געאָלאָגישע דערקלערונגען.

עס האָבן זיך אויך געהערט געשרייען פֿון דער פֿאַמיליע וואַטקינס, וועלכע האָט אויסגעזען ווי זי זאָל ווערן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דעם הויז:

„הללויה! יעזוס, ראַטעווע אונדז, גאָט דערבאַרם זיך!"

„אַ שרעקלעכע ערד ציטערניש?"—האָט בוני געפּליסטערט,—„גלויבסטו אַז שטעט זענען איינגעפֿאַלן?"

„וואַרשיינלעך אַ לאָקאַלע ערד ציטערניש, ווי עס קומט אָפּט פֿאָר אין דעם בערגיקן לאַנד,"—האָט דער פֿאָטער אַ בּרום געטון.—„דאַן וואָלטן דאָך די וואַטקינס שוין געווען געווינט דערצו?"

„עס ווייזט אויס, אַז זיי איז אָנגענומען צו מאַכן אַ ווען דערפֿון, זיי האָבן אין זייער לעבן געמוזט האָבן זייער ווייניק אויפֿגעוונגען."

מער האָט דער פֿאָטער וועגן דעם ענין נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. ער אין זיין לעבן האָט שוין געהאַט גענוג אויפֿרעגונגען. אַ קליינע ערד ציטערניש אינטערעסירט אים כּמעט אַזוי ווייניק, דאָס ליאַרמען פֿון רעליגיעזע משוגעים.

ער איז באַלד צוריק איינגעשלאָפֿן.

בוני האָט זיך נאָך לאַנג צוגעהערט צו די געשרייען פון דער פאַמיליע וואַטקינס.

די שטים פון דעם אַלטן אָבער האָט איבערגעשריגן אַלע איבעריקע.

דאָס געשריי פון די קינדער האָבן געבילדעט אַ כאָר, דאָס מעקן פון די ציגן האָבן דערגענצט דעם אָרקעסטער.

אַ קאַלטער שוידער איז אַ דורכגעלאָפן איבער בוניס רוקן.

ענדלעך איז ער אויך איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט די אויגן געעפנט האָט די זונדעמערונג שוין ראזיק געשימערט הינטער דעם בערגל און דער פאָטער האָט זיך שוין אַ־ומגעדרייט און זיין יאַגד אַנצוג.

בוני האָט מיטאַמאָל די אויגן אויסגעריבן, אויפגעשפרונגען און שנעל זיך אָנגעטון, די קעלט האָט אַריינגעדרינגען ביז זיין די קנעכל.

בוני איז אַראָפגעלאָפן דעם באַרגאַראָפּ, אָנגעריסן קאַרטשעס, געמאַכט פייער און דעם טאָפּ צוגעשטעלט. דאַן איז געקומען עלי מיט די ריינע טעלער און געפרעגט צי זיי ווילן קאַלטע מילך פון נעכטן, צי וואַרעמע פון היינט אינדערפרי.

„האָט איר די ערד ציטערניש געפילט?”—האָט זיך עלי אינפאָרמירט אַן אויפגערעגטער.—„עס איז געווען שרעקלעך. האָט איר אַין אייער געגנט אויך ערדציטערנישן?”

עלי האָט געהאַט לאַנגע בלאָנדע האָר, וועלכע זענען נישט געווען צעקעמט, זעט אויס, צוליב דער ערדציטערניש; זיינע בלאַסבלאָע אויגן זענען געווען פייכט, וואָס האָט אים צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ פאַנ[illegible]טיקער.

ער האָט געהאַט אַ לאַנגן האַלדז מיט אַן אַרויסגעשטאַרצטן גאָרגל.

זיינע פיס זענען געווען צו לאַנג געוואַקסן פאַר די געלאַטעטע הויזן, ער האָט אפילו געטראָגן שיך, נאָר אָן זאָק.

אזוי איז ער געשטאַנען דאָ און געגלאָצט די אויגן אויף

יעדער איינצלהייט פון דעם לאַגער און אויף די מלבושים פון די גרויסשטעטיקע פרעמדע און געפּרוווט גלייכצייטיק זיך צו דערוויסן וואָס ביי זיי אין דער נשמה'ה טוט זיך:

„וואָס לערנט אייער „אמת וואָרט" וועגן ערדצי-טערניש?"

דער פּאָטער איז געווען באַשעפטיקט מיט בראָטן אייער מיט חזיר און געהייסן עלין ברענגען וואַרעמע מילך, אויף אַזאַ אופן איז מען געוואָרן פון אים פּטור.

אָבער ער איז באַלד געקומען צוריק, ווידער געבליבן שטיין און מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט יעדן ביסן וועלכן די פרעמדע האָבן אַריינגעלייגט אין מויל אַריין.

ער האָט איבערגעגעבן, אַז די פאַמיליע האָט אין דער צייט פון דער ערד ציטערניש שטאַרק געבעטן, ער האָט אויפגעקלערט, אַז צו ערדציטערניש באַווייזט, אַז דעם הייליקן גייסט האָט זיך שוין צוגעגעסן די אומריינקייט, דאָס שכרות און דער ליגן פון דער וועלט, ער האָט געפרעגט צי די פרעמדע אַנערקענען זיך אויך אין אַזעלכע עבירות.

בוגיס אַנשויאונגען איבער אומריינקייט און פאַרדאַרבנקייט זענען נישט געווען גענוי קלאָר, דאָך ד'האָט ער געוווסט אַז דער פּאָטער האָט קורץ פאַר דער ערדציטערניש אַ שרעקלעכן ליגן געזאָגט; ער האָט געלאַכט אין זין, קלערנדיק, ווי ערנסט די וואַטקינס וואָלטן דאָס אָנגענומען ווען זיי ווערן געוויר דעם אמת!

עס איז אויך געקומען דער אַלטער הער וואַטקינס כדי צו זען, צי עס איז זיי קיין שום שלעכטס נישט געשען.

הער וואַטקינס איז געווען אַ גרעסערע אויפלאַגע פון זיין זון מיט די זעלבע פייכטע בלאַסבלאָע אויגן און גרויסן גאָרגל.

זיין פּנים איז געווען פאַרברענט און פון קנייטשן צעאַקערט, מען האָט געזען, אַז אויסער זיין שגעון איז ער אַ גוטער און ערלעכער מאַן. אויך ער האָט גערעט פון דער ערדציטערניש. האָט דערציילט פון איינעם וואָס ביי אים זענען צוריק

מיט עטלעכע יאָר אַלע ציגל געביידעס פון אַן ערדציטערניש איינגעפאַלן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט אַז מעלי און סאַדי גייען איצט אין שולע אַריין און קענען ברענגען ברויט.

דער פאָטער האָט אים געגעבן אַ דאָלאַר, און עס איז אַנטשטאַנען אַ קליינע שטרייט, ווייל הער וואַטקינס האָט נישט געוואָלט נעמען פאַר די אייער, מילך און קאַרטאָפל מער וויפיל עס קאָסט אין קראָם, ער האָט אויך נישט געוואָלט נעמען קיין געלד פאַר באַנוצן דעם באָדן, ווייל ער האָט דערפון קיין שום מי נישט, פאַרקערט, ער פרייד זיך שטענדיק פרעמדע מענטשן צו זעען, זיי וווינען דאָ אין די בערג אויסערגעוויינלעך איינזאַם און ווען נישט גאָט מיט זיין עוואַנגעליוס, אַזוי וואָלטן זיי געהאַט ווייניק פרייד אין לעבן.

## VI

דער פֿאָטער מיט בונין האָבן אָנגעטון די פּאַטראָנענגאַרט, אָנגעלאָדן די ביקסן און אַרויסגעמאַרשירט דורך דעם קליינעם טאָל אויף די בערגלעך.

בונין איז נישט אָנגעגאַנגען צו טויטן וואַכטעלן, די שיינע, שוואַרצברוינע פֿייגל מיט די שטאָלצע קאַמען זענען אים געווען אַ שאָד; זיי זענען אַזוי פֿלינק געלאָפֿן און ביי דעם זונאונטערגאַנג האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַזעלכע מעלאָדישע שטימען.

אָבער בוני האָט פֿאַרשוויגן די דאָזיקע געדאַנקען, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דער פֿאָטער האָט גערן די יאַגד, און אַז דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט אים צוצונעמען פֿון דער אַרבעט אויף פֿרישע לופֿט, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געראַטן.

ער האָט זייער שנעל, ווי אַ בליץ אָנגעלאָדן דאָס געווער, און עס האָט אויסגעזען, אַז ער צילט אפֿילו נישט.

ער איז אויך קיינמאָל נישט באַגאַנגען בוניס פֿעלער גלייכצייטיק אויף צוויי פֿייגל צו שיסן.

זיי האָבן געוואַנדערט דורך טאָלן און בערגלעך, די וואַכטעלן זענען געפֿלויגן אין רוישנדיקע גרויע פּאַסן, פּיף-פּאַף — און די פֿייגל זענען פֿאַרשוונדן, נאָר עטלעכע זענען אויף דער ערד אַראָפּגעפֿאַלן.

מען האָט זיי צוערשט געלאָזט ליגן און אַרומגעזוכט נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן זיך געקענט געפונען אין דער גאָענט, ווייטער געשאָסן, און דערנאָך ערשט דאָס רויב צונויפגעזאַמלט: אַ קליין בינטל פון ווייכע, וואַרעמע, פאַרבלוטיקטע פעדערן.

אייניקע זענען נאָך געווען לעבעדיק און מען האָט זיי געמוזט דאָס קעפּל אַראָפּדרייען, וואָס בוני האָט אַמשטאַרקסטן פיינט געהאַט.

זיי האָבן אָנגעפולט זייערע זעק און אַהיימגעקערט מידע און הונגעריקע.

עלו האָט זיי פאַרגעלייגט די פייגל אָפּצורייניקן, זיי האָבן אויף דעם גערן איינגעשטימט און האַלב פון דעם רויב אַוועקגעשענקט דער פאַמיליע.

עס איז געווען דערשיטערנד צו זען, ווי עס האָבן אויפגעלייכט די אויגן פון דעם אָרעמען יינגל, ווען ער האָט דאָס דערהערט.

עס איז שווער יינגערהייט, ווען מען וואַקסט נאָך, צו לעבן בלויז מיטן גייסט.

עלו האָט אַוועקגעטראָגן די פייגל אין שטוב אַריין און בוני האָט זיך אויסגעצויגן.

פלוצים האָט ער זיך אויפגעזעצט:

„טאַטע! זע גאָר!"

„וואָס איז?"

„מיין שטיוול"

„וואָס?"

בוני האָט אויסגעצוי[illegible]ן דעם [illegible]:

„טאַטע, דאָס איז נאַפּט!"

„ביסטו זיכער?"

„וואָס דען קען עס זיין?"

בוני האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעשפרונגען צום פאָטער אויף איין פוס.

„זע דער גאַנצער שפּיץ איז פול דערמיט."

„ווייסטו באַשטימט, אַז פּ[illegible]יער איז דאָס נישט געווען?"

„זעלבסטפאַרשטענדלעך, טאַטע, עס איז נאָך גאַנץ ווייך, איך האָב געמוזט איינטרעטן אין אַ גאַנצע קאַלוזשע, און... אה איך וועט זיך מיט דיר, אַז דאָס האָט געמאַכט די ערדציטערניש, דער נאַפט האָט אַרויסגעדרינגען דורך ערגעץ אַ שפּאַלט אין דער ערד."

בוני האָט אויסגעטון דעם שטיוול און דער פאָטער האָט אים באַטראַכט.

ער האָט געוואָרנט בונין זיך נישט אויפצורעגן, עס איז אין דעם נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכעס, צו געפינען נאַפט שפּורן באַנענט פון דער אויבערפלאַך, מייסטנס זענען זיי זייער קליין און נישט באַדייטנדיק.

דאָך דאַרף מען נישט אַזעלכע שפּורן דורכלאָזן און נישט לייגן אויף זיי קיין אַכט.

זיי וועלן נאָכן מיטאָג נאָכאַמאָל גיין מיט דעם זעלבן וועג, כדי צו זען, וואָס זיי וועלן געפינען.

דעם פאָטער איז געווען גרינג צו וואָרענען בונין ער זאָל זיך נישט אויפרעגן, ער האָט קוים געקענט זיין זון.

צייט יאָרן איז דאָס בוניס טרוים געווען, דער פאָטער האָט אים שטענדיק דערציילט אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין אייגן נאַפטפעלד באַזיצן! אַ פעלד וועלכעס וועט אים אַליין געהערן.

דער פאָטער פלעגט דעם יינגל אויסרעכענען, אַז ער, צאָלנדיק נאָר אַ זעקסטל פון דעם ריינעם פאַרדינסט, גיט אייגנטלעך אָפּ אַ העלפט, ווייל ער נעמט אויף זיך נישט נאָר דאָס בויערן, נאָר אויך דאָס האַלטן דעם קוואַל אין אָרדנונג און די לאַסט פון דעם פאַרקויפן.

דער שיתוף דאַגעגן טוט גאָרנישט, ער באַזיצט נאָר דעם באָדן—און באַקומט אַ העלפט פון דעם פאַרדינסט! אין אַ שיינעם טאָג אָבער וועט דער פאָטער אַליין אַנטדעקן אַ קוואַל, וועלכן ער וועט האַלטן פאַר זיך אַליין.

ער וועט דאָרט אויסבויען אַ נאַפטשטאַט, וועלכע ער אַליין וועט קענען באַהערשן.

בוני האָט געגוי געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט, דער פּאָטער האָט געמיינט, אַז דער זון וועט זיין גליקלעכער, ווען ער וועט נישט בייוווינען די אָפּעראַציע, דורך וועלכער די אָרעמע וואַטקינס וועלן זיך באַפרייען פון זייערע זעקסהונדערט פערציק אַקר פעלזן.

# VII

בוני האָט זיך געלאָזט גיין לענגאויס דעם טייך אַרויף צו, ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט די ציגן.

דאָ איז אויף אַ גרויסן פעלז געזעסן רות.

דאָס מיידל איז געווען אין בלויזן קאָפּ און מיט באָרוועסע פיס, מען האָט געזען, אַז זי איז שוין צרויסגעוואַקסן פון איר איינציק ציצענעם קליידל.

רות איז געווען אַ מאָגער קינד, נישט קוקנדיק אויף איר אָפּגעברענדער הויט, איז איר פּנים געווען בלאַס, ס׳האָט נישט געהאַט קיין טראָפּן פאַרב און האָט אויסגעזען צו זיין בלוטאָרעם.

זי האָט געהאַט די גרויסע בלאָע אויגן פון איר פאַמיליע און אַ רונדן שטערן, די האָר זענען געווען גלאַט צוריקגעקעמט און מיט אַן אַלטן באַנד פעסט צוזאַמענגעהאַלטן.

אַזוי איז זי געזעסן און אָפּגעהיט די טשערדע, ווי פאַר צוויי־טויזנט יאָר צוריק עס האָבן געהיט די טשערדעס מיידלעך און יינגלעך אין ארץ ישראל. וועגן די דאָזיקע חברים האָט זי געלייענט אין דעם איינציקן בוך וואָס האָט זיך געפונען אין דער שטוב פון די וואַטקינס, אַלע דריי וואָכן איז געווען איר ריי צו היטן די טשערדע צען, צוועלף שעה אַ טאָג.

זי האָט קיינמאָל כמעט קיין מענטשן נישט געזען און זי

ער גערוישט שטילערהייט, גלייך ווי עס שטראָמט נאָך מער פון דער ערד.

דער פאָטער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די קני, דעם פינגער אריינגעשטעקט און אויף די ליכט די פארב באַטראַכט. דערנאָך האָט ער אַ דאַרע צווייג אריינגעשטעקט כדי צו זען ווי טיף דער שפּאַלט איז און צי עס וועט ווייטער ארויספליסן נאַפט.

ווען דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער דער־קלערט:

„דאָס איזווירקלעך נאַפט, אין דעם קען קיין צווייפל נישט זיין, עס וואָלט געווען גוט די פערמע אָפּצוקויפן."

זיי האָבן זיך ווידער אומגעקערט אַהיים, בוני האָט פון פרייד געשפרונגען.

דער פאָטער האָט שטילערהייט עפּעס גערעכנט, זיי האָבן שוין ביידע נישט געטראַכט פון וואַרטעלן.

„האָט דיר די פרוי קראָאַטרי געזאָגט וויפל באָדן עס גע־הערט צו דער פערמע?"

„זי האָט געזאָגט: זעקסהונדערט פערציק אַקער."

„מיר מוזן אויסגעפינען ווו די נאַפט פליסט, איבעריקנס, מיין זון, זאָלסט נישט באַגיין קיין נאַרישקייטן, רעד קיין וואָרט נישט וועגן דעם נאַפט, אפילו דעמאָלט אויך ווען איך וועל די פערמע שוין האָבן געקויפט, עס וואָלט געווען גאַנץ קלוג צו דערווערבן דאָ וואָס מער לאַנד, די פעלזן דאַרפן דאָ נישט זיין טייער."

„אָבער טאַטע, דו וועסט די וואַטקינס באַצאָלן אַ גוטן פרייז?"

„איך וועל אים צאָלן דעם געוויינלעכן פרייז, נישט דעם פרייז פאַר ערד, וועלכע ענטהאַלט אין זיך נאַפט, ערשטנס קען ער אָנווערן דעם צוטרוי און איינגאַנצן נישט וועלן די פערמע פאַרקויפן און דאַן איז דער נאַפט פאַרפאַלן, ער האָט איבם ביז איצט נישט גענוצט, און וועט אים איז אַ מיליאָן יאָרן

איך נישט נוצן, צווייטנס, וואָס וועט אַזאַ אָרעמער חסר-דעה׳ אויפטון מיט אַזויפיל געלט?״

„מיר וועלן אים אָבער נישט באַרייסן, נישט אמת?״

„איך וועל שוין לייגן אַכט אויף דעם, אַז ער זאָל ביי דעם האַנדל נישט שלעכט אַרויס, איך וועל שטענדיק זאָרגן פאַר אים און פאַר די קינדער און זען, אַז זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען. איך וועל אויך זאָרגן דערפאַר, אַז ער זאָל דאָס געלט נישט קענען אָוועקגעבן די מיסיעס, אָבער קיין פּראָצענטן וועט ער נישט באַקומען. ווען עמעצער וועט דיר וועלן אויסהערן, מיין זון, אַזוי זאָג אים, אַז איך בין אַ געשעפטס מאַן, קויף ערד און נאָך אַזעלכע זאַכן. אָדער, אַז איך דהאָב אַ קראָם, קויף מאַשינען, ליי געלט אויף פּראָצענט.

זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

בוני האָט אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען מיט אַ מאָראַלישן פּראָבלעם, וועלכע זאָל אים באַהערשן אויף פיל יאָר.

אויף וויפל האָבן די וואַטקינס רעכט אויף דעם נאַפט, וועלכע געפונט זיך אויף זייערע פערמע?

דאָס יינגל האָט שוין מער קיין וואָרט נישט גערעדט, כאָרשטענדלעך אַז ער האָט געוואָלט געהאָרכן.

דאָך האָט ער זיך דעם גאַנצן וועג געגריבלט אין דעם ענין.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער שטוב, האָבן זיי דערזען דעם אַלטן מאַן אויסבעסערן די שטאַל פון די ציגן, זיי זענען צו אים צוגעגאַנגען און נאָכדעם וואָס זיי האָבן גערעדט אַ פּאָר ווערטער וועגן יאַגד, האָט דער דהער ראָס זיך אָנגערופן:

„איך וואָלט אייך געבעטן אַריינגיין מיט מיר אין שטוב אַריין, הער וואַטקינס. איך האָב עפּעס מיט אייך און מיט אייער פרוי איבערצורעדן.״

הער וואַטקינס האָט איינגעשטימט.

„אַנטשולדיק מיר, מיין קינד, אפשר קענסטו אַליין נאָך אַ פּאָר פייגל שיסן.״

בוני האָט גענוי געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט, דער פֿאָטער האָט געמיינט, אַז דער זון וועט זיין גליקלעכער, ווען ער וועט נישט בייוווינען די אָפּעראַציע, דורך וועלכער די אָרעמע וואַטקינס וועלן זיך באַפֿרייען פֿון זייערע זעקסהונדערט פֿערציק אַקר פֿעלזן.

# VII

בוני האָט זיך געלאָזט גיין לענגאויס דעם טייך אַרויף צו, ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט די ציגן.

דאָ איז אויף אַ גרויסן פֿעלז געזעסן רות.

דאָס מיידל איז געווען אין בלויזן קאָפּ און מיט באָרוועסע פֿיס, מען האָט געזען, אַז זי איז שוין אַרויסגעוואַקסן פֿון איר איינציק ציצענעם קליידל.

רות איז געווען אַ מאָגער קינד, נישט קוקנדיק אויף איר אָפּגעברענטער הויט, איז איר פּנים געווען בלאַס, ס'האָט נישט געהאַט קיין טראָפּן פֿאַרב און האָט אויסגעזען צו זיין בלוטאָרעם.

זי האָט געהאַט די גרויסע בלאָע אויגן פֿון איר פֿאַמיליע און אַ רונדן שטערן, די האָר זענען געווען גלאַט צוריקגעקעמט און מיט אַן אַלטן באַנד פֿעסט צוזאַמענגעהאַלטן.

אַזוי איז זי געזעסן און אָפּגעהיט די טשערדע, ווי פֿאַר צווייטויזנט יאָר צוריק עס האָבן געהיט די טשערדעס מיידלעך און יינגלעך אין ארץ ישראל. וועגן די דאָזיקע חברים האָט זי געלייענט אין דעם איינציקן בוך וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער שטוב פֿון די וואַטקינס, אַלע דריי וואָכן איז געווען איר ריי צו היטן די טשערדע ציגן, צוועלף שעה אַ טאָג.

זי האָט קיינמאָל כמעט קיין מענטשן נישט געזען און זי

האָט זיך דערפילט אין פאַרלעגנהייט, ווען עס האָט זיך דער־נענטערט צו איר דאָס פרעמדע ייִנגל.

זי האָט נישט געקוקט אויף אים, און געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו די באָרוועסע פיס.

אָבער בוני האָט געוווּסט דאָס ריכטיקע וואָרט כדי צו געפינען אַ צוטריט צו רות הארץ.

„איר זענט רות, נישט אמת?"—האָט ער צוגעגעבן—„איך קען פּאַולען."

איין רגעלע זענען זיי געווען פריינט.

„ווו האָט איר אים געזען?

זי האָט צונויפגענומעןביידע הענט און אים אָנגעקוקט.

בוני האָט איר איבערגעגעבן פון דער פרוי קראַאָטרי, — פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט וועגן דעם נאָמען נישט דערמאָנט—ער האָט דערציילט, ווי פּאַול איז געקומען און וואָס עס איז פאַרגעקומען.

זי האָט אים נישט איבערגעשלאָגן, האָט אויסגעזען, אַז זי שלינגט איין זיינע ווערטער.

רות איז שטענדיק געווען אַ שווייגנדיקע, אירע געפילן זענען געלעגן טיף פאַרבאָרגן, זיי האָבן נישט אַרויסגעשפּרודלט אויף דער אויבערפלאַך. אָבער בוני האָט דערקענט, אַז איר גאַנצע נשמה הערט זיך צו צו זיינע ווערטער, אַז זי פאַרגע־טערט איר ברודער.

„און פון דעמאָלט האָט איר אים נישט געזען?"—האָט זי ענדלעך שטיל אַרויסגעפּליסטערט

„איך האָב אים איבערהויפּט גוט נישט געזען. איך וועל אים אפילו נישט דערקענען, ווען איך טרעף זיך מיט אים, ווייסט איר ווו ער געפינט זיך איצט?"

„איך האָב באַקומען פון אים דריי בריוו. יעדעס מאָל פון אַן אַנדער שטאָט. ער שרייבט, אַז ער וועט נאָכאַמאָל קומען, כדי מיר צו זען. ער האָט מורא פאַר פאָפּ."

„פאַרוואָס?"

„פאפ וועט אים שלאָגן, ער איז שטאַרק בייז אויף פאַוו-לען, ער זאָגט, אַז ער איז דעם שטנס אַ קינד, פאַוול גלויבט נישט, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער שריפט. איר גלויבט?"

אַ רגע האָט בוני געשוויגן, ער האָט געקלערט פון דעם פּאַסטערס „אמת וואָרט".

ער האָט אָבער געגלויבט, אַז ער מעג זיך אויף רותן פאַרלאָזן, דעריבער האָט ער דערקלערט, אַז ער גלויבט נישט אין אַלץ, וואָס עס שטייט אין ביבל.

רות האָט אים אומעטיק אָנגעקוקט.

„וואָס איז די סבה פון דער ערדציטערניש?"

ער האָט דערקלערט דעם מיידל, וואָס אים האָט געלערנט וועגן דעם זיין לערער עסטאָן. פון רות שטייענדיק געזיכט האָט ער דערקענט, אַז זי הערט ערשט צום ערשטנמאָל עטוואָס פון נאַטור־וויסנשאַפט.

„מען דאַרף אַלזאָ נישט מורא האָבן?"— האָט זי איבער-געפרעגט.

און דאַן האָט בוני באַמערקט ווי אין איר מוח טוּיכט אויף אַן אַנדער געדאַנק.

רות האָט אים שטאַרק אָנגעקוקט און פּלוצים אויסגערופן:

„אָה, איר האָט דאָס געלט צוגעשיקט!"

„געלט?"—האָט בוני איבערגעפרעגט מיט אַן אומשולדיקער מינע.

„פירמאָל זענען אָנגעקומען בריוו, אין וועלכע עס זענען געלעגן צו פינף דאָלאַר, דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דער הייליקער גייסט, אָבער דאָס זענט איר געווען, נישט אמת?"

בוני האָט נישט ווילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

רות איז געוואָרן רויט און פאַרלעגן אויסגעשטאַמלט אַ דאַנק, זי ווייסט נישט אויב זי וועט עס קענען איצט צוריק אָפּגעבן—די צייטן זענען איצט אַזעלכע שלעכטע. בוני האָט איר איבערגעשלאָגן, עס איז אַ נאַריִשקייט, דער פאָטער האָ;

אזויפיל געלט, אז ער ווייסט נישט וואס דערמיט צו טון.

בוני האט איר דערקלערט, אז זיין פאטער וויל אפקויפן ביי אירע עלטערן די פערמע און צוריק זיי פארדינגען אויף זייער גרינגע באדינגונגען.

איבער רות באקן זענען טרערן געפלאסן, זי האט זיך שוין מער נישט געקענט באהערשן.

עס איז איר געווען זייער פיינלעך, וואס זי האט נישט געהאט גארנישט מיט וואס זי זאל קענען אירע טרערן אפווישן, אויסער דאס קליידל, וועלכעס זי האט באדארפט, כדי צוצודעקן אירע נאקעטע קני.

זי האט זיך אראפגעלאזט פונם פעלז און פונוויטנס זיך אויסגעוויינט, אין דער צייט ווען בוני איז געשטאנען א צעמישטער, נישט אזוי פון רות טרערן, ווי פון דעם מאראלישן קאמף, וועלכער איז פארגעקומען ביי אים אין נשמה.

ער האט זיך אליין פארענטפערט דערמיט, וואס ער איז ווירקלעך געקומען מיטן פאטער צו העלפן די וואטקינס; דער נאפט איז נאר געווען אן אויסרייד, כדי דעם פאטער צו דעם אויספלוג איבערצורעדן.

איבעריקנס, וואלט דאך דער פאטער סיי ווי געקויפט די פערמע, כדי די פאמיליע אונטערצושטיצן, בוני וואלט דאס באדארפט אויסבעטלען ביי דעם פאטער, אבער ער וואלט עס דורכגעפירט.

אויף אזא אופן האט בוני זיך געפרווט טרייסטן, דאך האט ער די גאנצע צייט געקלערט פון דעם, וואס עס קומט איצט פאר אין שטוב, ביי די וואטקינס, אין דער זעלבער צייט איז ער געזעסן דא און זיך געלאזט באטראכטן פון רות אלס העלד און רעטער.

דער פאטער האט געזאגט:

„וואס וועט דער ארעמער חסר־דעה טון מיטן נאפטגעלט"?

ער וועט האבן די זעלבע מיינונג אויך אין באצוג רותן.

זי איז געזונט און גליקלעך, זיצט אויף דער זון מיט אירע נאנקעטע, ברוינע פיס, פאר איר איז קיין שענערס אויף דער

וועלט נישטאַ, עס איז פאַר איר פיל בעסער, איידער אירע פיס זאָלן זיין אין זיידענע זאָקן אָנגעטון, דאָס אַלץ איז טאַ־קע שיין און גוט, אָבער—אַ קליין שדל האָט אָנגעהויבן צו דעבאַטירן טיף אין בוניס וועזן—פאַרוואָס זאָלן אַנדערע מייד־לעך און פרויען יאָ טראָגן זיידענע זאָקן? לאָמיר נעמען צום ביישפיל די מומע עמאַ מיט איר טואַלעטנטישל? זי טראָגט שוין נישט נאָר זיידענע זאָקן, נאָר ברענגט אפילו אירע קאָר־סעטן און דעם גאַנצן אָפטיק פון די שיינהייטסמיטלען פון פאַ־ריז. פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין אַזוי גוט אויך פאַר דער מו־מע עמאַ צו זיצן מיט נאַקעטע, ברוינע פיס אויף דער זון און ציגן צו פאַשען?

## VIII

דער פּאָטער האָט אַ רוף געטאָן.

בוני האָט זיך געזעגנט מיט רותן און אַרונטערגעלאָפן.

דער פּאָטער איז געזעסן אין אויטאָ.

„מיר פאָרן קיין פּאַראַדיז, אָבער טו פריער אויס דיינע נאַפּטשטיוול“.

בוני האָט געפאָלגט און אַוועקגעשטעלט די שטיוול אין אַ זייט.

ער איז אַריינגעשטיגן און אין דער צייט ווען דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן צו פאָרן, האָט דער פּאָטער באַמערקט מיט אַ פריילעכן געלעכטער:

„עלזאָ, מיין זון, די פירמע געהערט אונדז.

די נאָר וואָס איבערגעלעבטע סצענע האָט אים פריילעך געמאַכט, ער האָט זי געשילדערט בונין: נישט קלערנדיק דערפון, אַז ער קען דערמיט אַרויסרופן ביי בונין נישט קיין פריילעכע געפילן.

דער פּאָטער האָט טאַקטפול אָנגעהויבן צו רעדן איבער דעם מאַנגל פון ברויט, און דאָס האָט געבראַכט הער וואטקינס אָנצוהייבן רעדן פון זיין לאַגע.

די פירמע איז שולדיק טויזנט זעקסהונדערט דאָלאַר היפּאָטעק, אויסערדעם כמעט דרייהונדערט דאָלאַר ציגזן שוין פון

גאָר לאַנג, די באַנק האָט מודיע געווען דער פאַמיליע, אַז די נעגסטע וואָך וועט זי פאַרקויפן די פערמע אויף אַן עפענטלעכן פאַרקויף.

אויף דעם האָט דער פאָטער דערקלערט, אַז ער זוכט אַן אָרט, ווו ער זאָל זומער קענען אויפשלאָגן זיין לאַגער און ווי דער זון זאָל קענען לעבן אויף דער פריי; ער איז גרייט די פערמע אָפּצוקויפן און צו באַצאָלן פאַר איר אַ גוטן פרייז.

די אָרעמע פרוי וואַטקינס, האָט אָנגעהויבן צו וויינען, זי איז אויף דער פערמע געבוירן געוואָרן.

הער ראָס האָט זי געטרייסט, אַז זי האָט זיך נישט וואָס צו זאָרגן, די פערמע קען בלייבן ביי זיי, ער וועט זי זיי פאַרדינגען אויף ניינאונניינציק יאָר צו צען דאָלאַר אַ יאָר. דער אַלטער מאַן האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטערס האַנט און אויסגע-רופן, אַז ער האָט געוווּסט, אַז גאָט וועט זיי נישט פאַרלאָזן.

דער פאָטער האָט באַטראַכט דידאָזיקע ווערטער אַלס אַ גוטן איבערגאַנג און דערקלערט, אַז גאָט האָט אים, לויט דער אַנטפּלעקונג פון דעם אמתן וואָרט אַהערגעשיקט.

דאַן איז הער וואַטקינס געוואָרן גרייט צו טון אַלץ, וואָס דער הער ראָס וועט פון אים אין נאָמען פון גאָט פאַרלאַנגען.

י. אַרנאָלד ראָס האָט רעגולירט אַלע ענינים פון דער פאַמיליע; איצט וועלן די מיסיעס שוין מער קיין געלט נישט באַקומען.

גאָט האָט דעם פאָטער אַנטפּלעקט, אַז הער וואַטקינס דאַרף אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט זיינס אויף שפּייזן, באַקליידן און דערציען די קינדער.

ווייטער האָט גאָט געפאָדערט, דאָס געלט פאַר די פער-מע נישט באַלד אויסצוצאָלן נאָר מאָנאַטלעך, וואָס וועט נאָך אַריינברענגען אַ געוויסן פּראָצענט, אַ פופצן דאָלאַר אַ חודש; אויסערדעם איז געווען דער ווונש פון גאָט, אַז דאָס געלט זאָל געהערן צו די קינדער.

בונים פּריינט פּאַול, האָט געהאַט דעם פאָטער צו פאַר-דאַנקען, וואָס ער האָט אים זיין חלק ירושה אָפּגעראַטעוועט.

הער וואַטקינס האָט מיטגעטיילט, אַז איינער פון זיינע וין איז אַ שוואַרצע שאָף און איז אומווירדיק צו געניסן פון גאָטס גענאָד.

אָבער י. אַרנאָלד ראָס האָט מודיע געווען אין נאָמען פון דעם אמתן וואָרט, אַז קיין שום שאָף איז נישט אַזוי שוואַרץ, אַז גאָט זאָל זי נישט קענען ריינוואַשן.

הער וואַטקינס האָט דאָס אויפגענומען מיט פרייד און צוזאַמען מיט זיין פרוי דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבן.

די סומע האָט אָנגעטראָפן דרייטויזנט זיבנהונדערט דאָלאַר; הער וואַטקינס אַליין האָט די סומע אָפּגעשטעלט, דערקלערנדיק, אַז אַזאַ פעלזנערד איז מער נישט ווערט ווי צו פינף דאָלאַר אַן אַקער, אויסערדעם באַטרעפט די מעליאָראַציעס פונפהונדערט דאָלאַר.

הער ראָס האָט איינגעשטימט.

דעם צווייטן טאָג האָבן די וואַטקינס געזאָלט פאָרן קיין פּאַראַדיז, כדי פון דאָרט מיטן פאָטערס אויטאָ פאָרן אין דער נעענסטער שטאָט און דאָרט אַלץ געזעצלעך צו פאַרענדיקן, נישט געבנדיק קיין מעגלעכקייט, אַז פרעמדע מיילער זאָלן האָבן דערמיט צו טון.

דערווייל איז דער פאָטער געפאָרן קיין פּאַראַדיז, כדי איבערצורעדן דאָרט מיט דעם איינציקן ערדמעקלער, ער זאָל קויפן פאַר זיינעטוועגן די שכנותדיקע גרונטשטיקער.

„פאַרוואָס שיקסטו נישט נאָך בען-סקוט?" — האָט בוני געפרעגט.

אָבער דער פאָטער האָט געענטפערט, אַז בען-סקוט איז אַ שווינדלער און לאָזט זיך אונטערקויפן פון די קאָנקורענטן אויסערדעם, איז בעסער צו באַנוצן זיך מיט דעם אָרטיקן מעקלער, אים קען מען מיט אַן עקסטערע פּראָוויזיע אָפּקויפן; בוני וועט שוין זען ווי דאָס ווערט געמאַכט.

צום גליק האָט דער פאָטער געהאַט מיט זיך אַ דרייטויזנט דאָלאַר.

„איך ווייס שוין נישט ווי לאַנג עס וועט דאָ דויערן אונ-

דער יאַגד" — האָט געזאָגט י. אַרנאָלד ראָס מיט אַ כיטרע שמייכל.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ שילד: „י. ה. האַרדאַקר, אַן ערדמעקלערס".

הער האַרדאַקר איז געזעסן אין זיין ביורא די פיס אויף דעם שרייבטיש, אַ פּאַפּיראָס אין מויל, און געוואַרט אויף זיין רויב.

ער איז געווען אַ מאָגערער עלטערער מענטש און האָט אויסגעזען צו זיין אויסגעהונגערט.

דער יאַגדאַנצוג פון דעם פּאָטער האָט אים אפילו אויף קיין איין רגע נישט פאַרפירט, ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָ איז דאָ געלט, און האָט שנעל אַראָפּגענומען די פיס פונם טיש און זיך אויסגעגלייכט ווי אַן אַרשין.

דער פּאָטער האָט זיך אַנידערגעזעצט, גערעדט פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם וועטער און דעם ערדציטערניש, דער נאָך באַלד דערקלערט, אַז היות ווי ער האָט אַ קרוב, וואָס מוז צוליב זיין געזונטצושטאַנד וווינען אויף דער פרייער לופט, האָט ער אָפּגעקויפט פאַר אים וואַטקינס פערמע, נאָר אַזוי ווי ער וויל זיך פאַרנעמען מיט ציגנצוכט אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב, אַזוי וואָלט ער געוואָלט, אויב עס איז נאָר מעגלעך, צוקויפן די אַרומיקע שכנותדיקע פערמעס.

דער האַרדאַקר האָט געענטפערט, אַז דאָס איז מעגלעך, די באַנדי־פערמע, צום ביישפּיל, נעבן די וואַטקינס.

דער מעקלער האָט געבראַכט אַ גרויסע קאַרטע און האָט געוויזן מיט דעם בליישטיפט הער ראָסן אפשר אַ טויזנט אַקער, גאָר אַלע אין די בערג און אַלע פעלזיקע.

דער פּאָטער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער פרייז און הער האַרדאַקר האָט געענטפערט: פון פינף ביז זעקס דאָלאַר אַן אַקער.

ער האָט אויך געוויזן אַנדערע ערדשטיקער, דער פּאָטער האָט נאָטירט ביי זיך די נעמען, די גרייס פון די פערמעס און

די פרייזן, זעט אויס, אַז אין דער געגנט איז אַלץ געשטאַנען גרייט פֿאַרקויפֿט צו ווערן.

„און דאָס דאָזיקע דאָ?"

דער האַרדאַקר האָט געענטפֿערט:

„דאָס איז די אַלטע ראַסקום-פֿערמע, יאָ, די קען מען אויך באַקומען."

דער פּאַסטער האָט געזאָגט:

„מיר וועלן דאָס אַלץ אַרויפֿשטעלן אויף דער ליסטע".

אויף דער האַרדאַקס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ זעלטענער אויסדרוק, ער האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס האָט געשלאָגן די גרעסטע שעה אין זיין לעבן.

„איצט וועלן מיר רעדן ערנסט, הער האַרדאַקר! איך וויל קויפֿן לאַנד, אויב עס איז נאָר נישט צו טייער. ווי גאָר די מענטשן וועלן באַמערקן, וואָס מען וויל, וועלן די פרייזן זעלבסט-פֿאַרשטענדלעך, גיין אין דער הייך. איר מוזט זיך קודם כל קלאָר מאַכן, אַז איך בין גרייט צו צאָלן דעם פרייז וואָס איז ווערט, נישט מער. פֿאַרלאַנגט עמעצער מער, אַזוי מוז ער אין דער גאַנצער זאַך פֿאַרגעסן. און איך וועל זי אויך פֿאַרגעסן. קויפֿט אומעטום ווו איר וועט עס נאָר קענען און צו מעסיגע פרייזן. און נעמט אייך ביי דעם פֿאַרקויפֿער די געוויינלעכע פּראָוויזיע, איך וועל אייך נאָך אויסערדעם צאָלן אַ פּראָוויזיע פֿון פינף פּראָצענט. מיט אַנדערע ווערטער: איר זאָלט זיין מיין מענטש און קויפֿט פֿאַר מיר אַזוי ביליג, ווי עס איז נאָר מעגלעך, איך דאַרף אייך, גלויב איך, נישט מאַכן אויפֿמערקזאַם, אַז איך וויל קויפֿן שנעל און אָן לאַנגע דינגעניש, כדי די מענטשן זאָלן נישט האָבן קיין צייט די פרייזן צו העכערן, איר פֿאַרשטייט?"

„יאָ", — האָט אָפּגעענטפֿערט דער האַרדאַקר — „אָבער איך ווייס נישט. ווי אַזוי מען הייבט דאָס אָן. פּאַראַדיז איז אַ קליין אָרט, און אַזאַ האַנדל פֿאָדערט צייט."

„עס איז נישט נייטווענדיק, ווען איר וועט זיך נאָר באַניין קלוג און אַרבעטן אויף מיין שטייגער. איר דאַרפֿט נישט

דערמאָנען מיין נאָמען, נאָר קויפט פאַר אַן אומבאַקאַנטן קליענט, באַצאָלט מיט באַרעס געלט און ווען די מענטשן וווינען נאָענט, דאָס געשעפט באַלד צו שליסן".

„דערצו וועט מען דאַרפן האָבן אַ סך געלט"—האָט הער האַרדאַקר דערקלערט אַ ביסל דערשראָקן.

„איך האָב אַ ביסל קליינגעלט אין דער טאַש און אויטערדעם אַ טשעק אויף דרייטויזנט דאָלאַר."

דער פּאָטער האָט אַרויסגענומען פון זיין בריוטאַש באַשטעטיקונג פון איינעם פון די גרעסטע באַנקפּרעזידענטן אין אַנגל סיטי, אַז הער זשעמס ראָס איז אַ פאַרמעגלעכער און אַבסאָלוט ערלעכער מאַן.

בוני האָט געוווסט, אַז דער פּאָטער באַזיצט צוויי אַזעלכע באַשטעטיקונגען—איינע אויף דעם נאָמען זשעמס ראָס און די צווייטע אויף דעם נאָמען פון י. אַרנאָלד ראָס, מיט דעם ערשטן האָט ער זיך באַנוצט, ווען ער האָט געקויפט נאַפּטערד און זיין פּערזאָן איז נאָך נישט געוועזן אַנטדעקט.

דער פּאָטער האָט פאָרגעשלאָגן צו שליסן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן דער הער האַרדאַקר וועט די נעכסטע צען טעג איינקויפן ערד פאַר דעם פּאָטער, אַ באַשטימטן סכום און צו באַשטימטע פּרייזן, ביי אַ פּראָוויזיע פון פינף פּראָצענט.

דער מעקלער האָט זיך געוואַקלט צווישן מורא און גיריקייט, ענדלעך האָט ער זיך באַשלאָסן דאָס געשעפט אָנצונעמען.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער אַלטער שרייבמאַשין און אָנגעשריבן צוויי קאָפּיעס פון אַן אָפּמאַך און אַ לאַנגע ליסטע פון די גרונטשטיקער, וועלכע האָבן געזאָלט באַטרעפן איבער זעכצנטויזנט דאָלאַר.

די ליסטע האָבן די ביידע מענער איבערגעלייענט צוויימאָל און דאַן האָט הער האַרדאַקר זיי אונטערגעשריבן מיט אַ ציטערנדיקער האַנט.

דער פּאָטער האָט געזאָגט „אויסגעצייכנט"! און געפּרוווט דעם הער האַרדאַקר אונטערצוטרייבן ער זאָל זיך שוין נעמען

בײ דער אַרבעט, אַרויסצײלנדיק אים אויף דעם שרײַבטיש צען הונדערטער דאָלאַרן.

דער פּאָטער איז אַרויסגעגאַנגען כּדי אַרויסצונעמען פון אויטאָ אַ פּאָר פאָרמולאַרן.

דער הער הארדאַקר האָט דערווײל ווי דרך אַגב און אוי־סערגעווײנלעך פרײַנטלעך איבערגעפרעגט בונין:

„פון וועלכער בראַנזשע איז אײער פּאָטער, מײַן ייִנגער פרײַנט?“

און בוני, לאַכנדיק אין זיך, האָט געענטפערט:

„מײַן פּאָטער האַנדלט מיט אַלערלײ זאַכן, ער קויפט לאַנד און נאָך.“

„וואָס נאָך?“

בוני האָט געענטפערט:

„ער האָט אַ מאַגאַזין, קויפט מאַשינען, פאַרלײַט געלט.“

דער פּאָטער איז אַרײַנגעקומען, צופעליק האָט ער אין אויטאָ ווירקלעך געפונען די נויטיקע פאָרמולאַרן, און בוני האָט ווײַטער געשמײכלט: עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז דער פּאָטער זאָל נישט געפונען אין אויטאָ די נויטיקע דאָקו־מענטן, אָדער אינסטרומענטן, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס ער האָט נאָר באַדאַרפט האָבן.

# IX

זיי זענען צוריק געפאָרן אין זייער לאַגער. עס איז שוין געווען די צייט פון זונאונטערגאַנג און די פייגל האָבן אויף די בערג געיראָפן.

זיי איז פאַריבערגעפאָרן אַ רייטער, וועלכע האָט שוין זיין מטשערדיק אַהיימגעטריבן, האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט און געפּלוידערט אַ ביסל וועגן דער ערדציטערניש.

דערנאָך איז דער רייטער אַוועקגעפאָרן. דער פּאָטער האָט געזאָגט:

„אפשר האָט מען נאָך היינט אויפגעקויפט די פערמע פון די מענטשן וועסטו קענען אויף זיין פערד רייטן."

זיי זענען ווייטער געפאָרן און באַגעגנט אַ פיס-גייער, אַ ייִנגן מענטשן, אַ לאַנגן און מאָגערן נאָר איינגעבויגן גלייך ווי ער זאָל פירן אַן אַקר, ער האָט געטראָגן פויערישע מלבושים און אַ שטרויענע הוט.

אויף דעם פּאָטערס „גוטן אָוונט", האָט ער נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַ קוק געטון אויף זיי ביידע, און זיך ווייטער געגאַנגען.

„דער פּאָטער האָט באַמערקט:

„דער מענטש האָט אַ מאָדנעם אויסזען."

און בוני האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין אויסערסט ערנסט גע-

זיכט מיט דער גרויסער אַרויסשטאַרצנדיקער נאָז און אַראָפּגע־האָנגענע מוילווינקלען.

זיי זענען אָנגעקומען אין דעם לאַגער, צעלייגט אַ פייער און אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן אָונטבערויט, וואַכטעלן מיט חזיר, הייסע קאַקאַאָ מיט ברויט, וואָס די מיידלעך האָבן געבראַכט, דער־צו נאָך קאָנסערוון פון פערסיקעס, וועלכע בוני האָט איינגע־קויפט אין שטאָט.

נאָך דעם עסן האָט בוני דערזען רותן ביי דעם ציגנשטאַל און איז צוגעגאַנגען צו איר.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק, ווי זי זאָל זיך וועלן איבערצייגן, צי קיינער הערט נישט און דערנאָך שטיל אַרויס־געפּליסטערט.

„פּאָול איז דאָ געווען."

בוני איז געבליבן אַ צעמישטער:

„פּאָול?"

און פּלוצים איז אים דורך אַ רעיון:

„דאָס איז געווען פּאָול, וועלכן מיר האָבן אויף דעם וועג באַגעגנט!"

ער האָט באַשריבן רותן דעם יינגערמאַן און זי האָט גע־זאָגט, יאָ, דאָס איז געווען פּאָול, ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט, כדי זי צו זען, ווי ער האָט עס איר צוגעזאָגט און ער האָט איר אויך פופצן דאָלאַר געבראַכט פון דעם, וואָס ער ד־האָט אָפּגעשפּאָרט.

„איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר דאַרפן שוין איצט נישט דאָס געלט, אָבער ער האָט עס פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט."

„פאַרוואָס זשע איז ער נישט געבליבן שטיין און נישט גערעדט אַביסל מיט מיר און מיט מיין פאָטער? ער האָט נאָר אַ שאָקל געטון אויף אונדזער גרוס!"—האָט בוני אויסגערופן אנטוישט.

רות איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט, און נישט געוואָלט מער רעדן פון פּאָולען.

בוני אָבער האָט נישט נאָכגעגעבן, ער האָט אַזוי געוואָלט

פאר...ען בעסער קענען און איצט האָט ער דעם איינדרוק אַז פּאַול קען אים נישט ליידן.

ענדלעך איז רות אַרויס מיטן אמת:

„ער איז בייז, פאַרוואָס פּאַפּאַ האָט די פירמע פאַר־קויפט. ער האָט געזאָגט אַז מיר האָבן עס נישט באַדאַרפט טון.“

„וואָס דען האָט איר געקענט טון?“

„די ציגן פאַרקויפן און מיט דעם געלד דעקן דעם חוב אין דער באַנק, דערנאָך זיך פאַרנעמען מיט יאָגעדעס פלאַנצן, ווי אַ סאַך אַנדערע טוען עס, דאָס מיר וואָלטן זיך דערמיט געקענט דערנערן און זיין אומאָפּהענגיק...“

„פּאַול איז אַזוי שטאָלץ!“—האָט אויסגערופן בוני.—„ער וויל נישט קיין שום נדבות!“

„עס איז נישט דאָס.“

„וואָס דען?“

רות איז ווידער אַמאָל געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט.

„עס... עס איז נישט זייער העפלעך צו רעדן וועגן דעם....“

וואָס איז עס דען, רות? איך וויל אַזוי שטאַרק פּאַולען פאַרשטיין.“

„ער האָט געזאָגט, אַז אייער פאָטער איז אַ גאַפּטמאַגנאַט און אַז איר האָט געוווּסט, אַז אויף אונדזער פערמע איז דאָ נאַפט. ער אַליין האָט דאָס אייך דערציילט.“

בוני האָט געשוויגן.

„איז אייער פאָטער אַ נאַפטמאַגנאַט?“

בוני האָט געמוזט ענטפערן:

„ער איז אַ געשעפטסמאַן, קויפט לאַנד און אַלערליי זאַכן, האָט אַ מאַגאַזין, קויפט מאַשינען און פאַרלייט געלט.“

בוני האָט זיך דערפילט אַלס ליגנער. ער האָט אָפּגענאַרט רותן, דער זאַנפטער, אומשולדיקער צוטרויפילער רותן מיט די גרויסע ערלעכע אויגן און אויפריכטיקן ליבן געזיכט, רותן, וועלכע איז נישט פעיק אויף, קיין שום שלעכטן געדאַנק און

וועמענס גאַנץ לעבן איז געווען געווידמעט דעם פאַרגעטערטן ברודער.

אָה, פאַרוואָס גראָד האָט ער געמוזט רותן אָפּנאַרן?

זיי האָבן ווייטער געפּלוידערט וועגן פּאַולען.

ער האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרבראַכט אין די בערג און דערציילט דער שוועסטער פון זיך.

עס גייט אים גאַנץ גוט, ער אַרבעט איצט ביי אַן אַד-וואָקאַט, וועלכן עס מאַכט גאָרנישט אויס, וואָס ער איז אַנט-לאָפן פון דער היים.

דער אַדוואָקאַט איז אַזוי צו זאָגן אַ „פריידענקער", ער באַהויפּטעט אַז יעדער האָט דאָס רעכט צו גלויבן און צו קלערן ווי אים געפעלט.

פּאַול אַרבעט ביי אים אַלס גערטנער און דער אַלטער מאַן לייהט אים ביכער.

פּאַול האָט זיך אָנגעהויבן צו בילדן.

עס קלינגט וווּנדערבאַר און שרעקלעך, פּאַול האָט געליינט אַ בוך איבער דער ביבל, פון וועלכן ער איז גע-ווויר געוואָרן, אַז די הייליקע שריפט איז נישט מער ווי העברעאישע געשיכטעס און מעשהלעך, וועלכע זענען פול מיט סתירות רציחות און זנות. עס האָט דעריבער קיין זין נישט דאָס דאָזיקע בוך אָנצורופן גאָטס וואָרט.

פּאַול האָט געוואָלט, אַז רות זאָל אויך דאָסדאָזיקע בוך לייענען און רות האָט דערפילט אַ פיינלעכע שרעק נאָר ביי דעם געדאַנק, — דאָך האָט בוני באַמערקט, אַז זי זאָרגט זיך נאָר וועגן פּאַולס נשמה און נישט וועגן זיך.

בוני האָט זיך אומגעקערט צוריק אין לאַגער און איבער-געגעבן דעם פאָטער אַז דאָס יינגל, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט, איז געווען פּאַול.

דער פאָטער האָט נאָר געזאָגט „ווירקלעך" און איבערגע-חזרט: „דאָס יינגל האָט אַ מאָדנעם אויסזען."

די גאַנצע זאַך האָט אים נישט אינטערעסירט, ער האָט קיין אַהנונג נישט געהאַט פון בוניס נשמה ליידן.

ער איז געלעגן אויף דעם רוקן אַ קישן אונטערן קאָפּ, און געקוקט אויף די שטערן.

„איינס פון די ביידע איז שוין זיכער מיין זון" האָט ער געזאָגט מיט אַ לאַכנדיקער שטים, „אָדער מיר וועלן זיין צוויס־רוקן אין דעם נאַפּטשפּיל אויף דער ערשטער ריי, אָדער מיר וועלן ווערן די ציגנקייזערס פון קאַליפאָרניע!"

## קאפיטל פינף

# די אנטפלעקונג.

## I

בוני האט געוואלט אריינטרעטן אין א העכערע שול.

מיט גרויס מי איז עס אנגעקומען דער מומען עמא, דער באבען און בערטיען איידער זיי האבן דורכגעפירט זייער ווילן. בוני וועט שוין לענגער נישט זיין קיין „נאפטקארליק" און זיין גאנצע צייט פארוועדן אויף איסצוּלערנען זיך געלט צו מאכן, נאר ער וועט זיין א יינג גלייך מיט אלע יינגען.

ער וועט געניסן פון זיין לעבן, וועט טראגן א פארביקן סוועטער און שפילן אין פוטבאל: ער וועט זיין א טייל פון דעם גרויסן אפאראט.

הער עטאן האט אנגעשטרענגט זיינע לעצטע כוחות כדי צו פארשטאפן די בילדונגס בלויזן פון זיין שילער.

בוני האט בייגעלעגט די עקזאמענס און אריינגעטרעטן אין דער העכערער שול פון ביטש סיטי.

דער אנשטאלט איז באשטאנען פון שפנע גרויסע גע-ביידעס, וועלכע האבן פארנומען דריי זייטן פון א ברייטן פלאץ און וועלכע זענען געווען דער שטאלץ פון דער שטאט, ווי אויך דער לאך אין איר געלטקאסע.

די דאזיקע שול איז געווארן באזוכט פון די יינגלעך און מיידלעך, וועלכע האבן ביז אכצן יאר נישט באדארפט

פארדינען אויף ברויט, אלזא פון דעם פארמעגלעכן מיטלשטאנד.

די דאזיקע ייִנגלעך און מיידלעך, פארקערפערנדיק מיט א געוויסע געזעלשאפטלעכע שיכט, האבן פונדעסטוועגן נאך געבילדעט העכערע און נידריקערע שיכטן!

„געהיימגעזעלשאפטן" זענען טאקע געווען פארבאטן, אבער זיי האבן געבליט; דער באזיס פון מיטגלידערשאפט איז געווען רייכטום אין די אלע גוטע זאכן, וועלכע רייכטום האט געגעבן גוטע דערנערונג, רייכע קליידונג, גוטע מאניערן—און א שפילעוודיקע שטעלונג לגבי דעם לעבן.

די ייִנגע מענטשן זענען געווארן צוזאמענגעטריבן אין קליינע טשערדעס, זענען איבערגעגאנגען פון איין צימער אינם צווייטן, און באקומען דארט אפגעמאסטענע קולטור דאזעס.

די שול איז געווען א גרויסע בילדונגס פאבריק, פאר איר אויסבעסערונג האבן די עלטערן געצאלט. נאר דורך א רעטזעלהאפטן פראצעס איז די שול פאמעלעך געווארן ארויסגעריסן פון די הענט פון די לערערס און איבערגעגאנגען צו די שילערס.

מיט יעדן יאר האבן זיך די ייִנגע מענטשן אינטערעסירט אלץ ווייניקער מיט דעם שטודיום און אלץ מער מיט דעם אזוי גערופענעם „ספארט אויף דער פרייער לופט," מיט טעניס, פוטבאל, שווימען און טאנצן.

די ייִנגלעך און די מיידלעך האבן זיך באשאפן אן אייגענע וועלט, און א אייגן געהיים לעבן.

זיי האבן געטראגן באזונדערע קראוואטשפילקעס און צייכנס, האבן געהאט זייערע לאזונגס-ווערטער און האנטדרוקן, זייערע געזעצן, לויט וועלכע זיי האבן געטראגן באשטימטע בלומען; אדער קראוואטן פון א באשטימטער פארב.

עס איז געווען א סטאדע לעבן, ווי ביי די דערוואקסענע, וועלכעס האט זיך באזוכט אויף דעם פרעסטיזש פון געלט אדער פון ספארטלייסטונגען. דער גאנצער דאזיין איז בא-

שטאַנען פון איבערגעבנג פון איין מאַסנגעשעעניש צום צווייטען.

מען האָט געמאָסטן די כוחות פון איין גרופּע מיט דער צווייטער, מען האָט זיך איינגעאיבט אין פאַרשידענע ספּאָרט שפּילן.

דאָס אַלץ האָט נאָר געזאָלט זיין אַ פאַרבערייטונג פאַר דער אַרבעט אין אוניווערזיטעט, ווי די רייכע, אָדער שוועלכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף דעם געביט פון ספּאָרט, ווערן אַריינגענומען אין די גרעסערע קארפּאראציעס און זיי דערפילן דאָרט זייערע ספּעציעלע און ספּאָרט פונקציעס, נאָך מיט מער גראַציע און געשיקטקייט.

בוני האָט באַזיצט, ווי מיר ווייסן שוין אַלץ, וואָס איז געווען נויטיק כדי צו מאַכן אַ קאַריערע אין אַזאַ געזעלשאַפט; אַנגלאזאַקסישע געזיכטס שטריכן און אַ סאַך טוועטרס; אויסער דעם איז ער נאָך געקומען אין דער שול מיט אַן אויטאָ פון דער בייסטער קאָנסטרוקציע.

ער איז באַלד אויפגענומען געוואָרן אין דער העכסטער קאָרפּאראציע און איז באַלד געוואָרן איינגעלאַדן צו אַלן.

בוני האָט פאַר אַלעמען געפונען אַ לעבעדיקן אינטערעס, ער האָט גאָר נישט געוווסט אַז אויף דער וועלט זענען דאָ אַזויפיל יינגע מענטשן, ער האָט אַלע געוואָלט קענען.

ער האָט אויך מיטגעמאַכט אַלץ, געהאַלטן אָפן די אויגן און זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט הערן פון די לערערס און שילערס.

דאָך האָט ער פאַרמאָגט עטוואָס אַזעלכעס וואָס האָט אים אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע: עטוואָס ערנסטעס, אַלטמאָדישעס, „וואונדערלעכעס".

אָן שום ספק איז אים דאָס געקומען, ווייל ער האָט אַזויפיל פון די באַפּט-ענינים געוווסט.

בערטיעס חוצפּהדיקע באַמערקונג, אַז ער האָט נאַבט-

פליקן אונטער די נעגל האָט, זעט אויס, אַנטשפּראָכן דער ווירקלעכקייט.

בוני האָט קיינמאָל נישט געטיילט די מיינונג פון די לוקסוס באַשעפעניש, וועלכע האָבן געמיינט, אַז „דאָס געלד וואַקסט אויף דיביימער"; ער האָט געוווסט אַז דאָס ווערט דערוואָרבן דורך שווערער און געפערלעכער מי.

אויסערדעם האָט בוני נאָך גאַנץ פאַרטיק ווערן מיט דער נייער סיטואַציע אין דער היים; דער פאָטער איז גאָרנישט געווען איבערצייגט, אַז די שולע איז דאָס רעכטע אָרט פאַר אַ יינגל. ער האָט זיך צוגעהערט און באַאָבאַכטעט אומאויפהערלעך, כדי געוויער צו ווערן וואָס פאַר אַן אידעען עס ווערן איינגעפלאַנצט אין בוניס מוח.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס יינגל האָט אַליין אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן צו דער ציאונג אין שול און אין דער היים און זיך געפרעגט וועלכע די וויכטיקע איז.

נאָך איידער בוני האָט אויסגעקליבן די נייע קאַריערע, איז אים נאָך אויסגעקומען צו הערן דאָס, וואָס די עלטערן רופן אַן „ערנסטע ווערטער".

פאַר אַלעמען האָט אים דער פאָטער געוואָלט קויפן אַן אייגענעם אויטאָ און האָט אים שוין אויף דעם אָרט געשטעלט באַדינגונגען.

בוני מוז צוזאָגן, אַז ער וועט נישט פאָרן שנעלער ווי דער געזעץ דערלויבט עס, נישט אין דער שטאָט און נישט אויסער דער שטאָט.

נאָר ער, דער פאָטער אַליין איז שוין גענוג דערוואַקסן צו באַשטימען די שנעלקייט, אויסערדעם האָט ער וויכטיקע געשעפטן.

בוני, דאַקעגן, קאָן רעכטצייטיק פאָרן אין דער שול.

ער מעג זיך מיטנעמען אין אויטאָ אויך זיינע חברים, אָבער פירן דעם אויטאָ מוז ער שטענדיק אַליין, דער פאָטער האָט נישט קיין געלד אויף צוועקצושטעלן אומזיסט אַן אויטאָ פאַר דעם קלאַס.

עס וואָלט געווען גוט, ווען בוני זאָל באַלד זײַנע חברים דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט מאַכן קלאָר.

אויסערדעם זאָל בוני צוזאָגן, אַז ער וועט פֿאַר איין־אונצוואַנציק יאָר נישט רויכערן און נישט קיין אַלקאָהאָל טרינקען.

דער פּאָטער אַליין באַדויערט, וואָס ער האָט זיך צום רויכערן צוגעוווינט, ווײַל בוני זיך אויך דערצו צוגעוווינען, אַזוי מוז ער שוין זײַן גענוג אַלט, כדי גענוי צו וויסן וואָס ער טוט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלקאָהאָל.

דער פּאָטער האָט זייער ווייניק געטרונקען, אָבער עס איז געווען אַ צייט, ווען דעם פּאָטער האָט געדראָט אַ שכור צו ווערן, דערפֿאַר האָט ער זיך זייער געשראָקן פֿאַר אַלקאָהאָל און בוני איז אַרײַנגעטרעטן אין דער העכערער שול אונטער דעם באַדינג, אַז ער זאָל צוזאָגן אַז ער וועט קיינמאָל נישט מיטמאַכן קיין טרינק מיט די חברים.

בוני האָט באַלד געגעבן זײַן וואָרט, עס איז אים אָנגעקומען זייער לײַכט.

ער וואָלט גערן געוואָלט נאָך געוווייר ווערן פֿון דעם פּאָטערס דערפֿאַרונגען, אָבער ער האָט נישט געוואַגט צו פֿרעגן.

דערנאָך איז געקומען די סעמע איבער פרויען, דאָ האָט אויסגעזען, איז דעם פּאָטער געווען אוממעגלעך צו רעדן אָפֿן.

אַלס איינגלייטונג האָט ער דערקלערט, אַז עס איז אומעטום באַקאַנט, אַז בוניס פּאָטער האָט אַ סאַך געלט, און דעריבער איז ער, בוני, אויף אַ גרויס געפֿאַר אויסגעשטעלט.

אַלערליי פרויען וועלן אים פּרוּוון באַקומען מיט געוואַלט, כדי פֿון אים געלט אויסצופּרעסן.

בוני איז געבייגט צו שענקען פרויען זײַן צוטרוי דעריבער מוז מען אים וואָרענען פֿאַר זיי.

דער פּאָטער האָט דערציילט שוידערלעכע מעשׂיות פֿון

ייִנגע מענער, וועלכע זענען אַריינגעפּאַלן צו פּרויען אין די הענט און דורך דעם זייער גאַנץ לעבן פּאַרדאָרבן אין אַ שאַנד אויף זייער פּאַמיליע געבראַכט.

אויסערדעם דאַרף מען נישט אין די קראַנקהייטן פּאַרגעסן לייכטזיניקע פרויען זענען אָפּט קראַנק.

דער פּאָטער האָט גערעדט פון זיי, ווי פון שאַר־לאַטאַנעס, וועלכע באַרויבן אומוויסנדיקע, דערשראָקענע ייִנג־לעך.

טרעפּט וועמען אַזאַ אומגליק, אַזוי מוז ער צו אַן ערשט־קלאַסיקן דאָקטאָר גיין.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער פּאָטער האָט געהאַט צו זאָגן.

בוני האָט אים אויסגעהערט מיט דאַנקבאַרקייט און וואָלט גערן נאָך געהערט און פּאַרשידענע פראַגן אים גע־שטעלט.

דאָך האָט ער עס נישט געוואַגט, ווייל דער פּאָטער האָט אָפּנטלעך זיך געהאַלטן אין געוויסע גרענעצן.

זיין פּאַרהאַלטן זיך האָט אויסגעזען צו זאָגן, דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם געשלעכטלעכן, איז אַזוי מיאוס אַז מען קען פּשוט נישט רעדן דערפון.

בוני האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דעם פּאָטערס ווער־טער באַציִען זיך נישט צו אים; ער האָט געוווּסט, אַז ס'זענען פּאַראַן שמוציקע ייִנגן, אָבער ער געהערט נישט צו זיי און וועט קיינמאָל נישט געהערן.

די גאַנצע זאַך איז בונין פּאַרלייכטערט געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַלד שטאַרק „איינגעליבט.

עס איז געווען אין דער שול אַזאַ גרויסע צאָל פון ריי־צנדיקע מיידלעך, אַז מען האָט זיך פון זיי אַרויסדרייען נישט געקענט, באַזונדערס ווען מען איז אַזוי רייך און מען פּאַר־נעמט אַזאַ סאָציאַלע שטעלונג, ווי בוני.

אייניקע פון די ייִנגע מיידלעך זענען געווען צו צודרינג־לעך, אַנדערע ווידער צו צוריקגעהאַלטן און אָפּגעשראָקן דעם

שעמעוודיקן ייִנגל. די איינציקע, וועלכע האָט אים באַצוי־
בערט, איז געווען אַ שטעלע און באַשיידענע, אַזוי אַז זיין
פאַנטאַזיע האָט איר געקענט באַפּוצן מיט פאַרשידענע ראָמאַנ־
טישע איינגענשאַפטן.

זי האָט געהייסן ראָזיע טענטאַר, און געטראָגן לאַנגע
האָר, וועלכע זענען איר נאָכגעהאָנגען איבער דעם גאַנצן
רוקן, אויף דעם שטערן האָבן זיך געלאָקט אירע בלאָנדע האָר
ווי גאָלד.

זי איז נאָך געווען שעמעוודיקער פון בונין, האָט ווייניק
וואָס געהאַט צו זאָגן, דערפאַר אָבער האָט זי פאַרשטאַנען אַלץ
צו באַוווּנדערן.

אַלץ איז געווען „וווּנדערפול", זי האָט דאָס וואָרט אויס־
גערעדט מיט אַ האַרציק געהיימניספולן פליסטערן.

באַזונדערס „וווּנדערפול" איז געווען דאָס באַפּטגעשעפט,
ראָזיע איז קיינמאָל נישט געוואָרן מיד צו הערן דערפון, און
דאָס האָט בונין געפרייד, ווייל פון דעם האָט ער סך געהאַט
צו זאָגן.

ראָזיעס עלטערן האָבן פּראַקטיצירט אַלס ציינדאָקטאָרס,
דאָס איז קיין שום ראָמאַנטישע באַשעפטיקונג נישט, און דערי־
בער האָט דאָס מיידל אויסגעפונען פאַר שיין און אויפרעגנדיק,
פּונקט ווי בוני אַרומצופאָרן איבערן לאַנד, אָנצופירן מיט אַר־
בעטער מחנות און אומגעהייערע אוצרות צו לאָזן אַרויספליסן
פון דער ערד.

בוני האָט ראָזיען מיטגענומען מיטן אויטאָ, זיי זענען
אַרויסגעפאָרן אַ ביסל איפן לאַנד.

איז די גאַס געווען ליידיק און עס האָט נישט געדראָט
קיין שום געפאַר, אַזוי האָט בוני דעם אויטאָ געפירט מיט איין
האַנט און די אנדערע האָט ער ארויפגעלייגט אויף דעם מיידלס
האַנט.

ווירקלעך „וווּנדערפולע" געפילן האָבן אויסגעצאַפּלט דאַבײ
ביי זיי ביידע.

זיי האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט אַזוי שעהנלאַנג צו פאָרן.

אָדער זיי זענען אַרויסגעשטיגן פֿון דעם אויטאָ, אַרומגעוואַנדערט אין בערג, די בלומען געריסן און דער זונענאונטערגאַנג באַטראַכט.

בוני איז געווען פֿול מיט אַ שרעקעוודיקער פֿאַרערונג. האָט ער זיך אַמאָל געוואַגט איר אויף דער באַק אַ קוש צו טון, אַזוי האָט ער עס געטון מיט רעליגיעזער ערעפֿורכט.

איז געווען דאָס וועטער אַ שלעכטס, אַזוי האָט ער ראָזיען באַזוכט אין דער היים.

אירע עלטערן האָבן געהאַט אַ ליידענשאַפֿט פֿאַר אַלטע ענגלישע סקיצן. מען האָט געקענט אויף די ווענט קאָמישע סצענעס זען פֿון דעם אַכצטן יאָרהונדערט, רייטער און רויטע פֿראַקן מיט יאַגדהונט, ראָזע בופֿעט, מיידלעך פֿראַנטן אין הויכע צילינדערס מיט גרויסע פּייקעס.

עס זענען אויך געווען סקיצן, וועלכע זענען געלעגן אין פּאָרטפֿעלן, בוני האָט זיי באַטראַכט שעהנלאַנג, ווייל מען האָט באַדאַרפֿט צום איבערבלעטערן זיי נאָר אין האַנט, איז נישט אַלץ „ווינדערפֿול", ווען מען איז מיד וווּנדערפֿול און גוט?

בוני איז געווען גליקלעך ווען קויפֿנדיק אַ נייעם שטרוי-ענעם הוט האָט ער דערהערט ביי זיך אין הערצן דעם באַ-וווּנדערנדן אויסרוף פֿון זיין אויסגעוויילטע.

# II

איצט האָט דער פאָטער שוין אונטערגענומען זיינע געשעפטס־רייזעס אליין, אין פאַל ווען זיי זענען נאָר נישט אויסגעפאַלן סוף וואָך, אָדער אין אַ יום־טוב טאָג.

דאָס איז אים נישט געווען אנגענעם, אָבער אויך בוני איז שטענדיק געווען מיט אַ טייל פון זיינע געדאַנקען ביי דעם פאָטער און ער האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן ער זאָל אים דערציילן ווי עס גייט אַלץ ווייטער.

אין לאָבאָס ריווער זענען איצט געווען זעקס קוואַלן, וועלכע האָבן אַלע „גוט געצאָלט.”

מען האָט געבויערט נאָך פיר; אויסערדעם האָט פאַרטיפט עלף פון די אַלטע קוואַלן אין אַנטעלאָפּ, און דורך דער רעכנלייטונג איז געפלאָסן אַ נייער שטראָם פון דעם רייכטום.

אויף דער באַנקסיד־אַרענדע האָבן פּראָדוצירט זעקס קוואַלן, הער באַנקסיד האָט שוין מער ווי אַ מיליאָן דאָלאַר פּראָפיט באַקומען.

און דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב.

אויף דער שכנותדיקער ראָס וואַגסטאַף אַרענדע איז אויך געפלאָסן אַ גוטער קוואַל, ווייטער זענען געבויערט געוואָרן נאָך דריי, און אויף אַ האַלבן מייל קיין צפון צו האָט מען געבויערט אויף אַ ניי פעלד: ראָס־אַרמיטאַזש נומער 1.

ס'איז געווען ווונדערפול צו באָבאַכטן וואָס עס איז געוואָרן פון דעם פּראָספּעקט-היל-פעלד: אויף די שפּיצן און זייטן פון די בערגלעך האָט זיך דערהויבן אַ גאַנצער וואַלד פון בויערטורעמס און זיך אויסגעשפּרייט איבער די פעלדער. פונדערווייטנס אין דער נעפּלדיקער לופט פון זונענאונטערגאַנג האָבן די טורעמס אויסגעזען ווי אַ מחנה פון היישעריקן מיט הויכאויפגעהויבענע פילהאָרנס.

איז מען צוגעקומען נאָענטער אַזוי האָט מען דערהערט זייער ברילן און זשומען.

ביינאַכט האָט דאָס אַלץ אויסגעזען צויבערהאַפט: ווייסע און גאָלדענע ליכט האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען, פּאָרע האָט געשאָסן אין דער הויך, פלאַמען האָבן זיך געצינגלט, פון דער ערד האָט אַרויסגעזיקערט דער גאַז.

יאָ, ווען מען איז זיך אין אַ באַקוועמען אויטאָ דאָס פעלד פאַריבע־געפאָרן, האָט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז אַ לעגענדאַריש לאַנד.

מען האָט זיך געמוזט מיט געוואַלט דערמאָנען, אַז דאָ אַרבעט אַ מענטשן-מחנה, זיך איינשטעלנדיק דאָס לעבן אין משך פון צוועלף שעה.

מען האָט זיך אויך געמוזט צווינגען אַ קלער צו טון פון די אינטריגעס און מאַכינאַציעס, פון דעם פּאַראַט און שווינדעל, פון דעם חורבן און צעשטערטע האָפענונגען. מען האָט געמוזט זיך צוהערן צו די געשיכטעס פונעם פּאָטער וועגן די קליינע מענטשעלעך, וועלכע זענען זיך דאָ אַהער צונויפגעלאָפן אין די טויזנטער, ווי די פליגעלעך צום פלאַם, כדי געוויער צו ווערן וואָס זיי איז געשען.

דאַן אָבער האָט זיך דאָס דאָזיקע לעגענדאַרישע לאַנד פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכטהויז, ווו די מערהייט איז צעשטויסן געוואָרן אויף ווורשט פאַר אַ פרישטיק פון דער מינדערהייט.

דער פּאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע ביוראָ מיט אַ שעף און אפשר אַ האַלב טוץ אָנגעשטעלטע.

דאָ איז ער געזעסן ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ קריגסשיף אָדער זיין קאָמאַנדאָטורם.

דער פאָטער האָט שטענדיק געזאָרגט פאַר זיך און פאַר זייניקע.

ער איז שוין געווען באַקאַנט אַלס דער גרעסטער אומאָפּהענגיקער באַפּטמאַגנאַט, אַלערליי מענטשן זענען געקומען צו אים מיט די פאַרשידנסטע פאָרשלאַגן, מיט נייע וווּנדערפולע, גלענצנדיקע אידעען.

אָבער דער פאָטער האָט קיין איינעם פון די פאָרשלאַגן נישט אָנגענומען, ער וויל וואַרטן, האָט ער געזאָגט, ביז בוני וועט אויפוואַקסן און מיט זיין בילדונג זיין פאַרטיק, דעמאָלט וועלן זיי שוין אַ שענעם הויפן געלט באַזיצן און קענען אונטערנעמען טאַקע עטוואָס גרויסעס.

בוני האָט געענטפערט: גוט, דערמיט איז ער אויך מסכים געווען.

ער האָט געהאָפט, אַז דאָס „ווירקלעך גרויסע" וועט זיין אין פאַראַדיז, דאָרט האָט ער אויך אַ חלק.

דער פאָטער האָט אים באַרויקט: די וואַטקינס־פערמע דאָס איז בוניס אַנטדעקונג, וועט מען דאָרט אָנהייבן בויערן, אַזוי וועט דער קוואַל טראָגן דעם נאָמען ראָס־יוניאָר.

ביז איצט האָט מען אין פאַראַדיז נאָך נישט פול דערגרייכט; דאָס אומגליק האָט געוואָלט, אַז הער באַנדי, דער באַזיצער פון דעם גרויסן באַנדי־גרונטשטיק זאָל אין יענעם טאָג, ווען הער הארדאַקר האָט די ערד אויפגעקויפט, אין דער היים נישט זיין.

ווען הער באַנדי האָט זיך אומגעקערט און דערהערט פון די פלוצמדיקע פילע ערדאיינקויפן, האָט ער אָנגעוווירן דעם צוטרוי און באַשלאָסן זיך צו האַלטן ביי זיין באָדן.

דאָס הייסט ער האָט געפאָדערט אַנשטאָט פינף דאָלאַר פאַר דעם אַקר—פופציק;

דאָס איז געווען באַזונדערס פיינלעך, ווייל דער באַנדי־גרונט האָט זיך געפונען נעבן דער פערמע פון די וואַטקינס;

באַנדי האָט באַזיצט איבער טויזנט אַקר און זיין ערד האָט זיך געגרענעצט מיט דער ערד פון די וואַטקינס אויף דעם אָרט, וווּ בוני מיטן פאָטער האָבן די ערשט שפּורן פון נאַפט געפונען.

יאָ, דער פאָטער האָט אפילו געגלויבט, אַז דער נאַפט געפונט אויף דעם באָדן פון דעם הער באַנדי, געוויס קען ער עס אָן געאָלאָגישע אונטערזוכונגען נישט זאָגן אויף זיכער.

הער ראָס האָט זיך נישט געאיילט, ער האָט געקלערט דעם הער באַנדי נאָך אַ פּאָר יאָר אָפּצושלעפּן.

עס איז געווען ענלעך צו דער שפּיל פון אַ קאַץ, ווען זי באַאָבאַכטעט אַ מויז לאָך, עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם ווער עס וועט פריער דעם געדולד פאַרלירן.

בוני האָט געפרעגט צי הער באַנדי איז די מויז, צי די קאַץ. דאַרויף האָט דער פאָטער געענטפערט, אויב עמעצער וועט וואַגן י. אַרנאָלד ראָס פאַר אַ קאַץ צו האַלטן, אַזוי וועט ער עס אים שוין קלאָר מאַכן.

זיי האָבן אַלזאָ געוואַרט.

אין אַ שענעם טאָג וועט דעם פאָטערס געהיימער קראַנקער קרוב אין די דאָזיקע פעלזיקע בערגלעך ציגן האָדעווען, דערוייל אָבער זענען די גרעסטע טייל פּערמע אַרענדירט געוואָרן צוריק צו זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים.

נאָר דריי פיר זענען געבליבן ליידיק, אָבער דאָס האָט דעם פאָטער נישט געשטערט, ער האָט דעם דאָזיקן באָדן איבערגעלאָזט פאַר די וואַכטעלן.

דעם הער האַרדאַקר איז געוואָרן אָנגעוויזן, אַז אויף די צוועלפטויזנט אַקר זאָלן ווערן אָוועקגעשטעלט אַ טויזנט שילדלעך מיט דער אויפשריפט: „פאַרקויפט", כדי דער באַנדי זאָל זען קלאָר די גיריקייט פון דעם פאָטער אויף קליינגרויב

# III

די גרעסטע טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט האָט געפירט מלחמה.

די צייטונגען, וועלכע עס האָבן געלייענט דער פאָטער מיט בונין, האָבן זיך פארוואנדלט אין פלאַקאַטן און די האָבן אריינגעברילט אין דער וועלט אריין די ידיעות פון די שלאַכט פעלדער, אויף וועלכע צענדליקער טויזנטער יינגע לעבנס זענען פארלוירן געגאַנגען.

פאַר די געשעפטסלייט, ווי הער ראָס צום ביישפיל, האָט דאָס גאַנצע באַדייט, פון ביידע זייטן געלט שאַרן—פון דער אַנטאַנט דירעקט און פון די מיטלדיקסטע מלוכות דורך האָלאַנד און סקאַנדינאַוויען אומדירעקט, ווען ענגלאַנד האָט דורך א בלאָקאַדע געוואָלט מאַכן א סוף צו דעם האַנדל, האָבן די אַמעריקאַנער געשעפטסלייט אָנגעהויבן הויך צו ברומען.

פאַרשטענדלעך, אַז באַלד האָבן אָנגעהויבן שטייגן די פרייזן.

בונין האָט אויסגעזען שרעקלעך דאָס, וואָס דעם פאָטערס מיליאָנען פאַרמערן זיך דורך דעם אומגליק פון דער גאַנצער וועלט, דער פאָטער אָבער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן אומזין, ער איז גאָרנישט שולדיק וואָס די פעלקער פון אייראָפּע פירן מלחמה צווישן זיך, אָבער, ווען זיי דאַרפן זאַכן, וועלכע ער

האָט צו פאַרקויפן, אַזוי מוזן זיי צאָלן דעם מאַרק פּרייז.

ווען ספּעקולאַנטן האָבן אים אויפגעזוכט און באַוויזן דאָס פּאָר אַ גאָלדענע געשעפטן ער וואָלט געקענט מאַכן מיט זיין באַר געלט דורך דעם איינקויפן פון שטיוול, שיפן און גומי, אַזוי האָט דער פאָטער אָפּגעענטפערט, אַז ער פאַרשטייט זיך נאָר אויף איינס: אויף נאַפטערד און זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געהאַלטן נאָר ביי דעם, אויף וואָס ער האָט זיך פאַרשטאַנען.

האָבן אים די פאָטרעטער פון די מלחמה פירנדיקע מלוכות פאָרגעלייגט אַ נאַפט-ליפערונגס-קאָנטראַקט אונטערצושרייבן, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס ליבסטע איז פאַר אים אַזעלכע קאָנטראַקטן אונטערצושרייבן, אָבער די אייראָפּעיִשע פאַפירן מוזן ווערן צוערשט אויסגעביטן אויף אַמעריקאַנישע דאָלאַרן.

אַ דאַנק דעם גוטן נאָמען פון דעם פאָטער איז בוני אויסגעוועלט געוואָרן אַלס קאַסיר פון זיין פוטבאָלמאַנשאַפט.

אין דער צייט, ווען אויף דער אַנדערער זייט פון דער וועלט האָבן זיך די מענטשן אַרומגעשלעפּט אין דער טינקלקייט, אין .שנייַ און אין בלאָטע, בלינד פון מידקייט, אָדער מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, אָדער שלעפּנדיק זייער אינגעווייט איבער די בלאָטעס, אין דער זעלבער צייט האָט אין קאַליפאָרניע געשיינט די זון און בוני איז געשטאַנען און קאָמאַנדעוועט אפשר מיט אַ צוויי־טויזנט שילער, וועלכע האָבן געזונגען אין כאָר:

„Rah, rah, rah, slipery slam!
Walli baroo, bazim, bazam!
Beach City!"

דערנאָך האָט ער זיך אַ שטראַליקער אומגעקערט אַהיים, אַזוי הייזעריק, אַז ער האָט קוים געקענט איבערגעבן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען, און די מומע עמאַ איז געווען גליקלעך: ענדלעך אונטערשיידט זיך בוני שוין נישט מער פון די אַנדערע יינגלעך, און די פאַמיליע ראָס פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט איר פּאַסיקן פּלאַץ.

עס זענען אָנגעקומען די יום-טובים און ניי-יאָר, אַלע האָבן געזאָגט, אַז דער פּאָטער האָט זיך איבערגעאַרבעט, און בוני האָט דערקלערט:

„מיר וועלן גיין שיסן וואַכטלען!"

עס איז שוין נישט געווען אַזוי שווער דעם פּאָטער איינצורעדן, האָבן זיי דאָך געהאַט איצט זייערע אייגענע יאַגד-גרונטן—ווי בכּבודיק דאָס קלינגט!—און עס וואָלט געווען אַ שאָד זיי נישט צו באַנוצן. זיי האָבן איינגעפּאַקט זייערע לאַגער מכשירים, געפאָרן קיין פּאַראַדיז און אויפגעשלאָגן זייער געצעלט פּונקט אונטער דעם זעלבן דעמב.

זיי האָבן געטראָפן די פּערמע און די פאַמיליע וואַטקינס געזונט ווי דעמאָלט, מיט דעם אויסנאַם, וואָס די קינדער זענען שוין אונטערגעוואַקסן אויף אַ פּאָר צאָל און די מיידלעך האָבן זייערע ברוינע פיס מיט נייע קליידלעך פאַרדעקט.

זינט די פאַמיליע האָט אויפגעהערט צו צאָלן די צען דאָלאַר מאָנאַטלעך אין באַנק אַריין, און האָט נאָך דאַקעגן פון איר אַלע חודש באַקומען פופצן דאָלאַר, איז זיי געלט צוועק בעסער.

דער פּאָטער מיט בונין זענען אַוועקגעגאַנגען אויף יאַגד און דערווייל באַטראַכט די נאַפט־בורן וועלכע זענען אין משך פון דער צייט געוואָרן האַרט און טרוקן און מיט זאַמד און שטויב באַדעקט.

זיי האָבן זיך אומגעקערט אינם לאַגער און אָפּגעגעסן, דעמאָלט איז אָנגעקומען רות די אומרייניקע טעלער אָפּצורוימען.

זי האָט געמוזט עלון פאַרטרעטן, וועלכן מען האָט צוריקגערופן צו דער פרוי פּופּער, וואָס האָט געליטן שטאַרק קאָפּ-שמערצן.

עלו האָט מיט זיין הייל־קראַפט דערווייל אַ סך גוטעס אויפגעטון, פון אומעטום זענען זיך צונויפגעקומען מענטשן כּדי ער זאָל זיי בענטשן.

בוני האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי רות האָט עפּעס געהערט פון פּאַולען.

יאָ, ער האָט איר צוריק מיט צוויי חדשים באַזוכט, עס גייט איר גאַנץ גוט.

זי האָט אויסגעזען צו זיין ווי אין פאַרלעגנהייט. בוני האָט געגלויבט, אַז דאָס איז צוליב דעם פּאָטערס אָנוועזנהייט. ער האָט זי דעריבער באַגלייט ביז אין שטוב אַריין, און רות האָט אָנפערטרויט, אַז פּאַול האָט איר געבראַכט אַ בוך, וואָס באַווייזט, אַז מען דאַרף נישט גלויבן אין דער ביבל.

כאַפּ האָט געכאַפּט דאָס בוך ביי איר, האָט ער עס ביי איר צוגענומען און גוט אָנגעשלאָגן.

בוני איז געוועזן אויסער זיך.

„ער האָט זי געשלאָגן?"

רות האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„מיט וואָס?"—האָט אויסגערופן בוני.

רות האָט אָפּגעענטפערט: מיט אַ פּאַטש.

„עס האָט וויי געטון?"

יאָ, עס האָט וויי געטון, זי האָט אַ גאַנצע וואָך רעכט זיצן נישט געקאָנט.

רות האָט זיך געוווּנדערט, וואָס בוני איז אַזוי אויפגערעגט, איר האָט עס אויסגעזען זייער געוויינלעך, אַז אַ טאַטע זאָל אויספּאַטשן זיין זעכצניעריק מיידל, כדי אויסצוהיטן איר פון דעם גהינום-פייער.

און בוני האָט באַמערקט, אַז רות איז נישט זיכער, צי דער פּאָטער האָט קיין רעכט נישט געהאַט דערצו.

„וואָס איז געשטאַנען אין בוך?—האָט ער געפרעגט.

„דאָס בוך האָט געהייסן „די צייט פון פאַרשטאַנד" פון טהאָמאַס פּען,—האָט רות דערציילט—אַן אַלט בוך, מעגלעך אַז בוני האָט שוין דערפון געהערט."

בוני אָבער האָט עס נישט געקענט.

בוני האָט זיך אומגעקערט אין געצעלט און אויסגעגאָסן זיין גאַנצן כעס פון פּערן טאַטן, אָבער דער [illegible] האָט געקוקט אויף דעם פּאָרפאַל פון דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, וואָס רות.

פאַרשטענדלעך, אַז עס איז אַ חרפּה אַ קינד צו שלאָגן

ווייל עס וויל זיך בילדן, אָבער דער אַלטער אָבער וואַטקינס איז דער הויפּט פון דער פאַמיליע און האָט דאָס רעכט זיינע קינדער צו באַשטראָפן.

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז דער טיטול פון דעם בוך איז אים באַקאַנט, געלייענט אָבער האָט ער עס נישט, דאָך פאַרשטייט ער, אַז הער וואַטקינס האָט געמוזט זיין דעריבער שטאַרק אויפגערעגט.

אויב פּאַול לייענט אַזעלכע ביכער, איז ערווירקלעך ווייט אַוועק.

בוני האָט זיך מיט דערדאָזיקער דערקלערונג נישט געקענט צופרידנשטעלן, אים האָט עס אויסגעזען שרעקלעך, וואָס רות איז געפּאַטשט געוואָרן דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געוואָלט באַנוצן מיט איר שכל.

בוני האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג גאָרנישט גערעדט, ער האָט געגלויבט, אַז עס איז פּאַרען אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט ענלעכע זאַכן.

דער פאָטער האָט דערקלערט, אַז דאָס געריכט קען זיך נאָר דעמאָלט אַריינמישן, ווען דער פאָטער דערלויבט זיך צו באַגיין אַ גרויזאַמקייט.

בוני איז געוועזן פאַר דעם, אַז דער פאָטער דאַרף דידאָזיקע פראַגע אָנרירן.

דער פאָטער האָט לאַכנדיק געפרעגט, אפשר זאָל ער רותן אַדאָפּטירן.

דאָס האָט בוני נישט געוואָלט, נאָר דער פאָטער זאָל מיט זיין איינפלוס ווירקן אויף דעם אַלטן מאַן.

דער פאָטער האָט געמיינט, אַז עס האָט קיין זין נישט מיט אַזעלכע שוטים צו דעבאַטירן, וואָס מער מען זאָגט אים, אַלץ מער איינגעשפּאַרט ווערט ער, מען קען אויף דעם אַלטן האָבן אַ ווירקונג נאָר דעמאָלט, ווען מען שטימט כלומרשט איין מיט זיין שגעון.

אָבער בוני האָט נישט אָפּגעלאָזט: דער פאָטער קען באַשטימט עפּעס טון ווען ער וויל נאָר. ער מוז זען עפּעס טון,

דער פאָטער האָט געקלערט אַ ווײַלע.

„איך ווייס שוין, מיין זון, מיר מוזן אַ נײַע רעליגיע מאַכן.“

בוני האָט געקענט דעם טאָן, ער האָט געוווסט אַז דער פאָטער חוזקט און געדולדיק געוואָרט.

יאָ, האָט דער פאָטער ווייטער דערקלערט, מען וועט אויסאַרבעטן די רעליגיע פון דעם אמתן וואָרט, און איינס פון די הויפּט געזעצן פון דערדאָזיקער רעליגיע וועט זיין, אַז אַ מיידל טאָר קיינמאָל נישט געשלאָגן ווערן פון מענער.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט צו דער שטוב, דער פאָטער אין געדאַנקען פאַרזינקען און בוני אויפגערעגט פון נייגיריקייט, אַ סך יאָרן שפּעטער האָט בוני געקלערט פון דער דאָזיקער שעה און זיך געגריבלט איבער די פאַלן פון דעם שפּאַס,—אַ רעליגיעזע באַוועגונג, וועלכע האָט דעם גאַנצן קאָלאָניע-שטאַט אויפגעטרייסלט. ווייניקסטנס די פּראָווינצשטיילן פון דעם דאָזיקן שטאַט און פון די שכנותדיקע שטאַטן.

# IV

הער וואַטקינס האָט זיי פריינטלעך איינגעלאַדן אין שטוב אריין, סאַדי און מעלי האָבן זיי אָפּגעגעבן זייערע מאַנטלען און אַליין זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטל נעבן דער וואַנט.

בוני האָט צום ערשטן מאָל באַטראַכט דאָס הויז פון די וואַטקינס און אים איז אַ שווידער אַדורך פון דער אָרעמקייט.

אויך עלו איז דערווייל אָנגעקומען, ער איז שוין געווען אַן אויסגעוואַקסענער יינג פון אַכצן יאָר, זיין שטים איז שוין געווען פון אַ מאַן, נאָר צייטנווייז האָט זי זיך נאָך איבערגעריסן, וואָס דאָס האָט געקלונגען זייער קאָמיש.

איצט האָט ער דערציילט דעם פאָטער און די שטובעגדיקע שוועסטער, ווי דער הייליקער גייסט האָט אים נאָכאַמאָל געבענטש: ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און די פרוי פופער איז באַלד געוואָרן אויסגעהיילט.

הער וואַטקינס האָט געזאָגט פיר מאָל הויך „אמן". דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו הער ראָס:

„דער האַר האָט געבענשט אונדז מיט אונדזערע קינדער"

דער פאָטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, דאָס איז אמת, נאָך אפשר פיל מער אמתער, ווי זיי אַליין ווייסן דאָס; ער האָט איין אויגנבליק געשוויגן, דערנאָך האָט ער געפרעגט, צי האָט הער וואַטקינס אַמאָל אַ קלער געטון וועגן דער מעג-

בעכקייט, אַז דער האַר פון דער וועלט זאָל אונדז שענקען לייער אַנטפּלעקונג.

די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך מיטצמאָל אויסגעגלייכט, אַלע זעקס האָבן שטאַר אָנגעקוקט דעם פאָטער, אומבאַוועגלעך, ווי סטאַטועס.

וואָס וויל זייער גאַסט דערמיט זאָגן?

דער פאָטער האָט דערקלערט: ביז אַהער זענען נאָר געווען צוויי אַנטפּלעקונגען, אין אַלטן און אין נייעם טעסטאַמענט; פאַרוואָס זאָל נישט מעגלעך זיין, אַז דער הייליקער גייסט זאָל זיך צום דריטן מאָל אַנטפּלעקן? שוין פונלאַנג וואַרטן די וואָס גלויבן אין דעם אמתן וואָרט אויף דער מינוט ווען עס וועט דערפילט ווערן דער צוזאָג, וואָס שטייט געשריבן אין דער הייליקער שריפט.

די נייע אַנטפּלעקונג וועט איבערשטייגן די ערשטע צוויי און וועט זיך זיכער פון די ערשטע אונטערשיידן, עס איז דעריבער מעגלעך, אַז די אָנהענגער פון די אַלטע אמונות וועלן זי נישט פאַרשטיין, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי דער צווייטער אַנטפּלעקונג.

הער יואַטקינס האָט איינגעשטימט.

דעמאָלט האָט דער פאָטער ווייטער דערקלערט, אַז דאָס אמתע וואָרט וועט זיך אַנטפּלעקן דורך דעם מענטשנס גייסט און וועט זיין אַ שליח פון פרייהייט: דער הייליקער גייסט פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זיין דרייסט און אָן מורא פאָרשן דעם אמת; דורך דעם זוכן פון פיל גייסטער וועט דער אמת אַנטשטיין—מעגלעך אויך, אַז איין מענטש, וועלכער איז ביז אַהער געווען פאַראַכט און פאַרוואָרפן, וועט ווערן דער ווינקלשטיין פון דער נייער רעליגיע.

הער ראָס האָט גערעדט ערנסט און פייערלעך און בוני האָט זיך צוגעהערט, צו זיינע רייד אַ צעמישטער, ער האָט גאָר נישט געוווסט, אַז דער פאָטער איז אַזוי ב״ב? פעכט, ווי אַ פרעדיקער.

אויך די פֿאַמיליע וואַטקינס, זעט אויס, האָט דאָס אַנערקענט.

דער אַלטער מאַן האָט יעדעס וואָרט געשלונגען און פֿאַרלאַנגט אַז דער פּאָטער זאָל אַרויסזאָגן אַלץ וואָס ער ווייסט.

דער פּאָטער האָט דערקלערט, אַז די פֿאַמיליע וואַטקינס האָט אַ זון, וועמענס ווערטער מען האָט אים איבערגעחזרט, און ער האָט אין די דאָזיגע ווערטער דערקענט דעם גייסט פֿון דער דריטער אַנטפּלעקונג.

דערנאָך האָט ער ווייטער דערציילט, אַז ער האָט דעם זון געזען, און, אַז זיין אויסערלעך אַנטשפּרעכט פּאָלקאָם די דערוואַרטונגען פֿון די אָנהענגער פֿון דעם אמתן וואָרט: ער זאָל זיין הויכגעוואַקסן און האָבן בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, זיין בליק זאָל זיין ערנסט און די שטים טיף.

דער פּאָטער גלויבט, אַז דער טרעגער פֿון דער נייער פֿרייהייטס שליחות, וועלכן אַלע וועלן מוזן געהאָרכן, איז פּאַוול וואַטקינס, וועלכן די פֿאַמיליע האָט על-פּי-טעות פֿאַרטריבן.

די אויפֿרעגונג פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע אין דער מינוט איז נישט צו באַשרייבן.

דער אַלטער וואַטקינס איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפֿן מויל אין שטאַר אָנגעקוקט דעם הער ראָס, גלייך עס זאָל אים פּלוצים האָבן אַ פּאָר פֿליגל אַרויסגעוואַקסן.

די פֿרוי וואַטקינס האָט פֿאַרלייגט די הענט און איר מאַגער פּנים האָט אויפֿגעשטראַלט פֿון אַנטציקונג.

רות האָט אויסגעזען, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט יעדן אויגנבליק אויף די קני פֿאַלן.

אַלע האָבן אויסגעזען גליקלעך מיטן אויסנאַם פֿון איינאונאיינציקן: פֿון עלון. דער האָט בייז און צאָרנדיק אָנגעקוקט דעם פּאָטער, אויפֿגעשפּרונגען פּלוצים פֿון זיין שטול און מיט אַן איבעררייסענדיקער שטים אויסגעשריגן:

„קען ער געבן באַווייזן?"

און ווען דער הער ראָס האָט נישט אַזוי גיך געענטפֿערט האָט עלו [illegible] צמאָל אויסגעשריגן:

„קען ער גיבן באַווייזן? האָט ער קראַנקע אויסגעהיילט? האָט ער גלגולים אַרויסגעטריבן? האָט ער קרומע אויסגעהיילט און זיי האָבן אָנגעהויבן גלייך צו גיין? האָבן גוססדיקע זיך פון זייערע בעטן אויפגעהויבן און געבליבן לעבן? זאָגט מיר דאָס! זאָגט!"

דער פאָטער איז געווען פאַרלעגן; עלו איז געווען דער לעצטער, פון וועלכן ער האָט געקענט דערוואַרטן אַן אָנגריף.

ער האָט עלון געהאַלטן פאַר אַ נאַרישן דאָרפישן בחור מיט צעריסענע שיך און קורצע הויזן, וועלכער האָט זיי געבראַכט מילך און די שמוציקע טעלער צוגענומען, דאָ אָבער, האָט זיך עלו אַרויסגעוויזן פאַר אַ נביא, וואָס ברענט פון קנאה־פלאַמען, וועלכע זענען אויך די איבעריקע נביאים נישט פרעמד געווען.

„איך בין עס, וועמען דער הייליקער גייסט האָט געבענשט! איך בין עס, וועמען גאָט האָט געגעבן די באַווייזן! קוקט מיר אָן; איך זאָג אייך: קוקט מיר אָן! זענען מיינע האָר נישט בלאָנד? זענען מיינע אויגן נישט בלוי? איז מיין פנים נישט ערנסט און מיין שטים נישט טיף?"

דאָס איז געווען צוגעטראָפן: עליס שטים איז שוין ווידער געווען טיף, ער איז צוריק געוואָרן אַ דערוואַקסענער מאַן, אַ מאַן, וואָס קוקט אויף די פנימער און זאָגט די צוקונפט.

„איך זאָג אייך, אַז איר זאָלט זיך היטן פאַר יענעם, וועלכער פאַרגנבטעט זיך ביינאַכט, ווי אַ שלאַנג, כדי די וואַקלענדיקע נשמות צו פאַרפירן! איך זאָג אייך: היט זיך פאַר די קינדער פון דעם שטן, וועלכע פאַרפירן די נשמות מיט פאַלשע לערעס און גראָבן אונטער דעם־פעלז פון אמונה! איך בין פאַר די פיר עוואַנגעליעס, וועלכע זענען געווען גענוג פאַר מיינע זיידעס און וועלכע גענוגן אויך פאַר מיר, הללויה! דערלייזונג פאַר יענע, וועלכע האָבן זייערע זינד ריינגעוואַשן אין דעם בלוט פונם שעפעלע! הללויה! הללויה!"

מיט אַ הויכן אויסגעשריי האָט עלו אַ וואָרף געטון די הענט אין דער הויך. אויך דער אַלטער הער וואַטקינס איז

אויפגעשפרונגען פונם אָרט און אויסגעשריגן

„הללויה!"

דערנאָך איז פאָרגעקומען עטוואָס שרעקלעכעס: עלון איז באַפאַלן אַ קראַמפּף, ער האָט פאַרדרייט די אויגן, אַ שוים איז אַרויסגעטרעטן אויף זיינע ליפּן, ער האָט זיך געוואָרפן און געדרייט, זיינע קני האָבן געציטערט און די שטריכן פון זיין פּנים זענען געוואָרן פאַרענדערט: ער האָט אויסגעזען ווי אַ משוגענער.

ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַן אויסערגעוויינ־לעכער שטים, זילבן אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג צווישן זיך, וועל־כע עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן.

דאָך האָבן זיי ווי דורך אַ כּשוף געווירקט אויפן אַלטן: ער האָט אויך אָנגעהויבן שרייען, וואַרפן מיט די הענט און שפּרינגען, גלייך ער זאָל וועלן אין הימל אַריין פליען.

אויך די אָרעמע קליינע פרוי וואַטקינס, וועלכע איז נאָר באַשטאַנען פון הויט און ביין, האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויף איר שטול.

דיביידע קליינע מיידלעך האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, רות איז געבליבן זיצן שטאַר, בלאַס און דערשראָקן; זי האָט איר בליק געפירט פון די פרעמדע אויף עלון, וועלכער האָט זיין קלאַגנדיקע שטים זיי געוואָרפן גלייך אין פּנים, ווי אַ שרעקלעכע קללה.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

י. אַרנאָלד ראָס האָט מיט אַ קללה פאַרלאָזט די שטוב, הינטער אים בוני.

זיי האָבן זיך געגנבעט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט צו זייער געצעלט, און דער פאָטער האָט געהאַלטן אין איין פליסטערן:

„יעזוס קריסטוס!"

דער צווייטער טאָג איז געווען זונטיק, אָדער ווי די וואַטקינס האָבן אים גערופן שבת.

אין דער צייט ווען דער פאָטער מיט בונין האָבן נאָך געגעסן זייער פרישטיק, האָט די פאַמיליע וואַטקינס שוין איינגעשפּאַנט זייער איינציק פערד אין דעם אַלטן וואָגן; דער פאָטער מיט דער מוטער זענען געפאָרן און די פיר קינדער זענען געגאַנגען צו פיס. אזוי האָבן זיי אַלע וואָך עולה רגל געווען אין דער אַפּאָסטאָלישער קירך פון פּאַראַדיז.

איצט האָבן די ביידע יענער געקענט נישט געשטערט פון דער עפנטליכער מיינונג וואַכטעלן שיסן.

נאָכמיטאָג זענען זיי אַרומגעפאָרן זייער גרונטבאַזיץ און זיך באַקענט מיט אייניקע פון זייערע אַרענדאַטאָרס.

דער פאָטער האָט געהאַט אַ פּלאַן מיט זיך, אין דער צייט ווען זיי זענען געפאָרן, האָט ער אין דער פאַנטאַזיע זאַכן געבויט.

זיי האָבן אויך געטראָפן דעם רייטער, וועלכן זיי האָבן דאָ צום ערשטן מאָל געזען, איצט האָבן זיי שוין געוווּסט, אַז דאָס איז דער יינגער באַנדי און זיי האָבן זיך געגריסט איינער מיטן אַנדערן, די קאַץ מיט דער מויז האָבן זיך אַרויסגעוויזן העפלעך איינער צום אַנדערן.

ענדלעך האָבן זיי דערגרייכט אַ ליידיקע פערמע, די ראַסקום פערמע.

דאָס הויז וואָס איז דאָ געשטאַנען האָט אין פרילינג געמוזט זיין אינגאַנצן באַדעקט מיט בלומען.

„דאָ וועלן מיר וווינען!“—האָט אויסגערופן בוני.

דער פאָטער האָט געמיינט, אַז מען מוז עמעצן אַריינזעצן אַהער, כדי ער זאָל דאָס הויז האַלטן אין אָרדנונג.

דערנאָך זענען זיי געפאָרן קיין ראַנעוויל, האָבן באַטראַכט די אַלטע „מיסיע“ און שוין אין בין־השמשות אָנגעקומען צוריק קיין פּאַראַדיז.

אינמיטן שטאָט, ביי דעם אויסבויג פון שליאַך אין אַ גערטנדל, איז געשטאַנען אַ געביידע פון די פענצטער פון וועל-

כע עס האָט אַרויסגעשימערט אַ סך ליכט און עס האָבן זיך געהערט קולות.

איין שטים, וועלכע האָט אַלע איבערגעשטיגן, איז נישט געווען שווער צו דערקענען: דאָס האָט עלי געפּרעדיקט.

„אוי, טאַטע,״—האָט בוני זיך געבעטן—מיר וועלן אַריינגיין אים הערן״.

זיי זענען אויסגעשטיגן, פאַרשטעלט זיך אין די שאָטנס פון די ביימער און זיך צוגעהערט צו עלוס ווערטער...

עלוס ברילנדיקע שטים האָט זיך געטראָגן אין אַ כאָר פון אויסרופן און געשרייען, עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער קהל קאַטשעט זיך מיט קולות אויף דער ערד אוןווירקלעך האָבן זיי עס באַלד געטון.

דער פאָטער האָט נישט דערלויבט בונין נענטער צו גיין, ער האָט געזאָגט, אַז אינגאַנצן גענומען איז דאָס אָפּשיילעך.

זיי זענען ווידער איינגעשטיגן און ווייטער געפאָרן.

„טאַטע״—האָט דאָס יינגל געפרעגט—עלי האָט דיין יעדער וואָרט איבערגעחזרט, ווי מיינסטו, ער גלויבט ווירקלעך אין דעם?״

דאָס קען נאָר דער הייליקער גייסט וויסן. עלי איז אַ געפערליכער משוגענער, וועלכן מען קען אפילו נישט אין קיין משוגעים-הויז אַריינזעצן, ווייל ער רעדט אין נאָמען פון גאָט.

ער איז נישט גענוג קלוג ער זאָל זעלבסשטענדיק עפּעס אויסגעפינען, אָבער דאָך פאַרשטייט ער עס ווי אַזוי מיט די ווערטער פון אַנדערע עפּעס אויפצוטון.

ער האָט זיך באַנוצט מיט דער לערע פונם פאָטער, און איצט האָט ער אָפּגעגנידערט אַ נייע רעליגע צום אומגליק פון די אָרעמע און אומוויסענדע.

דעם צווייטן טאָג איז פון פּאַראַדיז געקומען צורייטן אַ מאַן און געב אַכט אַ טעלעפאָנישע ידיעה: ראָס-אַרמיטאַזש נומר 1 האָט שוועריקייטן, הער ראָס וואָלט געמעגט שוין קומען.

איידער זיי זענען אָפּגעפאָרן - בונין איינגעגעבן

נאָך מיט רותן צו רעדן. ער האָט איר פאָרגעשלאָגן אַ ווונדערפולן פּלאַן: דער פאָטער וויל די ראַסקום פערמע אָפּגעבן אין אַרענדע, כדי זי צו האַלטן אין אָרדנונג.

בוני וועט דעם פאָטער פאָרלייגן צו קויפן עטלעכע ציגן און די כערמע אַרענדירן פּאַוולען, און דאַמאָלט וועט רות קענען מיט אים לעבן, זי וועט קענען לייענען אַלע ביכער, וועלכע וועלן איר געפעלן, און קיינער וועט זי נישט שלאָגן.

רות האָט געמאַכט אַ פריילעך פנים, זי האָט אָבער געמיינט, אַז פּאַוול וועט נישט איינשטימען, ווייל ער נעמט נישט אָן קיין מתנות

בוני האָט דאַרויף דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט לגמרי אין קיין מתנות.

דער פאָטער דאַרף ווירקלעך עמעצן האָבן אויף דער פערמע, דאָס וועט זיין אַ ריין געשעפטלעכער ענין; פּאַוול וועט אַרענדירן די פערמע און דעם פאָטער אָפּגעבן אַ טייל פונם פאַרדינסט.

רות האָט געזיפצט און געמיינט, אַז פּאַפּ וועט איר קיינמאָל נישט לאָזן גיין, ווייל ער איז איצט צוליב עלון נאָך מער בייז אויף פּאַוולען. עלי איז צום ברודער אייפערזיכטיק

עלו איז שטענדיק געווען אַזאַ, נאָר איצט איז עס נאָך ערגער, ווייל די פרעמדע האָבן זיך פאַר פּאַוולען אָנגענומען. פּאַפּ דערלויבט איר אפילו נישט מיט די פרעמדע צו רעדן, מורא האָבנדיק, אַז זי קען נאָך איר אמונה פאַרלירן.

# III

עס זענען פאַריבער דריי חדשים; הער ראָס האָט מיט דראָס-אַרמיטאַזש נומער 1 געהאַט גרויס דערפאָלג, ער האָט פאַר-גרעסערט דעם באָדן און איז געוואָרן געקרוינט אַלס ווילטעטער פון דעם היל-פעלד-פּראָספּעקט.

אָבער ווידער אַמאָל האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז י. אַרנאָלד ראָס האָט זיך איבערגעאַרבעט און מוז אומבאַדינגט אין די פּסח פעריען אַ ביסל אַרויספאָרן.

בוני האָט געשטודירט די לאַנדקאַרטע און איז געקומען מיט אַ נייען פּלאַן: די בלו-מאָנטען זענען נישט מער ווי צען מייל נעבן פּאַראַדיז און מען קען דאָרט גוטן פאָרעלן פאַנ-גען.

דער אַלטער האָט געשמייכלט, בונין האָט עס כּסדר גע-צויגן קיין פּאַראַדיז! יאָ, פּאַראַדיז איז געווען זיין אַנטדעקונג, אויסערדעם האָט ער געוואָלט וויסן ווי עס גייט דאָרט רוטן, וואָס עס הערט זיך מיט פאַוולען, און געוויר ווערן צו וואָס האָט אַליין געבראַכט די דריטע אַנטפּלעקונג.

גראָד אין דעם טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון הער האַרדאַקר, וועלכער האָט מודיע געווען, אַז דער אַלטער ד־הער ...די, איז פון אַן אָקס אַראָפּגעפאַלן און זיך שטאַרק צו-קלאַפּט.

הער הארדאקר האָט געגלויבט, אַז דער ייִנגער באַנדיט וועט נישט בלייבן אויף דער פערמע, נאָר ער וועט זיך אַרויסציִען אין שטאָט אַריין, דעריבער איז מעגליך, אַז מען וואָלט איצט די פערמע געקענט דערווערבן, אויב דעם הער ראָס גייט זי איצט נאָך אָן. — בוני איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן: דער פאָטער האָט אים פונדעסטוועגן געוואָרנט ער זאָל דעם קאָפּ נישט פאַרלירן: ייִנגע מיידלעך איז פיל לייכטער צו כאַפּן ווי אַלטע.

דעם הער הארדאַקר האָט מען מיטגעטיילט, אַז הער ראָס האָט פאַר דער פערמע נישט קיין באַזונדערן אינטערעס, דאָך איז ער גענייגט פאַר דער זעלבער פרייז, וואָס ער האָט געצאָלט פאַר יענע פערמעס, אויך זי אָפּצוקויפן.

דער פאָטער האָט געשריבן צו די וואַטקינס, אַז אייניקע פון די מיידלעך מעגן אויסרייניקן דאָס הויז פון דער ראַסקום־פערמע און אַלץ דאָרט ברענגען אין אָרדנונג, דערנאָך איז בוני מיט דער מומע עמאַ אַוועקגעגאַנגען אין אַ מעבל געשעפט, פאַרשידענע מעבלען איינגעקויפט און מיט אַ לאַסט־אויטאָ אָפּגעשיקט זיי קיין פּאַראַדיז.

בוני האָט אויך צוגעגרייט פאַרשידענע קאָנסערוון, און בכלל אַלץ וואָס איז געווען נויטיק.

בוני האָט די אַלע פאַרזאָרגונגען געמאַכט מיט פיל פרייד. אין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געזען אויסגעמעבלירט דאָס גאַנצע הויז נישט נאָר פאַר זיך מיטן פאָטער, נאָר אויך אַלס אַהיים פאַר פּאַוולן מיט רותן.

איז מען דער זון פון אַ רייכן נאַפטאונטערנעמער, אַזוי קען מען אַלע חלומות פאַרווירקלעכן.

דער פאָטער מיט בונין זענען מיטן אויטאָ געפאָרן אין דער פערמע און אָנגעקומען אַהין שוין, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען.

די בוגענוויאַ זענען געווען אין זייער פאָלקאָמער צעבלעאונג, זיי האָבן געמאַכט ווי אַ פורפורנעם בויגן איבער רוט

קאָפּ, נעבן וועלכער עס איז געשטאַנען אַ מאַן.

צוערשט האָט בוני געגלויבט אַז דאָס איז דער אַלטער הער וואַטקינס, ווען ער איז אָבער נאָענטער צוגעקומען, האָט ער געזען, אַז דאָס איז אַ ייִנגערמאַן און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן.

ער האָט געקוקט אויף דער גרויסער, קרעפּטיקער געשטאַלט און מיט בלאָ העמד און מיט בלאָנדע האָר.

ער האָט אים דערקענט... יאָ, דאָס האַרטע געזיכט מיט דער אַרויסשטאַרצנדיקער נאָז און אַראָפּגעהאָנגענע מויל ווינקלען איז פאַר בונין געווען אומפאַרגעסלעך.

ער האָט אויפגערעגט געפּליסטערט:

„דאָס איז פּאַול!" און עס איז ווירקלעך געווען פּאַול.

די ביידע וואַטקינס האָבן זיך אַרויסגערוקט פאָרויס, און רות האָט דעם ברודער מיטן הער ראָס באַקאַנט געמאַכט.

פּאַול האָט אַ זאָג געטון:

„אַ גוטן אָוונט."

און געוואָרט ביז דער פאָטער וועט אים די האַנט דערלאַנגען.

דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטון בוניס האַנט, בוני האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם פּאַול פון זיינע חלומות, וועלכער וואָלט געקענט זיין אַ גוטער חבר, און געפונען אַנשטאַט דעם אַ דערוואַקסענעם מענטש, וועלכער איז מיט צען יאָר עלטער פון אים און וועלכער איז פאַר אים ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אויף אייביק נישט דערגרייכבאַר.

„איז דאָס מעבל אָנגעקומען?"—האָט דער פאָטער געפרעגט.

רות האָט געענטפערט אַז יאָ: אַלץ איז שוין אין אָרדנונג, דער אוונטברויט וואָלט שוין געקענט זיין פאַרטיק, זי האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, זי וועט עס צוגרייטן.

דערווייל האָט פאָול געהאָלפן בונין די וואַלוזקעס אַראָפּטראָגן.

אַלץ האָט דאָ געגלאַנצט פון זויבערקייט, דער לאָמפּ האָט אפילו געהאַט אַ ראָזע פּאַפּיר שיין, און אויף דעם טיש זענען געשטאַנען בלומען.

עס זעט אויס, אַז רות האָט דאָ געאַרבעט מיטן גאַנצן האַרץ.

פּאָול האָט דערציילט: ער איז נעכטן געקומען כדי זיך צו זען מיט רותן.

דאָסמאָל האָט ער זיך אויסגערעדט מיטן פאָטער, ער האָט שוין ניינצן יאָר און איז שוין גענוג אַלט צו קענען זאָרגן פאַר זיך.

בוני האָט אים געפרעגט צי דער פאָטער האָט אים נישט געשלאָגן און פּאָול האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל אַז דער טאַטע קען שוין מער נישט שלאָגן, ווייל זיין רעוומאַטיזם האָט זיך פאַרערגערט.

געוויס איז ער אַלץ נאָך אַזוי בייז, אָבער דאָך האָט ער פּאָולן געזאָגט ער זאָל זיך גיין זיין וועג צום גיהינום. דער פאָטער וועט פאַר אים בעטן.

בוני האָט באַמערקט אַז פּאָול רופט שוין מער נישט זיין פאָטער „פּאָפּ" און אַז ער באַהאַנדלט שוין נישט מער שלעכט די ענגלישע שפּראַך.

זיי האָבן געגעסן אָוונטברויט, רות מיט פּאָולן האָבן זיי דעם עסן געוואָלט באַדינען, אָבער דער פאָטער האָט זיי געצוווּנגען זיך צו זעצן, אַלע זענען געווען צופרידן.

בוני האָט פּאָולן באַשיט מיט פראַגן איבער אים אַליין און איבער זיין לעבן, ער האָט אים אויך דערציילט ווי ער האָט אים אין יענעם אָוונט ביי דער פרוי קראַאַטרי אַרומגעזוכט און געפרעגט פאַרוואָס איז פּאָול דעמאָלט אַנטלאָפן.

זיי האָבן אויך גערעדט איבער פּאָולס מומע און איר דורכפאַל מיט דער אַרענדע.

פּאָול האָט זיך פון רותן דערוווסט, אַז בוני האָט איר געלט צוגעשיקט, ער האָט אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז ער וויל עס אָפּגעבן, פּאָול האָט נאָך אַלץ געהאַט זיין גלייכן, איינגעשפּאַרטן שטאָלץ! ער האָט קיין שום דהנחות נישט געבעטן און געבליבן אין דער זייט ביז מען האָט אים גערופן.

ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אַז זיין פריינט, דער אַלטער אַדוואָקאַט איז שוין פינלאַנג געשטאָרבן און אים זיין ביבליאָטעק, מיטן אויסנאַם פון די יורידישע ביכער איבערגעלאָזט.

די דאָזיקע ביבליאָטעק איז אַ וווּנדערלעכער אוצר, אַנט-האַלט אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלעכע ביכער, ווי אויך די בעסטע ווערק פון דער ענגלישער ליטעראַטור, דאָס באַדייט פאַר אים דאָס גאַנצע לעבן, עס לייענט כמעט יעדן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויך בייטאָג געפינט ער צייט זיך צו לערנען, ווען ער האָט נישט וואָס צו טון.

הער מינטער האָט קיין קינדער נישט געהאַט און האָט אים אין אַ געוויסער מאָס אַדאָפּטירט, אים האָט שטאַרק איפּאָנירט, וואָס דאָס יינגל וויל זיך אַזוי אַליין בילדן.

הער מינטער האָט געהאַט אַן אַלטן מיסקראָקאָפּ און גע-לאָזט פּאָולן אַרבעטן מיט אים.

איצט האָט שוין פּאָול געוווסט וואָס פאַר אַ באַרוף ער וויל אויסקלייבן: נאָך אַ פּאָר יאָר זיך לערנען און דערנאָך ווערן אַ לאַבאָראַטאָריום-דינער און אַזוי אַרום צו דערגיין ביז צו דער אַרבעט מיטן מיסקראָקאָפּ.

און וואָס האָט פּאָול זיך נישט געלערנט? ער האָט העקס-לייען און סכענסערן געלייענט, ער האָט גערעדט וועגן גאַלטאַ-נען, וויסמאַנען, לאַנקעסטערן און וועגן נאָך פיל אנדערע נעמען וועלכע בוני האָט נישט געהערט.

די קלאָגעדיקע שול בילדונג פון דעם אָרעמען בונין האָט

זיך צוזאַמענגעשרומפּן און געוואָרן צו נישט, ווי קינדיש און נאַריש עס האָבן זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן אַלע פּוטבאָל נצחונות!

דער פּאָטער האָט אויך גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם אַלעמען, ער איז שוין געווען אַלט איבער פּופציק און האָטנאָך קיינמאָל נישט געשמועסט מיט קיין וויסנשאַפטלעכע מענטשן.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן, ווי שנעל ער האָט דאָס אויפגעפּאַסט.

פּאַול האָט דערציילט, אַז די פאָרשער האָבן געוואָלט אַנטדעקן די דערוואָרבענע אייגנשאַפטן גיבן זיך איבער בירושה. ס'איז אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיק פּראָבלעם, און ווייסמאַן האָט מייז די ווידלען אָפּגעשניטן, כדי פעסצושטעלן, צו די נעכסטע גענעראַציע וועט קומען אויף דער וועלט אָן ווידלען.

פּאַול האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַן אומזין, ווייל די מויז פאַרענדערט זיך דאָך נישט אין דערווירקלעכקייט ווען מען שניידט איר אָפּ דעם ווידל. עס האַנדלט זיך דערביי נישט וועגן קיין שום וויכטיקע אייגנשאַפט. ווייט וויכטיקער וואָלט שוין געווען פעסצושטעלן וויפל דער אָפּגעשניטענער ווידל דאַרף האָבן צייט כדי זיך אויסצוהיילן, און צו דער צווייטער גענעראַציע היילט ער זיך שנעלער.

פּאַול איז געווען אין דער מיינונג, אַז אויב מען וויל זען, צו דערוואָרבענע אייגנשאַפטן גיבן איבער בירושה, אַזוי מוז מען אין אַ געוויסער חיה פאַרפּלאַנצן אַ נייע אייגנשאַפט און זען, צי די דאָזיקע אייגנשאַפט לאָזט זיך ווייטער אַנטוויקלען ביי דער שפּעטערדיקער גענעראַציע.

דער פאָטער האָט באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך, און ער האָט אַריינגעוואָרפן, אַז מען קען זיך עפּעס אָפּלערנען וועגן דעם, ווען מען שטודירט אַ געוויסן מין פערד אין זייער אָפּשטאַמונג.

דער פאָטער וואָלט זיך גערן באַקענט נעענטער מיט אַזעלכע פראַגן. פּאַול האָט פונקט אַ בוך איבער דער טעמע,

מיט זיך און וועט עס דעם פּאַטער געבן מיט פאַרגעניגן.

רות האָט געוואַשן די טעלער און פּאָול איז אַרויסגעגאַנגען ברענגען האָלץ.

דער פּאַטער האָט געזאָגט צו בוני:

„דאָס איז אַ פּרעכטישער בחור, מיין קינד.״

און בוני איז געוואָרן רויט ביז אין די האָרוואָרצלען פון שטאָלץ. האָט ער דאָך פּאָולען אַנטדעקט, פּונקט אַזוי ווי דאָס נאַפטפעלדער פון פּאַראַדיז.

דער פּאַטער האָט אָנגעהויבן מיט פּאָולען געשעפטליך צו רעדן.

עמעצער מוז דאָ וווינען. פּאָול האָט געענטפערט, אַז ער האָט די זאַך איבערגעלייגט, ער שטימט איין, נאָר מיטן באַדינג, אַז מען זאָל אַ גערעכטן אָפּמאַך שליסן. ער האָט אָפּגעשפּאָרט דרייהונדערט דאָלאַר, וועט ער זיך קויפן ציגן, אויף פרילינג בעבלעך און יאַגאָדעס פאַרפלאַנצן אַזוי. אַז צו דעם קומענדיקן יאָר וועלן זיי שוין עפּעס איינברענגען.

ער איז גרייט דעם הער ראָס די העלפט פון דעם שניט צו געבן.

נאָר זיי האָבן נישט געקענט קומען צו קיין הסכם צוערשט, ווייל דער פּאַטער האָט איינגעפונען, אַז ער מוז פּאָולען באַצאָלן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם הויז. פּאָול דאַגעגן איז געווען אין דער מיינונג, אַז ער דאַרף געבן האַלב פון דער איינקונפט פאַר דער ערנדע, אוי ס׳פירט זיך דאָ איבעראַל, און ווען הער ראָס וועט קומען אַהער, וועט זיך פּאָול איבערקלייבן אין אַ געצעלט.

אויף דעם האָט דער פּאַטער דערקלערט! אַז עס וועט נאָך אַ שענער הויז אויסבויען ווי דאָס. פּאָול וואָלט געקענט די ציעסליערס אונטערהעלפן און דערביי עפּעס פאַרדינען.

פּאָול האָט געזאָגט, אַז ביז אין די פענסטער און טירן קען ער אַליין די גאַנצע געביידע אויפשטעלן. אויף אַ פּערמע מוז מען זיך אויף אַלערליי אַרבעטן פאַרשטיין.

דערנאָך האָט דער פּאָטער געפרעגט רותן, צי זי וויל אויך דאָ בלייבן מיט פּאַוולען, נאָר פּאַוול האָט געמיינט, אַז בעסער איז רות זאָל צוערשט נאָר קומען צו אים אין באַזוך ביז דער פּאָטער וועט זיך צוגעוויינען צו דעם.

עס וועט זיין אוממעגלעך צו צושיידן רותן מיט אים, באַזונדער איצט, ווען עלי איז כמעט אין דער היים נישטאָ.

הער ראָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף עלין און זיין דריטער אַנטפּלעקונג.

עטלעכע טאָג נאָך עליס דרשה איז דער קירכע פון פּאַראַדיז אָנגעקומען אַ דעפּוטאַציע פון ראַזעוויל: זיי האָבן געהערט פון זיין וואונדער און בעטן אים ער זאָל האַלטן אַ דרשה אויך פאַר זיי.

עלי האָט געדרשנט, די „צייכנס" זענען געוואָרן אַלץ מער, און דער נייער נביא איז געוואָרן אַלעמאָל דרייסטער.

איצט איז ער שוין אַרומגעפאָרן אין אַ פּרעכטיקן אויטאָ, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די קוליעס פון דעם קרומען וועלכן ער האָט „אויסגעהיילט".

די דאָזיקע קוליעס זענען געווען געוואָרן אומעטום אין יעדער געמיינדע, און עס זענען נאָך צוגעקומען נאָך.

אויף דעם קאָפּ פון דעם נביא האָט זיך אַ גאָס געטון אַ רעגן פון דאָלאַרן.

עלי האָט זיך אויך אַ טיטול גענומען, ער האָט זיך אָנגערופן: „דער שלום פון דעם צווייטן קומען".

ער האָט דערקלערט, אַז דורך אים וועט אָנגעזאָגט ווערן די שעה פון קריסטוס ווידערקער אויף דער ערד. צייטנווייז האָט ער גאַנצע געמיינדעס אָפּגעריסן, וועלכע זענען געוואָרן אָנהענגער פון דעם „אמתן וואָרט".

און אַמאָל האָבן זיך די געמיינדעס געשפּאָלטן און עס האָט געמוזט אויפגעבויט ווערן אַ נייע קירך.

„ווי מאַכט ער עס אייגנטלעך?"—האָט הער ראָס געפרעגט.

„ער היילט ווירקלעך אויס מענטשן,״—האָט פּאַול גע-
ענטפערט—„איר קענט אין דעם געגנט רעדן מיט מענטשן, וועל-
כע זענען דורך אים אויסגעהיילט געוואָרן. איך האָב געלייענט
אַ חערק איבער סוגעסטיע. זעט אויס, אַז אַזעלכע דערשיינונגען
קונען פּאַר צייט יאָרטויזנטער.״
„שיקט ער געלט דער פּאַמיליע?״
פּאַול האָט אַ שמייכל געטון עטוואס צאָרנדיק:
„דאָס געלט איז הייליק. עס געהערט דעם הייליקן גייסט
און עלו איז זיין קאַסיר.

## VI

דעם צווייטן טאָג פרי זענען די ארויסגעגאַנגען פאַנגען, צוערשט אָבער האָט זיי אויפגעזוכט דעם הער האַרדאַקר.

איידער זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין ביורא האָט דער פאָטער געוואָרנט בונין:

„די זאָג קיין וואָרט נישט און מאַך נישט קיין מינעס, לאָז שוין איבער אַלץ אויף מיר".

הער האַרדאַקר האָט מיטגעטיילט, אַז דער יינגער באַנדי איז ביי אים געווען און פאַרגעלייגט אין נאָמען פון פאָטער צו קויפן די פערמע פאַר צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. בונים האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, און עס איז געווען גוט, וואָס דער פאָטער האָט אים פריער געוואָרנט, ווען נישט וואָלט ער איצט זיכער אויסגערופן:

„קויף זי, טאַטעלע, קויף זי!"

אזוי אָבער האָט ער זיך באַהערשט און געזעסן שטיל. דער פאָטער ווידער האָט אויסגערופן:

„הייליקער גאָט, פאַרוואָס האַלט אונדז דער דאָזיקער מענטש?"

הער האַרדאַקר האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די גאַנצע פערמע באַזיצט אפשר צוואַנציק אַקער גוטע ערד.

הער ראָס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„גוט, לאָמיר זאָגן אפילו הונדערט אַקר מיט מעליאָראַצ־יעס, מאַכט עס אויס פּירטויזנט; דאָס הייסט אַז דער ייִנגער באַנדי וויל פאַר זיינע טויזנט אַקער דורכשניטלעך צו פערצן דאָלאַר אויף אַן אַקער איבערנעמען. זעט אויס, אַז ער האַלט אונדז פאַר גרינע".

„דעם אמת זאָגנדיק, הער ראָס. — האָט הער האַרדאַקר דערקלערט,—ווייסט ער, אַז איר זענט אַ גאַפּטמאַגנאַט און גלויבט אַז איר ווילט בויערן אויף זיין ערד."

„שוין גוט; זאָל ער עמעצן אויסזוכן, וואָס וועט זיך נעמען אויף זיין באָדן בויערן; וועט ער געפינען נאַפט, אַזוי, וועל איך אויף מיינעם אויך בויערן, דערווייל האָב איך גענוג לאַנד אויף צו שיסן אַזויפיל וואַכטעלן, וויפל דאָס געזעץ דערלויבט.

ענדלעך האָט דער פאָטער געזאָגט, ער איז גרייט צוועלפ־טויזנט צו באַצאָלן; וועט דער פאָרשלאַג נישט אָנגענומען ווערן אַזוי וועט ער דאָס אינגאַנצן פאַרגעסן.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, בוני האָט געפּליסטערט:

„טאַטע, ריזיקירסטו נישט צופיל?"

„לאָזן זיי זיך אַ ביסל האַלטן מיט זייער פּערמע, איך האָב דערווייל גענוג ערד צו בויערן."

„אָבער, פאָטער, ווען ער גיט עס איבער אַן אַנדערן צו בויערן!"

„האָב נישט קיין צרות; נאָר דו האָסט זיך איינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין די פּערמע, קיין אַנדערן גייט זי נישט אָן; דעם ייִנגער באַנדי וועט די זאַך באַלד נמאס ווערן, און איצט וועלן מיר פאַנגען.

דעם צווייטן טאָג האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט מיט פּאַוולען, דעם גאַנצן טאָג נאָר פאַרבראַכט אין די בערג, פאַנגנדיק פיש און ערשט צו אָוונט צו זיך אומגעקערט צוריק קיין ביטש־פיטי.

[illegible] האָט צוריק אָנגעהויבן באַזוכן די שול, דערפילנדיק זײַנע פאַרפליכטונגען אַלס קאַסירער אין דער פוטבאָל-מאַנשאַפט, און דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו בויערן פיר נײַע קוואַלן אויף דעם אַרטיטאַזש-פעלד און דרײַ אויף דעם וואַגסטאַף-פעלד.

אין משך פון דער צײַט האָבן די פעלקער פון אייראָפּע איינסגעשפּרייט צווײַ מעכטיקע טויט פראָנטן, וועלכע האָבן אַרומגענומען די גאַנצע יבשה.

מיליאָנען מענטשן זענען געלאָפן צו די דאָזיקע פראָנטן ווי באַהערשטע פון אַן אומגעהויערן כישוף.

די צײַטונגען האָבן איבערגעגעבן פּרטים פון די שלאַכטן, די חדשים האָבן זיך געצויגן, די פרײַז פון נאַפט האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן. און י. אַרנאָלד ראָס איז געוואָרן אַלץ רײַכער און רײַכער.

עס איז געקומען דער זומער.

בערטיע איז שוין איצט געווען אַ יונגע דאַמע פון אַכצן יאָר, אַ שיינע, גלענצענדע פרוי; אירע קליידער זענען געווען געבויג אויפפאַלענד אפילו פאַר אַ צירק רייטערין.

אירע צאַרטע, פײַנע פיס זענען געווען אָנגעטון אין דורכזיכטיקע, זײַדענע זאָקן, און האָט בערטיע געטראָגן אַ פּופּורן אָראַנזשן, אָדער גרין קלייד, אַזוי זענען אויך די זאָקן, די שיך, דער הוט, די הענטשקעס און אפילו דער רודיקול פון דער זעלבע פאַרב געווען.

דער פאָטער האָט געשפּאַסט, אַז באַלד וועט זי שוין אויך אַן אויטאָ פאַרלאַנגען, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו איר קאָסטיום. בײַ די פילע רעכענונגען, וואָס מען האָט אים צוגעשטעלט האָט ער געפילט אַ בייזע פריילעכקייט. דער גלענצנדיקער, יינגער שמעטערלינג האָט אים אַביסל צומישט.

די מומע עמאַ האָט געטענהט, אַז דאָס קינד האָט רעכט דאַרויף פון איר לעבן צו געניסן. דער פאָטער האָט דעריבער געצאָלט די אַלע רעכענונגען אָן אַ שום רייד; ער איז אָבער געבליבן האַרט ווי אַ פעלז, ווען בערטיע האָט אים

געוואָלט אין דעם געזעלשאַפטלעכן ווירבל אַריינפיר, ניין, ער האָט מורא פאַר די דאָזיקע פיינע לייט, באַזונדערס פאַר די פרויען.

און וואָס קען ער רעדן מיט מענטשן, וועלכע קענען נישט אונטערשיידן פון אַ בויערער ביז אַ ראָטאַציע מאַשין?

דער דאָזיקער וווּלגאַרער שטאַנדפּונקט איז אָנגענומען געוואָרן אויך פון בונין; זיין שוועסטער פלעגט איראָניש באַמערקן אַז ער געפינט עס אויס פאַר „גייסטריין".

פאַרשטענדלעך, אַז אַן אַכצניעריקע יינגע דאַמע לאָזט זיך נישט אַראָפּ צו אַ זעכצניעריקן יינגל; אָבער בערטיעס רייכע פריינט האָבן געהאַט יינגערע ברידער און שוועסטער און בערטיע וואָלט געוואָלט, אַז בוני זאָל זיינע בענגל אויסרייניקן פונם נאַפּט, אַריינגיין אין דער פאָרנעמער וועלט און זיך פאַרליבן אין אַ עלעגאַנטער מיידל, ווי ראָזיע טענטאָר.

בוני וואָס האָט זיך איצט רעסירט מיט יעדע נייע זאַך, האָט איר אויף אַ חיילע דאָס צוליב געטון, אָבער די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך רייכע מיידלעך האָבן אים געלאַנגווייליקט; זיי האָבן אויסגעזען גאַרנישט צו חיסן און גאָרנישט צו קענען.

זייערע געשפּרעכן האָבן זיך געדרייט נאָר אַרום פערזענלעכע ענינים, און זיי דהאָבן געהאַט אַזויפיל געהיימניספולע אַנצוהערענישן, אַזוי פיל, נאָר פאַר פאַרשטענדלעכע אויסדריקן, אַז בונין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי רעדן אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

ער האָט ליבערשט אָנגעטון זיינע פאַרשמירטע קליידער און געפאָרן העלפן ביי דער אַרבעט.

דערווייל האָט ער געהאַט נייע פּלענער.

„טאַטע",—האָט ער געזאָגט,—„וואָס הערט זיך מיט דעם הויז, וועלכעס מיר האָבן געוואָלט בויען אין פּאַראַדיז?"

„וואָס איז דען?"

„פּאַול האָט מיר געשריבן, אַז רות האָט זיך צו אים איבערגעקליבן. ווען מיר וועלן אין הערבסט גיין שיסן וואַכ-

טעלן, וועלן מיר נישט דהאבן ווו צו וווינען, לאמיר איצט אהינפארן צו פארברענגען און מיר וועלן דאס הויז אויפבויען.״

„אבער, מיין זון, דארט איז זומער אויסערגעוויינלעך הייס״.

בוני האט באמערקט, אז פאול טראגט אויך איבער די היץ, אויסערדעם איז שוויצן געזונט: דער פאטער איז צו דיק, ער וועט אין זומעראנצוג אונטער די בוימער זיצן, אין דער צייט ווען בוני מיט פאולן וועלן ארבעטן.

דא וועט זיין א נייער און אנגענעמער צייט-פארטרייב; בוני האט שוין באלד געוואלט אנקלינגען צום ד״ר בלעקיסטא, ער זאל דעם פאטער די קור פארשרייבן.

דער פאטער האט צוגעברומט:

„גוט, דאס בעסטע וואלט געווען, איך זאל דיביידע וואטקינס אדאפטירן.״

זיי זענען אלזא געפארן אין די פערמע, מיטנעמענדיק מיט זיך האס געצעלט, אבער רות מיט פאולען האבן זיך ארויסגעצויגן; רות איז געשלאפן אין געצעלט, פאול אין א ליידיקן שטאל.

פאול האט אויסגעבארגט א פערד מיט אן אקר, זיין געמיזע גארטן איז גוט געראטן. אויסערדעם האט ער נאך גע-האט א גרויסע בייט בעבלעך, א בייט יאגדעס, און א האלבע טוץ ציגן, וועלכע האבן געגעבן גענוג מילך.

רות האט געהאט צמלעכע הינער.

דעם גרעסטן איינדרוק אבער האט געמאכט הער מינטערס ביבלאטעק, וועלכע פאול האט אהער געבראכט.

צו מיינסט ביכער זענען נאך געלעגן אין די קאסטנס, ווייל עס איז פאר זיי דא קיין פלאץ נישט געווען, דאך האט פאול א פאר פאליצעס זיך געמאכט, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעשטעלט די ווערק פון העקסליי, העקל, רענאן און אנדערע שרייבער, וועלכע קענען ווערן פאטאל פאר יעדער פשטות.

אָבער פּאַפּ האָט דעם קאַמף אויפגעהערט. רות האָט פּלוצים דערקלערט, אַז זי איז שוין צו דערוואַקסן זי זאָל זיין געפּאַטשט; אויסערדעם האָט פּאַפּ שרעקלעך געליטן פון רעוומאַטיזם, אַפילו עלו האָט אים נישט געקענט אויסהיילן.

הער ראָס האָט געמיינט, אַז מען זאָל צוזאַמען מיט בוּיהאָלץ באַשטעלן אויך ברעטער אויף שאַפן פאַר די ביכער.

צוזאַמען האָבן זיי געבילדעט אַ גליקלעכע פאַמיליע, דער פאַטער האָט זיך געפילט גוט, נישט דאַרפנדיק קלערן פון די קוואַלן און פון די אַלע שוועריקייטן, וועלכע ער האָט מיט איינעם פון זיינע עלצטע אַרבעטער געהאַט. דער דאָזיקער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יינג מיידל און געקלערט שטענדיק נאָר פון זיין פרוי און נישט פון דער אַרבעט.

פון ראָזעוויל האָט מען געבראַכט צוּפירן האָלץ, פּאַוול האָט געאַרבעט אַלס מייסטער און בוני אַלס געזעלן. דער פאַטער האָט זיך אַרומגעדרייט ביז ער איז אינגאַנצן געוואָרן באַגאָסן מיט שווייס, דאַן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין אַ שאָטן, און רות האָט געעפנט פאַר אים אַ פלאַש פרוכטנוויין.

אוּנטצייט זענען זיי געפאָרן קיין פּאַראַדיז נאָך דער פּאָסט אין דער לאָקאַלער קליינער צייטונג, וועלכע הער וואַטקינס האָט געהאַלטן, בוני האָט איינגעקוקט אין דעם און אויסגערופן:

„טאַטע זע נאָר!"

אויף דער ערשטער זייט איז געווען אַ באַריכט פון אַ וווּנדערלעכער פאַרזאַמלונג, וועלכע עלו האָט געמאַכט אין סאַנטאַ לוציאַ. די גלויביקע זענען שיער נישט פון זינען אַראָפּ, עלו האָט מודיע געווען, אַז ער איז פון גאָט באַפולמעכטיקט אויפצובויען דעם טעמפּל פון דער דריטער אַנטפּלעקונג, וועלכער דאַרף זיין פון שניייווייסן מאַראַמאָר און מיט אַ גאָלדענעם דאַך.

די געביידע זאָל פאַרנעמען אַ גאַנצן באַצירק אין אַנגל·

סיטי, ווייל ער מוז האָבן געננוי לויט די גרויס וועלכן ער האָט
אין רוח-הקודש געזען.

דער פּאַטער האָט באַהויפּטעט, אַז אין גאַנץ אַנגל סיטי
איז נישטאָ אַזאַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ; אָבער עלו וועט די
די דאָזיקע שוועריקייטן באַזיגן, ער וועט דערקלערן, אַז ער
האָט געהאַט אַ נייע אַנטפּלעקונג.

דער „ראָזעווילער אָדלער", אַזוי האָט געהייסן דאָס בלאַט
איז פול געווען מיט לויב פאַר עלון, וועלכער „וועט דעם סאַנ-
עלידאָ-טאָל מאַכן פאַר אַ באַדייטנדיקן פּונקט אויף דער לאַנד-
קאַרטע."

די אַפּאָסטאָלישע קירך פון פּאַראַדיז זאָל געבויט ווערן
פון „פרייוויליקע נדבות"; אָבער אויך די אַלטע געביידע זאָל-
בלייבן שטיין „כדי צו קענען עולה רגל זיין צו דעם אָרט, ווו-
עס האָט זיך צוערשט אַנטפּלעקט דאָס אמתע וואָרט".

אויף דער גאַס האָבן זיי געטראָפן דעם הער האַרדאַקר,
וועלכער האָט מודיע געווען, אַז די באַנדיס זענען גרייט אָנ-
צונעמען דעם פאָרשלאַג.

דעם צווייטן טאָג איז הער האַרדאַקר געקומען אין דער
ראַסקום פערמע און געמאָלדן, אַז דער הער באַנדי מיט זיין
פרוי האָבן דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבן.

דער פּאַטער מיט בונין זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין;
כּירטויזנט דאָלאַר האָט ער שוין באַצאָלט און די איבעריקע
אַכטטויזנט האָט ער זיך פאַרפליכטעט אויסצוצאָלן, אויב אַלץ
איז באַר אין אָרדנונג.

ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די באַנק, האָט דער פּאַטער אַ
[illegible] געטאָן צו בונין:

„אַזוי, מיין זון, איצט קענסטו שוין בויערן."

פאַרשטענדלעך, אַז בוני האָט באַלד געוואָלט צוטרעטן
צו דער אַרבעט, דער פּאַטער זאָל שוין טעלעפאָנירן צום עלצטן
אַרבעטער, אַז די גאַסנאַרבעטער זאָלן קומען.

אָבער דער פּאַטער האָט געמיינט, אַז צוערשט מוז מען

אויסבויען דאָס דהויז, דערווייל וועט מען זיך אַלץ גרונטלעך איבערלייגן.

בוני האָט זיך צוריק גענומען צו זיין אַרבעט, געשלאָגן טשוועקעס אויף דעם דאַך און געווען אַזוי גליקלעך, ווי נאָר עס קען עס זיין אַ ייִנגער בחור.

נאָר איין געדאַנק האָט אים געפּייניקט: ווי אַזוי וועט ער זאָגן רותן מיט פּאַולען, אַז זיי ווילן בויערן? וועלן זיי נישט אויסגעפונען דעמאָלט, אַז דער פאָטער האָט די פערמע אויף אַ שווינדלערישן אופן אויסגענאַרט!

דאָס מזל איז געווען צו בונין גנעדיק, עס איז געשען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען צו טרעפן.

דריי טעג נאָכדעם, ווי י. אַרנאָלד ראָס האָט אָפּגעקויפט די באַנדי-פערמע, איז געקומען מעלי וואַטקינס מיט אַ ידיעה: דער אַלטער הער ווירנקום האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיי, דורכ-פאָרנדיק אין שטאָט אַריין, און דערציילט פּאַפּן, אַז אַ גרויסער נאַפטסינדיקאַט, די „עקסצעלסיאָר-נאַפט-אַקציען-געזעלשאַפט", האָט אַרענדירט די גאַרטער-פערמע, וועלכע געפונט זיך אויף דער אַנדערער זייט פונם טאָל אַ מייל ווייט פון פּאַראַדיז; איצט זאָל מען דאָרט בויערן אַ נאַפטקוואַל! מעלי האָט דאָס דערציילט דעם פאָטער.

דער פאָטער האָט צוגערופן בונין מיט פּאַולן, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט די בריק.

אויך רות איז צוגעלאָפן. בוני האָט אויסגערופן אַן אויפ-געטעגטער:

„די געזעלשאַפט! טאַטע, זי איז דאָך איינע פון די גרוי-סע פירמע!"

אַלע זענען געבליבן שטיל.

פּלוצים האָט דער פאָטער אַ מאַך געטון מיט דער פויסט:

„ביי גאָט, די דאָזיקע לייט בויערן נישט, נישט ווייסנדיק ברייטער די זאַך אויף געוויס! בוני, מיר מוזן אויך דאָ בויערן, זען, צו מיר וועלן עפּעס געפונען!"

„אָה, הער ראָס,—האָט רות אויסגערופן—מיר מוזן עפּעס ווירקלעך טון; דער פּאָטער עבי האָט שטענדיק געזאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן נאַפט.“

„ווירקלעך? נו, איך וועל עס פּרוּוון; נאָר אין אַ שפּאַס.“

און דער פּאָטער האָט אַ קוק געטון אויף בונין מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

דאָס דאָזיקע לאַכן האָט בונין געזאָגט אַ סך, דער פּאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז בוני מאַכט זיך פאַרוואָרפן, ווען ער קלערט פון די וואַטקינס, און איצט האָט ער אים איינגעשפּאָרט די נויטווענדיקייט פון מודה צו זיין זיך, טייערער ליבער גוטער טאַטעלע! יאָ, דער פּאָטער איז ווירקלעך געווען גרייט אַלץ צו טון פאַרן זון, אפילו צו זאָגן אַ ליגן.

בוני האָט איצט ווירקלעך געקענט זיין צופרידן מיט דער לעזונג פון זיין עטישן פּראָבלעם.

## קאַפּיטל זעקס

# דאָס בויערן.

### I

דער פּאַטער האָט זיך אַלץ איבערגעלייגט, זיין באַנקקאָנטע שטודירט און געקומען צום באַשלוס: ראָס־יוניאָר באָראָדין נומער 1 זאָל געבויערט ווערן, און דאָס באַלד.

עס האָט גאָר קיין זין נישט, אַז די גרויסע פינף זאָלן בלייבן ביי דער אילוזיע, אַז די גאַנצע נאַפט אינדוסטריע געהער צו זיי.

דער פּאַטער אַליין האָט געוואָלט האָבן די אויפזיכט אויף די ערשטע אַרבעטן.

ער האָט געבראַכט אַהער זיינע געזעלאָגן און נאָכגעזוכט אַ גרונעם בויאונטערנעמער.

הער באַנינג, דער געאָלאָג, האָט אַנטוישט בוניס דערפּאַבונגען.

ער האָט איינגעשטימט מיטן פּאַטער, אַז מען דאַרפט דאָ קיין גרויסע האָפנונגען נישט אַריינלייגן.

מעגלעך, אַז מען וועט זיך צווייהונדערט פיס די טיף אָנשטויסן אויף נאַפטזאַמד, אָבער די קוואַלן זענען דאָ זיכער קליינע, די קליינע בויערטורמס אויף רעדער, וועלכע מען באַנוצט אין פּענסילוואַניען, וועלן אין דעם פאַל זיין גענוג.

דער ווירקלעכער נאַפטזאַמד, דאַקעגן, דאַרף ליגן אין דעם געביט אויסערגעוויינלעך טיף, מען קען נישט וויסן, צי מען וועט אים דערגרייכן.

דאָך איז אים די געגנט געפעלן; עס קען זיך דאָך לוינען.

צוויי טעג כסדר האָט ער אַרומגעוואַנדערט מיטן פּאָטער און בונין איבער די בערגלעך, געפּרוווט די ערדשיכטן און באַרעכנט די נייגונג פון דעם באָדן.

ענדלעך האָבן זיי אויסגעוויילט ער מיטן פּאָטער דעם אַראָפּהאַנג פון אַ בערגל אין דער פערמע פון די וואַטקינס נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ רות האָט די ציגן געפּאַשעט און בוני האָט מיט איר געפלוידערט.

דער ברונעמבויער, איז געקומען און פאַרלאַנגט פאַר אַ פּירצאָליקן ברונעם צו 12, 2 דעם פוס.

דהער ראָס האָט געשלאָסן מיט אים אַ טערמינאָפּמאַך ווען ער גראָבן שנעל, אַזוי באַקומט ער אַ פּרעמיע, דאַקעגן, אַז ער וועט גראָבן לאַנגזאַם, אַזוי וועט ער דאַרפן צאָלן שטראָף. דערנאָך איז דער פּאָטער מיט בונין אַוועקגעפאָרן צו דעם הער יערעמיאַ קאַריי. אַ פערמער בשכנות מיט ראָזעוויל, דעם פאָרזיצנדער פון דער שטראָסנבוי-קאָמיסיע.

אַ גרויסער טייל פון דעם וועג האָט געפירט איבער דעם פּאָטערס גרונט.

בוני דהאָט נאַיוו געגלויבט, אַז אויך דאָ וועט דער פּאָטער דינגען אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, ווי ביי דעם בויערן דעם ברונעם.

אָבער דער פּאָטער האָט דערקלערט:

„ניין, אַזוי ווערט עס נישט געמאַכט, עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ עפנטלעכער גאַס, וועלכע זאָל זיך ציען פונעם, אַראָפּהאַנג פון פּאַראַדיז ביז ראָזעוויל; זי מוז געבויט ווערן אויף די קאָסטן פון כלל. געוויס וועל איך זיך מיט דעם וועג באַנוצן מער פון אַלע, אָבער אין צאָל דאָך אויך שטייערן, די מענטשן, וועלכע וווינען ביי דער גאַס, דאַרפן אַלע באַצאָלן זייער חלק, ווייל דער דאָזיקער וועג וועט דאָך אויפהייבן די פּרייז פון זייער ערד.“

דאָס אַלץ האָט דערקלערט דער פּאָטער צוערשט בונין

און דערנאָך דעם הער קאַריי, אַ פריינטלעכן אַלטן מאַן, וועלכער האָט אין דעם סאַן-עלידאָ-טאָל באַזיצט אַ פערמע פון אַבריקאָסן און פערסיקעס.

הער קאַריי, זעט אויס איז געווען צופרידן צו באַקענען זיך מיט אַ נאַפּטמאַגנאַט, ער האָט זיי ביידע אַריינגעפירט אין שטוב אַריין, צוגערוקט זיי צוויי געפלאָכטענע שטולן און געהייסן דער פרוי קאַריי ברענגען בונין אַ פלאַש לימאָנאַד.

דער פאָטער האָט אַרויסגענומען זיינע ציגאַרן מיט דעם געלט און דערקלערט דעם פאָרזיצער פון דער שטראַסנבוי-קאָמיסיע וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס וועט האָבן פאַר דער געגנט ווען מען וועט ווירקלעך דאָ געפינען נאַפט.

ער האָט דערציילט פון דער באַנקסיד-אַרענדע אויף דעם פּראָספּעקט הייל, פון דעם מיליאָן, וואָס ער האָט דער פאַמיליע באַנקסיד אויסגעצאָלט, און פון דעם פּאַלאַץ ביי דעם ברעג וועלכן די דאָזיקע פאַמיליע האָט זיך איצט אָפּגענומען.

דער הער און פרוי קאַריי האָבן אַלץ מער די אויגן אויפגעריסן, אין דער צייט ווען דער פאָטער האָט זיי געשילדערט, ווי די גאַנצע געגנט קען אינגאַנצן באַדעקט ווערן מיט בויערטורמס.

אַלץ הענגט נאָך איצט אָפּ פון דעם פּראָבלעם פון דער גאַס.

פאַרשטענדלעך, אַז מען קען איצט נישט די שווערע מאַשינען אַהערברענגען צוליב דעם שלעכטן וועג, הער ראָס האָט איצט אַליין צעבראָכן אַ פרישינע פון זיין אויטאָ, אַזוי שלעכט איז דאָ דער וועג.

און עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז מען זאָל פאַרלאַנגען פון הער ראָס, ער זאָל אויף זיינע אייגענע קאָסטן דעם עפנטלעכן וועג אויסבויען, כדי נאָר צו האָבן די פּריווילעגיעס צעגערטווינטער דאָלאַרן אין דער מלופה-קאַסע אַריינצוטראָגן.

הער קאַריי האָט איינגעשטימט.

דער פאָטער האָט ווייטער דערקלערט, אַז דאָ גייט אין דער צייט, אויב דאָ קען זיך דאָס פאַרציען, אַזוי האָט ער גע-

נוג אַנדערע פעלדער צו בויערן און פּאַראַדיז וועט ער איבער-לאָזן אויף אַ יאַגד.

דער קאַריי האָט זיך באַאומרויִקט און געזאָגט, אַז ער וועט טון אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, אָבער הער ראָס ווייסט דאָך, אַז עפנטלעכע ענינים פאָדערן צייט. מען מוז מאַכן אַ נייע אַנלייהע כדי צו קענען דעם וועג אויספלאַסטערן.

דער פּאָטער האָט געמיינט, אַז אויב אַזוי אינטערעסירט אים די גאַנצע זאַך נישט, נאָר צי וואָלט מען דען נישט גע-קענט אָנהייבן די אַרבעט אונטער דעם אויסרייד, אַז מען באַ-ריכט דעם אַלטן וועג און נישט אַז מען גייט בויען אַ נייע?

הער קאַריי האָט געענטפערט, אַז פאַרשטענדלעך, איז דאָ אַ פאָנד פאַר רעפּעראַציע, ער ווייסט נאָר נישט ווי גרויס ער איז, אָבער ער וועט שוין מיט דער קאָמיסיע זיך דורכרעדן.

הער קאַריי האָט באַגלייט דעם פּאָטער און בוני ביז צום אויטאָ, זיך אָפּגעשטעלט און נאָך געפּלוידערט אַ ביסל.

דער פּאָטער האָט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פון דעם טאַש.

„הער קאַריי, איך וועל מוזן צונעמען אַ סך פון אייער ווערטפולער צייט, און עס וואָלט געווען אומגערעכט, אַז איר זאָלט אומזיסט אַרבעטן, איך האָף, אַז איר וועט מיר ערלויבן צו טראָגן די קאָסטן פון דעם בענזין און אויטאָרייפן, וואָס איר וועט נוצן.“

הער קאַריי האָט זיך געוואַקלט, האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז קאָרעקט, אָדער נישט.

דער פּאָטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר אין דעם צייט פאַרלוסט, וואָס דער הער קאַריי וועט ליידן, פאַרשטענדלעך, אַז דאָס דאַרף נישט ווירקן אויף זיין באַשלוס; זיי וועלן נאָך האָבן אַנדערע זאַכן צוזאַמען צו דער-רעדן; מעגלעך, אַז דער פּאָטער וועט נאָכאַמאָל קומען אויף דער פערמע פון הער קאַריי, כדי דאָרט צו מאַכן אַ ווילד בויערן.

הער קאַריי האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָנווערט אין דער

טאַש און אָפּגעענטפערט, אַז הער ראָס וועט אײַנגיבן פון אים הערן. בוני האָט אין דער שולע געלערנט וועגן די בירגערלעכע פליכט און רעכט.

עס זענען געפירט געוואָרן איבער דער טעמע פיל דעבאַטן, און דערבײַ איז אויך גערעדט געוואָרן איבער דער „קאָרופּציע פון די באַאַמטע“.

בוני, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרשטענדניש אין אַזעלכע ענינים, האָט געפרעגט דער לערערין, פאַרשטענדלעך נישט פאַרראַטנדיק זיך, צי עס איז אָרנטלעך ווען אַ געשעפטסמאַן באַצאָלט עקסטרע אַ באַאַמטן פאַר זײַנע באַמיאונגען אין עפנטלעכע ענינים.

די לערערין איז געוואָרן שטאַרק בייז און געענטפערט, אַז דאָס הייסט כאַבאַר.

בוני האָט דעריבער זיך צערעדט איצט וועגן דעם מיטן פאָטער און זיך געלאָזט די זאַך דערקלערן.

דער פאָטער האָט אויסגעפירט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין דעם אונטערשייד צווישן דער טעאָרעטישער און פּאַקטישער זייט פון אַ פראַגע. די לערערין האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט בויערן קיין נאַפטקוואַלן; איר געשעפט איז קיינמאָל נישט געווען אָפּהענגיק פון דעם צו פירן שווערע מאַטעריאַלן איבער אַ שלעכטן וועג. זי האָט גאָרנישט וואָס צו טון, אויסער צו זיצן אין אַ צימער און וואַרפן אַרום זיך מיט הויכע פראַזן, ווי „אידעאַלן“, „דעמאָקראַטיע“ און „טובת-הכלל.“

דאָס איז דאָך דער פעלער פון דער גאַנצער דערציִונג: די לײַט, וועלכע דערציִען זענען מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט געטון און באַזיצן נישט קיין שום וועלט-קענטעניש.

אין דעם פאַל איז אַלץ אָפּהענגיק געווען פון דער פראַגע, צי וועלן זיי אויף דער וואַטקינס-פירמע בויערן, צי נײַן.

פאַרשטענדלעך, אַז זיי קענען וואַרטן צען יאָר, ביז עמעצער אַנדערש וועט דאָ אַהער קומען און טון דאָס, וואָס דער

פֿאָטער וויל איצט טון: אונטערלייגן אונטער דער אַדמיניסטראַטיווע שלעטעלעך, און די שלעטעלעך אונטערשמירן.

אין אַ סך פֿאַלן איז די אַדמיניסטראַציע געווען אויסערסט גיריק, זי האָט אײַנגעמיטן געמאַכט שוועריקייטן און פּשוט געצוווּנגען צו באַצאָלן.

צײַטנווײַז, דאַקעגן, איז זי נאָר געווען אומוויסנדיק און גלײַכגילטיק; אין יעדן פֿאַל אָבער האָט מען געמוזט באַצאָלן, ווען מען האָט געוואָלט, אַז מען זאָל עפּעס אויפֿטון.

דער פֿאָטער האָט אויך דערקלערט דעם אונטערשייד צווישן עפֿנטלעכע און פּריוואַטע געשעפֿטן: בײַ דעם אייגענעם געשעפֿט איז מען דער באַלעבאָס און מען טרײַבט די זאַך ווײַטער, האָט מען אָבער צו טון מיט דער מלוכה, אַזוי זעט מען אַזויפֿיל כּאַבאַר, אומזיסטע אויסגאַבן און פֿוילקייט, אַז עס חערט פּשוט עקלדיק.

און דאָך זענען דאָ אידיאָטן, וועלכע פֿאָדערן, אַז אַלץ זאָל געהערן צו דער מלוכה, די דאָזיקע סאָציאַליסטן, וואָס וויל, אַלץ מאַכן אָפּהענגיק פֿונעם שטאַט.

וועלן זיי דורכפֿירן זייער זאַך, אַזוי חעט מען מוזן אַ טוץ פֿאָרמולאַרן אויספֿילן און דעם באַשלוס פֿון אַ קאָמיסיע אָפּוואַרטן, איידער מען וועט קענען קויפֿן אַ לאַבל־ברויט.

דער פֿאָטער האָט געמיינט, אַז בוני מאַכט איצט אַדורך אַ פּראַקטישן קורס פֿון די בירגערלעכע פֿליכטן און רעכט, דערנאָך וועט ער זײַנע לערערס לערנען קענען.

זיי וועלן נאָך נישט באַקומען דעם וועג דורך דעם אַליין, וואָס זיי האָבן אַן אַפֿריקאַנפֿערמער טרינק־געלט געגעבן.

און אַזוי איז געווען! עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך דער פֿאָטער טעלעפֿאָניש מיט הער קאַריי פֿאַרשטענדיקט און דערפֿאַרן, אַז ער האָט שוין מיט די איבעריקע מיטגלידער גערעדט, ער האָט מורא אַז ער וועט אָנטרעפֿן אויף אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע.

די קאָמיסיע זאָל אין הערבסט פֿונסניי געוויילט ווערן; עס ווערט שוין איבעראַל געמורמלט פֿון דעם פֿאַרטאַכליעוען

געלט פון דעם גאַסנבויפאָנד, קיינער פון די מיטגלידער וועט נישט האָבן קיין נייע אומאַנגענעמלעכקייטן.

אויף דער צווייטער וואָך איז אָפּגעשטימט אַ זיצונג, אויב הער ראָס האָט אַ וועלכע עס איז נישט איינפלוס, וואָלט געווען קלוג אים צו פאַרווענדן.

דער פּאָטער האָט דערקלערט בונין, אַז דאָס הייסט ער זאָל די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אויפזוכן און זיי אויך איינטיילן קאָנווערטן.

„איך וועל עס באַלד באַזאָרגן, נאָך איידער די עקסצעלסיאָר-באַנדע וועט אַנטדעקן וואָס דאָ קומט פאָר, אַנדערש גייט עס נישט.”

אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז דער פּאָטער איז געזעסן אין דער ביורא פון הער האַרדאַקר, פאַרשלייערט מיטן רויך פון אַ ציגאַר, און געפרעגט דעם דאָזיקן קלוגן מאַן וועמען דאַרף ער אויפזוכן, ווען ער וויל אין סאַן-עלידאָ אַ וועג דורכפירן.

הער האַרדאַקר האָט שמייכלדיק געענטפערט אַז פאַר אַלעמען הער זשיק קאָפּיי, אַ סוחר פון היי אין סאַן עלידאָ, וועלכער איז דער רעפּובליקאַנישער פירער פון דרום קאַליפאָרניע. דער פּאָטער האָט אים באַדאַנקט און באַלד געפאָרן קיין סאַן עלידאָ.

„אַזוי, מיין זון, איצט וועסטו דיין קורס וועגן בירגערפליכט און בירגעררעכט פאַרענדיקן.”

# II

אַקוב קאַפּיי איז זיך געזעסן ביי זיך אין ,דער פּרי־וואַט ביוראָ הינטער דער קראָם די פיס אויף דעם טיש פאַר־לייגט.

ער איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע קינבאַקן און פעסט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן; זיין הוט האָט אויסגעזען, ווי פון לע־דער, און זיינע ציין, אויף ווי ווייט מען האָט נאָר געקענט זען, זענען געווען פון גאָלד.

ווען ער האָט דערהערט דעם פּאָטערס נאָמען האָט ער די פיס פונם טיש אַראָפּגענומען, זיך אויפגעהויבן און גע־זאָגט:

„אייער באַזוך איז פאַר מיר נישט אומדערוואַרטעט."

הער ראָס האָט געענטפערט:

„איך האָב ערשט נאָרוואָס געהערט פון אייך; איך בין גע־קומען אַהער מיט דער שנעלקייט פון פופציק מייל אַ שעה.

אַזוי האָבן זיי געשלאָסן פריינטשאַפט, הער קאַפּיי האָט גענומען אַנשטאָט זיין האַלב צעקייטן ציגאַר אַ פּאַפּיראָס ביי דעם פּאָטער און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט פּדי דעם ענין אַרומצורעדן.

„הער קאַפּיי,"—האָט דער פּאָטער אָנגעהויבן, „איך בין אַ אומאָפּהענגיקער גאַסטמאַגנאַט, געהער צו די יעניקע, וועלכע

ווערן פון די גרויסע פינף קליינער נאַפט סוחר אַנגערופן, דאַך
בין איך נישט אַזוי קליין, אַז מען זאָל מיר אין סאַן עלידאַ
נישט אָנזעען. איך האָב דאָ צוועלפטויזנט אַקר ערד געקויפט
און וויל בויערן.

ווען איך געפונען נאַפט, אַזוי גראָב אַין אויס אַ הונדערט
קוואַלן און וועל באַשעפטיקן אַ טויזנט מאַן. איך וועל עטלעכע
ציליאָן דאָלאַר לוין באַצאָלן און די ווערט פון דעם באָדן דאָ
מווייפאַכיק פאַרדאָפּלען. איז אָבער אויך שוין דאָ די עקסצעל-
יאַר-פעטאַזש-געזעלשאַפט, וועלכע וועט מיר פאַרשטענדלעך פרוווי-
זשטערן: איך וועל אייך אַלס אַ פּאָליטיקער, קלאָר מאַכן, אַז ד
גרויסע געזעלשאַפטן צאָלן נאָר דאָס אומבאַדינגט נויטיקע, דער
גרעסטער חלק פליסט אַריין אין די קעשענעס פון די מלוכה-
מענער. מיר אומאָפּהענגיקע צאָלן מער און דורך דעם צעוויגען
מיר אויך די גרויסע בעסער צו צאָלן. איך גלויב, אַז איך
רעד מיט אַ מענטשן, וועלכער פאַרשטייט זיך אויף דעם
שפּיל."

„איר מעגט זיין זיכער אין דעם,"—האָט געענטפערט הער
קאַפּיי,

„וואָס ווילט איר?"

„איצט נאָר איינס, אַ וועג קיין פּאַראַדייז. אָן אַ וועג קען
איך נישט בויערן, דאָס איז נישט קיין בלאָף, נאָר דער ריינער
אמת, וועלכן איר מוזט פאַרשטיין, ווייל איר האָט שוין אויך גע-
האַט צו טון מיט שווערן מאַטעריאַל, און אפשר שוין געפּרוווט
אויף דעם שלעכטן וועג צו טראַנספּאָרטירן."

„אמת."

„איך דאַרף דעריבער אויף דעם קיין איבעריקע ווערטער
נישט פאַרלירן. איך דאַרף האָבן אַ וועג און אָן אַ שום לאַנגע
ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן: איך וויל אַז דאָס בויען זאָל זיך
אָנהייבן אין די נעכסטע צען טעג, כדי איך זאָל באַלד קענען צו
גיין צו דעם בויערן. האָב איך מיר קלאָר אויסגעדריקט?"

„פּאַלקאָם."

אויף הער קאַפּיס האַרטן געזיכט איז דערשינען אַ שאָטן פון אַ שמייכל. זעט אויס, אַז עס זענען אים געפעלן דעם פּאַטערס יעזויטסמעטאָדן.

איצט האָט ער דערקלערט זיין שטאַנדפּונקט.

גוני האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דינגט זיך, ער האָט פאַרגעשטעלט אַן איבערגעטריבן בילד פון די פאַרשטייענדיקע שוועריקייטן.

דעם שטאַטס אַפּאַראַט, האָט דערקלערט הער קאַפּיי, דהאָט אין דער לעצטער צייט געמוזט אַ דורכמאַכן פיל פיינלעכעס, נאָכעם אַן אידיאָט האָט אַ סך גערעדט פאַרטאַכליעוועט.

עס איז אויסערגעוויינלעך גאַריש מלוכהגעלט צו פאַרטאַכליעווען ווייל מען קען דאָך אויף געזעצלעכן אופן פיל מער פאַרדינען.

אויסערדעם זענען די גאַסנבוי קאָנטראַקטן געוואָרן שטרענג קריטיקירט, אין דער שטאָט וווינט עפּעס אַ נאַר, וואָס גיט אַרויס אַ צייטונג „דער וועכטערהונט", און ער פּולט אויס זיין צייטונג מיט זינלאָזע באַשולדיקונגען.

קורץ און שאַרף, ווען דער גאַסנבויפאָנד וועט פאַרווענדעט ווערן אויף צו בויען אַ וועג פאַר אַ נאַפּט מאַגנאַט, אַזוי וועט דאָס אַ גרויס איבערעגונג אַרויסרופן, און דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין אַ פאַרלוסט פון שטימען צו די נייע וואַלן.

הער ראָס האָט גאַנץ ריכטיק געזאָגט, אַז די עקסצעלסיאָר־פּעטאָוש־באַנדע, וועלכע באַזיצט שוין אַ וועג, וועט זיכער זיין קעגן דעם בויען אַ נייעם וועג.

מעגלעך, אַז די דאָזיקע לייט וועלן דעם בלעטל מאַטעריאַל ליפערן, ביי דער רעגירונג אינטערוועניִרן אין הער קאַפּייס לעבן אין אַ גהינום פאַרוואַנדלען.

דער פּאַטער האָט העפלעך זיך צוגעהערט,—אַזוי האָט פאַרלאַנגט די עטיקעט פון דעם האַנדל, דערנאָך האָט ער געענטפערט אַז ער באַגרייפט פאָלקאָם די דאָזיקע שוועריקייטן, און

אַז ער איז גערן גרייט פאַר זיי צו גאַראַנטירן.

וואָלט דען נישט געווען אמתדיק ווען ער הער ראָס, זאָל דעם וואָלפּאָנד מיט אַ פינפטויזנט דאָלאַר העלפן? הער קאָפּיי האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן בלאָגראָען רויכוואָלק אין דער לופט און געגלאַנצט אויף דער פינף מיט די דריי נולן וועלכע ער האָט אין דעם וואָלקן געזען.

„איר פאַרשטייט דאָך,"—האָט דער פּאָטער צוגעגעבן,—„אַז דאָס איז אַ פּאַרטיי ענין און האָט מיט אייך פּערזענלעך גאָר־נישט צו טון."

„זאָגט זיך אַרויס,"—האָט הער קאָפּיי געבעטן.

הער ראָס האָט אָנגעשטעלט זיין פּלאַטע: ער איז פאַר־גלויבט אין דעם קאָאָפּעראַציע און פּרוווט אומעטום, ווו ער אַרבעט, אַרויסרופן אַ קליינע אָרגאַניזאַציע צום לעבן, ער האָלט שטענדיק מיט זיינע פריינט, לאָזט זיי טיילן מיט אים זיין פאַרדינסט.

ער האָט איבערגעגעבן פון ראָס־באַנקסיד נומער 1, ווי אַזוי ער האָט אַ סאַנדיקאַט ביי דעם געגרינדעט, כדי ער זאָל דעם בוימאַטעריאַל באַקומען צו דער ריכטיקער צייט, דער דירעקטאָר פון דער גרויסער בויהאָלץ־געזעלשאַפט האָט באַקומען צוויי פּראָ־צענט אַ קליינע געפעליקייט.

דער ריינער פאַרדינסט האָט אָנגעטראָפן כמעט זעקסהונ־דערטטויזנט דאָלאַר, דער דירעקטאָר האָט אַזוי אַרום באַקומען צוועלף טויזנט דאָלאַר, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפלייסט אַז דאָס האָלץ זאָל אָנקומען צו דער צייט.

אויך דאָ האַנדלט זיך וועגן עטוואָס ענלעכעס:

„ווי נאָר דער וועג וועט זיין אויסגעבויט, אַזוי וועל איך פּרוּוון אויף דעם פּאַראַדיז־פעלד מיין גליק און איר הער קאָפּיי קענט מיטהאַלטן."

דער פּאָטער האָט אים פאָרגעלעגט צוויי פּראָצענט, הער קאָפּיי קען פאַרדינען דערביי צען, פופצן, אָדער אפילו דרייסיק, צי פערציק טויזנט דאָלאַר.

הער ראָס ד'האָפט, אַז זיי וועלן ביידע פאַרבלייבן פריינט, וועלן צוזאַמען אַרבעטן, און זיך געגנזייטיק אונטער-שטיצן.

הער קאָפּיי האָט נאָך אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ רויכוואָלקן אין דער לופט, באַטראַכט אים, און ענדלעך דערקלערט, אַז ער איז צו הער ראָס זייער פריינטלעך געשטימט; דאָך גלויבט ער, אַז עס וואָלט געווען בעסער ווען ער גיט פאַר דעם וואַלפּאָנד צוויי טויזנט דאָלאַר, און פאַר אים, פאַר הער קאָפּיי, זאָל ער פינפטויזנט אין גאַנצן איגנאָרירן.

הער ראָס האָט אים אַ קוק געטון אין די אויגן און געפרעגט:

„צי קען ער ברענגען די סחורה?"

הער קאָפּיי האָט אַ שאָקל געטון, יאָ, ער קען זי ברענגען. הער ראָס דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן.

דערמיט איז דער ענין דערליידיקט געוואָרן: דער פאָטער האָט אַרויסגענומען זיין טשעקביכל און אויסגעשטעלט אויף דעם וואַלפּאָנד פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי אַ טשעק פון צוויי טויזנט דאָלאַר.

דערנאָך ד'האָט ער געפרעגט דעם הער קאָפּיי, צי ער פאַר-נעמט אַ וועלכן עס איז נישט אין עפנטלעכן אַמט.

ניין, האָט הער קאָפּיי אָפּגעענטפערט, איך בין מיר אַ פּשוטער סוחר.

„גוט, אויב אַזוי קען דער אָפּמאַך זיין אויף הער קאָפּייס נאָמען; ער האָט אָנגעשריבן אַ קאָנטראַקט, לויט, וועלכן הער קאָפּיי האָט אַ פינפפּראָצענטיקן אַנטייל אין דעם ריינעם פאַרדינסט פון דעם נאַפטוואַל, וועלכער זאָל געבויערט ווערן אויף דער פערמע פון אַבעל וואַטקינס אין דעם יוניאָר פאַראַדיז נומער 1 טראַגן.

דאָך איז געווען אַ באַדינג, אַז ערשט דאַמאָלט וועט מען אָנהייבן בויערן, ווען עס וועט עקזיסטירן אַ גוטער וועג פון דער הויפּטגאַס ביז צו דער וואַטקינס פערמע.

ווערט אָבער נישט דער וועג אין משך פון זעכציק טעג אויסגעבויט, אַזוי איז דער אויבנדערמאָנטער קאָנטראַקט בטל.

דער פּאָטער האָט דערלאַנגט דעם הער קאָפּיי דעם דאָקומענט און אויסגעדרוקט די האָפענונג, אַז ער וועט נישט אַריינפאַלן אין די הענט פונעם „וועכטער הונט". הער קאָפּיי האָט געלאַכט, און אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף בוניס פּלייצעס, געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז דער קליינער מאַן וועט נישט באַגיין קיין שטות און וועט וועגן עניין דעם גאָרנישט רעדן.

דער פּאָטער האָט געענטפערט, אַז בוני לערנט זיך דעם נאַפט-מסחר און זיין ערשטע לעקציע איז געוועזן קיינמאָל נישט צו רעדן וועגן דעם טאַטנס ענינים.

זיי האָבן זיך געגעבן די הענט און דער פּאָטער מיט בונין זענען אַריינגעשטיגן אין אויטאָ.

שוין פאָרנדיק האָט בוני געזאָגט:

„טאַטע, איך גלויב, אַז דו ביזט אַ דעמאָקראַט!"

דער פּאָטער האָט געלאַכט און געענטפערט, אַז נישט ער שטעט פעסט דעם אָפּצאָל פון היפּערכ-אַריד, און נישט ער אַנטשיידעט איבער דער אומאָפּהענגיקייט פון די פיליפּינען-אינזלען, ער וויל נאָר אַ גוטן וועג צו דער פערמע פון די וואַטקינס.

בוני האָט ווייטער געפרעגט:

„איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, ווי קען הער קאָפּיי דאָס אַלץ טון, ווען ער פאַרנעמט נישט קיין שום פּאָסטן?"

„די גרויסע מענטשן פאַרנעמען קיינמאָל נישט קיין פּאָסטן, כּדי זיי זאָלן האָבן פרייע הענט.

הער קאָרריי קען באַקומען תּפיסה. ווען מען ווערט געוויער אַז ער האָט געלט גענומען, דעם הער קאָפּיי דאַקעגן קען גאָרנישט געשען.

אין די אַמטן זיצן אָרעמע טייוול, וועלכע נעמען אָן אָרעמען געהאַלט אָדער ווידער פּוסטע מענטשן, וועלכע האָבן גערן ליב צו רעדן, צו האָבן כבוד און זייערע בילדער אין די אילוסטרירטע צייטונגען צו זען.

דזשעק קאַפּייס בילד וועט קיינמאָל נישט זיין אין די צייטונגען, ער אַרבעט אין זיין הינטערצימער און נישט ביי הער ראַמפּנליכט.

# III

די ברונעם און טעלעפאָן אַרבעטער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

הער ראָס האָט דערקלערט אַז פאַר די אַרבעטער מוזן געשאַפן ווערן ווינשטעט.

צוערשט וועט זיין גענוג אַ וועלכער עס איז נישט באַראַק, געפינט מען אָבער אין אמתן נאַפט, אַזוי מוזן ווערן אויפגעשטעלט שטיבער פאַר די אַרבעטער פאַמיליעס.

פאַוול דאַרף נישט זיין צייט פטרן מיט ביבלעך און יאַגעדעס, אויף אַזאַ אַרט וועט ער זיין לעבנלאַנג בלייבן אַן אָרעמער מאַן. עס וואָלט שוין געווען אַ סך קליגער, ווען ער אַרבעט מיט צוערשט אַלס צעסליער ביי דעם אויפשטעלן די אַרבעטער הייזער און דערנאָך אַלס נאַפטאַרבעטער.

דער פאָטער וועט צוערשט זיין ערשטן צעסליער אַראָפּברענגען, וועלכער וועט די פלאַנען פון די באַראַקן מאַכן, דערנאָך קען שוין פאַוול מיט די בשכנותדיקע צעסליערס מיט דער גאַנצער אַרבעט פאַרוואַלטן, דער פאָטער וועט אים צאָלן פינף דאָלאַר

טעגלעך אַלזאָ, כמעט פינף מאָל מער, ווי ער האָט אויף זיין פּרמע פאַרדינט.

פּאַוול איז מסכים געווען.

זיי האָבן זיך אין אַ געוויסן אָוונט אַנידערגעזעצט און דעם פּלאַן פון די באַראַקן אָנגעװאָרפן.

דער פאָטער האָט דערקלערט, אַז עס מוז זיין אַ שיין אָבּרוואָרט, וואָס וועט, פאַרשטענדלעך, געהערן אויך צו בונין, וועלכער וועט זיך לאַנגזאַם צו אַ קליינעם סאָציאַלן רעפאָרמאטאר אַנטוויקלען און זיינע אַרבעטער מיט געזונטע לעבערס פאַשן.

אַנשטאָט איין גרויסן צימער מיט בעטן, זאָלן זיין לויטער קליינע צימערלעך און אין יעדער צימערל צוויי בעטן. איינס פאַרן טאָג—און דאָס צווייטע פאַרן נאַכטאַרבעטער.

דערצו טישן, אַן עס צימער, אַ קיך, אַ שפּייזקאַמער, ווי אויך אַ היבשן פאַרווײַלונגס צימער מיט אַ מוזיק אינסטרומענט, צייטונגען און ביכער.

דאָס לעצטע איז געווען בונים אידעע, זעט אויס אַז אים האָט זיך געוואָלט האָבן קולטורעלע נאָפט אַרבעטער.

זיי זענען געפאָרן קיין ראָזעוויל צו ברענגען מעבל פאַר דעם זומערוווינונג, וועלכעס איז שוין כמעט ווי פאַרטיק געווען.

דער פאָטער האָט געקויפט אַן עקזעמפּליאַר פון דעם „אָדלער", וועלכער. האָט נאָך געשמעקט פון דער דרוק, ער האָט אים צוגענומען און אויסגעשאָסן אין אַ גרויס געלעכטער.

בוני האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט דעם פאָטער שטאַרק לאַכן, ער האָט דעריבער שנעל אויך אַריינגעקוקט אין דער צייטונג.

עס האָט געלייענט אויף דער ערשטער זייט די געשיכטע פון אַ דוניה פּרעסקאָט, אַ פערמע, וועלכער האָט געלעבט צווישן פּאַראַדיז און ראָזעוויל.

צוריק מיט דריי חדשים האָט ער זיך איבערגעקערט מיט

זיין וואָגן אין זיך צעבראָכן אַ פּיס.

איצט האָט ער פֿאַרלאַנגט פֿונם שטאַט אַן אַנטשעדיקונג פֿון פֿופֿצנטויזנט דאָלאַר און אָנגעגעבן, אויסערדעם אַן אַנקלאַגע אויף יעדן איינעם פֿון דער גאַסנבויקאָמיסיע פֿאַרוואָס זיי פֿאַרנאַכלעסיקן די וועגן.

אינם לייטאַרטיקל זענען צוויי שפּאַלטן אָפּגעגעבן געוואָרן דער טעמע: עס געפֿינען זיך בשכנות נאַפּטקוואַלן, די עקספּלאָאַטירונג פֿון וועלכע מען האָט געמוזט אויפֿגעבן, ווייל דער טראַנספּאָרט איז אוממעגלעך. איבערהויפּט מאַכן די שלעכטע וועגן סאַן-עלידאָ צו דער אָפּגעשטאַנענסטער שטאָט פֿון דער גאַנצער געגנט.

איין רינדפֿערמער דעריבער, הער זשאָע לימאַשער, וועלכער האָט גענומען אין באַטראַכט דאָס אַלגעמיינע ווילזיין, האָט איינגעגעבן אַ ביטע וועגן דעם באַלדיקן אויסבעסערן די וועגן, עס ווערט דערוואַרטעט, אַז אַלע שטייערצאָלער וועלן נישט פֿאַרזוימען צו געבן זייערע אונטערשריפֿטן.

דעם נעכסטן טאָג איז אין אַן אַלטן פֿערדוואָגן דערשינען הער זשאָע לימאַשער און געבעטן ביי דעם פּאָטער די ביטע אונטערצושרייבן.

הער ראָס האָט געמאַכט אַ פֿולבאַדייטנדיקע מינע, צו אַלדי טייוול, דאָס וועט אים אָפּקאָסטן אַ היבש ביסל שטייערן.

דער הער לימאַשער וועלכער האָט געהאַט אין זין דאָס אַלגעמיינע ווילזיין—ער האָט גענומען ביים קאָפּיי דריי דאָלאַר אַ טאָג—האָט אַביסל דעבאַטירט, און ענדלעך האָט הער ראָס איינגעשטימט: ער וויל נישט מען זאָל אים האַלטן פֿאַר אַ קאַרגן.

פֿיר טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די גאַסנבויקאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן אַן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג אויף וועלכער מען האָט באַשלאָסן, דעם וועג באַלד צו פֿאַרריכטן.

און אין צוויי טעג שפּעטער זענען שוין אָנגעקומען די וועגאַרבעטער, ווי אויך ריזיקע פערד מיט שווערע אַ-קערס.

זיי האָבן אויפגעריסן די ערד און אייניקע אַרבעטער האָבן די שטיקער צעקלאַפּט, אַנדערע ווידער האָבן די ערד אויסגע-גלייכט, ביז דער וועג האָט אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ גלייכן שליאַך.

גרויסע מאַשינען האָבן אים פעסט איינגעפּרעסט, — עס איז געווען וווּנדערלעך צו זען וואָס דעם פּאָטערס געלט האָט אַלץ געקענט אויפטון.

## IV

דער נייער וועג איז שוין געווען פאַרטיק, דעסגלייכן די בראַקן, וועלכע זענען שוין אַפילו געווען באַוווינט.

עס איז געקומען דער פּראָוואַלטער פון די צעסליערס און אונטער זיין אָנפירונג האָט פאַול געאַרבעט ביי דעם פּויערטורם.

ווידער זענען דערשינען די לאַסטאויטאָס מיט די בויער־אינסטרומענטן און אויך דאָ האָט פאַול געפונען באַשעפטיקונג. בוני, וועלכער האָט געמוזט פאַזוכן די שולע האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די אַלע אינטערעסאַנטע זאַכן, אָבער דער פאָטער האָט אַלע אָוונט דערהאַלטן אַ באַריכט פונעם הויפּט מייסטער און אים איבערגעגעבן בונין.

אינם געזעץ מיט דער „עקסצעלזיאָר־פּעטאַזש־געזעלשאַפט" זענען זיי געבליבן הינטערשטעליק, יענע האָבן שוין דאָס בויערן אָנגעהויבן.

גשווים האָט די געזעלשאַפט שוין פון אָנהייב אָן געהאַט אַ גוטן וועג צו איר דינסט.

אָבער דער פאָטער האָט געמיינט, אַז בוני דאַרף זיך נישט זאָרגן, ביז צום גרונט פון דער קוועלע איז נאָך ווייט.

עס איז געקומען בוניס גרויסע שעה. דאָס איז געווען

אין אַ פּרייטיק, און ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער שול־
זעלטן אַז אַ ייִנגל האָט אַזאַ גליק: צו זיין דער באַזיצער פון
אַ באַפּטקוואַל, וועלכער רופט זיך אָן אויף זיין נאָמען און אַליין
די בויערמאַשין אין באַוועגונג ברענגען! זיי זענען גרויסגעפּאָרן
גאַנצפרי און אַרום נאָכמיטאָג אָנגעקומען צו די וואַטקינס, זיי
זענען געפּאָרן אויף דעם נייעם וועג, אויף זייער אייגענעם פּרי־
וואַטן וועג! ביי די וואַטקינס איז קיינער נישט געווען אין דער
היים, אַלע זענען אַוועק צו דעם בויערטורם, שוין פון ווייטן
האָט מען געקענט זען די מאַסע, וועלכע האָט אים אַרומ־
גערינגלט.

דאָס איז געווען אַ שענע, נייער, גלענצענדער בויער־
טורם, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער האַלבער הויך פון אַ
בערגל:

„ראָס־יוניאָר־פּאַראַדיז נומער 1"!

דער הויפּטמייסטער איז זיי געקומען אַנטקעגן און באַ־
גריסט.

אַלץ איז שוין גרייט, דער לעצטער באָלצן זיצט שוין
פעסט, און דער לאָקאָמאָביל שטייט דאַמפּפול; מען וואָלט שוין
געקענט אָנהייבן נאָך מיט צוויי שעה פריער.

בוני האָט דערזען פּאַולן אין הינטערגרונט צווישן די
אַרבעטער.

אויך רותן האָט ער באַמערקט שטיין מיט איר פאַ־
מיליע.

ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און זיך געפרייט מיט זיי אַלע,
אַפילו מיטן אַלטן הער וואַטקינס, נישט געקוקט אויף זיין קאַטער־
זיך, קרעפּטן, רעוומאַטיזם און נאָך.

אַלע שכנים האָבן זיך דאָ געפונען. אַ סך פון זיי האָט
בוני געקענט ביי דעם נאָמען, און ער האָט גערעדט מיט אַלע, צו־
ער האָט זיי געקענט צו נישט.

די מענטשן האָבן ליב באַקומען דאָס פריילעכע ייִנגל, דעם
דאָזיקן ייִנגן פּריצן, אויף וועמענס נאָמען ער רופט זיך אַ צן
באַפּט־קוואַל.

אַ סך ווידער האָבן אין זיך שטאַרק געליטן, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט די ערד. וואָלט זיי זיך געווען אין איר אָנגעקלאַמער, אַזוי וואָלטן זיי איצט אויך געווען רייך.

דאָך האָבן זיי איצט די דאָזיקע געדאַנקן נישט פאַרראַטן, ווייל עס איז געווען אַ גרויסע שעה, אַ צערעמאָניע, איבער וועלכע מען וועט נאָך אַ סך טעג שפּעטער רעדן.

דער פּאָטער ראָס האָט נאָך דערליידיקט איינִיקע זאַכן, געשטעלט עטלעכע פראַגן און זיך געווענדעט צו בּוּנין, וועלכער איז געשטאַנען ביי דעם לאָקאָמאָביל:

„נו, מיין זון!"

בוני האָט אַ דרוק געטון און דער לאָקאָמאָביל האָט ציטערנדיק אויפגעברומט די קייט האָט זיך אָנגעצויגן, די ריידער האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן, דער פּאָטאַרידרייטיש האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען און פון אונטער דעם בויערטורם האָט זיך דערהערט דער אויפרעגנדיקער טאָן, וועלכן די נאָפּטמענטשן האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „ספּוד".

V

אויף אַ טיף פון צווייהונדערט פיס האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף נאַפטזאַמד,—דאָס איז געווען דער נאַפט פון דער ערדציטערניש, און דער פאָטער האָט געמיינט, אַז דאָס איז פאַראַן גענוג נאַפט כדי אַן אויטאָ אויף אַ גאַנץ יאָר צו באַוואָרגן.

אָבער זיי האָבן טיפער געבויערט מיט אַ בויער פון עכצן צאָל דורך אַזאַ האַרטער זאַמדשטיינשיכט, אַז מען האָט נישט באַדאַרפט דאָס פאַרשאַליעווען, אַזוי פעסט איז געווען דער באָדן.

פאַול איז אומעטום געווען נוצלעך, באַזונדערס אָבער ביי די צעסליערס.

„טאַטע מיר וועלן אַמאָל פאַולן מאַכן פאַר דעם פאַרוואַלטער,”—האָט בוני געזאָגט.

אָבער פאַול האָט נאָר געלאַכט און געענטפערט, אַז ער וויל שטודירן, ער רעדט זיך נישט איין, אַז די העכערע פאָסטנס פאָדערן ווייניקער אַרבעט, און ער וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג צו פאַרבייטן אויף דעם אַכצנשעהדיקן אַרבעטס טאָג פון הער ראָס.

דאָס האָט דעם פאָטער פונקט צוגעטראָפן און ער פון דעמאָלט אָן שטאַרק געהאַלטן פון פאַולן.

עס איז געקומען דער יום־טוב פון שניט און בוניס האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון ספקות: אין דעם טאָג האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַ גרויסער פוטבאָל מעטש צווישן דער שולע און צווישן די פוטבאָליסטן פון אַנגל־סיטי.

וואָס איז ער בוני: אַ נאָרמאַלער ייִנגל, ווי אַלע, צו אַ נאַפטקאַרליק? ער האָט עס ביי זיך אויסגעקעמפט און דאַמאָלט דערקלערט זיין באַשלוס, נישט קוקנדיק אויף דער אויפרעגונג פון ראָזיע טענטאָר און דער מומע עמאַ: ער וועט מיטן פאָטער קיין פאַראַדיז פאָרן. מען קען שוין וואַכטעלן שיסן, האָט בוני דערקלערט דער מוטער, און איינצייטיק דאַרף טאַקע דער פאָטער אַ ביסל קומען צו זיך, אָבער די קלוגע אַלטע דאַמע האָט אים אָפגעענטפערט, אַז בוני קען זיך אַליין האַלטן פאַר אַ נאַר, נישט איר.

דאָסמאָל האָבן זיי שוין נישט באַדאַרפט מיטנעמען די לאַגער מכשירים, ווייל זיי האָבן דאָך באַזיצט אַ באַקוועמע הויז, אין וועלכן עס איז געווען אפילו טעלעפאָן. עס איז געווען גענוג נאָר אַנטעלעפאָנירן צו רותן, ווי זי האָט שוין באַלד צעלייגט אַ געמיטלעך פייער און צוגעגרייט אַ געשמאַקן אָוונט־ברויט.

צוערשט, פאַרשטענדלעך, האָבן זיי זיך אָפגעשטעלט ביי דעם קוואַל, אַלץ באַטראַכט, און דורכגעשמועסט זיך מיטן פאַרוואַלטער.

מען האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעשטויסט אויף נאַפטשפורן, הער ראָס האָט באַפוילן צו נעמען אַ פראָבע פון דעם דאָזיקן שיכט, מאָרגן וועט קומען הער באַנינג, דער געאָלאָג, וועט ער זי אַנאַליזירן.

זיי זענען צוגעקומען צום בויערטורעם. די שטאַנגען זענען געווען אַרויסגענומען, און לאַך האָט אַראָפגעהאָנגען אַ דראָט־שטריק. דערזעענדיק זיי ביידע, איז דעווי מערגין, דער מייסטער שנעל צוגעלאָפן צו זיי, מען האָט דערקענט אין אים, אַז עס איז עפעס געשען, „אַן אומגליק, הער ראָס."

„וואָס איז?"

„אַ מענטש איז אין לאָך אַריינגעפֿאַלן".

„גאָט מיינער! ווער?"

בוניס האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אים איז באַלד איינגעפֿאַלן, אפֿשר פּאָול.

„איינער מיטן נאָמען זשאָע גונדאַ, איר קענט אים נישט."

„קיינער ווייסט נישט. מיר האָבן דעם בויער איבערגעגעבן, און דער דאָזיקער מענטש איז אָן אַ שום סבה אַריינגעקראָכן אין קעלער אַריין, ער האָט דאָרט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זוכן.

אַ לענגערע צייט האָט גאָר קיינער פֿון אים נישט געקלערט."

„איז ער אויף געוויס אַריינגעפֿאַלן אין דער לאָך?"

„מיר האָבן מיט אַ האַטשיק געפֿאַנגען אין אַ שטיק פֿון זיין העמד אַרויסגעשלעפּט."

בוני איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך.

„טאַטע, קען ער נאָך לעבן?"

„ווי לאַנג איז ער שוין אין לאָך?"

„מיר פֿאַנגען שוין פֿון אַ האַלבע שעה".

„אַזוי איז ער דערטרונקען געוואָרן אין דעם שליים. ווי טיף איז ער אונטן?"

„אַ פֿופֿציק פֿיס. אַזוי טיף זינקט דער שליים, ווען מיר נעמען אַרויס די שטאַנגען. ער האָט געמוזט אַריינפֿאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַ נישט וואָלט עס אים געלונגען צו האַלטן דעם קאָפּ איבער דעם שליים און צו מאַכן אַ ליאַרם."

„גאָט מיינער! גאָט מיינער!"—האָט הער ראָס געקרעכצט.—איך וואָלט דאָס בעסער איינגעזען אַוועקגעוואָרפֿן. ווי אַזוי קען מען העלפֿן מענטשן, וועלכע גיבן אַליין אויף זיך נישט אַכטונג?"

בוני האָט שוין דעם אויסרוף געהערט צום טויזנטסטן מאָל.

דאָס לאָך האָט געהאַט אַ דעק, און יעדער, וועלכער האָט געוואָלט גיין אין קעלער אַריין, האָט באַדאַרפט מיט דער דעק דאָס לאָך צודעקן.

ביי די ברעגעס פון דעם לאָך האָט די ערד זיך געהאַלטן אין איין ברעקלען, אַזוי אַז די ראַנדן זענען שטענדיק געווען שליימיק און גלאַט, דערצו איז נאָך צוגעקומען דער נאַפט.

און דאָך האָבן זיך די מענטשן געשפּילט אויף די ראַנדן פון דעם אָפּגרונט מיטן טויט.

„האָט ער געהאַט אַ פאַמיליע?"—האָט דער פאָטער געפרעגט.

„ער האָט דערציילט פּאָול וואַטקינס, אַז זיין פרוי מיט די קינדער לעבן אין אָקלאַהאָמע, ער האָט דאָרט אויף די נאַפט-פעלדער געאַרבעט."

דער פאָטער איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און געגלאָצט פאַר זיך.

קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אַלע האָבן געוווסט, אַז דער פאָטער האָט אַן ערלעכן אינטערעס פאַר זיין אַרבעטער, עס האָט אין אַ געוויסער מאָס באַפרידיקט זיין פערזענלעכן שטאָלץ ווען ער האָט פאַר זיי זיך גוט געזאָרגט.

בוני האָט דערפילט אַ פיזישן עקל, עס איז ווירקלעך געווען שרעקלעך, וואָס דאָס האָט זיך געטראָפן ביי זיין קוואַל, ביי דעם ערשטן קוואַל, מיט וועלכן ער האָט דאָס נייע פעלד אָנגעהויבן...

איצט איז פאַר אים געווען אַלץ צעשטערט, ער וועט זיך שוין אפילו נישט קענען איבער דעם נאַפט פרייען, אויב אפילו זי איז ווירקלעך פאַראַן.

„נו?"—האָט ענדלעך געפרעגט הער ראָס.—„און וואָס טוט איר איינגעבטלעך? איר לאָזט זיך שוין ראָפּ דעם האַטשיק און ציט אים אַרויף? אויף אַזאַ אָרט וועט איר אים קיינמאָל נישט אַרויסנעמען, איר מוזט נעמען די פאַנגשער."

„מיר האָבן געקלערט... זי וועט אים אינגאַנצן צערייסן...“ — האָט דערקלערט דעווי מורגין וואַקלענדיק.

„איך ווייס עס, אָבער דאָך מוזט איר עס טון. עס איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל נאָך לעבן. פאָרווערטס. זעט, אַז די זאַך זאָל באַלד דערליידיקט ווערן. איך וויל האָפן, אַז דער אומגליק וועט אייך אַלע דינען פאַר אַ וואָרנונג.“

דער פּאָטער איז אַרויסגעשטיגן פונם אויטאָ און באַפוילן בונין, די זאַכן אין שטוב אַריינטראָגן, און רותן פּאָרזיכטיק דעם אומגליקספאַל מיטצוטיילן.

זי וועט זיך שטאַרק ערגערן, באַזונדערס, ווען דער מענטש איז איר פּערזענלעך באַקאַנט.

בוני האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פּאָטער וויל נישט, אַז ער זאָל זיין ביי דעם, ווען מען וועט דעם צעריסענעם קערפּער אַרויסציען.

נישט קענענדיק ברענגען דאָ קיין שום נוצן, האָט ער שווייגנדיק פאַרקירעוועט דעם אויטאָ און אַוועקגעפאָרן.

אין פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי די מענטשן שרויפן צו די פאַנגשער צו די שטאַנגען, דאָס איז געווען אַן אינסטרומענט, וואָס האָט אַלע זאַכן, וועלכע זענען אין לאָך אַריינגעפאַלן, מיט שאַרפע האַטשקעט געפאַנגען.

מעגלעך, אַז זיי וועלן זשאָע גונדא ביי די פיס אָנכאַפן, מעגלעך ביי דעם געזיכט — אויף וואָס ווייניקער מען קלערט וועגן אַזעלכע זאַכן, אַלץ בעסער איז, אין אַן אַנדערפאַל קען מען קיין שום פרייד נישט האָבן פון דעם נאַפט שפּיל.

העררראָס איז געקומען אין אַ צוויי שעה שפּעטער און זיך צוגעלייגט אַ ביסל.

יאָ, זיי האָבן דעם קערפּער אַרויסגענומען און נאָך דעם דאָקטאָר טעלעפאַנירט, ער וועט אַראָפּקומען מיט אַ קאָמיסיע, וואָס וועט דעם מת באַטראַכטן, און אַרויסגעבן אַ דערלויבניש אים צו באַגראָבן.

פּאַול האָט אין דעם צימער פונם טויטן אַלע זאַכן דורכגעקוקט און זיי איינגעפּאַקט, כדי זיי קענען אָפּשיקן דער אלמנה.

דער פאָטער האָט געטראָגן ביי זיך אפשר א האַלב טוץ בריוו, וועלכע פאָול האָט געפונען.

און ווייל ער האָט נישט געוואָלט בוני זאָל מיינען, אַז עס איז לייכט געלט צו פאַרדינען, אָדער, אַז דאָס לעבן איז אַ קינדשפּיל, האָט ער אים געגעבן די בריוו איבערצו-לייענען.

בוני האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און זיי געלייענט: קליינע, קלאָגנדיקע בריוולעך, מיט קינדישער שריפט געקריצט, וועלכע האָט מיטגעטיילט אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז סוסיס האַרץ וועט נאָך דער קריפּע נאָך לאַנג בלייבן שוואַך, אַז בעבי האָט באַקומען צוויי נייע ציין און איז אויסערסט ווייַנעדיק, אַז די מומע מערי איז געווען און דערציילט, אַז ווייַ-ליין און טשיקאַגאָ גייט שוין ווייטער גוט, דערנאָך איז נאָך געווען אַ סך ריידלעך און פּאַסיקלעך, קושן פון דער מוטער, סוסי און בעבין.

איין זאַך האָט באַזונדערס גוט געווירקט אויף דעם פאָ-טער און בונין:

„ווי בין איך צופרידן, וואָס דו האָסט איצט אַזאַ גוטן אַרבעטסגעבער!”

עס איז געווען אַן אומעטיקער אָוונט.

זיי זענען זייער ווייניק געזעסן פאַר דעם גוטן אָוונט-ברויט, וואָס רות האָט זיי צוגעגרייט, זיי האָבן גאָר קיין אַפּע-טיט נישט געהאַט.

זיי האָבן אַ סך גערעדט איבער אומגליקסצופאַלן, דער פאָטער האָט דערציילט, וואָס עס איז געשען ביי זיין ערשטן קוואַל: מען איז קוים אַ דרייסיק פיס אין דער ערד אַריינגעדרונגען ווען אַ קליין קינד איז אַריינגעקראָכן אין קעלער און אין דעם לאָך אַריינגעפאַלן.

זיי האָבן געפאַנגען מיט אַ גרויסן האַטשיק און עס האָט זיך איינגעגעבן דעם האַטשיק אונטער דעם לייב פון קינד אַרונטערצושטעקן און דאָס פאַרזיכטיק אַרויסנעמען.

אינמיטן אָבער האָט זיך דאָס קערפּערל פונם קינד פאַר־טשעפּעט אין עפּעס און זיי זענען געבליבן היך־פלאַז.

דאָס קינד איז געבליבן הענגען אין לאָך, עס האָט נישט געשריגן, נאָר עס האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן:

„הוהו״,—עס ה־אָט אויף קיין איין אויגנבליק נישט אויפ־געה־ערט.

האָט מען אַ צוואַנציק פּיס פון דעם קוואַל אויסגעגראָבן אַ צוגאַנג אין וועלכן צוויי מענטשן האָבן געקענט אַרבעטן.

זיי האָבן געריסן די ערד מיט ברעכשטאַנגען און האַטשקעס, און די אַנדערע אַרבעטער האָבן די ערד אַרויס־גענומען.

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז מען איז צו דעם קינד צוגעקומען און מען האָט עס געקענט פון אַ זייט אַרויס־נעמען. דער האַטשיק האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דעם זייטל, אָבער ער האָט נישט געמאַכט קיין טיפע וווּנד, אַזוי אַז אין אַ פּאָר טעג איז דאָס קינד געווען פאָלקאָם געזונט.

דאָס לעבן איז מאָדנע.

וואָלט בוני דעם טאָג געבליבן אין דער היים, אַזוי וואָלט ער מיט ראָזי טענטאָר דעם פּוטבאָלמעטש בייגעווינט, און אין דעם זעלבן אויגנבליק, ווען דעם אָרעמען זשאָע גונדאַ איז דאָס אומגליק געטראָפן, וואָלט ער באַגייסטער, געברילט איבער אַ שאָס פון איינעם פון זיין מאַנשאַפט.

אין אָוונט וואָלט ער טאַנצן געגאַנגען. יאָ, בערטיע געפינט זיך ווירקלעך איצט אויף אַ באַל, אָדער אין דער היים פון איר אַן עלעגאַנטער פריינדן, אָדער אין איינעם פון די בכבודיק־סטע ד־אַטעלן.

בוני האָט זיך פאָרגעשטעלט די שוועסטער מיט שניי־ווייסע שימערנדיקע פּלייצעס, ווייסן בוזים, ווייכן גלענצנדיקן קלייד און מיט דעם לעבהאַפטן שטראַליקן געזיכט.

זי טרינקט איצט אפשר שאַמפּאַן, אָדער זי טאַנצט איצט מיט עשלייוו מאַטעס, מיט דעם יינגן מאַן, אין וועלכן זי איז איצט פאַרליבט.

און די מומע עמא שפילט איצט אין קאָרטן, אָנגעטון מיטן גרעסטן פוץ, און די באָבע מאַלט איצט אַ יינגן לאָרד אָדער אַן הערצאָג, וועלכער קושט די האַנט פון זיין געליבטע.

יאָ, דאָס לעבן איז מאָדנע—און גרויזאַם. מען לעבט נאָר אין דעם קליינעם קרייז פון דעם אייגענעם באַוווסטזיין, און וואָס מען ווייסט נישט, דאָס קרענקט נישט. איינעם וועט דער יום־טוב פון שניט ווערן צעשטערט, ווייל אַן אָרעמער אַרבעטער איז אַריינגעפאַלן אין קוואַל אַריין, וועלכער געהערט צופעליק אים, אָבער אויף דעם גאַנצן לאַנד, אויף אַנדערע נאָפּטפעלדער זענען פאָרגעקומען צענדליקער, הונדערטער אומגליקן, און דאָס באַרירט גאָר קיינעם נישט.

און ווען מען דערמאָנט זיך נאָך אין די מענטשן, וועלכע ווערן איצט אין אייראָפּע אויסגעשאָכטן! פון פלאַנדריע ביז אין דער שווייץ ליגן אויסגעלייגט חילות אין די אָקאָפּעס, באַמבאַרדירן זיך געגנזייטיק גאַנצע טעג און נעכט, און טויזנטער ווערן אַזוי שוידערלעך צעריסן, גלייך די פאַנגשער האָט זיי געפּאַקט.

אין די דאָזיקעווירקלעכקייט לאָזט מען אַ דורך קאַלט, נעמט נישט צו ביי קיינעם אפילו דעם אַפּעטיט.

די דאָזיקע אַלע מענטשן באַדייטן פאַר איינעם, נאָך ווייניקער, ווי די וואַכטעלן, וועלכע מען וויל מאָרגן שיסן.

דער דאָקטאָר איז געקומען, און זשאַע גונדאַ איז געוואָרן באַגראָבן אויף דעם שפּיץ פון אַ בערגל, אַ הילצערנעם קרייץ האָט באַצייכנט דאָס אָרט.

עס איז דערשינען הער סרובס, דער פּרעדיקער און עליס קיזן, אויך עלו אַליין איז געקומען צוזאַמען מיט די עלטערן און איניקע אַלטע מענער און פרויען, וועלכע גייען געכן אויף לוויות.

עס איז געווען מערקווירדיק, וואָס הער ראָס איז געווען צופרידן פון דער אָנוועזנהייט פון די מענטשן. זיי האָבן געוווסט וואָס מען דאַרף טון אין אַזאַ ענלעכן פאַל, ער אָבער האָט עס נישט געוווסט.

פאַרשטענדלעך, אַז דעם אָרעמען זשאָע האָט עס נישט געבראַכט קיין שום נוצן, ווען מען האָט איבער זיין צעריסענעם קערפּער געבעטן און געפּרעדיקט, אָבער עפּעס איז פאָרט פאָרגעקומען און עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זענען געקומען דאָס צו טון, מען האָט נאָר באַדאַרפט שטיין אָן אַ היטל אויף דער זון און דערנאָך דעם פּרעדיקער צען דאָלאַרן אין דער האַנט אַריינשטופּן.

יאָ, ווי ביי דעם לעבן, אַזוי ביי דעם טויט, האָבן זיך שטענדיק געפונען מענטשן, וועמענס באַרוף עס איז געווען צו טון דאָס, וואָס מען האָט באַדאַרפט, און דערפאַר ווערן באַלוינט.

דאָס האָט אויסגעזען בונין גאַנץ נאַטירליך, צו דאָס איז געווען הער סרובס, וועלכער האָט געבעטן איבער אַ טויטן אַרבעטער, אָדער דער מאַן אין דער בענזינסטאַציע, וועלכער פאַרקויפט בענזין, נאַפט און וואַסער, אָדער די מלוכה באַאַמטע, וועלכע בויען גאַסן צום פאָרן.

דער פּאָטער האָט דער פרוי גונדאַ אַ טעלעגראַמע געשיקט מיט דער טרויעריקער ידיעה, און איינצייטיק איר מיטגעטיילט, אַז ער שיקט איר צו אויף דרינגנדיקע אויסגאַבן אַ טשעק אויף הונדערט דאָלאַר.

דערנאָך האָט דער פּאָטער נאָכאַמאָל געשריבן צו דער פרוי, אַרויסגעשריבן פון אַלץ, ווי עס איז געשען און איר איבערגעשיקט דעם טויטנס זאַכן.

הער ראָס איז געווען פאַרזיכערט פאַר אומגליקסצופאַלן. די געזעלשאַפט וועט שוין דער פרוי גונדאַ באַצאָלן, זי מוז נאָר צושטעלן איר פאָדערונג צו דער קאָמפּאַניע.

זי וועט וואַרשיינלעך אַ פינפטויזנט דאָלאַר דערהאַלטן. הער דאָס האָט איר געראַטן דאָס געלט אין מלוכה-פּאַפּירן צו האַלטן, און נישט זיך לאָזן באַשווינדלען דורך קויפן נאַפט-אַקציעס, אָדער אַנדערע ווערטפּאַפּירן.

דערמיט איז די זאַך געוואָרן פאַרענדיקט, און דער פאָטער־
האָט געמיינט, אַז איצט קענען זיי שוין גיין וואַכטעלן שיסן און
דאָס גאַנצע אומגליק, וועלכעס זיי האָבן דאָך נישט געקענט פאָר־
רויסזען, פאַרגעסן.

צוני האָט איינגעשטימט, נאָר דאָס מאָל האָט אים די יאַגד
קיין שום פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. אויף אַן אומפאַרשטענד־
לעכן אופן האָבן זיך אויסגעמישט ביי אים די וואַכטעלן מיט
זשאָע גונדא און מיט די זעלנער אין פראַנקרייך. ער האָט אויפ־
געשוידערט ווען ער האָט די קליינע, צעשאָסענע, טויטע קער־
פערס דערזען.

## VI

עס האָבן זיך דערנענטערט די ניי-יאָר יום-טובים און בוני האָט שוין געהאַט צונויפגעשטעלט זיין גאַנצן יום-טוב פּראָגראַם.

אין טאָג פון קריסטוס געבורט וועט ער דעם פאָטער פאַרשלעפּן אויף א פוטבאָלמעטש, דעם צווייטן טאָג וועט ער מיט אים אַרויספאָרן קיין פאַראַדיז און בלייבן דאָרט ביז ניי-יאָר, ווען עס קומט פאָר א צווייטער מעטש.

אין פאַראַדיז איז אַלץ געגאַנגען גוט, זיי האָבן שוין דערגרייכט איבער צוויי טויזנט פיס די טיף, און איצט האָבן זיי געבויערט אין א ווייכער שיכט, וועלכע האָט קיין שום ווידערשטאַנד כמעט נישט געשטעלט.

ווען בוני איז עטלעכע וואָכן פאַר די יומים-טובים פון שולע אַהיימגעקומען, האָט אים די מומע עמאַ באַגעגנט מיט די ווערטער:

„דיין פאָטער האָט נאַרוואָס טעלעפאָנירט עפּעס וועגן דער עקסצעלדיאָר-פעטראָלעום-געזעלשאַפט.“

„וואָס איז געשען?“ — האָט אויסגערופן בוני.

„מען האָט געפונען נאַפט.“

„אין פאַראַדיז?“

בוני איז אַן אויסגערעגטער צו צום טעלעפאָן.

דער פאָטער האָט מודיע געווען, אַז דעווי מורגינס האָט אים טעלעפאָנירט, אַז „עקסצעלזיאָר־ קאָרטער נומער 1" האָט נאָך צוריק מיט איניקע טעג זיך אָנגעשלאָגן אויף זאַמד, וועלכער אַנטהאַלט זיך נאַפט.

מען האָט עס געפּרוווט האַלטן בסוד, אָבער איצט בעטאָנירט מען שוין, און מען קען עס שוין מערנישט פאַרבאָרגן.

בוני איז באַלד אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ און אַוועק אין ביורא.

דאָ האָט געהערשט אַ גרויסע אויפרעקונג, די נאָכמיטאָג בלעטער האָבן שוין געבראַכט די ידיעה און עטלעכע פון דעם טאַטנס נאַפטפריינט זענען אָנגעקומען אַרומצורעדן דעם ענין.

פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט באַדייט אַ ניי פעלד, איצט וועלן שוין די מענטשן מאַסנווייז זיך יאָגן קיין פּאַראַדיז! הער ראָסן איז געווען מקנא צו זיין, — האָט ער זיך דאָרט צוועלף טויזנט אַקר ערד! ווי אַזוי איז ער געקומען צו דעם געדאַנק דאָרט ערד צו קויפן? הער ראָס האָט געענטפערט אַז דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין אידעע, ער, האָט אויסגעגעבן הונדערט־טויזנט דאָלאַר, כדי זיין זון פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן, פאַראינטערעסירט אים אין געשעפט און אפשר אויך כדי אים אַ לעקציע צו געבן.

איצט אָבער זעט עס אויס, גלייך ווי דער זון האָט אים אַ לעקציע געגעבן! הער באַנקסיד, ז'איצט שוין אַ גאַנצער נאַפטמאַגנאַט, וועלכער האָט שוין אַליין באַזיצט אַן אייגענעם בויערטורם, האָט געענטפערט, אַז ער האָט שטענדיק געהאַפט, אַז זיינע עלצטע זין וועלן ביי דער ערשטער ספּעקולאַציע געלט פאַרלירן, און אַזוי אַרום זיך אָפּגעוואוינט פון ספּעקולירן.

דער פאָטער האָט צוגעשאָקלט, ער האָט אָבער געמיינט, אַז אין פאַל, וואָלט עס בונין צופיל געזונט געקאָסט, ווייל אַ סך געלט איז דאָ געשטאַנען אין קאָן.

פון דעם אויגנבליק אָן איז בוני געזעסן, ווי אויף נאָדלען, ער האָט שוין געוואָלט פאָרן קיין פאַראַדיז.

אָבער דער פאָטער האָט דאָס אים נישט דערלויבט.

בוני האָט דערקלערט, אַז דער פוטבאָל-מעטש אינטערע-סירט אים לגמרי נישט; אויף דעם האָט דעם פּאָטער געענט-פערט, אַז ער האָט זיך ניינאונפופציק יאָר אויסגעלעבט גליק-לעך, נישט זייענדיק קיין מעטש, ער וועט אויך ווייטער אויס-קומען אָן דעם.

דערווייל האָט דער בויער געאַרבעט אָן אָן אויפהער.

זיי האָבן שוין דערגרייכט 2300 פיס די טיף און געוווסט האָבן זיי, אַז „עקסצעלסיאָר-קאַרטער נומער 1" האָט זיך אין דער טיף פון 2437 פיס אויף נאַפט אָנגעטראָפן.

בוני איז אַזוי געווען אויפגערעגט, אַז נאָך יעדער שול-שעה איז ער צום טעלעפאָן צוגעלאָפן און זיך נאָכגעפרעגט, צי עס זענען נישטאָ קיין ידיעות פון פּאַראַדיז.

דריי טעג פאַר יום-טוב האָט ער ענדלעך פאַרנומען דאָס בשורה-וואָרט: אַז בוניס בויערער האָט דערגרייכט צו דעם זאַמד-שיפּט, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך נאַפט.

ווי נאָר ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער שול, אַזוי איז ער באַלד געלאָפן אין דער ביורא און זיך צוגעהערט צו אַ טעלעפאָן געשפּרעך.

דער פּאָטער האָט גערעדט מיט דעם מאַן, וועלכער פלעגט אים מאַשינען צושטעלן, ער האָט באַשטעלט ביי אים אַ פּוט-ליאַר, דעם גרעסטן וואָס איז נאָר דאָ, מען זאָל אים באַלד אָנלאָדן און צו דעם קוואַל צושיקן.

דערנאָך האָט דער פּאָטער ווידער גערעדט מיט מורגינסן און האָט אים מיטגעטיילט וועגן דעם פּוטליאַר, ער זאָל אים גוט איינמויערן מיט אַ סך צעמענט אויסבעטן, מינדעסט פופציק טאָן צעמענט פאַרווענדן.

דאָרט אין פּאַראַדיז געפינט מען זיך אויסער-האַלב דער וועלט, און דאָרט ווען עס ווערט עפּעס קאַליע קומט עס אָן שווער צו פאַרריכטן.

איצט איז דערגרייכט געוואָרן די ריכטיקע שיכט, נאַפט, אַן אוצר פון נאַפט, האָט זיי דערוואַרט אונטער די פעלזיקע

בפּרגלעך, אויף וועלכע מען האָט יאָרנלאַנג צ״גן און שאָף גע־פּאַשעט.

דער פּאַטער האָט געהאַלטן אין איין באַשטעלן טאַנקסן.

מען האָט אָנגעהויבן ווייטער צו בויערן און מען האָט דערגרייכט שיכטן, וועלכע האָבן נאָך מער נאַפּט אין זיך אַנטהאַלטן.

ענדלעך האָט דער פּאַטער נאָכגעגעבן, דערקלערנדיק, אַז דער ענין איז אַזוי וויכטיק, אַז בוני דאַרף זיך אויסבעטן מען זאָל אים באַפרייען אויף איין טאָג. הער ראָס האָט באַוויליקן, אַז מען זאָל דעם קוואַל „אויסשווענקען״, ער האָט גערופן די בעט[illegible] נאַרבעטער און באַשטעלט דעם גרויסן לאַסטאויטאָ, וועל־כער זאָל זיי קיין פּאַראַדיז ברענגען.

הער ראָס וועט שוין נאָך זיי קומען, די גאַנצע אַרבעט מוז נאָך פאַר יום-טוב פאַרענדיקט זיין.

דעמאָלט וועט מען דעם יום-טוב פּראַווען מיטן גרעסטן אינדיק, וועלכן עס איז נאָר צו געפונען אין דעם דאָזיקן אינ־דיקלאַנד.

מאָרגן פרי האָבן זיך דער פּאַטער מיט בונין געלאָזט אין וועג אַריין, איצט האָבן זיי געשלאָגן דעם גרעסטן שנעל־קייט רעקאָרד.

נאָר איינמאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט כדי צו טעלע־פאָנירן.

דער מייסטער האָט געמאָלדן, אַז עס ווערט געשווענקט די „עקסצעלסיאָר-פּעטאָש״ גראָבט שוין אינם בעטאָן און דאַרף בי[illegible]ד דעם נאַפּטקוואַל דערגרייכן.

אין סאַן עלידאָ האָט דער פּאַטער געזאָגט:

„מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און דזשעק קאָפּעי די האַנט דרוקן.״

זיי זענען צוגעפאָרן צו זיין קראָם, בוני איז אויסגעשטיגן און אַריינגעגאַנגען.

„דזשעק איז קיין פּאַראַדיז געפאָרן, כדי דעם קוואַל צו [illegible]ען.

האָט איר שוין געהערט דאָס נייעס? די עקסצעלזיאַר-פּע-טאָזש האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ „גושער“ (שפּרינגער, שפּריצער, אַ פאָנטאַן און אויסשטראָמנדיקן נאַפט) און די נאַפט פּאַרפּלייצט אַלץ.“—האָט דערקלערט אַן אָנגעשטעלטער.

בוני איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און. נאָך פון ווייטן געשריגן צו דעם טאַטן דאָס נייעס.

דערנאָך איז ער אַריינגעשפּרינגען אין דעם אויטאָ.

גאָט, ווי שנעל די גאַס איז פאַר זיי אַנטלאָפן!

דער פאָטער האָט לאַכנדיק באַמערקט, אַלע פּאַרקערפּאָליצ-יאַנטן זענען איצט אוודאי ביי דעם קוואַל.

זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאַראַדיז; די שטאָט איז גע-ווען ליידיק, אויף דער גאַס איז נישט געווען צו זען, נישט קיין מענטשן און נישט קיין אויטאָס, אויסער די, וועלכע זענען גלייך מיטן פאָטערס די שטאָט פאַריבערגעפאָרן.

גנבים וואָלטן זיכער געקענט באַרויבן די גאַנצע שטאָט, אָבער זיי זענען באַשטימט צוזאַמען מיט די פּאַרקער פּאָליציאַנטן געווען ביים קוואַל.

דעם אויטאָ האָט מען געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ האַלבן מייל פון דעם קוואַל; דאָס ברילן פונם גושער האָט זיך גע-גלייכט צו דעם גערויש פונם ניאַגאַרען-פאַל.

ווי נאָר זיי האָבן דערגרייכט דעם אויסבויג פונם וועג, אַזוי איז אַלץ געווען שוואַרץ; אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן און ווי ווייט נאָר דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָט עס געזען ריכטיקע שטורמוואָלקנס. אַ פאָרהאַנג פון שוואַרצע נעפּלען וועלכע האָבן דעם בויערטורם איינגעהילט.

עס איז אויסגעקומען צו פאָרן אַרום, ווו עס איז אויך געשטאַנען די מאַסע און געגלאָצט מיט די אויגן אויף דעם ריזיקן שוואַרצן שפּרינגקוואַל, וועלכער האָט אַרויסגעשאָסן פון דער ערד אויף אַ הונדערט פיס אין דער הויך און געדונערט, ווי אַ שנעלפאָרביילויפנדיקן עקספּרעסצוג.

אונטער דעם בויערטורעם האָבן מענטשן געפּרווט צו אַרבעטן; מען האָט געזען פונדערווייטנס, ווי זיי פּלייסן זיך מיט העק און רידלען אַ קוואַל צו מאַכן, וועלכער זאָל דעם נאַפט אויפהאַלטן.

אָבער דער פּאַטער האָט דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט קענען קיין סך אויפטועון.

הער ראָס האָט באַטראַכט די סצענע מיט פילאָזאָפישער רו, עס האָט דאָך מיט אים נישט אָנגעקערט.

וואָלט דער קוואַל געהערט צו איינעם פון די „אומאָפּהענגיקע”, ווי ער איז, אַזוי וואָלט ער זיין הילף פאָרגעלייגט.

אָבער די לייט פון דער עקספּלאָזיע־פּעטראָזש־געזעלשאַפט זענען געווען אַ געמיינע באַנדע, וועלכע איז געווען אין דערמיינונג, אַז די קליינע מענטשן האָבן אויף דער וועלט בכלל נישט וואָס צו זוכן, און וועלכע קיין שום שוועריקייטן האָט נישט אָפּגעשראָקן.

פאַרשטענדלעך איז עס אַ שאָד, וואָס אַזויפיל אוצרות גייען לאיבוד, אָבער מען דאַרף נישט זיין סענטימענטאַל, ווען מען מאַכט מיט דאָס „נאַפט־שפּיל”.

מען דאַרף נאָר לייגן אַכט אויף דעם, אַז דער ווינט זאָל זיך פּלוצים נישט אויסדרייען, און דער נאַפטשטראָם זאָל נישט פון דעם גוטן אָנצוג אַ תל מאַכן.

## VI

זיי האָבן באַטראַכט אַ ווײַלע דאָס שוישפּיל, באַלד אָבער האָבן זיי זיך דערמאָנט אין „זייער אייגענעם קוואַל און זיי האָבן זיך געלאָזט דורך דעם טאָל צו דער וואַטקינס־פֿערמע.

דער פּאָטער האָט געפּרוווט די ערדשיכטן, האָט איבער־געלייענט דעם באַריכט פֿון דעם געאָלאָג, וועלכער האָט די נאַפֿטערד אַנאַליזירט, און זיך איבערצייגט. אַז ער איז גוט גע־שוועבקט געוואָרן, אַזוי אַז אַלץ איז שוין גרייט אויף מאָרגן צו בעטאָנירן.

מען האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, זיי דאַרפֿן מאַכן אַ בעסערע אַרבעט פֿון די עקסצעלסיאָר־לייט, און נישט די גאַנ־צע געגנט מיט נאַפֿט פֿאַרגיסן.

די טאַנקסן האָבן זיך שוין געפֿונען אויף דער באַנסטאַצ־יע, הער ראָס האָט נאָך באַטראַכט דעם אונטערבוי, וועלכער איז געווען פֿאַר זיי באַשטימט.

דער פּאָטער האָט דערקלערט אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן צו זיך אין הויז אַריין, ווו זיי האָבן געטראָפֿן רותן.

בוני האָט אָנגעטון זיין יאַגדאַנצוג און האָט נאָך באַוויזן פֿאַר זונאונטערגאַנג צו שיסן עטלעכע וואַכטעלן.

בײַ דעם אָוונטברויט האָט פּאָול דערציילט פֿון דעם קוואַל, און

אויך וויפל געלט עלו האָט שוין צונויפגעזאמלט אויף זיין קירך.

שפּעטער האָבן זיי זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט צו דעם קוואַל — זיי האָבן פּשוט נישט געקאָנט בלייבן פונדערווייטנס.

עס איז געווען אַ קילער, קלאָרער אָוונט, אין הימל איז געשטאַנען די לבנה און איבער איר אַ גרויסער ווייסער שטערן.

אַלץ איז געווען וווּנדערלעך שיין, און בוני האָט זיך געפילט גליקלעך, ער באַזיצט אַן אייגענעם קוואַל, וועלכער וועט פליסן און אים מיט אַזעלכע אוצרות באַשענקען, אין פאַרגלייך מיט וועלכע אַלע אוצרות פון די לעגענדעס פון „טויזנט און איין נאַכט" זענען אויס קינדיש.

בוני האָט זיך צוגעהערט צו דעם קלאַפּן טיף אונטער דער ערד, נאָך קיינמאָל נישט האָט זיין אויער אַזעלכע טענער פאַרנומען, יעדער טאָן האָט געווירקט ווי אַ קלאַפּ אויף דעם קאָפּ. עס האָט אויסגעזען גלייך עס ווערט אויפגעריסן דער גאַנצער איינגעווייט פון דער ערד.

און דערנאָך...

דערנאָך איז זיך פּלוצים צעפלויגן דער גאַנצער ריזיקער פוטליאַר. וועגן וועלכן דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז אפילו דער וועזווו אַליין וועט אים נישט אויפטרייסלען, אין דער לופט, מיטרייסנדיק מיט זיך דאָס גאַנצע פאַרשאַליעווען, דורך דעם בויערטורם. די באַלקנס זענען צעבראָכן געוואָרן און די דראָט שטיק האָבן זיך צעריסן ווי פעדעם.

בוני איז אַנטלאָפן, יעדער האָט זיך געראַטעוועט, לויפנדיק אין אַן אַנדער ריכטונג.

נאָר לויפנדיק, האָט בוני זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט אויף צוריק, און געזען דעם פוטליאַר מיט די רערן הויך אין דער לופט.

ווען די רערן-שטאַנגען זענען שוין געווען צו לאַנג האָבן זיי זיך אָפּגעבראָכן און מיטגעריסן מיט זיך אַ טייל פון דעם בויערטורם.

פון דעם לאָך האָט אַרויסגעשאָסן צוערשט אַ וואַסערשטראָם, דערנאָך איז געקומען דער נאַפט, שוואַרצע שטראָמען

האָבן זיך געריסן אין דער הויך מיט דעם גוט באַקאַנטען גע־רויש פון אַ שנעלפאַרביילויפנדיקן עקספּרעס צוג.

בונץ האָט אויסגעשריגן, ער האָט געזען, ווי דער פּאַטער מאַכט מיט די הענט, און רופט עפּעס. ער האָט געוואָלט צו־איס צולויפן ווען עס איז געשען דאָס שרעקלעכסטע: די גאַנ־צע נאַפטמאַסע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין איינציקן פלאַם!

עס איז נישט באַוווּסט ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער פלאַם.

אפשר דורך אַן עלעקטרישן פונק, אָדער דורך דעם פּיי־ער אין קעסל, אָדער דורך דעם, וואָס שטיינער האָבן זיך מיט־שטאָל אָנגעשלאָגן.

יעדנפאַלס, האָט זיך פּלוצים דערהויבן אַ פלאַמענשטורם, און דאָס וווּנדערלעכסטע איז געווען, וואָס דער ברענענדיקער נאַפט איז צו דער ערד אַראָפּגעפאַלן, עקספּלאָדירט, און זיך צוריק אַ ריס געטון אין דער הויך און ווידער אַראָפּגעפאַלן. עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע רויטע פלאַמען, און שוואַרצע רויך־מאַסעס, וועלכע האָבן זיך אויך אויף רויט צעגליט.

רויך־בערג האָבן זיך געטורעמט צום הימל און פלאַמען בערג זענען זיך צעפאַלן אויף דער ערד. יעדער שטראַל, וועל־כער האָט די ערד באַרירט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וואול־קאַן, וועלכער ד׳האָט נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן, נאָך ד׳העכער ווי־פריער.

אַ לאַווע־שטראָם האָט פון דעם בערגל אַראָפּגעפליסט צום־פאַרוואַנדלט אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף דעם וועג אין־פלאַמען.

דערנאָך זענען פאַרשוווּנדן די פלאַמען הינטער רויך־וואָלקנס.

די שווערקייט האָט אַ ריס געטון דעם שטראָם באַרג־אַראָפּ און דער ווינט האָט אים אונטערגעטריבן.

איצט האָט דער לאַוועשטראָם דערגרייכט דעם באַראַק, דעם אינסטרומענטן לאַגער, און זיי פאַרשלינגען אין איין אויגנבליק. ווען דער ווינט האָט דעם ברענענדיקן טייך אַ יאָג גע־

פון אין אן אנדער זייט, אזוי האט מען דערזען דעם גאנצן בויערטורם אין פלאמען.

ענדלעך האט בוני דערזען דעם פאטער און איז צוגע-לאפן צו אים.

הער ראס האט צונויפגענומען ארום זיך די ארבעטער: האט קיינעם נישט געשאדט? ניין, אלע זענען דא, גאט צו דאנקען!

הער ראס האט באפוילן פאולען צו לויפן אין דער פער-מע און די פאמיליע אועקפירן ווייט אין די בערג, ווייל מען קען נישט וויסן וווּ עס וועט נאך זיין אן אויפרייס.

בוני איז מיטגעגאנגען מיט פאולען. זיי האבן געפונען דער פאמיליע אויף די קני שטיין און בעטן, דיביידע מיידלעך האבן היסטעריש געשריגן.

די ביידע יינגלעך האבן געצווונגען די וואטקינס צו אנט-לויפן.

„לאזט איבער אייער ביסל ארעמקייט״,—האט אויסגערופן בוני,—דער פאטער וועט אייך אומקערן פאר זיי!״

פאול האט זיך דערמאנט אין די ציגן און זיי האבן זיך געאיילט צו דער ציגנשטאל. אבער די צעשראקענע ציגן האבן זיך שוין אליין דורכגעריסן און צעלאפן. זיי האבן אליין גע-קענט זארגן פאר זיך.

בוני האט צוריק געאיילט צו דעם קוואל. אויף דעם וועג האט ער באגעגנט דעם פאטער אין אויטא.

הער ראס איז געפארן דינאמיט ברענגען. דערווייל זאל זיך בוני האלטן ווייט פון דער שרפה.

און דער פאטער איז פארשוואונדן אין דעם טונקלקייט. צום ערשטן מאל האט בוני געזען, אז דער פאטער זאל נישט האבן אלץ וואס ער באדארף אונטער דער האנט. ער האט נישט געקלערט פון דעם, ער זאל אויך זיינע רייזעס דינאמיט מיט-נעמען.

בוני האט שוין פארשטענדלעך, פון נאפט שרפות, דער ערע? פון דער אינדוסטריע געהערט.

ער האָט איך געוווסט אויף וואָס פאַר אַן אופן זי ווערט אָפּגעלאָשן.

וואַסער נוצט דאָ צו גאָרנישט, אין געגנטייל, די היץ צעלייגט די וואַסער אויף אירע באַשטאַנדטיילן, און דער זויערשטאָף דערנערט נאָך די פלאַמען.

מען האָט באַדאַרפט אַן אומגעהייערע מאַסע פון דאַמף, דערצו אָבער האָט מען געמוזט האָבן אַ סך קעסלען.

דאָ אָבער איז נאָר געווען איין קעסל, און ביז מען וועט די אַנדערע ברענגען, וועט דערווייל די שׂרפה ווייטער בושעווען.

דאָס האָט געקענט אַזוי טעג געדויערן

דערווייל אָבער זענען מיליאָנען געגאַנגען פאַרלוירן!

בוני האָט פאַרשטאַנען אַז דער פּאָטער וויל פּרווון דאָס פאַרצווייפלטע מיטל—מיט דינאַמיט די לאָך פאַרשטיפּן. געוויס, ריזיקירט מען דאַבײַ דעם גאַנצן קוואַל צו פאַרשיטן.

בוני מיט פּאַולען זענען געגאַנגען הינטער דעם ווינט און האָבן דערגרייכט דעם קוואַל.

די אַרבעטער זענען געווען פאַרנומען דערמיט ווי מעגלעך אַם נענסטן צו דער שׂרפה אויסגראָבן דעם שאַכט פאַרן דינאַמיט.

אַלס שוץ קעגן דער היץ, האָבן זיי אויפגעשטעלט עטלעכע שטאָלענע קאָרעטעס, אין וועלכע מען האָט געמישט דעם צעמענט, און זיי כּסדר מיט וואַסער באַשפּריצט.

דאָס וואַסער האָט זיך באַלד אין דאַמף פאַרוואַנדלט, ווי נאָר זי האָט דעם שטאָל באַרירט.

איין מאַן איז צוגעלאָפן צו דעם ברענענדיקן אָרט שנעל אַ פּאָר לאָפּאַטעס ערד אַרויסגעוואָרפן, און צוריק אַנטלאָפן, אויף זיין אָרט איז צוגעלאָפן אַ צווייטער.

דעווי מורגינס ליגנדיק אויף דער ערד, דעם קאָפּ מיט נאַסע לייוונט אַרומגעוויקלט, האָט דאָס שפּריצן אויסגעפירט.

די פּאָמפּע איז געווען צושטערט, נאָר צום גליק האָט פונקציאָנירט דער אַרטעזיאַנישער ברונעם.

דעווי האָט געהאַלטן אין איין גיבן באַפוילן און די שאַכט איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער.

פּאָול האָט זיך געאײַלט צו העלפן און אויך בוני האָט געוואָלט פאָלגן זײַן בײַשפּיל.

דעווי אָבער האָט אַ ברום געטון ער זאָל זאָפאָרט צוריק גײן, און אַזוי האָט ער געמוזט שטײן פונדערווײַטנס, צו זען ווי זײַן קוואַל ווערט צעשטערט, און ער האָט נאָר געקענט דאָס פּנים זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען.

איצט זענען שוין די אַרבעטער געווען אונטער דער ערד און דאָרט איז שוין אַלץ געגאַנגען לײַכטער, אָבער דער מענטש וועלכער האָט אין שאַכט געאַרבעט, איז נאָך אַלץ געווען אין געפאַר: גיט זיך אַ דריי דער ווינט נאָר אויף עטלעכע סע־קונדעס, אַזוי פאַרגיסט די גאַנצע מאַסע פון דעם ברענענדיקער נאַפט דעם אַרבעטער.

צום גליק אָבער האָט דער ווינט אומאויפהערלעך גע־בלאָזן אין דער גלײַכער ריכטונג, די אַרבעטער זענען אַרײַנ־געשפּרונגען אין דער שאַכט און געבראָכן ווי משוגעים, די ערד איז געפלויגן אונטער זייערע הענט.

איצט איז די שאַכט שוין געווען נאָענט פון דעם קוואַל, און מען האָט געמוזט פּרוּוון ווי ווײַט נענטער צוצוקומען.

פלוצים איז בונין אײַנגעפאַלן, אַז דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן נאָך דעם דינאַמיט.

ער וועט נישט קענען פאָרן מיט דעם וועג, און וועט זיך מוזן שלעפּן דורך די פעלזיקע בערג, אין דער טונקלקייט, מיט אַזאַ געפערלעכע משא, און בוני איז אים געלאָפן אַנטקעגן אַזוי שנעל, ווי די פיס האָבן אים נאָר דערלויבט.

אויף די וועגן זענען געשטאַנען אויטאָס. אַ סך מענטשן דערזעענדיק די שׂרפה, זענען זיך צונויפגעלאָפן צו באַטראַכטן דאָס שוישפּיל.

בוני האט זיך נאָכגעפרעגט נאָך דעם פאָטער.

פּלוצלעך איז אָנגעקומען אַ הויך טרוימייטערנדיקער אויטאָ,

אין וועלכן עס איז געזעסן דער פּאָטער מיט נאָך איינעם אַ פרעמדן מאַן.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און די מענער ד׳האָבן אויסגעשטיגן.

דער פּאָטער האָט באַפוילן בונין דעם אויטאָ צו ברענגען אויף אַ זיכערע שטעלע און נישט דערנענטערן זיך, נישט ער, נישט דער מאַן.

זיי זענען פּאָרזיכטיק צו דעם קוואַל געגאַנגען.

בוני ד׳האָט געהערט ווי דע׳ פּאָטער ד׳האָט מיט דעם פרעמדן מאַן איינגעחזרט לאַנגזאַם צו גיין. איר דאַרפט נישט איינשטעלן אייער לעבן צוליב עטלעכע טאָן נאַפט.

ווען בוני איז ווידער צוגעקומען צום קוואַל, איז דער פּאָטער מיט דעם מאַן שוין דאָ געווען, און די אַרבעטער האָבן שוין אַריינגעלייגט דעם דינאַמיט.

די עקספּלאָזיע זאָל ווערן אַרויסגערופן דורך אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט, איצט איז שוין אַלץ געווען גרייט, די מענטשן זענען אָפּגעטרעטן אויף צוריק, דער פרעמדער מאַן האָט אַ דרוק געטון און אַ פלאַם האָט אַרויסגעשאָסן, דער נאַפטשראַל איז מאָמענטאַל פאַרשטאָפּט געוואָרן, פּונקט ווי מען פאַרדרייט אַ קראַן.

דער נאַפטסלופּ איז פאַרזינקען, ער איז נאָך אויפגעשפּרונגען עטלעכע מאָל עקספּלאַדירנדיק, דערנאָך איז אַלץ פאַריבער.

דער פייערדיקער טייך האָט נאָך אַלץ געשטראָמט באַרג־אַראָפּ, עס האָט נאָך באַדאַרפט לאַנג געדויערן, ביז ער זאָל אויסברענען.

אָבער די הויפּט שרפה איז שוין געווען איינגעלאָשן.

קיינעם האָט עס נישט געשאַדט. אויסער בוניס געפילן.

ער איז געשטאַנען אויף דעם ראַנד פונעם רויטן גלוט, געקוקט אויף די פּאַדוואַלעס פון זיין שיינעם בויערטורם, אויף די רואינען פון זיין שיינעם באַראַק, אויף די ברעקלעך פון אַלע זיינע האָפענונגען.

וואָלט ער געווען יינגער, אַזוי וואָלט ער געוויינט.

דער פּאָטער איז צוגעגאַנגען צו אים, דערזען זיין גע־זיכט, און פאַרשטייענדיק וואָס עס קומט אין אים פאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו לאַכן:

„וואָס פעלט דען דיר, מיין זון? פאַרשטייסטו דען נישט אַז דו האָסט דיין נאַפּט?"

מאָדנע, צום ערשטן מאָל האָט בוני אַ קלער געטון וועגן דעם.

ער האָט געמאַכט אַזאַ פאַרלעגן פּנים, אַז דער פּאָטער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיינע פּלייצעס, אים צוגע־דריקט צו זיך און געזאָגט:

„דעם קאָפּ אין דער הויך, מיין זון! די שרפה האָט גאָר קיין ווערט נישט, אַ קינדערשפּיל. דו ביסט אַ צענפאַכיקער מיליאָנער!"

„איז דאָס ווירקלעך אמת?"

„אויב דאָס איז אמת! דאָרט פון אונטן געפינט זיך אַ גאַנצער ים פון נאַפט, וועלכער געהערט אונדז, אויסער אונדז קען קיינער דערצו נישט צוקומען. ביסטו אומעטיק צוליב דעם נישטיקן קליינעם קוואַל?"

„אָבער, טאַטע, מען האָט אַזוי שווער דאָ געאַרבעט."

דער פּאָטער האָט נאָכאַמאָל געלאַכט.

„פאַרגעס דאָס מיין קינד, מיר וועלן אים באַלד פונסניי אויסגראָבן, אָדער אַן אַנדערן אויסבויערן. דאָס אינגאַנצן איז מער נישט געווען ווי אַ פייערווערק לכבוד יום־טוב, כדי צו באַגריסן אונדזער אַריינטריט אין די רייען פון די גרויסע.

## קאַפּיטל זיבן

# דער שטרייק.

### I

אַ יאָר איז פאַריבער, די שטאָט פּאַראַדיז האָט זיך פאַר־ענדערט נישט צו דערקענען.

דער גאַנצער וועג פונם טאָל איז געווען אויסגעפּלאַסטערט און באַזוימט מיט קליינע און גרויסע שילדן, וועלכע האָבן פאַר־געלייגט נאָפּטגרונטשטיקער צו פאַרקויפן, אָדער צו אַרענדירן און מיט שאָפּעס, אין וועלכע דאָס פאַרקויפן, אָדער אַרענדירן, איז געשלאָסן געוואָרן.

איז מען ווייטער געפאָרן, אַזוי האָט מען דערזען בויער־טורעמס—איינער איז געשטאַנען האַרט נעבן עליס קירך, און אַן אַנדערער האָט זיך אויפגעהויבן נעבן דעם נאָך מער היילי־קערן, אַלער הייליקסטן, „פירסט־נאַציאָנאַל־באַנק”.

מענטשן האָבן געקויפט אַ גרונטשטיק, אויפגעשטעלט אויף דעם אַ הויז, און שוין אויף דער צווייטער וואָך איז דאָס גע־וואָרן פאַרקויפט און אַראָפּגענומען, כדי אויף דעם פּלאַץ אַ בוי־ערטורעם אויפצושטעלן.

אויף דער מערב־זייט פון דער טאָל, דאָרט ווו דער עקס־צעלסיאָר־גושער איז אַרויסגעשפּרונגען, זענען געשטאַנען עלף

בויערטורעמס, און הינטער זיי האָט מען געקענט אַ פופציק אָנ-צייך, וועלכע האָבן געהערט צו פאַרשידענע געזעלשאַפטן.

אין מזרח-זייט האָבן צוועלף בויערטורעמס אָנגעוויזן דעם וועג צו דעם ראָס-פעלד, און איצט האָט אויך עמעצער אָנגע-הויבן צוגראָבן אויף דער אַנדערער זייט פונם ראָס-פעלד, אויף דעם אָפּהאַנג פון ראָזעוויל, דאָרט, וווּ עס איז אויסגעבויט גע-וואָרן דער מינעראַל-שפּרינגס-האָטעל.

דאָס הויז פון די וואַטקינס איז געוואָרן דער מיטל פּונקט פון אַ דאָרף.

דאָ האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די בערגלעך פּערצן בוי-ערטורעמס, אין טיפער פון אונטן זענען געווען צעשטעלט די טאַנקס, שאָפּעס און ביוראָ געביידעס.

הער ראָס האָט דאָס נייע הויז פון דער פאַמיליע וואַט-קינס געלאָזט אויפבויען ביי דעם אַריינגאַנג אין דאָרף.

די וואַטקינס האָבן אירע ציגן פאַרקויפט; איצט האָבן זיי געפלאַנצט יאַגאָדעס אין אַלערליי גרינוואַרג, געהאָדעוועט הינער און די אייער פאַרקויפט אין די רעסטאָראַציעס.

אויסערדעם האָבן זיי געהאַט אַ קליין קלייטל ביי דעם וועג, אין וועלכן זיי האָבן געהאַלטן היימיש געבאַקענע קוכנס, און אַלערליי זיסע געבעקסן מיט פאַרשידנפאַרביקע געטראַנקען, וועלכע זענען אומגלייבלעך שנעל אין די מאָגנס פון די נאַפט-אַרבעטער פאַרשוווּנדן.

אין דעם דאָזיקן קלייטל האָט מען נאָר קיין פּאַפּיראָסן נישט געקענט קויפן, ווייל רויכערן איז פון דער דירעקטער אַנט-פּלעקונג פאַרבאָטן געווען; דאָס אַלץ האָט מען געקענט באַקומען אין דעם געגנאיבעריקן קאָנקורענץ-קלייטל.

דער נייער באַראַק איז געשטאַנען עטוואָס ווייטער פון דער הינטן, אינם שאָטן פון עטלעכע אייקאַליפּטוס בוימער, צו בוי-ען באַדויערן איז אָבער כמעט קיינמאָל נישט געקומען אַ וועל-כער עס איז אַרבעטער אין דעם שענעם פון רות אויסגעפּוצטן לייענזאַל.

... האָט געוואָלט געוויער ווערן, פאַרוואָס דאָס איז, און פאַול האָט אים דערקלערט, אַז די מענטשן אַרבעטן צופיל.

פאַול אַלס צעסליער האָט נאָר געאַרבעט אַכט שעה אַ טאָג, און האָט דעריבער נאָך געפונען צייט צו לייענען. די נאָפּט אַרבעטער דאַגעגן האָבן געאַרבעט פּתות-ווייז צו צוועלף שעה, זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר, אפילו אין די זונטיקן און יום-טובים. האָרעוועט מען אַ גאַנצן טאָג, אַזוי וויל מען וואָס שנעלער דעם וואָנט-ברויט אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן.

פאַול איז געווען דער עלצטער צעסליער און האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט.

אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ בחור פון זיין עלטער.

ביז אַהער זענען שוין געווען פערציק אַרבעטער הייזער אויסגעבויט געוואָרן, יעדער הויז האָט זעקס-הונדערט דאָלאַר געקאָסט.

דאָס דירה-געלט האָט אָנגעטראָפן דרייסיק דאָלאַר אַ חודש שוין מיט וואַסער, גאַז און באַלייכטונג.

בוני האָט נישט געקענט באַשטימען צי דאָס דירה-געלט איז צו הויך, צי נישט, אויך די אַרבעטער האָבן עס נישט געוווּסט, הער ראָס האָט געזאָגט: די אַרבעטער זענען צופרידן פון די הייזער, און דערמיט האָט ער שוין פאַר זיי, אַלס געשעפטס מאַן געטון אַלץ.

איין זאַך איז בונין שטאַרק אָנגעגאַנגען. עס האָט איבם געערגערט, פאַרוואָס אַלץ וואָס האָט צו טון מיט דער נאַפטאינדוסטריע, איז אַזוי העסלעך.

מען מוז עפּעס אויפטון, כדי די געגנט זאָל שענער אויסזען.

ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט רותן און זיי ביידע זענען געפאָרן קיין סאַן-עלידאָ און איינגעקויפט אָן דעם פּאַטערס וויסן פאַר אַ באַדייטנדיקע סומע יינגע אַקאַציעס און צוויי-הונדערט קאַרטשעס לעפּעכרויזן.

איצט איז נעבן יעדער הויז געשטאַנען אַן אַקאַציע

אין די גאַנצע גאַס איז געווען באַרימט מיט די לעפּעכערויזן.

רות האָט באַקומען יעדן חודש צען דאָלאַר אין דעם שענעם טיטל: „די פאַרוואַלטערין פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכער אַפּטיילונג.״

בוני האָט אָפּגעהיט די בוימער און בלומען, געזעסן אין לייענצימער און זיך איינגעבילדעט אַז ער איז אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר, ווען עס וועט זיך איינגעבן צווישן דעם קאַפּיטאַל און דעם פּראָלעטאַריאַט יענע האַרמאָניע צוועקצושטעלן, פון וועלכער ער האָט פיל געהערט אין די „קופּסן פאַר סאָציאַלע עטיק.״

בוני איז שוין אַלט געווען באַלד אַכצן יאָר, ער איז געווען שלאַנק, דאָך קרעפטיק געבויט, מיט אַ ברוין לייב, געלאָקטע האָר און אַ רויט מויל.

אויסערלעך האָט ער אויסגעזען שטענדיק מונטער, אינערלעך אָבער איז ער געווען אויספּערסט ערנסט, ער האָט זיך געוויסנהאַפט צוגעגרייט צו דער אויפגאַבע אין אַ שענעם טאָג צו פאַרוואַלטן מיט מיליאָנען און באַשטימען דעם גורל פון טויזנטער אַרבעטער.

האָבן מענטשן, וועלכע האָבן איבער אַזעלכע טעמעס ביכער געשריבן, אָדער רעפעראַטן געהאַלטן, אים געקענט געבן גוטע עצות און פאַרשלאָגן, אַזוי איז ער געווען גרייט זיי גערן אָנצונעמען.

ער האָט דעריבער פיל ביכער געלייענט, רעפעראַטן געהערט, גערעדט אינדערהיים מיטן פאָטער וועגן אַזעלכע זאַכן, אָדער מיט פאַולן, ווען ער איז קיין פּאַראַדיז געקומען.

לערערס און לערביכער האָבן באַהויפּטעט, אַז צווישן דעם קאַפּיטאַל און דעם פּראָלעטאַריאַט איז קיין שום דיסהאַרמאָניע נישטאָ, ביידע זענען פאַר דער אינדוסטריע אַלצאייגנס וויכטיק, זענען אין אַ געוויסער מאָס שותּפים און מוזן זיך דעריבער אויסלערנען געגנזייטיק זיך צו פאַרטראָגן.

דער פאָטער האָט געמיינט, אַז דאָס קלינגט גאַנץ שיין,

דאָך איז עס, ווי אַממייסטן עס טרעפט זיך, נישט מער ווי אַ
סטעאָריע, וואָס לאָזט זיך נישט שטענדיק פאַרווירקלעכן.
„די אַרבעטער זענען אומוויסנדע מענטשן,—האָט דערקלערט
הער ראָס,—„זיי פאָדערן פון דעם אַרבעטסגעבער זאַכן וועלכע
מען קען נישט געבן.
פון דעם נעמט זיך די אומצופרידנקייט.“
אָבער ווי דאָס דאָזיקע שלעכטס צו באַזייטיקן האָט ער
נישט געוווּסט, און האָט זיך, זעט אויס, אויך נישט אינטערע-
סירט דערמיט, ער איז צופיל געווען פאַרנומען מיט אַרבעט,
האָט שטענדיק אַלץ נייע בויערטורעמס געמוזט אויפשטעלן.
אייגנטלעך האָט עס אויסגעזען מאָדנע: אויף דער דאָזי-
קער פערמע האָט דער פאָטער זיך געזאָלט אָפּרוען און וואַכטעלן
שיסן, איצט אָבער, צייט מען האָט דעם נאַפט געפונען, וואָלט
שוין יעדער אַנדער אָרט אויף דער וועלט בעסער זיך צוגעפּאַסט
פאַר אַ דאַטשע, ווי די פערמע.
די געשעפטסביכער האָבן געוויזן, אַז די נייע נאַפטפעל-
דער האָבן שוין דריי מיליאָנען דאָלאַר פאַרשלינגען: מען האָט
געמוזט נייע קוואַלן בויערן, נייע רערנלייטונגען דורכפירן,
נייע הייזער און גאַסן אויפבויען. עס איז אויסגעקומען אַ ניי-
עם גאַזמעטער אויפצושטעלן און וואַסערברונעמס אויסגראָבן.
טויזנט טעכנישע איינצלהייטן האָבן אָנגעפילט דעם פּ
טערס מוח, ער האָט שוין אויך געקלערט דערפון אַן אייגענע
ראַפינעריע אויפצובויען.
אַ גרופּע גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָבן אים פאָרגעלייגט
צו אַרבעטן געמיינזאַם מיט זיי, צו שאַפן איינס פון די ריזנדיק-
סטע נאַפטפעלדער, צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיט זעכציק מיל-
יאָן דאָלאַר קאַפּיטאַל, אַ „טאַנק-פערמע“, אַליין דיסטילירן און אַ
גרויסע צאָל פון פאַרקויפסטאַציעס אויפצושטעלן.
הער ראָס האָט זיך נישט געקענט דעצידירן: צי זאָל ער
איינגיין אויף דעם פאָרשלאָג, צי זאָל ער דאָס פעלד פאַר בו-
בין האַלטן?

דאָס יינגל וועט שוין באַלד אַליין דאָס קאָנען אַנטשיידן, צי ער זאָל די אומגעהייערע משא אויף די אייגענע פּלייצעס טראָגן, אָדער ער זאָל זי לאָזן שלעפּן, אויך פון אַנדערע, צי ער זאָל זיך אָפּגעבן צו שטודירן, ווי פּאַוול, אָדער ער זאָל זיך איני גאַנצן ווידמען דעם נאַפּטשפּיל און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַוועקשענקען דער דעסטילאַציע און אַנדערע איינצלהייטן פון דער נאַפּטאינדוסטריע.

## II

בוניס מיינונגען וועגן קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט זעגען נישט אויף לאַנג געבליבן בלויז טעאָרעטישע.

ווען ער איז נאָך די יום-טובים געקומען קיין פּאַראַדיז, האָט אים פּאַוול באַגעגנט מיט אַן אויסערסט ערנסט געזיכט און מיט אַ פראַגע:

„וואָס פאַר אַ שטעלונג פאַרנעמט דיין פאָטער צו די פאַריינען?"

קיין פּאַראַדיז איז געקומען אַן אָרגאַניזאַטאָר פון די צעסליערס, פּאַוול האָט זיך מיט אים דורכגעשמועסט און האַלט עס פאַר זיין חוב אין פאַריין אריינצוטרעטן.

בוני האָט געענטפערט:

„דער פאָטער האַלט נישט פון די פאַריינען, דאָך וועט ער באַשטימט נישט האָבן דאַקעגן, אַז דו זאָלסט זיך אין אַזאַ איינעם אַנשליסן. יעדנפאַלס, וועלן מיר מיט אים וועגן דעם איבעררעדן."

אַזוי אַרום איז עס אין אָוונט געקומען צו אַ דעבאַטע, וועלכע מען קען בשום אופן נישט פאַרגלייכן צו די רעפּעראַטן וועלכע ווערן געהאַלטן אין די הויכשולן.

הער ראָס האָט דערקלערט:

„איך בין אומבאַדינגט פאַר אָרגאַניזאַציע, און האָב עס

שטענדיק געזאָגט אָפן איך ,גלויב, אויך טעאָרעטיש אין דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, אָבער אין דער פּראַקטיק האָב איך עס אָפט באַמערקט, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע דערלויבט זיך קודם־כל אויף אַ גרויסער צאָל אָנגעשטעלטע, וועלכע לעבן אויף דעם רעכענונג פון די אַרבעטער. די דאָזיקע אָנגעשטעלטע ווערן אַ באַזונדערע קאַסטע, וועלכע זאָרגט נאָר וועגן אירע אייגענע אינטערעסן, און די אינטערעסן פון די אַרבעטער גייען איר קנאַפּ אָן. אָבער ווייל זיי מוזן דאָך האָבן עקזיסטענצבאַרעכטיקונג, אַזוי העצן זיי אויף די אַרבעטער און רופן אין זיי אַרויס אַן אומצופרידנהייט."

„אַזוי קען מען עס אויך אויספּאַסן," — האָט פּאַול געענטפערט. — „פאַקטיש אָבער איז פּונקט דער היפּוך: די אַרבעטער זענען אומצופרידן, און די פאַראיינאָנגעשטעלטע פּרוּוון זיי צו באַרויקן. די אָנגעשטעלטע זענען מיט די אונטערנעמערס אויפן אויבער און האַלטן אויך געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך לאָזן פירן ביי דער נאָז. איז עס נישט פול אמת׳ער, אַז די גאַנצע אומצופרידנקייט אין דער אינדוסטריע שטאַמט דערפון, וואָס איין גרופּע קויפט אַרבעט און די צווייטע פאַרקויפט? אַז אַ מענטש פאַרקויפט אַ פערד וווּנדערט זיך גאָר קיינער נישט, וואָס דער קויפער געפינט איין דאָס פערד פאַר ביליקער, ווי עס וויל האָבן דער פאַרקויפער".

די דאָזיקע ווערטער, זעט אויס זענען דעם הער ראָס נישט געפעלן; אַזאַ אָנשויאונג קען אים דאָס געשעפט באַשווערן.

„וואָס מיר געפעלט נישט אין די פאַראיינען איז דאָס, וואָס דער מענטש פאַרלירט דאָרט זיין פּערזענלעכע פרייהייט. ער איז שוין מער נישט קיין פרייער אַמעריקאַנישער בירגער, נאָר ווערט אַ טייל פון איין גרויסן אַפּאַראַט, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון פּאָליטיקער און אָפט אפילו פון שווינדלערס. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט אומזיסט לאַנד גרויס געמאַכט, מיר מוזן זי שיצן."

„יאָ",—האָט פּאָול געענטפערט,—„ד[illegible]ך, אָבער די אונטערנעמער גיבן די אַרבעטער אַ שלעכטן בײשפּיל, זײ פֿאַרײניקן זיך אין דעם „אַרבעטסגעבער פֿאַרבאַנד פֿון דער גאַפּט-אינדוסטרי" װעלכער די גאַנצע אינדוסטרי באַהערשט. איך װײס העד ראָס, אַז איר האָט פֿריער אײערע אַרבעטער אַ דאָלאַר טעגלעך געצאָלט איבערן טאַריף; צײט אָבער איר באַזיצט די בױערטורעמס אויף פּראָספּעקט-היל האָט איר אַן אָפּמאַך געשלאָסן און איר צאָלט שוין נישט מער פֿונם טאַריף."

„דאָס איז אמת,"—האָט הער ראָס מסכּים געװען.—„דאָך האָב איך קײנעם נישט פֿאַרקירצט דעם לױן; דאָס געשעפֿט איז אַזױ שנעל זיך צעװאַקסן, אַז די אַרבעטער האָבן זיך באַלד אַרױפֿגערוקט אויף אַ העכערע קאַטעגאָריע. און די נײַע אַרבעטער דערהאַלטן אויך דעם טאַריף."

װען פּאָול איז אָבער פֿאַרעקשנט געבליבן בײ זײן מײנונג, האָט הער ראָס געמוזט צוגעבן, אַז אײגנטלעך געהער ער אויך אין אַ געװיסער מאָס צו אַ „פֿאַרײן" און מוז אויך אַמאָל זײן פּערזענלעכע פֿרײהײט באַשרענקען.

צװישן די אונטערנעמער מוזן, פֿאַרשטענדלעך, הערשן געװיסע געזעצן, און הער ראָס באַזיצט נאָך אין זיך אַזױ פֿיל זין פֿאַר גערעכטיקײט, אום צו קענען דאָסזעלבע בײ די אַרבעטער טאָלערירן.

פּאָול האָט הער ראָסן דערפֿרײט מיט די װערטער:

„װאָלטן אַלע אונטערנעמער געװען אַזױ אמתדיק, װי איר, אַזױ װאָלטן מען גרינג געקענט מיט זײ אויסקומען; אָבער פֿיל פֿון זײ גיבן זיך גאָר אונטער דער קראַפֿט, און די אַרבעטער קענען האָבן די קראַפֿט נאָר דורך אָרגאַניזירן זיך. פֿאַרװאָס אַרבעטן די צעפּליערס נאָר אַכט שעה? װײל זײ זענען אינם גאַנצן לאַנד אָרגאַניזירט און מען קען קײן אײן אָרענטלעכן אַרבעטער נישט קריגן װעלכער זאָל אַרבעטן אונטערן טאַריף. די גאַפּטאַרבעטער דאַקעגן זענען זײער שלעכט אָרגאַניזירט, דעריבער עקזיסטירט דאָס אומגעטשלעכע צװײ פּתּותדיקע סיס-

טעם, צוליב וועלכן בוגי האָט נישט קיין איין אַרבעטער אין זיין לייענצימער.״

פּאָול האָט דאָס געזאָגט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, וועלכער האָט ביי די ווערטער דעם גיפט צוגענומען; ער האָט געוווּסט אַז ער קרענקט דערמיט בוגין.

אויך דער אַלטער הער ראָס איז געווען פיינלעך אָנגערירט.

ער האָט נישט געקענט, ווען אפילו ער זאָל וועלן.

די נאַפּטאַרבעטער נאָר אַכט שעה באַשעפטיקן. ווייל אויף דעם געביט האָט זיין פארבאַנד ביי אים די פערזענלעכע פריי־הייט און פריוואַטע איניציאַטיוו צוגענומען.

פּאָול האָט נאָך צוגעגעבן:

„די פאַרייניקונג וועט באַלד מוזן אָננעמען אַ באַשלוס וועגן דעם ענין, ווייל די נאַפּטאַרבעטער הויבן זיך שוין אָן צו אָר־גאַניזירן, אפילו דאָ אויף דעם פּאַראַדיז־פעלד, ווי עס דאַרף אייך הער ראָס, שוין זיין מסתמא באַקאַנט.״

הער ראָס האָט געענטפערט:

„איך ווייס,״

און צוגעגעבן אַז די פאַרייניקונג ... אים איבער באַריכטן וועגן דעם ענין.

„אָבער איך האָב גאָר קיין צרות נישט. ווילן מיינע אַר־בעטער אַ פאַריין, אַזוי וועל איך שוין געפינען וועגן און מיט־לען מיט זיי אַדורכצוקומען; איך האָב זיך מיין גאַנץ לעבן גע־פלייסט צו מיינע אַרבעטער גערעכט צו זיין. און די מערסטן פון זיי ווייסן דאָס.״

פּאָול האָט געמיינט.

„איר מוזט קודם־כל וויסן די סבה פון דעם אַלעמען הער ראָס: ציים דער קריג אין אייראָפּע, זענען די פרייזן פון אַלע רוישטאָפן כמעט געשטיגן, אויך דער פרייז פון נאַפט. דער אַרבעטסגעבער פאַרבאַנט קלאָגט זיך פונדעסטוועגן אַלץ נאָך אין דעם אַלטן לוינטאַריף: דאָס איז נישט אמתדיק, עס צע־

רייצט די אַרבעטער. און די אונטערנעמער, וועלכע קענען קעגן די פאַריינען זענען אויסערגעוויינלעך קורצזיכטיק, ווייל זיי טרייבן אויף אַזאַ אופן די אַרבעטער אין די אָרעמס פון י. וו. ווס.״

הער ראָס האָט זיך שטאַרק צעמישט, די י. וו. ווס. האָבן געהאַט דעם שם פון אויסערגעוויינלעך געפערלעכע לייט, כמעט אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך געפלייסט צו באַהערשן די קוואַלן און זיי עקספּלאָאַטירן פאַר די אַרבעטער וועגן.

מען האָט געהערט פאַרשידענע זאַכן וועגן סאַבאָטאַזש. די אַרבעטער האָבן נישט קיין נאָכגיביקע אונטערנעמערס באַשטראָפט דורך דעם, וואָס זיי האָבן די פּראָדוקציע מיטלען רואינירט, ציי־טנווייז אפילו דעם קוואַל אויפגעריסן.

„זענען די י. וו. ווס. ווירקלעך דערשינען דאָ, אין אונ־דזער געגנט?״—האָט הער ראָס געפרעגט אַ באַאומרויקטער.

„עס גייט נאַטירלעך נישט אין דעם.״—האָט פּאַול געענט־פערט,—„אַז איך זאָל פאַררעטן, אָבער זיי זענען דאָ אין יע־דער אינדוסטרי און אויף יעדן נאַפטפעלד. מען קען זיך פאַר זיי נישט אויסבאַהאַלטן. זייער איינפלוס קען מען נאָר אָפּשוואַכן מיט גערעכטע האַנדלונגען.״

פּאַול האָט דאָס פּראָבלעם „קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט״ גרונטלעך געשטודירט, פּונקט ווי אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך גענומען.

ער האָט ביכער געלייענט, וועלכע בוני האָט אַליין אפילו לייטן נאָמען נישט געקענט, ווייל אין שולע זענען זיי אפילו נישט דערמאָנט געוואָרן, צוליב דעם וואָס זיי האָבן די פראַגע באַטראַכט פונעם פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט.

פּאַול האָט אויך אָפט גערעדט מיט אַן אָרגאַניזאַטאָר, וועלכן דער נאַפטאַרבעטער־פאַריין האָט צוהערגעשיקט, אַן אויסערגעוויינלעך קלוגער מענטש, וועלכער האָט שוין גאַנצע יאָרן די נאַפט פעלדער באַאַרבעט און גוט די פאַרהעלטנישן גע־קענט.

דאָס האָט בונין שטאַרק פּאַראַיטערעסירט. ער האָט גע-
וואָלט מיט דעם מענטשן זיך באַקענען און געפֿרעגט דעם
פאָטער צו אויך ער וואָלט זיך נישט געוואָלט מיט אים אַדורכ-
שמועסן.

דער פאָטער האָט געענטפערט דאָסזעלבע, וואָס ער פלעגט
אים שטענדיק ענטפערן:

„איך האָב פיל, זייער פיל צו טון מיט דער נייער רערנ-
לייטונג און מיט דעם בוי פון דער ראַפינעריע, אפשר שפּע-
טער אַ ביסל.“

הער ראָס האָט זיך אַליין שטענדיק אָפּגענאַרט: ער וועט
אויך אין דער צוקונפט קיינמאָל קיין צייט נישט האָבן.

דאָך האָט ער גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז בוני זאָל אַלע
פאַריינס אַגיטאַטאָרן פון דער וועלט קענען, אויב ער האָט נאָר
דערפון פאַרגניגן; ער וועט נאָך סיי־ווי געגוג האָבן צו טון מיט
זיי, פּאַול האָט דערקלערט, אַ טאָם אַקסטאָן איז אפשר דאָ בסוד
ווייל עס קענען אים שוין אַלע דירעקטאָרן, ער איז ערשט נעכטן
פון די עקסצעלסיאָר־לייט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

אָבער אַקסטאָן איז אָן ספק גרייט מיט בונין צו רעדן.

נאָר בוני דאַרף זיך נאָר נישט איינרעדן, אַז דאָס קען
אַקסטאָנען שטערן די אַרבעטער פון זיין פאָטער צו אָרגאַ-
ניזירן.

דער רעזולטאַט פון דעם געשפּרעך איז געווען, אַז אַקסטאַ
איז געוואָרן אויפגעפּאָדערט מיט בונין אין לעזע־צימער זיך
צו טרעפן.

דאָס איז געווען די גרעסטע סענסאַציע פון דעם וואַטקינס
פעלד צייט דער שרפה פון דעם ערשטן קוואַל.

די אַרבעטער פון דער נאַכט־בתה האָבן אינם שלאָף פאַר-
געסן, זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפט אַרום די פענצטער און טירן,
כדי צו קענען כאַפן אַקוק אויף די ביידע.

אַ פאַריינאָרגאַניזאַטאָר האָט געשמט פאַר אַ געהיימניספול
ווען, וועלכעס ווייזט זיך נאָר ביינאַכט און טרעפט זיך צו-

נויף מיט די אַרבעטער ערגעץ אין די בערג, און איצט זיצט ער אינמיטן העלן טאָג צוזאַמען מיט דעם זון פונם אַלטן!

„אַ וווּנדערלעכער יינג, דער דאָזיקער בּוני!״—האָבן די אַרבעטער אונטערגעברומט, און אין דער הינזיכט זענען זיי געווען דערזעלבער מיינונג, וואָס איר אַרבעטסגעבער.

טאָם אַקסטאָן איז געווען אַ הויכער מאַן, זיין שפּראַך האָט געקלינגען דער ווייכער אַקצענט פון די דרום-שטאַטן. ער האָט אויסגעזען שטאַרק און געזונט און ער האָט דאָס אויך געמוזט זיין, ווייל לויט זיין באַרוף איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין פאַרשידענע שלעכטע באַהאַנדלונגען.

פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט געקענט באַווייזן, אַז דער אַרבעטסגעבער פאַרבאַנד האָט אונטערגעקויפטע „ראָדיס״, און זשוליקעס אַרויסגעשיקט כדי אים צו שלאָגן און אים פאַר אַ קאַליקע צו מאַכן, דאָס אָבער, וואָס ער באַגעגנט אויף די דרום-קאַליפאָרנישע נאַפט פעלדער, לאָזט דעם חשד באַשטעטיקן.

בוני איז געווען אויסער זיך.

ער האָט נאָך קיינמאָל עטוואָס ענלעכעס נישט געהערט און ער האָט קוים ווערטער געפונען:

„הער אַקסטאָן... זאָגט מיר, אַז איר גלויבט נישט אַז מיין פאָטער זאָל אויך האָבן עפּעס אַ שייכות מיט דער דאָזיקער שמוציקער געשיכטע?״

דער אָרגאַניזאַטאָר האָט געשמייכלט. זעט אויס, אַז ער האָט שוין וועגן דעם מיט פּאָוולן גערעדט:

„אייער פאָטער איז אין דער מיינונג, אַז אַלע פאַריינגעשעלטע זענען פאַראַזיטן און לאָזן זיך איבערקויפן, פרעגט אים אַמאָל, צי קען ער געניי די אונטערנעמער-פאַריייניקונג און די מענטשן, וועלכע פירן מיט איר אָן, און צי ער ווייסט, וואָס זיי טוען אונדז. איר וועט זען, אַז אייער פאָטער, ווי דער גרעסטער טייל פון אונדזערע אַרבעטער, זיין אָרגאַניזאַציע פאַרנאַכלעסיקט.״

ווען בוני האָט זיך שפּעטער אינפאָרמירט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דער פאָטער האָט נאָך קיין איין זיצונג פון דער פאַרייניקונג נישט באַגעוווינט, און ער צאָלט נאָר וואָרט־לאָז זיין מיטגלידס־אָפּצאָל.

פאַרשטענדלעך, אַז די אַנטדעקונג האָט פאַרגרעסערט בו־נוס אַכטונג פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָר, און ער האָט אים געגלייבט שוין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די אַרבעטסבאַדינגונגען אין פאַראַדיז און אויף אַנדערע נאַפּטפעלצער און אַז די אומ־צופרידנקייט פון די אַרבעטער וועט אַלץ וואַקסן.

# V

די פאַרבינדעטע מלוכות, די באַהערשער פונם ים, האָבן זיך אונטערגענומען דייטשלאַנד אויסצוהונגערן און דייטשלאַנד האָט דאַרויף געענטפערט מיט זיין ווירקזאַמסטן געווער, מיט די אונטערוואַסערשיפן.

די פאראייניגטע שטאַטן האָבן אויסגעפועלט ביי דער דייטשער רעגירונג קיין שום פּאַסאַזשיר-שיף נישט צו דערטרונקען אָן א פייערדיקן וואָרנונג.

איצט אָבער, אָנהייב 1917, האָט דייטשלאַנד דערקלערט, אַז זי וועט לענגער איר צוזאָג נישט האַלטן, און דאָס האָט אין אַלגעמיין באַדייט, אַז אַמעריקע מוז אויך אַריינטרעטן אין קריג.

דער דייטשער קאָנסול איז פון וואַשינגטאָן אַהיימגעשיקט געוואָרן, און פון דער מינוט האָט שוין אין די אַמעריקאַנישע שולן מער נישט געהערשט דער גייסט פון נייטראַליטעט.

די נאַפטאונטערנעמען האָבן אויסגעפונען, אַז די אַרבעטער האַנדלען זייער נישט פּאַטריאָטיש, ווען זיי פאָדערן גראַד אין דער צייט א לוינהעכערונג.

איצט, ווען אַמעריקע מוז זיך פאַרטיידיקן און באַדאַרף אַזוי פיל נאַפט, ווי קיינמאָל נאָך נישט אין דער געשיכטע!

די אַרבעטער האָבן געענטפערט אויף דעם פאָרוואורף מיט

דער דערקלערונג, אַז די אונטערנעמער מאַכן קיינמאָל נישט קיין הנחות מיטן גוטן ווילן, נאָר מען מוז זיי דערצו צווינגען און איצט איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט.

עס איז אוממעגלעך, אַז די נאַפטמאַגנאַטן זאָלן דעם נאַפט־אויפקשענקען. גראָד איצט באַקומען זיי די גרעסטע פּרייזן וועלכע אויב אַמעריקע וועט ווירקלעך אַנטיילנעמען אין קריג, וועלן נאָך העכער שטייגן.

די אַרבעטער פאַרלאַנגען אַ לוינהעכערונג לויט די העכערונג פון די לעבנסמיטלען.

אויף אַלע נאַפטפעלדער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען.

אין דער צווייטער העלפט פון פעברואַר האָבן זיך די פאַרייניקטע געווענדעט צו די פאַרשידענע נאַפטגעזעלשאַפטן און פאַרלאַנגט אַ קאָנפערענץ.

ווען די דאָזיקע פאָדערונג איז נישט באַריקזיכטיקט געוואָרן, האָבן זיי געדראָט די אונטערנעמער מיט אַ שטרייק. דריי מענער האָבן אויפגעזוכט דעם הער ראָס, איין אַרבעטער, וועלכער אַרבעט ביי אים שוין לאַנג און צוויי ביי.

דריי יינגע מענטשן, — אויף די נאַפטפעלדער האָט מען זעלטן געזען אַן אַרבעטער וועלכער זאָל עלטער זיין פון פינפ־אונדרייסיק יאָר. און אַלע דריי זענען געווען „ווייטע" אַמעריקאַנער.

די דעלעגירטע האָבן געהאַלטן די היטלען אין די הענט, זענען געווען עטוואָס בלאַס אַ ביסל פאַרלעגן אָבער אַנטשלאָסן.

זיי האָבן הער ראָסן ליב, זיי האָבן דערקלערט, אַז ער איז „אַנשטענדיק" און מוז וויסן אַז זייערע פאָדערונגען זענען גערעכטע:

„קענט איר דען נישט געבן די איניציאַטיוו"—האָבן זיי געפרעגט,—„דעם נייעם לוין איינצופירן און דערמיט געבן אַ ביישפּיל אויך די אַנדערע אונטערנעמער? דעמאָלט וועט די אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט ווערן. מען וועט אויסברעכן דער שטרייק,

אזוי וועלן באלד די פרייזן פון נאפט שטייגן, און דער האס וועט פארדינען דערביי מער, ווי ער וועט צולייגן צו דעם נייעם לוינטאריף."

הער ראס האט געענטפערט:

„איך געהער צו דעם ארבעטסגעבער פארבאנד און איך האב מיר פארפליכטעט זיינע באשלוסן צו פאלגן. וואס וועט ווערן פון מיין שם, אז איך אן „אנשטענדיקער" מאן, ווען איך וועל מיינע פארבינדעטע אין א קריטישן מאמענט אוועקווארפן? איך קען נאר טון איינס: ווירקן אויף דער אונטערנעמער־פאראייניקונג, אז עס זאל קומען צו אן אויסגלייך מיט די ארבעטער. איך וועל אלע ארבעטען אוועקשטעלן אין א זייט, קיין אנגל־סיטי פארן, און זען טון אין דער הינזיכט וואס נאר מעגלעך, לויט מיין מיינונג איז אן אכט שעהדיקער ארבעטסטאג א גערעכטע פאדערונג, און איך בין אויך פאר א לוינסקאלא, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו די קאסטן פון לעבן, כדי די ארבעטער זאגן נישט ליידן ביי די וואקלען זיך פון די פרייזן"

די דעלעגירטע האבן זיך דורך דעם דאזיקן צוזאג געפילט שטארקער, און זיי האבן פריינטלעך געדרוקט הער ראסן די האנט.

וואלט הער ראס געהאלטן אין דעם פאל לויט זיין איינזען, וואלט ער קיינמאל נישט אזא פראגרעסיווע שטעלונג אנגענומען.

זיין גאנץ הארץ איז געהאנגען אויף דעם געלט און אויף די פלענער, וועלכע דאס געלט האט אים געגעבן א מעגלעכקייט צו רעאליזירן. ער וואלט דעריבער לויט זיין אייגענעם געפיל געגאנגען צוזאמען מיט די אונטערנעמער, ווי ער האט עס ביז אהער געטון.

אבער אין דעם איז בוני געווען, דער „קליינער אידעאליסט". בוני האט ליב געהאט די ארבעטער, און די ארבעטער האבן אים ליב געהאט, הער ראס איז געווען שטאלץ אויף דער דאזיקער פריינטשאפט צווישן זיין זון און זיינע ארבעטער און

האָט אָנערקענט די דאָזיקע סענטימענטאַליטעט בוניס, כאָטש אים איז געווען פאָלקאָם פרעמד.

אויסערדעם, האָט ער נישט באַדאַרפט פאַרגעסן, אַז פאַוול קען דאָס לעבן פון די אַרבעטער פון דער ערשטע האַנט, און בוני האָט געהאַלטן אין איין פאַרשיטן פאַוולן מיט פראַגן און געצווונגען אים אַרויסצוזאָגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע פאַוול וואָלט פרייוויליק אפשר נישט געזאָגט.

קורץ: פאַוול איז אַ פאַקטאָר געוואָרן, און דעריבער האָט חער ראָס צוגעזאָגט די אַרבעטער זייערע פאָדערונגען אונטער־צושטיצן.

צום ערשטנמאָל האָט ער בייגעוווינט אַ זיצונג פון זיין אייגענעם „פאַריין“

די האָט געדויערט ביז איינס ביינאַכט.

בוני איז געקומען אין דער שטאָט און געוואוינט אויף דעם פאָטער אין האָטעל, ער האָט שוין געוואָלט וויסן דעם ענטפער.

די מערסטן מיטגלידער, זעט אויס. האָבן אין איין פונקט זיך פאָלקאָם אויסגעגלייכט מיט הער ראָס: זיי האָבן די לײ־טונג פון פאַריין איבערגעגעבן אַנדערע.

צו דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין זענען זיך צונויפגעקומען נישט מער, ווי פערצן מיטגלידער, די אָנפירונג איז געווען אין די הענט פון די „גרויסע פינף“.

דער פאָרזיצער, די נשמה פון דעם גאַנצן פאַריין, איז געווען דער סינדיק פון דער עקסצעלסיאָר־פעטאָוש און האָט פאַ־זיצט אַ קליינע קוועלע, כדי ער זאָל אויך קענען פיגורירן אַלס נאַפטאונטערנעמער.

הינטער אים איז געשטאַנען אַ גרופּע וועלכע האָט גע־שטימט פאַר זיינע רעזאָלוציעס.

דער פאָטער האָט נאָכדעם דערציילט בוני, אַז די גאַנ־צע זיצונג האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אין אַ דאַמפּוואַלן דערמאָנט.

בוני האָט געוואָלט געוויער ווערן אַלע איינצלהייטן.

„איך האָב טאַקטפול, ווי נאָר מעגלעך, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זייט פון די אַרבעטער, און איך אפילו, אין אַ גליקלעכע מינוט, שוין געפונען צוויי אונטערנעמער, וועלכע זענען געווען גרייט מיין שטאַנדפונקט צו פאַרטרעטן. די הערשנדיקע גרופּע האָט מיר אָפן באַטראַכט אַלס אַ רענעגאַט, זי האָט עס מיר פשוט און נישט צווייידייטיק אַרויסגעזאָגט. מען קען שוין גיכער רעדן צו די שטיינער פון די ווענט, איידער מיט די דאָזיקע מענטשן איבער פאַריינען דעבאַטירן. זייער שטאַגדפונקט איז קלאָר, די פאַריינען האָבן זיי אַ סך שוועריקייט אָנגעמאַכט, און דאָס האָט זיי פאַרביטערט. זיי באַהויפּטען",—און דאָ האָט דער פאָטער געבראַכט אַלע זייערע אַרגומענטן, וועלכע זענען אים נאָר אין קאָפּ אַריינגעפאַלן—„פאַריינען איז דאָס זעלבע וואָס כאַבאַר, שווינדל, אומאָרדנונג, שטריי... סאָציאַליזם."

„וואָס זשע ווילן זיי טון, טאַטע?"

„די פאַריינען פאַרבאָטן, דאָס איז אינגאַנצן, איך האָב זיי געזאָגט: „עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך די אונטערנעמער פאַרייניקונג האָט זיך אין אַ שטרייקברעכעראַגענטור פאַרוואַנדלט". און פרייד נאַומאַן, דער פאָרזיצענדער האָט מיר געענטפערט: איר האָט דאָס ריכטיקע וואָרט געפונען. ווי נאָר, און ווען נאָך עס וועט אויף די נאַפּטפעלדער אַ שטרייק אויסברעכן, וועט די אונטערעמער-פעריייניקונג זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטרייקברעכעראַגענטור. און דאַן האָט זיך אַריינגעמישט בען-סקוט..."

„בען סקוט?"

„יאָ, ער איז אויך געווען דאָ. ער, זעט אויס, פאַר דער פאַראייניקונג צו „אינוועסטיגירן", אַ שיינער נאָמען פאַר אַ שפּיצל. ער האָט גענוי געוווסט, וואָס איך האָב מיט מיינע אַרבעטער גערעדט צוריק מיט אַ טאָג, און האָט געפרעגט, צי איך מאַך מיר קלאָר וואָס עס באַדייטן מיינע ווערטער און וואָס פאַר אַ וויר-

קונג זיי קענען האָבן, עס הייסט דאָך אַ מאָראַלישער אונטער־שטיצע פון די דאָזיקע לייט. איך האָב דערקלערט בענען, אַז איך האָב מיר דערלויבט צו זאָגן וואָס איך קלער. איך האָב אויפֿ־מערקזאַם פֿאַרפֿאָלגט אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף דער זיצונג. איך בין אויך געווען גרייט דאָס איבערצוגעבן אין די צייטונגען! אויב זיי וועלן זיך נאָכפֿרעגן, נאָמאַן האָט איראָניש געלאַכט: „איך גלויב נישט, אַז די פרעסע זאָל זיך דערמיט אינטערעסירן, הער ראָס״.

„און וואָס וועסטו טון?״—האָט זיך בוני נאָכגעפֿרעגט.

„וואָס קען איך טון, מיין זון?״

דאָס פּנים פֿונם פֿאָטער איז געווען אַזש גרוי און טיף פֿאַרזאָרגט, בוני האָט געוווסט, אַז ער איז זיכער וואָך געווען אַ גאַנצע נאַכט און ויך געגריבלט.

דאָך האָט בוני נישט געקענט אויסמיידן דעם פֿאָטער נאָך שווערער צו מאַכן:

„וועלן מיר ווירקלעך, דערלויבן די דאָזיקע לייט אין אונ־דערע אַנגעלעגנהייטן זיך אַריינצומישן?״

„אַזוי זעט עס אויס מיין זון, איך בין פינאַנציעל נישט בכוח דאָס שפּיל אַליין אויפֿצוהאַלטן.״

„מיט דיין גאַנצן נאַפֿט?״

„איך האָב טאַקע אַ היבש ביסל נאַפֿט, אָבער די גרעסטע טייל איז נאָך אין דער ערד, און פֿאַר דער זאַך דאַרף איך ווייניקסטנס צוויי מיליאָן דאָלאַר באַרצס געלט.״

און דער פֿאָטער האָט דערקלערט בונין, ווי עס ווערט געמאַכט די מאָדערנע געשעפֿטן.

„אַ מענטש באַזיצט קיינמאָל נישט, ווי רייך ער זאָל נישט זיין, גענוג געלט, ער מוז שטענדיק אין אַ געוויסער מאָס מאַכן געשעפֿטן אין דער צוקונפֿט. האָט ער געלט אין באַנק, אַזוי פֿאַרעכטיקט אים דאָס, מער אַרויסצונעמען, אַלס ער האָט דעפּאָנירט. איך בויער אַ גרויסע צאָל פֿון נייע קוואַלן, קויף מאַשינען, מאַטעריאַל, צאָל די אַרבעטער, — אַלץ משער

זייענדיק אַז איך וועל אין דעם נעכסטן חודש אָדער אין צוויי חדשים נאָכאַ געפונען. איך ווייס, אַז איך וועל עס געפונען. און די באַנקן קרעדיטירן מיר צוליב מיין שם און דער ווערט פון מיין פאַרמעגן. הויב איך אָבער אויף אַ קאַמף קעגן דער אונטערנעמער-פאַריייניקונג, אַזוי מעג איך באַלד פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן איבערהויפּט בענק אין קאַליפאָרניע. איך וועל מוזן פאַר אַלץ באַצאָלן מיט בּאַרעס געלט, איך וועל מיינע פּלענער נישט קענען דורכפירן און וועל אפילו אַמאָל מיין וועקסל נישט קענען אויסלייזן.”

„בּוני איז געווען צעמישט, ער האָט דעם פאָטער גע-האַלטן פאַר דעם רייכסטן און אומאָפּהענגיקסטן מאַן אין דער גאַנצער מלוכה.

„אָבער אויב אַזוי, טאַטע, דאַן געהערט דאָך אונדזער געשעפט אייגנטלעך נישט אונדז, אפילו די נשמות אונדזערע געהערן נישט אונדז.”

ראָס, דער פאָטער, האָט ביז דער לעצטער שעה פון זיין טויט נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין מאָדנעם זון.

ער האָט שטענדיק געשטוינט איבער דעם, ווי בּוני נעמט אַלץ אויף ערנסט, אפילו זאַכן וועלכע זענען פאַרן פאָטער טאָגטעגלעך.

הער ראָס האָט באַזיצט אין זיין מוח צוויי שיכטן איינ-צייטיק, אין איינער האָבן זיך געפונען די זאַכן וועלכע זע-נען גערעכטע געווען, אין דער צווייטער ווידער די זאַכן, ווי זיי זענען אויס אין דער ווירקלעכקייט, וועלכע מען האָט גע-מוזט מודה זיין אַז זיי עקזיסטירן און אָפּט אפילו פאַרטיידיקן בלויז צוליב עקשנות.

דאָ אָבער איז ער געבליבן שטיין קעגנאיבער אַ זעלטע-נע דערשיינונג: קעגן אַ גייסט, וועלכער האָט נאָר איינאונ-איינציקן שיכט באַזיצן, און וועלכער עס האָבן זיך נאָר געפו-נען אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען גערעכטע געווען. איז אָבער עפּעס געווען נישט אמתדיק, אַזוי האָט מען עס געמוזט ענדערן. צו וואָס דען האָט מען אייגענע רעכט?

הער מיך אויס, טאַטעלע,״—האָט דאָס יינגל זיך גע-בעטן,—„קענען מיר זיך גאָרנישט אויף אַ וועלכן עס איז נישט אופן ווערן? קענסטו נישט פאַרלויפיק זיך אָפּזאָגן פונם אויפ-בוי פון אונדזער געשעפט מיטאַמאָל, גיין לאַנגזאַם פאָרויס און פאַר אַלץ מיט באַרעס געלט צו באַצאָלן? דאָס וואָלט אויך אפשר פאַר דיר בעסער געווען, דו אַרבעטסט צופיל און דו דאַרפסט האָבן רו.״

הער ראָס האָט געמוזט שמייכלען? כאָטש בוניס געזיכט איז געווען שטאַרק אומעטיק.

„מיין זון,״—האָט ער געזאָגט, — „נעם איך אויף דעם קאַמף קעגן די דאָזיקע לייט, אַזוי וועל איך שוין קיין רו נישט געפונען, ביז איך וועל אויף די בערגלעך נעבן זשאָע באַגראָבן ווערן.״

„דו האָסט דאָך דעם נאַפט. גלייכסטו זיך אויס מיט די אַרבעטער, אַזוי וועלן דיינע קוואַלן פליסן און דו וועסט זיין דער איינציקער אין דער גאַנצער געגנט, וואָס וועט האָבן נאַפט״.

„יאָ, מיין זון, אָבער נאַפט איז נישט קיין באַרעס געלט, מען מוז אים אויך פאַרקויפן.״

„ווילסטו דערמיט זאָגן, אַז קיינער וועט עס ביי דיר נישט וועלן אָפּקויפן״.

„איך ווייס עס נישט באַשטימט, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזאַ פאַל איבערגעלעבט, און קען דיר דעריבער נישט זאָגן, וואָס די לייט וועלן טון. איינס אָבער ווייס איך: זיי וועלן מיר קיינמאָל נישט דערלויבן זייער שטרייקברעכער אַרבע-טער צו שטערן. זיי וועלן מיר שוין אויף אַ געוויסן אופן פונם וועג באַזייטיקן. דאָס איז אַזוי קלאָר און זיכער ווי דער זונ-אונטערגאַנג.״

# IV

הער ראָס האָט זיך אומגעקערט צוריק אויף זיין פעלד און גערופן די דעלעגירטע צו זיך.

פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיי אַלץ נישט איבערגעגעבן, ער האָט נאָר דערקלערט, אַז ער האָט געטון אַלץ וואָס מעגלעך, כּדי די אונטערנעמער איבערצורעדן, אָבער אומזיסט.

„איך בין געבונדן מיט זיי דורך אַן אָפּמאַך, וועלכן איך קען נישט צעריסן,—האָט ער אויסגעפירט,—אַז עס וועט קומען צו אַן אויסגלייך מיט די אַרבעטער וועל איך זיין זייער צופרידן, וועט אָבער קומען צו אַ שטרייק, אַזוי וועט מען אויף מיין פעלד אויך נישט אַרבעטן. דאָס וועט באַדייטן פאַר מיר אַ שווערער פאַרלוסט, אָבער איך מוז אַזוי האַנדלען, איר דאַרפט אייך פאָרשטעלן, גלייך איר האָט אורלויב, און ווען דער שטרייק וועט זיך ענדיקן, וועט איר זיך צוריק אומקערן צו מיר, דערווייל קענט איר ווייטער וווינען אין די באַראַקן, איר מוזט זיך אָבער פאַרפליכטן צו האַלטן אָרדנונג, מיין פאַרמעגן נישט צעשטערן, איר ווייסט, אַז דאָס איז אַן אומגעוויינלעכע הנחה, און איך גלויב, אַז די אַרבעטער וועלן דאָס אָנערקענען".

די דעלעגירטע האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען דער דאָס פאַר זיין אַנטקעגנקומען זיי זייער דאַנקבאַר, די דריי מענער זענען געווען אין פאַרלעגנהייט און זייער העפלעך יאַר

די אַרבעטער איז עס נישט שטענדיק פון די גרינגע זאַכן קעגן דעם אַרבעטסגעבער, דעם גרויסן, מיט דער צויבערקראַפט פון געלט באַוואָפנטן מאַן, אַרויסצוטרעטן.

דעם אַנדערן טאָג, מיטוואָך, איז דער שטרייק פּראָקלאַמירט געוואָרן און די אַרבעטער האָבן זינגענדיק פאַרלאָזט די אַרבעט.

אין דעם פאַריין האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָר אַ 10 פּראָצענט אַרבעטער, אין דעם שטרייק דאַקעגן זענען אַרויסגעטרעטן אַלע ווי איין מאַן, און די פּאָר מענטשן וועלכע וואָלטן נאָך גערן געאַרבעט ווייטער, האָבן גאָרנישט געקענט טון.

די אַרבעטער האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אין דער בעסטער אָרדנונג און אַוועקגעמאַרשירט קיין פּאַראַדיז ווו עס דאַרפט פאָרקומען אַ מאַסנמיטינג.

פון די אומגעפער דרייטויזנט אַרבעטער, האָבן זיך כמעט אַלע געפונען אויף דער פאַרזאַמלונג, אויסערדעם אַ גרויסע צאָל פון שטאָטישע מענטשן און פּערמערס, די סימפּאַטיע פון אַלעמען האָט אויסגעזען צו זיין אויף דער זייט פון די אַרבעטער.

טאָם אַקסטאָן האָט געהאַלטן אַ רעדע, ער האָט קלאָר געמאַכט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און זיי געלערנט, לויט זייערע דערפאַרונגען, ווי אַ שטרייק דאַרף געפירט ווערן.

„פאַר אַלעמען דאַרפט איר זען צו געפונען די אַלגעמיינע סימפּאַטיע, דורך דעם וואָס איר וועט נישט עובר זיין אויף דעם געזעץ און נישט דערלאָזן צו קיין אומרוען, דאָס וועט נישט אָנקומען לייכט, ווייל די אונטערנעמער-פאַרייניקונג וועט טון אַלץ, כדי אייך צו ברענגען צו געוואַלדטאַטן, דעריבער קומען אויך אַהער די „שומרים“, אַזוי איז עס ביי יעדן שטרייק: די דאָזיקע „שומרים“ זענען קליינלעכע בריות, וועלכע ווערן געדינגען פון די גרויסע דעדעקטיוו-אַגענטורן און ווערן מיט רעוואָלווערן באַוואָפנט, צי אויך די פלעשלעך בראָנפן, וועלכע זיי טראָגן אַרום אין די אונטערשטע קעשענעס, ווערן זיי געליווערט פון די אונטערנעמערס—דאָס ווייס איך נישט, יעדנפאַלס

וועלן זיי געבראַכט ווערן אַהער מיט לאַסטאויטאָס, וועלן זיך אָפּשטעלן אונטערוועגנס ביי דעם שעריף פון סאַן-עלידאַ, וווּ זיי וועלן אָפּגעבן אַ שבועה אויף „גענהילף-שעריפס" און באַקומען זילבערנע צייכנס".

עטלעכע פון די „געהילף-שעריפס" זענען געשטאַנען דאָ און אויסגעהערט אַקסטאַנס רעדע, דאָס איז זיי אָן ספק נישט געפעלן.

בוני איז אַרויפגעקומען שבת פרי אויף דעם פעלד, ווען די ערשטע אויפרעגונג האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט.

עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, די שטרייקנדיקע האָבן נישט געהאַט קיין אָרט אויף אַ פאַרזאַמלונג, זיי האָבן זיך געשטופּט צו די ווענט, צו די געצעלטן, און אומעטום נאָר ווו עס איז געווען טרוקן אָרט.

זיי האָבן אויסגעזען מעלאַנכאָליש, גלייך ווי דאָס שטרייקן זאָל נישט אויסזען אַזוי ראָמאַנטיש, ווי זיי האָבן דאָס דערוואַרט, פאַר די באַפעסטיגונגשטיקער פון די גרויסע געזעלשאַפטן האָבן אַרומגעשפּאַנט מענער אין גומענע מאַנטלען מיט רעגנהעלמען און באַטראַכט יעדן איינעם מיט אומצוטרוי.

אייניקע פון זיי האָבן געטראָגן דאָס געווער, ווי זיי זאָלן זיין גרייט זיך צו באַשיצן.

בוני האָט באַמערקט אויף דעם פּאָטערס פעלד די שומרים; דאָס האָט אים אַ שניט געטון אין האַרץ, עס איז געווען פאַר אים די פאַרקערפּערונג פון דעם, וואָס ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט קיינמאָל נישט קומען אויף דעם „ראָס-יוניאָר-פעלד".

אָבער די „יוניאָר-זייט" פון דעם געשעפט איז געוואָרן אַלץ בלאַסער, די „סעניאָר-זייט" האָט איבערגענומען צו זיך די הערשאַפט און אַלץ קאָנטראָלירט.

„איז עס ווירקלעך נויטיק קעגן אונדזערע אייגענע מענטשן וועכטער צו שטעלן?"

„די פּרעזידענט דאָך מסתמא נישט אין ערנסט ? צי זאָל איך אַ פאַרמעגן פון דריי מיליאָן דאָלאַר איבערלאָזן אָן אַ שום שוץ ?"

„פונוואַנען האָסטו האָסטו געבראַכט אַהער די שומרים, טאַטע?"
„מיר האָבן זיי נישט זעלבסט געדינגען; פאַר דעם זאָרגט שוין די פאַרייניקונג."
„קענען מיר דען נישט נעמען פון אונדזערע מענטשן?"
„שטרייקנדיקע אין שומרים פאַרוואַנדלען? דו ווייסט דאָך אַז דאָס איז אוממעגלעך."
„פאַרוואָס?"
„שוין צוליב דעם פייערפאַרזיכערונג אַליין. שטעל דיר פאָר ווי שנעל מיין פאַרזיכערונג וואָלט אַראָפּ. און וואָלט ענט-שטאַנען אַ שרפה, אַזוי בין איך רואינירט. פאַרשטייסט דען דאָס נישט?"
יאָ, בוני האָט עס פאַרשטאַנען; זעט אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ קאָמפּליצירט, אַכזריות׳דיק סיסטעם, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן יעדן געפיל פון גערעכטיקייט און גוטס.
ער אָבער מיטן פאָטער זענען אַ טייל פון אָט דעם סיס-טעם און מוזן, צי זיי ווילן עס, צי נישט, מיט דעם סיסטעם מיטגיין.
„באַצאָלן מיר דערפאַר די שומרים, טאַטע?"
„מיר דאַרפן באַצאָלן זייער פענסיע."
„מיר גיבן אַלזאָ פרייד באַוואַנען געלט, כדי דעם שטרייק צו דערשטיקן, כאָטש מיר ווילן אים גאָרנישט זען דערשטיקט!"
דער פאָטער האָט געוועַנדט זיין אויפמערקזאַמקייט צו די פּאַפּירן, וועלכע זענען אויף דעם שרייבטיש געלעגן; און בוני איז געבליבן זיצן שטיל און פאַרקלערט.
בוני איז געוואָרן געוויר, אַז אויך פּאָול האָט זיך אַנ-געשלאָסן אין די שטרייקנדיקע.

# V

הער ראָס האָט אים פֿאַרגעלייגט צו בלייבן, ער האָט אַרבעט פֿאַר אים, און די צעסלערס שטרייקן דאָך נישט.

פּאָול האָט זיך די זאַך איבערלעגט און געקומען צו דעם באַשלוס, אַז ער דאַרף בלייבן ל׳גבי די נאַכטאַרבעטער. צווישן זיי זענען געווען זייער ווייניק געבילדעטע און אויפגעקלערטע מענטשן — דעריבער איז טאַקע מעגלעך געווען ביז יעצט זיי אַרויפוואַרפן אַ צוועלפשעהדיקן אַרבעטסטאָג.

פּאָול האָט דערקלערט הער ראָסן, אַז ער מוז אים אויף אַ לענגערע צייט געבן אורלויב, אָדער אָפּזאָגן.

הער ראָס האָט געענטפערט:

„איך נעם נישט אָן אייער אויפפירונג פֿאַר שלעכט, קומט צוריק, ווען דער שטרייק וועט זיך ענדיקן.“

בוני האָט פּאָולען נישט געקענט טרעפן, ווייל ער האָט געאַרבעט אין דער שטרייקלייטונג, אַהין האָט בוני נישט געקאָנט גיין, ווייל עס וואָלט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער זאָל שפּיאָנירן.

בוני איז שוין מער נישט געווען דער יינגער נאַפּטפרינץ. וועלכן מען האָט אַרומגערינגלט מיט חניפות, איצט איז ער געוואָרן אַ פיינט און געגלויבט אַרויסצולייענען שנאה צו זיך פון יעדנס אויגן.

זונטיק פרי האָט די זון העל געשײַנט, בונין דהאָט נאָך קײנמאָל נישט געזען אַזױפיל מענטשן אין פּאַראַדיז.

עלו האָט אין װעלדל אָפּגעריכט אַ גאָטעסדינסט און צוגעזאָגט די שטרײַקנדיקע, אַז זײ דאַרפן נישט האָבן קײן זאָרגן װעגן זײער לױן, זײ דאַרפן נאָר האָבן צוטרױ צו דעם הײליקן גײַסט.

זײ דאַרפן נאָר זיך דערמאָנען אין דעם װוּנדער פון דער פאַרמערונג ; ברױט װעט דען דער הימלישער פאָטער זײ נישט שפּײַזן, אויב זײ װעלן נאָר האָבן צוטרױ צו אים.

אײניקע האָבן אין זײַנע װערטער געגלױבט און אויסגערופן

„אָמן !״

אַנדערע האָבן חוזק געמאַכט און אַװעקגעגאַנגען אויף דעם שפּילפּלאַץ פון דער שולגעבײַדע, װוּ דער פאַרײַן האָט געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג פאַר די יעניקע, װעלכע האָבן געגלױבט אין דער נױטװענדיקײט פון העכערן דעם לױן.

אויך בונין האָט זיך געפונען אויף דעם שפּילפּלאַץ און זיך אײַנגעהערט װי בונין האַלט זײַן ערשטע רעדע.

פאַר בונין איז דאָס געװען אַ גרױסע איבערלעבעניש, אָבער אויך די גאַנצע שטאָט איז געװען פאַראינטערעסירט. איז עס דאָך געװען אַ זעלטענע פאַרפאַל: די בײדע װאַטקינס, די קאָנקורירנדיקע װוּנדערקינדער פון דער געגנט פרעדיקן אײנצײטיק צװײ װידערשפּרעכנדיקע זיך לערעס !

צו עלוס אַנטשולדיקונג מוז געזאָגט װערן, אַז ער האָט זיך קעגן דעם שטרײַק אַװעקגעשטעלט אײַנגאַנצן אומבאַװוּסטזיניק ; ער האָט זיכער גאָר קײן אַהנונג נישט געהאַט װי גוצלעך ער איז דער אונטערנעמער-פאַרײניקונג מיט זײַן לערע.

זײַנע שװעסטער האָבן געבאַקן ברױט פאַר די שטרײַקנדיקע. האָבן געקנעטן מיט די קערפּערלעכע הענט דאָס מאַטעריעלע טײג, און דער זײט װען עלו האָט דערקלערט, אַז ער קען מיטן רוח פון תּפילות װוּנדערברױט שאַפן, גאַנצע קױשן-

„פאַרוואָס־זשע טוסטו עס נישט?" — האָבן געזווזקט די צווייפלערס.

„ווייל אייער אמונה איז צו שוואַך,"—האָט זיך עלו אַרויס געדרייט.

אָבער אייניקע האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין געקומען די צייט מיט וווּנדער אָנצוהייבן, איין איינציקן ברויט געשאַפן דורך דעם מעטאָד פון דער ביבל וועט די אמונה מיליאָן מאָל אַזויפיל שטאַרקן און די גאַנצע אַרבעטערשאַפט וועט צוטרעטן צו דער קירך פון דער דריטער אַנטפּלעקונג.

פּאַול האָט גערעדט לאַנגזאַם און געמאָסטן, ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, האָט אויסגעמיטן אַלע רעטאָרישע שטיק און געקלערט נאָר פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

„אייער גאַנצע צוקונפט שטייט אין שפּיל!"—האָט אויסגערופן פּאַול, — „די צוקונפט פון אייערע פרויען און קינדער. וועט עס אייך געלונגען דורכצופירן דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג, אַזוי וועט איר האָבן צייט צו לייענען, צו בילדן זיך און אויך אייערע קינדער לענגער אין דער שולע האַלטן. אין דעם האַנדלט זיך עס אין דעם דאָזיקן שטרייק, באַטייט די דעמאָקראַטיע נישט דאָס, אַזוי איז זי זינלאָז, און דאָס גאַנצע פּלאַפּלען וועגן פּאַטריאָטיזם—אַ שווינדל."

די מאַסע האָט פּאַולען געמאַכט אָוואַציעס און בונין איז שווער געווען נישט מספּים צו זיין מיט אים.

ער האָט אויסגעזען ביי זיך אין די אויגן זייער אָרעם. דאָס גאַנצע לעבן האָט אים אויסגעזען נישט האַרמאָניש צו זיין.

אין משך פון דער לאַנגער רייזע קיין ביטש סיטי האָט ער גענוג צייט געהאַט איבער אַלץ נאָכצוקלערן, ער איז ערשט אינמיטן דער נאַכט געקומען אַהיים, און דעם גאַנצן וועג האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט אין דעם גערויש פון דער מאַשין פּאַולס שטים, וועלכע פאַרביינט אַלץ, אין וואָס בוני האָט געגלויבט.

# VI

איצט האָט בוני געמוזט שוין געוויער ווערן די ידיעות פונם שטרייק פון די צייטונגען, און דאָס וואָס ער האָט געלייענט איז אין קיין פאַל נישט געווען באַרויִנדיק.

די פרעסע האָט דערקלערט, אַז דער שטרייק אין דעם מאָמענט פון קריזיס, איז אַ פאַרברעכן בנוגע דעם לאַנד. זי האָט באַשטראָפט די שטרייקנדיקע נישט נאָר דורך באַשולדיקן זיי אינם לייטאַרטיקל, נאָר אויך דורך דעם פאַרעפנטלעכן שרייענדיקע באַריכטן פון זייערע פאַרברעכנס.

דינסטיק פרי האָבן די צייטונגען מודיע געווען, אַז אויף דעם פעלד פון עקסצעלסיאָר-פּעטאַזש זענען אַרויסגעפאָדערט געוואָרן עטלעכע וואַגאָנעס נאַפט אַרבעטער—די צייטונגען האָבן זיי נישט אָנגערופן שטרייק ברעכער.

ביי דעם אַריינגאַנג זענען זיי אויפגענומען מיט אַ געבריל, אַרויש, אַ פייפן, געזידלט געוואָרן אויף דעם געמיינסטן אופן, און אפילו מיט שטיינער באַוואָרפן.

די אונטערנעמער-פאַראייניקונג האָט דערקלערט באַלד אין דער פרעסע, אַז אַ פרידלעכע געגנט ווערט באַהערשט פון מענטשען, וועלכע רופן אַרויס אומרוען.

פון צען האָבן ניין געגלויבט אין דעם וואָס די צייטונגען האָבן מודיע געווען.

כמעט אַלע פֿון בוניס באַקאַנטע האָבן געגלויבט אין דעם און האָבן געהאַלטן בונין, ווייל ער האָט אין דעם געצווייפֿלט, פֿאַר נישט אינגאַנצן נאָרמאַל.

פֿאַר אַלעמען האָט עס געטון די מומע עמאַ; זי האָט גענוי געוווסט, אַז אַלע שטרייקער זענען געבוירענע פֿאַרברעכערס און דערצו נאָך דייטשע אַגענטן אין פֿאַרבינדונג, וואָס איז אַלצאַיינס.

די דאַמען אינם קלוב האָבן געהאַט גענויע אינפֿאָרמאַציעס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם אַרבעטערגעבער-פֿאַרבאַנד, די פֿרויען פֿון די איינפֿלוס-רייכסטע מענער האָבן דערציילט די מומע עמאַן פֿון אַלע לויפֿנדיקע נייעסן און די מומע עמאַ האָט מיט פֿרייד קאָנסטאַטירט, אַז זי געהערט, צוליב דער פֿינאַנציעלער לאַגע פֿון איר שוואָגער, צו דער העכסטער געזעלשאַפֿט.

בערטיען איז געווען נאָך ערגער. זי האָט פֿאַרקערט מיט דער בכבודיקסטער יוגנט און אויך זי האָט זיך אין אַלץ אָריענטירט, כאָטש קיינער האָט איר דערפֿון נישט דערציילט.

צייטנווייז האָט זיך בערטיע אַראָפּגעלאָזט צו באַזוכן איינעם פֿון דעם מיטערס קוואַלן, דאָרט האָט זי געזען אַ ראַסע פֿון נידריקערע באַשעפֿענישן, קריטיקע פֿאַרשמירטע ווערזנס, וועלכע נעמען צו אַרויף די היטלען, אָדער אָפּטמאָל נעמען אינגאַנצן נישט אַראָפּ.

שטענדיק אָבער האָבן זיי אָנגעקוקט דאָס מיידל מיט שטומער ערפֿורכט.

די אויגן אונטער די האָריקע ברעמען האָבן קוים פֿאַרראַטן אַ מענטשלעכע אינטעליגענץ און האָבן אָנגעפֿילט בערטיען מיט שרעק. זי האָט פֿאַרבראַכט איינמאָל אַ נאַכט אין בופֿיס זומערווינונג און האָט זיך באַנומען מיט פֿאַוולן אין רוטן אויף אַ פֿראָטעזשירנדיקן אופֿן.

ווען די ביידע האָבן דאָס באַמערקט, זענען זיי געוואָרן שטייף און קאָרג אויף ווערטער.

דאַמאָלט האָט בערטיע גרויסמוטיק מסכים געווען, אַז די

צווי זענען באמת אנשטענדיקע פראָלעטאַריער, דאָך האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער ברודער קען מיט זיי אַזוי פריינטלעך זיך פאַרהאַלטן.

„גרויסער גאָט!"—האָט בוני געשריגן,—„וואָס זענען מיר דען?"—עס איז ווירקלעך מיאוס געווען פון זיין זייט.—„מיט וואָס איז אַן אייזלטרייבער שענער פון אַ צעסליער?"

בערטיע האָט אָפּגעענטפערט פיל מיט ווירדע:

„דער פאָטער האָט זיך מיט זיין איינגעבוירענעם שכל אַרויפגעאַרבעט, אויסערדעם, בין איך זיכער אַז אין אונדזערע אָדערן פליסט „גוט בלוט", כאָטש איך האָב נישט קיין שום באַווייזן!"

אויף דערויף האָט בוני אָפּגעענטפערט, אַז אויך פּאַול מיט רותן וואָלטן געהאַט אפשר „גוט בלוט" אין די אָדערן און וואָלטן אויך געקענט זיך „אַרויפאַרבעטן".

איבער דער טעמע האָבן ביידע שטענדיק דיסקוטירט.

בערטיע האָט באַהויפּטעט, אַז פּאַול שפּילט די ראָל, ווי ער זאָל בונין פּראָטעזשירן, און אַז ער נוצט אויס גוטמוטיקייט.

פּאַול וואַגט זיך אפילו בונין „מיין זון" אָנצורופן, ווי אַזוי ער האָט עס געהערט פונם פאָטער ראָס. איז דאָס נישט פרעך, בערטיע האָט שטענדיק גערופן דעם ברודערס פריינט „דיין אַלטער פּאַול".

„דיין אַלטער פּאַול האָט דעם פאָטער פאַרקויפט און פאַרראַטן. איך האָב עס שטענדיק געזאָגט אַז מען דאַרף אַ זעלכע לייט נישט טרויען."

און ווען בערטיע האָט אַנטדעקט אַז בוני סימפּאַטיזירט מיט פּאַולען און מיטן המון, האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן „די קליינע בעסטיע", „דער אומדאַנקבאַרער זון", און נאָך אַלערליי שענע נעמען.

„דער פאָטער שטעלט איין זיין לעבן. בלייבט איבער אין פּאַראַדיז צווישן די דאָזיקע פאַרברעכערס. קיין שום אַנדערע אונטערנעהער טוט דאָס נישט. די אַנדערע זיצן זיך אין זייערע

ביוראָס אין אַנגל-סיטי און פּרוּוון דורך זייערע אַגענטן דעם שטרייק דערשטיקן. אָבער נאַטירלעך דו האָסט דעם פּאָטער מיט זיינע נאַרישע סענטימענטאַלע אידעען אָנגעשטעקט, קומט אים עפּעס פּאָר, אַזוי וועסטו דיין גאַנץ לעבן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט!"

אין אַ פּאָר טעג איז דער פּאָטער געקומען אַהיים, ער האָט נאָך מער צערייצט בערטיעס כּעס דורך דעם וואָס ער האָט דערקלערט, אַז אין משך פון שטרייק מוז זי זיך אַביסל באַגרעניצן. זיינע פינאַנצן זענען איצט שטאַרק אָנגעגריפן.

בערטיע האָט איראָניש באַמערקט, אַז בוני קען דאָך זיין אויטאָ פאַרקויפן.

דער פּאָטער האָט ווייטער איבערגעגעבן:

„ביי אונדז זענען אויך פאָרגעקומען קליינע אומאַנגענעמלעכקייטן. איינער פון די שטרייקנדיקע האָט זיך ביינאַכט מיט אַ וועכטער געשלאָגן! איך ווייס נישט ווער דער ערשטער האָט אָנגעהויבן. יעדנפאַלס האָט דער פירער פון דער וואָך געדראָט אַז ער וועט די וועכטער צוריקציען, אויב איך וועל נישט צוריקוואַרפן די שטרייקנדיקע פון די באַראַקן; ענדלעך זענען מיר געקומען צו אַן אויסגלייך: איך האָב די באַראַקן אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן שטעכנדיקן פלויט, וועלכער טיילט אָפּ די אַרבעטער פון דעם אַרומיקן פעלד.

„ווידער אַ אָרט ווי רות מיט בונין וועלן קענען ראָזעס פאַרפלאַנצן." — האָט בערטיע געחוזקט.

דער שפּאַס האָט צוגעטראָפן, האָט ער דאָך בונין געוויזן אויף קלאָר, וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּילט אין דעם קאַמף: ער פאַרפלאַנצט ראָזעס אויף דעם שטעכיקן פלויט, וועלכער טיילט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם קאַפּיטאַל.

דער פּאָטער האָט בערטיען אויפגעקלערט: די אַרבעטער זענען נישט קיין פאַרברעכער, אין געגנטייל, מערסטנטייל זענען פאַראַן צווישן זיי זייער אָנשטענדיקע יונגע און גוטע אַמע-

דיקאַנער. די דייטשן האָבן מיטן שטרייק גאָרנישט צו טון. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס די דאָזיקע לייט לאָזן זיך פאַרפירן פון אַגיטאַטאָרן."

בערטיע איז מיט דער אויסטייטשונג געווען צופרידן, אַיז דאָך פּאַוול אויך אַן אַגיטאַטאָר.

„דו דאַרפסט טאַקע נישט נעכטיקן איינער אַליין אין פּאַ־ראַדיז און נישט לאָזן קאָכן פאַר דיר די וואַטקינס,"—האָט זי געזאָגט.—„איך האָב געהערט פון שטרייקנדיקע קעצנערס, וועלכע האָבן אַריינגעטון גיפט אין דער זופּ."

ווען דער פּאָטער מיט בונין האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, האָט זי זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט גאָרנישט געקלערט פון פּאַוולן און רותן, אָבער אויך זיי קען עס נישט פאַרשאַפן קיין פאַרגניגן צו קאָכן פאַר דעם פּאָטער און פאַר די שטײיקנדע. אויסערדעם וווּנדערט זי זיך, וואָס דער נשמה גאָר נישט אָן פאַר אומגוט זייער פאַררעט.

„רות איז אַן ערלעך אויפריכטיק מיידל,"—האָט בוני אויס־געשאָסן מיט כעס.

„יאָ, יאָ,"—האָט די שוועסטער געחוזקט.—„מיר ווייסן שוין דיין באַוווּנדערונג פאַר איר, וועסט זיך נאָך אין איר פאַר־ליבן, אָדער אפשר גאָר אין מעלי, אַזוי הייסט דאָך די צווייטע, נישט אמת?"

בוני האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם צימער. ער איז געווען אין אַן אַנדער מיידל פאַרליבט, און בערטיע מיט איר קלאַסנפאַנטאַזיע איז געווען נישט איבערצוטראָגן.

און דאָך,—בוני האָט זיך אין דעם געמוזט שטענדיק דער־מאָנען.—איז בערטיע געווען פאַר איר גלייכן גרויסמוטיק, צייטנווייז אַפילו ליבלעך.

זי איז געווען טריי אירע פריידנס, האָט זיי געהאָלפן, ווען זיי איז שלעכט געווען, און האָט זיך שטענדיק געגעבן די מי זיי אונטערצושטיצן.

די מענטשן האָט בערטיע געקענט, ווען זיי האָט זי גע־וווּסט, אַז זיי זענען אַמאָל רייך געווען.

די נאַפּטאַרבעטער, דאַקעגן האָט בערטיע נישט געקענט. זיי זענען געווען פאַר איר אַ נידריקער, פאַר איר אַ פאַרגניגן וועגן געשאַפענער סאָרט מענטשן, וועלכער האָט זיך באַדאַרפט איר אונטערוואַרפן.

און די אַרבעטער האָבן דאָס נישט געוואָלט טון.

אָבער ווער און וואָס איז אייגנטלעך געווען בערטיע, וואָס די אַרבעטער זאָלן איר אויסהאַלטן? אַ מונטער, שען מיידל, וועלכע האָט געקענט אויף אַ בכבודיקן אופן אין דער געזעלשאַפט פון איר גלייכן געלט אויסגעבן.

זי איז שטענדיק געווען פאַרטון מיט איר קרייז, געפירט אַן אויסערגעוויינלעך חבריש לעבן, געקומען שטענדיק אַהיים פאַרטאָג און אויפגעשטאַנען צו מיטאָג, נאָר דעמאָלט, ווען זי האָט זיך אָפגערעדט. וואָס דען פאַר אַ זין האָט עס צו זיין רייך, אויב נישט גוט זיך צו ווייל? די דאָזיקע לערע האָט בערטיע געפּרעדיקט צום יינגערע ברודער, און די מומע עמאַ האָט דערביי אונטערגעהאָלפן. און איצט איז נאָך צוגעקומען עאוניס האָיט, וועלכע האָט אויף בונין אַן אויג געוואָרפן און דעם גרעסטן איינפלוס אויף אים געהאַט.

„זיי יינג! זיי יינג!“—אַזוי האָבן אַלע געשריגן צו אים. —

„נאָך וואָס זאָלסטו טראָגן אויף דיינע פּלייצעס די לאַסט פון דער גאַנצער וועלט? סיי-ווי וועסטו גאָרנישט קענען אויפטון. אַלץ אויף דער וועלט שטייט פעסט און האַרט אויף זיין פּלאַץ. אומזיסט וועסטו פּרווון צו קעמפן קעגן די אַלע ווידערשפּרוכן“.

# XII

די דייטשע אונטערשיפֿלעך האָבן אַן אַמעריקאַנישע שיף דערטרינקען, אין אַמעריקע איז געווען גרייט אין קריג אַנטייל צונעמען.

דער קאָנגרעס איז געוואָרן צוזאַמענגערופֿן, דאָס גאַנצע לאַנד האָט פֿאַר קאַמפּלוסטיקייט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן.

די צייטונגען האָבן געבראַכט אויף גאַנצע זייטן טעלעגראַמעס פֿון וואַשינגטאָן, ניו-יאָרק און די אייראָפּעישע הויפּטשטעט, עס איז נישט געווען ווונדערלעך, וואָס דער פּאַראַדיז גאַפּט-שטרייק האָט שוין מער נישט געפֿונען קיין פּלאַץ אין די צייטונגען.

צייטנווייז האָט מען נאָר געפֿונען אויף דער לעצטער זייט די, אָדער יענע זייט: דריי שטרייקערס זענען געוואָרן אַרעסטירט ווייל זיי האָבן געשלאָגן ביינאַכט אַ שטרייקברעכער, די שטרייקנדע האָבן געפּרוווט אַ שרפה אַרויסצורופֿן, דייטשע אַגענטן אַרבעטן פֿיבערהאַפֿט צווישן די אַרבעטער; אויסער אַזעלכע קליינע נאָטיצן גאָרנישט, וואָס זאָל דערמאָנען אין דעם אַז טויזנטער

מענטשן, פון וועלכע אַ סך מיט פרויען און קינדער פירן אַ פאַר־צווייפלטן קאַמף מיטן הונגער.

הער ראָס האָט דערהאַלטן, פאַרשטענדלעך, אַלע טאָג באַ־ריכטן, און אַזוי אַרום האָט אויך בוני שטענדיק געוווּסט, וואָס עס געשעט, פאַמעלעך איז די אונטערנעמער געלינגען פאַר גוטע פרייזן אַ גרויסע צאָל פון „געלע" צו באַקומען.

געוויס זענען דאָס מערסטנטייל געווען אומגעלערנטע אַר־בעטער און עס איז פאָרגעקומען דעריבער אָפט אומגליקספאַלן; דאָך האָבן אַ פּאָר קוואַלן אָנגעהויבן פונסניי צופּראָדוצירן און אין אייניקע ערטער האָט מען אפילו אָנגעהויבן ווייטער צו בוי־ערן. אויף די פעלדער אָבער פון הער ראָס איז די אַרבעט גע־ווען פאָלקאָם אָפּגעשטעלט.

ער האָט פאַרלוירן יעדן טאָג אַ פאַרמעגן און אויסערדעם נאָך די אַכטונג פון זיינע מיטאונטערנעמער וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר משוגע, אָדער פאַר אַ פאַררעטער. זיי האָבן נישט געוווּסט אויף געוויס פאַרוואָס.

פאַרשטענדלעך האָבן זיך די גרויסע פינף געפרייד וואָס אַן אומאָפּהענגיקער שניידט זיך אַליין איבער דעם האַלדז, אָבער דעם אָנשטעל האָבן זיי געמאַכט, אַז זיי זענען אויסער זיך פון זיין האַנדלונג, האָבן אַרויסגעלאָזט אויף זייער קאָנקורענט אַלער־ליי פּליאָטקעס, האָבן קעגן אים געד־עצט און איבערגעטריבן די שוועריקייטן, וועלכע ער איז זיי גורם דורך זיין פאַרהאַל־טען זיך.

בוני האָט דאָס אַלץ געוווּסט און ער איז דאָס אויך גע־ווויער געוואָרן פון די פּליאָטקעס, וועלכע די מומע עמאַ האָט אַהיימגעבראַכט פון די קלובן און בערטיע פון די בעלער.

אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אין די אַרבעטער, וועלכע קלאַמערן זיך אין דער האָפנונג צו האָבן אַ דערטרעגלעך לעבן און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס לעבן זיין ווערט אויף צוויי צעריסן.

נאָר איינס האָט געקענט באַרעכטיקן דעם פּאָטשרס פאַרהאַלטן זיך; די אַרבעטער וועלן מוזן זיגן; זיי מוזן.

בוני איז געווען פיל מיט בטחון, פּונקט ווי ער פלעגט זיצן אויף דעם פוטבאָל-פּלאַץ און פאַר זיין מאַנשאַפט הייזעריק ברילן.

ער וואָלט אויך דעמאָלט גערן אויף דער אַרענע אַרויפגעשפּרונגען און זיין מאַנשאַפט געהאָלפן, אָבער די געזעצן פון שפּיל האָבן דאָס נישט דערלויבט.

אויף די ראָס פעלדער איז ווידער פאָרגעקומען שווערקייט מיט דער וואַך, העך ראָס איז אַהין געפאָרן, און ווייל עס איז שוין געווען ענדע וואָך, האָט אים אויך בוני באַגלייט. דער פרילינג איז שוין געהאַט געקומען, די בערגלעך האָבן געגרינט, די פרוכטבוימער האָבן געבליט, ווי שען אַלץ אַרום איז געווען!

אָבער די מענטשן זענען געווען אומגליקלעך, מיליאָנען מענטשן.

פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט אויסלערנען אין אַזאַ שענער וועלט גליקלעך צו זיין?

דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרקלערט פונם פרילינג, די מענטשן אָבער האָבן זיך צו מלחמה געגרייט; זיי האָבן צוגעגרייט אומגעהייערע מחנות, כדי אַנדערע מענטשן צו טויטן וועלכע האָבן אויך אַזוי גליק פאַרלאַנגט.

אַלע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז אַזוי מוז עס שוין זיין. אָבער בוני האָט שטענדיק געטרוימט פון אַ וועלט, אין וועלכער מענטשן וועלן זיך נישט טויטן איינער דעם אַנדערן און איינער וועט נישט צושטערן דעם צווייטנס גליק.

זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאַראַדיז.

איבעראַל אויף די גאַסן האָבן זיך ארומגעדרייט מענטשן.

אויף אַלע וועגן צו די נאַפטפעלדער איז געשטאַנען וואַך.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ האָט עמעץ געהאַלטן אַ רעדע;

אַ גרויסע מאַסע האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

דאָס איז געווען אַ גינסטיקע צייט פאַר טפּשים פון אַלער־ליי סאָרטן, וואנדערעוואנגעליסטן, פאַקויפער פון פאַרשידענע רפואות, סאָציאַליסטישע רעדנער—אַלע זענען געוואָרן אויסגעהערט מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט.

בוני האָט אַנטדעקט, אַז זיין לייענצימער שטייט שוין מער נישט ליידיק, עס האָבן זיך געפונען אַרבעטער, וועלכע האָבן אַלע צייטונגען אפילו מיט די אַנאָנסן, איבערגעלייענט.

הער ראָס האָט גערופן די דעלעגירטע.

„די לאַגע איז אומדערטרעגלעך.״—האָבן זיי באריכטעט.—

„די וואַך פּראָוויצירט, איז מערסטנטייל שכּור, ווייסט נישט וואָס זי טוט און וואָס זי האָט געטון. דער פאַריין האָט אויפגעשטעלט שוין איינִיקע געצעלטן, און די אַרבעטער פון די באַראַקן וועלן זיך איבערקלייבן אין די געצעלטן. דאַקעגן וועלן מוזן די אַרבעטער וועלכע האָבן שוין פאַמיליעס בלייבן אויף דעם אָרט, אויב הער ראָס וועט עס זיי נאָר דערלויבן, ווייל פאַר פאַמיליעס איז אין די געצעלטן קיין פּלאַץ נישטאָ, און איבערלאָזן אַליין די פרויען מיט די קינדער בשכנות מיט דער וואַך איז אומעגלעך.״

הער ראָס האָט געשמועסט מיט דער פירער פון דער וואַך און יענער האָט מודה געווען אַז זיינע מענטשן באַקומען אַלקאָהאָל.

„איר קענט דאָך אַנדערש נישט האָפן, אַז זיי זאָלן וועלן פאַרבלייבן אין דער דאָזיקער פון גאָט פאַרלאָזענער נעסט?״

הער ראָס האָט אים אָפּגעגעבן גערעכט; אַזוי זענען שוין געווען די מענטשן און וויל מען אין אַ קריטישן מאָמענט אָפּהיטן זיין גוטס, אַזוי מוז מען זיך באַנוצן מיט די מענטשן וועלכע מען קען נאָר באַקומען.

אָבער בוני איז מיט דעם בשום אופן נישט געווען איינ־שטימיק. געוויס ער איז געווען אַן „אידעאַליסט, און אידע־

אליסטן זענען זעלטן מיט דער דאָזיקער אכזריותדיקער וועלט צופרידן.

דאָס שטערט אָבער נישט די מענטשן פון פּראַקטיק נישט צו וועלן געבן זייערע אַרבעטער דעם גערעכטן לוין, וועלכן זיי דאַרפן האָבן צום לעבן, און זיי צו אַ צוועלפשעהדיקן אַר-בעטסטאָג צו צווינגען.

זיי טרייבן די שטרייקער מיט רעוואָלווערן און ביקסן פון די נאַפט פעלדער, צווינגען זיי דורך הונגער צוריק זיך שטעלן צו דער אַרבעט אויף די זעלבע פריערדיקע אומגערעכטע באַדינגונגען.

בוני האָט זיין טרויער צו דעם טאַטן געטראָגן.

„וואָס וועלן די מענטשן טאָן, ווען זיי וועלן שוין מער נישט האָבן וואָס צו עסן?"

„צו דער אַרבעט צוריק גיין."

„און דעם שטרייק פאַרלירן, טאַטע?"

„יאָ, ווען זיי קענען אים נישט געווינען, אַזוי מוזן זיי אים פאַרלירן, דאָס איז דער געזעץ פונם שטרייק, פּונקט אַזוי אויך ווי פון דעם גאַנצן לעבן, דאָס לעבן איז אומברחמנותדיק; פריער אָדער שפּעטער וועסטו עס מוזן דערזען. די אַרבעטער וועלן זיך מוזן אונטערגעבן און אָפּוואַרטן ביז זייער פּאַריין וועט שטאַרקער ווערן."

„אָבער טאַטע, ווי קען ער שטאַרקער ווערן, ווען ער ווערט פון די אונטערנעמערס באַיקאָטירט? דו ווייסט דאָך ווי די אָר-גאַניזירטע אַרבעטער ווערן אַרויסגעיאָגט; שוין היינט נע-מען די געזעלשאַפטן נישט אָן קיין שום אַקטיוון פּאַריינ-מיטגליד."

דער פאָטער האָט דערקלערט, אַז ער ווייסט דאָס זייער גוט, אָבער די אַרבעטער מוזן שטענדיק פּרובירן, קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ.

„איך קען דאָך נישט ביי מיר אונטערצושטיצן דעם שטרייק ווען די אַרבעט איז ביי מיר אָפּגעשטעלט,"—האָט ער

אויסגערופן אומגעדולדיק.—„די אַרבעטער דאַרפן פאַרשטיין, אַז זיי האָבן קיין רעכט נישט דאָס פון מיר צו דערוואַרטן! אָדער זיי ווילן זאָרגן דערפאַר, אַז אויך אויף די אַנדערע פעלדער זאָל נישט געאַרבעט ווערן, אָדער אויך די ראָס-פעלדער ווילן צוריק די אַרבעט אויפנעמען.“

בוני האָט פלוצים דערפילט אַ פיזישן עקל; ווויהין ער זאָל נישט האָבן געגאַנגען, אומעטום האָט אים פאַרפאָלגט דער ווייטיקלעכער געדאַנק:

„מיר ווילן אויף אונדזערע פעלדער שטרייקברעכער ברענגען!“

# VIII

נאָר איין אָרט איז געווען, וווּ בוני האָט זיך געפֿילט גוט, דאָס איז געווען אין זייער הויז אויף דער וואַטקינס־פֿערמע.

דאָרט האָט ער פֿאַרבראַכט דעם שבת נאָכמיטאָג, און צוגעהאָלפֿן רותן מיט מעלין, דאָס איז געווען די איינציקע שטיצע, וועלכע ער האָט געקענט געבן די שטרייקנדיקע.

זיי האָבן פֿיל גערעדט פֿון דעם עלנט אַרום, אָבער צייטנווייז זענען זיי אויך געווען פֿריילעך, געלאַכט, געשפּאַסט, ווי אַנדערע יונגע מענטשן, אָבער זיי האָבן דערביי אויך פֿלייסיק געאַרבעט און צוגעגרייט פֿון דעם מעל, וואָס דער פֿאַריין האָט געליפֿערט, פֿאַרשידענע שפּייזן.

אָוונטצייט איז אָנגעקומען הער וואַטקינס מיט זיין אַלטן וואָגן, זיי האָבן אים פֿול אָנגעלאָדן און מעלי איז מיטגעפֿאָרן צו דער לייטונג פֿון שטרייק.

בוני איז מיט רותן איבערגעבליבן, געהאָלפֿן איר אָרדנונג מאַכן, און געפּרוּווט איר דערקלערן די לאַגע פֿונם פֿאָטער און פֿאַרוואָס ער, בוני, קען נישט העלפֿן די שטרייקנדיקע.

זונטיק איז ער געגאַנגען אויף דער פֿאַרזאַמלונג און זיך צוגעהערט צו פּאָולס רעדע.

פּאָול האָט נאָך לאַנגע שלאָפֿלאָזע נעכט און הונגער־טעג

אויסגעזען שטאַרק אָפּגעצערט, אין זיין שטים האָט געקלונגען אַ ווילדע ליידנשאַפט.

ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון זיינע רייזעס איבער די איבעריקע באַפעלדער און דערקלערט, אַז עס איז נישטאָ אין ערגעץ קיין גערעכטיקייט: די מלוכה באַמטע זענען נישט מער ווי שאָך-פיגורן אין די הענט פון די אונטערנעמערס און טוען אַלץ כדי די אַרבעטער אָפּצושרעקן און זייערע פאַריינען צו צעשטערן.

פּאַול האָט בוזין אין דער מאַסע באַמערקט און איז נאָך דער פאַרזאַמלונג צו אים צוגעגאַנגען.

„איך וועל מיט דיר עפּעס רעדן,“—האָט ער געזאָגט און דיביידע זענען אַראָפּגעגאַנגען אין אַ זייט.

פּאַול, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין צייט לאַנג צו פּלוידערן, האָט מיטאַמאָל אַ זאָג געטון:

„הער מיר אויס, עס וואָלט מיר געווען איינגענעם, ווען דו לאָזט מיין שוועסטער צורו.“

„צורו?—האָט בוזי איבערגעחזרט נישט פאַרשטייענדיק; ער איז געבליבן שטיין און שטאַר אָנגעקוקט פּאַולן,—„וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?“

„מעלי האָט מיר דערציילט, אַז דו ביסט אָפט ביי זיי, אויך דעם נעכטיקן אָוונט האָסטו דאָרט פאַרבראַכט.“

„אָבער, פּאַול, עמעץ מוז דאָך בלייבן מיט רותן.“

„מיר קענען זי אַליין אָפּהיטן, זי האָט דאָך אויך געקענט אוועקגיין צום פאָטער, פאַרשטיי מיך גוט: איך וויל נישט, אַז דייכע ייִנגען זאָלן זיך אַרום מיינע שוועסטער דרייען.“

„אָבער, פּאַול!“—דו ביסט זיך טועה, פּאַול, ווירקלעך.“

„דו זאָלסט זיך די זאַך קלאָר מאַכן, ווען עמעצער טון מיינע שוועסטער אַן עולה, אַזוי טויט איך אים. אין דעם מעג, סטו זיין זיכער.“

„אָבער פּאַול, איך קלער גאָרנישט וועגן עטוואָס ענלעכעס. הער מיך אויס, איך... איך בין אין אַ מיידל פאַרליבט, אין אַ מיידל פון דער הויכשולע, ווירקלעך, פּאַול, איך בין

שרעקלעך נארליבט, איך... איך וואָלט נישט געקענט קיין אַנדערע... איך וואָלט נישט געקענט צו קיין שום אַנדערע האָבן אזא ענלעך געפיל."

בונ׳ איז אין דער צייט פון זיין ודוי געוועזן שטארק רויט, עס איז געווען צו זען, אַז ער זאָגט אמת.

פּאַוּלס שטים איז געוואָרן מילדער:

„הער מיך אויס, מיין זון דו ביסט שוין מער נישט קיין קינד, אויך רות איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל. איך גלויב דיר, אַז דו וועסט זיך, פאַרשטענדלעך, אויסקלייבן אַ מיידל פון דיין סביבה. אָבער ביי רותן קען געשען עפּעס אַנדערש... זי קען זיך אָנהייבן מיט דיר צו שטאַרק פאַראינטערעסירן. עס וואָלט געווען בעסער, ווען דו קומסט נישט מיט איר זיך צונויף אַזוי אָפט."

בונ׳ האָט פריער קיין ווערטער נישט געפונען:

„איך וויל באַר ידיעות איבערן שטרייק באַקומען,"—האָט ער זיך פאַרטיידיקט,—„און איך האָב קיינמאָל נישט דאָס געלעגנהייט מיט דיר צו רעדן. דו ווייסט גאָרנישט ווי שלעכט איך בין געשטימט. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל אָנהייבן צו טון."

און פּלוצים האָט ער אויסגעשאָסן, זיין גאַנצן טרויער אין עטלעכע זאַצן אַריינפּרעסנדיק:

„איך בין ווי אויף צוויי שטיקער צעריסן, איך מוז דאָך קעגן דעם פאָטער זיין לאָיאַל, אין דער צייט ווען מיין גאַנצע סימפּאַטיע איז אויף דער זייט פון די אַרבעטער. איך בין אין אַ נעץ געפאַנגען, וואָס זאָל איך טון?"

ווידעראַמאָל האָט פּאַוּלס שטים געקלונגען האַרט:

„דיין פאָטער איז דערמיט מסכים, אַז די פעדלעצן זאָלן ווייטער די פעלדער אָפּהיטן."

„ער צאָלט זיינע אָפּצאָלן, אויב דו פיינסט שוין יאָ אַזוי, ער איז לגבי די פאַרייניקונג פאַרפליכטעט..."

„עס איז נישט גילטיק קיין שום אָפּמאַך, וועלכער איז

קעגן דעם געזעץ. ווייסטו דען נישט אַז די הונט ברעכן הונדערט מאָל אין טאָג דאָס געזעץ?"

„איך ווייס עס, פּאָול. אָבער דער פאָטער איז מיט די אַנדערע אונטערנעמער געבונדן, דו פאַרשטייסט עס נישט... ער האָט ווירקלעך שווערע פינאַנציעלע פאַרלוסטן וואָס זיינע קוואַלן פּראָדוצירן נישט, און דאָס טוט ער דאָך נאָר צוליב די אַרבעטער."

„איך ווייס, דאָס אָנערקענען מיר אויך, איצט אָבער האָט ער דערקלערט, אַז ער מוז דאָס אויפגעבן און גלייך מיט די אַנדערע אונטערנעמער שטרייקברעכער ברענגען. די אונטערנעמער טרייבן אונדז צו פאַרצווייפלונג, פירן אַ שמוציקן קאַמף. דאָס ווייסט דיין פאָטער אויך, און ער האַלט דאָך מיט זיי."

ביידע האָבן אַ רגע געשוויגן, דערנאָך האָט פּאָול ווייטער גערעדט מיט אַ צאָרנדיקער שטים:

„איך ווייס, אַז זיין געלט שטייט איצט אין קאָן, און ער וויל נישט ריזיקירן. און דו טוסט, פאַרשטענדלעך, דאָס, וואָס ער זאָגט דיר."

„פּאָול, איך קען דאָך נישט קעגן דעם פאָטער גיין, פאַרלאַנגסטו דען דאָס פון מיר?"

ווען מיין פאָטער האָט מיר געוואָלט אַרויפצווינגען זיין ווילן און מיר שטערן אין מיין אַרט דענקען, האָב איך מיר געשטעלט קעגן אים, דאָס ווייסטו דאָך, נישט אפשר? דעמאָלט האָסטו מיר צוגעגעבן מוט און מיין האַנדלונג אויסגעפונען פאַר ריכטיק."

„פּאָול, איך וואָלט מיין פאָטער דאָס האַרץ צעבראָכן."

„אפשר האָב איך אויך מיין פאָטער דאָס האַרץ צעבראָכן, איך ווייס עס נישט, אויך דו קענסט דאָס נישט וויסן. דאָ האַנדלט זיך נאָר אין איינס, דיין פאָטער האָט אומרעכט, און דו ווייסט עס, ער לאָזט געמיינזאַם מיט די אַנדערע אונטערנעמער אָט די פּאָדליעצן אויף די פעלדער אַרומגיין, און רויבט צו ביי אונדז אונדזערע בירגערלעכע רעכט און אפילו אויך

אונדזערע מענטשלעכע רעכט, דאָס קענסטו נישט אָפּלייקענען.
און דו האָסט פאַרפליכטונגען לגבי דעם אמת.״

ווידער אַמאָל האָבןביידע געשוויגן.

בוני האָט געקעמפט מיט דעם שרעלעכן געדאַנק, דעם פאָטער זיך אַנטקעגנשטעלן, ווי פּאַוול האָט זיך דעם אַלטן הער וואַטקינס אַנטקעגנגעשטעלט.

דאָס איז געווען דער איינציקער וועג, וועלכן בוני האָט אָנערקענט פאַר אמתדיק, אָבער ער האָט אים אויסגעפונען פאַר אוממעגלעך.

ענדלעך האָט זיך אָנגערופן פּאַוול:

„איך ווייס יאָ, וואָס עס וועט זיין, מיין זון, דו וועסט עס נישט טון, דיר פעלט דער מוט, דו ביסט צו ווייך״.

ער האָט געוואַרט אַ פּאָר מינוט ביז די דאָזיקע ווערטער האָבן אַריינגעדרינגען אין בוניס באַוווסטזיין, דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

„יאָ, דאָס איז דאָס פּאַסיקסטע וואָרט: ווייך, דו האָסט שטענדיק געהאַט אַלץ, וואָס דו האָסט באַדאַרפט, אַלץ איז דיר געוואָרן דערלאַנגט אויף אַ זילבערן טעלערל, און דאָס האָט דיך געמאַכט פאַר אַ שוואַכן. דו ביסט גוטהערציק, ווייסט אויך וואָס אמת איז, אָבער טון קענסטו נישט, האָסט שטענדיק מורא, אַז דו וועסט עפּעס ווי טון.״

דערמיט האָט זיך דער שמועס פאַרענדיקט.

פּאַוול האָט מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן און בוני האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, זיינע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן: אַלזאָ ער איז אַ שוואַכער יינג!

ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, כדי פּאַוול זאָל זיינע פייכטע אויגן נישט זען.

„איך האָב נאָך פיל צו דערלעדיקן״—האָט פּאַוול געזאָגט—
„איך מוז גיין. אין אַ שיינעם טאָג וועט אויך דער קאַמף זיין צו ענדע, דיין פאָטער וועט ווידער מאַכן געלט, איך וועל האָפן, אַז דאָס וועט דיר ברענגען גליק. כאָטש איך צווייפל אין דעם, זיי געזונט, מיין זון.״

„זיי געזונט״,—האָט בוני געענטפערט אומעטיק.

פּאָול האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען.

בוני האָט ווייטער געשפּאַנט אַן אויפגערעגטער, ער איז געווען בייז אויף פּאָולען פאַר זיין נישט פאַרשטענדניש, פאַר זיינע גרויזאַמע האַרטע ווערטער, אָבער אַ שטילע שטים אין אים האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

„פּאָול האָט רעכט: דו ביסט ווייך... ווייך, אַ שוואַכלינג, דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט!״

דאָס דאָזיקע בוניס פאַרהאַלטן זיך לגבי פּאָולן האָט בערטיען אַזוי אויפגערעגט, בוני וואַרפט זיך פאַלקאָם אונטער פּאָולן, לאָזט זיך פון אים געדולדיק מיט די פיס טרעטן.

אים פעלט לגמרי די ווירדע פון אַ מיליאָנערס אַ זון.

# IX

בוני האָט זיך צוריק אומגעקערט אין שול אַריין; די נאַרטאַרבעטער האָבן ענגער צונויפגעצויגן די פּאַסן און געגעסן שוין נאָר אויף איין צאָן.

אַמעריקע האָט דערקלערט קריג. דער קאָנגרעס ד״האָט געמאַכט אַן אומגעהייערע „פרייהייטס אַנלייהע” כּדי די מלחמה קאָסטן צו דעקן, אַלע מענער אין דינסטפליכטיקער עלטער זענען געוואָרן רעגיסטרירט און עס איז ווערבירט געוואָרן אַ ריזיקע אַרמיי.

און דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימען וועגן אַ בורגפרידן מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. צוערשט אין פאַרבינדונג מיט די באַנאָנגעשטעלטע, פון וועלכע פיל זענען געווען פאַר אַ שטרייק און געפאָדערט אַ העכערן לוין און בעסערע באַדינגונגען.

די אייזנבאַנען זענען פאַר דעם נצחון געווען אַ זאַך, אָן וועלכער מען האָט זיך פשוט נישט געקענט באַגיין, דער קאָנגרעס האָט דעריבער באַפולמעכטיקט דער רעגירונג, ענערגיש זיך אַריינצומישן אין יעדן שטרייק און זען מען זאָל קומען

צו אַ הסכם מיט די פּאַריינען און, אַז יעדע פּאַרטיי זאָל זיך האָבן איר רעכט.

זענען אַזעלכע שריט אונטערגענומען געוואָרן לגבי די באַנאָנגעשטעלטע, אַזוי איז שוין זיכער, אַז דאָס זעלבע וועט געטון ווערן אויף די אַנדערע געביטן פון דער אינדוסטרי, אויך די נאַפּטאַרבעטער וועט געגעבן ווערן זייער רעכט, וועלכע די אונטערנעמער ווילן ביי זיי צונעמען.

די אַרבעטערפּרעסע איז געווען פול מיט די דאָזיקע נייעס; טעלעגראַמען פון דער פּאַריינצענטראַלע אין וואַשינגטאָן האָבן אויפגעפּאָדערט די שטרייקנדע פון פּאַראַדיז אויסצוהאַלטן.

דאָס אינגאַנצן איז געווען ענלעך צו דער „גרויסער סצענע״ אין אַן אַלטמאָדישער מעלאָדראַמע! די העלדין איז אין אַ טאַרטאַק צוגעבונדן צום קלאָץ, און מיט יעדער מינוט דערנענטערט זיך דער קלאָץ צו דער שרעקלעכער זעג, וועלכע וועט דאָס מיידל צעשניידן.

דער העלד קומט צעפליען ווי אַ משוגענער אויף זיין פערד, שפּרינגט אַראָפּ, האַקט אויף מיט אַ האַק די טיר, פאַלט אַריין אין צימער און שטעלט אָפּ די מאַשין גראָד נאָך צו דער צייט.

איז עס נישט געווען אומגלויבלעך, אַז די דאָזיקע באַנדע די דאָזיקע גאַנצע מאַכט פון דעם אינדוסטריעלן סיסטעם, מיט זיינע מיליאָנען און די באַנקן, מיט זיין פּאָליטישן אַפּאַראַט, זיינע שטרייקברעכעראגענטורן, זיינע שפּיאָנען און וועכטער, מיליץ מיט מאַשינענגעווער און פּאַנצערוואגנס,—אַז די דאָזיקע גאַנצע שוידערלעכע מאַכט וועט פּלוצים אָפּגעריסן ווערן פון איר קרבן, פּונקט דעמאָלט ווען זי האָט אים שוין געהאַלטן ביי דעם האַלדז?

דער אַלעהעכסטער פעטער סעם האָט אויסגעשטרעקט זיין מעכטיקע האַנט און דערקלערט, די נאַפּטאַרבעטער זענען פּונקט אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי די איבעריקע בירגער, און זייער רעכט נעמט ער איבער אין שוץ!

די צענטראַלע אין וואַשינגטאָן האָט געמאָלדן, אַז די נאָכטאַרבעטער וועלן באַקומען אַ געהעכערטן לוין, פּראָפּאָרציאָנעל דער שטייגערונג פון די פּראָדוקטן, און אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג.

אויף די פעלדער איז אָנגעקומען אַ בורר פון דער רעגירונג, דערווייל אָבער זאָל די אַרבעט זיך ווידער אָנהייבן, פּדי דער גוטער, אַלטער מאַן מיט דער ווייסער ציגנבאָר אין דעם רויט-ווייס-בלויען געוואַנט זאָל באַקומען אַזויפיל גאַפּט וויפיל ער דאַרף.

ווילסאָן, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט געהאַלטן וואונדערפולע און איבערצייגנדיקע רעדעס, אַז די מלחמה גרייט שוין צו דעם סוף פון אַלע מלחמות און פאַרזיכערט די הערשאַפט דעם פאָלק, דורך דעם פאָלק און פאַר דעם פאָלק.

אַלע הערצער האָבן אויפגעציטערט, אַלע זענען געווען גרייט זיך צו ווידמען פאַר דער גרויסער זאַך.

אויך אויף דעם שפּילפּלאַץ פון דער שול אין פּאַראַדיז האָט געהערשט אַ שמחה, ווען עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די וועכטער וועלן שוין צוגענומען און אַז די אַרבעט וועט זיך צוריק אָנהייבן.

דער פאָטער ראָס איז דערפון געוויער געוואָרן אינדערפרי, און בוני האָט געטאַנצט ווי אַ משוגענער דורך דעם גאַנצן הויז און אָנגעמאַכט אַזויפיל ליאַרם, גלייך ער זאָל זיין אויף אַ פוטבאָלמעטש, חער ראָס האָט דערקלערט:

„איך פערזענלעך בין אויך זייער גוט געשטימט, עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז די קוואַלן זאָלן ווידער פּראָדוצירן, איך וואָלט עס שוין מער אפילו אַ וואָך נישט אויסגעהאַלטן,“

בוני איז באַשטאַנען דערויף נאָכמיטאָג די שול צו פאַרלאָזן, ער און דער פאָטער מוזן אומבאַדינגט פאָרן קיין פּאַראַדיז, אין דער אַלגעמיינער פּייד נעמען אַן אָנטייל, זיך

פונסניי מיט די אַרבעטער באַפרייַנדן און זען, אַז אַלץ זאָל ווידער קומען אין באַוועגונג.

פאַר אַלעמען דאַרפן זיי דעם שטעכעדיקן דראָט צערייסן וועלכער טיילט פונאַנדער דעם פּראָליטאַריאַט פונם קאַפּיטאַל!

בונזי איז געווען גליקלעך ביי דעם געדאַנק, אַז אין דער נייער וועלט וועט עס שוין נישט געבן מער נישט קיין שטעכיקער דראָט און נישט קיין שנאה; ער האָט געזען פאַר די אַרבעטער שיינער ראָזעס בליען, און אין ליינצימער האָט ער געזען אַ זאַמלבאַנד פון הערלעכע רעדעס פונם פּרעזידענט לעגן, וועלכן די נאַפּטאַרבעטער האָבן געלייענט, ווייל פון איצט אָן און ווייטער וועלן זיי שוין האָבן גענוג צייט צו לייענען.

## קאַפּיטל אכט

# דער קריג.

### I

עאוניס האַיט איז געווען די טאָכטער פון טאָמי דראָיט פון דער פירמע האַיט און בּרענערד, די גראַנדפּאַרמיטלונגס־אַגענטן פון וועלכע מען האָט געקענט לייענען אין דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון די ביטש־סיטי צייטונגען.

טאָמי האַיט האָט מען געקענט באַגעגנען ביי באָקסקאַמפן און וועטלויפן, מערסטנטייל פון אַ שטאַרק געפאַרבטע דאַמע באַגלייט, די דאַמע איז שטענדיק געווען אַן אַנדערע. צייטנווייז האָט זי געטראָגן אַ געדיכטן שלייער און די באַקאַנטע האָבּן זיך געהאַלטן טאַקטפול פונדערווייטנס. די פרוי דהאַיט האָט זיך אָפט געפונען אין דער „עלעגאַנטער וועלט” און איינגעלאַדן באַגאַבטע יינגעלייט צו זיך אין הויז. די דינער האָבּן באַגריפן די סיטואַציע און עאוניס, איר טאָכטער, אויך.

עאוניס איז געווען אַ טונקל, שלאַנק, קוועקזילבּערדיק, אומגעדולדיק, קליין פּאַשעפעניש, מיט אַ סך „פעפער” און בלוט. זי האָט צוזאַמען מיט בּונין באַזוכט צוויי קורסן, און ווען זי האָט אַנטדעקט, אַז בּוני איז אַן ערנסטער יינגל, האָט זי אים

אָנגעהויבן צו פייניקן מיט שפּיצלעך און חוצפּהדיקע רייד, ער האָט רעכט נישט געוווּסט, וואָס זי מיינט אייגנטלעך, און חאָטש איר נישט געוואָגט צו פרעגן מוראהאָבנדיק, אַז זי וועט איבּ דעמאָלט נאָך מער פייניקן. עאוניס איז שטענדיק געווען אַרומ־געריינגלט פון פּאַרערעס, אַזוי אַז בּונין איז לייכט אָנגעקומען זי אויסצומיידן.

דאָך אין איין זונטיק נאָכמיטאָג האָט בּוני געוווּנען דעם וועטלויף אויף 220 שפּאַן פאַר דער שול און איז געוואָרן צוליב דעם דער העלד פון טאָג. די מיידלעך מיט די יינגלעך האָבן אים אַרומגערינגלט, געקלאַפּט אין די פּלייצעס און געלויבט.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און איבּערגעטון, איז ער איינגעשטיגן אין זיין אויטאָ, אין דער זעלבּער צייט האָט אויך עאוניס איינגעשטיגן אין איר אויטאָ און זיך אָנגע־רופן צו אים:

„פאָרט מיט מיט מיר".

„איך האָב דאָ מיין אויטאָ,"—האָט בּוני אָפּגעענטפערט.

„איר מיאוסער, קליינער גראָביאַן! שוין זאָלט איר איינ־שטייגן!"

פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געפאָלגט, אַ ביסל אַ דער־שראָקענער. ווען זי האָט אים געפרעגט:

„האט איר דען מורא, אַז עמעצער זאָל אייער בּיליגן אַלטן קאַסטן צוגנבענען?—האָט שוין בּוני געמוזט פאַרטיידיקן דעם פאָטערס מתנה.

„בּוני"—האָט דאָס מיידל געזאָגט—„ביי מיר אין דער היים קריגן זיך די עלטערן, עס איז נישט צום איבּערטראָגן."

„וואָס זשע ווילט איר טון?"—האָט ער געפרעגט מיט־פילנדיק.

„לאָמיר פאָרן ערגעץ אוּנטערוויט עסן, ווייט פון אַלע מענטשן. קומט, איך לאַד אייך איין."

נאָך עטלעכע שעה האָבן זיי דערגרייכט דעם שפּיץ פון אַ בּערגל. דאָרט האָט זיך געפונען אַ רעסטאָראַציע. זיי האָבן

געגעסן אָוונטברויט, געפּלוידערט איבער שול ענינים, און עאוניס האָט דערציילט בונין פון די געקריגערייען ביי זיי אין דער פאַמיליע, עמעץ האָט געשריבן דער מאַמען, אַז דער פאָטער גיט אויס ריזיקע סומעס געלט פאַר אַן אַנדערע פרוי, און די מאַמע איז דערפון שטאַרק אויפגערעגט.

די זון איז פאַרזונקען אין ים, ביי דעם ברעג האָבן אויפגעפינקלט פייערלעך, און אַ פולע לבנה האָט זיך אויפגעהויבן איבער די בערגלעך, עאוניס האָט געפרעגט:

„האָט איר מיך כאָטש אַ קליין ביסעלע ליב, בוני?"

פאַרשטענדלעך. אַז ער האָט געענפערט יאָ, אָבער דאָס מיידל האָט געוויינט:

„איר ווייזט דאָס קיינמאָל נישט אַרויס."

„איך קען עס נישט טון קיינמאָל, איר מאַכט נאָר חוזק און פייניקט מיר שטענדיק."

„איך ווייס דאָס, בוני, איך בין אַ מיאוס באַשעפעניש. אָבער איך טו דאָס נאָך כדי מיין מוט צו דערהאַלטן. אין אמתן האָב איך מורא פאַר אייך, ווייל איר זענט אַזוי ערנסט, איך דאַקעגן בין נאָר אַ נאַרישער פּלוידערזאַק און מוז דעריבער מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ גייסטרייכן."

פון דעם אויגנבליק האָט בוני געגעסן פונם אויספלוג.

זיי זענען געפאָרן ווייטער, דער וועג האָט זיך געצויגן הויך איבער דעם ים צווישן זאַמדדיונען.

„אָ, ווי שיין!" האָט עאוניס אויסגערופן. און ווען זי איז אַרויף אויף אַ האַרטן באָדן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. „מיר וועלן דעם ים באַטראַכטן, פון הינטן אין אויטאָ איז דאָ אַ דעק."

בוני האָט געבראַכט די דעק, זיי האָבן געשפּאַנט איבער די דיונען, זיך אַוועקגעזעצט און זיך צוגעהערט צו דעם געוויש פון די כוואַליעס. עאוניס האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, און אָנגערופן בונין דער קליינער פוריטאַנער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מיטרויכערן.

שפּעטער איז נעבן זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ מענטש, און עאוניס האָט אַ פרעג געטון:

„צי האָט איר אַ רעוואָלווער מיט זיך?"

בוני האָט געענטפערט, אַז ניין.

„ווען מען מאַכט אַ „פלירטאויספלוג" מוז מען מיטנעמען מיט זיך אַ רעוואָלווער."

בוני האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער האָט אַ „פלירטאויס-פלוג" געמאַכט, דאָך וואָלט עס געווען נישט העפלעך דאָס איר צו זאָגן.

ער האָט זיך צוגעהערט צו עאוניס ווערטער, וועלכע האָט אים דערציילט, אַז עס איז דאָ באַנדיטן, וועלכע גייען איבער פאָרלעך אויף די וועגן. צייטנווייז באַנעמען זיי זיך זייער מיאוס מיט דעם מיידל, וואָס וועט בוני טון, ווען עס וועט פלוצים אויפטויכן אַזאַ מנוול?

„איך ווייס עס איצט נישט, פאַרשטענדלעך, אַז איך וואָלט מיט אַלע כוחות דאָס מיידל פאַרטיידיקט."

„איר דאַרפט זיך אָבער נישט לאָזן דערשיסן, אין אונ-דזער פאַמיליע איז שוין אַזוי אויך דאָ גענוג סקאַנדאַלן."

דערנאָך האָט זי געזאָגט:

„מיר וועלן זיך נאָר פאַרבלאָנדזשען, בוני," און זי האָט זיך אויפגעהויבן.

בוני האָט גענומען די דעק און זיי האָבן געוואַנדערט דורך די דיונען. אין אַ קליינעם גרוב, ווו דער זאַמד איז גע-ווען ווייך און גלאַט, האָט בוני די דעק אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט פאַרבאָרגן פון דער גאַנצער וועלט, אויסער דער גרויסער געלער לבנה, וועלכע, האָט שוין מיליאָנען אַזעלכע סצענעס צוגעזען, און קיינעם נישט פאַרראַטן.

זיי זענען געזעסן ענג צוזאַמענגעדרוקט. עאוניס האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף בוניס אַקסל און געפליסטערט:

„האָסטו מיך כאָטש אַ ביסל ליב?"

און ווען ער האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט זי געפרעגט:

,פאַרוואָס זשע קושט דו מיר נישט אויב אַזוי?

בוני האָט איר אָנגעהויבן צו קושן, אָבער זי איז אַלץ נישט געווען צופרידן און געזאָגט, אַז מען דערקענט, אַז ער מאַכט עס נישט אין ערנסט.

,,איך וועל דיר אויסלערנען, בוני".

און עאוניס האָט צוגעפרעסט אירע ליפּן צו זיינע אין אַ לאַנגן קוש, פון וועלכן בונין ד־האָט אָנגעהויבן אַ־ין קאָפּ צו שווינדלען.

ער האָט געפליסטערט צעמישט, אַז עס קען נאָך עפּעס געשען, זי קען נאָך האָבן אַן אומגליק, זי אָבער, האָט איִם באַרויקט, אַז זי איז אויפגעקלערט און האָט זיך פריער באַוואָרנט.

## II

אויף אזאַ אופן איז בוני געוואָרן אַריינגעפירט אין דעם לעבן פון די דערוואַקסענע.

די טעג פון גליקלעכע אומשולד, ווען ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט אויסער מיט ראָזי טענטאָר צו זיצן האַנט ביי האַנט זענען פאַריבער.

„האַנט אין האַנט צו זיצן," האָט איצט באַדייט צו שפּאַנען ביי דעם גלאַטן ראַנד פון אַן אָפּגרונט, אין דער טיף פון וועלכן תאווה און ווייטיק זענען אויף אַזאַ אופן צונויפגעמישט, אַז עס איז שווער איינס פונעם אַנדערן אָפּצוטיילן.

בוני איז געווען דערשראָקן פונעם שטורם פון זיינע געפילן, נאָך מער אָבער פון דעם פאַרהאַלטן זיך פון דעם מיידל.

עאוניס איז ווי משוגע געוואָרן, זי האָט זיך געקלאַמערט און אים ציטערנדיק פון אויפרעגונג געלאַכט, געוויינט, און אַרויסגעלאָזט קורצע הייסע אויסגעשרייען.

זי האָט אויך געפאָדערט, אַז בוני זאָל איר פיבערישטיילן און איז געווען אויף דעם העכסטן אופן אַרויספאָדערנדיק. בוני האָט איר געמוזט נאָכגעבן.

דערמאָנענדיק זיך אין דעם וואָס ער טוט, האָט בוני זיך

צוערשט פאַרלוירן. נאָר עאוניס האָט אים געהאַלטן פעסט אַרומ־געגומען און געפּליסטערט:

„אָה, בוני, שעם זיך נישט! איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך שעמען! האָבן מיר דען נישט דאָס רעכט גליקלעך צו זיין? ביטע, ביטע, זיי גליקלעך!

ער האָט עס איר געמוזט צוזאָגן און זיך געפּלייסט מיט אַלע כּוחות זיין וואָרט צו האַלטן.

„אָה, בוני, דו ביסט אַ זיסער געליבטער, מיר וועלן אַזעלכע שיינע שעהן איבערלעבן."

די דאָזיקע ווערטער האָט זי געהאַלטן אין איין איבער־חזרן, פאַרחלומט פון דער פרילינג לבנה, וועלכע איז אין קאַליפאָרניע די זעלבע, ווי אין דער גאַנצער וועלט.

און נאָך דעמאָלט ווען זיי האָט שוין אויפגעשווידערט די קילקייט פון דער קאַליפאָרנישער נאַכט, איז זיי נאָך אַלץ געווען שווער זיך צו שיידן; זיי האָבן געשפּאַנט ענג אַרומגענומען לענגאויס די דיונען און זיך געקושט גייענדיק.

„אָה, בוני, עס איז זייער נישט פיין פון מיין זייט, וואָס איך האָב דיר פאַרפירט, אָבער זאָג אַז דו ביסט מיר מוחל, אַז דו ביסט צופרידן."

און בוני האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב דאָס מיידל צו באַרויקן און צו טרייסטן.

פאָרנדיק צוריק קיין ביטש־סיטי, האָבן זיי אַ סך גערעדט פון דער איבערלעבעניש.

בוני האָט פיל געקלערט איבער געשלעכטלעכע פראַגן, האָט זיך אָבער נאָך קיין פילאָזאָפיע וועגן דעם נישט געשאַפן.

דאַקעגן עאוניס האָט אים דערקלערט אייגנדייטיק און אָן בושה איר מיינונג.

„די אַלטע רעדן פיל נאַרישקייטן איבער די ענינים, דער־נאָך גייען זיי און טוען עס אין געהיים. ווען מען איז נאָר אַנשטענדיק, איז ליבע קיין שום שלעכטס נישט, און ווען מען

דייסט ווי פון קינדער זיך אָפּצוהיטן, צוואָס דאַרף מען דעמאָלט חתונה האָבן? די מערסטן חתונהגעהאַטע זענען אומגליקלעך, און ווען מיר ייִנגע מענטשן געפונען דעם וועג צו גליק, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט גיין אויף אים? געפינסטו דאָס אויס פאַר נישט פיין?״

בוני האָט געענטפערט, אַז ער געפינט דאָס גאָר נישט אויס פאַר נישט פיין, ער איז נאָר דערפאַר געווען ביז אַהער אַן אַלטער מאָראַליסט, ווייל ער האָט עאוניס פריער נישט געקענט.

„איך, ווייס, אַז מענער האַלטן נישט פון מיידלעך, וועלכע גיבן זיי זיך אָפּ צו לייכט,״—האָט עאוניס גוטמוטיק געלאַכט.—„פון איצט אָן וועסטו זיך שוין מוזן אָנטון אַ כּוח.״

בוני איז געווען מיט איר איינשטימיק און וואָלט עס איר געזאָגט; נאָר היות ווי עאוניס האָט דעם אויטאָ געפירט מיט דער שנעלקייט פון פערציק מייל אַ שעה, האָט ער זיך געטראַכט ביי זיך, אַז עס איז שוין בעסער זי צו קרענקען, איידער עס זאָל פאָרקומען אַן אומגליקס צופאַל מיטן אויטאָ.

„איז נאָך דאָ אַזעלכע מיידלעך ווי דו?״—האָט זיך בוני אינפאָרמירט, און עאוניס האָט אים געענטפערט, אַז יאָ, האָט אים אפילו אָנגערופן עטלעכע נעמען.

בוני איז געווען דערשטוינט, ווייל אייניקע פון די מיידלעך זענען געווען באַזונדערס גוטע שילערנס און אויסערלעך זייער באַשיידן. עאוניס האָט נאָך דערציילט פון די מיידלעך, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ געהיימער געזעלשאַפט מיט שטרענגע געזעצן. דער קרייז האָט זיך גערופן „זולוס״, צו אים האָבן געהערט נאָר דרייסטע גייסטער, וועלכע האָבן געטון אַלץ, וואָס זיי איז געווען ליב. זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרראַטן זייער געגנזייטיקע סודות און געהאָלפן די ייִנגערע מיידלעך צו באַקענען זיך מיט דעם, אָן עס איז נישטאָ קיין גליק. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אויפגעקלערט די סודות פון ליבע און זיך געגעבן ביכער, וועלכע מען האָט געקענט קויפן נאָר אין באַשטימטע געשעפטן, אָדער וועלכע מען האָט געקענט געפונען אין

דעם פּאָטערס ביבליאָטעק הינטער אַנדערע ביכער פאַרשטעקט.

די דאָזיקע יינגע מענטשן האָבן זעלבסשטענדיק אָן דער הילף פון די עלטערן געשאַפן אַ נייע מאָראַל. געוויס האָט דאָס עאוניס אפילו נישט געוווסט. זי האָט נאָר גערעדט פון איר־ע געפילן, פון דעם וואָס פאַרשאַפט איר פרייד, אָדער פון דעם, פאַרוואָס זי שרעקט זיך. צי מען זאָל ליב האָבן אויף דער אָדער יענער אַרט? צי עס איז מעגלעך, אַז אַ מאַן זאָל גלייכצייטיק צוויי מיידלעך ליב האָבן? קלער ריינאָלד באַהויפּטעט, אַז ניין, בילי ראָזען, דאַקעגן איז די מיינונג, אַז דאָס איז יאָ מעגלעך, און זיי ביידע שטרייטן שטענדיק איבער דער טעמע. מערי בלעק פירט אַרום מיט צוויי פאַרערערס, וועלכע האָבן זי ליב און ד־האָבן איר צוגעזאָגט אַז זיי וועלן נישט זיין אייפער־זיכטיק איינער אויף דעם אַנדערן.

אַזוי איז בוני באַקאַנט געוואָרן מיט אַ נייער וועלט, ער האָט געשטעלט פראַגן און נישט איינמאָל רויט געוואָרן פון עאוניס אומפאַרשעמטע ענטפערס.

אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך בוני שטילערהייט אַריינגעגנבעט אין שטוב אַריין און קיינער איז נישט געוויער געוואָרן פון זיין אַוואַנטורע, אויך אין דער נעכסטער און דריטער נאַכט האָט בוני זיך שפּעט אַהיימגעקערט, האָט ער דאָך עאוניסן צוגעזאָגט פון איצט אָן מער קיין קינד נישט זיין.

פאַרשטענדלעך, אַז די פאַמיליע האָט אַנטדעקט, אַז דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדנונג. אינטערעסאַנט איז נאָר געווען, ווי פאַרשידן די באַזונדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע ד־האָבן אויף אויף דעם רעאַגירט. די מומע עמאַ און די באָבע האָבן אַזש געציטערט פון שרעק און אויפגערעגטקייט, דאָך האָבן זיי נישט געוואַגט עפּעס צו זאָגן, זיי האָבן גערעדט מיטן פאָטער וועגן דעם, אָבער זיי האָבן נאָר אַרויסגעבראַכט די ווערטער: אַז דאָס שפּעטע שלאָפן גיין שאַדט בוני צו דעם געזונט. און אויך דער פאָטער האָט נישט פיל מער געזאָגט. ווען בוני האָט אים דערציילט, אַז ער איז מיט עאוניס היאָט שפּאַצירן גע־

ענגען, דאָ האָט אים הער ראָס געפרעגט, צי זי איז אַ „לי[illegible]לעך” מיידל.

בוני האָט געענטפערט:

„זי איז די קאַסירערין פון דער פרויען־מאַנשאַפט, די [illegible]טאָכטער פון הער האָיט, וועלכן דו קענסט דאָך. זי האָט [illegible] אייגענעם אויטאָ און האָט געוואָלט דאָ נישט לאַנג אפילו פאַר איר אייגענעם אָוונטברויט באַצאָלן.”

דער פאָטער ראָס האָט אַנערקענט, אַז זיין זון שטייט נישט פאַר די געפאַר פינאַנציעל אויסגענוצט צו ווערן, און ער האָט זיך באַרויקט. ער האָט נאָר געעצהט:

„טרייב נישט איבער, מיין זון, פרווו נישט דאָס גאַנצע לעבן איינצופרעסן אין אַ פאָר וואָכן.”

בערטיעס באַציאונג איז נאָך געוועזן ווונדערלעכער, מעגלעך אַז זי האָט דורך די זולוס אַ ידיעה דערהאַלטן. זי האָט נאָר באַמערקט:

„עס פרייד מיר, וואָס דו האָסט כאָטש אַמאָל געמאַכט אַ בייט און זיך פאַראינטערעסירט אויך פאַר עפּעס אַנדערש, אויסער נאַפּט און שטרייקנדע.”

אָבער הינטער דעם קורצן זאַץ איז געלעגן אַ ים פון ווייבערישע בקיאות. בונין איז אַ געדאַנק דורכגעלאָפן: איז עס מעגלעך, אַז ביי דער שוועסטער באַדייטן די שפּעטע שעהן דאָס זעלבע וואָס ביי אים? קומט בערטיע שטענדיק פון [illegible] טאַנצן גלייך אַהיים? צי זי לאָזט אויך שטיין דעם אויטאָ אויף דעם וועג? ביי עאוניסן האָט זיך בוניס געדאַנק שוין צוגעווינט, אָבער אין באַצוג צו זיין שוועסטער האָט דער געדאַנק נאָך אַלץ אים געפּייניקט. ווען ער איז געפאָרן אין אָוונט לענגאויס דעם וועג, אַזוי האָט ער באַמערקט אַ סך ליידיקע אויטאָס שטיין.

# III

געשלעכטלעכע אויפרעגונגען האָבן זיך אויסגעמישט מיט בוניס קאָפּ מיט פּאַטריאָטישע, האָט דער אונטערשיד אויסערלעך געמעגט זיין ווי גרויס! די מענערישע יוגנט פונם לאַנד האָט זיך געגרייט צו גיין אין שלאַכט אַריין און דאָס האָט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט די סעקסועלע מאָראַל. ווער ווייס צי די ייִנגן וועלן צוריקקערן, די הערצער פון די מיידלעך זענען געוואָרן ווייך, און די ייִנגלעך האָבן זיך געיאָגט גיריק נאָך יעדער שטיק־פרייד.

בוני איז נאָך געווען ייִנג מען זאָל אים נעמען צו די זעלנער, נאָר ער האָט אַנטיילגענומען אין שול אין די איבונגען און אַזוי אַרום באַקומען דעם שם פון אַ מיליטערמאַן, מען האָט אויסגעבילדעט אַ שילער קאָרפּוס און מיט אַלטע מיליץ־ביקסן באַוואָפנט.

דער פוטבאָל־מעטש איז געוואָרן פול פון מאַרשירנדיקע ייִנגן:

„איינס, צוויי! רעכטס, לינקס!"

זיי האָבן זיך פאַרפלאָנטערט מיט די טריט, אָבער דער קריגערישער אויסדרוק איז נישט פאַרשוווּנדן פון די ייִנגע פּנים, זיי ווען דאָך שוין באַלד אוניפאָרמען טראָגן און די מיידלעך מלבושים פון באַרמהערציקע שוועסטער. ייִנגלעך

מיט מיידלעך זענען זיך צונויפגעקומען אין דער שולע אריין און געזינגען פול מיט באגייסטערונג פאטריאטישע לידער.

יא, עס איז געווען מלחמה! גאנצע פלאטן האבן געפירט פראוויאנט קיין ענגלאנד און פראנקרייך און אינזשינירן מיט מיט ארבעטער, וועלכע זאלן דער ארמיי צוגרייטן. דער פרעזידענט האט געהאלטן התלהבותדיקע פלאקרדיקע, ווונדערפולע רעדעס: א גאטלאזע נאציע. א הונען פאלק, האט זיך אויפגעהויבן און באדראט דער ציוויליזאציע, ערשט דעמאלט, ווען די מאכט פון דער דעמאקראטישער אמעריקע וועט זי באזיגן, וועט שוין אויסגעראט ווערן דאס גאנצע שלעכטס. דעריבער איז דער חוב פון יעדן איינעם פאטריאט צונעמען אנטייל אין דער לעצטער פון אלע מלחמות, אין דער מלחמה פאר דער דעמאקראטיע. קליינע און גרויסע מענער האבן אונטערגעהאלטן אין כאר. די צייטונגען האבן עס יעדע שעה איבערגעחזרט אין מיליאנען עקזעמפליארן. „פיר-מינוטן-טעלעגראמעס“ האבן אומעטום אין די טעאטערס, רעסטאראציעס, עפנטלעכע ערטער און אנדערע באגייסטערט די צוהערער פאר דעם דאזיקן קרייצצוג.

גלייך מיט די אנדערע פאמיליעס, האט אויך די פאמיליע ראס געלייענט און דעבאטירט. בוני דער יינגער אידעאליסט, האט געשלונגען יעדער ווארט פון דער אגיטאציע, ער האט געהאט פארגניגן צו גלויבן אין דעם. די דאזיקע פראפאגאנדע איז געווען די גייסטיגע שפייז, וועלכע ער האט באדארפט. ער האט דעבאטירט מיטן געלאסענעם שווערלייביקן און אומגלויביקן פאטער.

„געוויס מוזן מיר זיגן,“—האט דערקלערט דער פאטער,—„מיר מוזן פון יעדער קריג, וועלכע מיר פירן ארויס מיט נצחון. וואס אבער אנבעלאנגט דער צוקונפט, וועלן מיר שוין שפעטער זען, ווי זי וועט אויסקוקן.“

פאר אלעמען האט הער ראסן פאראינטערעסירט די ענדע פונם שטרייק און דער פארקויף פון נאפט אלץ צו העכערע פרייזן.

„עס האט נישט קיין זין אוועקשענקען דאס.“ די רעגי-

רונג פאָדערט נייע קוואָלן צו בויערן, ווי זשע זאָל מען עס פינאנסירן, ווען די סחורה ווערט נישט לייטיש פאַרקויפט.—די רעגירונג צאָלט גוט און דאָס איז געווען גענוג פאַר דעם פאָ-טערס פאטריאָטיזם, ער וועט זיך זאָרגן דערפאַר, דער נאַפט זאָל פון דער ערד אַרויסשטראָמען—די שטראָמען רעדעס אָבער האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די פּאָליטיקער.

די מומע עמאַ האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ בושה אויף אַזאַ אָרט צו רעדן מיט אַ יינגל, אויסנוצנדיק די פּריווילעגיע פון אַ חתונה געהאַטע קרובה, האָט זי זיך דערפאַר געקריגט מיטן פאָטער, די מומע האָט אויסגעדערט אין קלוב הייסע רעדנעריגס, וועלכע האָבן דערציילט ווי מ'האָט בעלגישע זויג-קינדער געמאַכט פאַר קאַליקעס, ווי דייטשע שפּיאָנען רייסן אויף אומעטום אַמוניציע פאַבריקן; זי פלעג זיך אומקערן אַהיים שטענדיק פול פון גליענדיקן פאַטריאָטיזם, בערטיע איז נאָך גע-ווען ערגער; איר פריינט האָט געקענט די נעמען פון אַלע דיי-טשע אַגענטן אין דרוםקאַליפאָרניע און האָט געוווּסט פון אַלע פאַרברעכנס, וועלכע זיי האָבן געפלאַנט. בערטיע האָט געגעבן צו וויסן פון זיי מיט סודות פולע רמזים, זי האָט געפילט אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך.

קיינער האָט גאָרנישט געקענט וויסן ווי אַזוי דער מלחמה פסיכאָז וועט זיך ביי פאַרשידענע באַקאַנטע אַרויסווייזן. אַט אַזוי, צום ביישפּיל, איז געווען אַן אַלטע אויסערגעוויינלעך בכבודי-קע פרוי, וועלכע האָט זיך דערצויגן אין אַ פערמע אין וועלכע האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער מאָלעריי; ווער האָט עס גע-קענט דערוואַרטן, אַז זי זאָל פּלוצים מיט די הונען סימפּאַטי-זירן? אָבער די באָבע האָט דערקלערט:

„די דייטשן זענען נישט ערגער אפילו אויף קיין האָר פון די אַנדערע נאַציעס, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער מלחמה. די אַלע גרויליכע שפּיאָנען-מעשיות זענען אויסגעקלערט געוואָרן נאָר כדי אויסצורופן אַ שנאה צום פיינט.

די באָבע וויל קיינעם נישט פיינט האָבן, מעג די מומע עמאַ מיט בערטיען זיך קאָכן וויפל זיי ווילן. זי האָט אויפגע-

בראַכט אַנטקעגן זיך די פּאַטריאָטן פון דער פאַמיליע דערמיט, וואָס זי האָט געמאָלן אַ בילד, אויף וועלכן דײַטשן אין מיטל־אַלטערלעכע מלבושים טרינקען ביר פון שטיינערנע קריגלעך. יאָ, זי האָט דאָס בילד געוואָלט אין עסצימער אויפהענגען און עס איז געקומען צו אַ גרויסן קראַך.

בוני האָט זיך צוגעהערט און געלערנט, פון דעם רויקן אַלטן פאָטער האָט ער געלערנט גוטמוטיק צו שמייכלען איבער מענטשלעכע שוואַכקייטן און דערווײַל אָן אַן אויפהער דאָלאַרן זאַמלען.

ווערטער זענען זייער שיין. פאַר אַלעמען דאַרף מען אָבער מנצח זײַן, און דערצו דאַרף מען האָבן אַמוניציע און די אַמוניציע דאַרף אָוועקגעפירט ווערן אויף די פעלדער.

דער נאַפט, וועלכע דער פאָטער האָט באַצויגן פון דער ערד האָט געבראַכט אין באַוועגונג די גרויסע אויטאָס, וועלכע האָבן אָפּגעפירט די אַמוניציע צו די פראָנטן, געטריבן די גוואַלטיקע פראַכט דאַמפערס און פלינקע צעשטערער, מיט וועלכע מען האָט זיך באַניצט אַלס שוץ, און איז אויך פאַרווענדט געוואָרן אין די פאַבריקן צו די מאַשינען, נאַפט, וואָס ווײַטער, אַלץ מער נאַפט האָט מען פאַרלאַנגט.

ווי נאָר דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער פאָטער אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג און אויסגעבויערט אין פּאַראַדיז צוועלף נײַע קוואַלן. איצט האָט אים נאָר געאַרט, פאַרוואָס ער האָט נישט אונטערגעשריבן דרײַמאָל אַזוי־פיל אָפּמאַכן, און פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעבויערט דרײַמאָל אַזויפיל קוואַלן, אָבער די גרויסע, וועלכע האָבן די באַנק באַהערשט, האָבן אים נישט געגעבן גענוג געלט, זיי וואָלטן אים דאָס יאָ געגעבן, נאָר אונטער דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן זײַן שותּפים אין דעם גרעסטן טייל פון רווח נעמען. אויך דאָס האָט געהייסן אַ מלחמה, אין דער היים, אינעם אייגענעם לאַנד און דערצו נאָך אַזאַ מלחמה, צו וועלכער עס האָט נישט געקענט נעמען קיין סוף דורך קיין שום פרעזידענטן־רעדעס.

# IV

אין פּאַראַדיז האָט דאָס געשעפֿט געבליט. אַלע אַרבעטער האָבן צוריק געאַרבעט, אפֿילו די, וועמענס נעמען עס זענען שוין געווען אויף דער שוואַרצער ליסטע. זיי האָבן אַ דאָלאַר מער טעגלעך און עס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן שפּעטער דעם לוין נאָך צו העכערן, אַ גוטער בויערמייסטער איז געווען גלייך מיט גאָלד.

די פֿיר-מינוטן-טעלעגראַמעס זענען אויך קיין פּאַראַדיז אָנגעקומען און מען האָט זיי גערן אויסגעהערט, די נאַפֿטאַרבעטער זענען געווען אַלע פּאַטריאָט און זיי וואָלטן אַלע, ווי איין מאַן, זיך געלאָזט ווערבירן אין דער אַרמיי, נאָר זיי זענען געווען נויטיק אויף די נאַפֿטפֿעלדער. קיין שום זאַך אויף דער וועלט איז נישט געווען אַזוי וויכטיק ווי נאַפֿט, און זיי האָבן מיט זייער אַרבעט אַמבעסטן דעם פֿאָטערלאַנד געדינט.

פּאָול וועלכער האָט פֿונסניי געאַרבעט אַלס ערשטער צעסליער, איז שוין ביי דעם אָנהייב געוואָרן מאָביליזירט. הער ראָס האָט אים געוואָלט אַרויסנעמען. מען האָט דאָך געמוזט פֿאַר די נייע אַרבעטער באַראַקן בויען. עס וואָלט אויך נישט געווען שווער פּאָולען פֿון דינסט צו באַפֿרייען, ווייל דער פֿאָרזיצער פֿון דער מיליטערישער קאָמיסיע איז געווען הער-

קאַריי, וועלכער האָט אַן זייבער צייט געגומען געלט אויף צו בויערן די גאַס. אָבער פּאַול האָט געענטפערט:

„ניין, עס איז דאָ אַ מאַסע פון פּאַרד־ייראַטע מענער וועלכע האָבן פאַמיליעס און וועלכע פאַרשטייען זיך אויף בויען, אַזוי ווי איך. איך וועל אויף דעם פּראָגנט מיין חוב דערפילן.

פּאַול מיט בונין זענען צוריק געוואָרן פריינט און אומאויפהערלעך דעבאַטירט צווישן זיך. בוני האָט אויסגעפונען, אַז פּאַולס מלחמה באַגייסטערונג איז נישט גענוג גרויס.

„אַז מיר פירן שוין אַמאָל אַ מלחמה"—האָט פּאַול געזאָגט—„מוזן מיר פאַרשטענדלעך זיגן. אָבער איך זע גאָרנישט איין צוליב וואָס, אייגנטלעך מיר פירן די מלחמה."

בוני האָט געבראַכט די אַרגומענטן פון די לערערס, וועלכע האָבן אויף דער טעמע רעדעס געהאַלטן. אויף אַ וואונדערלעכן אופן האָט רות פאַרטרעטן דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, וואָס די באָבע, וועלכע זי האָט אפילו נישט געקענט.

„יעדע מלחמה איז אַ פאַרברעכן."

אָבער מ'האָט פאַרשטאַנען וואָס עס שטעקט הינטער אירע ווערטער, זי האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל איר פּאַוולען פאַר אַ זעלנער נעמען, ווען פּאַול איז מאָביליזירט געוואָרן איז זי שיעור נישט משוגע געוואָרן, עס האָט איר גאָרנישט געקענט בארויִקן.

זי האָט זיך געקלאַמערט אין פּאַולן, געשוווירן, אַז ער דאַרף נישט גיין, אַז זי וועט שטאַרבן פון ווייטיק, אויב אים וועט עפּעס ג שען. ווען זי האָט דערזען, אַז פּאַול איז שויןווירקלעך אוועקגעגאַנגען איז זי געוואָרן שטיל און בלאַס.

פּאַול איז אוועק אין אַן איבוגגספאַגער, און פון דעמאָלט אָן זענען שטילקייט און בלאַסקייט געווען די הויפּטאייגנשאַפטן פון רותן.

זי איז געשלאָפן אין דער היים, ביי די עלטערן, געמוזט מיט זיי אין די זונטיקן די קירך באַזוכן און זיך צוהערן שטיל

און מיט פאַרביסענע ליבּן צו הערן עלוס דרשות. ווייל עלו איז געווען אַ נביא לויט דעם מוסטער פון אַלע טעסטאַמענטן.

ער האָט גערופן דעם טויט אויף די פיינט פון גאָט, צעשטערונג און פאַרוויסטונג, און נישט געוואָלט קיינעם ביי דעם לעבן איבערלאָזן, אפילו קיין קינדער אין די וויגן, אַלס פּרעדיגער האָט אויך עלו אַליין נישט באַדאַרפט מאָרדן; אויף אַזאַ אַרט האָט אויך מעלי געלעזט דאָס מלחמה־פּראָבּלעם, זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בויער אַרבעטער, וועלכן הער ראָס האָט דערהויבן צו אַן עלטערן בויער־אַרבעטער און אַזוי אַרום פון מיליטער דינסט אים באַפרייט. מעלי, די מוטיקע פלוידערן האָט געזאָגט צו בונין, עס וואָלט געווען גלייכער ווען רות זאָל חתונה האָבן, איידער שטענדיק אויף פאַוולען צו טרויערן, אפשר וועט באַלד קומען דער טאָג, ווען בוני וועט אויך מוזן באַפרייט ווערן, אַזוי וואָלטן זיי געקענט, ער מיט רותן, גלייכצייטיק דאָס פּראָבּלעם לעזן.

# V

צווישן דער מלחמה אויפרעגונג און דעם גליק מיט עאוניסן האָט בוני איבערגעלעבט אַ פיבערדיקן זומער. ער האָט די גרעסטע טייל פון זיין צייט פאַרבראַכט אין ביטש־סיטי. אַלס תּירוץ האָט ער אויסגעזוכט די מיליטערישע איבונגען. עאוניס איז אין אירע פאָדערונגען נישט געווען אָנצוזעטן. די ערשטע דיסהאַרמאָניע אין זייערע באַציונגען איז אַנטשטאַנען דורך דעם, וואָס בוני האָט זיך איינגעעקשנט אַלעמאָל צו פאָרן קיין פּאַראַדיז, וווּהין ער האָט עאוניסן נישט געקענט מיטנע־מען, זי האָט זיך מיט בערטיעס ווערטער באַנוצט און בונין גערופן „דער נאַפטקאַרליק", צו וואָס דאַרפסטו דען אַזויפיל געלט? איך וועל דאָך ביי דעם טאַטן נעמען, אויב דו וועסט באַדאַרפן."

טאַמי האַיט האָט געמאַכט פּונקט זייער אַ גוט געשעפט.

קורץ פאַר אַמעריקעס אַריינטרעטן אין קריג, האָט ער אין האַפן אַלע שיפן אָפּגעקויפט. דאָס האָט געהייסן אַז ער האָט אַ רווח פון דריי מיליאָן דאָלאַר. די צייטונגען האָבן גע־שריבן לויב געזאַנגען פאַר דער דאָזיקער טראַנזאַקציע, ווייל זי האָב אַנטשפּראָכן דעם טרוים פון אַלע.

ווי אַזוי האָט עס בוני געקענט דערקלערן דעם מיידל, אַז עס האַנדלט זיך ביי אים גאָרנישט אין געלט, נאָר אין דעם

עצם ענין, ווייל דאָס לאַנד דאַרף האָבן נאַפט און ער וויל דערמיט זיין חוב דערפילן? דאָס וואָלט איר נאָר אויסגעזען לעכערלעך: דעריבער האָט זי די שולד אויף דעם פאָטער אַרויפגעלייגט, וועלכער פילט זיך נישט גוט און דאַרף אים האָבן.

„ווען האָסטו בעסער ליב דיין טאַטן, צי דיין געליבטע?"

עאוניס האָט בונין צאָרנדיק אָנגענומען ביי די אַקסלען און אים געטרייסלט, זי מוז עמעצן האָבן, וועלכער זאָל איר באַגלייטן אין טאַנצזאַל, אויב ער וועט זיך באַגראָבן דאָרט אין דעם העק, אַזוי וועט זי זיך אַן אַנדערן אָפזוכן.

זי האָט זיך נישט געקענט אָנזעטן, איז געווען שטענדיק הונגעריק און איר גיריגקייט נאָך פאַרגעניגנס האָט קיינמאָל אויפהערן נישט געקענט.

„נאָר נאָך איין טאַנץ," „נאָך איין קוש", „נאָך איין ליקיער".

זי האָט פאַרלאַנגט, אַז אויך בוני זאָל טרינקען אַלקאָהאָל און האָט זיך געפילט געקרענקט, ווען ער האָט איר נישט נאָכגעגעבן, ווי קען זי אים אין איר קרייז אַריינפירן, ווען ער צעשטערט שטענדיק דעם הומאָר?

די זאַמדדיונען האָבן עאוניסן באַפרידיקט נאָר אַ קורצע צייט. זי האָט ליב געהאַט שטראַלנדיקע ליכטיקייט, ליב געהאַט דעם פאָטערס געלט אויסצוגעבן. זי איז געפאָרן מיט בונין קיין אַנגל סיטי, וווּ עס זענען פאַראַן אין עלעגאַנטע האָטעלן ווונדערפולע עססימערן מיט דזשאַדז מוזיק.

די זאַלן זענען געווען פאַרפוצט מיט די פאָנען פון די פאַרבינדעטע מלוכות. די מענער האָבן כמעט אַלע געטראָגן אוניפאָרמען. פאַר עאוניסן האָט דער קריג באַדייט: זיך באַוועגן אין דער דאָזיקער גלענצנדיקער געזעלשאַפט, אויפשטיין דעמאָלט ווען מען שפּילט דעם נאַציאָנאַלן הימן און דערנאָך די גאַנצע נאַכט טאַנצן, זי איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע קליינע טענצערין, זי האָט זיך פעסט אָנגעקלאַמערט אין איר פּאַרטנער

און ענ: צוגעדרוקט איר לייב צו זיינעם. נאָך פריער מיט אַ קורצער ‎.ייט האָט בוני דאָס אויסגעפונען פאַר גישט אַנשטענ‎דיק, אָבער עס האָט געהערט צו די צייטמאָדע און קיינער האָט גאָר קיין אַכט נישט געלייגט אויף דעם, באַזונדערס אין די שפּעטע נאַכטשעהן ווען דער אַלקאָהאָל האָט שוין געהאַט זיין ווירקונג.

עס איז שטענדיק געווען שווער עאוניסן פון די פאַר‎ווילונגס ערטער אַוועקצורייסן. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַהיימגיין, אפילו דעמאָלט ווען זי איז שוין געווען פאָלקאָם דערשעפּט, אויף דעם וועג האָט זי אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף בוניס אַקסל און אַנטשלאָפן געוואָרן. אים זעלבסט איז אויך אָנגעקומען שווער איר ביישפּיל נישט נאָכצוטון. איינער פון זייערע באַקאַנטע איז אויף אַ רגע ביי דעם רודער אַנטשלאָפן און האָט געמוזט אויף זיין גאַנץ לעבן בלייבן מיט אַ צעבראָ‎כענער נאָז, אַ צווייטער איז אָפּגעזעסן נאָך אַ צוזאַמענשטויס צען טעג אַרעסט, ווייל די פּאָליציי האָט פון זיין אָטעם אַלקאָ‎האָל דערשמעקט. עס האָט געהערט צו דעם עטיקעט, אַז די מענער זאָלן טרינקען נאָר דזשין, נישט דערפאַר ווייל דערדאָ‎זיקער געטראַנק האָט נישט שבור געמאַכט, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט קיין ריח נישט געהאַט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט עאוניס באַקלערט, אַז עס איז אָן אומזין נאָך דעם טאַנץ אַזאַ לאַנגע רייזע קיין ביטש-סיטי אונ‎טערצונעמען, זי האָט אויסגעפונען אַ האָטעל, ווו מען האָט זיך געקענט איינמעלדן אַלס הער און פרוי סמיט. פיינלעכע פראַגן זענען געוואָרן דיסקרעט אויסגעמיטן. מען האָט דאָ געצאָלט פּאָרויס, ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין פּעקלעך. צומאָרגנס האָט יעדערער באַזונדער פאַרלאָזט דעם האָטעל און אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדנונג, די עלטערן האָט מען דערציילט, אַז מען האָט די נאַכט ביי באַקאַנטע פאַרבראַכט, און זיי האָבן שוין ווייטער נישט געפרעגט, זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן נאָך געקענט געוווּיער ווערן.

בוניס באַקן האָבן אָנגעהויבן ווערן בלאַס, דער פּאָטער

וועלכער האָט דאָס באַמערקט, האָט געזאָגט:

„דו פירסט זיך אויף, מיין זון ווי אַ נאַר. דו דאַרפסט נישט קומען שטענדיק אַזוי שפּעט.“

בוני האָט געוואָלט זיין געהאָרכזאַם פון אייניקע פאַרגניגנס זיך אָפּגעזאָגן, אָבער עאוניס האָט זיך אַ וויינענדיקע געוואָרפן אין זיינע אָרעמס, זיך צוגעדריקט צו אים און דורך איר נאָענטקייט צוגענומען ביי אים דעם אָטעם און אויפגערעגט זיינע חושים. ער האָט געפילט דעם ווייכן שטאָף פון איר קלייד, דעם צאַרטן ריח פון פּערפום, אירע זיידענע ווייכע האָר און אירע ברענענדיקע, ליידנשאַפטלעכע קושן, און מיט אַ צעמישטן קאָפּ האָט ער נאָך געמוזט מיט איר דעבאַטירן און אַרויסווייזן זיין ווילן.

ציטנווייז האָט זיך צו די דאָזיקע אַלע געפילן צוגעמישט דאָס געפיל פון פאַרלעגנהייט, ווייל עאוניס האָט זיך גאָרנישט געשעמט די זעלבע סצענעס צו מאַכן אין דער היים, אין סאַלאָן, אין דער געגנוואַרט פון אירע עלטערן, וואָס האָבן זיי געקענט טון?

זיי האָבן דאָס יינגע ווילדע באַשעפעניש אויפגעהאָדעוועט, שטענדיק אַלע אירע וואונשן דערפילט, נו, ווייל זי איצט איר געליבטן האָבן. די אָרעמע פרוי האָיט האָט געמורמלט:

„זייט נישט אַזוי האַרטהערציק בוני.“

עס האָט אויסגעזען, אַז זי האָט די גאַנצע שולד אויף דעם יינג אַרויפגעוואָרפן. האָט דער אָרעמער טאָמי האָיט ביי-געוווינט אַזאַ סצענע, אַזוי איז אויף זיין ראָזן, נאָך אַלץ יינגלישן פּנים, דערשינען אַן אויסדרוק פון שרעק, און ער האָט זיך געאיילט דאָס צימער צו פאַרלאָזן. ער האָט זיינע אייגענע זאָרגן געהאַט. נאָר ווען ער איז אַמאָל געבליבן מיט בונין אַליין אין צימער, האָט ער אים אין איין זאַץ אַרויסגעזאָגט אַלע זיינע מיינונגען.

„עס איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט קיין נאָרמאַלע פרוי.“

קורץ פֿאַר דעם אָנהייב פֿונם נייעם שול־יאָר האָט זיך בונדי אַרויסגעריסן פֿון עאוניסן און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַראַדיז, כּדי דאָרטן צו פֿאַרברענגען אַ וואָך מיט דעם פֿאָטער. ער האָט פּונקט געטראָפֿן פֿאַוולען, וועלכער האָט באַקומען דריי טעג אורלויב.

פֿאַוול זאָל נישט פֿאָרן איבערן ים, נאָר בלייבן דאָ און זיך פֿאַרנעמען מיט זיין פֿאַך: קאַזאַרמעס בויערן, דערפֿאַר האָט ער באַקומען אַנשטאַט צען דאָלאַר אַ טאָג, דרייסיק אַ חודש.

פֿאַוול האָט אויסגעזען אין דער אוניפֿאָרם גרויס און שטאַרק, רות איז געווען איבער גליקלעך, ווייל פֿאַוול בלייבט אין לאַנד. מעלי, ווייל זי האָט אַ קינד דערוואַרט. סאַדי די יינגערע שוועסטער, ווייל אַ יינגער פֿערמער האָט זיך געשדכנט צו איר. דער פֿאָטער ראָס, ווייל מען האָט אויף אַ ניי אָרט געפֿונען נאַפֿט. מען האָט דורכגעפֿירט אַ נייע רערנלייטונג. הער ראָס האָט געהאָפֿט, אַז דאָס געשעפֿט וועט זיך געוואַלדיק אַנטוויקלען, איצט מעגן אים שוין די באַנקירן נישט אונטערהאַלטן, איצט וועט אים שוין פֿינאַנסירן זיין אייגענע נאַפֿט.

אַזוי זיינען אַלע געווען גליקלעך אויסער בונדי, וועלכער האָט נאָר געקלערט פֿון דעם, אַז עאוניס קען נאָך ווערן צאָרנ-

דיק און ער וועט זי פארלירן, זי האָט אים געוואָרנט, ער זאָל זי נישט איבערלאָזן אַליין, אויב ער וועט עס טון, אַזוי וועט זי אים באַשטראָפן. ער האָט געוווסט, אַז זי מיינט עס אין ערנסט; זי האָט שוין פאַר אים געליבטע געהאַט און וועט זיך נאָך אים האָבן. פלירט און ליבע זענען געווען פאַר איר אַ טאָג־טעגלעך באַדערפעניש, און אַ מיידל באַקומט עס נאָר דע־מאָלט, ווען זי איז גרייט אַלץ אוועקצוגעבן. אַזוי האָט עס זיך געפּאָדערט אין די בכבודיקע קרייזן, די רייכע בחורים זענען געפאָרן פאַרלעכוויז אין זייערע לוקסוס אויטאָס, מיטגענומען מיט זיך די מיידלעך, און אויב זיי זענען געווען אַזעלכע, פון וועלכע מען האָט נישט געקענט אַלץ האָבן, האָבן זיי מייל־ווייט פון דער נעכסטער שטאָט זי אַרויסגעזעצט אויף דעם וועג. ביי זיי האָט עס געהייסן:

„שטועדער־אָדער".

בוני האָט אונטערגענומען לאַנגע שפּאַצירגענג, כדי זיי־נע פיבערדיקע זאָרגן צו פאַרגעסן, האָט זיך אַהיימגעקערט שפּעט אין דער נאַכט, האָט אָבער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט שטענדיק געמוזט קלערן פון עאוניסן, וועלכע האָט אים אַזוי פיל פרייד געשענקט, ער האָט זי געזען פאַר זיך מיט איר גאַנצן רייץ און צויבער.

בוני האָט געפּרוווט אַ פאַר מאָל מודה זיין זיך פאַוולען, וועלכער איז געווען פאַר אים אַזוי ווי אַ גאָט, אַ שטאַרקע, מאַראַלישע קראַפט. דערמאָנענדיק זיך אָבער אין דער איראָניע מיט וועלכע פאַוול האָט אַמאָל גערעדט פון זנות, זענען אים די ווערטער געבליבן שטיין אין האַלדז. דעמאָלט האָט ער נאָך אפילו רעכט נישט געוווסט וואָס דאָס הייסט אַזוינס זנות, איצט אָבער ווייסט ער עס שוין צו גוט. אים האָט אַרומגענומען אַ בושה, יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך געוואָלט פאַוולען פאַר־טרויען און ער האָט נישט געקענט איבעררייסן די וואַנט וועל־כע האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און זיין פריינט.

אין פיר טעג האָט ער אויסגעפונען עפּעס אַ תירוץ און

זיך אומגעקערט צוריק קיין ביטש-סיטי, אונטערוועגנס האָט אים כסדר געקלינגען פּאָולס שטים, די גרויזאַמע ווערטער פון די שטרייקטעג:

„דו ביסט ווייך, בוני, ביסט אַ שוואַכער יינג."

V

ס'איז אַרויסגעפאַלן דער ערשטער הערבסרעגן. בוני איז שפּעט אָנגעקומען אין שטאָט אַריין און געטראָפן עאוניסן אין דער היים. זי האָט איר דראָהונג נישט געהאַלטן, קיין נייעם געליבטן נישט אויסגעקליבן. אין דעם מאָמענט האָט איר פאַר־אינטערעסירט אַ נייער ספּאָרט, וועלכן זי האָט אָנגערופן „גייס־טיקע טעלעפּאַטיע". מען האָט צוגעמאַכט די אויגן, קאָנצענטרירט אַלע רוחות און פאַרלאַנגען, אַז אַ באַשטימטער מענטש זאָל טון דאָס, אָדער יענץ, האָט ער עס געטון, אַזוי איז די נייע לערע געווען פּראַקטיקט, ווען עאוניס האָט בוניס טריט פאַר־נומען אויף דער וועראַנדע, איז זי אויפגעשפּרונגען, אַרויסגע־לאָזט אַ געשריי פון פרייד און זיך אים אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס, אין דער צייט, ווען זי האָט אים שיעור נישט מיט קושן דערשטיקט, האָט זי אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דעם וונדערבאַרן נצחון פון דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע.

„אָ, בוני, איך האָב געוווּסט, אַז דו קענסט נישט זיין אַזוי גרויזאַם קעגן מיר. איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קו־

מען. איך בין אינגאנצן אליין. די מאמע גייט ארום צונויפנע־מען פאר די סערבישע יתומים, קום אהער בוני, קום.״

זי האט אים געוואלט מיטשלעפן מיט זיך אויף דעם אוי־בערשטן שטאק.

בוני האט דאס געהאלטן פאר נישט קארעקט און זיך געפרווט איר אפצוהאלטן, אבער זי האט זיינע ווערטער דער־שטיקט מיט נייע קושן.

„דו נארישער יינג, זאלן מיר אינם רעגן ארויסגיין? צי אדער דא אין שטאט, ווי יעדער קען אונדז, אין א ד־האטעל אריינגיין?״

„אבער דיין מוטער, עאוניס...״

„שטותים. די מאמע האט אויך א געליבטן, איך ווייס עס און זי ווייסט אויך אז איך ווייס עס, און ווען איר זענען נאך נישט קלאר אונזערע באציונגען, אזוי איז שוין איצט די העכ־סטע צייט, אז זי זאל דעם אמת געוואויר ווערן, קום אין מיין צימער.״

„ווי אזוי זשע וועל איך אהיימגיין, עאוניס?״

„דו וועסט גיין ווען איך וועל דיך באפרייען, אפשר ערשט מארגן. יעדנפאלס וועסטו מיט דער געהעריקער גאסט־פריינטשאפט באהאנדלט ווערן.״

„אבער עאוניס, דאס קען דאך ווירקלעך נישט זיין.״

„דו רעדסט, ווי דיין באבע!״

„אבער די דינסטן, טייערינקע!

„־עמט זיי דער טייוול, די דינסטן. דו קענסט זיך אין דער היים אזוי באנעמען, אז עס זאל די דינסטן נישט שטערן. ביי אונדז ווערט עס אנדערש געמאכט, ווייניקסטנס היינט ביי־נאכט.״

כדי אויסצומיידן בונין א נישט אנגענעמע לאגע, האט עאוניס אויפגעהאלטן דעם גאנצן מארגן. נאך דער מאמען האט זי דע־ציילט דעם אמת ביי איר אין שלאפצימער. צי עס איז פארגעקומען א הייסע סצענע, צי ניין, האט בוני נישט געקענט וויסן, ווייל די באשיצערין פון די סערבישע יתומים האט

געהאַט אַ געוווינהייט איר פרישטיק אין בעט צו עסן און איי־
צייטיק איבערצולייענען אין די צייטונגען וואָס מען שרייבט
וועגן איר מאָדערנער ווילדעטיקייט.

איצט, ווען דער ערשטער שריט איז שוין געמאַכט געוואָרן, און דער רעגן האָט געמאַכט אוממעגלעך די אויספלוגן, איז שוין בוני געבליבן אָפט ביי עאוניסן אין דער היים, ווען זי האָט אים נאָר באַפוילן, און דאָס אַלץ איז געוואָרן היימישלעך און אָנשטענדיק, וויינקסטן לויט דעם מאָדערנסטן מאַסשטאַב געמאָסטן, צו פאַלקאָמער גלייכצלעכקייט האָט נאָר געפעלט איין קלייניקייט און בוני האָט עס איינמאָל דערמאָנט:

„עאוניס פאַרוואָס האָבן מיר, אייגנטלעך, נישט חתונה ?"
און ער איז געוואָרן דערשטוינט פון דעם ווילדן פּראָטעסט מצד דעם מיידל.

„בוני מיר זענען דאָך אַזוי גליקלעך ! צו וואָס ווילסטו דאָס אַלץ צעשטערן ?"

„פאַרוואָס זאָל דאָס אַלץ דורך דעם צעשטערט ווערן ?"

„אַלע חתונה געהאַטע זענען אומגליקלעך, איך ווייס עס, איך האָב עס אָפט באַאָבאַכטעט. דער פּאַפּאַ מיט דער מאַמען וואָלטן אַ מיליאָן דאָלאַר באַצאָלט און אפשר נישט פונקט אַזוי פיל. ווען זיי זאָלן זיך קענען צעשיידן אָן די לאַנגע אָפּשלעפּעכישן אין געריכט, אָן די אַרטיקלען אין די צייטונגען און בילדער אין די בלעטער."

ביי אונדז וועט עס דאָך אָבער אַזוי נישט זיין, ליבינקע.
„ווער ווייסט, צי עס וועט אויך נישט זיין אַזוי, ווען מיר נאָר חתונה האָבן, אַזוי וועסטו זיך איינבילדן, אַז דו האָסט רעכט אויף מיר, וועסט נישט טון מער וואָס איך וויל, און איך וועל זיין אומגליקלעך, מיר וועלן שוין בעסער גיין מיט אונדזער אייגענעם וועג, איידער צו טון דאָס, וואָס אַנדערע ווילן אונדז אַרויפצווינגען. מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען געצווונגען צו זאַכן, וועלכע איך האָב נישט געוואָלט טון,

און האָב געמוזט קענען זיי קעמפן, יאָ, אפילו קעגן דיר צו בוני-בער."

אין דער געזעלשאַפט איז אויסערלעך געווען אַלץ ווירדיק און אַנשטענדיק, אַלע ד'האָבן אויסגעפאָלגט די מלוכהשע און רעליגיעזע חתונה-געזעצן, האָט מען אָבער אַריינגעקוקט אַ ביסל טיפער, אַזוי האָט מען אַנדעקט, ביי די אָרעמע, ווי ביי די רייכע, מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפילט אומגליקלעך מיט זייער צווייטער „בעזעצלעכער" העלפט, און עס האָט געהערשט אַ געדהיימער, נישט קיין אַרויסגערעדטער אָפמאַך, מאַן און פרוי האָבן זיך קעגנזייטיק געגעבן פרייהייט, געפונען אַנדערע פאַראַטנערס און אַלס אַנטשעדיקונג געבראַכט אין שטוב אַריין זייערע פריינט און פריינדיס, ביי די רייכע האָבן די סעקרע-טאַרינס, דערציערינס, קוזינען און קוזינקעס געשפילט די ראָלע. ווען די קינדער האָבן דאָס אַנטדעקט, האָבן זיי געקענט אויס-פרעגן פון די עלטערן אויטאָס, פעלצן, פערל און וואָס וויכ-טיקער פון אַלץ: דאָס רעכט אויף דעם אייגענעם וועג צו גיין.

# VIII

ערב פרילינג 1917 פונקט דעמאָלט ווען אַמעריקע איז אַריינגעטרעטן אין קריג, האָט דאָט רוסישע פאָלק אראָפּגעוואָרפן זיין צאַר און פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק. דאָס איז געפעלן געוואָרן די מערסטן אַמעריקאַנער, איז דאָך פיל אַנגענעמער מיט אַ רעפּובליק פאַרבינדן צו זיין.

דאָך אין הערבסט איז פאָרגעקומען עטוואָס שרעקליכעס: עס האָט אויסגעבראָכן אַ נייע רעוואָלוציע, וועלכע איז דאָסמאָל נישט באַשטאַנען שוין פון בכבודיקע פּראָפעסאָרן און געשעפטס-לייט, נאָר פון ווילדע פאַנאַטיקער, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן באָלשעוויקעס, פון שרעקלעכע מענטשן, וועלכע קאָנפיס-קירן דאָס פּריוואַט אייגנטום און צעשטערן אַלץ. די דאָזיקע רע-וואָלוציע האָט פאַר די פאַרבינדעטע מלוכות באַדייט אַ קאַטאַ-סטראָפע: רוסלאַנד וועט זיי אַוועקוואַרפן און די דייטשע חילות פון מזרח וועלן זיך איבערוואַרפן אויף די מערב-פראָנטן. די רו-סישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן, די זעלנער האָבן דעזערטירט און זיך אומגעקערט אַהיים אין די שטעט און דערפער. צו דער זעלבער צייט האָט די אָנפירונג פון דער נייער רעגירונג זיך גענומען צו אַ וועלט-פּראָפּאַגאַנדע און אָנגעגריפן די פאַר-בינדעטע מלוכות און זייערע מלחמה ציִלן.

ווער זענען געווען די דאָזיקע פירער? פאַר אַמעריקע איז עס געווען גענוג צו וויסן, אַז אייניקע פון זיי, וועלכע האָבן

געלעגט פאַרבאָרגן אין דער שווייך, זענען דורך דער דייטשע רעגירונג איבערגעפירט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס דורך דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד, כּדי דאָרט אָנצומאַכן אומגליקן, ווי נאָר מעגלעך. די אַמעריקאַנער האָבן געזען אין לענינען און אין זיין „באַנדע" געדונגענע אַגענטן פון די הונען, ווען זיי האָבן אָנגעגריפן דעם אימפּעריאַליזם פון די פאַרבינדעטע מלוכות, איז עס געווען די שטים פונם דייטשן קייזער, נאָר אין דער רוסישער שפּראַך, און ווען זיי האָבן פאַרעפנטלעכט די געהיימע אָפּמאַכן, האָט אַמעריקע דערקלערט, אַז דאָס זענען געפעלשטע.

הער ראָס, אַלס גוטער אַמעריקאַנער דהאָט געגלויבט זיין פּרעסע.

ער האָט געהאַלטן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע פאַר דעם שרעקלעכסטן וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אויף דער וועלט פאַר זיין לעבן. מיליאָנען מענטשן ווערן אויסגעשאָכטן, די קלוגסטע און געבילדעסטע דערמאָרדעט, אויף דעם שווידערדעכסטן אופן פאַרפּייניקט און עס ווערן אָפּגעטון אַזעלכע שמוציקייטן, וועגן וועלכע מען קען אפילו נישט שרייבן. די קאָמוניסטישע לערע ווערט אויך לגבי די פרויען אָנגעווענדעט זיי ווערן דאָס אַלגעמיינע אייגנטום, די קאָמיסאַרן פאַרגוואַלטיקן פרויען וויפל זיי ווילן נאָר אַליין. לענין דערשיסט טראָצקין און טראָצקי אַרעסטירט לענינען. באַרבאַריזם הערשט אין רוסלאַנד וועלכעס איז אוממעגלעך צו לאָזן אַט אַזוי.

„איצט קענסטו זען,"—האָט דער פאָטער געזאָגט צו בונין—„ווי נאַריש דיין אידעאַליזם איז, דיין אידעע מען זאָל די שטרייקנדע נאָכגעבן, די גאַנצע אינדוסטרי איבערגעבן אין די הענט פונם המון. אַט האָסטו דאָס אינגאַנצן אין דער פּראַקטיק פאַרווענדט. געפעלט עס דיר?"

בוני האָט געמוזט פאַרשעמט מודה זיין, אַז עס געפעלט אים שוין צופיל נישט.

דער פּראָבלעם האָט אים דאָפּלט פאַראינטערעסירט, ווייל ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן אין דער צייט פון דעם וועלט-

קריזיס זיין פליכט צו טון. אין קומענדיקן יאָר ענדיקט ער די שולע און דערגרייכט דאָס מיליטער-פליכטיקע עלטער. וואָס וועט ער דעמאָלט טון? ער האָט אַרומגערעדט די טעמע מיטן פאָ־טער לאַנג און פייערלעך. דהער ראָס האָט אויסגעפונען, אַז ער טראָגט אויף זיך אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז ער האָט דאָס רעכט צו פאָדערן די שטיצע פון זיין זון, בוני וועט בשום אופן נישט ווערן קיין באַפרייער פון אונטערדריקטע, ווען דער פאָטער וועט אים מיט דער הילף פון הער קאַריי פון מיליטער באַפרייען. בוני דאַקעגן האָט געטענהט אַז ער מוז אומבאַדינגט גיין אויף דעם פראָנט, יאָ, ער קלערט אפילו פון דעם שוין איצט די שולע צו פאַרלאָזן און זיך פרייוויליק צו מעלדן, ווי אַ סך פון זיינע חברים האָבן עס געטון.

ענדלעך זענען זיי ביידע געקומען צו אַ פשרה: בוני זאָל צוערשט די שולע ענדיקן און ערשט דערנאָך זיך דע־צידירן.

„איינס אָבער ביזטו שוין שולדיק דעם פאָטערלאַנד און מיר,“—האָט דערקלערט הער ראָס,—„מער צייט דעם שטודיום אָפּגעבן און ווייניקער זיך ווידמען די פאַרגעניגנס. וואָלסטו וויר־קלעך באַגריפן דעם וועלטקריזיס, דעמאָלט וואָלסטו מער זיך דיין אַרבעט געווידמעט און נישט פאַרלוירן אַזויפיל צייט אויף פוסטע פאַרוויילונגען“.

בוני איז געוואָרן רויט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„דו האָסט רעכט, טאַטע, איך וועל מיר אין דער צוקונפט מיט אַלע כוחות באַמיען.

# IX

אין דער דאָזיקער ערנסטער שטימונג האָט בוני איינגעזוכט עאוניסן און איר דערקלערט, אַז ער טראָגט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער רעטונג פון דער ציוויליזאַציע.

„יאָ“, — האָט געענטפערט דאָס מיידל, — „אויך איך האָב דאָס איינגעזען און געשפּראָכן ערנסט מיט דער מוטער, זי זאָגט, אַז עס וועט איינגיכן אָנהייבן הערשן אַ מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן און אין אַנדערע סחורות“.

די קלוב דאַמען האָבן באַשלאָסן זייער פליכט צו טון: זיי וועלן שוין פון היינט אָן און ווייטער נאָר די טייערסטע שפּייז־פּראָדוקטן קויפן, דאַקעגן חזיר, קאַרטאָפל און קוילן פאַר די אָרעמע איבערלאָזן. די פרוי האָט איר גאַנצע גאַרדעראָב אוועקגעשענקט דער אַרמיי, און אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן, אָפּקויפנדיק אַן אַנדערע די טייערסטע, וועלכע זי האָט נאָר געקענט געפינען. אויך עאוניס איז געווען גרייט פאַרשטענדלעך, נאָר לוקסוס זאַכן צו באַנוצן, פון דער צווייטער זייט אָבער איז זי געווען צעמישט פון דעם פונקט פאַרקערטן ביישפּיל פון דער מומע אַליס, וועלכע האָט איינגעקויפט אַ גרויסע צאָל פון ביליקער זאַכן כדי דעם פּראָלעטאַריאַט צו געבן אַ ביישפּיל.

„ווער פון זיי ביידע נאָך דיר נאָר האָט רעכט?—האָט דאָס מיידל געפרעגט בונין.

עאוניס ערנסטע שטימונג האָט נישט לאַנג געדויערט, אין עטלעכע טעג שפּעטער איז זי געוואָרן פאַרבעטן אויף אַ באַל לטובת די בעלגישע יתומים, און ווען בוני האָט דערקלערט, אַז ער מוז לערנען, האָט זי אים געדראָט, אַז זי וועט גיין מיט בילי טשאַמערס, דעם שענעם קאַפּיטאַן פון דער פאַריעריקער פוטבאָל מאַנשאַפט (אין דעם יאָר איז נישט געווען קיין שום פוטבאָל גרופּע). בוני האָט געזאָגט:

„גוט".

און עאוניס האָט זיך באַוויזן אין ביליס געזעלשאַפט פאַר דער גאַנצער שול. יאָ, מען האָט אפילו דערציילט אַז זי איז מיט אים אַרויסגעפאָרן, און דעם אויטאָ אויף דעם וועג געלאָזט שטיין.

אַזוי איז פאַריבער צוויי וואָכן. בוני האָט שוין מער נישט געקענט איבערטראָגן די בענקשאַפט. עס איז געווען אין אַ זונטיק אָוונט. דער פאָטער האָט געמיינט, אַז איינמאָל אין דער וואָך דאַרף דער זון פאַרברענגען. בוני האָט טעלעפאָנירט צו עאוניסן. זי האָט זיך איבערגעבעטן מיט אים מיט טרערן און ליידנשאַפטלעכע קושן. זי האָט אויסער איר בוניבער ווירקלעך קיינעם נישט געליבט, אָבער ווי האָט ער עס געקענט זיין אַזוי שלעכט, און דאָס קלייניקייט איר נישט צוליב טון?

עס זענען אָנגעקומען די ניי-יאָר יום-טובים און דער פאָטער האָט געפּרוווט מיט אַלערליי מיטלען בונין קיין פּאַראַדיז צו פאַרנאַרן: רות וועט אַ גרויסן אינדיק צוגרייטן; צוויי נייע קוואַלן וועלן געבויערט ווערן, שוין אָפּגערעדט פון די וואַכטעלן, וועלכע רופן ביי דעם זונענאונטערגאַנג. בוני האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער, אַז ער וועט אים באַגלייטן און האָט געמוזט זיין צוזאָג האַלטן. עאוניס האָט געליאַרעמט; זי האָט אים אָנגעכאַפּט אין געגנוואַרט פון דער מוטער ביי די האָר, געשלעפּט איבערן גאַנצן סאַלאָן, און דערקלערט, אַז ער איז אַ פּאַדליעץ, זי-

פאָרט נאָך דײַנט אַוועק מיט בילי טשאַמלערס און וועט ערשט קומען נאָך די יום־טובים, און מעגלעך, אַז דעמאָלט נאָך אויך נישט.

דאָך איז בוני אַוועקגעפאָרן קיין פּאַראַדיז. ער האָט באַטראַכט די נײַע קוואַלן, געשטודירט די פּלענער פֿון דער נײַער ערגלייטונג אין ראַפינעריע, האָט אַרומגעוואַנדערט מיטן פֿאָטער אין די בערג, געשאָסן וואַכטעלן און איבערגעלעגן די נעכט שלאָפלאָז און בענקנדיק אין זײַן איינזאַם בעט. עס איז אים אויסגעקומען ווי ער זאָל פּלוצים האָבן געוואָרן אַן אַלטער מאַן. ער האָט כמעט געוואָרט אַז אינדערפֿרי וועט ער אין שפּיגל ווײַסע האָר דערזען. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער פֿאַרלוירן אַ סך שלאָף, ווי ער זאָל עאוניסן האָבן צום טאַנצן באַגלייט און וואָס האָט עס דען אינגאַנצן פֿאַר אַ זין? אין דער שולע שטודירט ער ביאָלאָגיע און די ענגלישע דיכטער פֿונם נײַנצטן יאָרהונדערט; וועט דאָס העלפֿן די דײַטשן פֿון פֿראַנקרײַך אַרויסצוטרײַבן? און עאוניס איז אַזוי צאַרט און שײן; איצט וועט זי זײַן אומגליקלעך. זי איז נישט ווי די אַנדערע מיידלעך, איר איז שווער צו פֿאַרשטיין, און בילי איז זיכער נישט אַזוי גוט צו איר, ווי ער, בוני, איז צו איר געווען. די וועלט וועלכע וויל אים פֿון איר שיידן, איז די זעלבע בלינדע, נאַרישע וועלט, וועלכע דערמאָרדעט מיליאָנען מענטשן. אפֿשר האָט די באָבע טאַקע רעכט, אַלץ איז אַ כאַאָס פֿון אַכזריות. אַלצאיינס וואָס מען טוט, און וואָס פֿאַר אַ זײַט עס זיגט.

אויף דעם פֿאָטער, ווייניקסטנס, קען מען זיך פֿאַרלאָזן. עס האָט אויסגעזען אַז ער ווייסט שטענדיק אַלץ, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס בוני האָט אים גאָרנישט געזאָגט, איז ער געווען צו אים אויף אַ טאַקטפֿולן אופֿן צאַרט און מיטפֿילנדיק, ער האָט מיט בונין גאָרנישט גערעדט וועגן זײַן אומעט, ער האָט זיך נאָר געפּלייסט צו צעשטרייען און געמיינזאַם מיט אים אַלערליי אַרבעט צו טון. דער פֿאָטער האָט זיכער, אויך געמוזט איבערלעבן עטוואָס ענלעכעס. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט מיט אים וועגן דעם צו רעדן, אָבער ער וועט דעם

פּאָטער דורך דעם באַשטימט אין אַ פֿאַרלעגנהייט אַרײַנברענגען. בוני האָט געקלערט פֿון דער „קליינער מאַמען", וועלכע ער האָט שוין אַ גאַנץ יאָר נישט געזען. זי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ניי־יאָרק און בוני האָט חושד געווען, אַז דער פּאָטער האָט איינגעשטימט צו העכערן איר די פּענסיע נאָר מיט דעם באַדינג, אַז זי זאָל דאָרט בלייבן. בוני וואָלט מיט דער מאַמען גערן גערעדט וועגן עאוניסן.

ער האָט העלדיש איבערגעטראָגן און נישט אויפגעזוכט עאוניסן אפילו דעמאָלט ווען ער האָט זיך צוריק אין שטאָט אַרײַן אומגעקערט. וויפֿיל מאָל ער האָט זי געזען, האָט זײַן האַרץ אָנגעהויבן ווייטיקלעך צו קלאַפּן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעקערט און ווייטער געגאַנגען, צווישן די זולוס איז שוין געווען באַקאַנט, אַז די ביידע האָבן איבערגעריסן און אייניקע פֿרייליכע יינגע דאַמעס האָבן אָנגעהויבן דעם יינגן נאַפט פּרינץ צו פֿאַרפֿאָלגן.

בוני האָט עס קוים באַמערקט. זײַן האַרץ איז געווען טויט, ער האָט שוין מער נישט געוואָלט קענען קיין מיידלעך. ער האָט געקלערט פֿון פּאַראָנען, אַ דיכטער פֿונם נײַנצטן יאָרהונדערט, וועמענס ווערק ער האָט איצט געשטודירט און אים איז געפֿעלן געוואָרן די ראָל פֿון אַריסטאָקראַט מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

עאוניס האָט אונטערגענומען פֿלירט אויספֿלוגן מיט דעם אַמאָליקן פֿוטבאָל קאַפּיטאַן. קעגן די פֿאָלגן—האָט זי דאָך געוווּסט ווי אַזוי זיך צו שיצן.

## קאַפּיטל נײַן

# דער נצחון.

### I

דאָס שול-יאָר האָט זיך פאַרענדיקט אין פעברואַר. בוני האָט זײַנע עקזאַמענעס אויסגעהאַלטן גאַנץ גוט. איצט האָט ער געהאַט אויף אַ שטיקל צײַט פרײַען. הער ראָס האָט אים פאָר געלייגט אַ וווּנדערפולן פּלאַן. דעם פאָטער האָט דער געווינסן אַ ביסל געפּײַניקט, וואָס פון דער וואַטקינס פערמע פאַר וועלכער ער האָט באַצאָלט נישט מער ווי דרײַטויזנט זיבנהונדערט דאָלאַר, נעמט ער איצט אַרויס פון דער ערד מיליאָנען דאָלאַרן, ער האָט זייער געוואָלט עפּעס טון פאַר זיי, האָט אָבער מורא געהאַט צו פיל צו טון, ווײַל דורך דעם קענען נאָך די וואַטקינס מיינען, אַז ער איז זיי נאָך פיל מער שולדיק. זײַן פּלאַן איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן פאַמיליענאויספלוג: בוני, רות, מעלי און סאַדי זאָלן מיט אים אין דעם גרויסן אויטאָ און הער און פרוי וואַטקינס אין אַן אַנדערן אויטאָ פאָרן צום לאַגער ווו פאַול אַרבעט, אים באַזוכן און אײַנצײַטיק באַטראַכטן די אַרמיי, וועלכע האַלט זיך אין שאַפן, זיי וועלן זיך אַ פאָר טעג אין אַ שבתדיקן האָטעל אויפהאַלטן און אַלץ באַקוקן און

די רעליגיעזע מיסיע בעכנות מיטן לאַגער אין וועלכן עס געפונט זיך עלו.

די מיידלעך זענען שיעור נישט געוואָרן משוגע פון פרייד. זיי וועלן איצט צום ערשטן מאָל אין זייער אָרעמען לעבן מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע מיט אַן אויטאָ. דער הער וואַטקינס האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט בעטן דעם הייליקן גייסט ער זאָל זיך נישט אַנטפלעקן דער פאַמיליע אין דער צייט פון דער רייזע, כדי נישט באַדאַרפן זיך צו קאַטשען און צו רעדן פון רוח-הקודש, ווירקלעך דהאָט דער הייליקער גייסט דורך זיין נביא עלו מודיע געווען, אַז די אָנהענגער פון די דריטע אַנטפלעקונג מעגן שוין אויפהערן פראַקטיצירן די הייליקע, גימנאַסטישע איבונגען.

די סבה דערפון האָט דער הייליקער גייסט פאַרשוויגן, נאָר מען האָט געמורמלט, אַז די פאַרמעגלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט עלוס הייליקע אונטערנעמונג, זענען געווען קעגן דעם קאַטשן זיך, און איינגעפונען אַז די שפּראַך פון די מלאכים האָט פאַר די מענטשן קיין שום זין נישט. איינער פון עלוס אָנהענגער איז געווען אַ באַקאַנטער ריכטער, אַ צווייטער דער באַלעבאָס פון אַ קאָלאָניאַל געשעפט, די פרויען פון די דאָזיקע הערן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט עלון, אים די גראַמאַטיק אויסגעלערנט און אָנגעוויזן ווי ער זאָל קויפן פאַר זיך קליידער און ווי אַזוי ער זאָל האַלטן אַ מעסער און אַ גאָפּל. עלו האָט זיך געקליבן צו דערגרייכן אַ געזעלשאַפטלעכן ערפאָלג.

עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי זיי זענען אַרויסגעפאָרן, דעם קריג צו באַטראַכטן, אַן אומגעהייערע שטאָט פון געצעלט לייוונט, בלעך און האָלץ, אייבריקע, פלייסיקע יינגע מענער זענען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, זענען אָבער נישט געווען אַזוי באַשעפטיקט, אַז זיי זאָלן שוין נישט קענען שענקען זייער אויפמערקזאַמקייט די דריי שיינע יינגע מיידלעך, וועלכע האָבן באַקומען די דערלויבעניש די איבונגען צוצוזעען, פאַרוואַלן

האָט מען באַפרייט, און אין דער צייט ווען דאָס אַלטע פאַרפאָלק מיט די מיידלעך האָבן זיך צו עלוס דרשה צוגעהערט, האָבן זיך פאַול, בוני און דער פאָטער געשמועסט איבער דער וועלטלאַגע.

די רוסן האָבן מיט דייטשלאַנד געשלאָסן אַ שלום, איבערלאָזנדיק דעם פיינט אַ גרויסע טייל פון זיין טעריטאריום.
דער פאָטער האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם, און אַרויסגעזאָגט ויינע מיינונגען איבער די פאַרעטערישע באָלשעוויקעס. דעמאָלט האָט אויך פאַול אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, און בוני האָט באַמערקט, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין דינסט, געפונט פאַול אויך דאָ נאָך גענוג צייט צו שטודירן און קלערן.

„בוני"—האָט ער געזאָגט,—„דערמאָנסטו זיך אין אונזער שטרייק און אין דעם וואָס די צייטונגען האָבן דעמאָלט געשריבן? שטעל זיך פאָר ווען דו וואָלסט אין פאַראַדיז נישט געווען, די שטרייקנדע נישט געקענט, דעמאָלט וואָלטסטו דיין גאַנץ וויסן נאָר פון די צייטונגען אין אַנגל-סיטי געשעפט, פונקט אַזוי איז דער פאַל מיט רוסלאַנד, דאָרט איז פאָרגעקומען דער גרעסטער שטרייק אין דער וועלטגעשיכטע. די שטרייקער האָבן געזיגט און די קוואַלן באַהערשט, אין אַ שיינעם טאָג וועלן מיר זיך דערוויסן וואָס אייגנטלעך דאָרט קומט פאָר, נאָר נישט דורך די צייטונגען, וועלכע שרייבן דאָך נאָר די ליגנס פון די בורזשואַזיע דיפּלאָמאַטן און פאַרטריבענע גרויספירשטן."

דער פאָטער, וועלכער האָט אין אַ משך פון פיר חדשים אַלע ידיעות פון רוסלאַנד געלייענט און אין יעדן וואָרט געגלויבט איז געוואָרן היציג!

„גלויבט איר ווירקלעך, פאַול, אַז די מיטגלידער פון די רייכערע קלאַסן זענען אין רוסלאַנד נישט דערמאָרדעט געוואָרן?"

„אָן שום ספק, פונקט ווי עס איז אויך געווען בשעת

דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. דערמאָנט זיך נאָך אָבער, הער ראָס, ווי דאָס רוסישע פאָלק איז פון די הערשנדיקע קלאַסן באַהאַנדלט געוואָרן, מיט וואָס פאַר אַן אַרט רעגירונג עס איז געווינט געווען, מיר טאָרן נישט די רוסישע רעוואָלוציע מעסטן מיט אונזער מאַסשטאַב.״ פאַול האָט געשמייכלט און געמיינט, אַז דער אַמעריקאַנישער אונטערנעמער, וועלכע באַהאַנדלט אַנ־שטענדיק זיינע אַרבעטער, דאַרף זיך נישט שטעלן אויף איין שטופע מיט די רוסישע אַדעליגע, וועלכע האָבן זייערע מענטשן מיט דער בייטש געשלאָגן, און קאָזאַקן געבראַכט, ווען זיי האָבן פּראָטעסטירט.

דאָס האָט דעם פאָטער אַ ביסל בארויקט. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז די באָלשעוויקעס זענען נישט מער ווי דייטשע אַגענטן, אין האָט אָנגעוויזן אויף דעם וואַגאָן אין וועלכן לענין (ער האָט עס אַרויסגערעדט ליניין) — איז דורך דייטשלאַנד דורכגעפאָרן.

„האָט איר גאָרנישט געלייענט וועגן די שלום־אונטערהאַנ־דלונגען?״—האָט פאַול געפרעגט,—„זעט אויס, אַז די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר די רוסן פונקט ווי מיר. די באָלשע־וויקעס האָבן באַקעמפט אויףביידע זייטן די הערשנדיקע קלאַסן און די דייטשן וועלן אפשר נאָך מוזן מודה זיין, אַז דער דאָזי־קער שלום איז פאַר זיי פיל געפערליכער, אַ״ס די מלחמה. די רעוואָלוציאַנער, פּראָפּאַגאַנדע קען זיך אויך אין זייער אַרמיי פאַרשפרייטן, יאָ, אפילו אויף דעם מערב־פראָנט.״

אָבער עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו וועלן דעם הער ראָס דערקלערן אַזאַ קאָמפּליצירטן ענין.

„האָבן די רוסן ווירקלעך בכוונה אונטערצושטיצן די גע־רעכטיקייט און דעם שלום,״—האָט ער געזאָגט—„אַזוי מוזן זיי האַלטן מיט די פאַרבינדעטע אַזוי לאַנג, ביז מען וועט דעם קייזער אַראָפּזעצן.״

„האָט איר געלייענט די געהיימע צאַפּצאַבן?״—האָט זיך

נאָוול געפרעגט, און הער ראָס האָט געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט נישט געלייענט.

„די סאָוויעטן,‟ — האָט פּאָוול דערקלערט, — „פאָדערן אַז די פאַרבינדעטע זאָלן באַקאַנט מאַכן זייערע מלחמה ציל. היות ווי די דאָזיקע פאָדערונגען זייערע איז נישט באַריקזיכטיקט געוואָרן, אַזוי האָבן זיי די געהיימע אָפּמאַכן, פון די פאַרבינדעטע מיט דעם צאַר, פאַר דער גאַנצער וועלט פאַרעפנטלעכט, אין וועלכע עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן די חלוקה פון עסטרייך, דייטשלאַנד און טערקיי. דער אינהאַלט פון די דאָזיקע דאָקומענטן, וועלכע זענען די וויכטיקסטע אויף דער גאַנצער וועלט, איז אין דער אַמעריקאַנער פרעסע נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, לויפן מיר איצט אין דער מלחמה, נאָר כדי גרויסבריטאַניען, פראַנקרייך, איטאַליען און יאַפּאַן אין זייערע אימפּעריאַליסטישע צילן צו העלפן, אַזוי איז אונדזער פאָלק באַשווינדלט, און עס וועט קומען אַ טאָג פון אַ צאָרנדיקן אויפוואַכן.‟

הער ראָס האָט גלייך געהאַט אַן ענטפער:

„זייט זיכער, פּאָוול, אַז די דאָזיקע דאָקומענטן זענען פון די באָלשעוויקעס געוואָרן געפעלשט. האָט דען נישט אונדזער רעגירונג אַ גרויסע צאָל פון רוסישע דאָקומענטן פאַרעפנטלעכט, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז די באָלשעוויסטישע פירער זענען דייטשע אַגענטן? דאָס זענען די עכטע דאָקומענטן איר וועט עס אין אַ שיינעם טאָג אַליין איינזען און זיך שעמען, ווייל איר האָט אין אונדזערע פאַרבינדעטע געצווייפלט, גלייבט איר דען ווירקלעך, אַז דער פּרעזידענט ווילסאָן, זאָל זיך לאָזן מאַכן צו אַזאַ נאַר?‟

בוני האָט זיך צוגעהערט אויפמערזאַם צו יעדן וואָרט פון דער דעבאַטע, זי האָט אים צעמישט און ער האָט נישט געקענט באַשליסן ווער דער אמת איז, דאָך האָט אים אויסגעוויזן אַז דער פאָטער האָט רעכט: וואָס קען אַ גוטער אַמעריקאַנער

אין מלחמה צייט אנדערש טון, אויב נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיין רעגירונג. בוני האָט עס פיינלעך באַריכט, וואָס אַ מאַן אין אוניפאָרם קען זיך אַזוי געלאַסן צווייפלען אין זיינע עלצ- טע, ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך אָוועקזעצן נעבן באָולען און אים מיטטיילן דאָס, וואָס די פיר-מינוט-רעדנער האָבן ביי זיי אין שול געזאָגט. אַזוי האָט ער געהאָפט אין דעם פיינט אַ שטאַרקערן פאַטריאטיזם אַרויסצורופן.

פאָול האָט געלאַכט, געקלאַפט בונין אין די פלייצעס און געזאָגט, אַז פאַטריאָטישע פראָפאַגאַנדע ווערט דאָ אין לאַגער באַרשפרייט איבער גענוג.

## II.

אין איין אָוונט זענען אַלע געגאַנגען הערן עלוס דרשה. די תפלה איז אָפּגעריכט געוואָרן אין אַ געצעלט, וועלכער האָט דערמאָנט אין אַ צירק, די ערד איז געווען מיט זעגעכץ באַשיט און די הונדערטער הילצערנע בענק זענען געווען באַזעצט פון זעלנער און פּערמערס, מיט זייערע פרויען און קינדער. דער עוואַנגעליסט איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרם, ער האָט געטראָגן אַ ווייסן מלבוש און אויף זיין ברוסט האָט געלויכטן אַ גאָלדענער שטערן, ווי ביי אַ פּערסישן מאַניקער. עס איז אויך געווען אַן אָרקעסטער פון טרומייטערס און טרובעס, וועלכער האָט שיעור נישט פאַרטויבט מיט זיינע שאַרפע טענער, — ווען די טראָמייטערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין כאָר און די גלויביקע האָבן אָנגעהויבן צו ברילן:

„כבוד דעם האר”!

אַזוי האָט זיך דער גאַנצער דאַך פונם געצעלט אָנגעבלאָזן.

עלו האָט געפּרעדיקט קעגן די היננץ.

„דער הייליקער גייסט האָט מיר אַנטפּלעקט, אַז דער פיינט וועט נאָך אין דעם יאָר צעקלאַפּט ווערן, אַלע וועלכע שטאַרבן פאַר דער הייליקער זאַך, וועלן זיין דערלייזט.”

דאָס פאַרשטענדלעך, האָט זיך באַצויגן נאָר צו די יענ־

קע, וועלכע האָבן זייערע נשמות געלאָזט אָפּראַטעווען דורך עלוס פאַרמיטלונג.

אויף דעם פלאַטפאָרם האָט זיך געפונען אַ מקוה, צו וועלכער עס האָבן געפירט טרעפּ; אַרום איר זענען געזעסן זיין ווייסע נאַכט־העמדער די וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צו עלוס גלויבן. איז געקומען דער מאָמענט, אַזוי איז עלו אַליין אַראָפּגעגאַנגען אין וואַסער, אָנגעכאַפּט זיין קרבן פאַר דעם נאַקן און אין נאָמען פונם פאָטער זון און און הייליקן גייסט אים אין וואַסער אַריינגעשטופּט. דורך דעם זענען זיי געוואָרן ריינגעוואַשן פון אַלע זייערע זינד, און ווען זיי האָבן זיך אין מקוה אָנגעשטעקט מיט אַ וועלכע נישט איז קרענק, אַזוי האָבן זיי נאָר באַדאַרפט זיך צו ווענדן צום נביא פון דער דריטער אַנטפּלעקונג, וועלכער האָט זיי שוין אויסגעהיילט.

אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט מען אַלץ גערעדט פון דעם דאָזיקן אויספלוג. בוני האָט זיך שוין געפרייט, וואָס ער וועט פירן אַזאַ זעלנערלעבן אין דעם קומענדיקן זומער. — נאָר איין געדאַנק האָט אים געשטערט וואָס ער, אַ דאַנק זיין שולבילדונג און אַ דאַנק דעם פאָטערס איינפלוס, וועט מוזן גיין אין אַן אָפיציר איבונגסלאַגער, ער איז פול מיט מוט און געאַרבעט פלייסיקער פון שטענדיק.

ענדע מערץ האָט זיך אָנגעהויבן אויף דעם מערב־פראָנט די שלאַכט, פאַר וועלכער מען האָט זיך לאַנג געשראָקן. עס איז געווען איינע פון די שלאַכטן צו וועלכער די וועלט האָט זיך שוין צוגעוווינט, אַ שלאַכט וועלכע האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער מייל און האָט געדויערט גאַנצע וואָכן, אַזאַ שלאַכט האָט נישט געקאָנט טראָגן דעם נאָמען פון איין אָרט, נאָר האָט געמוזט טראָגן דעם נאָמען פון אַ גאַנצע פראָווינץ, די דייטשן האָבן דורכגעבראָכן דעם ענגלישן פראָנט, האָבן צוריקגעשטויסן די אַרמיי אויף אַ פערציק מייל צוריק און גענומען אַ הונדערט טויזנט געפאַנגענע. הער ראָס מורא האָט אויסגעזען, ווייזט זיך אַרויס, פון אמת.

אָבער נישט די דייטשן, נישט די פאַרבינדעטע האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז אין אַן אומבאַקאַנטן דאָרף, צווישן די פּרוכטגערטנער פון קאַליפאָרניע, מיט זיך פאַר זיי אַ מעכטיקער נביא.

עלו האָט אין די צייטונגען געלייענט, אַז די ענגלישע חילות קענען נאָר דורך רעגן געראַטעוועט ווערן, באַלד האָט ער פאַרזאַמלט זיינע געטרייע מחנות; אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געלעגן אויף די קני, געקאַטשעט זיך, די הענט צו גאָט געהויבן און מתפלל געווען, אַז דער רבונו-של-עולם זאָל אַראָפּשיקן אַ שטורם, אין פּיקאַרדי, און דער האַר פון דער וועלט האָט זייער תפלה פאַרנומען: די הימלען האָבן זיך געעפנט, אַ גרויסער רעגן האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, די הונען מיט זייערע אָבאָזן זענען געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע, די זעלנער זענען שיעור נישט אומגעקומען, אָבער אויף דער צווייטער זייט וו עס האָבן געקעמפט די חילות פון גאָט, איז קיין רעגן נישט געפאַלן, די ערד איז געבליבן טרוקן, די פאַרשטאַרקונגען זענען אָנגעקומען פונקט צו דער צייט און דער ענגלישער פראָנט איז געווען געראַטעוועט. אין די פרוכטגערטנער פון קאַליפאָרניע האָבן די לויבגעזאַנגען פון די גלויביקע אַזוי צעטרייסלט די לופט, אַז דער גאַנצער פל[illegible]ק איז פון די בויכער אַראָפּגעפאַלן.

## III

בוני איז נאָך געווען יונג, אויסער די אַלע אויפרעגונגען האָט ער נאָך געפירט אַ פּערזענלעך פּריוואַט לעבן.

אַהיימקערנדיק זיך פון די איבונגען, האָט ער באַגעגנט ני־נאַ קודריטש, איינע פון זיינע שול חברות, וועלכע איז געפאָרן אין איר אויטאָ אין אַ באָדקאָסטיום און מיט אַ מאַנטל פאַר־וואָרפן. אויף אַזעלכע קליינלעכע צופאַלן שפּאַרט זיך אָן דער גורל פון אַ מענטשן.

נינאַ איז געפאָרן לאַנגזאַמער און האָט צוגערופן בונין:

„קומט מיט מיר שווימען.״

דער יינג איז אַריינגעשפּרינגען אין אויטאָ און אין צוויי מינוטן האָבן זיי דעם ברעג דערגרייכט, אין פינף מינוט שפּע־טער זענען שוין די ביידע אַרומגעלאָפן אין זייערע באָדקאָסט־יומען אויף דעם זאַמד.

נינאַ קודריטש איז געווען איינע פון די פרויענגעשטאַלטן וועלכע ווערן יערלעך אין קאַליפאָרניע רייף אין די טויזנטער, אירע גלידער זענען געווען ווי די שטאַמצווייגן, איר טאַז איז געווען באַשטימט דערצו, זי זאָל קענען אַ טוץ קינדער אויס־טראָגן אין איר בוזים, זי זאָל זיי קענען אויסהאָדעווען. זי האָט געהאַט בלאָנדע האָר און די פאַרב פון איר פּנים איז געווען, פון לאַנגע שעהן אויף דעם ברעג פאַרברענגען, גאָל־דיק־פאַרברוינט, דער דורכזיכטיקער באָדקאָסטיום האָט אויפגע־דעקט מער ווי העלפט פון איר רייף.

נישט קוקנדיק אויף דעם קילקייט פונם וואַסער, זענען זיי ביידע געשווומען ווייט אויף דעם ברעג, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די הענט.

„קומט מיט מיר אונטערווייט עסן, בוני.״ — האָט נינאַ געזאָגט. — איך האָב שוין גענוג דאָס זיצן אין דער היים.״

זיי זענען צוגעפאָרן צו אַ רעסטאָראַן, ווו פאַר די אויגן פון דער יינגער יונגע, וועלכע האָט שוין געדאַרפט לייגן אכט אויף דער שלאַנקייט און איר פיגור, האָבן זיך באַוויזן פאַרשידענע גוטע זאַכן: פיש, פרוכטן, קאַליפאָרנישער סאַלאַט.

„דאָס סאַמע אומשעדלעכסטע איז סעלערי, עס איז זעטיק און מאַכט נישט דיק.“

עסנדיק האָבן ביידע געקוקט אין פענצטער און געזען די זון זינקען אין דעם פופורנעם ים און די נעפּלען זיך אויפ-הייבן. דערנאָך האָבן זיי ווידער אַריינגעשטיגן אין אויטאָ און ווייטער געפאָרן. נינאַ האָט איר האַנט אַריינגעלייגט אין בוניס. בוני האָט זיך געגריבלט אין זיין זכרון, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט פון עאוניסן, אַז נינאַ און פאַר-ביילי וועלכע קעמפט איצט אין פראַנקרייך, זענען ליידנשאַפט-לעך פאַרליבט איינער אינעם אַנדערן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן איינזאַם אָרט, אַרויסגענומען אַ דעק פונם אויטאָ, זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם זאַמד און זיך צוגעהערט צו דעם ברויזן פון די כוואַליעס.

נינאַ האָט זיך צוגעדרוקט פעסט צו בונין:

„האָט איר מיר כאָטש אַ ביסעלע ליב?“

און ווען ער האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט זי ווייטער געפרעגט:

„פאַרוואָס-זשע רירט איר מיר גאָרנישט אָן?“

ווען בוני האָט אויס איידלקייט צוליב געטון איר, האָט נינאַ אים אַ קוש געטון אין די ליפּן מיט איינעם פון די ענד-לאָזע לאַנגע קושן, וועלכע פאַרגרעסערן דעם דערפאָלג פון יעדן פילם און וועלכע ווערן אַרומגעשניטן פונם צענזאָר לויט דער געאָגראַפישער לאַגע.

בוני האָט איינגעזען, אַז די ניינצניעריקע יונגע איז גרייט זיך אים איבערצוגעבן, אים האָט באַהערשט דאָס אַלטע גוט באַקאַנטע שווינדלגעפיל, די בענקשאַפט נאָך עאוניסן האָט אים נאָך אַלץ געפּייניקט. איצט האָט ער אפשר געהאַט די געלעגנ-הייט איינגאַנצן פון איר זיך אַפּטרייסלען. דאָס האָט ער זיך גע-

וואקלט, ווייל ער האט זיך געשווירן מער מיט אזעלכע זאכן זיך נישט אפגעבן, אויסערדעם האט ער ביי די ענגלישע דיפ-טער זיך באקענט מיט אן אנדער אויפפאסונג פון ליבע. בוני האט געוווסט, אז ער האט נינא קודריטש נישט ליב, אז זי איז פאר אים א פרעמדע, דעריבער האט ער זיך געוואקלט און זיינע קושן זענען געווארן קילער.

„וואס איז דיר בוני?"—האט דאס מיידל געפליסטערט.

בונין איז איינגעפאלן א גוטער געדאנק:

„נינא, עס איז נישט אנשטענדיק."

„פארוואס?"

„עס איז נישט אנשטענדיק לגבי בארנייען."

ער האט געפילט, ווי זי האט אויפגעציטערט אין זיינע ארעמס.

„אבער בארניי איז דאך נישטא, ליבער."

„איך ווייס, אבער ער וועט דאך צוריק קומען."

„ערשט אין א צייט ארום. אויסערדעם האט ער אין פראנק-רייך באשטימט א מיידל."

„אפשר, אבער עס איז נישט זיכער, און עס איז נישט אנשטענדיק ווען מען נעמט צו די געליבטע פון א מאן, וועל-כער איז געגאנגען איינשטעלן זיין לעבן פאר דעם פאטער-לאנד."

און בוני האט אנגעהויבן רעדן פונם פראנט, פון דעם, אז די אמעריקאנער וועלן באלד מוזן קעמפן אויף דעם שלאכטפעלד.

ער האט דערציילט, אז ער וויל נאכן ענדיקן די שול אויך אריינטרעטן אין מיליטער, ער האט גערעדט פון פאוולען פון זיינע מיינונגען איבער רוסלאנד, פון דעם פאטער און וואס ער, דער פאטער, פון פאוולען קלערט. די יינגע יונאנע איז נאך אלץ געלעגן אין זיינע ארעמס, דאך האט איר סימפאטיע צו אים אנגעהויבן ווערן אלץ מער שוואכער און שוואכער, ענדלעך, האבן זיי זיך אויפגעהויבן. די יינגע יונאנע האט פארווארפן אירע הענט אויף בוני אים הערצלעך געקושט און דערקלערט:

„בוני ביסט אַ קאַטישער טשודאַק, אָבער איך האָב דיר פּאַ־
דעסטוועגן ליב.‟

# IV

די דייטשן האָבן ווידער אונטערגענומען אַן אָפענסיווע. עס איז געקומען צו דער שלאַכט פון פלאַנדריען, די ערשטע ענגלישע ליניעס זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגשאַפט. וואָלטן די זעלנער און אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געפונען הינטער די ערשטע רייען, פאַרגראָבן אין לעכער און קעמפנ־דיק מיט יעדן געווער, וואָס איז זיי נאָר אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין, נישט אויפגעהאַלטן די דייטשן מיט די לעצטע כוחות, אַזוי וואָלטן זיי שוין געווען פאַרנומען די גאַנצע פלאַ־דרישע אייזנבאַן־נעץ.

אין אַ חודש אַרום איז ווידער געקומען צו אַ גרויסער אָפענסיווע, צו דער שלאַכט ביי אייזנע. פּאַריז, האָט זיך אויס־געדאַכט, וועט זיך מוזן אונטערגעבן; אין אַמעריקע האָבן די מענטשן געלייענט די מלחמה טעלעגראַמעס מיט אַ פאַרהאַלטע־נעם אָטעם.

אין משך פון דער שלאַכט, וועלכע האָט זיך געצויגן כמעט אויף צוויי־הונדערט קילאָמעטער, איז פאָרגעקומען עטוואָס פּאַר־דייטנדיקעס: דער פראַנצויזישער אָנפירער האָט אַוועקגעשיקט אויף דעם פראָנט די ערשטע אָנגעקומענע אַמעריקאַנישע טרופּן. די אַמעריקאַנער האָבן זיך געאיבט נישט מער ווי אַ פּאָר חדשים און די פראַנצויזן האָבן נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן זיך קענען אַנטקעגנשטעלן, אָבער אַנטשטאָט אָפּצוטרעטן, ווי

דאָס איבעריקע מיליטער, האָבן די אַמעריקאַנער פאַרטריבן נאָך די דייטשן אויף אַ פּאָר מייל. דערנאָך זענען שוין אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף דעם פראָנט נאָך גרעסערע אָפּטיילונגען פון אַמעריקאַנער, און אין איינציקע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען די שלאַכט אין וואַלד פון בעלאָ, און גאַנץ אַמעריקע האָט אויפגעציטערט פון שטאָלץ, נישט נאָר צוליב נאַציאָנאַליזם נאָר ווייל דער דאָזיקער נצחון האָט באַטייט דעם נצחון פון אַ פריי לאַנד!

אין דער ליסטע פון די טויטע און פאַרוווּנדעטע האָט מען געלייענט אַזעלכע נעמען ווי הורוויץ, שניראָוו, סאַמעריאַן סעמאַניעגאָ, קאָנסטאַנטינאָפּאָלאָס, טאָפּליצקי און קאָנגלינג, אַלע האָבן גלייך העלדיש געקעמפט, און דאָס האָט באַדייט דער נצחון פון דעם גאָלדענעם ווערטער-שטראָם, וועלכער האָט אַרויסגעשטראָמט פונם הויז.

אינמיטן דער דאָזיקער אויפרעגונג האָט בוני געענדיקט די שול און געמוזט איצט שווערוואָגיקע באַשלוסן אָננעמען. ער מיטן פאָטער האָבן זיך אַדורכגעשמועסט אַזוי ערנסט ווי קיינמאָל נאָכנישט ביזאַהער, און דער אַלטער מאַן איז געווען טיף גערירט.

„מיין זון, קענסטו עס נישט פועלן ביי זיך, אַז דו זאָלסט בלייבן דאָ און מיר ביי דער אַרבעט צוהעלפן?"

„טאַטע,"—האָט בוני אָפּגעענטפערט,—„גיי איך איצט נישט צום מיליטער, אַזוי וועל איך עס מיר מיין גאַנץ לעבן נישט מוחל זיין."

דער פאָטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין:

„איך קען שוין נישט מער טראָגן אויף זיך די גאַנצע משא, מיר מוזן אַלץ ווייטערע קוואַלן בויערן, און יעדער קוואַל באַזונדער הייסט אַ נייע זאָרג, אויך אַ גרויסע רעפינעריע איז אומבאַדינגט נויטיק, דערצו אַ גרויסע צאָל פון פאַרקויף-סטאַציעס. מען קען נישט פאַרלאָזן זיך אויף די רעגירונגס באַשטעלונגען בסדר, טרעסטסטו אריין אין מיליטער אַזוי האָט עס קיין זין נישט צו רעכענען אויף דיין הילף, ווייל די מלחמה וועט

זיך נאָך געוויס ציען אַזוי לאַנג, ווי ביז אַהער. און פון די וואָס גייען איצט אַוועק וועלן אַ סך נישט קומען צוריק"—דעם פאַטערס שטים איז נישט געווען אינגאַנצן פעסט.

עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז די ביידע זאָלן מוזן אַרויסנעמען זייערע טאַשנטיכלעך, וואָס וואָלט געווען פאַר זיי זייער נישט אַנגענעם.

דאָך האָט בוני געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

„איך מוז גיין, טאַטע, איך מוז גיין."

דער פאַטער האָט נאָכגעגעבן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט בוני באַקומען דעם באַפעל אַריינצוטרעטן אין דעם איבונגס לאַגער. די מומע עמאַ האָט געוויינט, די באָבע דאַקעגן האָט צונויפגעפרעסט די שמאָלע אַלטע ליפּן און דערקלערט, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַ פאַרברעכן, און אַז זי האָט שוין מער קיין אינטערעס נישט אין לעבן. בערטיע האָט איינגעאָרדנט אַן אָפּשייד-באַנקעט און דער פאַטער האָט מודיע געווען אַז ער האָט מיט ווערנאָן ראָסקאָע, דעם גרעסטן אומאָפּהענגיקן נאַפטאונטערנעמער פון דעם ים ברעג, דעם פּרעזידענט פון דער פלאָרעמערק אין מיד-צענטראַל געזעלשאַפט, געפירט אונטערהאַנדלונגען. ווערנאָן ראָסקאָע האָט אים שוין נישט איינמאָל פאָרגעשלאָגן, ער זאָל זיך פאַראייניקן מיט אים צו איין אומגעהייער גרויסער אונטערנעמונג, וועלכע זאָל טראָגן דעם נאָמען „ראָס קאָנסאָלידאַטעט".

# V

זיי זענען געפאָרן קיין פּאַראַדיז; בוגי האָט געוואָלט דאָרט מיט אַלע זיך געזעגענען. פּאַוולן האָט מען אויך אָפּגעוואָרט אין דער דהיים, ער האָט אַ לעצטן אורלויב באַקומען. דאָס האָט געהייסן, אַז ער דאַרף זיך צו גרייטן צו אַ רייזע איבער דעם שטילן ים.

„דער קריג,"—האָט דער פאָטער געמיינט,—„איז געגליכן צו אַ שרפה און אַ טאַנקלאַגער, מען קען נישט וויסן ווי עס וועט פאַרקומען דער אויפרייס, וועלכע וועט אַלץ צעשטערן."

איצט זאָל פּאַוול מיט זיינע צעסליערס אָפּגעשיקט ווערן קיין וולאַדיוואָסטאק אין סיביר!

ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די דהערשאַפט האָבן זיי אַנגעטראָפן אַ גרויסע צאָל פון געפאַנגענע, דערונטער אויך הונדערט-טויזנט טשעכעסלאָוואַקן, טשעכעסלאָוואַקן איז גע- ווען ביז אַהער אן אומבאַקאַנטער נאָמען; אומזיסט האָט מען זיי געזוכט אין אַלטער ווערטערביכער. געוויס האַנדלט זיך עס דאָ אין בעהמען, האָט זיך געפונען אַמאָל איינער, וואָס האָט דער- קלערט נאָר בעהמען איז אַ דייטשער וואָרט און פּונקט אַזוי ווי אין אַמעריקע איז פון האַמבורגער סטיקס, פרייהייט-סטיקס און פון זויערקרויט פרייהייטס קרויט געוואָרן, אַזוי איז אויך פון בעהמען טשעכאָסלאָוואַקן געוואָרן, קיין מענטש האָט נישט גע-

וויסט ווי דאָס וואָרט שרייבט זיך, אָדער ווי עס ווערט אויס-געשפּראָכן. יעדנפאַלס די מענטשן זשנען אויפגעשטאַנען קעגן דייטשלאַנד און די באָלשעוויקעס האָבן מסכים געווען זיי צו צושטעלן קיין וולאַדיוואָסטאָק, וו די פאַרבינדעטע האָבן זיי אײַ-בערגענומען און ווען זיי איז געפעלן, צום פראָנט אָפּגעשיקט. אויף דעם מאַרש דורך סיביר אָבער האָבן די טשעכאָסלאָוואַקן אָנגעהויבן צו קעמפן מיט די רוסן. זיי האָבן באַפרייט די דייטשע געפאַנגענע און באַהערשט אַ טייל פון דעם אייזנבאַן.

צו דעם דאָזיקן אויפשטאַנד זאָלן האָבן געווירקט די פאַר-בינדעטע. די צייטונגען האָבן דאָס דערקלערט אויף אַזאַ אופן: די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז די דערהויבונג, דער נצחון, פון די פּאַנאַטיקער, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דעם געווער פון געדונגענע זעלנער: כינעזער מאָנגאָלן, קאָזאַקן, אַנט-לאָפענע פאַרברעכערס און נאָך אַזעלכע.

איך הערשאַפט קען שוין לאַנג נישט געדויערן, אין ערג-סטען פאַל, נאָך אייניקע חדשים. מען דאַרף קודם-כל מאַכן אַן אָרט, ווו די אַנשטענדיקע רוסן זאָלן זיך קענען אויפהאַלטן. דאָס האָבן זיך איצט אונטערגענומען די פאַרבינדעטע: אַמערי-קאַנישע און יאַפּאַנישע זעלנער זאָלן איצט די טשעכאָסלאָוואַקן צוהעלפן.

דאַקעגן צו צפון-צו, אין אַרכאַנגעלסק, זאָלן די ענגלי-שע און אַמעריקאַנישע זעלנער די רוסישע אַנטלאָפענע אָר-גאַניזירן.

און אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז פּאַוול האָט גע-מוזט די ווייטע רייזע אונטערנעמען כדי צו טויען קאַזאַרמעס בײַ דער באַריטער סיבירישער באַן-ליניע. איצט וועט ער שוין מיט די אייגענע אויגן צוזען דאָס, וועגן וועלכן ער האָט מיט הער ראָס דיסקוטירט.

בוני איז אָנגעקומען אין איבונגס-לאַגער, אפשר וועט אויך אויף דעם זעלבן פראָנט אָפּגעשיקט ווערן, אין דעם פאַל וועט זיך שוין נישט שעמען אויסצונוצן דעם פאָטערס איינ-פלוס.

ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט אַז ער וועט זיין פליי־סיק און וועט שנעל אַ וואַנסירן, אפשר וועט נאָך פּאָול מיט זיינע געסליערס זיין אונטער זיין קאָמאַנדע!

ווען פּאָול האָט זיך געזעגנט, האָט רות שיעור דעם פאַר־שטאַנד נישט פאַרלוירן, זי האָט אים אַרומגענומען אַזוי פעסט מיטביידע הענט, אַז אַנדערע האָבן געמוזט אָפּרייסן אירע פינ־גער פון זיין האַלדז. עס איז פּאָולן געווען זייער שווער אָפּ־צופאָרן, אין דער צייט ווען זיין שוועסטער איז אָנמעכטיק גע־בליבן ליגן אויף דער שטול.

דער אַלטער הער וואַטקינס איז געקומען און מיטגענומען רותן אַ היים, סאַדי איז איבערגעבליבן, כדי צו פירן די ווירט־שאַפט פאַר הער ראָסן. אזעלכע פאַרפאַלן דהאָבן יעדן איי־נעם געגעבן צו וויסן, אַז עס איז אַ מלחמה אויף דער וועלט.

# VI

בוני האָט זיך אומגעקערט קיין ביטש-סיטי כדי איבערצולעבן דאָס זעלבע חאָס פּאָוול אין פּאַראַדיז. די באָבע האָט נישט געוויינט, נישט געפאַלן אין חלשות, נאָר זי האָט זיך גאָר פאַרמאַכט ביי זיך אין דער אַטעליע און נישט אַרויסגעגאַנגען אפילו צום עסן. ווען בוני האָט שוין באַדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער אַטעליע. די באָבע האָט אים אַריינגעלאָזט, איר פּנים איז געווען טרויעריק, עס איז אָבער געבליבן האַרט, נאָר די רויטע ברעמען האָבן פאַרראַטן איר ווייטיק.

„קליין יינגל,"—האָט זי געזאָגט, פאַר דער אַלטער דאַמע איז בוני אויף שטענדיק פאַרבליבן אַ קליין יינגל, — „קליין יינגל, דו ביסט דער קרבן פון דעם פאַרברעכן פון די עלטערע. היינט פאַרשטייסטו עס נאָך נישט, נאָר אין אַ צייט אַרום ווען איך וועל שוין לאַנג זיין טויט, וועסטו עס פאַרשטיין."

זי האָט אים געגעבן אַ קוש שוין נישט אַרויסזאָגנדיק מער קיין וואָרט, בוני האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון דער אַטעליע, טרערן זענען אים גערינען פון די אויגן, ער האָט דאָס געפיל, ווי ער זאָל האָבן באַגיין אַ פאַרברעכן. און דאָס דאָזיקע געפיל איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען ער האָט אין אַ

וואָך שפּעטער דערהאַלטן אַ דעפּעשע, אַז די באָבע איז געפּ־
נען געוואָרן טויט אין בעט. ער האָט באַקומען צוליב דעם דר־
טעג אורלויב און געמוזט פונסניי איבערקומען די גאַנצע פּראָ־
צעדור פון געזעגענען זיך.

דער לאַגער האָט זיך געפונען אין דרום און מען ד־האָט
געשוויצט פון די גרויסע היצן. דאָ האָבן זיך געפונען יינגע
מענטשן פון אַלע טיילן פון דעם שטאַט, מייסטן סטודענטן און
בחורים, וועלכע האָבן די העכערע שול פאַרלאָזט, זין פון וויינ־
גערטנער באַזיצערס, אַראַנזשן—נוס—און פלאַמענפערמערס, פון
וואַלדבאַזיצערס געשעפטסלייט און אַקאַדעמיקער. בוני האָט גערן
געוואָלט וויסן, וואָס זענען אייגנטלעך די דאָזיקע יינגן, וואָס
פאַר אַ קוק האָבן זיי אויף דעם לעבן, אויף ליבע, אויף דער
מלחמה. בוני האָט געמאַכט גימנאַסטיק ביז דער רוקן האָט אים
אָנגעהויבן ווי צו טון, ער איז געשלאָפן אין אַ געצעלט און
זיך אַנטוויקלט אין אַלע אופנים.

אַמאָל האָט זיך בוני דורכגעשפּאַצירט די געגנט מיט אַ
מיידל. מייסטנס אָבער האָט ער זיך דערוויטערט פון סעקסוע־
לע אוואַנטורעס, מיט וועלכע די אַנדערע האָבן זייערע פרייע
שעהן אויסגעפילט, דאָ האָט קיינער נישט גענומען קיין בלאַט
אין דער האַנט. די עלצטע האָבן עס געהאַלטן פאַר זעלבסט־
פאַרשטענדלעך, אַז יעדער וואָס פאַרלאָזט דעם לאַגער, זאָל זיך
אַרומזען נאָך אַ פרוי. זיי האָבן דערציילט איינעם, וואָס ד־האָט
נישט געוווּסט, ווי ער דאַרף זיך אויפפירן, און עס האָט זיך
געפינען דאָ אויך אַ היילסטאַציע ווו די יינגען זענען געשט־
נען אין דער ריי, געשפּאַסט און דערציילט זיך ווו זיי זענען
געווען און וויפיל עס האָט געקאָסט. בוני איז שוין געווען גע־
נוג דערפאַרן, אום צו וויסן אַז די פרויען וועלכע וווינען נאָענט
ביי דעם לאַגער, זענען נאָך דעם לעצטן יאָר שוין גענוג מסתמא
געפאַלן, דערפאַר האָבן אים זייערע בליקן און פיס איבערג־
לאָזט איינגאַנצן קאַלט.

בוני האָט זיך געמאַלדן צו דער אַרטילעריע, דאָך ד־האָט

מען אים געלערנט אַלס פֿאָרמען פֿאַרן „מיליטער־טראַנספּאָרט״, ווייל ער האָט זיך פֿאַרשטאַנען אויף אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט בענזין. אים איז גאָר אויף דעם געדאַנק נישט גע־קומען אַז אויך דאָ האָט דערגרייכט דעם פֿאָטערס איינפֿלוס.

הער ראָס האָט זיך באַשלאָסן אויף קיין פֿאַל נישט דער־לאָזן בונין איבערן ים צו פֿאָרן; ווען אפילו די מלחמה זאָל נאָך צען יאָר דויערן דאַרף בוני בלייבן אין דער היים, אויף דער שטעלע, ווו עס ווערט געזאָרגט פֿאַר בענזין־זאַפּאַסן פֿון דער אַרמיי. ווער ווייסט, אפשר וועט ער אויך געהערן צו די, וואָס מאַכן די באַשטעלונגען, און וועט דעמאָלט פֿון צייט צו צייט אַריינוואַרפֿן אַ גוט וואָרט אויך פֿאַר דער פֿירמע ראָס־קאָנסאָלידאַטעד.

## III

דער פּאָטער האָט צו בּונין געשריבּן לאַנגע בּריוו, אים מודיע געווען, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם נייעם שותּף דאַרפן שוין בּאַלד דערפירן צו אַ רעזולטאַט, בּוני זאָל די בּריוו צוריקשיקן און נישט לאָזן זיי אַרומוואַלגערן זיך אָפן. אויך אין די צייטונגען איז אַ סך געשריבּן געוואָרן פון דער גרינדונג פון אַ גרויסער אונטערנעמונג. סוף זומער האָט בּוני בּאַקומען אורלויב און איז געפאָרן אַ היים.

די „היים" האָט איצט שוין מער נישט בּאַדייט בּיטש-סיטי; דער פּאָטער האָט נאָר געוואַרט בּוני זאָל שוין די שול ענדיקן, דעמאָלט האָט ער זיך ווייטער איבּערגעצויגן. איצט האָט ער בּאַווינט אַ פּאַלאַצאַרטיקע געבּיידע אין דעם בּאַבּודיקסטן קוואַרטאַל פון אַנגל-סיטי. דאָס דירה-געלט האָט אויסגעטראָגן פופ-צנטויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

דאָס מעבּל איז געווען פון דעמבּ און אַזוי שווער, אַז קיין מענטש האָט עס נישט געקענט רירן פונם אָרט, דאָס אָבּער איז נישט געווען קיין חסרון, ווייל דער פּאָטער האָט דאָס גאָר-נישט געוואָלט רירן, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, איז אים געווען אַלצאיינס, ווו זי איז געשטאַנען דאָס איינציקע אָרט, ווו עס האָט בּאַדאַרפט זיין בּאַקוועם איז געווען זיין אַרבּעטסצימער, דאָ איז געשטאַנען אַ גרויסער לעדערנער

פּאָטער, אויף דעם טיש זעגען געלעגן ציגאַרן, און אַ פּ״אַן פון פּאַראַדיז האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט.

אויף איין זאַך האָט דער פאָטער אַכטונג געגעבן, אַז די גרעסטע בילדער פון דער מוטער, נישט אויסשליסנדיק דאָס בילד פון די בירטרינקענדיקע דייטשן, זאָלן הענגען אין עסצימער. די איבריקע מיט די פאַרבן, פּאַלעטן און אַנדערע מכשירים זענען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן אין קעלער אַריין. איצט איז די מימע עמאַ געוואָרן די באַלעבאָסטע, בערטיע האָט געשפּילט די ראָלע פון דער הויפּטקריטיקערין.

אויף דעם פאָטערס שרייבטיש איז געלעגן אַ גאַנצער הויפן פון פּאַפּירן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער נייער אונטערנעמונג, הער ראָס האָט בונין דערקלערט אַלע איינצלהייטן: די „ראָס קאָנסאָלידאַטעט" פירמע ווערט געגרינדעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון זיבציק מיליאָן דאָלאַר. הער ראָס באַקומט צען מיליאָן דאָלאַר און אָבליגאַציעס און אין פּאָרצוגאַקציעס און צען מיליאָן דאָלאַר אין געוויינלעכע אַקציעס. הער ראָסקאָע באַקומט אויך דאָסזעלבע און פאַרשידענע בענק באַטייליקן זיך אין פינאַנסן די אונטערנעמונג מיט פינף מיליאָן דאָלאַרן. די רעשט פון פינף און צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר זאָל פאַרקויפט ווערן דעם פּובליקום אין דער פאָרם פון אַקציעס, כדי עס זאָל זיין געלט צו פינאַנסירן דעם אויפבוי פון דער אונטערנעמונג. (די בעסטע ראַפינירייע פונם גאַנצן לאַנד, זאַפּאַסטאַנגס, אַ נייע רערנלייטונג און אַ גאַנצע בעץ פון פאַרקויף־סטאַציעס). די אַקציעס זאָלן זיין אָן שטימרעכט, אַ וווּנדערלעכע נייע זאַך: די אַקציאָנערן צאָ״ן, באַקומען אַ חלק אינם פּראָפיט, זיי האָבן אָבער נישט דאָס וואָרט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אונטערנעמונג.

„מיר ווילן נישט דערלאָזן, אַז אידיאָטן זאָלן זיך אונדז אַריינמישן."—האָט הער ראָס געמיינט,—„אויף אַזאַ אופן וועט אונדז קיינער נישט קענען אויסקויפן די אַקציעס און איבערנעמען די קאָנטראָל."

בוני האָט זיך נישט לאַנג געדאַ[illegible]ט צוהערן, כדי צו פאַר־

שטיין, ווי גרויס און שטאַרק עס וועט ווערן די מאַכט פונעם פאָטער און פון דעם הער ראָסקאָ פון פּראָספּעקטן און איינזעראַטן וועלן אַלע געוויסער ווערן פון די גרויסע אוצרות נאַפט, וועלכע געפינען זיך אין די ראָס-יוניאָר-פעלדער אין פּאַראַדיז, אָבער אין דער ווירקלעכקייט וועט דאָס פעלד גאָר אינגאַנצן נישט עקספּלאָאַטירט ווערן דורך „ראָס קאָנסאָלידאַטעט", גאָר עס וועט אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע אַ צווייטער געזעלשאַפט. און פון דער אונטערנעמונג וועלן האָבן אַקציעס נאָר דער פאָטער, הער ראָסקאָ און די באַנקירן.

ווען בוני, דער קליינער אידעאַליסט, איז געקומען מיט קשיות, האָט ער באַמערקט, אַז ער פאַרשאַפט דעם פאָטער קרענקונג.

„אויף אַזאַ שווייגער מאַכט מען געלט, מיין גאָט, מיר גרינדן דאָך נישט קיין בילקע קיך לטובת דעם כלל! דער וועט שוין באַקומען מער פאַרדינסט, וויפיל געלט ער האָט אַריינגעלעגט. די אַקציעס וועלן שוין אין אַ יאָר אַרום שטייגן אויף צווייהונדערט פּראָצענט. און אויסער אַלעמען, האָבן מיר זיך, איך און דו, אַריינגעלעגט די שווערע האָרעוואַניע אין פּאַראַדיז, אויף דעם פּראָספּעקט היל און אין לאָבאָס ריווער. די רעגירונג פאָדערט פון אונדז נאָר מער אַרבעט, מיר דאַרפן איר העלפן צו זיגן און ווי אַזוי וועלן מיר דאָס קענען טון, ווען מיר וועלן דאָס געלט די מענטשן צוועקגעבן, כדי זיי זאָלן עס פטרן אויף דזשאַז-באַנד? דערמאָן זיך נאָך אין דעם געלט-פאַרהוליען אין ניי-יאָרק!"

הער ראָס האָט אָפּגעהיט זיין געלט, האָט עס אויף אַ קלוגן אופן אַריינגעלייגט אַהין, וווּ מען האָט עס באַדאַרפט: אין דער אינדוסטרי.

זיין איבערצייגונג, אַז ער האָט דאָס רעכט אויף דעם פאַרדינסט, איז געווען אַן ערלעכע און פעסטע. ער און הער ראָסקאָ האָבן, שטעלנדיק אויף זיך אַליין, געקעמפט מיט די גרעסטע געזעלשאַפטן און זיך אינמיטן די ערגסטע שטורעמס אויף דעם וואַסער זיך געהאַלטן. איצט וועלן זיי אַ פעסטן בלאָק שאַפן און אַזוי אַרום זיך זיכערן דאָס פאַרדינסט; דערויף דאַרף מען איינשטעלן.

## VII

דערווייל האָבן די דייטשן געמאַכט אַ נייע אָפּענסיווע. די גרעסטע פון דער גאַנצער מלחמה: די צווייטע מאַרנע־שלאַכט. זי האָט געטראָגן דעם נאָמען „פרידנשטורם", ווייל די דייטשן האָבן דורך איר געוואָלט פאַריז איינגעמען און אַזוי אַרום דער־גרייכן דעם שלום.

איצט אָבער איז שוין אין פראַנקרייך געווען אַ מיליאָן אַמעריקאַנישע זעלנער און יעדן חודש זענען צוגעקומען דריי־הונדערטטויזנט מאַן מיט מוניציע און פּראָוויאַנט, צו להכעיס די אַלע אונטערוואַסערשיפלעך. די דאָזיקע אַמעריקאַנישע מתנות זענען נאָך געווען לגמרי פריש, און וווּ זיי זענען געשטאַנען ביי דעם פראָנט, איז דער פראָנט נישט געבראָכן געוואָרן; די גרויסע דייטשע אָפּענסיווע האָט זיך פאַרענדיקט מיט גאָר־נישט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז געשען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט די גאַנצע וועלט עלעקטריזירט: די פאַרבינדעטע האָבן אָנ־געהויבן גיין פאָרויס. זיי האָבן אָנגעגריפן אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט און אַרויסגעטריבן דעם פיינט פון די באַפעסטיקונ־

גפן, וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג געבויעט און וועלכער ער האָט געהאַלטן פאַר נישט באַזיגבאַר.

צוערשט איז צעבראָכן געוואָרן די הינדענבורג-ליניע, דערנאָך די זיגפריד-ליניע, און הינטער זיי די הונדינג-ליניע און איבריקע מיטאָלאָגישע קאָנסטרוקציעס.

פאַר אַמעריקע האָט עס באַדייט די ערשטע זונענשטראַלן פון צווישן די שוואַרצע וואָלקן. מען האָט דערגרייכט שוין צו דעם באַרימטן סטי מיהיעל וועג, צו צענער טויזנטער געפאַנגענע גענומען און וואָס נאָך מער וויכטיקער, מען האָט פאַרכאַפּט מאַשינענגעווער און האַרמאַטן, וועלכע די דייטשן האָבן שוין נישט באַוויזן צופאַרכאַפּן. אַזוי איז עס געגאַנגען דעם גאַנצן אָנהייב הערבסט, און די יינגע אָפיציר אַספּיראַנטן אין בוניס לאַגער האָבן געקלאָגט, אַז די מלחמה וועט זיך נאָך פאַרענדיקן איידער זיי וועלן אָנקומען צום פראָנט.

אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט פאַוול זיך נישט געלאָזט הערן.

רות האָט געשריבן צו בונין פאַרצווייפלטע בריוו:

„וואָס האָט אים געקענט געשען? איך שרייב יעדע וואָך בריוו אויף דעם אַדרעס, וועלכן ער האָט מיר אָנגעגעבן און איך ווייס, אַז ער וואָלט מיר געענטפערט, ווען ער איז נאָך ביי דעם לעבן.“

בוני האָט איר דערקלערט אין זיינע ענטפערס, אַז קיין וולאַדיוואָסטאָק גייען בריוו זעקס וואָכן, ווי לאַנג עס געדויערט ביז זיי קומען אָן אין דער טיפעניש פון לאַנד, ווייסט קיינער נישט.

אויסערדעם איז דאָ אַ באַזונדער און אין מלחמה-צייט גייען אַ סך בריוו פאַרלוירן. וואָלט פאַוול געווען טויט, אָדער פאַרוווּנדערט, דעמאָלט וואָלטן מען עס פון שטאַב די עלטערן מיטגעטיילט. דעריבער זענען קיין שום ידיעות גלייך מיט גוטע ידיעות.

פון די צייטונגס אויסשניטן וועלכע בוני האָט איר צוגעשיקט, איז געווען צו זען, אַז אין וולאַדיוואָסטאָק קומט כמעט

גאָר נישט פאַר קיין קאַמפן. וואָלט דאָרט פאָרגעקומען עפּעס וויכטיקס, וואָלט דאָרט ווירקלעך פאָרגעקומען שלאַכטן מיט טויטע און פאַרוווּנדעטע, אַזוי וואָלטן די צייטונגען פון דעם מודיע געווען.

אין יולי 1918 זענען די אַמעריקאַנער מיט די יאַפּאַנער אָן אַ שום ערנסטן ווידערשטאַנד אריין קיין וולאַדיוואָסטאָק. זיי האָבן שוין פון לאַנג זיך אויסגעשפּרייט ביי דער סיבירישער אייזנבאַן-ליניע און זי באַהערשט ביז דער בייקאַל-אָזערע, ווו זיי האָבן אָנגעטראָפן די טשעכאָסלאָוואַקן, אונטערשטיצט פון די דאָזיקע קלוגע לייט, האָבן די פאַרבינדעטע באַהערשט כמעט די גאַנצע געגנט ביז דער וואָלגע; די באָלשעוויקעס האָבן זיך געמוזט צוריקציען אין דער טיף פונם לאַנד.

פון צייט צו צייט האָבן די צייטונגען מודיע געווען אַז אַ גענעראַל אָדער אַ אַדמיראַל, האָט מיט דער הילף פון דעם געלט פון די פאַרבינדעטע געגרינדעט אַ נייע רעגירונג. אין מערב-זייט פלעג דאָס שטענדיק טון אַ קאָזאַקישער אַטאַמאַן, אין מזרח זייט אַ כינעזישער מאַנדאַרין, אָדער אַ מאָנגאָלישער מאַן, אָדער אַן אַנדער אויסטערליש באַשעפעניש, און אויף אַזאַ אופן איז אַלעמאָל גרעסערע שטחים באַפרייט געוואָרן פון דעם באָלשעוויסטישן גיהינום.

און אינמיטן פון די דאָזיקע פּילפּאַרביקע און אויפרעגנדיקע געשעענישן בויעט פאָול וואַטקינס פון פּאַראַדיז און קאַליפאָרניע קאַזאַרמעס פאַר דער פאַראייניקונג פון קריסטלעכע יונגע מענער. און אַ שענעם טאָג וועט ער אַהיימקומען און דערהאָבן פיל צו דערציילן. אויף אַזאַ אופן האָט בוני געשריבן צו רותן בדי איר צו טרייסטן.

# X

אין בוניס לאגער זענען די נעכט געוואָרן קאַלט; אויפ־רעגנדיקע ידיעות פון איראָפּע האָבן נאָך אַלץ אויסגעפילט די ערשטע זייטן פון די צייטונגען, וועלכע זענען טעגלעך פאַר־קויפט געוואָרן צו זעקס אַכט אויסגאַבן. דאָס כסדרדיקע פאַר־אויסגיין פון די פאַרבינדעטע האָט אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מאַרש אויף בערלין. אויף בערלין, דערנאָך אויף ווין, אויף סאָפיע און אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אומעטום האָבן די צענטראַל מלוכות געליטן מפּלות. דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַרעפנטלעך זיינע פערצן פּונקטן, און די דייטשן זענען גע־וואָרן אויפגעפאָדערט זיך אונטערצוגעבן.

עס האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומטראָגן ידיעות, אַז די דייטשן האָבן פאָרגעלעגט וואָפנשטילשטאַנד. צוויי, דריי טעג האָבן אַלע געוואַרט אין דער גרעסטער שפּאַנונג, דערנאָך איז געוואָרן באַ־קאַנט דער ענטפער פון די פאַרבינדעטע. קיין שום וואָפנשטיל־שטאַנד, נאָר אונטערגעבן זיך. דעם מאַרש אויף בערלין איז ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן.

און דערנאָך אין אַ שענעם טאָג איז אָנגעקומען די אומ־גלויבלעכע ידיעה: דער פיינט האָט קאַפּיטולירט, און האָט זיך אונטער דער קאַפּיטולאַציע אונטערגעשריבן.

געווים האָט זיך עס נאָך געהאַנדלט דאָס מאָל אין אַ

פאלשן אלארם; די אמעריקאנער פרעסע האט נאך איר געוויג-
הייט נאך די געשעענישן פארלאפן. יעדער צייטונג האט געוואלט
אין נייעסן די צווייטע איבערשטייגן און האט דאריבער געשריבן
פון רעדעס, וועלכע זענען נאך גארנישט געהאלטן געווארן, פון
צערעמאניעס, וועלכע זענען נאך גארנישט פארגעקומען. עפעס
איינעם א נערוועזן רעפארטער האט זיך די פעדער פון האנט
אויסגעגליטשט און אזוי ארום איז אנטשטאנען די ידיעה, וועל-
כע האט גאנץ אמעריקע אויפגערודערט.

אזא ספעקטאקל איז נאך נישט פארגעקומען צייט די וועלט
איז באשאפן געווארן. אלץ וואס האט נאך געקענט מאכן א ליארם
איז ארויס אויף דער גאס. מענער, פרויען און קינדער האבן
אין די גאסן געטאנצט, געזינגען און געשריגן ביז זיי האבן שוין
מער קיין כוח נישט געהאט. עס האבן זיך געהערט שאסן, אוי-
טאס זענען ארומגעפלויגן אהער און אהין.

צייטונגסיינגלעך און בירזשע מעקלער זענען זיך אין די
ארעמס געפאלן און געוויינט פון שמחה, עלטערע באנקדירעק-
טארן האבן זיך געלאזט אין א טאנץ מיט די סטענאטיפּיסטנס און
טעלעפאניסטנס.

ווען די ידיעה איז אין א צוויי טעג אנגעקומען אויף
דער אמת, האט מען פונסניי געפרובירט איבערהזרן דאס אלץ,
נאר עס האט שוין פארלוירן דעם רייץ פון נייקייט.

איצט האט מען שוין מער נישט געוואלט זיך נאריש מאכן
מיט די מיליטערישע איבונגען. די יינגע אפיציר אספּירצנטן
האבן געוואלט אהיים, פונסניי די אוניווערסיטעט באזוכן, אדער
זיך נעמען צוריק צו זייער ארבעט. די אלע וועלכע האבן גע-
האט א וועלכן עס איז נישט א פראטעציע, האבן באקומען
אורלויב, אן אויסערגעוויינלעך עלאסטישן אורלויב.

אויך בונין איז אזא מתנה אראפגעפאלן ווי פונם הימל,
א ווו דער פאטער האט געווירקט מיט זיין געהיימניסבולער
מאכט.

דער יינג האָט זיך אומגעקערט אַהיים, ער האָט באַטראַכט איצט די פּאַפּירן פון דער „ראָס קאָנסאָלידאַטעט" פירמע, וועלכע זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער גאַס מיט דעם קורס פון 108 דאָלאַר פאַר אַן אַקציע, געוואָרן אויסגעפאַרקויפט אין משך פון צוויי טעג, און איצט שטייען זיי שוין אויף דער בירזשע 147 מיט דריי פירטל.

די אַקציעס האָבן נישט געהאַט קיין נאָמינאַלן ווערט, דאָס דאָזיקע שפּיצל האָט רעקאָמענדירט ווערנאָן ראָסקאָע, כּדי מען זאָל קענען אויף אַזאַ אופן אויסמיידן מלוכהשע און פעדעראַלע שטייערן. אויסערדעם וועט אַזוי אַרום קיינמאָל נישט זיין נויטיק אויף אַ באַשטימטן אַקציענקאַפּיטאַל די דיווידענדן אויסצושיטן, — מען וועט קענען אַזוי אַרום דיווירקלעכע גרייס פונם ריינעם פאַרדינסט פאַרשלייערן. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פינאַנציעלע ענינים, איז הער ראָסקאָע געווען אַן אמתער צויבערער. הער ראָס האָט אין דעם נאַפטשפּיל נאָך נישט געטראָפן קיין קלוגערן מענטשן.

אַ גרויסע לאַסט איז אַראָפּגעפאַלן פון הער ראָס פּלייצעס; פון איצט אָן וועט שוין ראָסקאָעס אומגעהייערער אַפּאַראַט דעם נאַפט פאַרקויפן און דאָס געלט צונויפנעמען.

הער ראָס וועט זיך קענען אינגאַנצן ווידמען דעם אויסבוי פון דער פּראָדוקציע און דער טייל איז אים אַמבעסטן געפעלן געווען. ער איז געזעסן אינם אויפזיכטס ראַט פון דעם נייעם געשעפט און איז איינציייטיק געווען דער טעכנישער לייטער מיט אַ יערלעכע פענסיע פון הונדערטטויזנט דאָלאַר. ער האָט געמוזט אויסגעפונען נייע פעלדער, אָנפירן מיט בויערן, זען אַז די קוואַלן זאָלן זיך געפונען אין אַ גוטן צושטאַנד און דאָס האָט געהייסן אַ סך אַרומפאָרן. דער פאָטער דהאָט געוואָלט אַז בוני זאָל מיט אים מיטאַרבעטן אַלס געהילף מיט אַ פענסיע זעקס טויזנט דאָלאַר, ביז די געזעלשאַפט וועט אַנערקענען, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף דעם געשעפט. זיי וועלן האָבן וונדער-

באַרע צייטן, גאַנץ דרום-קאַליפאָרניע צרומרייזן, אומעטום נאָפּט נאָכשפּירן, ווי דעמאָלט אין פּאַראַדיז.

„דאָס קלינגט גאַנץ שען."—האָט בוני געזאָגט.—„דאָך מוז איך מיר די זאַך איבערלעגן, איידער איך מאַך שוין שלום מיטן געדאַנק, אַז איך פאָר נישט, נישט קיין סיביר און נישט קיין פראַנקרייך."

„פאַר מיינעטוועגן,"—האָט דער פאָטער אָפּגעענטפערט.—„דו זאָלסט זיך נאָר נישט איילן, פאַרשטענדלעך ביי דעם באַשלוס."

אָבער בוני האָט באַמערקט, אַז דער פאָטער איז געקרענקט, וואָס זיין זון און [illegible] געמט נישט אַז באַלד זיינע פלעגער.

# X

זיי זענען אָוועקגעפאָרן קיין פּאַראַדיז, ווו זיי האָבן גע־טראָפן רותן פונקט דעם מיטאָג צוגרייטן. בּוני האָט זיך דער־שראָקן, ווען ער האָט דערזען דאָס מיידל, רות האָט אויסגעזען מיט צען יאָר געעלטערט, איר פּנים איז געווען בלאַס, איר שמייכל אַ געצווונגענער. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער פּרוי־קאָקעטערין און רייץ, די האָר זענען געווען פעסט פאַרקעמט, איר קלייד האָט דערגרייכט בּיז די קנעכל, אַלזאָ אפשר מיט אַ האַלבן פיס לענגער פון דער מאָדע

„רות וועט נאָך ווערן אַן אַלטע יידענע,״—האָט דערקלערט מעלי.—„זי ערגערט זיך אויסערגעוויינלעך וועגן פּאַולן״.

„איך ווייס אַז פּאַול איז טויט,״—האָט רות אויסגעשאָסן,—„דערמאָנט זיך נאָר, שוין פינף חדשים ווי ער איז אַוועקגעפאָרן און איר ווייסט דאָך וויפיל בריוו פּאַול וואָלט מיר אין דער צייט איבערגעשריבן!״

פּאַולס שווייגן האָט יעדנפאַלס אויסגעזען וווּנדערלעך, העררעס האָט זיך אַ ווײַלע איבערלעגט:

„יאָ, מיר האָבן שוין גענוג לאַנג געוואַרט. איצט וועלן מיר פּרוּוון געוויער ווערן אויף זיכער,״—האָט ער געזאָגט.

רות האָט נערוועז צונויפגעלייגט די הענט.

„אָה, הער ראָס, וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?״

„די אַרמיי אין סיביר האָט דאָך נישט געקענט אינגאַנצן גיין פֿאַרלוירן, אויף אַ וועלכן עס איז נישט אופֿן מוז מען דאָך קענען מיט איר פֿאַרבונדן! מיר שטעלן זיך שטענדיק פֿאָר דאָס אומגליק גרעסער, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. איך וויל זיך דערוויסן וואָס מיט מיין אַרבעטער איז געוואָרן און איך וועל זיך עס דערוויסן.”

דער פּאָטער האָט באַלד אָנגעקלינגען צו דזשעק קאָפּיי קיין עלידאָ:

„האַלאָ, דזשעק! יאָ, מיר זענען אַלע געזונט. ווי גייט עס דעם אַלטן? הערט אויס, איר האָט דאָך אַ סך מיטגעהאָלפֿן צו דעם אויסקלייבן פֿון דעם דעפּוטאַט פֿון דעם קרייז, נישט אמת? איך האָב זיין נאָמען פֿאַרגעסן. ביז אַהער האָב איך ביי אים קיין שום טובה נישט געבעטן, איצט אָבער וועל איך עס טון. סוף־כּל־סוף האָט מיר דאָס אויסקלייבן אים אַ סך געלט געקאָסט. טעלעגראַפֿירט אים אָן, ער זאָל אַריינגיין אין קריגסמיניסטעריום און געוויער ווערן ווו עס געפֿינט זיך פּאָול וואַטקינס. האָט איר אַ בליישטיפֿט אין דער האַנט?”

הער ראָס האָט זיך געווענדעט צו רותן:

„ווי אַזוי איז געווען דער אַדרעס? קאָמפּאַניע ב. דער זיבנאונפֿערציקסטער קאַליפֿאָרנישער רעגימענט פֿון דער אַמעריקאַנישער עקספּעדיציע־אַרמיי נאָך רוסלאַנד. דאָס קריגסמיניסטעריום זאָל זיך באַלד ערקונדיקן דורך אַ דעפּעשע און אויך דורך אַ דעפּעשע ענטפֿער געבן. שיקט דעם מאַן פֿינפֿאונצוואַנציק דאָלאַר פֿאַר די קאָסטן, דאָס וואָס וועט איבערבלייבן מעג ער זיך צונעמען. נאָך היינט שיק איך אַרויס דעם טשעק. איר קענט דאָרט דערקלערן, אַז אַ פֿאַמיליעןמיטגליד איז קראַנק געוואָרן, און עס האַנדלט זיך דאָ אין טויט אָדער לעבן. איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, דזשעק. און ווען איר וועט באַדאַרפֿן בענזין פֿאַר אייער אויטאָ, אַזוי זאָלט איר קומען אַהער ווי נאָר די נייע ראַפֿינעריע וועט זיך עפֿענען. ווי האָט אייך געשמעקט דער דיווידענדן־טשעק פֿון דער געזעלשאַפֿט? האַהאַ! אויף ווידערזען!”

צוויי טעג האָט רות געוואַרט, ווי אויף גליענדיקע קוילן. יעדעס מאָל ווען מען האָט געקלינגען אין טעלעפאָן, האָט רות דעם אָטעם איינגעהאַלטן, און ענדלעך, ענדלעך האָט זיך דער־הערט דזשעק קאָפּייס שטים. בוני איז שנעל צו צום טעלעפאָן און האָסטיק אויסגעשריגן:

„אַ דעפּעשע פונם קאָנגרעס־מיטגליד ליטערס, דאָס קריגס־מיניסטעריום איז מודיע, פאָול איז געזונט און געפונט זיך אין אירקוטסק.“

רות האָט אויסגעשריגן, געטאַפּט אַרום זיך דעם עסטיש, נעבן וועלכן זי איז געשטאַנען, האָט אים נישט געפונען און אומגעפאַלן אויף דער ערד. אַזוי אַז בוני האָט געמוזט לאָזן פאַלן דאָס טעלעפאָן רערל און זי אויפגעהייבן. איצט איז זי געלעגן קאַלט, בלייך און אָן באַוווסטזיין; בוני האָט איר גע־מוזט אויף דער ערד אַנידערלייגן און שפּריצן איר וואַסער אין פּנים.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי נאָר געקענט וויי־נען און וויינען, ווי אַ קליין קינד.

בוני האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס טעלעפאָן־רערל האָט ער נאָך נישט אויפגעהאָנגען; ער איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, זיך אַנטשולדיקט פאַר הער קאָפּיי, און אים אויסגעדריקט זיין דאַנק. עס איז בונין אָנגעקומען שווער צו רעדן מיט אַ פעסטער שטים; ער מיטן פאָטער האָבן זיך וועגן פאָולן מער געזאָרגט, ווי זיי האָבן זיך עס אַליין מודה זיין געוואָלט.

ווען רות האָט שוין ווידער געקענט זיצן און שמייכלען, האָט הער ראָס געפרעגט:

„וווּ ליגט אורקוטסק?“

„ביי דער בייקאַל אָזערע, אין דער מיט פון סיביר,“— האָט רות געענטפערט.

„פונוואַנען קענט איר אַזוי גוט געאָגראַפיע?“—האָט דער פאָטער געפרעגט אַ דערשטוינטער.

רות האָט דערציילט, אַז צווישן פּאָולס ביכער דהאָט זיך אויך געפונען אַן אַלטער שול-אַטלאַס; דאָס מיידל האָט געקענט די סטאַציעס פון דער סיבירישער אייזנבאַן אויף אויסנווייניק: אָמסק, טאָמסק, טאָבאָלסק. הער ראָס האָט אויסגעפונען די נעמען זייער לעכערלעך און האָט געבעטן רותן זי זאָל זיי אַלע איבערזאָגן.

„איר קענט אונדז זאָגן ווען עס גייט אַוועק דער נאַכטצוג קיין וולאַדיוואָסטאָק.”

רות האָט אויך געוווּסט פון וועלכע פעלקער די געגנט איז באַוווינט, וואָס פאַר אַ חיות און פלאַנצן עס געפונען זיך דאָרט. קורץ, אַלץ, וואָס איז ווערט געווען צו וויסן.

געוויס זענען די דאָזיקע אירע קענטעניש שוין אפשר צוואַנציק יאָר אַלט געווען.

„דאָרט איז זיכער שרעקלעך קאַלט,—האָט רות אומעטיק געזאָגט”.

„און פּאָול איז צו אַזאַ קלימאַט גאָרנישט צוגעוווינט.”

בוני האָט געלאַכט.

„איר דאַרפט זיך וועגן דעם נישט זאָרגן; פּאָול וועט האָבן גענוג וואַרעמע קליידער, פאַר אונדזערע זעלנער זאָרגט מען זיך מער, ווי פאַר די זעלנער, פון אַ וועלכער ס'איז נישט איז אַנדערער אַרמיי; כּל זמן מיר האָבן אין אונדזער רשות די באַן, איז אַלץ אין אָרדנונג.”

רות האָט דערמיט נישט געקענט זיין צופרידן; זי האָט געוואָלט אַז פּאָול זאָל אַהיימקומען, איצט, ווען די קריג איז שוין צו ענדע, דאַרף ער שוין, אייגנטלעך, זיין אונטערוועגס.

„איר וועט נאָר מוזן האָבן געדולד,”—האָט בוני דערקלערט.—„אַ וואָפנשטילשטאַנד איז נישט קיין שלום,” מען מוז נאָך פירן אַלערליי פאַרהאַנדלונגען און דערווייל דאַרף דאָס מיליטער בלייבן שטיין אויף דעם אָרט. ווי נאָר אָבער דעם שלום וועט געשלאָסן ווערן, אַזוי וועט פּאָול באַשטימט קומען צוריק, מיר וועלן דאַן נישט וועלן האָבן די קאָנטראָל איבער דער סי-

ביִישער באַן אויך נאָך דער מלחמה.״

בוני האָט דאָס געזאָגט אין שפּאַס, לאַכנדיק, און אויך רות האָט געלאַכט איבער דער דאָזיקער קאָמישער אידעע. אַזוי ווייניק אַנונג האָבן די דאָזיקע צוויי קינדער פון די קאַליפאָרנישע הינטערוועלדער געהאַט אין די מאַכינאַציעס און אינטריגעס פון דער וועלט דיפּלאָמאַטיע.

# XI

בוני האָט פאַרבראַכט אַ וואָך מיטן פּאָטער, שיסנדיק וואַכטעלן, אָדער אַליין וואַנדערנדיק איבער די בערג; ער האָט זיך גאָר איבערלייגט. ענדלעך האָט ער געזאָגט צום פּאָטער:

„איך האָב מורא, אַז דו וועסט האָבן אַ גרויסע אַנטוישונג אָבער... איך מוז אַריינטרעטן אינם אוניווערסיטעט.“

„אין אוניווערסיטעט! מיין גאָט, צוואָס?“

דער פּאָטער האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך פאַרווודערט פּנים; דער אַלטער האָט נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, ווייל ער האָט שוין פונלאַנג געוווּסט, אַז בוני קלערט פון שטודירן אויף דעם אוניווערסיטעט, און ער אַליין האָט שוין אויך פון דעם געקלערט.

„איך בין נאָך נישט גענוג געבילדעט, טאַטע.“

„וואָס ווילסטו דען נאָך לערנען?“

„דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. דאָס ווייסט מען, ווען מען האָט שוין עפּעס געלערנט. איך האָב דאָס געפּיל, אַז איך וויל נאָך איבער אַ סך זאַכן מער וויסן.“

אומבאַוווּסטזיניק האָט דער פאָטער געמאַכט אַ טרויעריקע מינע:

„דאָס הייסט גאַנץ פּשוט, אַז דער נאַ[illegible] אינטערעסירט דיר נישט לגמרי.“

„גיין, פאָטער, דאָס איז נישט אמת. איך קען דאָך גאַנץ גוט אַ לענגערע צייט שטודירן און דערנאָך זיך אומקערן צום געשעפט.“

אָבער דער פאָטער האָט עס בעסער געוווּסט:

„ניין, מיין זון. וועסטו שטודירן אין אוניווערסיטעט, אַזוי וועסטו זיך דערהויבן איבער די נאַפטמענטשן, אַזוי, אַז דו וועסט אונדז שוין מער אפילו זען נישט וועלן. ווילסטו ווערן אַ נאַפּט-מענטש, אַזוי מוזטו דעם נאַפּט שטודירן.“

„טאַטע, דעם אמת געזאָגט, בין איך נאָך צו יינג כּדי אָנצונעמען אַ פעסטן באַשלוס. אין פאַל אויב איך וויל נישט וועלן, וועט דאָך אונדזער געלט דאָך זיכער זיין גענוג כּדי...“

„עס האַנדלט זיך דאָ נישט אינם געלט, מיין זון, נאָר אין דעם געשעפט. דו ווייסט דאָך ווי גערן איך האָב דיר געבן מיר...“

„איך וויל גאָרנישט אַוועקגיין פון דיר,“—האָט אים בוני שנעל איבערגעריסן. „עס זענען פאַראַן נאָענט פונדאַנען גענוג אוניווערסיטעטן און איך קען וווינען אין דער היים. אויסערדעם קענען מיר אין די סוף וואָכן און אין די פעריען אַהערקומען, ווי פריער, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרלירן דעם אינטערעס פאַר פאַראַדיז, אָבער איך קען מיר פונם געשעפט גוט נישט פילן, אויב איך וועל פריער נישט אויסנוצן די געלעגנהייט עטוואָס מער צו לערנען.“

דער פאָטער האָט געמוזט נאָכגעבן. אין זיין האַרץ האָט זיך צעפלאַקערט אַן אויסטערלישער קאַמף צווישן דער אַכטונג פאַר דעם וויסן, דער ערעפורכט, וועלכע ער האָט שטענדיק געהאַט אין דער קעגנוואַרט פון געבילדעטע מענטשן, און צווישן דער מורא, אַז בוני זאָל זיך נישט אָנטשטעקן מיט אַלערליי אידעען, מיט דעם נאַרישן „אידעאַליזם“, וועלכער וועט אים מאַכן פאַר נישט פאַסיק צו זיין דער יורש און שומר פון די צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר פון דער „ראָס קאָנסאָלידאַטעט געזעלשאַפט“.

## קאַפּיטל צען

# די אוניווערסיטעט.

### I

דער דרום-פּאַציפיק-אוניווערסיטעט איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן פון אַ קאַליפאָרנישן גרויס גוטבאַזיצער אַלס אַ מעטאָדיסטישע זונטיקשולע. אויך איצט האָבן נאָך אַלע פּראָפעסאָרן געמוזט זיין מעטאָדיסטן און די מערסטנטייל פּאַרלעזונגען האָבן זיך פאַרנומען מיט רעליגיע.

די אוניווערסיטעט האָט זיך אַנטוויקלט אומגעהייער, אַ דאַנק איין נאַפטמאַגנאַט, וועלכער האָט באַשווינדלט און אונטערגעקויפט איינע נאָך די אַנדערע אפשר אַ האַלב טוץ מעקסיקאַנישע און אַמעריקאַנישע רעגירונגען, און כּדי צו באַרויקן געוויסע ספקות לגבי זיין געוויסן, האָט ער מנדב געווען אויף דער אוניווערסיטעט גרויסע סומען געלט.

וואָלט הער ראָס געוווּסט, אַז זיין זון באַקומט בילדונג אויף דעם חשבון פון פעטער אַרעי, אַזוי וואָלט עס אים איינצייטיק געמאַכט פריילעך און באַרויקט. נאָר היות ווי דאָס איז אים געווען אומבאַקאַנט, אַזוי האָט ער כאָטש געוואָלט דאָס אָרט ווו בוני וועט זיך אויפהאַלטן, אויסערלעך קענען און ער האָט באַטראַכט דעם אוניווערסיטעט.

אַמאָל איז די אוניווערסיטעט אויסגעבויט געוואָרן אין דער פעריפעריע פון אַנגל-סיטי, איצט אָבער האָט זי זיך שוין געפונען אינמיטן דער שטאָט. די געביידעס זענען געווען שען, וואָס האָט אויף הער ראָסן אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט, ווי אויך דאָס, אַז דאָ האָבן זיך געפונען אַ פינפטויזנט יינגע בחורים און מיידלעך. ווען הער ראָס האָט געזען, אַז אַ סך מענטשן טוען דאָס זעלבע, אַזוי האָט ער אָנגענומען, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלע זאַך און איז נישט געפערלעך.

נאָך באַרויקנדיקער האָט געווירקט אויף אים דער שמועס מיטן רעקטאָר אַלאָנצאָ ט. קאָפּער, פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע, פילאָזאָפיע און לאַטיין. דער רעקטאָר קאָפּער איז געווען שוין צוגעוווינט צו אַזעלכע שמועסן מיט די עלטערן; ער האָט גוט געוווּסט, אַז אַ געלערנטער דאַרף זיך גלייכצייטיק האַלטן מיט ווירדע און זיין צו יעדן איידל. הער ראָס, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט צו טון נאָר מיט געלט, האָט געלייענט אינעם פּראָפעסאָרס נשמה, ווי אין אַן אָפענעם בוך: וועט דער גרינדער פון דער ראָס-קאָנסאָלידאַטעט געזעלשאַפט זיין צופרידן מיט דער בילדונג וועלכע זיין זון וועט באַקומען ביי אונדז, אַזוי וועט ער אפשר אין אַ שענעם טאָג מנדב אַ גרעסערע סומע געלט פאַר גרינדן אַ קאַטעדרע פון נאַטכעמיע, אָדער געאָלאָגיע. דיהער ראָס האָט די דאָזיקע האַלטונג איינגעפונען פאַר די איינציקריכטיקע פאַר א גייסטיקן פּעדאַגאָג. יעדער מענטש וויל מאַכן געלט און דער דירעקטאָר טוט עס אויף אַ בכבודיקן, געבילדעטן אופן.

בוני האָט נישט פאַרזוימט קיין איין פאָרלעזונג, געלאָפן פון ענגליש אויף שפּאַניש פון דאָרט אויף סאָציאָלאָגיע, דערנאָך אויף דער נייסטע געשיכטע, ער האָט זיך געמאַכט אָן אשיעור נאָטיצן און זיך אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ מיט אַ גאַנצער מאַסע פון דאַטעס און אַנדערע איינצלהייטן.

עס האָט לאַנג באַדאַרפט דויערן, ביז ער האָט ענדלעך פעסטגעשטעלט, אַז „ענגליש" איז טויט און פוסט און אַז דער יינגער לערער ווייסט נישט פון לאַנגווייליקייט, אַז „שפּאַניש"

ווערט געלערנט מיט פראַנצויזישן אַקצענט, און אַז דער פּראָפעסאָר זוכט אויף בסוד די אומלעגאַלע אַלקאָהאָל פאַרקויפער, כדי צו „טרייסטן" זיך פאַר דעם געצווינגענעם אויפהאַלטן זיך אין דעם לאַנד פון באַרבאַרן, ווייטער האָט בוני אַנטדעקט, אַז די „סאָציאָלאָגיע" איז נישט מער ווי אַ קינסטלעכער אויפבוי פון אַלערליי סטאַטיסטישע ראַטן. צוזאַמענגעשטעלט פון געלערנטע הערן, וועלכע דאַרפן האָבן מאַטעריאַל פאַר זייערע פאַרלעזונגען. די „בייסטע געשיכטע" ווידער איז געלערנט געוואָרן פון לערביכער, וועלכע זײַנען געוואָרן צענזורירט פון אַן אַ שיעור שאַרפע אויגן, כדי זיי זאָלן חלילה נישט אָנרירן די געפילן פון הער אַרצי און כדי דער סטודענט זאָל זיך נישט אַריינטון, וואָס פאַר כוחות עס באַהערשן די מאָדערנע וועלט.

## II

פונקט אזוי ערנסט ווי דעם שטודיום האָט אויך בוני גע־קומען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער גרויסער אינסטי־טוציע.

איצט האָט ער דערגרייכט דעם ציל, צו וועלכן אַלע זיי־נע פריערדיקע מיטשילער האָבן געשטרעבט און נאָר ווייניק האָבן אים דערגרייכט. בערטיעס אַ פריינטן האָט געהאַט אַ ברו־דער, וועלכער איז שוין געווען אויף אַ העכערן סעמעסטער און געהאַט די גרעסטע פאַרבינדונגען, בוני איז דעריבער אויך אָנגענומען געוואָרן אומעטום מיט אָפענע אָרעמס, ער איז גע־קומען אין פאַרשוווּנדערישן, ענערגישן, זעלבסזיכערן קרייז, אין וועלכן מען האָט גערעדט אַ סך און אייפריק וועגן די אויסזיכטן פון דער פוטבאָלמאַנטשאַפט. בוני איז געווען אַ גו־טער שטורמער, אַזוי, אַז ער איז באַגריסט געוואָרן, נישט נאָר דערפאַר, ווייל זיין פאָטער האָט געהאַט נאַפט, נאָר צוליב אַ פיל פיל העכערע און ערהאַבענער סיבה.

פונקט ווי אַלע מערב־אוניווערסיטעטן, איז אויך דער דרום פאַציפיק געווען אָנגעפּאַקט פאַר סטודענטנס. אַזוי אַרום האָט אויך דאָ בוני אָנגעטראָפן אַ גרויסע צאָל פון רייצנדע, פאַרפירישע, ווייבלעכע וועזנס, גראַציעזע געשטאַלטן, שמאָלע פיס, ווייסע און ברוינע הענט, קליידער פילפאַרביקע ווי בראַזילישע ש...

טערלינגען, אַ קאַליידאָסקאָפּ פון שמייכלען און לייכטנדיקע אויגן, אַ זעפיר פון זיסע ריחות פון בעז-און זשאַסמין-קאַרטשעס און מאַראַנצן-און ציטרין-וועלדלעך.

אין אַזאַ סביבה מוז זיך אַ יינגן אידעאַליסט עפּעס טרעפן, באַזונדערס נאָכדעם ווי ער האָט דעם גאַנצן זומער אין מיליטער פאַרבראַכט.

נישט אַלע די דאָזיקע מיידלעך דהאָבן שטודירט דעם קורס פון די „ראָס קאָנסאָלידאַטעט" אַקציעס. דאָך האָבן זיי זיך דערוווסט עפּעס וואָס פון דעם אַנטדעקער און יורש פון די גאָפּט-פעלדער אין פּאַראַדיז. אַ סך קלוגע קעפּלעך האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט אים און ער איז געוואָרן איינגעלאַדן צו אַן אַ שיעור טיי-אָוונטן, יום-טובים און אויטאָ אויספלוגן.

און פּלוצים האָט זיך פאַרשפּרייט אַן אויסטערלישע ידיעה: דער יינגער ראָס איז אַ מאָדנע בּאַשעפעניש, אַ פּענאָמען, אַ יינגער מיליאָנער, וועלכער פלירטעוועט נישט. אומזיסט האָבן די רייצמשאַמפּיאָנס פון דרום-פּאַציפיק געפּייסט זיך צו וועבן זייערע כּשוף פעדעם; וועטן האָבן זיך געשלאָסן וועלכעט מיידל וועט בּוגי די ערשטע קושן, מען האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן און מען איז געוויער געוואָרן, אַז דער יינגער גאָפּט-פּרינץ טראָגט אַ צעבראָכן הארץ אין בּוזים. דאָס האָט אים געמאַכט צו אַ ראָמאַנטישער פיגור און פאַרגרעסערט פאַרשטענדלעך, זיין חנוועס.

אין די ענינים פון ליבע הערשט דאָס געזעץ פון קאָנט-ראַסט. העגרייטע עשלייווס פאַמיליע איז פון דורות לאַנג גע-ווען אַ רייכע, העגרייטע האָט זיך דעריבער געקענט פאַרגינען דאָס געלט און די אַלע, וועלכע שטרעבן דערצו צו פאַראַכטן.

דאָס אָבער איז גראָד געווען דער ריכטיקער אופן אויף בינין אַן איינדרוק צו מאַכן, ער האָט זיך געשעמט מיט דער ־ייקייט פון זיין רייכקייט. ער וואָלט קיינמאָל נישט געקענט האָבן די ארויספאָדערנדיקע זיכערקייט פון זיין שוועסטער, ער האָט שטענדיק געזוכט עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל זיין בעסער פון אים. אַ צייטלאַנג האָט ער געגלויבט דאָס דאָזיקע בעסערע

צו געפונען ביי די עשלייווס מיט זייערע פאָלקאָמע מאַגיערן, אויסגעצייכנטער דינערשאַפט און הויך קולטיווירטע, איינגעפונ־דעוועטע געביידעס.

הענריעטע איז געוועזן הויך געוואַקסן, שלאַנק זאַנפט, צוריקגעהאַלטן און איר שטים האָט ווייך געקלונגען. איר מו־טער איז געשטאָרבן און דאָס מיידל האָט געטראָגן אַ גאַנץ יאָר טרויער, וואָס האָט אויסערגעוויינלעך געווירקט.

הענרייטע האָט געהערט צו דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך; זונטיק אינדערפרי האָט זי אָנגעטון לאַנגע הענטשקעס און גע־טראָגן אין דער האַנט אַ קליין סדורל און תהילימל ביידע אין שוואַרצן לעדער איינגעבינדן. בוני פלעגט איר באַגלייטן אין דער קירך, ווי ער האָט זיך דערוווסט, אַז די העברעישע מי־טאָלאָגיע דאַרף בשום אופן נישט גענומען ווערן בוכשטעבלעך.

הענריעטע האָט באַדייט פאַר בוני אַ מקום מקלט פון דיליידן און פיין און אומבעשטימטע פאַרלאַנגען.

ער איז געלאָפן צו איר, ווי צו אַ הייליקער מאַדאָנע. זי איז געשטאַנען העכער פון זיין פרימיטיוון עלעגאַנטן קרייז, האָט זיך נישט געפודערט און נישט געשמירט, און אויף איר פינגער נאָז איז קיינמאָל נישט דערשינען עטוואָס אַזעלכעס גע־מיינס, ווי אַ שווייסטראָפּן.

מען האָט אפשר געקענט דערפון טרוימען איר צו קושן, דאָך איז מען געבליבן ביי דעם טרוים. די ערשטע זעקס מאָ־נאַטן האָט זי גערופן בונין: „הער ראָס", שפּעטער „אַרנאָלד", ווייל זי האָט דעם נאָמען אויסגעפונען פאַר בכבודיק, אַזוי לאַנג ווי אַ יינגערמאַן האָט פאַרערט און באַוווּנדערט הענריעטן, איז עס לייכט אָנגעקומען צו זיין דער ערשטער אינם סעמינאַר און ווי עס שטייט אין דעם קליינעם מיט לעדער און גאָלד־שניט איינגעבונדענעם סדורל.

„צו אַכטן דער מאַכט, איר צו געהאָרכן, און אַלע עלצ־טע, לערערס און גייסטלעכע זיך אונטערצוואַרפן."

## III

אין די פעריען פון ניי־יאָר איז בוני געפאָרן קיין פּאַראַדיז, און געטראָפן דאָ די ערשטע ידיעה פון פּאַוולען: אַ קאַרטל מיט אַ פעלדפּאָסט שטעמפל, נאָר דאָס אָרט איז נישט געווען אָנגעגעבן; אַ געוויינלעך קאַרטל, אָן אַ שום בילדל אפילו ווי אַ „סצענע פון אירקוטסק, אָדער אַ פויערנשליטן אויף דער וואָלגא" אָדער עפּעס ענלעכעס.

פּאַוול האָט געשריבן:

„ליבע רות, נאָר איין פּאָר שורות, כדי דיר מיטצוטיילן, אַז מיר גייט גוט און אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. איך דערהאַלטן פון דיר דריי בריוו. ביטע, שרייב אָפט. מיר האָבן אַ סך צו טון און מיר לעבן איבער אינטערעסאַנטע זאַכן, גריס דער פאַמיליע, בונין און הער ראָס, דיין פּאַוול."

רות האָט שוין צייט עטלעכע טעג באַזיצט דעם דאָזיקן טייערן אוצר, וויפל מאָל זי האָט שוין דאָס קאַרטל געלייענט און דעם שטעמפּל נעשילדערט, געדענקט זי שוין אַליין נישט.

בוני האָט אויסגעפונען, אַז דאָס שרייבן איז זייער קאַלט און נישט באַפרידנדיק, אָבער דער פאָטער האָט דערקלערט, אַז די בריוו פון זעלנער ווערן שטרענג צענזורירט, און פּאַוול האָט באַשטימט אַזוי קורץ געשריבן, כדי דאָס קאַרטל זאָל אָנקומען.

„צוואָס די צענזור?—האָט בוני געפרעגט.

„עס זענען איצט געפערלעכע צייטן, דאָס מיליטער מוז זיך שיצן קעגן דער פראָפּאַגאַנדע פונם פיינט.“

הער ראָס האָט עס געלייענט אין אַ צייטונג וואָס עס קומט איצט פאָר אויף דער וועלט: די דייטשע און עסטרייכישע מלוכות זענען זיך מיט איין קראַך צעפאַלן, און דאָס האָט באַדייט אַ נצחון פון דער דעמאָקראַטיע. איצט אָבער איז פאַר די אָנהענגער פון דער דעמאָקראַטיע אויפגעשוומען אַ צווייטע אויפגאַבע, צו מאַכן אַ סוף מיט דער ווילדער חיה פונם באָלשעוויזם. דורך דער בלאָקאַדע אויף אַלע פראָנטן האָט מען שוין די באָלשעוויקעס אויסגעהונגערט, ווו נאָר די אַנשטענדיקע גוט געשטימטע רוסן האָבן אויף די גרענעצן אַ רעגירונג געבילדעט, דאָרט זענען זיי געוואָרן אונטערגעשטיצט פון די פאַרבינדעטע מיט מוניציע און שפייז. דער גענעראַל דעניקין האָט באַהערשט דרום-רוסלאַנד; אין צפון-זייט האָט געהאַט דערפאָלג אַן אַנטיבאָלשעוויסטישע גרופּע אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד און אַמעריקע. אין סיביר האָט עקזיסטירט אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישע רעגירונג נאָך פון די צייטן פון קערענסקין, נאָר די דאָזיקע סאָציאַליסטן זענען געווען פּוסטע מענטשן; דעריבער האָט מען זיי איצט באַזייטיקט און אויף זייער אָרט איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ווירקלעך קאָמפּעטענטער מאַן, דער אַדמיראַל קאָלטשאַק, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פונם פלאָט אין די צייטן פון דעם צאַר. דורך דעם אַדמיראַל האָבן די פאַרבינדעטע מלוכות געוואָלט באַהערשן סיביר. די אַמעריקאַנישע זעלנער זאָלן פאַר אים די באַנליניע באַוועצן.

פאַרשטענדלעך, אַז די באָלשעוויקעס און זייערע אָנהענגער האָבן דעריבער אין אַמעריקע אויפגעהויבן אַ גרויסן ליאַרם און פאַרשפּרייט אַלערליי ליגן. „און דעריבער“—האָט הער ראָס דערקלערט—„דאַרף מען האָבן אַ צענזור“.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט בונין קלאָר געמאַכט, ער האָט זיבן מאָנאַטן פאַרבראַכט אין אַ מיליטערישן לאַגער און האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט מיליטעריש צו דענקן. דעריבער

האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען די געפֿאַר פֿון דער באָלשעוויסטי-שער פּראָפּאַגאַנדע, און איז געווען פֿעסט אַנטשלאָסן זי שטענ-דיק צו באַקעמפֿן, ווו נאָר ער וועט זי באַגעגענען.

בוני איז געווען אַזוי אומשולדיק, אַז ער האָט גאָר קיין אַנונג נישט געהאַט פֿון די פֿיינע אויפֿטוען פֿונם פֿיינט, און אים האָט גאָר קיינמאָל אין קאָפּ אַריין נישט געקענט קומען, אַז ער שליגגט כּסדר רעוואָלוציאָנערן גיפֿט, וועלכער איז בכּוונה אַריינגעפּלאָסן אינם שטאַרק קריסטלעכן, קאָנסערוואַטיוון אוני-ווערסיטעט.

עס איז ווירקלעך געווען אַ שווערער קלאַפּ פֿאַר דעם אָרעמען רעקטאָר. דער דעקאַן האָט צוגענומען אַ יינגן לערער, וועלכער איז אים רעקאָמענדירט געוואָרן פֿון דער פֿאַרייניקונג פֿון קריסטלעכע יינגע מענער. דער דאָזיקער יינגער מאַן האָט געאַרבעט אַלס אַ סאַניטאַר-זעלנער אין סאַלאָניקי, איז געווען דער זון פֿון איינעם אַ מעטאָדיסטישן פּאַסטאָר און געטראָגן דעם בכּבֿודיקן נאָמען דניאל וועבסטער ירווינג.

דער יינגער לערער איז געגאַנגען פֿאָרזיכטיק צו זיין ציל, ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין שום וואָרט, וואָס זאָל קענען אויסגענוצט ווערן קעגן אים, ער האָט פֿאַרזייט קערנ-דלעך פֿון צווייפֿל, שטעלנדיק די סטודענטן פֿראַגן און אויפֿפּאַ-דערנדיק זיי זעלבסשטענדיק צו קלערן.

עס זענען שטענדיק געווען אומצופֿרידענע זין פֿון פֿריי-דענקערישע עלטערן; איינער פֿון בוניס קאָלעגן איז געווען אַ „ראַציאָנאַליסט", און אַ צווייטער האָט געטראָגן אַ רוסישן נאָ-מען. עס איז געווען גענוג אַז דער לערער זאָל די יינגען שטעלן פֿראַגן, כּדי די גרויסע צאָל פֿון סטודענטן אַריינפֿירן אין אַ פּלאָנטער, ווו זיי (לויט דעם אויסדרוק פֿון דער יאַפּאַ-נישער רעגירונג און אַפּערעדאַגאָגישע פֿאַרשריפֿטן) ווערן דורך „געפֿערלעכע געדאַנקען" דעמאָראַליזירט.

דער פּרעזידענט ווילסאָן איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע כּדי צו ברענגען די הערשאַפֿט פֿון דער גערעכטיקייט, ווי ער האָט עס צוגעזאָגט. ער איז דורכגעפֿאָרן מיט טריאומף דורך

ענגלאַנד און פראַנקרייך; די אַמעריקאַנער צייטונגען זענען געווען פול פון די וואונדער וועלכע ער וועט פאַרווירקלעכן. אָבער בוני איז פון די פאַרלעזונגען פון הער ירווינג געוויער געוואָרן, אַז דער פרעזידענט דערמאָנט שוין מער נישט דעם וויכטיקסטן פון אַלע „פערצן פונקטן": די פרייהייט פונם ים. איז עס מעגלעך, אַז ענגלאַנד זאָל נאָר אונטער דעם באַדינג שטיצן זיין פּראָגראַם? נאָך מער האָט בונין דערשיטערט דער פאַקט, אַז די געהיימע אָפּמאַכן פון די פאַרבינדעטע זענען איצט אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף דעם גרינעם טיש און געוואָרן די סיבה פון אַ קנאַהדיק דינגען זיך. בוני האָט די דאָזיקע געהיימע אָפּמאַכן נישט פאַרגעסן, ער האָט אויך נישט פאַרגעסן דעם פּאַטערס פאַרזיכערונג, אַז די דאָזיקע אָפּמאַכן וועלן זיך אַרויס ווייזן פאַר באָלשעוויסטישע פעלשונגען.

און מיטאַמאָל דערקענען די פאַרבינדעטע אַליין די עכט־קייט פון די דאָזיקע אָפּמאַכן און קימערן זיך גאָרנישט וועגן דעם צוזאָג פון אַ גערעכטער באַהאַנדלונג, וואָס דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט געגעבן די דייטשן!

בוני האָט די ידיעה געבראַכט אַהיים.

„זעסטו, טאַטע, פּאָול האָט געהאַט רעכט, און די שלעכטע באָלשעוויקעס האָבן קיין ליגן נישט געזאָגט! וואָס זאָגסטו איצט?"

„איך ווייס נישט, איך בין צעמישט, אָבער מיר דאַרפן נאָך נישט אַרויסטראָגן קיין אורטייל, מיר מוזן אָפּוואַרטן."

דאָס אומגליק איז געווען, וואָס די זאַכן האָבן אַלעמאָל אָנגעהויבן צו ווערן ערגער, וואָס לענגער מען האָט געוואַרט. עס איז אַלץ געוואָרן קלאָרער, אַז עס איז געשען דאָס, וואָס דער הער ראָס האָט באַהויפּט, אַז עס וועט קיינמאָל נישט געשען: דער פּרעזידענט האָט זיך געלאָזט מאַכן צום נאַר, פּונקט אַזוי ווי דאָס וואַסער אונטער דער דאַמפּע, אַזוי האָט זיך דער צווייפל אַריינגעגנבעט אין די נשמות פון די יעניקע סטודענטן אויף דעם דרום־פּאַציפיק־אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן די ייִנגסטע געשיכטע שטודירט.

הער ירווינג האָט איבערהויפּט נישט באַדאַרפט רעדן פון דער פרידנסקאָנפערענץ; ער האָט נאָר זיינע שילער אויפגעקלערט די נעמען פון די ערטער, ווו עס זענען פאָרגעקומען די שלאַכטן אין דער מלחמה פון די זיבעציקער יאָרן און די נעמען פון די גענעראַלן. אָבער איינס האָט אַזוי לייכט געפירט צום אַנדערן, אַז עס איז אויסגעקומען שווער די ספעקטיקער, דאָס מויל צו פאַרמאַכן.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע אוניווערסיטעטן; אומעטום זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגעקומען מענטשן, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן דורכגעשמוגלט די „געפערלעכע געדאַנקען". עס האָט שוין גאָרנישט לאַנג געדויערט און די דאָזיקע פאַרבאָטענע אידעען זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויך אין קאָנגרעס! פון דעמאָלט אָן האָט מען זיי שוין מער פון די צייטונגען אויך נישט געקענט פאַרטרייבן, אַ געוואַלדיטער שטורם האָט אויסגעבראָכן איבער דעם גאַנצן לאַנד, אַ מיליאָן אידעאַליסטן פון בוניס שביט האָבן פלוצים דערזען דעם גרויזאַמען אמת, אַז זייער ליאַלקע איז געווען אָנגעפּילט מיט זעגעכץ.

# IV

שווער איז געוואָרן אויף דער וועלט צו לעבן. וויפיל גאָלדענע הבטחות עס זיינען אונדז געמאַכט געוואָרן, וויפל הערלעכע האָפנונגען האָבן מיר געהאַט! וויפיל בלוט פון יונגע מענטשן עס איז פאַרגאָסן געוואָרן! און איצט זיינען געזעסן די דיפּלאָמאַטן פון די פאַרבינדעטע, בייזע, גרויזאַמע, אַלטע מענער ביי דעם גרינעם טיש און אָפּגערוקט די וועלט צוריק אויף דעם אָרט, וווּ זי איז פריער געשטאַנען. דעם אַלטן האַס און דער אַלטער אומגערעכטיקייט פון די נייע אומגערעכטיקייטן, פּונקט ווי אויפגעלעבט געוואָרן. דייטשן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער פאָטערלאַנד און צו פראַנקרייך צוגעטיילט, עסטרייכער צו איטאַליען, רוסן צו פּוילן,—און אַזוי ווייטער, אַן ענדלאָזע ליסטע פון פעלערס, דורך וועלכע מיליאָנען מענטשן זיינען געוואָרן געצוואונגען צו לעבן אונטער אכזריותדיקע און פאַראַכטעטע רעגירונגען, פון דעם האָט עס פּונקט ווי געמוזט קומען רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן נאָכאַמאָל אַריינגעוואָרפן די וועלט אין אַ כאַאָס.

די מענטשן זיינען נישט געוויער געוואָרן מיטאַמאָל פון די געשעענישן, נאָר פאַמעלעך זיינען די איינצלהייטן פון די שלום-אָפּמאַכן באַקאַנט. יעדעס לאַנד האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע נאָר פאַר זיינע אינטערעסן, און דער פּרעזידענט ווילסאָן

איז נישט געווען אומשטאַנד זיינע הויכע, פּראָקלאַמירטע ציִלן צו פאַרווירקלעכן. ווען דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איז באַקאַנט געוואָרן אין אַמעריקע, האָט אַן אומגעהייערע כוואַליע פון עקל פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד.

דעמאָלט האָט זיך דער פּרעזידענט אומגעקערט אַהיים און מודיע געווען, אַז ער האָט דערגרייכט אַן ענדגילטיקן נצחון. אין נאָמען פון „זעלבסטבאַשטימונגס רעכט פון די פעלקער" האָט פאַרייניקט דאָס דייטשע דייטשלאַנד צו די פּראָנצויזן, די קאָלאָניעס צו ענגלאַנד, דאָס דייטשע טיראָל צו איטאַליען, אַ כינעזישער פּראָווינץ צו די יאַפּאַנער: די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַקומען דעם מאַנדאַט איבער אַרמעניען.

אויסערדעם האָט ער געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיט ענגלאַנד און אַמעריקע, לויט וועלכן אַמעריקע איז פאַרפליכטעט דאָס דאָזיקע רעכט פון „זעלבסטבאַשטימונג" צו שיצן.

בוני האָט באַזונדערס געליטן פון דעם אַלעמען; האָט ער דאָך געמוזט ביי יעדן באַזוך אין פּאַראַדיז רותן אויפקלערען, אַז דאָס זעלבסטבאַשטימונגס רעכט פון די פעלקער אין סיביר פאָדערט עס, אַז פּאַוול זאָל אויך נאָך דעם שליסן דעם שלום דאָרט בלייבן און די איינוווינער דעם באַגנעט פאַר דער נאָז האַלטן.

דערנאָך אָבער איז אין אַ שיינעם טאָג אָנגעקומען אַ בריוו צו בונין וועלכע האָט אוממעגלעך געמאַכט דאָס ווייטערע שווינדלען, עס איז געווען אַ פּשוט שרייבן, ביליק פּאַפּיר און אַ נישט געשיקטע שריפט אויף דעם פּאָסטסטעמפּל איז געשטאַנען „סיטל" אַדרעסירט איז דער בריוו געווען צו „הער בוני ראָס, פּאַראַדיז, קאַליפאָרניע." :

ליבער הער בוני!

„איר קענט מיר נישט, אָבער איך בין אַהיימגעקערטער זעלנער, וועלכע האָט פריער אין סאַלינאַס-טאָל די רינדער געשטעמפּלט. פּאַוול וואַטקינס האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אייך שרייבן, ווייל ער קען צוליב דער צענזור אייך קיין שום ידיעות נישט איבערשיקן. איך בין באַפרייט געוואָרן, ווייל איך בין קראַנק

געוואָרן. איך האָב געהאַט די כאָלערע, שוין דריי מאָנאַטן, אַז איך־גיי אַרויס מיט בלוט. וואַשט אָפּ גוט אייערע הענט נאָכ־דעם וויאיר וועט מיין בריוו איבערלייענען, ווייל מיין קרענק איז זייער אנשטעקנדיק. איך בין נאָך איזאָלירט, נאָר דער בריוו ווערט אַ דורכגעשמוגלט. דערציילט נישט קיינעם, אַז איך האָב אייך געשריבן, אַ נישט בין איך אַ פאַרפאַלענער

אָבער פּאַול מיינט, ווען אייער פּאָטער זאָל וויס. אין וואָס פאַר אַ גיהינום מיר לעבן, אַזוי וואָלט ער זיכער ןעפּעס געטון אונדז יינגע פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען. הער בוני, וואָס טוען מיר דען דאָרט, צוואָס זאָלן מיר דאָרט זיין. אין ווינטער איז כמעט שטענדיק פערציק גראַד קעלט אין גרויסע שטורעמס. דערביי מוז מען שטיין אויף דער וואַך. און אין זומער צעשטעכן די קאָמאַרעס אַזוי, אַז דאָס בלוט שפּריצט אַרויס. די יאַפּאַנער וועלכע זענען מכלומרשט אונדזערע פאַרבינדעטע, שיסן אויף אונדז, זיי באַהערשן דאָס לאַנד; אָפיציעל זענען דאָרט נאָר דאָ זיבנטויזנט יאַפּאַנער אָבער אין דער אמתן זענען זיי פאַראַן זיבציק טויזנט; צוואָס רופן מיר זיי איבערהויפּט?

אונדזערע יינגן טאָרן נישט טראָגן קיין געווער, די יאַ־פּאַנער דאַקעגן האָבן באַגנעטן, מיר נאָר די פויסטן, באַשטימטע געגנטן זאָלן פון אונדז קאָטראָלירט ווערן, אָבער די יאַפּאַנער דרינגען אַריין אויך אַהין מיט אַ סך מאַשינענגעווער. וועט עס קומען צו אַ מלחמה צווישן אונדז און יאַפּאַניע אין סיביר, אַזוי וועט אין סאַמע אָנהייב פאַלן אַ גרויסע צאָל פון אונדזעריקע.

„די רוסישע אַנטלאָפענע און אָפיצירן דערקלערן, אַז מיר מוזן זיי העלפן, אָבער איך האָב געהערט ווי אונדזערע עלצטע האָבן געזאָגט, אַז מען גיט זיי געלט צו בילדן אַ רעגירונג, זיי אָבער פאַרשכורן דאָס אַלץ און ביינאַכט מוז מען זיי פון די באָרדעלן אַרויסשלעפּן. די דאָזיקע לייט האָבן נאָר איין געדאַנק: צו דערשיסן אַלע אַרבעטער, וועלכע ווען אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט אַריין, אפילו פרויען. זיי פייניקן די מענטשן, הער בוני, איך האָב געזען זאַכן, וועלכע, ווען איר לייענט נאָר

וואָלט דיך אייך די האָר געשטעלט קאַפויער. אַלע אונדזעריקע, אָנהייבנדיק פונם גענעראַל גרעיווס ביז דעם פשוטן זעלנער, קע-
גען דאָס אַלץ שוין מער נישט איבערטראָגן.

איינוקע זענען אויך משוגע געוואָרן, און אונדזער רעגי-
מענט אַליין צוואַנציק, מען האָט זיי געמוזט אין משוגעים הע
דלעך אַהיים אָפּשיקן. אָבער אונדזערע מענטשן אין דער היים
טאָרן דערפון נישט וויסן. מיר האָבן מענטשן אין אונדזער רע-
גימענט, וועלכע האָבן שוין א האַלב יאָר גאָרנישט געהערט פון
דער היים און זענען שוין פון זאָרגן שיעור נישט משוגע גע-
וואָרן. צוואָס זענען מיר דאָרט, די מלחמה איז דאָך שוין פאַר-
ענדיקט? אויב איר ווייסט די סיבה, שרייבט זי מיר, איך
בעט אייך, אָבער פּאָול האָט געבעטן, אַז איר זאָלט זיין שוועס-
טער דערפון גאָרנישט זאָגן, אים פערזענלעך איז נישט אַזוי
שלעכט ער גייט אַ סך אַרום און האָט שטענדיק עפּעס צו טון;
ווען מען האָט בוי-אַרבעט איז עס פול לייכטער, פאַראַן אַזעל-
כע וואָס שלעפּן הונדערטער מעטר אייזנבאַנשוועלן און דערנאָך
צוריק כדי נאָר עפּעס האָבן צו טון.

איך בעט אייך שיקט מיר צו ציגאַרעטן אַלס צייכן, אַז
איר האָט מיין בריוו דערהאַלטן. אויב איך זאָל אייך נאָכאַמאָל
שרייבן, שיקט צו אין צוויי פּאַקעטן, ביטע.

מיט גרוס,
דזשעף קאָרב[illegible]

# V

בוני האָט דעם בריוו געוויזן דעם פּאָטער, וועלכער האָט זיך נאַטירלעך שטאַרק אויפגערעגט, אָבער וואָס האָט ער געקענט טון? אין דער וואָך האָט מען דריי זאָנדן געבויערט, פון וועלכע איינע האָט אויפגעריסן און אַ פיר הונדערט אַקר פעלזן מיט נאַפט פאַרפלייצט. אויסערדעם האָבן געמוזט ראָס און ראָסקאָע באַהערשן די שטויבענדיקע וואַקלענישן אויף דעם נאַפט-מאַרק. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע נאַציעס פון דער וועלט האָט זיך פּיטאַמאָל פאַרוואָלט בענזין קויפן: אפשר האָבן זיי געהאַט דערביי אַ כונה אָנצופולן צוריק זייערע זאַפּאַסן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשעפּט בשעת דער מלחמה, און אפשר האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו אַ נייעם קריג. יעדנפאַלס זענען די פרייזן געשטיגן ביז צום הימל און אין גאַנץ קאַליפאָרניע האָט מען געבויערט. די בענזינסטאַציעס האָבן פאַרקויפט נאָר פאַר אַלטע קונים און דאָס נישט מער פון פינף גאַלאָנען פאַר איינמאָל. אייניקע סטאַציעס זענען אינגאַנצן געווען ליידיק; די אויטאָס האָבן געמוזט גאַנצע טעג וואַרטן. דער פאָטער מיט הער ראָסקאָע האָבן געבראַכט אַהיים אַ שענעם רויב.

„ווירקלעך געלט",—האָט דער פאָטער באַמערקט לאַכנדיי,— „נישט קיין אויסלענדישע הלוואות."

בוני האָט געשיקט דזשעף קאָרבינען אַ טוץ שאַ[illegible]טעלען

פאַפּיראָסן, בייטאָג און ביינאַכט האָט ער זיך געזאָרגט וועגן פּאַוולען.

דאָס באַקעמפן די באָלשעוויקעס האָט פּלוצים באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען, אויב פּאַוול האָט צוליב דעם געמוזט בלייבן אין סיביר. און אויך די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט גאָר אַנדערש געקלינגען, ווען זי איז געקומען פון דער פעדער פון אַמאָליק בהמות שטעמפּלער.

בוני האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס מוז געשען. אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ער זיך ענדלעך אַנטשלאָסן אָנצושרייבן אַ בריוו צו דעם קאָנגרעס מיטגליד פון דעם שטאַט, צו הער ליטערס, אַז ער האָט געהערט פון די פאַרהעלטנישן אין סיביר און בעט דעם הער ליטערס צו אינטערוועניר אין דעם קריגס-מיניסטעריום, פאַרוואָס ווערן צענזורירט די בריוו פון די זעלנער אין פרידנס צייט. אויסערדעם זאָל ער פאָדערן, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ שטעלונג צו דער פראַגע, פאַרוואָס ווערן נאָך געהאַלטן די אַמעריקאַנער זעלנער אין סיביר.

דער בריוו איז אָנגעקומען צו דער הער ליטערס אין אַ פינף טאָג אַרום. צוויי טעג שפּעטער איז דערשינען אין דעם הויז פון ראָסן אין אַנגעל-סיטי אַ שיינגעקליידעטער ליבנסוויר-דיקער מענטש און דערקלערט, אַז ער איז דער באַזיצער, פון אַ נאַפטקאָנצעסיע אין סיביר, פאַר וועלכער ער וויל פאַראינטערע-סירן דעם הער ראָס.

דער פאָטער איז געווען אין פּאַראַדיז; בוני האָט גערעדט מיט דעם הער, און אַזוי ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ליבנס-ווירדיק און פול מיט אינטערעס, האָט אים בוני דערציילט פון פּאַוולען און אים אויך געוויזן דזשעף קאָרביטס בריוו. זיי האָבן געפירט איבער דער לאַגע אין סיביר און דער פריינטלעכער הער ווהאָט געמיינט, אַז אַמעריקע האָט רוסלאַנד קיין קריג נישט דערקלערט; דעריבער האָט אויך אַמעריקע קיין רעכט נישט קעגן די רוסן צו קעמפן. בוני האָט איינגעשטימט. דערנאָך

האָט זיך דער מענטש אָפּגעזעגנט און מער פון זיך נישט געלאָזט הערן.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט בוני דערהאַלטן אַ צאָרנדיקן בריוו פון דזשעף קאַביטי פול מיט פאָרווורפן וואָס ער האָט אים „פאַראַט”. דאָס האָט נאָר געקענט זיין בוני און נישט עמעצער אַנדערש, ווייל ער האָט צו קיינעם אויסער צו בונין, נישט געשריבן, יעדנפאַלס, איז ער איצט שוין פאַרפאַלן! און ער שרייבט נאָך דעם בריוו צו בונין, כּדי אים צו זאָגן, ער זאָל גיין צום טייוול און דאָרט שוין פאַרבלייבן.

בוני האָט געמוזט מיט עמעצן, איבער דעם פאַרפאַל רעדן. ווען ער איז דעם צווייטן טאָג געפאָרן אַהיים פונם אוניווערסיטעט אין זיין נייעם אויטאָ, האָט ער באַגעגנט אַ יינגן, קוים הינקענדיקן מאַן, בונין האָט עס אויסגעזען נישט קאָרעקט, אַז אַ סטודענט זאָל פאָרן אין אַ אויטא, אין דער צייט ווען זיין הינקענדיקער לערער גייט צופוס,

„איר וועט אפשר מיט מיר פאָרן, הער ירווינג.

„אויב איר פאָרט אין מיין ריכטונג.”

„אין יעדער ריכטונג, און וועלכער איר דאַרפט, איך זוך אַ געלעגנהייט מיט אייך צו רעדן. איר וועט מיר דערמיט טון אַ גרויס געפעליקייט.”

דער יינגער מאַן האָט איינגעשטימט, אָנגערופן די גאַס, וווהין ער וואָלט געוואָלט פאָרן, און געפרעגט:

„וועגן וואָס ווילט איר מיט מיר רעדן?”

הער דאַני וועבסטע ירווינג האָט געהאַט אַן אויסטערלישן אויסזען: זיין קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן הויך פונם קראַגן אַרויס און האָט דערמאָנט מיט זיינע פלינקע באַוועגונגען אין אַ פויגל וועלכער זיצט אויף אַ בוים און קוקט אויס דעם יעגער מיט זיין ביקס. ער האָט געהאַט אַ שטעכעדיק, זיך בונטעווענדיק בערדל און גרויע אויגן, וועלכע האָבן דורכגעלעכערט יעדן איינעם, וואָס האָט נאַרישע פראַגן געשטעלט. ער האָט איצט אָנגעקוקט בונין און זיך נאָכגעפרעגט:

„צוליב וואָס אינטערעסירט עס אייך?”

„איך האָב דאָרט אַ פריינט. ער איז שוין דאָרט אַ יאָר, און נישט לאַנג האָב איך דערהאַלטן פון אים באַאומרויקנדיקע גריסן.“

„איר פרעגט עס מיר אַלס סטודענט, צי אַלס פריינט?“

בוני איז געוואָרן אַ ביסל צעמישט.

„אַלס פריינט, אויב איר דערלויבט. וואס איז דען דער אונטערשיד?“

„אין דעם וואָס איך קען פאַרלירן מיין פּאָסטן אויף דעם אוניווערסיטעט.“

בוני איז געוואָרן רויט און געשטאַמלט אין פאַרלעגנהייט:

„איך האָב ווירקלעך נישט געקלערט וועגן עטוואָס ענלעכעס, הער ירווינג.“

„איך וויל רעדן מיט אייך אָפן, ראָס. אין אייראָפּע האָב איך אויסגעגעבן אַלס סאַניטאַר זעלנער אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט, און בין געקומען אַהיים אינגאַנצן אָן מיטלען צו לעבן. איצט מוז איך נאָך זאָרגן פאַר דער דערציונג פון מיינער אַ יינגערער שוועסטער. מיט דער גרויסאַרטיקער יאָרפּענסיע פון טויזנט דרייהונדערט דאָלאַר. אין דעם נעכסטן יאָר זאָל מיין פּענסיע געהעכערט ווערן אויף צווייהונדערט דאָלאַר. אין דעם חודש וועט מיין קאָנטראַקט אָדער באַנייט ווערן, אָדער נישט. דערוויסט מען זיך, אַז איך פאַרטיידיק דעם באָלשעוויזם פאַר די סטודענטן, אַזוי קריג איך נישט קיין שטעלע נישט אין דעם אוניווערסיטעט, נישט אין קיין אַנדערן.“

„אָבער הער ירווינג, איך קלער גאָרנישט וועגן דעם עמעצן צו דערציילן, וואָס איר וועט מיר זאָגן.“

„דאָס איז גאָרנישט נויטיק. איר דאַרפט נאָר אייערע פריינט אָדער קרובים זאָגן פאַרוואָס, לויט מיין מיינונג, האַלט מען די אַרמיי אין סיביר, זיי וועלן עס שוין האַלטן פאַר זייער מאָראַלישע פליכט מיר אויסצוזאָגן.“

„איז עס ווירקלעך אַזוי שלעכט?“

„אַזוי שלעכט, אַז ערגער דערפון קען שוין גאָרנישט זיין, קען איך מיר פאַרלאָזן דערויף, אַז איך רעד מיט אַ פריינט, און אַז איר וועט מיינע ווערטער נישט איבערחזרן?“

דאָס וואָס בוני האָט אַזוי שנעל געענטפערט יאָ איז געווען אַ באַווייז, אַז ער האָט זיך שוין פאַרדרייט אין דער נעץ פון באָלשעוויזם.

## VI

„די אַמעריקאַנישע טרופּן שטייען אין סיביר"—האָט דעקלערט הער ירווינג, — „ווייל די גרויסע באַנקירן און רייכע סוחרים האָבן אין זייער צייט אַ סך געלט געבאָרגט דער רעגירונג פון די צאַרן, ווי פאַר דעם קריג, אַזוי אין משך פונם קריג. די באָלשעוויסטישע רעגירונג אַנערקענט די חובות נישט, דעריבער שטרעבן אונזערע באַנקירן און סוחרים די באָלשעוויסטישע רעגירונג אומצווואַרפן. דאָ האַנדלט זיך נישט אַזוי אין דעם געלט ווי אין דער פּרעצעדענץ: אויב אַ רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו צאָלן אירע חובות, וואָס וועט ווערן דעמאָלט מיט די אַלע אויסלענדישע הלוואות? די קרעדיטאָרן-נאַציעס, דאָס הייסט, אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך האַלטן, אַז אַ רעגירונגס-חוב דאַרף מען אויפמאָנען ביי דעם גאַנצן פאָלק, נישט נאָר ביי דער רעגירונג. די אַלגעמיינע סומע פון די אונטערנאַציאָנאַלע הלוואות באַטרעפט אַ צווייהונדערט מיליאַרד דאָלאַר, און די קרעדיטאָרן-מלוכות ווילן אויף רוסלאַנד ווייזן אַ ביישפּיל, אַז יעדער רעגירונג, וועלכע אַנערקענט נישט אירע [illegible]בות מוז ווערן אומגעוואָרפן."

פאַר בונין איז דאָס געווען עטוואָס אינגאַנצן נייעס. ער האָט געשטעלט אָן אַ שיעור פראַגן. הער ירווינג האָט צווישן אַנדערן דערציילט בונין אַז אין וואַשינגטאָן געפינט זיך אַ רוס

וועלכער איז אין דער צייט פון דער קריג געווען א קאָנסול, און איינגעקויפט פאַר רוסלאַנד פאַר דעם, פון דער אַמעריקאַנישע רעגירונג אויסגעבאָרגטער, געלט מוניציע און געווער. ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, ד'האָט דער קאָנסול באַזעסן הונדערט מילאָן דאָלאַר און די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט אים דערלויבט דאָס געלט צו פאַרווענדן אויף אויסצובויען א פראָפּאַגאַנדע אַפּאַראַט קעגן די באָלשעוויקעס, און אויך א שפּיאָנאַזש-אַפּאַראַט, וועלכער איז געווען אויך אַזוי קאָמפּליצירט ווי אַמאָל בּיי די צאַרן; צייטונגען, זשורנאַליסטן, מלוכה באַאַמטע, קאָנגרעסמיטגלידער, אַלע שטייען זיי אויף דער צאָל-ליסטע פון דעם קאָנסול.

אויסערדעם זענען פאַראַן אין די מלוכה דעפּאַרטאַמענטן א סך באַאַמטע, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט רוסישע אַריסטאָקראַטקעס. די דאָזיקע פרויען האָבן פאַרשטענדלעך דורך דער רעוואָלוציע אַלץ פאַרלוירן, און האָבן געהאַסט דעם נייעם רעזשים. איינער פון די דאָזיקע מלוכה באַאַמטע איז געווען א שותף צו א באַנק, וועלכע האָט געגעבן די הלואות, און איצט איז ער געווען אין געפאַר דאָס פאַרמעגן צו פאַרלירן. אַנדערע ווידער האָבן זייער געלט פאַרזיכערט אין אַקציעס פון בענק, וועלכע זענען פון זייער זייט געווען אַנגאַזשירט אין רוסלאַנד מיט גרויסע סומען, דעריבער פירט אַמעריקע א מלחמה קעגן סאָוויעט-רוסלאַנד און דעריבער דאַרף א לערער פון אַן אַמעריקאַנישן אוניווערסיטעט קיינמאָל נישט אַרומרעדן די דאָזיקע ענינים מיט די סטודענטן, אפילו אויסער די פיר ווענט פון זיין לערצימער;—אַנישט פאַרלירט ער זיין שטעלע.

„איך האָב נישט קיין שום סימפּאַטיע פאַר דעם באָלשעוויזם, איך וויל אויך נישט זיין לערע פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע”—דאָס דערקלערט הער דאַניעל וועבסטער ירווינג. און בּונגי האָט אים אין זיין נאַיוויטעט געגלויבט אויף דעם וואָרט. ער האָט נישט געוווסט, אַז אַלע באָלשעוויסטישע אַגענטן זאָגן דאָס זעלבע אַזוי לאַנג, בּיז זייער שילער איז שוין פאָלקאָם איבערצייגט אין דער אמת פון זייערע רייד.

הער יירווינג האָט געמיינט, אַז וואָס עס געשעט איצט אין רוסלאַנד איז אַן אומגעהייערער סאָציאַלער עקספּערימענט.

צי קען אַן אַרבעטער רעגירונג האָבן דערפאָלג? צי לאָזט זיך די דעמאָקראַטיע פּאַרווירקלעכן אין דער ווירטשאַפט, אָדער זי איז נישט מער ווי אַ חלום פון פאַנאַטיקער?

„מיר וואָלטן באַדאַרפט שיקן קיין רוסלאַנד אַלערליי אָב-יעקטיווע מענטשן,"—האָט געזאָגט דער ייגער לערער,—„פּדי זיי זאָלן מיט די אייגענע אויגן באַטראַכטן וואָס עס קומט דאָרט פאָר און דאָס אונדז מיטטיילן. אַנשטאָט דעם אָבער, העלפן מיר די ענגלענדער און פראַנצויזן רוסלאַנד אויסצוהונגערן, צווינגען די רוסן אָנצוגירטן אַלע זייערע כּוחות אין קאַמף מיט אונדז און מיט די פון אונדז אונטערגעשטיצטע אַרמעען, און ס'איז אפשר אוממעגלעך, אַז דער עקספּערימענט זאָל געלונגען. ווערט ער זיך נישט איינגעבן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, אַזוי הייסט עס נאָך גאָרנישט."

בוני האָט געמיינט, אַז ער זעט איצט די זאַכן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן.

„געוויס האָבן די רוסן דאָס רעכט זייער אייגן פּראָבלעם אויף זייער אייגענעם שטייגער צו אַנטשיידן, און מיר מוזן ווירקלעך דעם אמת פון רוסלאַנד געוויער ווערן. ווי אַזוי אָבער קען עס געשען?"

הער ירווינג האָט אים אָנגערופן דעם נאָמען פון צוויי וואָכנשריפטן, וועלכע זענען איצט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק צוליב זייערע „געפערלעכע גע-דאַנקען", און זענען אויך פאַרבאָטן געוואָרן אין אַלע הויכשולן פון אַנגעל-סיטי.

וואָס דערנאָך איז געשען איז גרינג צו טרעפן: מע דאַרף נאָר אַ גייסטיק פרישן בחור געוויסע פּובליקאַציעס פאַר-באָטן, אַז ער זאָל שוין ברענען פון נייגיריקייט צו דערוויסן זיך וואָס אין זיי שטייט. בוני האָט זיך באַלד אָבאָנירט די צוויי וואָכנשריפטן אָפּן, אויף זיין אמתן נאָמען.

און אין די קאַרטאָטעקן פון דער מיליטערישער געהיים-

אַפּטיילונג, מאַטראַזן און געהיימפּאָליציי איז געמאַכט געוואָרן אַ נייע באַמערקונג. און אינגיכן איז אויך געמאַכט געוואָרן די זעלבע באַמערקונג אין די קאַרטאָטעקן פון פאַרשידענע פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס: פּאַטריאָטישע פאַרבאַנדן, אייניקע צייטונגען, עטלעכע גרויסע דעדעקטיווע אַגענטורן און, פאַרשטענדלעך, אויך אין די ביכער פון דעם אַמאָליקן קאָנסול פון דער איצט שוין מער נישט עקזיסטירנדיקער רוסישער רעגירונג.

בוני, וועלכער ד׳האָט כּסדר געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו העלפן פּאַוולען, איז געפאַלן אויף דעם געדאַנק אָנצושרייבן אַ בריוו פון דער לאַגע אין סיביר אין דער אוניווערזיטעט-צייטונג; זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען ירוויגג, דזשיף, אָדער פּאַוול.

דער רעדאַקטאָר האָט אים די בריוו אָפּגעשיקט צוריק מיט דער באַמערקונג, אַז ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי אַ מענטש וועלכער איז אַזוי אָנגעזעצן אויף דעם אוניוועורסיטעט, זאָל קענען אונטערשטיצן די פּיינט פון זיין פאַטערלאַנד.

דער דאָזיקער פאַרפאַל איז געוואָרן אומעטום באַקאַנט, בוני איז געוואָרן באַפאַלן פון פריינט און קעגנער, וועלכע האָבן דעם בריוו געלייענט און געהאַלט מיט אים וועגן דעם דעבאַטירן.

איין סטודענט פון די העכערע קעמעסטערס האָט דערקלערט, אַז ער איז מסכּים מיט בוניס מיינונג: די רוסן האָבן רעכט צו הערשן ביי זיך אין לאַנד. דער דאָזיקער סטודענט האָט געדייסן בוני זשאָרזש און איז געווען דער זון פון אַ רייכן רייזנפאַבריקאַנט, בוני אַ דערפרייטער, אַ דערוואַרטעטע סימפּאַטיע צו געפינען, האָט געוויזן זיין נייעם פריינט די בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן אין דער צייטשריפט, ווי אויך דזשעף קאָרביטיס בריוו און אָנפּערטרויט אים זיינע געדאַנקען און זיינע ספקות. אויף אַזאַ אופן זענען די קאַרטאָטעקעס אין אַנגל-סיטי, ניו-יאָרק און וואַשינגטאָן מיט מער מאַטעריאַל באַרייכערט געוואָרן.

יעדע קאַרטע איז געווען פון ביידע זייטן געריכט באַ-

דעקט מיט מאַשינענשריפט, איז איינע געוואָרן פול, האָט מען גענומען אַ צווייטע. וואָס אַנבעלאַנגט אונדזער יינגן אידעאַליסט האָט מען געקענט לייענען פאָלגענדעס:

„ראָס, דזשעמס אַרנאָלד, יוניאָר, מיטן נאָמען בוני: 679 ס. מענדאָסינאָ עוועניו, אַנגל-סיטי. קאַליפאָרניע, ווי אויך פּאַראַדיז, סאַן עלידאָ קאַליפאָרניע. 20 יאָר אַלט, די גרויס איין מעטר זיבציק, די האָר ברוין, אויגן ברוין, געזיכטשטריכן געוויינלעכע. די פאָטאָגראַפיע איז בייגעלייגט, דער זון פון י. אַרנאָלד ראָס וויצעפּרעזידענט פון דער ראָס-קאָנסאָלידאַטעט-געזעלשאַפט, ווערנאָן ראָסקאָ געביידע, אַנגל-סיטי, אויך אומאָפהענגיקער באַזיצער פון נאַפטקוואַלן. געשאַצט אויף פינפאונצוואַנציק מיליאָן דאָלאַר. אין 1918 אַביטוריענט פון דער שולע אין ביטש-סיטי; דערנאָך אויף דעם אוניווערסיטעט. לערנט זיך גוט. סעקסועל, ווייזט אויס, אויסערגעוויינלעך עמפינדלעך, זע דעם באַריכט 1917 וו. האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דעם שטרייק פון די נאַפטאַרבעטער אין פּאַראַדיז אין יאָר 1916—1916 דער אינטימער פריינט פון דעם שטרייקפירער פּאָול וואַטקינס, זע די ליסטע 1272/ש אין אינטימע באַציונגען מיט רות וואַטקינס, די שוועסטער פון דעם איבערדערמאָנטן פּאָולן. אין 1916—1917 איבונגסלאַגער קאַמפּ אַרטור, די אויפירונג אַ צופרידנשטעלנדע, געשריבן צו דעם געוועזענעם הער ה. ג. ליטערס, 49. פון קרייז קאַליפאָרניע. געשריבן דערצו פון דעם אַהיימגעקערטן זעלנער דזשעף קאַרביטי, זע די ליסטע 9678 ק. 30. זע דעם בייגעלייגטן בריוו, אויך דעם בייגעלייגטן באַריכט פון דעם אַגענט 23672. סעפּטעמבער 1923, דרום-פּאַציפיק אוניווערסיטעט. מיטגליד פון דער קאַפּאַ-גאַמאַ-טאַו-געזעלשאַפט, שטורמער שילער פון דאַניעל וואַשינגטאָן ירווינג- זע די ליסטע 327119. סימפּאַטיזירט אויס געפיל מיט די באָלשעוויקעס, אַבאָנירט די „נאַציע” און „ניי רעפּובליק”. נאָך פּרטים פון דעם אַגענט 497. וו, שולקאָלעגעס, אויך פון 9621, דעם אינטימען פריינט פון דעם דאָזיקן פּאַרשוינס שוועסטער, וועלכע איז אַלס בערטיע ראָס באַקאַנט.”

## VII

דער אַלטער הער ראָס האָט געהאַט אַנדערע אינפאָרמאַציע קוועלן, ווי זיין אידעאַליסטישער זון. ער איז געוואָרן אינפאָרמירט נישט נאָר פון מאָרגן-און אָוונטצייטונגען, נאָר אויך זיינע פּאַרטנערס אינם נאַפטשפּיל האָבן פיל און ערנסט געקלערט וועגן דעם, זיצונגען אָפּגעהאַלטן און געשטודירט אַלע פּרטים, אויך זיי זענען נישט געווען צופרידן מיט דער פּאָליטיק פונעם פּרעזידענט ווילסאָן, אָבער נישט חלילה דערפאַר, ווייל ער האָט נישט פאַרזיכערט די דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט, נאָר ווייל ער האָט די וועלט נישט פאַר די נאַפטמאַגנאַטן פאַרזיכערט. אין די געגנטן, וועלכע מען האָט צוגערויבט ביי דעם פיינט, זענען געווען אַ סך נאַפטגעביטן, און צום סוף האָט אַמעריקע אין נאָמען פון אַן אידיאָטישן אידעאַליזם מסכּים געווען, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן צונעמען די דאָזיקע אוצרות, און די אַמעריקאַנער זאָלן זיך פאַרנעמען נאָר מיט דעם, וואָס זיי וועלן באַשיצן די אַרמענער קעגן די טורקן.

די פּערזענלעכע אינטערעסן פון דעם הער ראָס זענען געלעגן אין דעם אייגענעם לאַנד. אָבער די עקסצעלסיאָר-פּעטאַוש די וויקטאָר-פּעטאַוש און די איבעריקע „גרויסע פינף" האָבן געשטרעבט צו פאַרכאַפּן אויסלענדישע קאָנצעסיעס. וועלן זיי אַזעלכע קאָנצעסיעס באַקומען, אַזוי ווערט אין דער היים ביליקער די

פרייז פון נאַפט, און דאָס וואָלט הער ראָסן אָפגעקאָסט אַ שיין ביסל געלט. דאָך האָט ער אָנגענומען אַ פאַטריאָטישע שטעלונג: דאָס לאַנד פאָדערט נאַפט, עס איז דעריבער אונדזער פליכט אים דאָס צו פאַרשאַפן. דער פאָטער איז אַזוי אַרום אויך געווען אידעאַליסט און אים האָט געערגערט, וואָס דער זון שאַצט אַזוי ווייניק אָפ זיין אידעאַליזם.

פאַמעלעך איז דער הער ראָס געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אוניווערסיטעט איז אין דעם אַלעמען שולדיק, אַז די בילדונג צעמישט אים און מאַכט אים אומפעיִק צו פראַקטישער אַרבעט. בוני האָט שוין אַ סך מאָל באַמערקט, אַז דער אַלטער כיטרע מאַן פרווּט אים אויספאָרשן, הער ראָס האָט פאַרעקשנט געגלויבט, אַז אַן עלטערער מענטש האָט אַן איינפלוס אויף בונין, און דאָס פאַרדעכטיקסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס בוני דערמאָנט קיינמאָל נישט אַזאַ מענטשן. בוני האָט מורא געהאַט, אַז פריער, אָדער שפעטער וועט דאַניעל־וועבסטער ירווינג, אָדער אַנדערש דאַניעל וואַשינגטאָן ירווינג, אַרויסשווימען אויף דער אויבערפלאַך פון דעם פאָטערס אויפמערקזאַמקייט, עס איז אים דעריבער איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק: דער פאָטער זאָל זיך מיט זיין לערער־פריינט פערזענלעך באַקענען. וועט הער ראָס אים איינמאָל אַלס גאַסט אין זיין הויז אויפנעמען, אַזוי וועט ער שוין קיינמאָל נישט אים אויסגעבן.

„טאַטע. איך וואָלט זייער געוואָלט איינעם פון מיינע לערערס ברענגען אַהער, כדי ער זאָל דאָס פעלד באַטראַכטן.״

דער פאָטער איז אַ שטאַרק דערפרייטער איינגעגאַנגען אויף בוניס פאָרשלאַג, אויף אַזאַ אופן וועט אין זיין וועלט אַריינקומען אַ שטיק קולטור, און ער וועט קענען נעמען אַנטייל אין דעם גייסטיקן לעבן פון זיין זון. שטילערהייט האָט הער ראָס מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע גאַנצע „בילדונג״ פון זיין זון קען נאָך גורם זיין דערצו, אַז ער זאָל זיך פאַרשעמען פאַר זיין אַלטן אומוויסנדן פאָטער. הער ראָס האָט געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן „אינטעלעקטועלע״, וועלכע זענען אַזוי משוגע, אַז

זיי קענען אַזאַ סומע ווי פינפאונצוואַנציק מיליאָן דאָלאַר אויך פאַראַכטן.

הער ירווינג האָט באַדאַרפט איבערנעמען די זומערפאַר-לעזונגען, נאָר ביז דעמאָלט זענען נאָך געווען צען טעג, און בוני האָט אים פאַרגעלייגט דעם סוף וואָך אין פאַראַדיז צו פאַרברענגען. דער יינגער לערער האָט אָנגענומען די איינלא-דונג מיט פרייד און דערשטוינונג איינציייטיק.

און אַזוי זענען זיי ביידע געפאָרן אין איינעם אַ יוני מאָרגן קיין פאַראַדיז, אין איינעם פון יענע זונטיק טעג, וועל-כע זענען אין קאַליפאָרניע אַזוי אַלטעגלעך, אַז מען באַמערקט זיי זער נישט, אונטערוועגס האָבן זיי גערעדט פון די געשעע-נישן אין רוסלאַנד, פון די נצחונות פון דעם גענעראַל דעניקין און אַדמיראַל קאָשטשאַק, פון דעם פאַרצווייפלטן פרווו פון די באָלשעוויקעס אַ „רויטע אַרמיי“ צו אָרגאַניזירן, און פון די האָפנונגען פון די הערשנדיקע קלאַסן אין דייטשלאַנד ווידער זיך אומצוקערן צו דער אַמאָליקער גרויס, דורך דעם אונטער-שטיצן די פאַרבונדעטע צו דערדריקן די באָלשעוויסטישע רע-וואָלוציע. בוני האָט אויך אויפגעקלערט דעם הער ירווינג דעם צוועק פון דער רייזע:

„איר מוזט לאָזן דעם פאָטער רעדן און אַרויסזאָגן נאָר אַזעלכע מיינונגען, וועלכע אַז עלטערער נאַפטמאַגנאַט קען פאַר-נעמען.“

# VI

קומענדיק קיין פּאַראַדיז, איז דער לערער אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם נייעם שפּאַנישן „פּערמעהויז", וואָס דער פֿאָטער האָט אויסגעבויט פֿאַר זיך און פֿאַר זיינע געסט.

דאָס הויז האָט אַרומגערינגלט אַ גרויסער הויף מיט אַ פֿאָנטאַן מיט טייטלפּאַלמעס און באַנאַנעבוימער.

אַ יאַפּאַנער האָט געדינט איינצייטיק אַלס קעכער און דינער; אויסער אים איז נאָך געווען אַ יינגל, וועלכער האָט געאַרבעט אין גאָרטן און דאָס געפּעס געוואַשן. רות איז געווען די באַלעבאָסטע פֿון שטוב און אַלץ איז געווען אונטער איר השגחה.

דאָס נייע הויז האָט געהאַט זעקס צימערן פֿאַר געסט; זענען געקומען קיין פּאַראַדיז דירעקטאָ"ן, געאָלאָגן, אָדער אינזשינירן פֿון ראָס-קאָנסאָלידאַטעט געזעלשאַפֿט, אַזוי זענען זיי געווען די געסט פֿון הער ראָסן און געבילדעט צוזאַמען אַ גליקלעכע פֿאַמיליע. נאָך דעם אָוונטעסן האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין סאַלאָן אַרום דעם גרינעם טיש און געשפּילט אין פּאָקער.

אין משך פֿונם אָוונט האָבן זיי אויסגעטון די רעקלעך, זיך געררוימער געמאַכט די הויזן, געהייסן דעם יאַפּאַנער אַריינברענגען ציגאַרן, בראָנפֿן און מינעראַל וואַסער, אָנגעפֿולט דאָס

גאַנצע צימער מיט פּלאָען רויך און איבערגעזעסן דאָ ביז אין די פרייע מאָרגנשעהן. דער פּאַטער איז שטענדיק געווען צופרידן, ווען בונין האָט זיך מיט אַ בוך אין דער האַנט דערוויטערט אין אַן אַנדער צימער און נישט געהערט די געשיכטעס, וועלכע די אויפגעמונטערטע נאַפטלייט האָבן דערציילט.

דאָס מאָל אָבער האָט מען נישט געשפּילט: לכבוד דעם „פּראָפעסאָר”, ווי דער פּאַטער האָט דעם גאַסט גערופן, זאָל דער סוף פון הייַנטיקער וואָך זיין בלויז אַן אינטעלעקטועלער. דער אַלטער ראָס איז געווען קינדיש שטאָלץ, וואָס אַ פּראָפעסאָר קומט צו אים צו גאַסט; ער האָט אים אויסגעוויזן די שוין פאַרטיקע קוואַלן, ווי אויך די וועלכע האָבן ערשט געהאַלטן ביי פאַרטיק ווערן.

דערנאָך האָבן זיי באַטראַכט די נייע ראַפינעריע, וועלכע די צייטונגען האָבן אָנגערופן דאָס וווּנדער פון דער נאַפטע-אינדוסטרי, אויסערדעם איז זי געווען אַ קונסטווערק: די געביידעס זענען געווען פון בעטאָן און פון גלאַנציק, פריש אויסגעפּאָלירטן מעטאַל און האָבן זיך געפונען אינמיטן פון אַ פּאַרק.

נאַפטקוואַלן קענען נישט זיין אַנדערש ווי שוואַרץ און שמוציק, אָבער ביי אַ ראַפינעריע איז עס נישט אַזוי; די רויע נאַפט ווערט אַרייַנגעפירט צוזאַמען דורך אונטערערדישע רערן און אויף דעם זעלבן אופן ווערט זי אַרויסגעפירט.

דעריבער קען אַ ראַפינעריע אויסגעבויט ווערן לויט דער געשמאַק פון אַ יונגן אידעאַליסט, מיט שענע דראָט פאַרצוימונגען, אין וועלכע עס זאָלן וואַקסן ראָזעס און גראָז — און עס זאָלן זיך געפונען שענע וועגעלעך און סטעזשקעס. די ראָסראַפינעריע איז געווען גרויס ווי אַ גאַנץ דאָרף נאָר אַנשטאַט הייזער, זענען מערסטנטייל געווען טאַנקט, קיילעכדיק, לענגלעכדיקע, שוואַרצע רויטע און פּילפאַרביקע.

דער עיקר איז דאָ געווען אַ גאַנצע ריי פון אומגעהייערע דעסטילירקעסל, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ רערנסיסטעם. יעדער פון די דבויקע אַפּאַראַטן איז געווען

אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקענט דערמיט דעקן די באַדערפֿנישן פֿון אַלע אומלעגאַלע אַלקאָהאָל־פֿאַרקויפֿער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. צום ערשטן איז די רויע נאַפֿט געוואָרן דערוואַרעמט ביז אַ געוויסער טעמפּעראַטור, ביי וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ געוויסער פּראָדוקט, אין נעכסטן קעסל איז די איבערגעבליבענע פֿליסיקייט נאָך מער געוואָרן דערוואַרעמט און ווידער אויסגעטיילט פֿון זיך אַ פּראָדוקט, און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער פֿון קעסל צו קעסל די בהדרגהדיקע דעסטילאַציע. דער אויסגעטיילטער פּראָדוקט איז געוואָרן פֿון יעדן קעסל אָפּגעפֿורט אין אַ קאָנדענסאַטאָר און פֿון אים אין זיין אייגענעם טאַנק, אויף אַזאַ אופֿן האָט מען באַקומען בענזין פֿון פֿאַרשידענע סאָרטן, לייכטנדיקן נאַפֿט, געוויינלעכן נאַפֿט, פֿאַרשידענע שמיראייל, דיקן שוואַרצן אַספֿאַלט און ענדלעך גלאַטן ווייסן פּאַראַפֿין.

דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געמוזט זייער זאָרגפֿעלטיק אויסגעפֿירט ווערן און עס איז געווען מעגלעך אַז מען זאָל געפֿינען נאָך נייערע דעסטילירמעטאָדן. הער ראָס האָט געהאַט אַ כעמיקער, וועלכער איז געווען אַן אמתער וווּנדער, ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן פֿון דעם מענטשן צו דערציילן. דער כעמיקער האָט באַקומען זעקסטויזנט דאָלאַר אַ יאָר און אַלע זיינע דערפֿינדונגען האָבן געהערט צו הער ראָס. דורך זיינע דערפֿינדונגען האָט ער שוין זיכער איינגעשפּאָרט דאָס געשעפֿט אַ פּאָר מיליאָן דאָלאַר. דער דאָזיקער כעמיקער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר פֿאָרמולעס אויף דעם טאָוול, און מען האָט שוין געהאַט אַ פּורפּורנעם פֿאַרב־שטאָף, האָט ער צוגעגעבן אַ C און די די פֿאַרב איז שוין געוואָרן גרין.

הער ראָס האָט דעם גאַסט געוואָלט אומבאַדינגט באַקענען מיט דעם כעמיקער. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען אין אַ זייט ווי אויף אַ בערגל האָט זיך געפֿונען די לאַבאָראַטאָריום, אין וועלכער דער כעמיקער האָט זיך געמאַכט זיינע עקספּערימענטן און געקענט אויפֿגעריסן ווערן פֿון זיי מיט דער לאַ-

באָראַטאָריום אינאײנעם, נישט אָנטוענדיק דערבײ קײנעם קײן שאָדן.

דער כעמיקער איז געווען בלאַס, אײנגעבויגן און אינגאַנצן אָן האָר, זײנע אויגן האָבן געפינטלט אונטער די גרויסע ברילנגלעזער. הער ראָס האָט פאָרגעשטעלט מיט שטאָלץ דעם „פּראָפעסאָר ירווינג״ אין דער כעמיקער האָט זײ געוויזן רעטאָרטן מיט גלעזעלעך און זײ דערקלערט, אַז ער וויל איצט אַנדעקן פאַרוואָס נאָרמאַלער העקסאַן און שטאַרקע מעטילציקלאָפּענטאַנע זענען אַזױפיל ווײניקער ווידערשטאַנדס פּעיק קעגן דער היץ אײדער קוילנוואַסערשטאָף פון דעם זעלבן מאָלעקולצוזאַמענשטעל, אויף דעם געביט קענען נאָך ביז אַהער נישט געוועזענע אָבשפּאָרונגען געמאַכט ווערן בײ דער ראַפינאַציע.

נאָכדעם, ווי די דרײ האָבן דאָס אַלץ באַטראַכט, האָבן זײ זיך אומגעקערט צוריק אַהײם און אויפגעגעסן געשמאַק זײער מיטאָג. דערנאָך האָבן זײ זיך אַוועקגעזעצט פּלוידערן.

הער ירווינג האָט זיך אויפגעפירט אויסגעצײכנט; ביז אינמיטן דער נאַכט האָט ער געענטפערט אויף הונדערטער פראַגן פון די וועלט געשעענישן און דערצײלט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין פראַנקרײך און אין גריכנלאַנד.

דער ייִנגער לערער האָט געהאַט קרובים הויכגעשטעלטע פאַרשוינען און האָט געקענט דעריבער די אַלע זאַכן פון זײער אינערלעכע זײט; זײנע מײנונגען זענען געווען אין הסכם מיט די מײנונגען פון הער ראָס: יאָ, עס איז שרעקלעך, וויפיל עס זענען באַגאַנגען געוואָרן. גאָט מײנער, מיר הײסן די יאַפּאַנער פאַרנעמען, סאַכאַלין פּאַכאַלין, ווו עס איז דאָ, קען זײן מער נאַפט ווי אויף דער גאַנצער וועלט. די ענגלענדער ווידער באַזיצן שוין די נאַפטקוואַלן אין מאָסול און רעפערירן די רעגירונג אין באַקו. די פראַנצויזן צוזאַמען מיט די ענגלענדער האָבן זיך צרײנגעריסן קײן פּערסיע, ווי אויך קײן סיריע. און וואָס איז איבערגעבליבן דעם אָנקל סעם?

„ווערנאָן ראָסקאָע״ — האָט דערקלערט הער ראָס, — „גוואַלדע-

שועט, ווייל ער האָט אין באַקו געהאַט דאָס רעכט צו בויערין וואָס פאַר אַ זין האָט עס די באָלשעוויקעס צו פאַריאָגן, צו אַלדי טייוול, און די ענגלענדער אויף זייער אָרט צו באַזעצן ראָסקאָע שרייט, אַז אונדזער לאַנד דאַרף האָבן אַ פּראַקטישן מענטשן פאַר אַ פּרעזידענט, נישט קיין אוניווערסיטעט פּראָ-פעסאָר.

הער ראָס איז אַנטשוויגן געוואָרן, מורא האָבנדיק, אַז ער איז שוין נישט געווען טאַקטפול, אָבער הער ירווינג האָט געלאַכט :

„איר דאַרפט נישט האָבן קיין דאגות, הער ראָס, דעם טי-טול וועל איך קיינמאָל נישט האָבן.״

הער ראָס האָט אַ באַרויקער ווייטער ציטירט די ווערטער פון ראָסקאָע: די נאַכטלייט האָבן דאָ געהאַט אַ לעקציע, פון איצט אָן וועלן זיי גיין צוזאַמען און ביי די נעכסטע וואַלן וועלן זיי שוין מאַכן פאַר אַ פּרעזידענט אַ פּראַקטישן מענטשן.

בוני מיטן לערער האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער דער פאָטער האָט עס נישט באַמערקט. ווען ער האָט זיך באַלט נאָך דעם געפונען אַליין מיט בוני האָט ער געזאָגט.

דאָס איז אַ קלוגער יינג, טיין זון, עס איז אַן אמתער פאַרגעניגן מיט אַזאַ פאַרשטענדיקן מענטש צו רעדן.״

פון די ווערטער קען מען זען, ווי שנעל די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך פאַרשפּרייט!

# IX

בוני האָט פאַרבראַכט אַ פוסטן זומער; ער האָט איבער־געלייענט אַ פּאָר ביכער איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, דורכגעשטודירט עטלעכע געהיימע באַריכטן פון די אויסלענדי־שע אַגענטן פון הער ווערנאָן ראָסקאָ און צוגעזען ווי אויף די בערגלעך פון דעם ראָ־יונאָר־פעלד זענען נייע בוירטורעמס אַנטשטאַנען. בערטיע האָט אָפט צו אים טעלעפאָנירט, פאָדערנ־דיק פון אים, אַז ער זאָל שוין מאַכן זיין „דעביוט״ אין דער געזעלשאַפט און זיך מיט אַ פּאָר פאַרנעמטע יונגע מיידלעך באַקענען.

איינמאָל האָט בוני נאָכגעגעבן און פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אויף אַן אויספלוג, אין דער געזעלשאַפט פון אויסערגע־וויינלעך באַגעדיקע מיידלעך, דער אויספלוג איז געמאַכט געוואָרן הויך אין די בערג, און אַנשטאָט האָט גענומען אין אים אַ גרופּע צו וועלכער עס האָבן געהאַט צוטריט נאָר אויסדערוויילטע. די מאַסנלייט זענען אַרומגעפאָרן אויף שיפלעך און געשווימען, אוי־סערדעם האָבן זיי זיך אויסגעפירט פונקט ווי אין שטאָט, טראָ־גנדיק אויף זיך די פליכטן פון אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, וועל־כעס האָט זיי באַצוואונגען עטלעכע מאָל אין טאָג זיך איבערטון. ביי דעם מיטאָג האָט מען פיל געטרונקען, און דערנאָך האָט מען אונטער די קלאַנגען פון אַ נעגערישן דזשאַז־אָרקעסטער גע־

טאַנצט ביז עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען אויף טאָג. דעמאָלט ערשט האָבן די יונגע מענטשן אַרויסגעריטן, זיי האָבן שפּעט געפרישטיקט אין זענען געשלאָפן נישט מער ווי אַ פּאָר שעה, ביז דער נעכסטער אָפּגערעדטער צייט.

דאָ האָט זיך בוני ערשט באַקענט מיט עלדאָן בורדיק, וועלכער רעכנט זיך שוין צייט צוויי יאָר פאַר בערטיעס חתן. ווי אַזוי די ביידע שטייען איינער מיטן אַנדערן האָט בוני אַליין נישט געוווּסט; דער פאָטער האָט זיך איינמאָל געוואָגט אַ רעד טון פון אַ באַלדיקער חתונה אין אַ שפּאַס, אָבער בערטיע איז באַלד געוואָרן אין כעס:

„איך וועל שוין מיינע זאַכן אַליין איינאָרדנען, איך דאַרף נישט האָבן, אַז עמיצער זאָל זיך אַריינמישן צו מיר.“

איצט האָט בוני באַמערקט, אַז זיי ביידע קריגן זיך זייער אָפט: ער האָט אָפט באַמערקט אַפילו טרערן אין בערטיעס אויגן. בערטיע איז געווען בייז, וואָס עלדאָן וויל פאַרברענגען אין דעם לאַגער נאָר אין דעם סוף פון וואָך, און ער, ווייל זי טאַנצט מיט אַנדערע מענער כדי אים צו באַשטראָפן, אָבער נישט בערטיע? נישט עלדאָן האָבן זיך בוגין פאַרטרויט און ער האָט אויך נישט געוואָלט וויסן.

עלדאָן בורדיק איז געווען דער יינגסטער זון פון אַן אַלטער פריצישער פאַמיליע און קאַליפאָרניע. זייער גוטס איז געלעגן ביי אַנגל-סיטי. די פאַמיליע האָט אַלע צען יאָר פאַרקויפט אַ שטיקל ערד און געהעכערט די פּרייז פון דעם איבערגעבליבענעם אויף אַזאַ שטופּע, אַז זי איז געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער, נישט געקוקט אויף די פערציק פאַמיליענמיטגלידער, וועלכע האָבן אַלע אַרויסגעגעבן אַזויפיל געלט וויפיל זיי האָבן נאָר געוואָלט.

עלדאָן איז געווען אַ שיינער יינגער ספּאָרטסמאַן, מיט אַ קליינער שוואַרצער באָרד, ענלעך צו אַ ענגלישן אָפיציר. ער האָט זיך געהאַלטן גלייך און שטייף און בוני האָט באַלד אַנטדעקט, אַז ער האָט אויך אַ מיליטערישן גייסט. בערטיע האָט געמוזט דערמאָנען פאַר עלדאָנען וועגן די געפערלעכע אידעען

פון איר ברידער, ווייל עלדאָן האָט באַלד אויפגעפּאָדערט בונין אויף אַ שפּאַציר און אים אויסגעפּאָרשט לויט אַלע געזעצן פון דער קונסט. עלדאָן אַליין איז געווען אַן אַמאַסאָר־פּאַטריאָט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און עלדאָן האָט אויך שוין דערקענט די אומגעהייערע געפאַר, אין וועלכער בויי געפינט זיך.

„דאָס איז אַלץ שווינדל" האָט עלדאָן דערקלערט. אונטער אייערע קלינגענדיקע פראַזן פאַרבאָרגן זיך די פאַרשווערער פונקט אַזוי ווי אונטער דעם מאַנטל פון לעגאַליטעט: „פרייהייט פון וואָרט", „בירגעררעכט" און אַזוי ווייטער. די סאָוויעטישע באַרבאַרן האָבן די אַלע פּרינציפּן אומגעוואָרפן; מיר זענען געצוווּנגען זיי מיט זייער אייגן געווער צו באַקעמפן."

בוני האָט העפלעך אויסגעהערט, אין דער צייט ווען עלדאָן האָט אויפגעדעקט די פאַרצווייפלונגען פון דער באָלשעוויעטישער פאַרשווערונג: די דאָזיקע פאַרעטער האָבן נישט נאָר געוואָלט דייטשלאַנד צו העלפן, נאָר זיי אָרגאַניזירן אויך אויף דערגאַנצער וועלט אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וועלכער זאָל אומוואַרפן די רעגירונגען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער, זיי העצן אונטער די נעגער, די הינדוסן, די כינעזער און די מאַכמעדאַנער, זיי זאָלן מאַכן אַן אויפשטאַנד און אַלע ווייסע אויסראָטן. זיי האָבן אויך אין אַמעריקע געהיימע אָרגאַניזאַציעס מיט הונדערט טויזנטער אָנהענגער, זיין דרוק און שטיצן כמעט אַכטהונדערט צייטונגען! וועלכע פּרעדיקן אַלע קלאַסנהאַס. ווי קען גאָר אַן אַנשטענדיקער מענטש מיט אַזעלכע אויסוואורפן סימפּאַטיזירן?

בונין איז אָנגעקומען שווער צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע, אָבער ער האָט נישט נאָכגעגעבן:

„מיר האָבן קיין רעכט נישט צו באַזעצן זיך אין רוסלאַנד, אָדער אין סיביר. לאָמיר די באָלשעוויקעס לאָזן צורו, וועלן זיי אויך אונדז גאָרנישט טון, אונטערדרוקן מיר זייערע געדאַנקען! אַזוי מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז מיר קענען נישט אויפווייזן זייער פאַלשקייט. רייסן מיר אויף פאַרזאַמלונגען און וואַרפן אַריין הונדערטער פון די אנהענגער אין די תפיסות,

אַזוי מאַכן מיר דערמיט די אידעען, וועלכע מיר ווילן אונטערדריקן, נאָר אַ רעקלאַמע. דערמאָנט זיך נאָר דעם פאַל מיט די רוסישע יידישע יינגלעך און מיידלעך. אַלע אונטער צוואַנציק, וועלכע זענען אין ניו-יאָרק אַרעסטירט געוואָרן. זיי האָבן מער גאָרנישט געטון- ווי געטיילט פליגבלעטלעך, און וועלכע דאָס אַמעריקאַנער פאָלק ווערט אויפגעפאָדערט, נישט פירן ווייטער קיין מלחמה מיט רוסלאַנד. דאָך זענען זיי אין תפיסה אַזוי געפייניקט געוואָרן, אַז איינער איז געשטאָרבן. די איבעריקע זענען פאַראורטיילט געוואָרן אויף צוואַנציק יאָר."

אַז עלדאָן בורדיק האָט געזען, אַז בוני פאַרטיידיקט די דאָזיקע אויסוואורפן, איז ער געוואָרן צוערשט היציק און דערנאָך בייז. איטגיכן האָט בוני באַמערקט, אַז אויך די איבעריקע באַהאַנדלען אים אויסערגעוויינלעך קאַלט, און בערטיע האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט פינקלדיקע אויגן:

„דו האָסט מיר מיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע קאַריערע צעשטערט !"

# X

בוני האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער און באַזוכט העגריעטע פשלייוו אין דער שענער זומערוווינונג פון דער פאַמיליע.

דאָס הויז איז געשטאַנען ביי אַ וווּנדערפולן בלאָען לאַגון, אויף וועלכן עס האָבן געשוויכטן ווייסע זעגל שיפן; אויף די גרויסע און געלבלעכע פעלזן האָבן זיך דערהויבן שפּאַנישע בונגאַלאָוס אין די פאַרשידנסטע פאַרבן.

דאָ, טרייבנדיק דאָס שיפל, האָט בוני נאָכאַמאָל געפּרוווט זיינע מיינונגען צו רעכטפערטיקן, אָבער אויך דאָ האָט ער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. העגריעטע האָט געפילט אַ נישט באַזיגבערע אַנטיפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס און בוני האָט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון: זי האָט פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון די פּרויען געהערט. בוני האָט דערקלערט, אַז ער צווייפלט אין דעם אמת פון דער זאַך; איז עס אָבער נאָר מעגלעך געווען צו פאַרפירן מיט העגריעטן אַ שמועס וועגן דער טעמע, אַזוי האָט זי שוין אויפגעהערט צו זיין פאַר אים דער אידעאַל פון ווייבלעכער ריינקייט.

בוני איז אָוועקגעפאָרן מיטן אויטאָ קיין אַנגל-סיטי אין איינגעלאַדן דעם הער ירווינג צום עסן. ער האָט געוואָלט פאַר אים זיין האַרץ אויסדערציילן.

אָבער הער ירווינג האָט נאָך פאַרגרעסערט בוניס צעמי-

שונג, ווייזנדיק אים אַן אַרטיקל אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג פון אַ זשורנאַליסט, וועלכער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, דעם זשורנאַליסט האָט אין שענע ווערטער געשילדערט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פון די באָלשעוויקעס פאַר זייער זאַך.

פופציק פראָצענט פון די פּאַרטיי מיטגלידער געפונען זיך אויף דעם פראָנט, די רוסישע אַרבעטער קעמפן אויף זעקסאונצוואַנציק פראָנטן קעגן זייער פראָנט. אין פינלאַנד האָט דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער גענעראַל מאַנערהיים אויסגעשאָכטן אפשר אַ הונדערט טויזנט מאַן, ווייל ער האָט זיי חושד געווען אין סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס. און דאָס איז געווען מיט דער הילף פון אַמעריקאַנישע האַרמאַטן און מוניציע, אַ סך פון זיינע זעלנער האָבן געטראָגן אַמעריקאַנישע אוניפאָרמען. ווו נאָר די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טרופּן זענען צעקלאַפּט געוואָרן און געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן, האָט דער אַמעריקאַנישער רויטער קרייץ פאַרברענט פאַר גאַנצע מיליאָנען דאָלאַרן מעדיצינען, מוראהאָבנדיק, אַז מען וועט נאָך קענען אָפּראַטעווען דערמיט באָלשעוויסטישע פאַרוווּנדעטע זעלנער.

בוני האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין פּאַראַדיז, ווו ער האָט גאַנצע טעג געלייענט, ער האָט אָנגעשריבן צו פּאַוולן אַ קאַרטל, אַז זיי זענען אַלע געזונט און זייער פאַרנומען מיט פּראָדוצירן אַ סך נאַפט כדי די פיינט פון אַמעריקע צו באַזיגן.

„איך קלער זייער פיל נאָך,”—האָט ער געשריבן צולעצט.

דאָך האָט ער זיך דערנאָך דערמאָנט, אַז קלערן איז אפשר אַ פאַרבאָטענער ענין, און האָט אָנגעשריבן אַ צווייט קאַרטל אין וועלכן ער האָט אים מודיע געווען, אַז אַלע זענען גליקלעך, און אַז אַלץ גייט אין בעסטן אָרדנונג.

אַלס פּאָסטסקריפּטום האָט ער צוגעגעבן:

„איך בין שוין אין אַלע מיינע מיינונגען מסכים מיט טאָם אַקסטאָן.”

בוני האָט זיך איינגערעדט, אַז דער צענזאָר אין ווייטן

סיביר, קען נישט וויסן, אז טאָם אַקסטאָן האָט די אַרבעטער אין פּאַראַדיז אָרגאַניזירט.

צוויי פאַרשידענע, זיך ווידערשפּרעכנדיקע געפילן, נאָר פון דער זעלבער קראַפט, האָבן אין דער צייט געקעמפט אין בונין.

ער איז געווען אין מיליטער אַלס אָפיציר-אַספּיראַנט און געגליט פון פּאַטריאָטיזם. איצט אָבער נאָך זיבן מאָנאַטן פילט ער אין זיך דעם ווונטש צו שרייען „הורא״ פאַר די פיינט פונם פאָטערלאַנד און צו טאַנצן פון פרייד, ווען די אַמעריקאַנישע פאָן דאַרף אָפּטרעטן. יאָ, ער האָט זיך געפרייד פונם גאַנצן האַרצן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די פלענער פון די אַמעריקאַנישע חילות און ענגלישע אָנפירער אין אַרכאַנגעלסק זענען געוואָרן צו נישט. דעמאָלט אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אין דער באַגייסטערונג, וועלכע האָט אָנגעפילט זיין האַרץ אינעם מיליטערישן לאַגער, ווען ער איז אויפגעשפּרונגען פאַרטאָג פון זיין געלעגער און דערזען די נאַציאָנאַלע פאָן פלאַטערן.

וואָלט ער אין יענע טעג געהאַט אַן אַהנונג פון די איצטיקע זיינע געפילן, דאַן וואָלט ער זיך אַליין פאַררעטער אָנגערופן

# X

זייער ווייניק מענטשן האָבן געגלויבט, אַז די רוסן וועט־עס געלונגען צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די חילות פֿון אַלע נאַציעס. די טעלעגראַמעס פֿון די אַנטיבאָלשעוויסטישע פֿראָנטן האָבן כּסדר געבראַכט זעלטענע ידיעות: די אַרמעען פֿון די פֿאַרבינ־דעטע מלוכות האָבן דערגרייכט גרויסע נצחונות, זיי האָבן פֿאַר־נומען פּערם, אָדער אופֿאַ, אָדער אַ וועלכע ס'איז נישט איז אַנ־דערע שטאָט און געמאַכט טויזנטער געפֿאַנגענע.

אין אַ חודש שפּעטער האָבן זיי ווייטער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, די פּאַטריאָטן האָבן זיך געפֿרייד ביז זיי איז אײַנגעפֿאַלן די לאַנדקאַרטע צונעמען אין די בײדע שטעט אויפֿזוכן. דעמאָלט אָבער, האָבן זיי אַנדעקט אַז די צווייטע שטאָט ליגט אפשר צווייהונדערט מייל הינטער דער ערשטער.

מיט דער צייט האָט בוני אַנטדעקט, וואָס דאָס באַדייט, ווען די אַרמייען פֿון די פֿאַרבינדעטע זענען געגאַנגען פֿאָרויס, האָבן זיך די פֿויערן פֿאַרהאַלטן רויק, דערנאָך אָבער האָבן זיי הינטער דעם פֿראָנט געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד און געצוווּנגען די זעלנער אָפּצוטרעטן.

די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז אומעטום געווען שטאַרק, זי האָט זיך פֿאַרשפּרייט פֿון אַרכאַנגעלסק ביז קרים. קיין שום נצחון פֿון די פֿאַרבינדעטע איז נישט געווען קיין אַנטשיידענער.

דער אַדמיראַל קאָלטשאַק איז דורכגעגאַנגען גאַנץ סיביר און דער גענעראַל דעניקין האָט איינגענומען אוקראַינע און איז צוגעגאַנגען ביז הונדערטפינפאונצוואַנציק מייל פאַר מאָסקווע,—אָבער דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט.

ווען עס איז פאַריבער דער זומער און דער האַרבסט, און עס איז אָנגעקומען דער ווינטער, איז געשען עטוואָס שרעקלעכערס; אין די חילות פון די גרויסמאַכטן האָבן זיך באַוויזן סימפּטאָמען, אַז אויך זיי גיבן זיך אונטער דעם שרעקלעכן גיפט פון דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע; עס איז געווען שוין דער צווייטער ווינטער נאָך דעם וואַפנשטילשטאַנד, די זעלנער האָבן געוווסט, אַז דער קריג האָט זיך שוין פאַרענדיקט, פאַרוואָס לאָזט מען זיי נישט אָפּ? און עס איז מקוים געוואָרן איצט דאָס שרעקלעכע נביאות, פון עלדאָן בורדיקס? די מאַטראָזן פונם פראַנצויזישן פלאָט אויף דעם שוואַרצן ים האָבן זיך צעבונטעוועט, באַזיגט זייערע אָפיצירן און פאַרכאַפּט אַ פּאָר קריגס שיפן. אויך די דייטשע זעלנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געווינען צוריק די ערע פון דייטשלאַנד דורך דעם באַקעמפן די באָלשעוויקעס, און די ענגלישע זעלנער האָבן נישט געוואָלט אַרויפגיין אויף די שיפן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּגיין קיין אַרכאַנגעלסק.

דאָס אומהיילעכסטע אָבער איז געווען דער בונט אין דער אַמעריקאַנישער אַרמיי; דער ערשטער בונט אין דער געשיכטע פון די „שטאַטן”. האָלצהעקער און פּויערבייגן פון מיטשיגאַן, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן אייף דעם ווייטן צפון, און איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער קאָמאַנדאָ פון ענגלישע אָפיצירן, האָבן ביי פופציק גראַד קעלט און אויסגעהונגערטע באַקומען אַ באַפעל צו דערשיסן אַפגעריסענע רוסישע אַרבעטער,—און זיי האָבן צוריקגעהאָרפן דאָס געווער!

די צייטונגען האָט דעם פאַרפאַל פאַרריבן, אָבער ער איז געווען באַקאַנט די העכערע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע קרייזן, אין יענע געביידעס, ווו פאַטריאָטישע הערן און דאַמען

שמידן די פּלענער פאַר דער צוקונפט פון דער וועלט.

אין אָקטאָבער האָבן די פאַרבינדעטע געמאַכט זייערע לעצטע מיליטערישע אָנשטרענגונגען. זיי האָבן אויפגעשטעלט דעם צאַרישן גענעראַל יודעניטש ער זאָל גיין אויף פּעטראָגראַד, און אום געגעבן מוניציע וויפיל ער האָט באַדאַרפט און זעלנער פון די פאַרשידענסטע נאַציעס. דער גענעראַל איז געקומען ביז עטלעכע מייל פאַר דער שטאָט, און די סאָוויעטישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין מאָסקווע. אָבער די האַלב אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע, באָלשעוויקעס האָבן די פיינט געטריבן צוריק אין זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט אפילו געבראַכט צו אַ רעוואָלוציע אין אונגאַרן און אין בייערן.

אפילו אין אַמעריקע זענען פאָרגעקומען אויסטערלישע זאַכן, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָבלאַוועס, אַרעסטן, פאַרפאָלגונגען און פאַרשיקונגען, האָבן דאָך אַ סך מענטשן אַרויסגעזאָגט אָפן זייערע מיינונגען: מיר האָבן נישט קיין רעכט צו פירן מלחמה, מיט אַ פרידלעך פאָלק, דער פאַקט, וואָס צו אַמעריקאַנישע זעלנער שוין נאָך דעם פאַרענדיקן דעם קריג, קערן זיך נאָך אַלץ נישט אום אַהיים, האָט ארויסגערופן אַלץ מער און מער אומצופרידנהייט. „ראַדיקאַלע" צייטונגען זענען געוואָרן פאַרשפרייט און אין די גרויסע שטעט האָט מען שוין מער נישט געקענט שטערן עס זאָלן פאָרקומען מאַסנפאַרזאַמלונגען.

געוויס איז געווען שווער דעם פּראָטעסט אויף אַ מער ענערגישן אופן אויסצודריקן, ווייל די רעגירונג האָט זיך געפונען אין אַ מערקווירדיקער לאַגע. דער פּרעזידענט איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד כדי צו מאַכן קלאָר דעם פאָלק, אַז ער מוז זיין צופרידן מיט די שלום-באַדינגונגען. ער איז אויך געקומען קיין אַנגל-סיטי, ווו דער פאָטער מיט בונין האָבן אויך געהערט זיין רעדע,—אין אַ גרויסן זאַל, אין וועלכן עס איז אַריין אַ צענטויזנט מאַן, וועלכע מען האָט אָנגעוויזן, ווו זיך צו זעצן און ווי אויפצושטיין און הויך צו שרייען, אַלץ אויף אַ סיגנאַל.

די שטים פון דעם גרויסן מאַן איז געווען געפּרעכט אַ פיגערדיקער רויטקייט האָט אויף זיינע באַקן געשפּילט, זיינע אַרגומענטן זענען געווען פּונקט אַזוי שוואַך, ווי זיין אויסערלעך אויסזען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געוואָרן באַקאַנט אַז ער איז קראַנק געוואָרן און אַז מען האָט אים שנעל צוריק קיין וואַשינגטאָן אָפּגעפירט, איצט איז ער דאָ געלעגן אַ הילפלאָזער, האַלב באַוווסטזיניקער קראַנקער, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן אָנגעפירט פון אַן אויסטערלישן טריאומוויראַט: פון אַ קאַטוילישן פּריוואַטסעקרעטאַר, אַ מיליטערישן אַרצט און איינער פון די עלעגאַנטסטע וואַשינגטאָנער דאַמען.

דאָך, זעט אויס אַז עס האָט נאָך געשלומערט אין קאַבינעט אַ פונק פון פאַרשטאַנד, וועלכער האָט אַנערקענט די אַלמער וואַקסנדיקע סכנה ווי אין אויסלאַנד, אַזוי אין דער היים. ווען בוני האָט אין די ביי-יאָר-יום-טובים אין פּאַראַדיז וואַכטעלן געשאָסן און זיך צוגעקוקט צו דעם וווקס פון דער ראָס-קאָנסאָליראַט, געזעלשאַפט, איז ער אין שענעם פרימאָרגן געגאַנגען אַנטקעגן דעם אויטאָ, וועלכער האָט אַלע טאָג די פּאָסט געבראַכט.

בוני האָט צענומען דאָס בלאַט און אויף דער ערשטער זייט איבערגעלייענט אַ טעלעגראַמע פון וואַשינגטאָן: די מיליטערישע אָנפירונג האַלט עס שוין מער נישט פאַר נויטיק די סיבירישע באַנליניע צו באַשיצן. די יאַפּאַנער וועלן איבערנעמען די דאָזיקע אויפגאַבע און די אַמעריקאַנישע זעלנער וועלן זיך אומקערן אַהיים.

בוני האָט אויסגעשריגן פון פרייד, שנעל אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין און רותן צוגערופן:

„פּאַול קומט צוריק, פּאַול קומט צוריק!"

# קאַפּיטל עלף

## די פאַרשווערונג.

### I

אין דער דרום-פּאַציפיק אוניווערסיטעט זענען די געזעלשאַפטלעכע גרענעצן שטילשווייגנדיק, נאָר שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. אַ ייִנגערמאַן פון בוניס רייכקייט, מיט אַזאַ אויסערלעכער שיינקייט און אַזעלכע גוטע מאַניערן האָט, פאַרשטענדלעך, פאַרקערט נאָר מיט די מיטגלידער פון די פּרויען און מענער „פאַרבאַנדן”. האָט זיך אַ נעגער-ייִנג אַרויסגעוויזן פאַר אַ באַזונדערס גוטן רעדנער אָדער אַ פּראָלעטאַריער פאַר אַ זייער גוטן שטורמער, אַזוי האָבן ביידע געקענט רעדן, אָדער שטורמען, אויף אַ טיי, אָבער אויף אַ טאַנצאָוונט אָבער זענען זיי נישט געוואָרן איינגעלאַדן, זיי האָבן אויך נישט געקענט פאַרנעמען קיין הויכע פּאָסטנס אין די סטודענטאָרגאַניזאַציעס.

בוני ראָס אָבער האָט זיינע פּריינט אָנגעטון צרות, ווייל ער האָט פאַרעקשנט קאָקעטירט מיט „געפערלעכע אידעען”. פאַרשטענדלעך, אַז אויף דעם אוניווערזיטעט האָבן זיך געפונען פיל פּשוטע בחורים, וועלכע האָבן שטענדיק זיך געפלייסט אַריינצובאַקומען אַהין, ווו מען האָט זיי געהאַט נישט גערן, און וועלכע האָבן אפילו, אויב עס איז נאָר אויסגעקומען, די אַמעריקאַנישע אונטערוועגן אין רוסלאַנד אָנגעגריפן, אַבי נאָר צו קומען אין פאַרבינדונג מיט דעם פּאַר. אַזוי אַרום האָט זיך בוני באַקענט מיט פאַרשידענע חברים. צווישן אַנדערע אויך

מיט פֿעטער נאַגל, וועמענס פֿאָטער עס איז געווען דער פֿאַרזיצנדער פֿון אַ „ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט“ און וועלכער האָט געהאַט, ווי עס זעט אויס, נאָר איין לעבנסציל: ביי יעדער געלעגנהייט מודיע צו זיין, אַז אַלדאָס מיאוס שטאַמט פֿון אָבערגלויבן און אַז די מענטשהייט וועט ערשט דעמאָלט קענען מאַכן פֿאָרשריט, ווען זי וועט אויפֿהערן גלויבן אין גאָט. מען קען זיך פֿאָרשטעלן ווי באַליבט פֿעטער נאַגל איז געווען אויף דעם אוניווערסיטעט, דער לערער פּערסאָנאַל פֿון וועלכן עס האָט געמוזט באַשטיין בלויז פֿון גלויביקע מעטאָדיסטן!

פֿעטער האָט אַזוי אויסגעזען, ווי אַזאַ חברה־מאַן דאַרף אויסזען: אַ גרויסער פּירעקיקער קאָפּ, אַ ברייט מויל מיט גרויסע ציין, געדיכטע, געלע האָר, וועלכע האָבן אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויערן און פֿון וועלכע עס זענען געפֿאַלן אויפֿן קאָלנער ווייסע שיבענעס, אַ ראָק, וועלכער האָט נישט געפּאַסט צו די הויזן. אויסערדעם האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער היים דאָס עסן אין אַ שיסעלע.

דערנאָך איז געווען דאָ גרעגאָר ניקאָלאַיעוו. גרעגאָר איז געווען זייער ליבלעך ווען מען האָט אים בעסער געקענט, עס איז אָבער געווען שווער אים בעסער צו דערקענען. ער האָט גערעדט מיט אַן אויסטערלישן אַקצענט און אין מינוטן פֿון אויפֿרעגונג האָט ער פֿאַרגעסן די ענגלישע ווערטער. מיט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און גערונצלטן שטערן. איז ער געווען פֿאַר די סטודענטן די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ באָלשעוויק. גרעגאָרס פֿאָטער האָט זיכער געהערט צו אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט מיט די באָלשעוויקעס געקעמפֿט. נאָר ווי האָט מען געקענט דערקלערן די סטודענטן דעם אונטערשיד צווישן סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, סינדיקאַליסטן, אַנאַרכיסטן, אַנאַרכאָקאָמוניסטן, סאָציאַלדעמאָקראַטן, סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן, פּאַציפֿיסטן, אַלטרויסטן, וועגעטאַריער, אַנטיוויוויסעקציאָניסטן און פֿיינט פֿון טויטשטראָף?

צו בוניס נייע פֿריינט האָט אויך געהערט רחל מענציעס, וועלכע האָט געשטאַמט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז טאַקע אויסגע-

וועלט געוואָרן פונם רבונו-של-עולם, אָבער נישט פון דער אויבנ־דערמאָנטער סטודענטנשאַפט. רחל איז געווען אין איר מרה־שחורהדיקייט אויף דעם אויסלענדישן שטייגער אַ גאַנץ שיין מיידל; זי איז געווען קליין און האָט נישט געהאַט קיין שום פּרעטענזיעס אויף עלעגאַנץ, זי האָט געטראָגן וואָלענע זאָקן און אַ בלוזע, וועלכע האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צום פּאַלטאָ. מען האָט געמורמלט, אַז איר פאָטער אַרבעט אין אַ קאָנפעק־ציעפאַבריק און אַז איר ברודער פּרעסט הויזן, כדי איר מעג־לעך צו מאַכן דעם שטודיום.

און אָט האָט זיך דער אַנטדעקער און יורש פון די ראָס יוניאָר נאָפּטפּעלדער באַוויזן עפנטלעך מיט דעם דאָזיקן מענטשן און אפילו געפּרוווט זי באַקענען מיט זיינע חברים.

דער אָרעמער בוני האָט געהאַט אויסצושטיין פון ביידע זייטן.

„האָב מער נישט די העזה"—האָט געזאָגט בערנס. וועל־כער איז געגאַנגען אויף אַ העכערן סעמעסטער,—„מיר ווייטער פאַרצושטעלן דיינע יידישע פרויען!"

„איר הערט,"—האָט רחל מענציעס געזאָגט.—„שטעלט מיר מער נישט פאָר אַזעלכע מאָדע מאַלפּעס!"

בוני האָט פּראָטעסטירט, ער איז געווען אין דער מיינונג, אַז די פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן דאַרפן זיך קעגנזייטיק באַ־קענען, נאָר רחל האָט דערקלערט, אַז דאָס איז קעגן איר זעלבסט־באַוווסטזיין.

„איר זענט קיינמאָל נישט, הער ראָס, באַהאַנדלט געוואָרן פון אויבן אַראָפּ, אָבער מיר יידן לערנען זיך אויס פריצייטיק די לעקציע: נישט צו גיין אַהין, וווּ מען האָט אונדז נישט נערן."

„פרייליין מענציעס, ווען איר גלויבט אָבער אין אייערע אידעען, אַזוי מוזט איר דאָך זיי פאַרשפּרייטן און אויך אַנדערע מענטשן איבערצייגן."

„אַ דאַנק. אין מיינע אידעען גלויב איך טאַקע, אָבער נישט אַזוי, אַז איך זאָל דאָנאַלד בערנס קענען אויפקלערן."

„פון וואַנען ווייסט איר דאָס? אָט האָט איר דאָך אויך מיר אויפגעקלערט, כאָטש איך געהער נישט צו דעם פּראָלעטאַריאַט."

בוני איז געוויער געוואָרן, אַז רחל איז אַ מיטגלידערין פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זי איז געווען נישט נאָר „ראָסן" נאָר אויך „קלאַסנבאַוווּסט".

רחל האָט מודה געווען, אַז בוני איז אַ מענטש פון אַ מיליאָן, וועלכער איז אומשטאַנד צו גלויבן אין אַזעלכעס, וואָס איז קעגן זיינע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן.

אָבער בוני האָט נישט געזען אין זיך קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. ער האָט אין קיין פאַל נישט געשטרעבט צו ווערן אַ גלענצנדיקער, באַרימטער פירער, דאַקעגן האָט ער אַליין געזוכט אַן איבערצייגטן מענטשן, אויף וועלכן ער זאָל זיך קענען שטיצן און וועלכן ער זאָל זיך קענען איינגאַנצן אָנפאַרטרויען. אייניקע פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט ער געפונען אין הענריעטע עשלייוו, אַנדערע אין רחל מענצעס, וועלכע האָט גאַנץ גענוי געוווּסט, וואָס זי האַלט פאַר ריכטיק, און עס אַרויסגעזאָגט אַנטשלאָסן און אָפן, וואָס האָט געווירקט, ווי אַ בליצשטראַל אין דעם בין־השמשות פון דער דרום פּאַציפיק־קולטור.

בונין האָט שטאַרק געערגערט דער קעגנזאַץ צווישן זייער צוויי אויטאָריטעטן; עס האָט אפילו אויפגעוואַקסט אין אים אַ חשד, אַז דער אמת מוז זיין נישט אַנשטענדיק, און פאַרקערט די אַנשטענדיקייט נישט אמת. ווייל הענריעטע האָט געהאַלטן רחלען פאַר אַן „אוממעגלעכעס" מיידל, און ווען רחל האָט געוואָלט זידלען בונין, האָט זי באַהויפּטעט, אַז בוני געהער אייגנטלעך צו הענריעטן, און אַז ער איז פון זיין גאַנג באַשאַפן געוואָרן דערצו ער זאָל זי אין דער קירך באַגלייטן.

# I

אין די דאָזיקע טעג פון צעמישונג האָט בוני געפונען אַ שטיקל טרייסט אין בילי זשאָרזש, דעם ברייטפּלייציקן אַנגלאָזאַקס, וועלכער איז נאָך דערצו געווען אין אַ העכערן סעמעסטער. בילי האָט דערקלערט:

„דו האָסט רעכט, מיר מוזן עפּעס טון, כּדי אונדזערע אידעען מאַכן פאַרשטענדלעך אויך פאַר די איבעריקע סטודענטן. ווי וואָלט געווען, ווען מיר אָרגאַניזירן אַ קליינע גרופּע, אַ געזעלשאַפט צו שטודירן די רוסישע פּראָבלעמען, אָדער עטוואָס ענלעכעס? דו קענסט בעטן דעם הער ירווינג, ער זאָל אונדז מיטהעלפן, אפשר וועט ער אויך אַריינטרעטן אין דער געזעלשאַפט, עס וואָלט געווען גוט צו געווינען די אונטערשטיצונג באַטש פון איין לערער.”

בוני האָט מסכּים געווען און האָט אויפגעזוכט דעם הער ירווינג, אָבער דער האָט באַלד דערקלערט, אַז ער קען קיין שום עצות נישט געבן, ווייל אַנישט וועט ער זיין שטעלע פאַרלירן, די סטודענטן מוזן האַנדלען זעלבסטשטענדיק, דער ייִנגער לערער האָט נאָר איין און איינציקע עצה געגעבן: זיי זאָלן זיך נישט באַנוצן מיטן וואָרט „רוסיש” און אויסוועלן אַן אַנדער וואָרט, ווי אַ שטייגער „ליבעראַלער קלוב” אָדער „געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען.”

בוני האָט נאָך אַ פאָרלעזונג אין דער אודיטאָריע זאַל אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיין שמועס מיטן לערער. בילי זשאָרזש האָט דערקלערט, אַז דער לערער האָט נישט באַוויזן באַזונדערס פיל מוט. רחל מענציעס האָט אויפגעברויזט:

„מיר דאַרפן אים נישט משפטן דערפאַר, מיר וויסן אַלע אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע עס געפינען זיך די לערערס; עס איז זייער רעכט אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן, און וואָס האָט איר דען, דער זשאָרזש עפנטלעך געטון, וואָס איר נעמט זיך דאָס רעכט אַנדערע צו אורטיילן?"

„וואָס קען איך טון?"

רחל איז נישט געבליבן הינטערשטעליק אין פאָרשלאָגן.

„פאַרוואָס נישט גרינדן אַ סטודענטנצייטונג? פיר זייטן, איינמאָל וועכנטלעך, אָדער מאָנאַטלעך. דאָס וועט ווייניק קאָסטן און די צייטונג וועט באַשטימט האָבן דערפאָלג. שטעלט אייך נאָר פאָר וויפל מענטשן עס וואָלטן גערן געלייענט די בריוו פון סיגיר, וועלכע הער ראָס האָט אין זיינער צייט דערהאַלטן. ווען מיר דרוקן אָפּ דעם בריוו, וואָלט דער גאַנצער אוניווערסיטעט געוועזן איבערראַשט. איר קענט זיין דער אַרויסגעבער און איך בין גרייט מיין טייל קאָסטן צו געבן."

וואָס פאַר אַן איראָניע עס האָט געשטעקט אין די ווערטער לגבי דעם געוואַלטיקן אומזאַץ פון אייזערנע רערן, וועלכע בילי'ס פאָטער האָט געמאַכט אין אַלגאַ-סיטי!

זיי האָבן אַרומגערעדט ערנסט די אָנגעלעגנהייטן. בילי האָט דערקלערט, אַז ער קען קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכונג נישט טראָגן.

„מיין פאָטער וועט מיר נישט לאָזן לענגער גיין אין אוניווערסיטעט, ער וועט מיר אין דער ביורא אַריינזעצן."

אַלע אויגן האָבן זיך איצט מעכאַניש געווענדט צו בוניין. ווי איז זיין מיינונג?

בוני האָט דערפילט ווי דאָס גאַנצע בלוט קומט איבער אין פּנים אַריין. געוויס האָט ער געהאַט דעם ווונטש אויך אַנ

דערע אויפקלערן זיינע אידעען, אָבער אויף אַ שטילן ווירדיקן פּריוואַטן אופן. אַ צייטונג אָבער וועט אָנמאַכן אַ רעש, רחל מעגציעס, זעט אויס, האָט גאָרנישט מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, אָבער העגריעטע? בלויז דער געדאַנק וועגן דעם וועט זי שוין אויפרעגן, און אויך דער פאָטער וועט ווערן צוליב דעם אויף שטענדיק שוין אַ פיינט פון דער גאַנצער „בילדונג."

בוני האָט דעריבער אויך געמוזט אַרויסזאָגן. „ניין", און רחל האָט דערקלערט:

„שוין גוט, איר האָט אַלע גרונטלעכע תרוצים. איך טאַדל קיינעם נישט, אָבער קיינער פון אייך טאָר נישט פאַרוואַרפן דעם הער ירווינג אין מאַנגל פון מוט".

# III

אין קורצן האָט בוני געלייענט אין דער צייטונג אַז קיין סאַן־פראַנציסקאָ איז אָנגעקומען די שיף מיט צווייטויזנט מאַן פון סיביר. פאָולס קאָמפּאַניע איז אויך געווען דאָ, בוני האָט רותן מיטגעטיילט די ידיעה טעלעפאָניש און געבעטן זי זאָל אים באַלד געבן צו וויסן, אויב זי וועט האָבן עפּעס נייעס.

צוויי טעג שפּעטער האָט רות מודיע געווען, אַז פּאָול איז שוין אָנגעקומען קיין פּאַראַדיז.

עס איז געווען פרייטיק, בוני האָט דורכגעלאָזט די באָטאַניקע פאָרלעזונגען און אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ. דער פּאָטער איז פּונקט געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין לאָבאָס ריווער.

פּאָול איז כמעט צוואַנציק חדשים נישט געווען אינדערהיים און בוני האָט געפיבערט פון אויפרעגונג.

דער ערשטער קוק אויף זיין פריינט האָט אים איבערגעשראָקן, אַזוי עלנט און מאָגער האָט ער אויסגעזען.

פּאָולס פּנים איז געווען געל און די קליידער זענען אויף אים געהאָנגען.

„ביסט געווען קראַנק?—האָט בוני אויסגערופן.

„יאָ, אָבער איצט ווערט מיר שוין בעסער."

„דערציילט, פּאָול, ווי איז דיר געגאַנגען?"

„עס איז שוין גראָד נישט געווען קיין פּיקניק."

פאול, זעט אויס, האָט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער ענט־פּער האָט צופרידנגעשטעלט דעם פּרינץ און דער שוועס־ער נאָך אַזוי לאַנג שווייגן.

זיי האָבן זיך געפונען אין דער אַלטער ראַסקום־פּערמע, ווי ווית מיט פּאַוולען האָבן צוערשט געווינט, דאָס מיידל האָט צוגעגרייט אַ בעסערן אָונטבּרויט, אָבער פּאַוול האָט זייער ווייניק געגעסן דערקלערנדיק, אַז ער האָט מורא צו עסן גוטע מאכלים. ביי דעם אָונטבּרויט האָט ער דערציילט פון מאַנילאַ, ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, פון אַ שטורם אויף דעם שטילן אָקעאַן, אָבער קיין איין וואָרט נישט פון סיביר.

דאָס האָט, פאַרשטענדלעך, לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן.

נאָך דעם עסן האָט זיך פּאַוול אַנידערגעזעצט אין אַ פאָטעל און בוני האָט געזאָגט:

„הער מיך אויס פּאַוול, איך האָב די גאַנצע צייט זיך געפלייסט צו פאַרשטיין די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר אין רוסלאַנד, געקעמפט צוליב דעם מיט פאַרשידענע לייט און איך האָב אַלץ גערעכנט אויף דיר, אַז דו וועסט מיר שוין דעם אמת דערציילן. איך בעט דיך, דערצייל וויניקסטנס וואָס דו האָסט איבערגעלעבט.”

פּאַוול האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק, זיין געזיכט האָט שטענדיק געהאַט אַ שטרענגען אויסזען, איצט איז דאָס נאָך געוואָרן בולטער דורך דער מאָגערקייט. עס איז געווען גלייך צו אַ מאַסקע פון ליידן.

„וואָס איך האָב איבערגעלעבט?”—האָט ער איבערגעחזרט לאַנגזאַם. עס האָט אויסגעזען, ווי ער שטרענגט זיך אָן כדי זיך צו דערמאָנען,—„איך וועל אייך זאָגן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט: מען האָט מיר פאַרנאַרט.”

„פאַרנאַרט?”—האָבן רות מיט בונין אויסגערופן גלייכצייטיק.

„יאָ, איך בין אַריינגעטרעטן אין מיליטער כדי צו מאַכן אומשעדלעך דעם קייזער, אין דער אמתן אָבער בין איך געוואָרן פאַרנאַרט פון די באַנקירן און געצוווּנגען צו אַרבעטן אַלס שטרייקברעכער.”

רות מיט בונין ד'האָבן פֿאַרווּנדערס אָנגעקוקט פֿאַולן.

„דערמאָנסט זיך אין דעם נאָפּסשטרייק, בוני? אין די „שומרים", וועלכע זענען אַהער אַראָפּגעשיקט געוואָרן פֿון דעם אַרבעטסגעבער פֿאַרבאַנד? שטאַרקע יינגן מיט ביקסן, וואַרעמע קליידער, רעגנמאַנטלען און נישט דורכנעצנדיקע היטלען. איך האָב אַנדערהאַלבן יאָר אויסגעפֿולט די אַרבעט פֿון דידאָזיקע לייט, איך האָב דערשטיקט אַ שטרייק פֿאַרן ווילזיין פֿון די באַנקירן. די וועכטער אין פּאַראַדיז באַקומען צען דאָלאַר אַ טאָג; אַז זיי די אַרבעט נישט געפֿעלן געוואָרן, אַזוי האָבן זיי זיך געקענט גיין; איך האָב באַקומען דרייסיק דאָלאַר אַ מאָנאַט, און וואָלט איך געפּרוּווט אַוועקגיין, אַזוי וואָלט מען מיר דערשאָסן. די באַנקירן האָבן געהאַט די אויבערהאַנט".

אַ רגע איז ער געבליבן שטיל. דערנאָך האָט ער ווידער גערעדט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן; עס האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל די זאַכן, וועגן וועלכע ער דערציילט, גוט באַטראַכטן.

„צוערשט האָבן די פֿאַרבינדעטע איינגענומען וולאַדיוואָסטאָק. די שטרייקנדע האָבן פֿריער געהאַט די שטאָט און אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. זיי האָבן נישט געשטעלט קיין גרויסן ווידערשטאַנד, ווייל מיר זענען זיי איבערפֿאַלן פּלוצים. עטלעכע פּאָרטאַרבעטער וועלכע האָבן געפּרוּווט פֿאַרטיידיקן אַ געביידע, האָבן מיר צעשאָסן. די שטרייקנדע האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסע לויה, געבראַכט די מתים, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט רויטע פֿענער פֿאַר דעם אַמעריקאַנישן קאָנסולאַט און געטראָגן טראַנספּאָרענטן, אויף וועלכע עס איז געווען אויפֿגעשריבן די פֿראַגע פֿאַרוואָס מיר האָבן דערשאָסן זייערע חברים. עס איז גראָד געווען דער פֿערטער יולי; מיר האָבן געפֿייערט דעם טאָג פֿון אונזער רעוואָלוציע און די מענטשן האָבן נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס באַקעמפֿן מיר זייערע. פֿאַרשטעדלעך, אַז מיר האָבן נישט געקענט געבן קיין ענטפֿער. קיינער פֿון אונדז האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס. פֿאָמעלעך אָבער האָבן מיר אָנגעהויבן געוווירער ווערן די סיבה."

פּאַוול איז אַנטשוויגן געוואָרן און בוני האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין מער נישט רעדן:

„ווי אַזוי זענט איר געוויער געוואָרן די סיבה, פּאַוול?"

„אויסערהאַלב דער שטאָט, ביי דער באַנליניע איז געלעגן געווער אפשר אויף אַ צוואַנציק-אַקרדיקן שטח און אויף אַ צוואַנציק פיס די הויך: האַרמאַטן, גראַנאַטן, לאָקאָמאָטיוון, שינעס, מאַשינעס, לאַסטאויטאָס. אייניקע זענען נאָך געווען גוט פּאַרפּאַקט, אַנדערע ווידער זענען אפילו נישט געווען איבערגעדעקט און זיך געוואַלגערט אויף דעם רעגן און לאַנגזאַם פאַרזונקען אין בלאָטע. דער ווערט פון די דאָזיקע אוצרות האָט באַטראָפן אומגעפער אַ הונדערט מיליאָן דאָלאַר. זיי זענען געבראַכט געוואָרן אַהער מיט שיפן און געזאָלט טראַנספּאָטירט ווערן דורך רוסלאַנד. דאָ אָבער האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און זיי זענען געבליבן ליגן. אונדזער אויפגאַבע איז געווען זיי צו שיצן. צוערשט האָבן מיר געגלויבט, אַז דאָס געהער אַלץ צו אונדזער רעגירונג, שפּעטער אָבער האָבן מיר זיך דערוווּסט דעם אמת: די מאַשינען, האַרמאַטן און אַזוי ווייטער זענען געקויפט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג פאַר דער רעגירונג פון די צאַרן און מיט הלוואות באַצאָלט געוואָרן. ווען אַמעריקע איז אַריינגעטרעטן אין קריג האָבן מאָרגאַן און קאָמפּאַני איבערגענומען פון דער ענגלישער רעגירונג די הלוואות, די זאַכן האָבן שוין אַזוי אַרום געהערט צו מאָרגאַנען און מיר האָבן אומגעוואָרפן די רעגירונג פון וולאַדיוואָסטאָק כדי די דאָזיקע זאַכן אָפּצוהיטן פאַר זייַנעטוועגן."

„פּאַוול — האָט בוני געפרעגט אַ טרויעריקער, — „ווייסט דאָס אויף זיכער?"

פּאַוול האָט זיך צעלאַכט, עס איז אָבער נישט געווען קיין פריילעך געלעכטער.

„צי איך ווייס דאָס? הער מיר אויס, מיין זון. די אַמעריקאַנער האָבן אַרויסגעשיקט צוויי הונדערט אַכציק טאַן כדי צו האַלטן אין אָרדנונג דעם באַן-פּאַרקער: אייזנבאַן-באַאַמטע, אינ-

זשיניערן און טעלעגראַפיסטן. זיי האָבן אַלע געטראָגן אַ מיליטערישן אוניפאָרם און דער נידריקסטער ראַנג ביי זיי איז געווען אונטערלייטענאַנט. פאַרשטענדלעך אַז מיר האָבן געגלויבט אַז אויך זיי זענען ווי אונדז אַ טייל פון דעם מיליטער. אָבער זיי האָבן באַקומען פאַנטאַסטישע פענסיעס, וועלכע זענען געוואָרן אויסגעצאָלט נישט פון דער מיליטערישער לייטונג, נאָר מיט טשעקס פון דער וואָל-סטריט-באַנק! איך האָב געזען גאַנצע טוצן אַזעלכע טשעקן. עס איז געווען אַ פריוואַטע עקספּעדיציע, וועלכע האָט באַדאַרפט קאָנטראָלירן די באַנליניע און די אינטערעסן פון די באַנקירן.״

„צוליב וואָס, פאַוול?״

„איך האָב דאָס דאָך אויך געזאָגט: כּדי דעם שטרייק צו דערשטיקן, דעם גרעסטן שטרייק פון דער וועלטגעשיכטע, וועלכן עס האָבן אויפגעהויבן די רוסישע פּראָלעטאַריער קעגן די גיטבאַזיצער און באַנקירן. און מיר האָבן באַדאַרפט די אַרבעטער באַזיגן און די פּריצים און באַנקירן ווידער אַרויפזעצן אויף דעם זאָטל! דאָ און דאָרט האָבן זיך צונויפגעשלעפּט אַנטלאָפענע, אַ מאָליקע צאַרישע אָפיצירן, גרויספירשטן, מיט זייערע ווייבער, פּריצים מיט זייערע פאַמיליעס. זיי זענען זיך צונויפגעקומען צוזאַמען און זיך דערקלערט פאַר אַ רעגירונג. דעמאָלט האָבן מיר באַדאַרפט ווי אַם שנעלסטן זיי באַזאָרגן מיט מוניציע: זיי האָבן געדרוקט פּאַפּיר געלט, געדונגען אַ פּאָר אַוואַנטוריסטן און געצוווּנגען די פּויערן אַרייַנטרעטן אין זייער אַרמיי. מיר האָבן טראַנספּאָרטירט דאָס מיליטער אויף דער אייזנבאַן, ערגעץ־ווו איז אַ סאָוויעטנרעגירונג געוואָרן אומגעוואָרפן און הונדערטער, טויזנטער אַרבעטער זענען געוואָרן צעשאָסן. דאָס איז געווען מיין אַרבעט אַנדערהאַלבן יאָר אָן אַן אויפהער. ווונדערט עס אייך נאָך, „וואָס איך בין קראַנק?״

„פאַוול האָסטו געמוזט טויטן מענטשן?״

רות שטום איז געווען פול מיט אויפרעגונג.

„ניין, איך גלייב נישט, אַז כ׳זאָל האָבן עמעצן דערהרגעט. איך בין געווען אַ צעסליער און האָב געמוזט קעמפן נאָר מיט

יאפּאנער, וועלכע זענען מכּלומרשט אָפיציעל געווען אונדזערע פאַרבינדעטע. די יאַפּאַנער האָבן געוואָלט דאָס לאַנד איינגעמען דערפאַר האָבן זיי געוואָלט, אַז די רויטע זאָלן זיגן. דאַקעגן דער זיג פון די ווייסע איז פאַר זיי געווען נישט געווונטשן. זיי האָבן געפעלשט דאָס געלט פון די „ווייסע רעגירונגען״, און איינגעקויפט פאַר דעם געפעלשטן געלט אַלץ: באַנקן, האָטעלן, קראָמען, ערד, זיי זענען געוואָרן די פינאַנציעלע באַלעבאַטים און האָבן צעשמעטערט מיט זייער אייגן געלט די ווייסע רע־גירונג.

אונדזער אָנוועזנהייט און דער פאַקט וואָס מיר האָבן גע־האָלפן די ווייסע האָט זיי אויפגערעגט. זיי האָבן זיך געפלייסט אונדז אַרויסצושטופן, און עס איז פאָרגעקומען, אַז מיר האָבן אונדזער מיליטער אויפגעשטעלט און געדראָט אין פינף מינוט צו שיסן, אויב די יאַפּאַנער וועלן נישט אָפּרוימען דעם פּלאַץ. אָבער זיי האָבן כּסדר געשאָסן אויף אונדז, אויף מיר אַליין האָבן זיי דרייסמאָל געשאָסן אין דער פּינצטער, איין קויל האָט אפילו דורכגעלעכערט מיין הוט.

אַ סך פון אונדזערע האָבן פיינט באַקומען די יאַפּאַנער — האָט פאַוול ווייטער גערעדט — איך נישט, דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געווונען אין משך פון דער צייט, איז אַ פילאָזאָפישע אָנשויאונג. די הערשנדע קלאַסן פון יאַפּאַן האָבן באַרויבט אַ האַלבן וועלטטייל, די אָרעמע זעלנער אָבער, וועלכע האָבן די אַרבעט אויסגעפירט, האָבן נישט געוווּסט צו וואָס זיי זענען אין סיביר, אויך זיי זענען געוואָרן גלייך מיט מיר, פאַרנאַרט. איי־ניקע פון זיי זענען געווען אַמאָל אין אַמעריקע, איך האָב זיך מיט זיי צונויפגערעדט און מיר האָבן זיך שטענדיק גוט פאַר־שטענדיקט. און דאָס זעלבע איז אויך מיט די דייטשן, טשעכאָ־סלאָוואַקן און אַלע איבעריקע אויסלענדער, איך זאָג דיר, בוני, ווען די אָרעמע זעלנער וואָלטן זיך געקענט באַראַטן צווישן זיך פאַר אַליין, וואָלט צו קיין קריג נישט געקומען. אָבער דאָס וואָלט געהייסן פאַרראַט און דערפאַר דערשיסט מען!

## V

פּאָול מיט בונין האָבן גערעדט נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין דערנאָך נאָך דעם גאַנצן שבת און זונטיק. פּאָול האָט אים דערציילט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

„דו קענסט זי גאַנץ לייכט פאַרשטיין,״—האָט פּאָול געמיינט—„ווער זיך דיר אויסווייזן עטוואָס נישט פאַרשטענדלעך, אַזוי דערמאָן זיך אין דעם נאָפּט שטרייק אין פּאַראַדיז. שטעל דיר די פראַגע, ווי עס איז צוגעגאַנגען אין פּאַראַדיז, אַזוי וועסטו פאַרשטיין אַלץ וועגן רוסלאַנד און אויך וועגן וואַשינגטאָן, ניו-יאָרק און אַנגל סיטי. דער אַרבעטגעבער פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך געפלייסט צו דערשטיקן אונדזער שטרייק, איז געווען באַשטאַנען פון דעמזעלבן סאָרט מענטשן, וואָס האָבן אונדזער מיליטער קיין סיביר געשיקט, נעכטן האָב איך געלייענט אין דער צייטונג, אַז עפּעס אַ נאַפטסינדיקאַט פון אַנגל-סיטי האָט דערוואָרבן קאָנצעסיעס אין סאַכאַלין. איין נאָמען דערמאָן איך מיר: ווערנאָן ראָסקאָע, ער געהערט דאָך צו די גרויסע, נישט אמת?״

פאול האָט עס ערנסט געפרעגט, אָבער רות מיט בונין האָבן אַ שמייכל געטון איינער צום אַנדערן. פאול איז אַזוי לאַנג נישט געווען אין דער היים, אַז די פּאַרהעלטנישן אין דער פּאַטאינדוסטרי זײַנען אים שוין געווען פרעמד.

„דערמאָנסט זיך אין דעם קליינעם רוסישן יידן, מאַנדל, דעם „רויטן“, וועלכער האָט דעמאָלט מיט אונדז געשטרייקט? ער איז שפּעטער צוריק קיין רוסלאַנד אַוועקגעפאָרן, און איין שיינעם אָוונט האָט ער זיך באַוויזן אין אירקוטסק אין פעלד הויז פון דער „פאַרייניקונג פון קריסטלעכע יינגע מענער“

אויף אַ פאָליצע איז דאָרט געלעגן אַ באַלאַלייקע, אָבער קיינער פון אונדז האָט אויף איר נישט געקענט שפּילן.

„אויב איר וועט אונדז עפּעס אויפשפּילן, אַזוי וועט זי קערן צו אייך.“

ער האָט געשפּילט, געזונגען דאָס וואָלגאַ-ליד און דערנאָך דעם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער קיינער האָט דאָרט נישט געוווסט וואָס דאָס איז. אין אייניקע טעג שפּעטער האָט מען אים געוואָלט אַרעסטירן, איך האָב אים געהאָלפן אַנטלויפן.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר אים ווידער געפונען אויף דעם פעלד, נישט ווייט פון אָמסק. ער איז געווען אַ סאָוויעטישער קאָמיסאַר. קאָלטשאַקס מענטשן האָבן אים געכאַפּט און באַגראָבן לעבעדיק ביז אין דער נאָז, ווען מיר האָבן אים געפונען האָבן די מוראַשקעס אים שוין כמעט די גאַנצע אויגן צעפרעסן, אָבער ער איז נאָך געווען אויף אַזויפיל לעבעדיק, אַז ער האָט נאָך געקענט דעם שטערן רונצלען.“

דאָס האָט פאול דערציילט. ווען רות איז נישט געווען אַנוועזנד; בונין איז געבליבן זיצן שטאַר פון אויפרעגונג.

„אָ, יאָ, אַזעלכע זאַכן האָבן מיר געמוזט צוזען און דער-ביי וויסן, אַז מיר זײַנען אין דעם שולדיק, איך קען דיר נאָך פיל ערגערס דערציילן, — איך האָב הונדערטער מענטשן באַגראָבן, וועלכע זײַנען נישט געפאַלן אין שלאַכט, נאָר דערשאָסן גע-וואָרן קאַלטבלוטיק, מענער, פרויען און קינדער, יאָ, אפילו זויג-

קינדער, איך האָב געזען אַ ווייסן אָפיציר שיסן אין איין פרוי נאָך דער אַנדערער מיט אונדזערע קוילן, וועלכע זענען מיט אונדזערע אייזנבאַנען, דאָס הייסט מיט די אייזנבאַנען פון די באַנקירן, אין לאַנד צרייגעבראַכט געוואָרן. פיל פון אונדזערע האָבן דעריבער פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד. פון אונדזערע צווייטויזנט זעלנער האָבן געקענט קוים צען פראָצענט בלייבן נאָרמאַל. איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט אונדזער דאָקטאָר, ער איז אויך אין דער זעלבער מיינונג."

V

דאָס אַלץ האָט אַזוי ווייט נישט געשטימט מיט דעם אַלעמען, וואָס בוני האָט ביז אַהער געוווּסט, אַז ער איז געוואָרן אינגאַנצן צעמישט און זיך פאַרשלאָסן אין זיך, באַלד אָבער איז ער ווידער געקומען מיט נייע פראַגן:

„נאָך דיר נאָך, פאַוול, זענען אַלזאָ די באָלשעוויקעס גאָרנישט קיין שלעכטע מענטשן?

„דערמאָן זיך אין פּאַראַדיז. זיי זענען צרבעטער און זענען גלייך צו אַלע איבעריקע, פיל פון זיי זענען געווען אין אַמעריקע און דאָ אַ סך געלערנט, איך האָב אָפט גערעדט מיט זיי. דאָס זענען מענטשן מיט מאָדערנע אידעען, וועלכע ווילן די רוסן אַרויסרייסן פון זייער אומוויסנהייט און אַבערגלויבן. זיי גלויבן אין בילדונג, איך האָב די דאָזיקע מענטשן נאָכגעזען, זיי לעכצן נאָך וויסנשאַפט און אויפקלערונג, אומעטום האַלטן זיי רעדעס, רעפעראַטן, דרוקן פלוגבלעטלעך, צייטונגען, ביכער. איך האָב געזען צייטונגען, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן אויף אַלט, ברוין פּאַקפּאַפּיר, וועלכעס אונדזער מיליטער וואַרפט אַוועק. איך האָב זיך שנעל אויסגעלערנט רוסיש. געלייענט די צייטונגען און פלוגבלעטלעך: זיי זענען ענלעך אויף די, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער צייט פאַרטייט צווישן די שטרייקנדיקע אין פּאַראַדיז. מיט איין אויסנאַם, וואָס די רוסן

זענען אין קאמף קעגן די באלעבאטעם אוועק שוין פיל ווייטער און זענען אייך קלארער פון אונדז."

בוני האט אים אנגעקוקט כמעט דערשראקן.

„פאוול. דו האסט די זעלבע איבערצייגונג וואס די באלשעוויקעס?

פאוול האט זיך אומעטיק צעשמייכלט.

„פאר קיין סאן-פראנציסקא און רעד מיט די לייט פון עם לעצטן טראנספארט! דאס מיליטער איז אינגאנצן געווען באלשעוויסטיש געשטימט, נישט נאר די זעלנער, ניין, נאר אפילו די אפיצירן. דערפאר זענען מיר אויך געווארן אפגערופן. דו ווייסט, אז אין ארכאנגעלסק איז פארגעקומען א בונד, צי ניין?"

„איך האב עפעס געהערט דערפון..."

„גלויב מיר בוני, איך בין אליין דארט געווען און ווייס עס גענוי: די באלשעוויקעס זענען די איינציקע מענטשן אין רוסלאנד, וועלכע האבן א גלויבן. זיי וועלן אויך זיגן, מיט די יאפאנער וועט עס פונקט אזוי געשען ווי מיט אונדז. מענטשן, וועלכע זענען גרייט ביז דעם לעצטן מאן און דער לעצטער פרוי צו שטארבן פאר זייער זאך, קענען נישט ווערן באזיגט."

בוני האט געפרעגט א פארשעמטער:

„עס איז אלזא נישט אמת, וואס מען האט דא דערציילט, איך מיין וועגן דעם נאציאנאליזירן די פרויען?"

„מיין גאט, אין דעם אונזין האסטו געגלויבט?"

„ווי האב איך געקענט וויסן אין וואס צו גלויבן און אין וואס נישט?"

פאוול האט געלאכט.

„איך האב ווירקלעך באגעגנט אייניקע פרויען, וועלכע זענען דורך די באלשעוויקעס נאציאנאליזירט געווארן—נעמלעך, אלס לערערינס. זיי האבן געלערנט די זעלנער לייענען און שרייבן און גענומען דאס ווארט ביי יעדן פון זייערע שילער, אז זיי וועלן אנדערע לערנען. איך האב געזען א גרויסע צאל פון די פרויען אין א וואגאן פון בהמות אויף דער טראנספארט-

דישער באַן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין איינציקע דעק מיט זיך, קיין קישן, נאָר שטיקער האָלץ, אפילו קיין עמער נישט צו זייער געברויך. אייניקע פון זיי זענען קראַנק געווען אויף כאָלערע. צוועלף טאָג האָבן זיי נישט געטאָרט דעם בהמה-וואַגאָן פאַרלאָזן, ווייל זיי זענען געווען קריגסגעפאַנגענע, וועלכע זענען פון די ווייסע קיין אירקוטסק געבראַכט געוואָרן, כדי דאָרט זיי צו דערשיסן אָן אַ קריגסגעריכט אפילו. בוני, איך זאָג דעם אמת. איך האָב פאַרבראַכט אַכצן חדשים אין סיביר און נישט געזען קיין איין באָלשעוויק, וואָס זאָל טון עפּעס אַ גרויל טאַט, איך האָב אויך נישט געטראָפן קיין איינעם פון אונדזערע זעלנער, וואָס זאָל אַזעלכעס זען, איך וויל עס נישט זאָגן, אַז אין ערגעץ איז אַזעלכעס נישט פאָרגעקומען, איך וויל נאָר זאָגן, אַז איך דהאָב מיר צוזאַמענגעטראָפן מיט מענטשן, וועלכע זענען גאַנץ רוסלאַנד אויסגעפאָרן, און וועלכע דהאָבן נאָר געוווסט צו דערציילן פון איין אונאיינציקן באָלשעוויסטישן גרויל: פון זייער לערע, אַז די אַרבעטער דהאָבן דאָס רעכט די וועלט צו באַהערשן. איינס קענסטו זיך פון דער רוסישע רעוואָלוציע פון וולאַדיוואָסטאָק ביז אָדעס און אַרכאַנגעלסק מערקן: ווי נאָר די רויטע האָבן אַרעסטירט און געטויט, דאָרט האָבן די ווייסע עס געטון צען מאָל אַזוי פיל. איר ווייסט נישט פון די גרוילעכע מעשים, וואָס די ווייסע האָבן אויפגעטון, ווייל די צייטונגען האָבן זיי נישט פאַרעפנטלעכט; זיי האָבן דערצו קיין צייט נישט, זיי מוזן באַשרייבן ווי לענין האָט טראָצקין דערמאָרדעט און ווי טראָצקי האָט לענינען אַרעסטירט."

דאָס צוזאַמענטרעפן זיך מיט פּאַוולען איז געווען דאָס סאַמע אויפרעגנדיגסטע איבערלעבעניש אין בוניס לעבן. אלע ווערטן זענען געוואָרן פאַרביטן. וואָס ביז אַהער עס האָט אויסגעזען פאַרברעכעריש, איז פּלוצים געוואָרן העראיש, און אַלע בכבודיקע זאַכן זענען דאַקעגן געוואָרן געפערלעך לאַנגווייליק. בוני, וועלכער איז געשטאַנען קעגנאיבער דער מאָדערנער אינדוסטריעלער וועלט מיט אירע פילע אומגערעכטיקייטן, איז גע-

ווען גלייך צו אַ מענטשן, וועלכער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן וואַלד. איצט אָבער האָט ער זיך דערזען פליען הויך אין אַ באַלאָן; עס איז אים געוויזן געוואָרן דער וועג, ווי אַזוי אַרויס פון דעם דאָזיקן געדיכטעניש, אַלץ איז פּלוצים געוואָרן אַזוי פּשוט און קלאָר, ווי אויף אַ לאַנדקאַרטע: די אַרבעטער נעמען איבער די מאַשינען, פירן אַליין אָן מיט זיי און אַרבעטן שוין נישט מער פאַר די אונטערנעמער, אַזוי וועט מיט איין קלאַפּ איבערגעשניטן ווערן דער קניפּ פון די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן.

בוני האָט שוין פון דער דאָזיקער אידעע געהערט, נאָר זי האָט אים אויסגעזען פאַנטאַסטיש און לעכערלעך. איצט אָבער איז געקומען פאַוול און איבערגעגעבן אַז זי איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן!

## V

בוני האָט זיך צוריק אומגעקערט אין דעם אוניווערסיטעט באַלאָדן מיט נייע עקטעריזירנדע אידעען. צייטנווייז האָט ער אויפגעציטערט פון אויפרעגונג, באַלד ווידער האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען.

זיין אינסטינקט האָט אים געוואָרנט: די עקספּראָפּריאַציע פון דער אינדוסטרי אין דרום-קאַליפאָרניע וועט ביי זיינע שטודיום-חברים נישט האָבן קיין דערפאָלג. דעריבער האָט זיך בוני באַגנוגנט מיט דעם וואָס ער האָט פאַרשפּרייט צווישן די חברים גוטע ידיעות פון רוסלאַנד: די רעוואָלוציע איז אין קיין פאַל נישט קיין אויסברוך פון ווילדע גרויזאַמקייטן, נאָר פיל מער די געבורט פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג.

דאָס האָט מודיע געווען בוני און פּעטער נאַגעל האָט די ידיעה אויפגענומען מיט אַן אָפן מויל, נאָר גרעגאָר ניקאָלאַיעוו האָט געזאָגט:

„יאָ, אָבער פאַרוואָס זשע זיצט, אויב אַזוי, מיין פאָטער אין תּפיסה?"

רחל מענציעס האָט דערקלערט, אַז טויזנטער סאָציאַליסטן זענען געזעסן אין תּפיסה, און בילי דזשאָרדזש דזשאָרדזש האָט געפאָדערט:

„זאָל פּאָול קומען און האַלטן אַ פאָרטראַג פאַר אייניקע פון אונדז."

דאָס נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט בליץ שנעל איבער דעם גאַנצן אוניווערסיטעט. די לעבעדיקע פאַנטאַזיע פון בוניס פריינט האָט שוין צוגעגעבן אַלע פּרטים: בוני ראָס קען אַן אַרבעטער וועלכער איז אַן אמתער באָלשעוויק און ער האָט אויך פון בוני אַ באָלשעוויק געמאַכט. פון איצט אָן האָט מען בונין אַ נאָמען געגעבן „דער רויטער מיליאָנער.״ אַרום אים האָבן זיך געשטופּט יינגלעך מיט מיידלעך, אויסגעפרעגט אים און דעבאַטירט מיט אים, אָפטמאָל האָבן די דעבאַטן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ווילדן שטרייט, אָבער זיי זענען געווען אינטערעסאַנט און האָבן זיך שטענדיק איבערגעחזרט פונסניי.

בוני איז געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע. האָבן אים זיינע קעגנער צוגעדרוקט צו דער וואַנט, אַזוי האָט ער ביי פּאַוולען גענומען נייעם מאַטעריאַל און זיי געוואָרפן אין געזיכט. זיינע פאַרבאַנד-קאָלעגן זענען אָפּגעזעסן מיט אים האַלבע נעכט און ער האָט אַרויסגעפּאָדערט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר גוט, און דאָס צונישט געמאַכט.

די רו און די דיעטע אין דער היים האָבן אויף פּאַוולען גוט געווירקט, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער געקומען קיין אַנגל סיטי, כדי צו באַזוכן זיינעם אַ פריינט.

בוני האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיי ביידע און די באַקאַנטשאַפט מיט העררי זיגער האָט באַדייט פאַר אים אַ נייע איבערלעבעניש.

העררי זיגער, צען יאָר עלטער פון פּאַוולען, איז געווען דער לייטער פון אַ קליינער האַנדלסשול. אין משך פון דער קריג האָט ער איבערגעגעבן דאָס געשעפט זיין שותף און געאַרבעט מיט דער פאַררייניקונג פון קריסטלעכע יינגע מענער. ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין סיביר כדי די צווייהונדערט אַכציק פון די באַנקירן געדונגענע באַנבאַאַמטע צו העלפן.

דאָרט האָט ער אַלץ געזען, אַרונטערגעקוקט הינטער די קוליסן און איבעראַל דערציילט דעם אמת, דער פאַררייניקונג פון קריסטלעכע יינגע מענער, דער מיליטער אָנפירערשאַפט, דער סוחרים און פאַבריקאַנטנפאַררייניקונג און די שטאָט באַאַמטע,

קורץ, יעדן איינעם, וואס האט געהאט בכוח דעם לייטער פון דער ד׳האנדלס שולע אין אנגל סיטי דעם גהינום הייס צו מאכן.

הער ראס איז געווען פארזונקען ביז איבער אין די אויערן אין ארבעט; אויף דעם באנדי פעלד האט מען באדארפט בויערן. דאך האט זיך בוני איינגעשפארט, אז דער פאטער זאל זיך מיט הערי זיגער באקענען, ער האט פארנארט אלע דריי צו א געמיינזאמען מיטאג און נאך איידער מען האט צוגענומען די זופ איז הער ראס שוין געווען אזוי שטארק דערשיטערט, אז ער האט שוין מער נישט געקענט עסן. אויך ער איז געווען אויסער זיך. דאך האט מען נישט באדארפט דערווארטן, אז ער זאל רעאגירן אויף דעם זעלבן אופן, ווי זיין זון.

דער פאטער האט נישט געקענט לעזן דעם גאנצן וועלט־פלאנטער און האט עס אויך נישט געוואלט פרווון טון, פאר אלעמען האט אים געארט דער פאקט, וואס די יאפאנער געפונען זיך אין סיביר. וואס די אמעריקאנישע דיפלאמאטיע האט גאר די נאפט אין אכט נישט גענומען און מער פון אלץ דאס, וואס זיין זון איז געפאנגען געווארן אינם כשוף פון ווילדע־געפערלעכע אידעען.

דערדאזיקער זיגער צום־ביישפיל, א גרויסער שטארקער ייִנג פון מערב, שוין מיט זיינע פון שווערער ארבעט פריצייטיק גרויגעוואקסענע האר, ער זאגט באשטימט נישט קיין ליגן, און די פאקטן, וועלכע ער גיט איבער, קען מען נישט צווייפלען. אבער גוטער גאט, וואס פאר א זין האט עס צו פארלירן דעם באדן אונטער די פיס, ארומצושלעפן זיך איבער דעם גאנצן לאנד, פארזייען אומרו און די רעגירונג אנצוגרייפן, ווייל זי האט אין משך פון קריג א פעלער באגאנגען, וועלכן זי האט רעכטצייטיק נישט פארשטאנען אויסצובעסערן?

בוני האט פארשלעפט דעם פאטער אויף א סאציאליסטישער פארזאמלונג אויף וועלכער עס האט געזאלט ארויסטרעטן הערי זיגער, אין דעם גרויסן זאל זענען געזעסן אפשר דריי־טויזנט מענטשן, הער ראס האט נאך קיינמאל נישט אין זיין

לעבן געזען אזויפיל געפערלעך אויסזעענדיקע מענטשן צוזאמען. אויסלענדישע געזיכטער טונקעלע און דראָענדיקע, אינטעליגענטן מיט לאנגע האָר איבער די קעלנער, פרויען מיט קורצע האָר און ברילן, ארבעטער מיט פינצטערע און שטומפיקע, אָדער שאַרפע און פארביטערטע געזיכטס שטריכן. שרעקלעכע, שרעקלעכע לייט!

און דער דאָזיקער זיגער האָט זייער כעס אויפגעוועקט. ער האָט דערציילט פון די הריגות, וועלכע ער האָט צוגעזען אויף דער טראַנסיבירישער באַן. איבער צוויי טויזנט מענער און פרויען, וועלכע זענען געפאנגען געוואָרן פון די ווייסע און איינגעשפאַרט געוואָרן פון זיי אויף וואָכן גאנצע אין וואַגאָנעס פאַר בהמות, ווו זיי זענען אויסגעגאנגען פון הונגער און פון קעלט. און דאָס אמעריקאנישע מיליטער האָט דאָס צוגעזען, נאָך געגעבן צו עסן די מערדער, פארזאָרגט זיי מיט געלט און אָפּגעהיט זייער געווער!

יאָ, אויך היינט גייט עס צו אזוי ווייטער, פוילישע טרופּן רייסן זיך אריין קיין רוסלאנד, טראָגן אַ אמעריקאנישע אוני-פאָרמען און טויטן רוסישע ארבעטער מיט אמעריקאניש געווער. און וואָס זאָגט דאָס אמעריקאנישע פאָלק דערצו?

דאָס אמעריקאנישע פאָלק האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ ברילן וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ קאַלטן שוידער אויף דעם רוקן פון דעם הער י. ארנאָלד ראָס. ער האָט באַטראַכט די שטורעמדיקע מענטשנמאַסע ארום זיך: דראָענדיקע הענט, געבייזלטע פויסטן, און פון אויפרעגונג אויסגעצויגענע קעפּ—און ער האָט פארשטאַנען וואָס דאָס אַלץ באַדייט; אים האָט מען נישט גע-קענט אָפּנאַרן. ווען די מאַסע האָט שפּעטער אויסגעבראָכן אין הויכע אויסגעשרייען ביי דעם נאָמען פון לענינען, האָט הער ראָס געוווּסט גענוי: זיי יובלען נישט אזוי איבער דעם, וואָס דער רוסישער לענין האָט שוין געטאָן. ווי איבער דעם, וואָס דער אמעריקאנישער לענין וועט ערשט טון.

„די הענט אַוועק פון סאָוויעטרוסלאַנד!"—איז געווען נישט

מער ווי אַן אַנדער נוסח פון: „די הענט אויף ראַס־קאָנסאָלידאַ־טעט!"

דער פּאַטער האָט בגנבה געוואָרפן אַ בליק אויף בונין. דער זון, ווייזט אויס, האָט אַפילו נישט אָנגעהויבן צו פילן די שרעק פונם פּאַטער, בונין איז געווען גלייך צו דעם איבעריקן עולם, זיין געזיכט האָט געגלאַנצט פון אויפרעגונג און ער האָט מיט אַלע געשריגן:

„די הענט אַוועק פון סאָוועט־רוסלאַנד!"

אָדער — ער האָט נישט געוווסט, וואָס די באַנדע פּלאַנט צו טון מיט ראַס־קאָנסאָלידאַטעט, אָדער — וואָס איז גאָר ערגער — עס איז אים אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען!

## VIII

די קליינע גרופּע „רויטע״ אויף דער אוניווערסיטעט האָט בייגעווינט די פאַרזאַמלונג און זיך געפונען דעם נעכסטן טאָג אין אַ געוואַלטיקער אויפרעגונג.

די מייסטן פון בוניס קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך לכתחילה געקוואַקלט צו זיין אויף דער פאַרזאַמלונג, האָבן איצט קריטי־קירט אַלע אַרגומענטן, אפילו די, וועלכע זיי האָבן נישט איינ־געהערט. צוהערנדיק זיך צו דידאַזיקע רייד, איז בוני אַרויס פון געדולד: דער דאָזיקער שווינדל וועגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון די פּרויען, וועגן די מיליאָנען קרבנות פון די באָלשעוויקעס, עס איז אַ שאַנד פאַר דער אוניווערסיטעט, וואָס אַזאַ אומזין ווערט אָנגענומען פאַר אַן אמת, און קיינער פּרוּווט זיך גאָר־נישט דעם אַנטקעגנשטעלן. בוני האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע געדאַנקען פאַר פעטער נאַגעל, פעטער האָט איבערגערעדט אין דערהיים מיטן פאָטער און דערקלערט דעם נעכסטן טאָג, אַז ער איז גרייט צו ווערן דער אַרויסגעבער פון אַ סטודענטנצייט־טונג, וועלכער זאָל איבערגעבן דעם אמת.

די פאַרשווערער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז געזאַמלט געוואָרן דרייסיק דאָלאַר און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ וואָכנצייטונג פון פיר זייטן, וועלכער זאָל דרוקן נאָר דעם אמת און וועלכע זאָל טאַקע הייסן „דער אמת״.

רחל מענציעס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ צווייטויזנט הונדערטדיקן אינטערוויו מיט הער זיגער די פֿאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד צו פֿאָרמולירן.

אַ צווייטער יינגער פֿאַרשווערער האָט געזאָלט געבן אויספֿאָרשן די סומען, וועלכע ווערן מכלומרשט געגעבן פֿונעם אוניווערסיטעטס פֿאָנד פֿאַר דעם געהיימען ווערבירן פּראָפֿעסיאָנעלע ספּאָרטלייט.

בוני האָט באַדאַרפֿט זאַמלען פּרטים פֿון דעם סנאָביזם וואָס הערשט אויף דער אוניווערסיטעט, ווי צום בייַשפּיל דאָס, וואָס מען האָט אַן אויסערגעוויינדלעך באַגאַבטן אינדישן סטודענט נישט געוואָלט אויפֿנעמען אין דעם ליטעראַרישן קלוב.

פּעטער נאַגעל איז זיך געקומען פֿאַרשטענדלעך, מיט זיין באַליבט פּערדל, אַ ליד, וועלכע האָט אין מילדער פֿאָרם אָפּגעחוזקט פֿון גאָט, די מיינונגען צי עס איז כדאַי דאָס ליד אָפּצודרוקן האָבן זיך געשפּאָלטן, אָבער פּעטער האָט געקלאַפּט אויף זיין רעכט אַלס אַרויסגעבער.

„אָדער איך בין דער אַרויסגעבער, אָדער איך בין עס נישט! אויסערדעם איז מיין פּלאַטפֿאָרם די רוסישע פֿאָרמול: רעליגיע איז אָפּיום פֿאַרן פֿאָלק;"

בילי זשאָרזש האָט אים אונטערגעשטיצט און דערקלערט אַז אַ נייע צייטונג דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט אַלע געביטן פֿון דעם מענטשלעכן דענקען.

„דער אמת" איז געוואָרן געשריבן, קאָרעגירט, געבראָכן, רעווידירט, און נאָכאַמאָל געבראָכן. ענדלעך איז די צייטונג געוואָרן אָפּגעדרוקט און זי איז געבליבן ליגן פֿאַר זייערע אויגן מיט ווייסע און פֿייכטע זייטן, ווי היישעריקן, וועלכע זענען נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן.

דעם נעכסטן טאָג וועלן זיי שוין זיין טרוקן, ביז דעמאָלט אָבער... שטיל! קיין וואָרט נישט!

ווי אַזוי אַרום זאָל די צייטונג פֿאַרשפּרייט ווערן? וועגן דעם זענען געפֿירט געוואָרן הייסע דעבאַטן. בוני האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל זי צוגעבן אָן געלט. רחל אָבער האָט מיטגע-

שפילט די פאַרשווערער די עצה פון איר פּאַטער וועלכער איז געווען דער ליטעראַרישער אָנפירער פון דער סאָציאַלישער קרייז ביורא אין אַנגל סיטי:

„די צייטונג מוז פאַרקויפט ווערן, א נישט וועט די נישט גענומען ווערן אַזין ערנסט, דאָס, פאַר וועלכן מענטשן צאָלן געלט, לייענען זיי.”

און אַזוי אַרום איז עס געשען, וואָס דעם נעכסטן טאָג האלב ניין אַ זייגער איז אויף דעם פּלאַץ פאַר דעם אוניווער־סיטעט געווען צו זען צוזעלכעס, וואָס מען האָט נישט געזען צייט דער אוניווערסיטעט עקזיסטירט: דער אַנטדעקער און יורש פון די ראָס יוניאָר־נאַפט פעלדער האָט זיך אין אַ צייטונגס יינגל פאַרוואַנדלט!

בוני איז געשטאַנען אויף אַ באַנק, געהאַלטן אונטער דעם אָרעם אַ בינטל מיט צייטונגען און פריילעך געשריגן:

„דער אמת! דער ערשטער נומער פון דעם אמת! פינף סענט פאַר אַ נומער!”

די צייטונג איז ממש צעכאַפּט געוואָרן. בונין האָט מען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט און פון די הענט געכאַפּט, עס איז געווען אַ צוזאַמענלויף.

פון אַלע זייטן זענען זיך צונויפגעלאָפן יינגלעך מיט מיידלעך:

„וואָס איז געשען?” „אַן אומגליק?” „אַ געשלעג?” ווער עס האָט שוין געקויפט אַ נומער איז געוואָרן דער צענטער פון אַ גרופּע נייגיריקע, אַלע האָבן געפּרוווט פון איבער זיינע אַקסלען צו לייענען און אים באַשיט מיט פראַגן.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ צען מינוט; דערנאָך איז אַרויסגעקומען פון דער אוניווערסיטעט געביידע דיקלעך און מיט פיל ווירדע, מיט גאָלדענע ברילן און אַ שמאַלציקן קאַרק, אַ געשטאַלט, וועלכע מען קען זען אין דער ביורא פון אַ גרויסן ערדמעקלער, אָדער אין אַ באַנק: ר. ט. סקירדש, פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע און דעקאַן.

געלאַסן און מאַיעסטעטיש איז ער אַדורכגעגאַנגען דורך

דער מאַסע, געלאַסן און מאַיעסטעטיש האָט ער אָנגענומען דעם פּיליאָנער-צייטונגס יינגל ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין זיין פּריוואַט ביורא.

„וואַרט צו דאָ!“—האָט ער באַפוילן, ער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער און אין אַ ווײַלע האָט ער צוריקגעקערט מיט פעטער נאַגעל. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען דאָס דריטע מאָל און האָט אַריינגעבראַכט גרעגאָר ניקאָלאַיעוון אים האָבן געפאָלגט אייניקע וויצע-דעקאַנען, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַנדערע פאַרברעכער.

קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן וויפל עקזעמפּליאַרן עס זענען פאַרקויפט געוואָרן. די נישט פאַרקויפטע זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין דעם עק פון דער ביורא. מעגלעך, אַז מען האָט זיי אויך איבערגעציילט, אָבער מען האָט דאָס נישט באַקאַנט געמאַכט.

דאָך זענען גענוג עקזעמפּליאַרן פאַרקויפט געוואָרן, כדי אויפצורודערן דעם גאַנצן אוניווערסיטעט.

„האָסטו זי געלייענט?“ „האָסטו געהאַט אַן עקזעמפּליאַר?“ דעם גאַנצן טאָג האָט מען קיין אַנדערע פראַגע נישט געהערט.

דער פּרייז פון דעם „אמת“ איז געשטיגן ביז אַ דאָלאַר, און דאָך איידער עס איז נאָך נאַכט געוואָרן האָבן אייניקע אים שוין פאַרקויפט פאַר דריימאָל אַזויפיל.

דערווייל האָט איין עקזעמפּליאַר באַקומען „די שטים פון ענגל-סיטי,“ די פּאָפּולערסטע פון אַלע צייטונגען, וועלכע איז געווען גרין געדרוקט און דערשינען פינף מאָל טעגלעך. איר צווייטע אויסגאַבע, וועלכע איז דערשינען מיטאָגצייט, האָט גע-האַט אויף דער ערשטער זייט מיט ריזיקע אותיות די אויפשריפט:

„אַ רויטע נעסט אויף דעם אוניווערסיטעט!“

„באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער ד. פּ. אוניוו.“

דערנאָך זענען געגאַנגען צוויי שפּאַלטן מיט שרייענדיקע

באריכטן איבער דעם אינהאַלט פון דעם „אמת", דערשטוינלעכע פאַקטן וועגן דעם ווערבירן פּראָפּעסיאָנעלע ספּאָרטלייט פאַר דעם אוניווערסיטעט, דאָס גאַנצע סאַטירישע ליד אויף גאָט און —לײדער זייער קורץ—אַ רמז אויף די זאַכן, וועלכע הערי זינגער האָט איבערגעגעבן פון סיביר.

אַ ביסל שפּעטער זענען דערשינען די קאָנקורענץ בלעטער: „דער אָוונט-ברילער" און „דער אָוונט-היילער", זיי האָבן פאַרריכט זייער שפּעטערדיק דערשיינען, מיט אַ גרויסע צאָל פּרטים, אייניקע פון זיי זענען זיי געוואָרן מיטגעטיילט טעלעפאָניש, אַנדערע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער רעדאַקציע אַליין.

דער „אָוונט-ברילער" האָט מודיע געווען:

## „אַנטדעקט אַ רויטע פאַרשווערונג אויף דער אוניווערסיטעט!"

און האָט איבערגעגעבן, אַז די פּאָליציי זוכט אַרום די רוסישע אַגענטן, וועלכע האָבן אויסגענוצט די סטודענטן, זיי זאָלן זייערע פּראָפּאַגאַנדע דרוקן.

דער „אָוונטהיילער", וועלכער האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט „מענטשלעכע דאָקומענטן," האָט באַטאָנט די פּערזענלעכקייט פון די אָנפירערס פון דער פאַרשווערונג:

„אַ רויטער מיליאָנער אויף דעם אוניווערזיטעט! אַ זון פון אַ נאַפט-מאַגנאַט שטיצט אונטער די סאָוויעטן."

און האָט צוקלאַפּט זיינע קאָנקורענטן דערמיט וואָס ער האָט געגעבן די פאָטאָגראַפיע פון בונין, וועלכע אַ רעפּאָרטער האָט זיך מיט אַ שפּיצל פאַרשאַפט. ער איז געקומען צולויפן אַהיים צו בונין און מיטגעטיילט דער מומע עמאַן, אַז בוני האָט פאַר אַן אָנגעשריבענע אַרבעט, וועלכע איז די בעסטע פון אַלע אַרבעטן, וועלכע זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף דעם אוניווערסיטעט די לעצטע צען יאָר, אַ פּריז באַקומען.

די גוטע מומע עמאַ איז דערפון אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט דעם דינער דריימאָל געשיקט זיך נאָכפרעגן, צי עס איז נישט דערשינען דער אָוונט-היילער" מיט באַריכט ... עם.

# V

אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט די גאַנצע צייטונגס־אויפרעגונג נאָך צוויי אונדרייסיק שעה צוריק אָפּגעקילט געוואָרן.

דאָס אָוונט-בלאַט פונם נעכסטן טאָג וואָלט מודיע געווען, אז דער רעקטאָר האָט דעם „אמת” פאַרבאָטן און אויף דער ערשטער זייט וואָלט שוין געווען מיט גרויסע אותיות די אויפשריפט: „פילמסטאַר שיידט זיך מיט טשאַמפּיאָנען!” אָדער „די פרוי פון אַ מאַגנאַט פירט זיך אַרום מיט אַ פּאָליציימאַן!”

נאָר דער גורל האָט פאַר די רויטע אויף דעם אוניווערסיטעט אויסגעטראַכט עטוואָס אויסטערלישעס: אויף דעם אַנדערן טאָג איז געפאָרן אַן אויטאָ באַלאָדן מיט דינאַמיט-שטאָפן דורך דער וואָל-סטריט, קעגן די פאַרקערפאָרשריפטן, און אָנשלאָגנדיק זיך מיט אַ צווייטן האָט ער אויפגעריסן.

דאָס אומגליק איז געשען גראָד פאַר דעם באַנקהויז פון מאָרגאַן עט קאָמפּ. און צוועלף מענטשן זענען געהרגעט געוואָרן.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן די באַנקירן אַראָפּגעפאָדערט דעם מייסטער-דעטעקטיוו פון אַמעריקע כדי צו פאַלן

אויף אַ שפּור פון דעם געהיימניס. דער דאָזיקער טיכטיקער גע־שעפטסמאַן האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז אַ פּשוטער אומגליק וועט אים קיין שום נוצן נישט ברענגען, דאַקעגן אַ באָלשעווי־סטישע פאַרשווערונג קען אים געבן אַ הכנסה פון אַ פּאָר הונ־דערט טויזנט דאָלאַר, ער האָט זיך דעריבער אַ פּאָר מינוט אַרומגעקוקט און דערקלערט:

„דאָ האַנדלט זיך אין אַ באָלשעוויסטישע פאַרשווערונג.‟

און עס איז צעלאָזט געוואָרן אַ גאַנצע טשאַטע פון שפּיאָ־נען, פון וועלכער יעדער איינער האָט געוויסט, אַז יעדער אויס־געפונענער שפּור באַדייט כבוד און געלט.

אַ כוואַליע פון פאַרפאָלגונגען האָט פאַרגאָסן דעם גאַנצן שטאַט און אויך אַלע איבעריקע שטאַטן; דריי יאָר כסדר איז אַלץ געמאַכט געוואָרן נייע אַנטדעקונגען.

די „שטים פון „אַנגל-סיטי‟, דער „אָוונט-הײַלער‟ און דער „אָוונט-ברילער‟ האָבן זיך געפונען אין אַזאַ סיטואַציע: וואָלטן זיי געקענט די באָלשעוויסטישע פאַרשווערונג אויף דעם דרום־פּאַציפיק-אוניווערסיטעט צונויפבינדן מיט דעם באַמבנאויפרייס אויף דער וואַלסטריט, אַזוי וואָלטן זיי פאַרקויפט צייטונגען אויף עטלעכע הונדערט דאָלאַר מער. גיט זיך זיי דאָס נישט איין, אַזוי נעמט צו אַ ביטרע קאָנקורענט דעם דאָזיקן פּראָפיט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט דער „אָוונט-הײַלער‟ באַדאַרפט נאָר איין שעה כּדי זיך צו דערמאַנען, אַז דער „אמת‟ האָט גע־בראַכט אַ באַריכט פון הער זיגערן, פון די אַגענטן פון דער אַמעריקאַנער דעפּענסיווע איז די צײַטונג געוואָרן, אַז זיגער האָט דאָ נישט לאַנג ביי אַ מאַסנמיטינג שטאַרק אָנגע־רופן די פירמע מאָרגאַן עט קאָמפּ. און איר פּאָרויסגעזאָגט אַ שלעכטן סוף.

אין דריטן אָוונטבלאַט, וועלכעס איז פאַרקויפט געוואָרן אויף די גאַסן אַרום איינס אַ זייגער, האָט דער „אָוונט-הײַלער‟ מודיע געווען:

„דער רויטער הערצער זאָגט פּאָרויס אַ באָמבנאַטענטאַט! „די פּאָליציי זוכט אַרום די סאָוויעטישע אַגענטן אין אונדזער שטאָט.”

געוויס איז די באַהויפּטונג געווען אַ ביסל צופיל געוואַגט. דער פּראָפעסאָר פון די קעפלעך אין דעם „אָונט-הײַלער” האָט דאָס שוין אַליין צוגעגעבן, דאָך האָט ער זיך פאַרשטאַנען, זעט אויס, אויף זיין געשעפט, ווייל נאָך איידער דעם טאָג איז פּאַריבער איז דערשינען אַ פּראָנסטקעמפּער אין דער רעדאַקציע און האָט באַשטעטיקט די באַהויפּטונג פון דער צייטונג.

ער איז צוריק מיט דריי טעג געפאָרן אין אויטאָבוס מיט הערי זיגער, ער האָט מיט אים געפּלוידערט און צווישן אַנדערן פאָלגנדיקע ווערטער פון אים געהערט:

„גלויבט מיר און לייענט אויפמערקזאַם די צייטונגען: נאָך איידער עס וועלן פאַריבערגיין דריי טעג וועט די פירמע מאָרגאַן טייער באַצאָלן פאַר אירע פאַרברעכנס אין משך פון דעם קריג.

מיר ווילן אָפּגעבן רעכט דעם אויף נערוון ליידנדיקן קריגער; זיין דערציילונג קאָן זיכער זיין אמת, ווייל דידאָזיקע ביידע מענער האָבן אין פאַרלויף פון געשפּרעך דעם פּויליש-רוסישן קריג דערמאָנט, און זיגער האָט געזאָגט:

„גלויבט מיר און לייענט אויפמערקזאַט די צייטונגען: נאָך איידער עס וועלן פאַריבער דריי טעג, וועלן די פּאָליאַקן זיך מוזן צוריקציען אויף זייערע פריערדיקע ערטער.”

שוין צוליב דעם געשעעניש אַליין איז די ביוראָטור פון דיגערס האַנדלסשולע געוואָרן דורכגעבויערט פון די אינסטרומענטן פון די דעדעקטיוון און אַנדערע פּאַטריאָטן; די דאָזיקע דרייסטע לייט האָבן געפּרוווט אַריינדרינגען אינעווייניק. אין דער [illegible]ט, וואָס נאָך דעם באָמבנאַטענטאַט, האָבן זיי זיך באַזינט [illegible] מיט אַ האַק, און ווען זיגער איז צומאָרגנס געקומען אין [illegible]ראַ, האָט ער געפונען אַלע טישקעסטלעך, נישט נאָר זיינע,

באַר די שילערס אויף דער ערד צוטרעטן פון די מיט טשוועקעס באַשלאָגענע שטיוול פון דעם פּאַטריאָטיזם.

די פּאַטריאָטן האָבן זיגערס נאָטיצן פאַר זיינע רעפּעראַטן און די שריפטלעכע אַרבעטן פון זיינע שילער אויסגעשלעפּט, און מיט רעכט: ווייל זיגער האָט אין דער סטענאָגראַפיע שעה זיינע שילער דיקטירט נישט דעם שיינעם זאַץ:

„דער פלינקער, ברוינער פוקס שפּרינגט איבער דעם פוילן הונט.”

ניין, ער האָט אפילו דאָ פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט אָנגעזאָגט אויף דעם רוקן פון יעדן פּאַטריאָט אַ קאַלטן שוידער:

„אַלע מענטשן זענען פריי און גלייך געשאַפן!” אָדער אָך ערגער: „גיט מיר פריייהייט, אָדער טויט!”

# X

אויף דעם אוניווערסיטעט האָבן זייער ווייניק געגלויבט, אַז זייערע קאָלעגן די „רויטע סטודענטן“ טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער באָמבע אויף דער וואָל-סטריט, אָדער, אַז זיי האָבן פריִער פון דעם געוווּסט. אָבער די מערסטנ-טייל סטודענטן זענען געווען אין דער מיינונג, אַז די יינגע אידיאָטן זענען געוואָרן פאַרפירט פון פאַרדעכטיקע פאַרשוויגענע, וועלכע האָבן זיך אין דער פאַרשווערונג, וואַרשיינלעך, באַטיי-ליגט. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז די יינגע אידיאָטן פון דעם אוניווערסיטעט, האָבן מיטגעהאָלפן צו דעם דערפאָלג פון דער העכסט אומאָנגענעמער סענסאַציע! דעריבער זענען די אידיאָטן געוואָרן שטאַרק פאַרפאָלגט. דער דעקאַן האָט גערופן יעדן איי-נעם אין זיין ביורא, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויסער דער רעקטאָר און דער דעקאַן נאָך עטלעכע שטרענגע הערן: אַ פאַרטרעטער פון דער פּראָקוראַטור, פון דער דעטעקטיווע, פון די פּאַטריאָטישע צייטונגען, פון דער בירגער שוץ און פון אימיגראַציאָנס ביורא פון דעם שמאָליקן קאָנסול פון דער נישט מער עקזיסטירנדיקער רוסישער רעגירונג.

ווען בוני האָט זיך אָריענטירט אין וואָס עס האַנדלט זיך איז עס געקומען צו אַ צווייטע עקספּלאָזיע; אַלס אַ זון פון אַ רייכן מאַן איז ער געווען געוווינט צו האָבן שטענדיק זיין

רעכט, און אַמאָל נאָך מער, ער האָט זיך צאָרנדיק געווענדעט צו דעם ערשטן, וואָס האָט אים אַ פראַגע געשטעלט:

„ווער זענט איר דען? און וואָס ווילט איר דאָ?

„אַבער, ראָס״,—האָט זיך דער דעקאַן אַריינגעמישט,—„ווען שלעכטע מענטשן, ווען שלעכטע מענטשן באַדראָען דעם ווויל־זיין פון אונדזער פאָטערלאַנד, אַזוי ווערט איר זיי זיכער נישט פאַרטיידיקן.״

„עס ווענדט זיך אָן, וואָס איר פאַרשטייט אונטער דעם נאָמען שלעכט,״—האָט בוני אָפּגעענטפערט,—„ווען איר מיינט דערמיט מענטשן, וועלכע זאָגן דעם אמת, אַזוי וועל איך זיי מיט אַלע מיינע כּוחות פאַרטיידיקן.״

„מיר ווילן פון אייך זיך נאָר דערוויסן, וואָס איר ווייסט וועגן דעם מאַן מיטן נאָמען פאַוול וואַטקינס.״

אַלזאָ, דאָס איז עס געווען. בוני האָט געמוזט אָדער זיך לאָזן אויספרעגן פון די דעדעקטיוון, אָדער מאַכן דעם איינדרוק אַז ער פאַרבאָרגט טונקעלע סודות, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט פאַוול וואַטקינס.

„פאַוול וואַטקינס איז מיין פריינט. איך קען אים שוין אַ זיבן אַכט יאָר, ער איז אומבאַדינגט דער אַנשטענדיקסטער פון אַלע מענטשן, וועלכע איך קען נאָר. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט אַנדערטהאַלבן יאָר מיט דעם מיליטער אין סיביר, האָט ער זיך אומגעקערט אַ קראַנקער אַהיים. ער וואָלט געקענט פאָדערן פון דער רעגירונג אַן אונטערשטיצונג. אָבער ער איז צו שטאָלץ דערצו. דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט האָט ער מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, איך גלויב אים יעדעס וואָרט, איך וועל עס אויך איבערדערציילן, אויף דעם אוניווערסיטעט און אויך ערגעץ אַנדערש. קיינער וועט מיר נישט קענען שטערן אין דעם.״

בוני איז אָפּגעלאָזט געוואָרן און עס איז געקומען די ריי פון די וויניקער רייכע פאַרשווערער, פאַר אַלע איז געקומען פּעטער נאַגעל, דער שילדיקער אין אַלץ, ווייל ער האָט זיין נאָמען אַלס אַרויסגעבער אויף דער צייטונג געשטעלט. פּעטער

איז געוואָרן אויפגעפּאָדערט באַלד צוריקצוציען זיינע נישט העפ־לעכע אויסדרוקן אין באַצוג צו גאָט, ער אָבער האָט געשוואוירן ביי גאָט, אַז ער וועט עס נישט טון.

דער „אָוונט-הײלער" האָט געבראַכט די ידיעה:

„אַ רויטער סטודענט איז געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פונעם אוניווערסיטעט!"

פּעטער האָט געחוזקט און דערקלערט, אַז די פּרייסנס דאַרפן זיך נישט זאָרגן; ער וועט ווערן דענטיסט און אויף אַזאַ אופן זיך נוקם זיין אין דער געזעלשאַפט. וועט ער נאָר אָפּ־שפּאָרן אַ ביסל געלט, אַזוי וועט ער שוין אַרויסגעבן אַן איי־גענע צייטונג, אין וועלכער ער וועט יעדער וואָך מאַכן חוזק פון גאָט.

דערנאָך האָט זיך די מאַכט פאַראינטערעסירט מיט רחל מענציעס. בוני האָט איר געוואָרנט פאַר די געהיימאַגענטן, און רחל האָט צוגעזאָגט זיך צו האַלטן מיט די דאָזיקע לייט ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָך האָבן די לייט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו ברעכן רחלס מוט, די מאַכט האָט אָנערקענט, אַז רחלס פאָ־טער איז געבוירן געוואָרן אין פוילן און לויט דעם נייען דע־פּאָרטאַציע געזעץ איז עס געווען אַלצאיינס, וואָס פאַר אַן איי־בערצייגונגען מען זאָל נישט האָבן און וואָס פאַר אַן אַרבעט מען זאָל נישט טון: מען האָט געקענט ביי יעדן אַריינגעפּאַרע־נעם די נאַטוראַלידירונגס פּאַרירן צונעמען, אים אַרויסשיקן פון לאַנד און די גאַנצע פאַמילע זיינע איבערלאָזן אויף הפקר. דאָס איז פאָרגעקומען אָן שום פּראָצעס און מען האָט נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט זיך רעכטצופערטיקן. איז אָבער אַזאַ מענטש אין די דאָזיקע טעג אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פוילן, אַלס רוי־טער, אַזוי האָט מען שוין לאַנג אים דאָרט נישט אויסגעפּרעגט מען האָט אים דאָרט איזאָלירט.

אַזוי איז געשטאַנען איצט רחל אַ ווייבערדיקע פאַר דעם פרעמדן און אים געהאַלטן אין איין פאַרדיכערן, אַז איר פאָטער איז טאַקע אַ סאָציאַליסט, אָבער בשום אופן נישט קיין קאָמו־ניסט,—גלייך ווי אַ פּאַטריאָט זאָל קענען באַגרייפן דעם אונ־

טערשיד! זענען דען די סאָציאַליסטן נישט געווען קעגן קריג, און איז עס דען נישט געווען אַן ענין, אַז אַ פּראָקוראָר וועל־כער האָט ספּעקולירט אויף דעם פּרעזידענטן פּאָסטן, זאָל אַרויס־רוקן אַלס זיינעם אַ באַזונדערן פאַרדינסט זיין ענערגישן קאַמף מיט דער רויטער געפאַר!

רחל האָט אָנגעקלונגען צו בונין, וועלכער איז תיכף אַריינ־געשפּרונגען אין זיין אויטאָ און אַוועק מיט אַ וויזיט צום רעק־טאָר אין זיין פּריוואַטוווינונג, וואָס איז געווען קעגן יעדער אוניווערסיטעטסעטיקעט.

בוני האָט אָנגעהויבן מיט אַן הבטחה:

„איך בין גרייט אין משך פון מיין זיין אויף דעם אוני־ווערסיטעט מער קיין אַגיטאַציע נישט צו פירן. וועט אָבער די מאַכט דערלאָזן, אַז הער מענציעס זאָל ווערן אַרויסגעשיקט, וויל זיין טאָכטער האָט אַן אונטערוואָג געשריבן, אַזוי נעם איך אָן דעם קאַמף און וועל מיין טאַטנס געלט פאַרווענדן אויף צו אַנטדעקן אַלערליי פיינלעכע זאַכן, איידער נאָך איך וועל דעם אוניווערסיטעט פאַרלאָזן!"

דאָס פּריסטער־פּנים פונם רעקטאָר איז געוואָרן רויט ביז אין די ווייסע האָר פון די נישט פאַרשטעלטע רייד.

„יינגערמאַן" — האָט ער געזאָגט — „זעט אויס, אַז איר פאַר־געסט, אַז די אוניווערסיטעטמאַכט האָט גאָרנישט צו טון מיט די באַשלוסן פון דער רעגירונג."

דער יינגערמאַן האָט געענטפערט:

„הער רעקטאָר איך האָב מיר אויסגעלערנט פון מיין פאָ־טער זיך צו ווענדן דירעקט אין הויפּטקוואַרטור אויב איך וויל עפּעס דערגרייכן. איך ווייס, אַז די אידיאָטן וועלן די גאַנצע זאַך פאַרטושן, אויב איר וועט עס נאָר וועלן. אויסערדעם וועל איך אייך זאָגן, אַז כאָטש איך קען נישט פאַרזענלעך דעם הער מענצעס, דערפאַר קען איך אָבער זיין טאָכטער, און זי האָט נישט איינמאָל אונדז דערקלערט די אידעען פון איר פאָטער: ער גלויבט אין דער דעמאָקראַטיע און אין דער אויפ־קלערונג פון פאָלק, אַלע זיינע עצות, וועלכע ער האָט אונדז

צוגעשיקט, פאַרנעמען זיך מיט דער טעמע. ער געהערט צו דעם רעכטן פליגל פון די סאָציאַליסטן און באַקעמפט די באָלשעוויקעס אין דער באַוועגונג. איר מוזט דאָך וויסן גענוי דעם מצב, אַז מיר שיקן נישט אַרויס קיין סאָציאַליסטן.״

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער רעקטאָר ווייסט עס נישט, נאָר ער איז גרייט זיך צו לאָזן לערנען. די גאַנצע סצענע איז אויסגעקומען גענוג קאָמיש: אונטער דער אָפיציעלער אויפֿפֿירונג, וועלכע ער האָט געמוזט פֿילן, האָט דער אַלטער הער אַרויסגעוויזן אַ סך נייגיריקייט זיך צו באַקענען מיט די אויסטערלישע נייע אידעען, וועלכע האָבן פֿאַרפֿירט די בעסטע פֿון זיינע סטודענטן־מיליאָנערן.

בוני האָט אים דערציילט פֿון פּאָול וואַטקינס און הערי זיגער, האָט אים אויפֿגעקלערט וואָס פֿאַר אַ מענטשן זיי זיינען, וואָס זיי האָבן אין סיביר געזען, וואָס פֿאַר אַ מיינונג זיי האָבן וועגן דעם, און וואָס פֿאַר אַ מיינונג ער, בוני, האָט וועגן דעם.

דער רעקטאָר האָט אים געשטעלט די נאַיִווסטע, קינדישסטע פֿראַגן און בוני האָט אים געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן סאָציאַליזם און באָלשעוויזם, וועלכער האָט געדויערט צוויי שעה. ענדלעך האָט דער סטודענט־מיליאָנער באַקומען אַ קלאַפּ אין פּלייצע מיט דער פֿאַרזיכערונג, אַז דער פֿאָטער מענביעס וועט נישט אַרויסגעשיקט ווערן, כּל זמן ער וועט זיך אָנשטענדיק אויפֿפֿירן, אויסערדעם איז בוני מיטגעטיילט געוואָרן, אַז רייפֿע גייסטער, ווי צ. ב. דער רעקטאָר, קענען זיך באַנעמען מיט די געפֿערלעכע נייע אידעען אָן אַ שום סכּנה, דאַקעגן די אומרייפֿע גייסטער פֿון די סטודענטן נישט

# X

בוני האָט זיך נאָך געמוטשעט פאַרשטענדיקן מיט הענריעטע עשלייוו. די פאַרשטענדיקונג איז פאָרגעקומען ווייניקער פיינלעך ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט, ווייל הענריעטע האָט איר טרויער פאַרבאָרגן אונטער דעם מאַנטל פון ווירדע.

„עס טוט מיר וויי, אַרנאָלד, וואָס איך מוז דאָס זאָגן. אָבער איך האָב מורא, אַז אין אייך לעבט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס געניסט פון אַזאַ ביליקער באַרימטקייט.״

בוני האָט זיך געפרוווט דעם פאָרוווּרף אָפּצוּוואַרפן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען, עפּעס אינעווייניק אין אים האָט אָנגעהויבן איינצוזעפינען, אַז הענריעטעס אידעען זענען צו לאַנגוויילִיק. ווי נאָר אָבער מען הייבט זיך אָן צו לאַנגווײַליקן אַזוי קומט עס שוין אָן שווער, דאָס מיידל אין ראָמאַנטישן ליכט צו זען,

דערנאָך אין דער היים. די מומע עמאַ איז געווען אויסער זיך און פּאַלקאָם צעמישט. אַלזאָ האָט בוני איבערהויפּט קיין פּריז נישט גענומען?! די מומע עמאַ איז געפאַלן אויף דעם געדאַנק, אַז בוני האָט טאַקע באַדאַרפט באַקומען דעם פּריז, נאָר די רויטע האָבן געשטערט, אַז ער זאָל זי באַקומען, די דאָזיקע שרעקלעכע געפאַר פון באָלשעוויזם ביי זיך אין דער היים! די מומע עמאַ האָט זיך אָנגעהערט אין די קלובן שוי-

דערלעכע געשיכטעס, דאָך איז איר אויף דעם זין נישט געקו־
מען, אַז די דאָזיקע טייוולאָנים וועלן קענען פאַרפירן איר איי־
גענעם פלימעניק. און דער פלימעניק האָט נאָך געשפּאָסט:

„גיב אַכטונג, מומעלע, דיר וועט מען די צווייטע פאַר־
פירן!"

און בערטיע—זי האָט ממש וועלטן איבערגעקערט. זי איז
מיט איי‎ניקע טעג צוריק איינגעלאַדן געוואָרן פון די אויסער־
געוויינלעך חשובע עטערטאָן-סטיוערס; איצט אָבער האָט זי זיך
נישט געוואַגט צו ווייזן פאַר קיין אַנטשטעבדיקן מענטשן.

„אַזוי איז עס שוין שטענדיק,"—האָט זי געשריגן,—„ווי
נאָר איך דערגרייך אַ געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג, אַזוי קומסטו
און מאַכסט מיר קאַליע! עטוואָס מער שרעקלעכערס ד־האָט
שוין נישט געקענט געשען. עס באַווייזט נאָר, וואָס פאַר אַ
נידריקן, געמיינעם געשמאַק דו האָסט."

בוני מיט בערטיע האָבן זיך ליב געהאַט און זיך געזידלט
מיט דער אמתער אויפריכטיקייט פון ברודער און שוועסטער.

דער פאָטער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, קיין איין
פראַגע נישט געשטעלט, נאָר ווען בוני האָט אים געוואָלט אַלץ
דערקלערן, האָט ער געזאָגט:

„שוין גוט, מיין זון, איך ווייס גענוי ווי עס איז פאַר־
געקומען."

און דאָס איז געווען אמת, ווייל הער ראָס האָט געקענט
פאַוולען, הערי זיגערן און אויך דאָס האַרץ פון זיין זון. ער
האָט געוווסט די טראַגעדיע פונם לעבן, אַז יעדער דור מוז
מאַכן זיינע נאַרישקייטן.

די אויפרעגונג איז אויסערגעוויינלעך שנעל פאַרשוווּנדן.

מיט איי‎ניקע טעג שפּעטער האָבן בונים חברים שוין גע־
רייצט זיך מיט אים מיט דעם דאָזיקן פאַרפאַל, גלייך ווי דאָס
אַלץ זאָל האָבן געווען נישט מער, ווי אַ שפּאַס.

צו איין ערנסטן רעזולטאַט האָבן די געשעענישן דאָך גע־
בראַכט: הער ירווינג האָט דערהאַלטן אַ בריוו פונם רעקטאָר־

אין וועלכן ער האָט אים מיטגעטיילט, אַז אין קומענדיקן יאָר וועט זיין אָפּמאַך מיט דעם אוניווערסיטעט שוין מער נישט באַנייט ווערן. דער לערער האָט בונין געוויזן דעם בריוו מיט אַ טרוקענעם שמייכל.

בוני איז ווידער געוואָרן אויסער זיך און האָט שוין געוואָלט דעם רעקטאָר אַ צווייטן ווידזיט אָפּשטאַטן.

נאָר הער ירווינג האָט געמיינט:

„לאָזט עס אָפּ, עס זענען פאַראַן אַ סך אופנים ווי אַזוי אַ נישט געליבטן לערער דאָס לעבן פּאַרמיאוסן, איך וועל זיך ווענדן צו אייניקע אַגענטורן, אַ סך בריוו צעשיקן און זיך אייבערציען ערגעץ אַנדערש, פאַרשטייט זיך, אויב איך וועל אַ פּאָסטן באַקומען. די אָרגאַניזאַציע פונקציאָנירט גוט און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איך בין שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף דער שוואַרצער ליסטע אַרויפגעשטעלט.”

„ווי אַזוי זענען די לייט געקומען אויף דעם געדאַנק אייך צו פאַרדעכטיקן, הער ירווינג?”

„ דאָס האָט געמוזט פריער אָדער שפּעטער געשען. זיי האָבן דאָך אַזויפיל שפּיאָנען.”

„אָבער מיר זענען דאָך געווען אַזוי פאָרזיכטיק! אייער נאָמען האָבן מיר דערמאָנט נאָר צווישן אונדז.”

„געוויס האָט איר אַ שפּיצל צווישן אייך.”

„צווישן די סטודענטן?”

„פאַרשטענדלעך.”

הער ירווינג האָט געשמייכלט פון בונינס נאַיוויטעט, האָט אַרויסגענומען פון שרייבטיש אַ ליטאָגראַפישן אָפּצוג און עס דערלאַנגט בונין.

„איך האָב דאָס באַקומען פון אַ געשטיפּטס פריינט.”

עס איז געווען אַ וואָכן-ביולעטין פון דער „ליגע צו באַווערן אַמעריקע,” אַ פּראָפּאַגאַנדע אָרגאַניזאַציע פון די סוחרים אין אַנגל סיטי. דער ביולעטין האָט איבערגעגעבן, ווי די אַגענטן פון דער אָרגאַניזאַציע ווערן אַריינגעבראַכט אין די אוניווער-

סיטעטן און הויכשולן, ווי זיי ברענגען דערצו, אַז די סטודענטן און לערערס זאָלן זייערע קאָלעגן אָפּהיטן און יעדער שפּור פון דער רויטער סכנה באַלד מעלדן.

די ליגע האָט באַזיצט אַ קאַפּיטאַל, וועלכער האָט איר דערלויבט אין משך פון די נעקסטע פינף יאָר 160 טויזנט דאָלאַר יערלעך אויף דעם דאָזיקן צוועק אויסצוגעבן.

ווידער אַ האַרטע שטיק ווירקלעכקייט, וועלכע איז מיט אַ טעמפּן טאָן אַראָפּגעפאַלן אויף דעם קאָפּ פון דעם יינגן אידעאַליסט. בוני האָט שנעל זיך איבערגעקלויבט אין די מיטגלידער פון זייער גרופּע. „ווער קען עס זיין?"

„באַשטימט אַזעלכער, וועלכער איז אויסערגעוויינלעך רויט. די זאַך קומט שטענדיק פאָר אַזוי: דער מענטש וויל דערטראָגן אַ מסירהלע, נאָר אַזוי ווי עס געשעט נישט גאָרנישט, העלפט ער אַליין אונטער. אויף אַזאַ אופן ווערן פון די שפּיאָנען כמעט כסדר פּראָוואָקאַטערס, מען דערקענט אים אין דעם, וואָס ער רעדט אַ סך און טוט נישט גאָרנישט ער טאָר נישט דערלאָזן, מען זאָל זאָגן פון אים, אַז ער איז געווען איינער פון די פירער"

„מיין גאָט!"—האָט בוני אויסגערופן. — „ער האָט צוגעזאָגט די צייטונג צו פאַרקויפן. דערנאָך אָבער האָט מען אים שוין מער נישט געזען."

„ווער?"

„בילי זשאָרזש, מיר זענען קיינמאָל נישט געווען ביי אים גענוג ווייט. נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז פּעטערס נאַרישע ליד זאָל געדרוקט ווערן. און דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן, זיין נאָמען איז גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן.

דער יקווינג האָט געשמייכלט.

„דאָ האָט איר געזען דעם ווייסן טעראָר ביי דער אַרבעט, הער ראָס. דאָס וועט אייך פאַרלייכטערן צו פאַרשטיין די וועלטגעשיכטע. צום גליק זענט איר רייך און דעריבער איז דאָס איינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּאַס. פאַרגעסט אָבער נישט, אַז ווען איר זאָלט זיין אַן אָרעמער רוסישער ייד, דאַן וואָלט איר שוין געזעסן אין תפיסה, ווו איר וואָלט שוין געהאַט אייער ווינונג די נעכסטע צען, אָדער צוואַנציק יאָר. אָבער ווען איר וואָלט געלעבט אין פּיילאַנד, אונגאַרן אָדער רומעניע, אַזוי וואָלט איר שוין פון לאַנג געלעגן מיט אייער קליינער גרובע פאַרשיט מיט ערד.״

### קאַפּיטל צוועלף

# די סירענע

## I

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג און בוני האָט פאַרענדיקט זיין צווייט יאָר אויף דעם אוניווערסיטעט. איצט אָבער האָט ער שוין פאַרלוירן זיין רייץ, ער האָט שוין פונלאַנג די דאָזיקע גרויסע אינסטיטוציע נישט גענומען אַזוי ערנסט, ווי זי האָט זיך אַליין, ער האָט געוווּסט, אַז די פאָרלעזונגען זענען לאַנגווייליק און נישט איבעריק וויכטיק און אַז מען האָט דאָ מורא פאַר נייע און אָריגינעלע געדאַנקען. דאָס איינציקע נוצלעכע, וואָס ער האָט דאָ גענאַשט, זענען געווען די געמען פון אייניקע גוטע ביכער, וועלכע ער האָט געוואָלט לייענען. דאָך דאָס וואָלט ער געקאָנט טון פיל בעסער אין דער היים. ער האָט זיך איבערלייגט צי ער זאָל נאָך ווייטער באַזוכן דעם אוניווערסיטעט.

אין פּעראַדיז האָט אויסערלעך געהערשט איצט מער פרייהייט. פאַול האָט פונסביי געאַרבעט אַלס צעסליער אין דער געזעלשאַפט, ער איז שוין ווידער געוואָרן צוריק געזונט און האָט פאַרדינט זייער גוט, ווייל עס זענען געווען ווייניק גע-

לערנטע בויאַרבעטער, ווייל אַלע איבערגעריסענע אין משך פון קריג בויאַרבעטן, האָבן זיך נאָכאַמאָל נאָך דער קריג אָנגעהויבן פונסניי.

רות איז ווידער געווען גליקלעך, דריי נאָפטאַרבעטער מיטאַמאָל זענען געווען אין איר פאַרליבט, אָבער זי האָט נאָר געקלערט פון איר געליבטן ברודער. פאַוול האָט פונסניי גע־שטודירט, אָבער שוין נישט מער ביאָלאָגיע, ער האָט זיין גאַנץ געלט אָפּגעגעבן אויף ביכער און בראָשורן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען נאָר מיט דער אַרבעטער באַוועגונג. די געזעלשאַפט האָט געהאַט אָנגעשטעלט ביי זיך אַ סך זעלנער. וועלכע זענען געווען אויף דעם פראָנט; אייניקע פון זיי האָבן געהאַט וועגן קריג דיזעלבע מיינונג, וואָס פאַוול. צווייטמאָל אין וואָך האָבן זיי באַזוכט קורסן, זיי האָבן געמיינזאַם געלייענט און דעבאַטירט איבער דעם געלייענטן.

אויף אַזאַ אופן איז די ראַסקום־פערמע געוואָרן דאָס, וואָס די פרעסע פון אַנגל־סיטי האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „באָלשע־וויסטננעסט“. ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט האָבן געווען די מיי־נונגען פון די אַרבעטער אין דער פראַגע פון טאַקטיק, לגבי איין פראַגע אָבער זענען זיי געווען אין דערזעלבער מיינונג: דער קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט האָבן צווישן זיך נאָר איין געמיינזאַמע זאַך — דעם קאַמף קעגנאַנאַנדער.

אויף דעם פעלד האָבן זיך אויך געפונען י. וו. ווס.; מען האָט אין די באַראַקן זייער ליטעראַטור געפונען, העלר ראָס האָט עס געקענט וויסן, דאָך האָט ער גאָרנישט געטון דעקעגן: זיינע אַרבעטער האָבן באַדאַרפט פריי קענען אַרויסזאָגן זייער מיינונג, ער האָט גענומען די ריזיקע אויף זיך.

און וואָס דען אייגנטלעך האָט ער געקענט טון, דהאָט דאָך יעדער אַרבעטער געוווסט, אַז דער אַנטדעקער און יורש פון דעם פעלד איז איינער פון די ראַדיקאַלסטע צווישן זיי אַלע!

אין דער קריג איז דער פאַריין פון די נאָפטאַרבעטער

געוואָרן אַנערקענט. איצט אָבער האָט דער אָנקל סעם נאָכגע־לאָזט אַ ביסל די לייצן די אונטערנעמערס, דער אידעאַליסטי־שער פּרעזידענט איז געליגן קראַנק אין וואַשינגטאָן און אין אַנגל־סיטי האָט מען די „אָפּענע פּאַריין־באַנדעס" זיך געפּלייסט צו ברענגען צוריק אין דעם צושטאַנד, וואָס פאַר דער מלחמה. ווייניקסטנס האָט מען אַזוי געמורמלט צווישן די פּאַריין באַ־אַמטע.

וואָס זאָלן זיי אונטערנעמען קעגן דעם? די לויגאָפּמאַכן האָבן אין סוף פון דעם יאָר זיך שוין פאַרענדיקט, און אַרום דעם פּונקט האָבן זיך געדרייט אַלע דעבאַטן פון די אַרבעטער, ווי פון די רוישע, אַזוי פון די אומפּאַליטישע. איבער בוניס קאָפּ האָט געשוועבט דער געדאַנק וועגן אַ שטרייק, ווי אַ שוואַרצער שאָטן.

דער פאָטער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז דער זון וועט זיך אַמאָל פאַראינטערעסירן מיט דער אונטערנעמונג, וועלכע אַנטוויקלט זיך אַזוי פּראַקטיק. און בוני, וועלכער האָט געוווסט דעם פאָטערס בענקשאַפט, האָט שטודירט די מאָנאַטלעכע באַ־ריכטן איבער דער פּראָדוקציע, די הוצאות און הכנסות, האָט באַטראַכט די קוואַלן און אָפּגערעדט באַראַטונגען מיט די אַרבעטער.

נאָך מיט אייניקע יאָר צוריק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ נאַפט־קוואַל איז דאָס אינטערעסאַנטסטע אויף דער וועלט, איצט אָבער האָט ער אויסגעפונען, אַז איינס איז גלייך צו דער אַנדערן. נומער 142 האָט אַריינגעבראַכט זעקס הונדערט טויזנט דאָלאַר, נומער 143 נאָר פירהונדערט פופציק טויזנט דאָלאַר. אָבער איז דאָס דען נישט אַלצאיינס, פאַר די איבערי־קע הונדערטפופציק טויזנט דאָלאַר קלערט מען נאָר נאָך איין קוואַל אויסצובויערן.

דער פאָטער האָט דערקלערט:

„איין זאַך דאַרפסטו נישט פאַרגעסן — די וועלט דאַרף האָבן נאַפטן"

ווען בוני האָט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וועלכער דאָס איבערגעשפּאַנט דעם פאָטערס האָריזאָנט, דאָס דער לעצטער זיך נאָר געערגערט. דער פאָטער האָט בונין אויסגעזען, ווי אַן אַלט פערד, וועלכער איז איינגעשפּאַנט אין אַ מיל, ער טופּעט, טופּעט אַ גאַנצן טאָג און אויך ביינאַכט חלומט ער פון דעם, נעמט מען אים צו פון דער מיל, אַזוי שטאַרבט ער, — ווייל דאָס לעבן וועט שוין פאַר אים דעמאָלט קיין זין נישט האָבן.

בוני האָט זיך אויסגעלערנט פּאַמעלעך צו האַלטן פאַרבאָרגן אין זיך זיינע ספקות, די טעאָריעס וועגן דעם קלאַסנקאַמף, מיט וועלכע פּאַוול האָט אים באַקענט, און די ידיעות וועגן אַ שטרייק, וועלכע ער האָט אין דעם אָרגאַן פון די נאַפטאַרבעטער געלייענט. ער איז נאָך געגאַנגען מיט דעם פאָטער פיש פאַנגען און ביידע האָבן זיך געפלייסט צו מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך ווי זיי זאָלן זיין אויף דער שוים פון דער נאַטור פונקט אַזוי גליקלעך, ווי פריער, כאָטש דער פאָטער איז שוין געווען צו שוואַכלעך און צו שטייף כדי צו קענען נאָך געניסן פון דעם אַרומקלעטערן אויף די בערג.

## III

דעם פּסח האָט בוני פֿאַרבראַכט אין פּאַראַדיז, אין דער זעלבער צייט איז אויך ווערנאָן ראָסקאָ אַראָפּגעקומען אויף דעם פֿעלד. ער איז שוין פֿריער אויך דאָ געווען, אָבער קיינמאָל נישט גלייכצייטיק מיט בונין, און די ביידע האָבן זיך נאָר דרך־אגב אַמאָל געזען אין ביורא. פֿאַר בונין איז ראָסקאָ געווען אַ גרויס פּנים, אַ גרויסער קערפּער, און אַ הויכע שטים.

דער פּאָטער אָבער האָט געהאַלטן, אַז ראָסקאָ האָט אויך אַ גרויס האַרץ, דאָס האָט בוני געוויסט נאָר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל הער ראָסקאָ האָט אים אַמאָל אויף די פּלייצעס געקלאַפּט און ראָס־יוניאָר טיטולירט.

איצט אַלזאָ איז ער געקומען, און מיט אים אַ שרעקלעכער ווינט — אַן אויסטערלישע צוזאַמענטרעפֿונג. געוויינלעך זענען די היצן אין פּאַראַדיז געווען איבערצוטראָגן, די נעכט זענען געווען קילע און דערפֿרישנדיקע, דריי אָדער פֿיר מאָל אָבער אין יאָר איז אָנגעקומען אַ שטאַרקער ווינט, און דעמאָלט האָט מען זיך געפֿילט גלייך אַ גליענדיקע זאָל האַלטן יעדן ביים האַלדז.

„פֿינפֿאונפֿערציק גראַד צעלזיוס אין שאָטן און עס איז קיין שאָטן גאָר אויך נישטאָ,“—האָבן געזאָגט די נאַפֿטאַרבעטער וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער זון און אויסגעטרונקען צו

גאַנצע ליטערס לימאָנאַד. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דער ווינט האָט געווייט אויך אין משך פון דער גאַנצער נאַכט, אַזוי, אַז די אָנגעגליטע ווי אויווגס הייזער, האָבן נישט באַוויזן אפילו זיך אָפּצוקילן.

דער נאַפּטמאַגנאַט, ווי די צייטונגען האָבן וועראָן ראָס-קאָע אָנגערופן, האָט פאַרלאָזט נאָך דעם פרישטיק אַנגעל סיטי און אָנגעקומען פאַר האַלבער נאַכט קיין פאַראַדיז. דער פאָטער מיט בונין האָבן אים אָפּגעוואַרט אויף דער וועראַנדע. ער האָט זיי דערזען און זיין שטים האָט אויפגעהילכט, נאָך איידער עס איז פאַרשטומט געוואָרן דער גערויש פונם מאָטאָר.

„האַלאָ, ראָס! האַלאָ ראָס-יוניאָר! צום טייוול, וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר? מיין גאָט, אַזאַ היץ האָב איך נאָכנישט איבערגעלעבט! וועט מאָרגן אויך אַזוי זיין? אַזוי פאַרנעם איך מיין פעקל און אַנטלויף.”

ער איז אַרויסגעשטיגן פונם אויטאָ און זיך געלאָזט מיט דער סטעזשקע. זיין געזיכט איז געווען אַזוי קיילעכדיק, ווי די פולע לבנה, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפיגלט אויף זיין פליך.

ער האָט אויסגעטאָן דעם ראָק און דאָס העמד און געבליבן נאָר אין דעם ראָזן זיידענעם הינטער העמד. ער האָט נישט געשוויצט, ווייל ביי דער דאָזיקע היץ איז מען שטענדיק געווען טרוקן. מען האָט זיך געקענט אוועקשטעלן אונטער אַ פּלומפּ, איינגאַנצן זיך מיט וואַסער באַגיסן און דעם נעכסטן אויגנבליק שוין ווידער זיין טרוקן.

„האַלאָ, וועריבע!”—האָט אויסגערופן הער ראָס.

און בוני האָט געזאָגט:

„ווי גייט עס, הער ראָסקאָע?”

ער איז געווען פאַרזיכטיק דער ערשטער צו פּאַקן די לאַפּע פון דעם נאַפטמאַגנאַט, וועלכער, אַרייננעמנדיק עמעצנס אַ האַנט, האָט ער איר שיעור די ביינער נישט צעקוועטשט. אַ מאָל איז ער געווען אין אָקלאַהאָמע אַ שטעמפּלער פון רינדער און עס ווערט פון אים דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געפּאַקט אַ פערד-גנב מיט ביידע הענט און אים געבויגן אויף אַרונטער

אזוי לאַנג, ביז דער מאַן איז צעבראָכן געוואָרן אויף צווייען, נישט קוקנדיק אויף זיין פעטקייט האָט ער נאָך אַלץ פאַרמאָגט אין זיך דעם אַמאָליקן כּוח.

„הייס, ווי אין גהינום״—האָט ער געענטפערט אויף בוניס פראַגע.

„זאָגט נאָר, ראָס, זאָל איך ווירקלעך דאָ פאַרבלייבן?״

„איר מוזט דאָ בלייבן, איך וועל גאָרנישט לאָזן מאַכן אויף דעם באַנדי-פעלד איידער איר וועט האָבן אַלץ באַטראַכט. מיר וועלן אייך אַנידערזעצן אויף איין.״

„איז מיין ביר אָנגעקומען? היי, קונאַ.

די דאָזיקע ווערטער זענען געווען געווענדעט צו דעם יאַפּאַנער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער שוועל.

„ברענגט מיר אַשאַף. אַ פולע וואַנע. איך האָב מיטגעבראַכט אַ ביסל מיט זיך אין אויטאָ, איך האָב נישט געוואָלט ריזיקירן. איר האָט שוין געהערט וואָס האָט זיך פּאַסירט מיט פּעטער אָרעוולין? דער דאָזיקער אידיאָט האָט געפּרוווט מיט אַ קאַסטן וויסקי אין אויטאָ די גרענעץ איבערפאָרן, איצט וועט אים יעדער פערטל ליטער קאַסטן הונדערט דאָלאַר, מיין גאָט, ראָס, ווי האַלט איר עס אויס?״

„ערשטנס טרינק איך לימאָנאַד, אַנטשטאָט ביר.״

די דאָזיקע רעפּאָרט האָט בוני דורכגעפירט ביי דעם טאַטן, וועלכער איז איצט זייער שטאַלץ געווען דערויף.

„דאָס איז פאַר מיר קיין שטאָף נישט, זייפנשוים האָב איך געבונג אין דער וואַנע, איך גלויב, אַז קיין פרויען זענען דאָ ביי מאַ אין דער מאָמענט?״

ער האָט אויסגעטאָן די שיך און די הויזן און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַן עלעקטרישן פאָכער.

„דאָס דאָזיקע אידיאָטישע באַשעפעניש פאָכעט נאָר אָן הייסע לופט,״—האָט ער געברומט און געקוקט אויף בונין,—„נו דאָ איז אונדזער קליינער באָלשעוויק. ווו איז די רויטע פאָן?״

„איך זע, אַז איר לייענט ציייטונגען.״

„נאָך ווי אַזוי, מיין יינגל, זיי האָבן די גאַנצע ערשטע

זייט אָפּגעגעבן, עס האָט מיר ביי אייניקע פון מיינע פאַרהאַנ-
דלונגען גוט צונוץ געקומען. קומט מ'ט מיר אין מיין ביורא
וועל איך אייך באַקענען מיט אַן איבערגעטוענעם סאָוויעטישן
קאָמיסאַר, וועלכער וויל מיר פאַרקויפן קאָנצעסיעס אין אוראַלו,
ווי צום טייוול, איז דען דאָס אָרט? האָב איך אים געפרעגט.
אָבער עס זעט אויס, אַז עס איז יאָ דאָ ערגעץ אַזאַ אָרט,
אויב זיי האָבן נאָר נישט די לאַנדקאַרטע געפעלשט, דער חברה
מאַן האָט אויך ביי מיר אָנגעהויבן ביי דעם „ברידער—צאָון
מענטשן-שווינדל". אויף וואָס איך האָב אים באַלד אָפּגעענטפערט:
געוויס, אויף דעם בין איך שטאָלץ, אונזער יינגער שותף טוט
עפּעס אויף דעם געביט, גיט נאָר אַ קוק, און איך האָב
אים געוויזן די צייטונגען, פון דעמאָלט אָן רעדן מיר זיך צו-
נויף שוין מיט „טאָוואַרישטש."

## III

טאָוואַרישטש ראָסקאָוע האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גרין-זיידענער פּידזשאַמע אויף אַ פעלדבעטל אין דהויף נעבן דעם ברונעם. אַרום פינף אַזייגער איז ער געוואָרן אויפגעוועקט פון הער ראָסן צו גיין מיט אים, מיט די קאָלעגן און דעם אינזשיניער און אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן די פּלאַנען פון דעם באַנדי-פעלד. ער האָט זיך באַלד אומגעקער קרעכצנדיק און שרייענדיק נאָך ביר.

דערנאָך האָט ער געקלאָגט:

„ווו וועל איך נעמען ביר, ווען מיינער וועט מיר אויסגיין?"

די זון האָט זיך דערווייל געטון אויף דעם דאַך און ווענט איר אַרבעט. יעדע צען מינוט האָט זיך אויפגעהויבן דער גרויסער מאַן, אַ קוק געטון אויף דעם טערמאָמעטער און זיך צעלאָזט מיט בעל-עגלהשע זידלערייען, מיטאָגצייט האָט ער אָנגעהויבן צו געוואַלדעווען, אַז עס מוז דאָך פאָרט זיין אַ וועלכעס עס איז מיטל אַ שטוב אָפּצוקילן.

„מיין גאָט, ברענגט אַ שפּריצער און באַנעצט מיט אים דאָס צימער."

בוני וועלכער האָט שוין שטודירט פיזיק דהאָט דערקלערט:

„אַז דאָס וועט נאָר דעם מדבר-קלימאַט אין דעם קלימאַט פון דער קאָנגאָ-געגנט פאַ וואַנדלען.“

הער ראָסקאָע האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן כאָטש נאָר דעם דאַך און די וואַרענדע צו באַשפּריצן.

בוני האָט צוגערופן דעם גאָרטנייגל: באַלד האָבן שוין געאַרבעט אַ האַלב טוץ שפּריצערס און עס האָט אַראָפּגעגאָסן אַן אמתער רעגן.

אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, הער ראָס האָט טעלעפאָניש גערופן דעם עלצטן אַרבעטער פון דער שלאָסערײַ און אים באַפוילן אַלץ איבערלאָזן און קומען מאַכן קילער, וועט ער זײַן פאַרטיק אין משך פון אַ שעה, אַזוי באַקומט יעדער אַרבעטער אַ דאָלאַר.

באַלד זענען אָנגעקומען 4 מענער אין אַ לאַסטאויטאָ, האָבן מיטגעבראַכט אַ גרויסן מעטאַלענעם קאַסטן מיט דאָפּעלע ווענט. זיי האָבן אויסגעבויערט אין דער ערד אַ לאָך פאַר אַ רער, געבראַכט פונם אײַזקעלער אפשר אַ האַלבן טאָן אײַז און צוויי זעקלעך זאַלץ, און אין אייניקע מינוט שפּעטער האָט שוין דער טערמאָמעטער געוויזן אַז אויף דעם באָדן פון דעם קאַסטן בלאָזט אַן אײַז קאַלטער ווינט. דער גרויסער מאַן האָט זיך געזעצט גאַנץ נאָענט נעבן דעם קעלער און נאָך אַ פּאָר מינוט האָט ער שוין צופרידן געזיפצט. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער שוין געניסט: האַפּציי! פון וואָס אַלע האָבן געלאַכט.

דאָס ביר האָט אים שלעפעריק געמאַכט און ער איז אײַנגעשלאָפן, הער ראָס האָט דערווײַל באַטראַכט די בוישטעלן. נאָך דעם מיטאָג עסן איז הער ראָסקאָע ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער זיך דערפילט אויסערגעוויינלעך גוט. ער האָט אַ טאָן געטאָן, און בוני האָט ווײַטער געלערנט די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

„נו“—האָט דער מאַגנאַט געזאָגט—איך וויל האָבן פון אײַך צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר.“

„ווו איז אייער ביקס?"—האָט זיך הער ראָס ליבנסווירדיק נאָכגעפרעגט.

„איר וועט עס צוריק באַקומען דאָפּלט, אָדער דרייפאַך, עס האַנדלט זיך אין אַ קליינעם פאָנד, וועלכן פּעטער אָרעילי, פריד אָרפאַן און איך ווילן פאַרלייגן, מיר קענען אָבער מיט ווייניק מענטשן רעדן דערפון."

„אין וואָס האַנדלט זיך עס, ווערנע?"

„מיר גרייטן זיך צו אויף די וואַלן צו דעם רעפובליקאַנישן קאָנווענט און דאָס מאָל טאָר שוין מער נישט זיין קיין קלאָגעדיקער, לאַנגקעפיגער אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר, נאָר אַ מענטש מיט אַ קילעכדיקן קאָפּ, ווי איר און איך, יָם, איך וועל פאָרן קיין טשיקאַגאָ אויסזוכן אַ זעלכן."

„האָט איר שוין עמעצן אַ באַשטימטן?"

„איך פיר איצט אונטערהאַנדלונגען מיט אַ חברה-מאַן פון אָיאָ, מיט באַרניי בראָקווי, וועלכער איז דאָרט דער פירער פון דער פּאַרטיי. ער וויל מיר זאָלן דאָרט נעמען דעם סענאַטאָר האַרדינג. ער איז אַ גרויסער מאַן מיט אַ שיינעם אויסזען אַ גוטער רעדנער א. אַז. וו. בראָקווי גלויבט, אַז מיר קענען אים האָבן פאַר אַ דריי פיר מיליאָן; ער וועט זיך פאַרפליכטן אונדז איבערצוגעבן דאָס אינערמיניסטעריום."

„איך פאַרשטיי."

הער ראָס האָט נישט באַדאַרפט פרעגן, וואָס דאָס באַדייט.

„שוין אַ צען יאָר, אַז איך האַלט אַ געוויסע געגנט אויף דעם אויג, עטוואָס וואונדערלעכעס, די עקסצעלזיאָר-פּעטאַוזש האָט דאָרט צוויי פראָבע-קוואַלן געבויערט, דערנאָך איז די זאַך ווידער געוואָרן שטיל, ערגעץ אַ רעגירונגסבאַריכט האָט זיך מיט דעם פאַרינטערעסירט, אָבער פון דעם באַריכט איז נישט געבליבן מער קיין שום קאָפּיע; איך האָב איינע פון די לעצטע געלאָזט צוגנבענען פאַר זיך. אומגעפער פערציק טויזנט אַקער לוימער נאַפט."

„אָבער ווי קען די רעגירונג צונעמען דאָס, וואָס געהער

צו דער עקסצעלזיאָר-געזעלשאַפט ?"

„די רעגירונג האָט דאָס אינגאַנצן איבערגענומען און באַשטימט פאַר אַ נאַפט-רעזערוו פאַר דעם פלאָט. אָבער וואָס פאַר אַ נוצן, צום טייוול, וועט עס ברענגען דעם פלאָט ? אַז עס ווערט גאָרנישט אויפגעבויט ? די אידיאָטן גלויבן, אַז בויערן קוואַלן, דורכפירן אַ רערנליייטונג און אויפשטעלן טאַנקסן איז אַזוי פשוט, ווי צו שטימען אין קאָנגרעס פאַר מלחמה. זאָלן זיי אונדז נאָר אַהין לאָזן, מיר וועלן שוין דעם נאַפט אַרויסבאַקומען און פאַר דעם פלאָט פאַרקויפן אַזויפיל, וויפיל זיי וועלן נאָר אַליין וועלן."

דער הער ראָס איז אויך געווען אין דערזעלבער מיינונג און דעריבער איז נישט פאָרגעקומען קיין שום דעבאַטן, ער האָט נאָר געלאַכט און געזאָגט:

„גייט נאָר אויף דעם נומער זיבער, און קויפט אויך אָפּ דעם גענעראַל פּראָקוראָר און דעם אינערנמיניסטער."

„וועגן דעם טראַכט איך שוין,"—האָט אָפּגעענטפערט דער צווייטער, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף ראָס לאַכן,—באַרגיי פּראָקוויי איז דערצו באַרופן; דאָס האָט ער מיט האַרדינגן אָפּגעמאַכט."

הער ראָסקאָע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין בונין, וועלכער איז געשטאַנען ביי דעם פענצטער און געלייענט.

„אונדזער קליינער באָלשעוויק, האָף איך פאַרשטייט, אַז ער האָט דעם דאָזיקן ענין געהערט נישט ערגעץ אויף דער גאַס !"

הער ראָס האָט האַסטיק אָפּגעענטפערט:

„בוני האָט פון מיינע געשעפטן שוין געוווסט, ווען ער איז נאָך געווען אַזוי גרויס ווי אַ פליגעלע, שוין גוט, ווערנע, איך וועל אייך צושיקן מיין טשעק, אויב עס האַלט שוין אַזוי ווייט."

די זון איז אונטערגעגאַנגען; עס איז שוין געווען פאַר הער ראָסקאָע די צייט אַוועקצופאָרן. פריער אָבער האָט ער נאָך

אָפּגעגעסן אָונטש ברויט. ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן און פאַרטרונקען מיט שוואַרצע קאַווע, האָט ער זיך אויסגעצויגן מיט אַ נחת רוהדיק זיפצן אויף זיין שטול, אויפגעריסן דעם גאָלדענעם באַנד פון דעם ציגאַר, אַ קוק געטון מיט זיינע קלוגע אויגן אויף בונין וועלכער איז אים געזעסן קעגנאיבער און דערקלערט:

„איר זענט אַ ליבער יינגל. אָבער אַ שרעקלעכער ערנסטער. איר נעמט דאָס לעבן צו שווער, מען מוז האָבן אין לעבן אַ ביסל שפּאַס אויך, איך ווייס וואָס איך פעלט, דהאָט איר אַ מיידל?״

„איצט נישט.״

בוני האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט.

„דאָס האָב איך געקלערט, איר דאַרפט האָבן איינע, וואָס זאָל אייך פריילעך מאַכן. איך מיין נישט אַזעלכע, ווי די היינטיקע מיידלעך זענען, נאָר אַ פאַרנונפטיק מיידל, ווי מיין אַנאַבעלע, קענט איר אַנאַבעלע עמס?״

„פערזענלעך נישט. געזען האָב איך זי פאַרשטענדלעך.״

האָט איר געזען אַנאַבעלען אין „מאַדאַם טיטי?״ דאָס איז אַ פילם! דורך אגב דער איינציקער, ביי וועלכן איך האָב עפּעס פאַרדינט. אַלזאָ דאָס מיידל זאָרגט פאַר מיר, ווי אַ מוטער, וואָלט אַנאַבעלע דאָ געווען, אַזוי וואָלט איך נישט געטרונקען אַזויפיל ביר; אין דעם מעגט איר זיין זיכער, קומט אַמאָל צו מיר אין באַזוך, ווען אייך געפעלט, און אַנאַבעלע וועט שוין פאַר אייך אַ מיידל געפונען, דאָרט איז דאָ אַ סך און זי איז גליקלעך ווען זי קען אַ פּאָרל צוזאַמענפירן, פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאָרן איצט מיט מיר?״

„איך מוז גיין איבערמאָרגן צוריק אין דעם אוניווערסיטעט.״

„אַלזאָ קומט אויף .זיכער און ברענגט מיט אויך דעם אַלטן. ער דאַרף אויך האָבן אַ מיידל, איך האָב עס אים שוין פיל מאָל געזאָגט. האָט איר נאָך אַלץ נישט קיין מיידל, ים

זעט גאָר ווי ער איז רויט געוואָרן די אַלטע פּרוּ׳ אין הויזן! איך וואָלט געקענט דעם יינגן דערציילן פון אייך זאַכן, אַז די אָדערן אין פּנים וואָלטן אייך געפּלאַצט. וואָס, אַלטער חוטא די

און דער גרויסער מאַן, וועלכער האָט זיך דערווייל אויפגעהויבן, האָט אַ קלאַפּ געטון הער ראָס אויף דעם רוקן און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ווערנאָן ראָסקאָע באַזיצט „אַ גרויס הארץ.“ עס זעט אויס, אַז ער האָט ווירקלעך דערפילט אַ סימפּאַטיע צו בונין און האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען געניסן פון זיין לעבן.

„באַזוכט מיר, מיין יינגל,“—האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַריינשטייגנדיק אין אויטאָ,“—„פאַרגעסט עס נישט, איך וועל אייך ווייזן ווי עס דאַרף אויסזען אַ ווילע, דעמאָלט וועט איר אויך דעם אַלטן צווינגען ער זאָל אַזעלכעס קויפן.“

בוני האָט צוגעזאָגט צוקומען. דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן צו רוישן, דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן אין דער לבנה-שיין און די מעכטיקע לאַכנדיקע שטים איז אָפּגעשטאָרבן צווישן די בערגלעך:

„צום ווידערזען, בוני!“

בוני האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, איז נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער אין זיין אַרבעטס צימער און פאַרמאַכט די טיר.

„ווײסטו ווירקלעך דעם הער ראָסקאָע דאָס געלט געבן, טאַטע?“

„געוויס, מיין זון, פאַרוואָס דען נישט?“

דער פאָטער האָט אַ קוק געטון פאַרווּנדערט, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון אין אַן ערלעכן פאַל, מען האָט נישט געקענט וויסן געוויי אויף וויפל ער מאַכט זיך, ווייל ער איז געווען אַ קלוגער טייוול. און האָט אָנגעווענדט זיין קונסט לגבי די, וועלכע ער האָט געליבט.

„טאַטע, דו וועסט אָפּקויפן די פּרעזידענטנשאַפט פון די פאַריניקטע שטאַטן?“

„מען קען עס אַזוי אויך אויסדריקן..."

„אַזוי איז עס, טאַטע."

„דו קענסט עס אַזוי אויפפאַסן. פון דער צווייטער זייט אָבער באַטייט עס נאָר, אַז מיר שיצן זיך קעגן די קאָנקורענטן וועלכע ווילן אונדז רואינירן, וועלן מיר נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט דער פּאָליטיק, אַזוי וועלן מיר זיך נאָך די וואַלן אַרומקוקן, אַז מיר זענען פאַרטיק.

אייניקע גרויסע אין מזרח-זייט האָבן אַרויסגעוואָרפן צעלעכע מיליאָן כּדי דורכצופירן דעם גענעראַל לעאָנאַרד ווד. ווילסטו דען פאַר אים אַרבעטן?"

בוני האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַ ריין רעטאָרישע פראַגע, און ער האָט אויף איר נישט געענטפערט, ער האָט נאָר געזאָגט:

„עס איז אַ שמוציקע שפּיל, טאַטע."

„איך ווייס עס, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. פאַרשטענדלעך, אַז איך קען מיר צוריקציען, איך האָב מיר גענוג צום לעבן, אָבער איך וועל מיר נאָך נישט לאָזן אוועקיגן צו דעם אַלטן אייזן."

קענען מיר דען נישט אונדזער אייגענע אָנגעלעגנהייטן זעלבסטשטענדיק פירן?"

בוני האָט שוין די פראַגע איינמאָל געשטעלט.

„דאָס גייט נישט. מיין זון, מיר וועלן באַלד ווערן צוגעדרוקט צו דער וואַנט. זיי וועלן אונדז בלאָקירן ביי די ראַפינעריעס, אויף די מאַרקן, ביי די באַנקן. איך האָב נישט געגערן צו רעדן דערפון, אָבער אין דער געשעפטסוועלט איז פאַר די קליינע קיין פּלאַץ נישטאָ. דו גלויבסט, אַז איך בין אַ גרויסער מאַן, ווייל איך פאַרמאָג צוואַנציק מיליאָן, און איך האַלט ווערנען פאַר אַ גרויסן, ווייל ער באַזיצט פופציק מיליאָן. דאָך איז דאָ די עקסצעלזיאָר-פּעטראָש, וועלכע באַשטייט פון דרייסיק ביז פערציק אַרבעטנדיקע געזעלשאַפטן און פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון עטלעכע מיליאַרד. און אויך די וויקטאָרגעזעלשאַפט וועלכע

האָט נאָך מיט אַ דריי-פירהונדערט מיליאָן מער און האָט אַלע בענק ווי איך די פאַרזיכערונגס געזעלשאַפט הינטער זיך. — וואָס קענען מיר אומאָפּהענגיקע אויפטון קעגן די דאָזיקע לייט? באַטראַכט נאָר דאָס פאַלן פון די פרייזן; די צייטונגען שרייבן, אַז די מאַרקן זענען איבערפולט, אָבער עס איז אַן אומזין: ווער איבערפולט זיי? דאָס איז דער אויפטו פון די גרויס פינף, וועלכע ווילן די קליינע לייט אומברענגען: זיי ווילן זיי פאַרטרייבן פונם פלאַץ.״

„קען די מאַכט דאָ גאָרנישט אויפטון?

„עס זענען פאַראַן טויזנטער אַזעלכע פאַקטן. מיר מוזן שטענדיק זיין די ערשטע, ביי דעם ערשטן גלאָקנקלאַנג. ווי אַזוי האָבן מיר באַקומען די דערלויבניש אַ רערנלייטונג דורכצופירן? אָדער טראַנספּאָרט דערלייכטערונגען? דו האָסט דאָך געזען, ווי עס איז געווען, ווען מיר זענען געקומען קיין פּאַראַדיז, צי וואָלטן מיר עטוואָס דערגרייכט, ווען איך זאָל נישט געווען באַצאָלן זשעק קאָפּייען? וואָס וואָלט שוין איצט געווען מיט ווערבען און מיט מיר, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַלטן מיט זשעקן און נישט געזאָרגט זיך כסדר וועגן דעם, ער זאָל ברענגען די ריכטיקע לייט? און אין וואָס באַשטייט דער אונטערשיד? נאָר אין מאַסשטאַב. איצט שפּילן מיר אין אַ גרויסן מלוכהשן מאַסשטאַב, דאָס איז עס אינגאַנצן. ווען מיר—ווערבע, פעטער אָרעלי, פריד אָרפאַן און איך—באַקומען די דאָזיקע געביטן, אויף וועלכע מיר האָבן אַן אויג געוואָרפן, אַזוי וועט עס שוין אין דער נאַפט-פעלדער זיין זעקס, זיבן, אָדער אַכט גרויסע. און מיר וועלן, מיין זון, טון גלייך, ווען מיר וועלן האַנדלען אַזוי ווי די אַנדערע, זייט פופציק יאָר, זייט דער צייט, ווען דער נאַפט האָט אָנגעהויבן צו האָבן אַ ווערט.

„עס איז זייער שיין,״—האָט דער פאָטער פאַרגעזעצט,—

„ווען איינער פאַרמאַכט זיך אין אַ צימער און באַקלערט, ווי די וועלט וואָלט באַדאַרפט אויסזען, דאָס אָבער ענדערט גאָרנישט, מיין זון, נאַפט מוז זיין, און מיר, וואָס פאַרשטייען דאָס

צו טון, זענען די פּאַסיקע מענטשן דערצו. דו הערסט די דאָזיקע סאָציאַליסטן און באָלשעוויקעס, אָבער מיין גאָט, שטעל דיר פאָר, ווי דאָס וואָלט אויסגעזעען, ווען די רעגירונג זאָל עקספּלואַטירן די אַלע נאַפט געביטן! אַזוי פיל געלט איז גאָרנישטאָ אין די גאַנצע פאַראייניקטע שטאַטן, וויפל דעמאָלט עס וואָלט אַוועקגעגאַנגען אויף כּאַבּאַר. איך, אַלס אַ מענטש פון אינעווייניק, קען דאָס אַלץבאַאָבאַכטן און איך ווייס, אַז דאָס אַלץ, וואָס ווערט איבערגעגעבן דער רעגירונג, ווערט ווי אויף צענטויזנט מעטער איינגעגראָבן אין דער ערד, דו רעדסט פון דעם געזעץ, דאָך זענען פאַראַן עקאָנאָמישע געזעצן, אונטער וועלכע די רעגירונג מוז זיך אונטערוואַרפן פּונקט אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע. מאַכט די רעגירונג אַ שטות, אַזוי פאַרשטייען די לייט באַלד ווי מיט איר פאַרטיק צו ווערן, און די געשעפטסלייט, וועלכע טוען דאָס, זענען אויף קיין האָר נישט ערגער פון די אַנדערע. מיר לעבן אין אַ נאַפטצייטאַלטער, פּרוּווסטו קלענער מאַכן די פּראָדוקציע פון נאַפט, איז עס גלייך ווי דו זאָלסט וועלן איינהאַלטן דעם ניאַגאַראַ-פאַל.״

עס איז געווען אַ קריטישער אויגנבליק אינם לעבן פון זיי ביידע. אין יאָרן אַרום האָט בוני געקלערט דערפון און זיך געמאַכט פאָרווירפן, פאַרוואָס ער איז דעמאָלט נישט אַרויסגעטרעטן אַנטשלאָסענער, ער וואָלט מיטן פאָטער געוואָרן פאַרטיק ווען ער זאָלט נאָר געווען דעמאָלט זאָגן:

„טאַטע איך וויל נישט די פּרעזידענטשאַפט קויפן. טוסטו עס געמיינזאַם מיט הער ראָסקאָע, אַזוי זאָג איך מיר אָפּ פון מיין ירושה, איך וועל פון היינט דיין געלט נישט אָנרירן, נאָר איך וועל מיר זוכן אַרבעט, דו קענסט דאָס גאַנצע געלט אַוועקגעבן בערטיען.״

יאָ, וואָלט ער אַזוי געזאָגט, דאַן וואָלט דער פאָטער נאָכגעגעבן.

ער וואָלט געווען טיף געקרענקט און אויך הער ראָסקאָע וואָלט געווען געקרענקט, אָבער דער פאָטער וואָלט אויף דעם וואַל-פאָנד פון סענאַטאָר האַרדינג גאָרנישט געגעבן.

פאַרוואָס האָט בוני דאָס נישט געטון? דאָס איז נישט געווען פחדנות — נאָך צו ווייניק האָט ער געקענט דאָס לעבן ער זאָל זיך פאַר דעם שרעקן. געוויס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט קיין איין דאָלאַר פאַרדינט, דאָך איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער וואָלט לייכט געקענט געפונען אַן „אַרבעט". וועלכע וועט אים פאַרזיכערן די פאַרגעניגנס און לוקסוס, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך.

אָבער ער האָט עס נישט געבראַכט פאַרן מויל, נישט וועלנדיק עמעצן וויי טאָן, דאָס איז עס געווען, וואָס פּאָול האָט געמיינט, ווען ער האָט באַהויפּטעט אַז בוני איז אַ „ווייכער". ער האָט זייער גוט געקענט פאַרשטיין יענעמס לאַגע, ער האָט באַגריפט גאַנץ גוט פאַרוואָס דער פאָטער און ווערנע ראָסקאָ ווילן אָפּקויפן דעם רעפּובליקאַנישן קאָנווענט און ווען ער איז געזעסן שפּעטער צוזאַמען מיט פּאָולען, בוד סטאָנער, דוגאַן און אַנדערע „באָלשעוויקעס" האָט ער פּונקט אַזוי גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די נאַפטאַרבעטער ווערן אָרגאַניזירט און איבערגעקלערט און פאַרוואָס עס מוזן ביי דעם פאָטער און האַר ראָסקאָ די קוואַלן צוגענומען ווערן.

# VI

בוני האט זיך אומגעקערט צוריק אויף דעם אוניווערסיטעט. צום סוף פון סעמעסטער איז פארגעקומען אין טשיקאגע די קאנפערענץ פון דער רעפובליקאנישער פארטיי מיט טויזנטער דעלעגאטן און רעפארטערן, וועלכע האבן דער וועלט מודיע געווען פון דעם דאזיקן היסטארישן געשעעניש. די דעלעגאטן האבן אויסגערויכערט אן אומגעהייערע קוואנטיטעט פון טאבאק, אויסגעטרונקען כמעט אזויפיל אומלעגאלן אלקאהאל, און דער צייט ווען אין א באזונדערן צימער זענען זיך געזעסן די זעקס לייט וועלכע האבן קאנטראלירט די שטימען און זיך געטון דאס זייעריקע.

צווישן די מיליאנען ווערטער, וועלכע דער טעלעפאנדראט האט וועגן דער קאנפערענץ איבער דער וועלט פארשפרייט, איז קיין איינמאל אפילו נישט דערמאנט געווארן דער נאמען פון ווערנאן ראסקא, אבער ער האט געהאט זיין אפארטאמענט געגן דעם באוווסטן האטעל־צימער, האט געצאבט כסדר די ריכטיקע פארשלאגן, געצאלט כסדר די ריכטיקע מענטשן מיט זיינע טשעקן, און נאכדעם ווי עס איז אין ווילדער אויפרעגונג 8 מאל אפגעשטימט געווארן האט זיך פלוצים דאס גליק פון דעם גענעראל לעאנארד ווּד געביטן, און דורך דער נאנטער אפשטימונג איז ווארען גאמיעל הארדינג געקליבן געווארן אלס פרע-

ווידענט פון דער רעפובליקאנישער פארטיי.

דער סעמעסטער האט זיך פארענדיקט. גרעגאר ניקאלאיעוו־ האט זיך אוועקגעלאזט קיין סאן-פראנציסקא, כדי פון דארט אפ־ צופארן מיט א שיף קיין אלאסקא. רחל מענציעס מיט איר ברו־ דער האבן זיך אנגעשלאסן נאך מיט דריי יידישע סטודענטן און אלע צוזאמען זענען אין אן אלטן פארד-אויטא ארומגעפארן פון ארט צו ארט איבער די אויבסט-פלאנטאציעס און געהאלפן זיי ארונפנעמען. ביינאכט זענען זיי געשלאפן אונטער די שטערן און אין די טעג האבן זיי פאר די קאנסערוו-פאבריקן געריסן אפריקאסן, פערסיקעס, פלאמען און ווייגטרויבן. אין דער קלענער גרופע פון די „רויטע" איז בוני געווען דער איינציקער, וועל־ כער האט נישט געמוזט ארבעטן, דער איינציקער, וועלכער האט נישט געוווסט וואס ער זאל אנהייבן מיט זיך צו טון.

אין די אלטע טעג, ווען ער מיטן פאטער האבן נאך נישט געבויערט א סך קוואלן אייגנצייטיק, האט בוני צוגעהאלפן צו דער ארבעט, ווי גאר ער האט געקענט; דעמאלט איז ער נאך געווען א קינד און אלע האבן אים געהאט גערן. איצט אבער איז ער שוין אויסגעוואקסן און דארף זיך האלטן מיט ווירדע, און אויך די געזעלשאפט איז זיך צעוואקסן אין אן אומגעהייערן אפאראט, ווי יעדער שרייפעלע האט זיך זיין ארט און דארף נישט אנגערירט ווערן. בוני האט זיך אפילו נישט געקענט אפגעבן אין דער היים צו די פלאנצן, נישט שטערנ־ דיק דעם גערטנער אין זיין ארבעט.

ער האט זיך באשלאסן אייניקע פון פאוולס ביכער אי־ בערצושטודירן, אבער ער האט קיינמאל נישט געהערט, אז מען זאל קענען אכט שעה אין טאג שטודירן, און פאוועל אר־ בעט האט ער אויך נישט געקענט איבערנעמען, ווייל ער איז געווען א צו שלעכטער צעסלער.

זעט אויס, אז אויף אונדזער וועלט זענען פאראן מענטשן, וועלכע ארבעטן אן אן אויפהער אין דער צייט ווען אנדערע גייען איינגאנצן ארום ליידיק. אן אן אויפהער צו ארבעטן איז לאנגווייליק און ער וואלט עס נישט געטון קיינמאל סיידן ער

זאָל זיין דערצו געצווונגען, אָבער כסדר אַרומצוגיין ליידיק איז אויך אַזוי לאַנגווייליק, און די מענטשן וואָס טוען דאָס, רעדן שטענדיק פון זאַכן, וועלכע אינטערעסירן בונין לגמרי נישט. זיי רעדן אַזוי ערנסט פון זייערע שפּילן, גלייך זיי זאָלן זיין אַן אַרבעט: פון טעניס—גאָלף און פּאָלאָ טורנורן—פון אַלערליי קאָמפּליצירטע אופנים, ווי אַזוי אַ קליינע קויל איבער דעם פעלד צו טרייבן.

די דאָזיקע אַלע שפּילן אַריינבריינגנדיק דעם קערפּער אין באַוועגונג זענען זייער נוצלעך און אין אַ געוויסער מאָס אפילו שיין, אָבער מאַכן פון זיי אַ לעבנסצוועק, פאַרווענדן אויף זיי אַלע געדאַנקען, שטודירן זיי מיט אַ רעליגיעזן פּאַטאָס, פייענען ביכער איבער דעם און שרייבן, שעהנלאַנג פון נישט אַנדערש צו רעדן: בוני האָט באַטראַכט די דערוואַקסענע מענער און פרויען אין זייערע עלעגאַנטע ספּאָרטקאָסטיומען, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן זיך אַליין פאַרהיפּנאָטיזירט, כדי צו גלויבן, אַז זיי געניסן פון זייער לעבן.

# V

בערטיע האָט אונטערגענומען דעם לעצטן פּרוּוו אַרייַנצו־פירן דעם ברודער אין דער גאָרנישט טויגנדיקער וועלט פון שפּילן, וווּהין ער האָט געהערט סיי לויט זיין טאַטנס פאַרמעגן, סיי לויט זיינע אייגענע פעיקייטן.

בערטיע האָט מיט עלדאָן בורדיק איבערגעריסן, ווייל אומעטום האָט ער געוואָלט זיין ווילן דורכפירן. דערווייל האָט זי דורכגעלעבט אַן אַנדערע, זעט אויס זייער אַ ליידנשאַפטלעכע ליבעסגעשיכטע, בוני האָט דערפון געוווּסט, ווייל זי האָט אים אַלץ דערציילט.

דער יינגערמאַן איז געווען דער איינציקער זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַוגוסט נאָרמאַן, דער גרינדער פון דעם „מערב־שטאָלטרעסט"; טשאַרלי איז אפשר אַ ביסל ווילד און לייכטזיניק, האָט געזאָגט בערטיע, אָבער דערפאַר אויסערגעווייינלעך רייצנדיק און רייך. קיינער קימערט זיך נישט וועגן אים אויסער עפּעס אַ האַלב משוגענע מאַמע, וועלכע פּרוּווט נאָך אַלץ צו זיין יינג און לעבנסלוסטיק, קליידט זיך ווי אַ יינג מיידעלע און מאַכט זיך פאַרשידענע אָפּעראַציעס כדי איר פּנים פון קנייטשן און גערונצלטקייט אָפּצוהיטן. טשאַרלי האָט ביי דעם האַפן שטיין אַ פּרעכטיקע יאַכט און האָט איינגעלאַדן בערטיען צוזאַמען מיט איר ברודער אויף דער שיף. בוני מעג זי דאָך באַגלייטן און

איר צוהעלפן, מיט זיין אויסערלעכער שיינקייט און אלע אנדע־רע מעלות וועט עס אים אנקומען זייער לייכט.

בוני האט זיך געקלערט, אז בערטיע מוז זיין ווירקלעך זייער שטארק פארליבט, ווען זי רעכנט שוין אויף זיין צווייפל־האפטן געזעלשאפטלעכן רייץ. ער האט אלזא נאכגעגעבן; פארנ־דיק צום האפן, האט אים בערטיע געלערנט, ווי אזוי ער זאל זיך פארהאלטן:

„רעד נישט פון דיינע אפשיילעכע באלשעוויסטישע אידעען און ווען עמעצער וועט דיר דערמאנען וועגן דיין שאנד אויף דעם אוניווערסיטעט, אזוי זאלסטו עס מאכן איינגאנצן צו א שפאס."

פון דעם האט בוני ארויסגענומען, אז טשארלי נארמאן געהער צו יענע גייסטרייכע יונגע מענטשן, וועלכע מאכן זיך פון אלץ א שפאס.

און אט איז געלעגן די „סירענע", אין פארט ווייס גע־שטריפט מיט לייכטנדיקן קופער און שפיגלדיק רויט האלץ, די מאטראזן וועלכע האבן אומדערמידלעך געהאלטן אין איין פוצן און שייערן, די פיליפינען־יונגען, וועלכע האבן סערווירט, זע־נען געווען גענוג זויבער און היבש פאר אן אפערעטנבינע. די געסט פון דער יאכט זענען מיט א מאטאר־שיף אפגעפירט גע־ווארן אויף דער יבשה, דערנאך זענען זיי מיט אויטאס געפארן אויף דעם גאלף־פלאץ און פון דארט אויף פרישטיק אין קלוב אריין. דא האבן זיי געטאנצט א פאר שעה, דערנאך זענען זיי געפארן צוריק צום ברעג, זיך אויסגעבאדן, פון דארט אוועק אויף דעם טעניס פלאץ, פונוואנען זיי זענען שוין צוריק גע־פארן אויף דער „סירענע", וווּ זיי האבן זיך איבערגעטון צום מיטאג, וועלכער איז געווען אזוי פייערלעך און שטייף, ווי א באנקעט ביי א קאנסול. די דעק איז געווארן באהילט מיט בונטע ליכט, אן ארקעסטער האט געשפילט, און באקאנטע זענען זיך צונויפגעקומען אין מאטאר־שיפלעך. מען האט געטאנצט ביז אין גרויען טאג, אין דער צייט, ווען די כוואליעס האבן שטיל

זיך אָנגעשלאָגן אָן דער שיף און די ליכט ביי דעם פּרעג ; האָבן בלאָס געמאַכט די שיין פון די שטערן.

די דאָזיקע לייט האָבן געשמועסט צווישן זיך כמעט אויסשליסלעך פון דעם אויסזען, פון די אייגנשאַפטן און האַנדלונגען פון זייערע באַקאַנטע; האָט מען נישט געהערט צו זייער קליקע, אַזוי איז עס געווען שווער צו פאַרשטיין זייער געשפּרעך, בפרט נאָך זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אומפאַרשטענדלעכע אויסדרוקן. זיי האָבן גערעדט וועגן קליידער, וועגן דער קומענדיקער מאָדע און וועגן דעם, אַז מען טאָר זיך נישט „פאַרלאָזן אויף די געהיימע אַלקאָהאָל ליפעראַנטן. אויסערדעם האָבן זיי זיך נאָך אינטערעסירט וועגן פוטבאָל, ווי אויך וועגן אייניקע וויכטיקע פראַגן: צי וועט דער טעניסטשעמפּיאָן נאָך דאָס גאַנצע זיך האַלטן? ווי איז עס אָפּגעגאַנגען די אַמעריקאַנער גאָלפשפּילערס אין ענגלאַנד? צי איז שוין אָנגעקומען די פּאָלאָמאַנשאַפט פון פילאַדעלפיע און צי וועט איר געלונגען צו געמען דאָ דעם פּריז? עס זענען געווען וווּנדערפולע זילבערנע און גאָלדענע טראָפייען מיט איינגראַווירטע אויפשריפטן, וועלכע האָבן נאָך דעם שגעון אַרומצוטרייבן קליינע קוילן אויף די פעלדער נאָך מער פאַרשטאַרקט און וויכטיקער געמאַכט.

אויף דער דעק פון דעם שווימנדיקן פּאַלאַץ האָט בוני געליינט באַריכטן פון דעם הונגער נויט ביי דער וואָלגע. אויף אומגעהייערע שטחים איז נישט געראָטן, און די פּויערים זענען לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען פון הונגער, זיי האָבן געגעסן גראָז און וואָרצלען, זייערע אייגענע טויטע קינדער אויפגעגעסן און מחנות־ווייז אויסגעוואַנדערט. די וועגן זענען געווען באַדעקט מיט טויטע, דאָס דאָזיקע האָבן די צייטונגען איבערגעגעבן, איז דער לעצטער און אַנטגילטיקער באַווייז, אַז דער קאָמוניזם איז אוממעגלעך. ווען טשאַרלי נאָרמאַן האָט די דאָזיקע געלעגנהייט נישט אויסגענוצט כדי אַ פּאַרטשעפּע צו טון בונין, איז עס נאָר געווען דערפאַר, ווייל טשאַרלי האָט קיינמאָל קיין צייטונגען נישט געליינט.

בוני אָבער האָט אַ סך מיט הערי זיגער גערעדט און האָט

געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן דעם הונגער אין רוסלאַנד. עס איז אַ פּועל־יוצא פון דער טרוקענ־יש און, נישט פון דעם קאָמוניזם, און ער האָט אויסגעבראָכן פעריאָדיש צייט הונדערטער יאָרן. דאָך איז עס גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אים אויסצונוצן אַלס באַווייז פון דער אוממעגלעכקייט פון דער צאַרנרעגירונג. איצט אָבער איז די לאַגע צוליב דעם חורבן פון די אייזנבאַנען געווען באַזונדערס נישט גינסטיק. אָבער די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן צוליב דעם, דעם קאָמוניזם פאָרוואָרפן געמאַכט, האָבן גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די באַנען זענען שוין פאַר דער רעוואָלוציע געווען רואינירט און אַז די סאָוויעטן האָבן באַדאַרפט אויסהאַלטן אַ דרייי־עריקן בירגער קריג און אַן אינוואַזיע אויף זעקסאונצוואַנציק פראָנטן. די זעלבע ציי־טונגען, וועלכע האָבן צו די דאָזיקע אינוואַזיעס געהעצט און צוגעזען, ווי עס איז אויסגעגעבן געוואָרן דערויף הונדערטער מיליאָנען אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, האָבן איצט די באָלשעוויקעס פאָרגעוואָרפן, אַז זיי וועלן זיך נישט אַן עצה טון מיט דעם הונגער.

מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז אַ יינגערמאַן, וועלכן עס האָבן באַשעפטיקט אַזעלכע געדאַנקען, האָט זיך נישט גוט צוגעפּאַסט צו אַזאַ פריילעכער שפּיללוסטיקער געזעלשאַפט.

בוני האָט געטון, וואָס נאָר מעגלעך עס איז געווען כדי צו זיין גלייך צו די אַנדערע; דאָך האָט מען באַמערקט דעם אונטערשיד און טשאַרליס מוטער האָט זיך אָנגעהויבן איינצונעמען פאַר אים.

„בוני״—האָט זי געזאָגט, ווייל אין דער געזעלשאַפט איז מען באַלד געוואָרן פאַר יעדן בוני אָדער בערטיע, בעבי אָדער ביטי,—„בוני, איר באַזוכט דאָך דעם אוניווערסיטעט, נישט אמת? איר לערנט זיך זיכער זייער פלייסיק.״

„לײדער נישט.״

„אפשר קענט איר מיר זאָגן ווי אַזוי קען איך מאַכן, אַז טשאַרלי זאָל זיך וועלן לערנען? ער טוט גאָרנישט אויסער שפּילן און פאַר די מיידלעך אַ הויף מאַכן.״

בוני האָט געוואָלט זאָגן:

„פּרוּווט נאָר זײַן טאַשנגעלט צו פֿאַרקלענערן.״ — אָבער ער האָט נאָך צו דער צײַט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז זייער אַן אָפּשײלעכער אויסדרוק, פֿאַר וועלכן בערטיע וואָלט כּסדר געהאַט צו אים טענות, דעריבער האָט ער געענטפֿערט, ווי אַ דיפּלאָמאַט אָדער אַ פּאָליטיקער — „דאָס איז זייער אַן ערנסט פּראָבלעם״

„די ייִנגע מענטשן פֿון הײַנט זענען פֿאַר מיר איבערהויפּט אַ פּראָבלעם,״ — האָט זיך געקלאָגט טשאַרליס מוטער, — „זיי ווילן אַ גאַנצן טאָג אַרומהעצן רײַסן מיך מיט זיך, און איך קען עס שוין מער נישט אויסהאַלטן.״

בוני האָט אָנגעהויבן צו באַדויערן טשאַרליס מוטער: ביז אַהער האָט ער געגלויבט, אַז זי פֿירט אַזאַ לעבן צוליב איר פֿאַרגעניגן. בוני האָט זי באַטראַכט, פֿאַרגלײַכט זי מיט אַן עט-וואָס רונדלעכע ים-נימפֿע, ווײַס און בלוי געקליידט, מיט געלאַקטע ברוינע האָר, וועלכע זענען איר פּונם ווינט שטענדיק צוריק אין די גלאַנציקע בלויע אויגן געפֿאַלן. זעט אויס, אַז די אָפּעראַציעס האָבן געהאַט דערפֿאָלג, ווײַל ער האָט דערפֿון קיין שום שפּור נישט געזען.

„איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געאָפּפֿערט מײַן ייִנגל,״ — האָט זי זיך ווײַטער באַקלאָגט, — „און ער ווייסט עס נישט ווי אַזוי אפֿילו צו שעצן. וואָס מער מען טוט פֿאַר מענטשן, אַלץ מער געפֿונען זיי עס אײן פֿאַר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. הײַנט נאָכמיטאָג וועל איך שטרײַקן, צי קען איך רעכענען אויף אײַער אונטערשטיצונג?

ווען נאָכמיטאָג די גאָלפֿשפּילער זענען געפֿאָרן אויף דער יבשה, האָט טשאַרלי דערקלערט גענוג הויך, אַז אַלע זאָלן עס הערן:

„די מאַמע פֿאָרט נישט מיט, זי האָט זיך פֿאַרליבט אין בונין!״

אַלע האָבן געלאַכט, צופֿרידן שטילערהייט פֿון דעם, וואָס זיי וועלן פּטור ווערן פֿון אַן אַלטע, וועלכע וויל אומעטום מיטגיין און האָט פּרעטענזיעס צו זיי צו געהערן, וואָס איז געווען פֿאַר שטענדלעך אויסגעשלאָסן.

# V

בלוי מיט פרוי נאָרמאַן האָבן אויף דער דעק פון זייער „שירעמע" אונטער אַ פילפאַרביק־געשטרייפטן זונענדאַך, געטרונקען פרוכטזאַפט און געפּלוידערט.

די פרוי האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן בלויס לעבן און וועגן זיין פאַמיליע, ווײַב, וועלכער האָט שוין עטוואָס געוווּסט פון דעם שטייגער פון די „מאַמעס", האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זיך דערוויסן ווי מען וואָלט באַדאַרפט אַרומגיין מיט פער־טיפֿן אַלס שניר, דערפאַר האָט ער דערציילט דאָס בעסטע, וואָס איז אים נאָר אײַנגעפאַלן. גלייבנדיק, אַז פרוי נאָרמאַן איז נישט גלייכגילטיק צו פּראַקטישע זאַכן, האָט ער איר איבערגעגעבן פון זיין ראָס פעלד, ווי אַזוי ער מיטן פאָטער האָבן עס אַנטדעקט און וויפל די קוילן פּראָדוצירן, און פרוי נאָרמאַן האָט געזיפצט:

„אַך גאָט, געלט, שטענדיק נאָר געלט! מיר האָבן אַלע אַזויפיל געלט, און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פאַר דעם גליק קויפן."

זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַ טעאָזאָפין און וואַרט אויף דעם קומען פון אַ מאַהאַטמאַ, וועלכער וועט אַלץ איבערבייטן.

זי האָט אויסגעפרעגט בונין זיינע אידעען, זעט אויס. אַז זי האָט שוין געוווּסט פון דעם סקאַנדאַל אויף דעם אוניווערסיטעט. בוני האָט זיך געוואַגט אויף אַ קלײנער באַמערקונג, אַז אין דער סאָציאַלער אָרדנונג און אין דער פאַרטײלונג פון רײכטימער איז עפּעס נישט אַזוי ווי עס וואָלט באַדאַרפט זײן. פרוי נאָרמאַן אָנלעענדיק זיך אין די זײדענע קישנס, האָט געענטפערט:

„אַך, דאָס איז אַלץ מאַטעריאַליסטיש. מיר זענען אָן דעם אױך גענוג פאַרקנעכטעט בײ דער מאַטעריע, גליקלעך װעלן מיר קענען זײן נאָר דעמאָלט, װען מיר װעלן זיך דערהױבן איבער דעם אַלעמען.״

בוני האָט אויסגעמיטן דאָס דאָזיקע גרויס פּראָבלעם; פרוי נאָרמאַן האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון זיך אַליין:

„איך בין זייער אומגליקלעך, איך האָב זײער ײנג חתונה געהאַט, אַזױ ײנג, אַז איך האָב גאָרנישט געוווּסט וואָס איך טו, נאָר איך האָב געוואָלט פאָלגן די עלטערן, מײן מאַן איז געווען אַ שלעכטער מענטש, ער האָט געהאַט אַנדערע און מיך האָט ער שלעכט באַהאַנדלט. איך האָב מײן גאַנץ לעבן געפּפערט מײן זון, אָבער אויך אין אים האָב איך מיר אַנטוישט. וואָס מער מען גיט אַ מענטשן, אַלץ מער פאַרלאַנגט ער. טשאַרלי איז שטענדיק פאַרליבט, אָבער ער ווייסט נישט ווי אמת ליב צו האָבן. ווי שטײט איר צו דער ליבע?״

אויך דאָס פּראָבלעם האָט בוני אויסגעמיטן.

„איך ווייס נישט באמת, וואָס פאַר אַ מײנונג איך זאָל האָבן וועגן ליבע, איך זע אָפט, אַז זי מאַכט די מענטשן אומגליקלעך, איך וויל אָפּוואַרטן, כּדי איך זאָל מער דערפאַרונג האָבן.״

פרוי נאָרמאַן איז געווען גרייט בונין אויפצוקלערן:

„דער טרוים פון אַ ליבע, פון אַ ווירקלעך גרויסער ליבע שטאַרבט קײנמאָל נישט אָפּ אין דער נשמה פונם מענטשן. די מענטשן קענען ווערן ציניש, זיי קענען באַהויפּטן, אַז זיי

גלויבן נישט אין ליבע, דאָך זענען זיי שטענדיק אומגליקלעך און האָפן און וואַרטן געהיים, ווייל די ליבע איז דאָס גרעסטע אויף דער וועלט, איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב צווישן דער דאָזיקער פילדערנדיקער און ליאַרמדיקער חברה געפונען איין יינגנמאַן, וואָס אַנטלויפט נישט.״

די פילדערנדיקע און ליאַרמדיקע חברה האָט צוריקגעקערט און געמאַכט אַ סוף צום פאַרטרויליכן געשפּרעך.

טשאַרליס מאַמע איז אַוועק אין איר קאַבינעט און דערנאָך איז זי ווידער דערשינען אין עסצימער, ווו אויף די ווענט זענען געווען אויסגעהאָנגען ניטפעס און פאַסטוכער און דאַמעס פונם זיבעצעטן יאָרהונדערט האָבן זיך צוגעהערט צו די צערטלעכע טענער פון אַ פלייט. איצט האָט פרוי נאָרמאַן אויסגעזען, ווי אַ רייצנדע דאַמע מיט אַ בלאַס בלוי זיידן קלייד, לייכטנדיקע בלאָנדע האָר, אַ שניייווייסן בוזים און שניייווייסע הענט און מיט אַ דאָפּלטער פּערל־קייט. אַרום דעם האַלדז.

פרוי נאָרמאַן האָט דעם יינגן נאָט־פּרינץ אַוועקגעזעצט נעבן זיך, און ווען מען האָט געטאַנצט, האָט זי אים אויפגעפאָדערט. די דאָזיקע אָפּשיילעכע יינגע מענער, האָט זי געמיינט פאַרלאָזן גאָר אָן בושה די באַלעבאָסטע. בוני האָט אַנטדעקט, אַז פרוי נאָרמאַן איז גאָר אַ גוטע טענצערין און זי ווידער פון איר זייט האָט אים געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער טענצער.

„איך וועל בעטן דעם זעלבן טאַנץ, ווען מיר נאָכאַמאָל טאַנצן צוזאַמען?״

בוני האָט מסכּים געווען, ווייל דאָ איז נישט געווען קיין איין מיידל, מיט וועלכער ער וואָלט גערן געטאַנצט. פרוי נאָרמאַן איז געווען שטאַרק פּערפומירט. דאָס האָט בונין אין דער מומע עמען דערמאָנט, דאָך האָט ער געהאַט די אומקלאָרע פאַרשטעלונג, אַז פרויען שמעקן אַזוי פון דער נאַטור, און האָט עס אויסגעפונען זייער ליב. דער בוזים פון דער אלמנה איז געווען

זיך דעקאָלטירט, דער רוקן גאַנץ נאַקעט ביז אין דעם אָרט, וווּ בוני האָט די האַנט געהאַלטן.

טשאַרלי האָט זיך געריצט מיט בונין און די איבעריקע האָבן געלאַכט, דעם נעכסטן מאָרגן האָט בוני באַמערקט, אַז די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן זיך אין משך פון פיראַרצוואַנ-ציק שעה צו אַלץ שוין צוגעוווינט און עס אויסגעפונען לאַנג-ווייליק. אַזוי איז ער געזעסן מיט פרוי נאָרמאַן אויף דעם דעק, געפּאָרן מיט איר שפּאַצירן, געטאַנצט מיט איר, געשפּילט מיט איר אין גאָלף, אין דער צייט ווען טשאַרלי האָט דאָס זעלבע געטון מיט בערטיען. דריי פון די פיר זענען דערביי געווען פאָלקאָם צופרידן.

# X

אין איין אָוונט האָט בוני געזען אין דער צייטונג עט־וואָס אַזוינס, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך פאַרקליבן אַרום האַלבע נאַכט אין זיין צימער, זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם בעט מיט די זיידענע קישן, אויסגעדרייט דעם גאָלדענעם שטייללאָמפּ, און אין איינציקע מינוט איז ער שוין געווען ווייט אין רוסלאַנד, ווו ער האָט געזען מענטשן אויסגיין פון הונגער אויף די גאַסן, אָדער אין אונגאַרן, ווו די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרן אויף זייער אַ פּשוטן אופן: די אַלע, וואָס האָבן אין איר געגלויבט זענען געוואָרן אַרעסטירט און געשאָסן מיט די קוילן פון די אַמעריקאַנישע מעטאַלפאַבריקן, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן נאָר דעם געלט פון דער אַמעריקאַנער הלואה.

בוני איז געוואָרן אַזוי פאַרטיפט אין די דאָזיקע טרויעריקע זאַכן, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט, ווי זיין טיר האָט זיך געעפנט און צוריק פון אינעווייניק פאַרריגלט געוואָרן. ערשט ווען אַ צאַרטער ריח האָט אַריינגעדרונגען אין זיין נאָז, האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזען פאַר זיך די פרוי באַרמאַן איינגעהילט אין אַ פורפורנעם מיט היביסקובלעטער געשטיקטן שלאָפראָק, זי האָט געקוקט שעמעוודיק, געהאַלטן די הענט צונויפגעלייגט און געפליסטערט קוים וואָס מען האָט געהערט:

„בוני, צי קען איך מיט אייך אַ ביסל פּלוידערן?"

בוני האָט פאַרשטענדלעך געענטפערט, אַז יאָ, זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם בעט אויף די קני, אָנגענומען מיט אירע ווייכע הענט זיינע הענט און געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

„בוני, איך בין אַזוי איינזאַם און אומגליקלעך, איך ווייס נישט, צי איר קענט עס פאַרשטיין, וואָס ער באַטייט איינזאַמקייט פאַר אַ פרוי. איר זענט צייט אַ לאַנגער, לאַנגער צייט דער ערשטער מאַן, וועלכן איך אָנפאַרטרויער זיך. איך ווייס יאָ, אַז איך וואָלט צו אייך נישט באַדאַרפט קומען, אָבער איך האָב עס אייך געמוזט זאָגן. פאַרוואָס זאָלן פרויען און מענער נישט זיין אויפריכטיק איינער מיטן אַנדערן?"

בוני האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס זיי זאָלן עס נישט זיין, און אַזוי זענען זיי געווען אויפריכטיק. זי האָט דערקלערט אַז אין דער נשמה פון דער אין לעבן פאַרפלאָנטערטער פרוי, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וועקן דער חלום פון ליבע.

„איר דאַרפט נישט גלויבן, אַז איך בין אויבערפלעכלעך, אָדער לייכטזיניק, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטון עטוואָס ענלעכעס,"—טרערן האָבן אָנגעפולט די אויגן פון דער פרוי, — „איר דאַרפט מיר נישט פאַראַכטן, איך וויל זייער זיין גליקלעך און עס זענען דאָ אַזוי ווייניק מענטשן, וועלכע מען קען ליב האָבן. בוני, זאָגט מיר: זענט איר אין אַן אַנדערע פרוי פאַרליבט?"

אפשר וואָלט געווען בעסער צו זאָגן יאָ, אָבער בוני האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ פאָרפאַל און האָט געזאָגט דעם אמת. דער לייכטנדיקער דורך טרערן שמייכל האָט דערמאָנט אין אַן אַפּריל רעגן, זי האָט געפליסטערט מיט אַ דערשטיקטער שטים:

„איך בין משוגע, אָבער די טרערן לאָזן זיך נישט אָפּשטעלן, און ווייגען מאַכט אַ פרוי העסלעך, איך וועל דאָס ליכט אויסלעשן."

זי האָט אַ צי געטון ביי אַ קליין גאָלדן קייטל און איז שוין מער נישט געווען העכלעך, נאָר נאָך מער זיס שמעקנדיק, מיט ביידע הענט בוניס האַנט אַרומגענומען האָט זי געפּליסטערט:

„בוני, צי גלויבט איר, אַז איר זאָלט מיר קענען כאָטש אַ ביסעלע ליב האָבן?

איצט האָט ער דאָך שוין געמוזט דעם אמת זאָגן.

„פרוי נאָרמאַן...״—„טהעלמאַ״—האָט זי אים איבערגעריסן.

„טהעלמאַ,״—האָט ער געשטאַמלט,—„טהעלמאַ, איך האָב קיינמאָל נישט געקלערט, איך...״

„איך ווייס, בוני, איך בין עלטער פון אייך. אָבער זעט נאָר די ייִנגע מיידלעך ווי הוילקעפּיק זיי זענען. גלויבט מיר, איך האָב אייך ווירקלעך ליב, וועל אַלץ טון פאַר אייך און אייך געבן וואָס איר וועט נאָר פאַרלאַנגען.״

בוני האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף נאָר די הענט אויסשטרעקן, כדי די פרוי צו נעמען; ער האָט אויך געוווּסט, וואָס זי דערוואַרט פון אים; עאוניס וואָיט האָט אים געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף ליב האָבן אַ פרוי, ער וואָלט געקענט דער פרוי שענקען עקסטאַז, און זי וואָלט פון דעמאָלט אָן געוואָרן זיין שקלאַפין, אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט, וואָלט געהערט צו אים. ער וואָלט איר געקענט שלעכט באַהאַנדלען, איר געלט פאַר אַנדערע פרויען אויסגעגעבן, זי וואָלט אַלץ געבליבן זיין שקלאַפין. ער האָט געוווּסט וואָס עס קומט פאַר אין דער דאָזיקער סביבה.

פאַראַן מענער, וועלכע פילן נישט אַזאַ פאַראַכטונג צו לוקסוס און מאַכט, ווי ער, און זיי זענען שטענדיק גרייט באַוווּסטזיניק צו פאַרפירן די „מאַדאַם מזל״, און איר קערפּערלעכן רייץ אין געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען אַלס ווערקצייג פאַר זייער [illegible] זענען פאַראַן אַ צאָל אונטער פאַרשידענע נעמען: [illegible]ן, ראמעא, שייך.

וויפל יאָר האָט דער אַלטער אויגוסט נאָרמאַן, געאַרבעט ביז ער האָט אויסגעבויט אַזאַ אומגעהייערן שטאָל-פאַבריק, אַ

שווימנדיקן אויף אָקעאַן פּאַלאַץ און איינעם נאָך אַ צענמאָל גרעסערן אויף דער יבשה, און איצט זעענען די דאָזיקע אַלע אוצרות אויף אַ ווונדערלעכן אופן פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ פּרויענלייב, וועלכעס איז געווען אָנגעקלייד—דאָס הייסט, די קימאָנאָ איז געלעגן אויף דער ערד און דאָס נאַכטהעמד איז געווען אַזוי דין און דורכזיכטיק, אַז מען האָט עס איבערהויפּט נישט באַדאַרפט רעכענען,—פאַרקערפּערט אין אַ זיסן ריח, צוויי גלעטנדיקע ווייסע הענט, צוויי הייסע ליפּן, וועלכע האָבן פייכט געקושט.

„בוני",—האָט איר שטים געפּליסטערט,—„איך וועל מיט דיר חתונה האָבן, אויב דו וועסט עס וועלן, איך וועל דיר אַלץ געבן, וואָס נאָר דו וועסט פאַרלאַנגען."

דורך עאוניסן האָט זיך בוני דערוווּסט, אַז ליפּן, ווען מען איז גענייגט צו ליבע, קענען זיין פאַרפירעריש; דאַקעגן דורך פרוי נאָרמאַן—ניין טהעלמאַ—האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ווען מען איז נישט גענייגט ליב צו האָבן, זעענען זיי אָפּשטויסנדיק.

„טהעלמאַ",—האָט ער זיך אַנטשולדיקט,—„איך דאַרף ווירקלעך גאָרנישט האָבן."

„איך ווייס עס, איך בין אַן אָפּשיילעך געמיינער פאַרשוין אָבער איך פּרוּוו נאָר אויף מיין אָרעמען שטייגער דיר פאַרשטיין צו געבן, אַז איך האָב דיר ליב, און אַז דו דאַרפסט נישט קלערן פון מיר שלעכטס."

דאָס האָט אים פאַרלייכטערט דעם איבערגאַנג; ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט דענקען פון איר צו שלעכטן. דאָך אָבער האָט ער זי נישט ליב, ער האָט זי שטענדיק פאַר אַ פריינדן באַטראַכט. פאַמעלעך איז שוואַכער געוואָרן דער דרוק פון אירע הענט, זי איז אַנידערגעזונקען שלוכצנדיק און קלאָגנדיק נעבן דעם בעט אויף דער ערד און געהאַלטן אין איין יאָמערן, אַז איצט וועט ער זי פאַראַכטן און קיינמאָל מער נישט וועלן זען.

בוני האָט זי געטרייסט: זי האָט קיין גרונט נישט זיך צו שעמען, דער ליבע קען מען נישט באַפעלן. די פרוי האָט זיך אויף אַזאַ אופן דערנידריקט, אַז בוני האָט באַקומען רחמנות אויף איר. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איר, אָבער באַלד האָט ער דערפילט, אַז ער האָט עס נישט באַדאַרפט טון ווייל זי האָט פעסט אָנגעכאַפּט די האַנט און זי געקושט מיטוואָס זי האָט נאָר אָפּגעשוואַכט זיין מיטלייד.

בוני האָט באַשלאָסן האָבן צו טון נאָר מיט אַזעלכע פרויען וועלכע ער האָט ווירקלעך ליב און איצט האָט אים אונטערגעזאָגט די קלאָרע קאַלטע שטים פון שכל, אַז ער האָט טשאַרליס מוטער נישט ליב, עס וועט זיך דאָ נאָר האַנדלען אין אַ קורצן פאָרפאַל, דעריבער האָט ער איידל און זאַנפט געגעבן אָנצוהערן, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען זי גייט איצט אַוועק, זי איז לאַנגזאַם און טרויעריק אויפגעשטאַנען און אויפגעהויבן די קימאָנע פון דער ערד.

„בוני, די מענטשן האָבן שמוציקע פאַנטאַזיעס, ווען עמעצער זאָל זיך דערוויסן פון דעם פאָרפאַל...״

„זייט רויק, קיינער וועט דאָס נישט וויסן.״

ער האָט געהערט ווי די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און ווידער פאַרמאַכט״ דעמאָלט האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט, און פאַרריגלט די טיר, דאָס וועט ער שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען ער וועט זיין ערגעץ צו גאַסט.

ווען די פרוי נאָרמאַן האָט צומאָרגנס באַגעגנט בונין אויף דער דעק, איז אויף אירע באַקן דערשינען דאָס ערשטע מאָל צייט פילע יאָרן אַ נאַטירלעכע רויטקייט.

דאָן האָט זי שנעל אונטערדריקט די פאַרלעגנהייט, גע-רע פונקט אַזוי ווי פריער פון גייסטיקע ענינים און וועגן ...בזאָפיע און האָט אויסגעזען ווי אַ גוטער פריינט.

בוני האָט זי גערופן טהעלמאַ און טשאַרלי האָט נישט איינמאָל זיך געוויצלט איבער דעם. אַהיימפאָרנדיק האָט בער-טיע דעם ברודער באַשיט מיט פראַגן:

„האָט פרוי נאָרמאַן דיר דערקלערט זיך אין ליבע? און ווי ווייט איז זי פאַרגאַנגען?"

און ווען בוני האָט זיך פאַררויטפּט האָט זי אים אויסגעלאַכט און זיך געערגערט, ווייל בוני האָט איר נישט געוואָלט דערציילן. בערטיע איז געווען זיכער, אַז צווישן די צוויי ביידע איז עפּעס פאָרגעקומען; אָבער עס איז נישט געווען ביי איר קיין שום פאַרברעכן, צווישן די איבריקע איז אויך עפּעס פאָרגעקומען: אויף דעם ברייטן דורכגאַנג צווישן די קאַיוטעס איז געווען אַ טונקעלע שיין, אַזוי, אַז מען האָט נישט געקענט דערקענען ווען מען איז פון איין טיר אין דער צווייטער איבערגעלאָפן.

„אָבער רעד זיך נאָר נישט איין, אַז זי וועט מיט דיר חתונה האָבן,"—האָט בערטיע ווייטער גערעדט,—„זי פלוידערט כסדר וועגן דעם ווידערגעבורטסשווינדל, דערווייל אָבער קלאַמערט זי זיך פעסט אין די מערב־שטאַלאַקציעס."

# XI

אין עטלעכע טעג ארום האָבן זיך די מערב-שטאַלאַקציעס זייער שלעכט באַטירט און בערטיע האָט געהאַט דערפון זאָרגן; זי האָט שוין דערפילט כמעט דעם אינטערעס פון אַן אייגנטימער. זי האָט זיך וועגן דעם נאָכגעפרעגט ביי דעם פאָטער, אָבער ער האָט דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך נאָר אין אַ „מאַנעוור”.

באַלד זענען אויך געפאַלן אַלע אַנדערע אַקציעס, דאַרונטער די ראַס-קאָנסאָלידאַטעט. הער ראַס האָט געמיינט, אַז עס זענען שטענדיק פאַראַן טפשים, וועלכע שפעקולירן און טרייבן צו הויך די פאַפירן, פאַרשטענדלעך, אַז זיי מוזן דערנאָך צוריקפאַלן. אָבער דאָס אומגליק האָט זיך פאַרשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד, עס האָט נישט געשוינט אפילו די באַנקן. אין דער לופט איז געהאָנגען אַ פאַניק; דער פאָטער מיט ווערבען האָבן זיך באַראַטן, האָבן אויפגעגעבן אַלע בויאַרבעטן, אָפגעזאָגט עטלעכע הונדערט אַרבעטער אין „איינגעצויגן די הערנער”, ווי הער ראַס האָט זיך אויסגעדריקט.

„אין די בענק איז נאָך דאָ געלט גענוג,”—האָט דער פאָטער דערקלערט,—אָבער נאָר די גרויסע באַקומען עס.”

ווערבען האָט געליאַרעמט אויף מאַרק אייזנבערג, אַ באַנקיר, וועלכער האָט אים פאַראַטן, די גרויסע פינף אַרבעטן ווי-

דער אויף דעם אַלטן שטייגער און פּלייסן זיך די אומאָפּהענגיקע „אויסצופּרירן,“ עס וואָלט זיי געוועזן אויסערגעוויינלעך אנגענעם די ראָס־קאָנסאָלידאַטעט צו דער וואַנט צוצופּרעסן און זי פּאַר אַ פינף, אָדער צען מיליאָן אָפּקויפן.

בוני האָט גערעדט וועגן דעם מיט הער ירווינג, וועלכער האָט אים דערקלערט, אַז דאָ איז דאָס „פעדעראַל־רעזערוו־סיסטעם“ ביי דער אַרבעט, דער אַזויגערופענער רעגירונגסאויפזיכטסראַט, וועלכער איז אין דער ווירקלעכקייט נישט מער ווי אַ קאָמיטעט פון די באַנקירן און וועלכער האָט די מאַכט אין דער צייט פון אַ קריג אָן אומבאַשרענקטע צאָל פון פּאַפּירגעלט אַרויסצולאָזן. דאָס דאָזיקע געלט ווערט אָפּגעגעבן די גרויסע בענק, וועלכע צוגיבן עס ווידער פון זייער זייט צווישן די גרויסע אינדוסטרי־אונטערנעמונגען, אין וועלכע זיי זענען פאַרינטערעסירט. קומט עס צו אַ פּאַניק, אַזוי ווערן די גרויסע אָפּגעראַטעוועט, די קליינע אָבער גייען צום גרונט. דאָסמאָל וועלן די פּערמער דערפון ליידן. זיי זענען נישט אָרגאַניזירט, פון קיינעם נישט געשטיצט און זיי האָבן דעריבער געמוזט זייערע תבואות אויף דעם מאַרק וואַרפן. די פּרייזן זענען געפאַלן, נאָך איידער דאָס יאָר וועט פאַריבער, וועלן בוכשטעבלעך מיליאָנען פון פּערמער זיין באַנקראָט, דער פּרייז פון מאַנופאַקטור סחורות וועלן זיך דאַקעגן האַלטן, ווייל די גרויסע טרעסטן, הינטער וועלכע עס שטייען די באַנקן פון דער וואָל־סטריט, קענען שטיצן זייערע אַקציעס.

בוני האָט די דאָזיקע דערקלערונג מיטגעטיילט דעם פאָטער, וועלכער האָט זי פון זיין זייט איבערגעגעבן דעם הער ראָסקאָע.

דער האָט דערקלערט, אַז דאָס שטימט, ער קען אויך די באַנדע, וועלכע שטעקט אַריין אירע פינגער אין דער היגער פעדעראַל רעזערוו באַנק, זיי קויפן אויף אַלץ, די דאָזיקע פאַרשאָלטענע יינגען, אָבער דעם ראָסקאָע־ראָס־פאַרמעגן וועלן זיי נישט באַקומען!

עס איז געווען אַזוי ווייניק געלט, אַז בערטיע האָט זיך נישט געקענט קויפן קיין נייעם אויטאָ, כאָטש אירער איז צעשטערט געוואָרן ביי אַ צוזאַמענשטויס. דער פאָטער האָט ביי די מיטאָגן אַזוי לאַנג גערעדט וועגן איינשפּאָרונגען, אַז די מומע עמאַ האָט שוין אָנגעהויבן זיי צו שפּייַזן מיט די רעשטן וואָס זענען פאַרבליבן פון די פריערדיקע מאָלצייטן. איבעראַל איז געווען אַ געלטמאַנגל און אומעטום האָבן זיך געזען פאַרזאָרגטע פּנימער.

די צייטונגען האָבן געהאַלטן אין איין מודיע זיין פון באַנקראָטן און אַרבעטסלאָזיקייט; די פּרעסע האָט געטון וואָס נאָר מעגלעך כּדי דעם ענין צו פאַרטושן, אָבער דאָך ד׳האָט עס אַרויסגעשריגן פון צווישן די שורות.

דעמאָלט איז פאָרגעקומען עטוואָס קאָמישעס: אַ גרויסער פון אַ שאָפער געפירטער לימוזין-אויטאָ איז איין זומער-אָוונט געבליבן שטיין פאַר דעם הויז פון חער ראָס, פון וועלכן עס ד׳האָט אַרויסגעשטיגן אַ בכבודיקע געשטאַלט אין אַ שניי־ווייסן פלאַנעלנאַנצוג, אַ הויכגעוואַקסענער, בלאָנדער, פרייַלעכער ייִנגערמאַן: עלי וואַטקינס! ער האָט יעדן געגעבן די האַנט, געהאַט די מאַניערן פון אַן אַרצבישאָף און געבעטן דעם חער ראָס אויף אַ פּריוואַטן שמועס, ער איז געוואָרן אַריינגעפירט אין אַרבעטסצימער, פונוואַנען עס איז אין אַ האַלבע שעה שפּעטער דערשינען אַ שמייכלדיקער און גענומען אָפּשייד פון יעדן מיט אַ פאַרנייגונג. דער פאָטער האָט געשוויגן, ביז ער איז אַליין געבליבן מיט בונין, דאַן האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל:

„עלי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די ערדמעקלערס, ער האָט פאַר דער שטאָט אַנטדעקט אַ שטיק ערד, גראָד פון דער גרויס, וואָס איז פּאַסנדיק פאַר דעם טעמפּל. וועלכן אים האָט באַפוילן צו בויען דער הער גאָט. בעסער געזאָגט, ער ד׳האָט געפונען אַזעלכע ערדמעקלער, וועלכע זענען אין גוטע באַציונגען מיט דעם ראַט פון דער קהילה, און אַזוי אַרום באַקומען די דערלויבעניש אַ גרויסע שטיק ערד צו שאַפן. דאָס וואָרט פון הער גאָט וועט אַזוי אַרום געהאַלטן ווערן און דער גאַל-

רענער טעמפל וועט ווערן אויפגעבויט.

אָבער צוליב עפּעס אַ געהיימניספולער סבה האָט דער הער גאָט עס נישט איינגעפונען פאַר גוט, אַז עלי זאָל רעכטצייטיק קענען אָפּצאָלן דאָס געלט פאַר דעם פּלאַץ, און איצט איז ער געזעסן דאָ, ווי עפּעס אַן אַנדערער, געווינלעכער געשעפטסמאַן, און די דאַטע פון באַצאָלן די הונדערט פינפאונזיבעציק טויזנט דאָלאַר איז שוין צייט אַ חודש פאַריבער, די זאַמלונגען ביי די תפילות האָבן אַריינגעבראַכט זייער ווייניק, און דער הער גאָט האָט מודיע געווען עלין, אַז ער דאַרף מאַכן געלט אויף אַן אַנדער אופן."

„און וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?"

„דער הער גאָט האָט אים אַנטדעקט, אַז איך וועל איבערנעמען די צווייטע היפּאָטעק אויף דעם פּלאַץ. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז דער הער גאָט האָט אים פאַרגעסן צו אַנטפּלעקן, ווו איך זאָל נעמען געלט. איך האָב אים געגעבן פינפהונדערט."

„מיין גאָט, איך האָט געגלויבט, אַז מיר מוזן איינשפּאָרן"

„עלי האָט מיר דערמאָנט, אַז ער האָט דעם ערשטן קוואַל אויף דעם פּאַראַדיז פעלד געבענטשט און דערפאַר האָבן מיר אַזויפיל נאַפט באַקומען. וואָלט איך דאָס אים אָפּגעלייקנט, אַזוי וואָלט עס געצייסן אין אַ געוויסן זין אַ גאָטסלעסטערונג."

„אָבער טאַטע, דו גלויבסט דאָך נישט אין עלי וואַטקינס שווינדל!

„ניין, אָבער דער חברה-מאַן האָט אַ גרויסע צאָל אָנהענגער און מיר קענען אים אַמאָל באַדאַרפן. ווען דאָ קומען אין פאַראַדיז צו אַ שטאַרקן וואַלקאַמף, אַזוי וועלן מיר אונדזער געלט באַקומען דאָפּלט, אָדער דרייפאַך דורכדעם וואָס עלי וועט אויף אונדזערע קאַנדידאַטן שטימען."

# X

בוני האָט אַלץ איבערגעטראַכט, דערנאָך האָט ער צונויפ־געגומען זיין גאַנצן מוט און זיך געווענדעט צום פאָטער.

„הער מיר אויס, טאַטע, אויב דו האָסט געקענט אויסגעבן פינפהונדערט אויף דעם שפּאַס מיט עלין, אַזוי וויל איך פונפ־הונדערט אויף עפּעס ערנסטערס."

דער פאָטער האָט זיך אומגעקוקט אַ ביסל אַ צעדרודער־טער, ער וואָלט בונין גאָרנישט באַדאַרפט דערציילן פון דעם געלט:

„וואָס איז דען, מיין זון?"

איך בין געווען ביי הער ירווינג, טאַטע, עס גייט אים שלעכט, ער קען קיין שום שטעלע נישט געפונען, וויל ער שטייט אויף דער שוואַרצער ליסטע ער מוז דאָך אומעטום אָנ־ווייזן, אַז ער האָט צוויי יאָר געהאַלטן פאָרטראַגן אין דער דרום פּאַציפיק אוניווערסיטעט, דעמאָלט פרעגט מען זיך נאָך נאָך אים. ער איז איבערצייגט, אַז עמעצער אויף דער אוניווער־סיטעט דערציילט וועגן אים אַז ער איז אַ רויטער."

„דאָס וואונדערט מיך גאָרנישט, אָבער עס איז דאָך נישט דיין שולד."

„דאָך, טאַטע, איך האָב אים אַמאָל אויפגעזוכט און גע־צוואונגען צו רעדן מיט מיר, איך האָב געקלערט, אַז איך וועל

די זאַך האַלטן בסוד, אָבער עמעץ האָט אונדז נאָכגעשפּיאָנירט"
„וויל ער ביי דיר געלט לייען?"

„ניין, איך האָב אים פאַרגעלייגט, אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט, איך ווייס, אַז ער דאַרף עס, ער האָט גערעדט דערפון מיט הערי זיגער און פעטער נאַגעל; זיי קענען דאָ אייניקע אַרבעטער-פירער און זיי גלויבן, אַז עס וואָלט מעגלעך געווען אַן אַרבעטער-הויכשולע צו גרינדן. און מיר זענען אַלע אין דער מיינונג, אַז הער ירווינג איז דער ריכטיקער מאַן אָנצופירן מיט אַזאַ שולע.

„אַן אַרבעטערהויכשולע? פון אַזאַ זאַך האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט."

„דאָרט וועט מען בילדן די יינגע אַרבעטער."

„פאַרוואָס באַזוכן זיי נישט די געוויינלעכע שולן, דאָרט קאָסט דאָך גאָרנישט."

„ווייל זיי לערנען דאָרט גאָרנישט וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט און קאַפּיטאַל, ווייניקסטנס נישט דעם אמת. דעריבער גרינדן די אַרבעטערפירער שולן, וווּ אינטעליגענטע יינגע אַרבעטער זאָלן זיך אויסבילדן אין דער אַרבעטער באַוועגונג אַן אַנטייל צו נעמען."

דער פאָטער האָט זיך מיישב געווען:

„אַלזאָ אַ שול, וווּ איר וועט לערנען רויטן סאָציאַליזם און נאָך אַזעלכע זאַכן?"

„דאָס איז נישט ריכטיק אינגאַנצן, טאַטע, מיר וועלן נישט לערנען קיין שום דאָקטרין, מיר ווילן נאָר לערנען זעלבסטשטענדיק דענקען; דאָס איז פון שטענדיק אָן געווען הער ירווינגס שטרעבן, ער וואָלט געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן זעלבסשטענדיק דענקען."

בוניס ווערטער האָבן דעם פאָטער אויף קיין איין מינוט נישט איבערצייגט.

„זיי וועלן אַלע ווערן רויטע, נאָך איידער זיי וועלן האָבן געענדיקט די שול" — האָט ער דערקלערט, — „הער מיר אויס,

מיין זון, איך וועל דיר געבן די פינפהונדערט פאר הער־ירונג, אָבער עס איז אַ ביסל צו שווער פאַר מיר. אַז איך זאָל מיין גאַנץ לעבן פאַרברענגען מיט פאַרדינען געלט, איך דער צייט, ווען די גיסט עס אויס אויף אויפצוקלערן יינגע מענטשן, אַז איך האָב אויף מיין געלט קיין רעכט נישט."

בוני האָט געלאַכט. דאָס איז געווען דאָס קליגסטע, וואָס ער האָט געקענט טאָן. אָבער שפּעטער מיט יאָרן האָט ער אַליין אָפטער זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן שמועס און אָנערקענט, ווי גוט דער קלוגער אַלטער מאַן האָט זיך פאַרשטאַנען דערויף אַריינצוקוקן אין דער צוקונפט און ווי גוט ער האָט דאָס לעבן געקענט.